STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07008

GEHEYM-DINST FUN ""HAGANA"" IN ERETS YISROEL

Efrayim Dekel

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים דקל

געהיים־דינסט פון „הגנה"
אין ארץ־ישראל

פאַרשריבן דורכן קאָמאַנדיר פון אינ־
פאָרמאַציע־דינסט אין דער „הגנה".

6

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

אפרים דקל

געהיים-דינסט
פון „הגנה"
אין ארץ-ישראל

בוענאָס-איירעס
תשט"ו - 1955

משה פייגענבלום.

אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנציעלער מיטהילף פון:

די ברידער ראָזענפעלד

צום אָנדענק פון חבר מרדכי (מאָטקע) ראָזענפעלד ז״ל.

פאַרוואָרט

אין דאָזיקן בוך ווערט דערציילט וועגן געשעענישן און פאַקטן וועגן דעם גרויסן און טראַגישן קאַמף, וואָס דער אָרגאַניזירטער יידישער ישוב אין ארץ ישראל האָט אויפגענומען קעגן דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט — אַ קאַמף וואָס איז אָנגעגאַנגען במשך פון לאַנגע יאָרן ביזן אויפקום פון מדינת ישראל. דאָ ווערט דערציילט וועגן יענע אַקציעס, אין וועלכע עס איז געווען באַטייליקט דער שרות ידיעות — אינפאָרמאַציע דינסט פון דער „הגנה" — אָדער לויטן געקירצטן נאָמען ש"י (ראשי תיבות פון „שרות ידיעות").

בריטישע פאָליטיקער האָבן פאַלש אינטערפּרעטירט די אורשפּרינגלעכע כוונות פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איר ציל איז געווען מיטצווווירקן דעם אויפבוי פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל. זיי האָבן געקוקט אויפן לאַנד ווי אויף אַ בריטישער קאָלאָניע און מ'האָט איינגעשטעלט אַזאַ מין רעזשים פון ווילקיר און ציניזם, וועלכער האָט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו די היסטאָרישע שטרעבונגען פונעם יידישן פאָלק און צו די אויפבוי־אָנשטרענגונגען פון יידישן ישוב אין לאַנד.

פייערלעכע דעקלאַראַציעס און הבטחות וואָס זיינען געגעבן געוואָרן פון הויכע טריבונעס און אין פאַרלאַמענטן, זיינען נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן. דער פונאַנדערבוי און אַנטוויקלונג פון ארץ ישראל איז טאָג־טעגלעך געשטערט געוואָרן. די אַראַבישע פאַגראָמטשיקעס זיינען נישט געצוימט געוואָרן אין זייערע מערדערישע און רויבערישע אינסטינקטן און די פּרוּוון פון יידישן ישוב זיך צו פאַרטיידיקן זיינען סיסטעמאַטיש סאַבאָטירט געוואָרן. די יידישע עליה איז איינגעשרומפּן און באַקעמפט געוואָרן. ס'איז געקומען דערצו, אַז די בריטישע באַוואָפנטע כוחות אויפן ים און אויף דער יבשה האָבן זיך געיאָגט נאָך די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע עולים", זיי פאַרפאָלגט און אינטערנירט אין לאַגערן.

די מאַסקע פון „פריינטשאַפט" איז בעצם געווען גאַנץ דורכזיכטיק. אָבער נאָכדעם ווי דער בריטישער אויסערן־מיניסטער

ערנסט בעווין, האָט אין נאָוועמבער 1945 אָפּגעגעבן אַ צינישע דערקלערונג וועגן די כוונות פון דער בריטישער פּאָליטיק בנוגע ארץ ישראל, איז שוין קיין ספק נישט געווען, אַז דער יידישער ישוב מוז אַקטיוו רעאַגירן אויף די געפערלעכע פלענער פון דער בריטישער מאַכט. די בריטישע באַאַמטע, פּאָליציי און געהיים־דינסט האָבן פאַרשטאַרקט זייערע רדיפות אויף די פּליטים־שיפן אין ים און אויפן יידישן ישוב און זיינע באַשיצער אין לאַנד. אַרעסטן און רעוויזיעס, וואָס פלעגן ברענגען אַ חורבן אין דער יידישערווירטשאַפט, זיינען געוואָרן אַ טאָג־טעגלעכע דערשיינונג. אין דאָזיקן אכזריותדיקן קאַמף קעגן דעם יידישן לאַנד איז אַריינגעצויגן געוואָרן אויך דאָס בריטישע מיליטער, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַזאַ גלענצנדיקן נצחון איבער היטלערן.

דער ישוב האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן און האָט זיך מוטיק פאַרטיידיקט. נישט געקוקט אויף אַלע שטערונגען און פאַרבאָטן זיינען נאָך מיט מער ענערגיע געפירט געוואָרן די אַקציעס פון עליה, התיישבות און זעלבשוץ און די רעזולטאַטן פון דאָזיקן געראַנגל זיינען באַלד געקומען. עס זיינען נאָך נישט אַוועק קיין דריי יאָר זינט בעווין האָט געגעבן זיין פיינטלעכע דעקלאַראַציע, ווי די בריטן זיינען געווען געצוווּנגען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און הערן פון דערווייטנס ווי אַזוי דער יידישער ישוב האָט צעריסן די קייטן, וועלכע זיינען אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן: — עס איז אויפגעקומען מדינת ישראל!

ש״י - אויגן און אויערן פון „הגנה״

שווער פעסטצושטעלן דאָס יאָר, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן „ש״י״ (שירות ידיעות — אינפאָרמאַציע־דינסט פון דער „הגנה״), און ס׳איז נאָך שווערער צו זאָגן ווער האָט אויפגעשטעלט דעם ש״י, און ווער עס האָט גע־לייגט זיינע יסודות. קיין יחיד קען נישט נעמען אויף זיין חשבון די שאַ־פונג פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע און דעם גרויסן נוצן, וואָס זי האָט גע־בראַכט אין משך פון דער צייט, דער „הגנה״ און דעם יידישן ישוב. איר אָר־גאַניזאַציאָנעלער ראַם איז אויסגעפאָרמט געוואָרן אין לויף פון די יאָרן און איר פאַרפעסטיקונג איז איינגעקייטלט אין דער פאַרשטאַרקונג פון דער „הגנה״ אין ישוב. ש״י איז אויפגעקומען אונטערן דרוק פון די באַדינגונ־גען, אין וועלכע דאָס לאַנד האָט געשטעקט בשעת דער פיינטלעכער הער־שאַפט — אין איר פאַרבאָרגענער און אין איר אָפענער פאָרעם — פון די בריטן אין משך פון איבער דרייסיק יאָר.

אָבער דער אָנהייב פון ש״י שטעקט נאָך אין דעם בראשית פון די ווערק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין ארץ ישראל. אויך פאַר ד׳ער תקופה פון די טערקן, פיל יאָר פאַר דער בריטישער דעראָבערונג, האָט דער ישוב געוווסט, אַז כדי צו צעשטערן די אינטריגעס, וואָס די מאַכט וועבט קעגן אים, מוז ער וויסן פאָרויס, וואָס מען אינטריגעוועט און וועלכע גזירות ווערן געפּלאַנעוועט אויף זיין קאָפּ.

נאָך די אָנפירער פון זעלבשוץ אין צאַרישן רוסלאַנד און זייערע חברים און יורשים אין דער אָרגאַניזאַציע „השומר״ אין ארץ ישראל האָבן געוווסט ווי אָפּצושאַצן די מלאכה, ווי אַזוי צו באַקומען ידיעות. די „השומר״־מענטשן האָבן פאַרשטאַנען, אַז דער סוד פון זייער הצלחה אינעם אויפדעקן מערדער און רויבער שטעקט אין די אויטאָריטעטע ידיעות, וואָס וועלן שטיין צו זייער רשות. עס איז זיי קלאָר געווען, אַז ווען מ׳וויס פאָראויס, וואָס עס קען געשען, איז לייכטער אויסצומיידן פיינטלעכע באַפעלן, פונקט ווי ס׳איז לייכטער זיך צו באַשיצן קעגן אַן אָנגרייפער אויב מ׳וויס דעם באַשטאַנד פון זיינע כוחות.

אמת, אַן אָרגאַניזירטער ש״י האָט נישט עקזיסטירט אין די צייטן פון „השומר״. אָבער די חברים פון „השומר״ פלעגן דורכפירן געוויסע אַקציעס פון ש״י, פונקט ווי מ׳האָט דורכגעפירט שוץ־אָפּעראַציעס נאָך איידער ס׳איז אויפגעקומען די אָרגאַניזאַציע „הגנה״ און איר גרויסער אַפּאַראַט. הייסט עס,

אַז מעשים פון ש״י אין אַ קליינער מאָס זיינען געטאָן געוואָרן אין ארץ יש־ראל נאָך אין אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

פיל יאָרן פאַר דעם ווי דער שטאַב פון דער „הגנה״ האָט באַשלאָסן אויפצושטעלן אַ לאַנד־אָרגאַניזאַציע פון ש״י, האָבן די באַדינגונגען פון לאַנד אַליין געבוירן דעם ש״י: געשעענישן און אויפטרייסלונגען פלעגן דאָ אויס־ברעכן אומאויפהערלעך, און דאָס לאַנד איז אין טאָג־טעגלעכן לעבן בדרך כלל געווען אין די הענט פון אַ פיינטלעכער און שטערנדיקער מאַכט. אויך דער נאָמען ש״י (שירות ידיעות) איז עפּעס אויפגעקומען ווי פון זיך אַליין. ש״י איז לכתחילה געווען באַגרינדעט אויף די חברים פון דער „הגנה״. פּאָ־ליציאַנטן און באַאַמטע, וועלכע האָבן, פון אינערלעכן באַוווסטזיין, אָנגע־הויבן צו זאַמלען אינפאָרמאַציע און עס איבערגעגעבן צו די געהעריקע אוי־טאָריטעטע מוסדות און דער „הגנה״.

אין תוך איז ש״י נישט געווען ענלעך צו די אינסטיטוציעס פון דעם מין אין אַנדערע לענדער. זיינע מענטשן האָבן נישט דערפילט קיין פונק־ציעס פון שפּיאָנען, אָדער פּראָפעסיאָנעלע דעטעקטיוון. זיי האָבן זיך נישט באַשעפטיקט מיט שפּיאָנאַזש און סאַבאָטאַזש־אַקטן צי אינטריגעס וואָס זיי־נען מיט דעם פאַרבונדן. די פרייוויליקע מיטאַרבעטער האָבן אין זייער אויפגאַבע נישט געזען קיין שום פּערזענלעכע קאַריערע און יעדער חשד אין אַ טאַט, וואָס שטייט אין סתירה צו די יסודות און צילן פון דער „הגנה״ פלעגט באַזייטיקט ווערן באַצייטנס.

מ׳דאַרף צוגעבן, אַז ש״י פלעגט זיך באַנוצן מיט דער מלאכה פון אַרויסבאַקומען ידיעות ווי מיט אַ שוץ־מיטל פאַר דער „הגנה״, אירע חברים און אירע מאַגאַזינען — פּונקט ווי די „הגנה״ גופא פלעגט זיך באַנוצן מיט הייסן געווער — אויסהיטנדיק זיין ריינקייט — קעגן שונאים פון פאָלק און לאַנד.

מחמת די באַזונדערע און דעליקאַטע באַדינגונגען, אין וועלכע דער ישוב האָט זיך געפונען בשעת דער מאַנדאַט־הערשאַפט, מחמת ס׳האָט גע־פעלט אַ געהעריקער ביוזשעט און צוליב פיל אַנדערע פאַקטאָרן — האָבן אין די ראַמען פון ש״י געווירקט צוזאַמען ש. מ. (שרות מודיעין — אינ־פאָרמאַציע דינסט), ש. ב. (שרות בטחון — זיכערקייט־דינסט), מ. צ. ח. (מטרה צבאית חוקרת — אויספאָרשנדיקע מיליטער־פּאָליציי) און אַנדערע אויסשפּיר־רינגען — איינהייטן, וואָס ווירקן אין יעדער נאָרמאַלער מדינה באַזונדער, הגם אין קאָאָרדינאַציע. דער דאָזיקער פאַקט האָט נישט ווינציק פאַרשווערט די אויספירונג פון די אויפגאַבעס. אָבער דאָס זיינען געווען נישט באַדייטנדיקע שוועריקייטן, אויף וועלכע עס האָט זיך אָנגעשטויסן דער ש״י און וואָס נאָר נאָך דער אויפשטעלונג פון מדינת ישראל האָט מען זיי געקענט גובר זיין.

מ׳קען זאָגן, אַז ש״י איז געווען דאָס אויג און דאָס אויער פון דער

„הגנה", וואָס איז געווען אַ שוץ־מויער פון יידישן ישוב און אַלע זיינע ציוניסטישע אונטערנעמונגען אין התישבות, עליה און אין דער באַשיצונג פון יידישן לעבן און פאַרמעגן.

באַאַמטע פון דער בריטישער מאַכט — דער יידישער פּאָליציאַנט און באַאַמטער

דעם גרעסטן צושטייער פאַרן ש"י האָבן געגעבן די יידישע פּאָליציאַנטן און באַאַמטע, חברים פון דער „הגנה", וואָס האָבן געאַרבעט אין די בריטישע רעגירונגס־אַנשטאַלטן. זיי האָבן דערפילט זייער פונקציע אויף אַ נאַטירלעכן אופן אין באַוווסטזיין פון זייער נאַציאָנאַלן חוב — מ'האָט זיי נישט געדאַרפט דערצו סטימולירן און עס מאָנען ביי זיי. ש"י איז געווען זייער אָרגאַניזאַציאָנעלער ראָם אין דער „הגנה" בנוגע וועלכער זיי האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה פון טרייהייט.

געווען אויך אַנדערע באַאַמטע און פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען, אמת, נישט געווען קיין חברים פון דער „הגנה" אָפיציעל, אָבער זיי האָבן געהאָלפן דעם ש"י נישט ווייניקער ווי געשווירענע „הגנה"־מיטגלידער. זיי זיינען נישט איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער אָפיציעלער ראָם — צי צוליב זייער הויכן שטאַנד אין באַאַמטנטום, צי מחמת פּאָרזיכטיקייטס־טעמים צוליב דער טובה פון דער זאַך גופא.

געווען נאָך אַ דריטער סאָרט באַאַמטע, וועלכע מ'האָט געדאַרפט דערמוטיקן און אונטערטרייבן. די דאָזיקע מענטשן האָט מען געדאַרפט אויפקלערן זייער חוב לגבי דער „הגנה" און דעם יידישן ישוב. על פי רוב פלעגט די דאָזיקע אויפקלערונג נוצן נאָר פאַר אַ געוויסן פאַל, ווייל נאָך דעם, ווי דער מענטש פלעגט אויספירן איין אויפגאַבע, פלעגט ער ווידער ווערן גלייכגילטיק צום ענין. מיט די דאָזיקע באַאַמטע האָבן מיר געהאַט אַ שטענדיקן געראַנגל און נאָר פון מאָל צו מאָל פלעגן מיר מצליח זיין אַרויסצוראַטעווען פון זיי עפּעס „ברעקלעך".

געווען נאָך אַ פערטער סאָרט באַאַמטע, וועלכע האָבן איינגעזעסן אין זייער רעגירונגס־שטעלע אַ פּערזענלעכע קאַריערע, וואָס איז געווען אין זייערע אויגן וויכטיקער ווי נאַציאָנאַלע באַדערפעניש. צווישן זיי זיינען געווען אויך אַזעלכע, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן פון דערווייטנס, ווייל זיי זיינען געווען אומבאַוווסטזיניק, אָדער ס'האָט זיי געפעלט די געהעריקע נאַציאָנאַלע דערציאונג און מענטאַליטעט. מיט די דאָזיקע באַאַמטע האָבן מיר נישט געהאַט כמעט קיין שום קאָנטאַקט, אַ חוץ יענע פאַלן, ווען מיר האָבן נישט געהאַט פאַר זיך קיין אַנדער וועג. ווען מיר פלעגן זיך ווענדן צו זיי אין אַן עת־צרה פלעגן מיר זיי דערביי אויך שטאַרק וואָרענען... און ווייל די מענטשן פון דער דאָזיקער קאַטעגאָריע זיינען על פי רוב געווען אויך פחדנים, פלעגן

זיי נאָכקומען אונדזערע פאָדערונגען, הגם זיי פלעגן דאָס מאַכן נישט גערן.

געווען נאָך אַ קאַטעגאָריע באַאַמטע, פאַר וועלכע מיר האָבן זיך געדאַרפט היטן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין. זיי זיינען געווען פרעמד צו נאַציאָנאַלע ענינים און צו דער העברעאישער שפּראַך. דער אופן פון זייער רעאַגירן אויף די געשעענישן אין לעבן פון ישוב, זייער אונטערחנפענען זיך פאַר זייערע בריטישע שעפן, זייער אַרויסדרייען זיך פון יעדן יאָך און זאָרג פאַרן כלל־ישראל, — דאָס אַלץ האָט אין אונדז אַרויסגערופן אַ געפיל פון אומצוטרוי לגבי זיי. צו אונדזער מזל איז זייער צאָל געווען נישטיק.

בעיקר האָבן מיר זיך געווענדעט צום טרייען פּאָליציאַנט און באַאַמטן, נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע מענטשן. ס׳וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן אַז ס׳רוב דערגרייכונגען פון ש״י האָבן מיר צו פאַרדאַנקען די חברים און מיטהעלפער פון צווישן די יידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געדינט דער בריטישער רעגירונג און גלייכצייטיק דערפילט זייער חוב לגבי דער „הגנה״. זייער לאָיאַליטעט צו דער מאַכט פלעגט פאַרשווינדן, ווי נאָר זיי פלעגן דערזען מעשים, וואָס זיינען נישט צום גונסטן פון ישוב, און ס׳האָט זיי געשיינט, אַז די אַנטדעקונג פון די דאָזיקע מעשים קען זיין נוצלעך פאַר דער יידישער זיכערקייטס־סיסטעם.

האָט אונדז געזאָגט אַמאָל אַ הויכער יידישער באַאַמטער פון דער מאַנדאַט־רעגירונג: „איך בין זיך נישט נוהג צו לייענען פרעמדע בריוו, אַפילו נישט די בריוו פון מיין עלף־יאָריקער טאָכטער. אָבער, ווען איך דערזע אַ רעגירונגס־בריוו מיט אַן איבערשריפט „געהיים״, קען איך זיך נישט באַרויִקן ביז איך לייען אים נישט איבער. איך וועל אויסגעפינען אַ וועלכן ס׳איז אויסרייד, כ׳וועל אַרבעטן צוגאָב־שעהן, כ׳וועל ווערן „פלייסיק״ ביז דער נאַכט אַריין און כ׳וועל סוף־סוף דעם בריוו דורכלייענען — מעג ער ליגן אַפילו אונטער אַ שלאָס. אויף דער דאָזיקער קראַנקייט בין איך קראַנק געוואָרן זינט כ׳האָב זיך אָנגעשלאָסן צו דער „הגנה״.

נישט דער נייגיר האָט באַוועגט אָט דעם באַאַמטן און אויך אַנדערע באַאַמטע פון זיין מין צו לייענען געהיימע בריוו, צו נישטערן אין די טישקעסטלעך און אונטערהערן די שמועסן פון די העכערע בריטישע באַאַמטע. זיי האָבן איינגעזען דערין זייער פ ל י כ ט. דער שטאַב פון ש״י האָט געפונען פאַר נייטיק זייער דאָזיקן פליכט־געפיל אויסצונוצן לטובת דער „הגנה״.

אויך דאָס, וואָס הויכע בריטישע באַאַמטע, פּאָליציי־אָפיצירן און פּאָליציאַנטן פלעגן אַרויסווייזן אַנטיסעמיטישע שטימונגען — און די צאָל פון אַזעלכע באַאַמטע איז כלל נישט געווען קנאַפּ — אויך דאָס האָט געווירקט, אַז יידישע באַאַמטע זאָלן ווערן טרייע אָנהענגער פון ש״י.

פלעגט אַ באַאַמטער זיך קווענקלען אונדז איבערצוגעבן ידיעות, פלעגט

מען אים אויפקלערן, אַז יעדער רעגירונגס־באַאַמטער דאַרף זיך באַטראַכטן ווי אַ שליח פון דער „הגנה", הגם ער איז נישט דורך איר געשיקט געוואָרן דירעקט צוליב אינפאָרמאַציע־צוועקן. ווען דאָס געוויסן פלאָגט זיך צווישן דער פאָרמעלער התחיבות לגבי דער מאַכט און דער נאַציאָנאַלער פליכט — דאַרף דאָס לעצטע איבערוועגן. דער נאַציאָנאַלער חוב איז בכוח מבטל צו מאַכן יעדע דעקלאַראַציע צי שבועה פון לאָיאַליטעט — פלעגן מיר זיי זאָגן. באַזונדערס ווען דער צד שכנגד, ס'הייסט די בריטישע מאַכט, צעשטערט זייַנע התחיבותן לגבי דיין פאָלק, מיט זייער פּאָליטיק פון „צעטייל און הערש" דערמוטיקן זיי און רייצן אָן אַראַבער צו פּאָגראָמען און רציחה, און דערביי בלייבן זיי די פאַרברעכער, אומבאַשטראָפט.

אַ כלל איז געווען אָנגענומען אין אונדזער ראַיאָן, וואָס האָט אַרומגענומען תל־אביב, דרום און נגב: קיינער פון די מענטשן, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט אונדז און בפרט אונדזערע חברים, האָט נישט באַקומען און נישט געבעטן קיין לוין פאַר זיין דינסט לטובת ש"י. און הגם עס זיינען געווען צווישן זיי פיל מענטשן, וואָס האָבן זיך געניייטיקט אין מאַטעריעלער הילף און זייערע לעבנס־באַדינגונגען זיינען געווען שווער, האָבן מיר נישט געצאָלט פאַר די ידיעות, פאַרן אַרויסבאַקומען דאָקומענטן וכדומה. דאָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן ווי אַ פּרינציפּ, כדי אָפּצוהיטן די ריינקייט פון אונדזער מחנה און באַוואָרענען די ריכטיקייט פון דער אינפאָרמאַציע גופא. די „הגנה"־חברים האָבן געוווסט פון זייער דערפאַרונג, אַז די אינפאָרמאַציע וואָס ווערט געגעבן אויס באַוווסטזיניקייט, פליכט־געפיל און טריישאַפט איז אַ סך בעסער, ווי „געקויפטע סחורה".

**
*

ש"י האָט געאַרבעט אין באַדינגונגען פון ש ט ע נ ד י ק ע ר ס כ נ ה. אַ טייל פון זיינע מענטשן זיינען געווען באַקאַנט דער בריטישער געהיים־פּאָליציי און אירע אַראַבישע משרתים: מ'האָט געוווסט וועגן זייערע פונקציעס. כדי זיי זאָלן קענען בעסער דערפילן זייערע אויפגאַבעס זיינען די מענטשן פון ש"י געווען פאַרבונדן אויך מיט בריטישע און אַראַבישע דעטעקטיוון, און מ'דאַרף אָננעמען, אַז צווישן די לעצטע זיינען געווען אויך אַזעלכע וואָס האָבן געמסרט אונדזערע חברים. דער קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע מענטשן האָט געפאָדערט אַ געוויסע מאַסקירונג און איז געווען פאַרבונדן מיט פיל אומאַנגענעמלעכקייטן פאַר די ש"י־פאַרשטייער. די דאָזיקע פאַרבינדונגען פלעגן שטעלן אין נסיון די פּערזענלעכע אייגנשאַפטן פון די ש"י־מענטשן. ס'האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסע מאָס כאַראַקטער־האַפטיקייט אין נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין כדי בייצושטיין דעם נסיון.

אָט די מענטשן האָבן געוווסט, אַז זייער אַרבעט ווענדט אָפּ אומגליקן פון דער „הגנה" און פון ישוב — און דאָס האָט אָפּגעהיט די ריינקייט פון

זייער געוויסן און האָט זיי באַשירעמט פון דער השפּעה מצד צווייפלהאַפטע פּאַרשוינען, מיט וועלכע זיי זיינען געשטאַנען אין קאָנטאַקט. די „הגנה", וואָס ש"י איז געווען אַ גליד פון איר האָט געוווסט ווי צו אַנטוויקלען דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פון אירע מענטשן און עס אויסנוצן ביי אַלע באַדינגונגען און סיטואַציעס.

מהות פון אינפאָרמאַציע־דינסט

יעדע מדינה, וועלכע היט אָפּ איר זיכערקייט, האַלט אויס אַ גאַנצע אַרמיי אַגענטן, פאַרשער, דעטעקטיוון פון כלערליי מינים, כדי צו וויסן וועגן די אומגעוווּנטשענע עלעמענטן, הן צווישן אירע בירגער און הן צווישן פרעמדע, וועלכע לעבן אין לאַנד — און אויך כדי צו וויסן, וואָס עס טוט זיך אין אַנדערע לענדער — סיי פריינדלעכע און סיי פיינטלעכע.

די מעגלעכקייט, אַז דער הייניקער פריינד קען מאָרגן ווערן אַ שונא און פאַרקערט — איז מחייב יעדע מדינה צו זאַמלען ידיעות און נאָכצופאָרשן וואָס עס טוט זיך אין די שכנותדיקע און אפילו ווייטע מדינות. די נאָכשפּירונג אינעם לאַנד גופא איז נישט גלייך צו דער מלאכה פון אויסשפּירן אין פרעמדע לענדער. אָבער, אין גרונט גענומען, איז דער ציל דער זעלביקער: אויסהיטן די זיכערקייט פונעם לאַנד און באַוואָרענען דעם זעלבשוץ כלפּי פּנים און כלפּי חוץ.

ס'וואָלט נישט געקלעקט קיין פּלאַץ, ווען מיר וואָלטן געשילדערט ברייטער, ווער און וואָס ס'דאַרף געפאָרשט און נאָכגעשפּירט ווערן. גענוג צו באַצייכענען, אַז די ידיעות זיינען נויטיק דער מדינה פאַר די זיכערקייטס־באַדערפעניש און דער זיכערקייט — סטראַטעגישע, טאַקטישע, פּאָליטישע,ווירטשאַפטלעכע וכו'. אַ פאָלק וואָס נעגליזשירט דעם אינפאָרמאַציע־דינסט און ווייסט נישט וואָס עס טוט זיך ביי אים און אַרום אים, זינדיקט לגבי זיך אַליין. אין דער וועלט זיינען באַקאַנט די מעשים און אויפטוען פון אויסשפּירונג, וועלכע ווערן דורכגעפירט אין די צייטן פון שלום און מלחמה צוגלייך. פיל פון די געהיים־אַגענטן זיינען בלי ספק געווען טרייע פּאַטריאָטן פון זייער לאַנד און זיי האָבן געטאָן זייער אַרבעט נישט צוליב געלט און נישט צוליב אַוואַנטוריסטישע נייגונגען.

דער מענטש פון ש"י, לויטן עצם כאַראַקטער פון זיינע פונקציעס האָט געשטעקט אין שטענדיקער סכנה — אפשר מער, ווי דער קעמפנדיקער זעלנער אויפן פעלד. דער ש"י־מענטש קען נישט וויסן, צי בשעת ער פירט דורך זיין אַרבעט, ווערט ער אַליין נישט נאָכגעשפּירט דורך דעם קאָנטער־דינסט. זיין אויפגאַבע האָט געפאָדערט אַ פאַסיקע פאַרמאַסקירונג — אָפּהענגיק פון די געגעבענע באַדינגונגען — דערביי האָט ער געדאַרפט אויסבאַהאַלטן זיין אמתע כוונה. ער האָט געדאַרפט מאַכן אַן אָנשטעל פון אַ פריינד און חבר,

פון אַ סאָציאַלן אַרבעטער, צי דיפּלאָמאַט און האָט די גאַנצע צייט געדאַרפט זאַמלען ידיעות, וועלכע זיינען אים נויטיק פאַר זיין אויפגאַבע.

אנשטאט דער פּראָפעסיאָנעלער געהיים־פּאָליציי, וועלכע איז אונטער־געאָרדנט דער עפנטלעכער פּאָליציי, דעם מיליטער אָדער דעם געהעריקן מי־ניסטעריום — איז אָנגענומען אין דער וועלט, אַז מען באַנוצט זיך אויך מיט קעלנערס און מיט אָנגעשטעלטע אין פאַרשיידענע מוסדות. אַזעלכע אַרבע־טער זיינען צוליב זייערע אַרבעטס־באַדינגונגען און זייער נאָענטקייט צום אָביעקט וואָס אינטערעסירט זיי, באַזונדער מסוגל צו זאַמלען די נויטיקע אינפאָרמאַציע. אַ קעלנער, וואָס אַרבעט פאַרן אינפאָרמאַציע־דינסט קען אין אַ קורצער צייט צושטעלן אַ גענויעם באַריכט וועגן אַ געוויסן מענטשן, וועגן זיינע באַוועגונגען און לעבנסשטייגער, מיט וועמען ער טרעפט זיך, וואָס ער האָט געזאָגט אָדער געשריבן. וועלכע בריוו ער האָט באַקומען, ווער ס׳האָט צו אים טעלעפאָנירט און וועגן וואָס מ׳האָט געשמועסט.

דער אינפאָרמאַציע־דינסט נוצט אויס פאַר זיינע צוועקן די געטרייע אַרבעטער פון דער אינסטיטוציע לויט דער באַדערפעניש אין די לאָקאַלע באַ־דינגונגען. ס׳קען נישט געמאָלט זיין קיין אַרבעט אין ברייטן פאַרנעם, אָן דער הילף פון פרייוויליקע אָדער האַלב־פרייוויליקע מיטאַרבעטער. די זיכער־קייטס־אָרגאַנען קענען נישט אַוועקשטעלן קיין גרויסע אַרמיי פון דעטעקטיוון אין יעדן פּלאַץ, אָבער זיי קענען אַרומנעמען וואָס אַ ברייטערן שטח דורך דעם, וואָס זיי קענען זיך פאַרזיכערן די מיטאַרבעט פון איבערגעגעבענע מענטשן, וועלכע זיינען מיט זיי פאַרבונדן, און זיינען גרייט צוצושטעלן די געהעריקע אינפאָרמאַציע. אַמאָל איז בעסער אַ ידיעה, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן צופעליק, ווי אַ ידיעה, וואָס איז געבראַכט געוואָרן דורך אַ ספּע־ציעל־געשיקטן אַגענט.

מיר וועלן נישט ריידן וועגן די „פאַרקויפער פון ידיעות", אָדער כלער־ליי פּראָוואָקאַטאָרן, וועלכע טוען זייער מלאכה צוליב געלט אָדער כדי זיי זאָלן קענען פירן אַ לעבן פון לוקסוס און אויסגעלאַסנקייט. אַזעלכע פאַר־שוינען זיינען מסוגל צו פאַרראַטן. ס׳טרעפט אַז אַ זיכערקייטס־אַרבעטער, וואָס איז פאַראַנטוואָרטלעך און באמת געטריי, קען אַ לאַנגע צייט ווירקן קעגן זיך אַליין, נישט פילנדיק דאָס. דאָס איז מעגלעך, אויב דעם צד שכנגד איז געלונגען צו אַנטדעקן דעם „קאָד", אָדער דעם געהיימען שיפער, מיט וועלכן ער באַנוצט זיך; אָדער עס איז אים געלונגען אונטערצוהערן די גע־שפּרעכן און צו לייענען די דאָקומענטן און בריוו פון דעם געהעריקן זיכער־קייטס־באַאַמטן.

די מלאכה פון פאָרשן, אויסשפּירן, נאָכשפּירן און שפּיאָנירן איז נישט קיין סטאַנדאַרט אַרבעט. דאָס איז אַ גאַנצע תורה, וואָס פאָדערט פאַר־שטאַנד, לעבנס־חכמה, פּיקחות און מוט. אָן דערפאַרונג און אָן אַ גוטן זכרון איז אין אַזאַ פאַל נישט מעגלעך מצליח צו זיין און אַרויסצובאַקומען גע־

ווונטשענע רעזולטאַטן. דער מענטש פון אינפאָרמאַציע־דינסט איז מחויב צו באַזיצן אַ ברייטע בילדונג און אַ מענטש וואָס איז געווױנט צו פאַרקערן אין דער געזעלשאַפט. עס איז אויך געווונטשן ער זאָל באַהערשן געוויסע וויסנשאַפטס־צווייגן און ער זאָל וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן זיינע קענטענישן אין דער געהעריקער צייט און אויפן געהעריקן אָרט. יאָ, אמת, נאָר זעלטן טרעפט, אַז איין מענטש זאָל באַזיצן אַלע מעלות. דעריבער ווערט נישט אײַ־בערגעגעבן אַן אויפגאַבע אין די הענט פון אַ יחיד, נאָר צו אַ גאַנצער גרופּע מענטשן, ווו אייגער דערגאַנצט דעם צווייטן.

ווען אַן אויספאָרשונג, אָדער אַן אויסשפּירונג געלינגט נישט, צי ווייל מ׳איז נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק, אָדער מחמת אַן אַנדער סיבה, קענען זיך ענדיקן מיט אַ דורכפאַל, דאָס הייסט מיט דער אַנטדעקונג פון געהיימע אַגענטן אָדער אינסטיטוציעס. דער קלענסטער דורכפאַל קען צונישט מאַכן די האָרעוואַניע פון פיל פאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן. דעריבער מוז דער מענטש פון אינפאָרמאַציע־דינסט אַלע זיינע מעשים דורכפירן מיט ישוב־הדעת און פאָרזיכטיקייט, ווי אין שאַך־מאַט־שפּיל. ער איז מחויב צו זיין שטענדיק גרייט צו מאַכן אַן אַנשטעל, אָדער אויסגעפינען אַ תירוץ, אָדער אויסצוקאָמבינירן אַ מעשהלע וואָס לייגט זיך אויפן שכל.

דער יעניקער וואָס שפּירט נאָך אַנדערע דאַרף אַליין נישט דערוועקן קיין חשד מיט זיין אויסערלעכער דערשיינונג, כדי ער זאָל נישט שעדיקן זיין אויפגאַבע און אַלץ וואָס איז דערמיט פאַרבונדן, און אויך די טאַטן פון זיינע קאָלעגן.

געוועז סקאַנדאַלן צוליב אַנטדעקטע שפּיאָנאַזש־אַפערעס, וועלכע האָבן קאָמפּראָמיטירט מאַכטהאָבער און האָבן אפילו צעטרייסלט פּאָליטישע רע־זשימען. נאָר נישט תמיד ווייסט די געזעלשאַפט, אַז ס׳איז אַנטדעקט געוואָרן אַ שפּיאָנאַזש־געשיכטע. ס׳פּאַסירט אָפט, אַז די מאַכט באַמיט זיך צו פאַר־שווייגן דעם עניין, אים צו פאַרווישן און צו ליקווידירן בשתיקה. ס׳פּאַסירט אָפט, אַז די אַנטדעקונג פון אַ שפּיאָנאַזש־אַפערע רופט אַרויס אַ קאָנטער־שפּיאָנאַזש. די מאַכט, וואָס האָט עס אַנטדעקט לאָזט בכוונה די שפּיאָנען ווייטער צו פירן זייער אַרבעט, פּונקט ווי ס׳וואָלט לגבי זיי קיין חשד נישט געווען. דער אינפאָרמאַטאָר זעצט פאָר זיין אַרבעט. ער גיט ווייטער איבער סודות און דאָקומענטן אויף פאַרשיידענע וועגן. און נישט ער, און נישט זיי־נע באַלעבאַטים ווייסן אַז די אינפאָרמאַציע פליסט דורך די קאַנאַלן וועלכע ווערן קאָנטראָלירט דורך די שפּיאָנירטע גופא.

אין אַזעלכע פאַלן ווערט דער שפּיאָן אויסגענוצט פאַר פרעמדע צוועקן און זיין אַרבעט איז ממש אַ מזל־ברכה פאַר דער מאַכט, וואָס שיקט איבער דורך זיין פאַרמיטלונג אַ געווונטשענע פאַר איר „אינפאָרמאַציע״ צום צד שכנגד. עס זיינען באַקאַנט פאַלן, ווען די מאַכט לייגט אַליין אַרויף אויף איי־נעם פון אירע טרייע באַאַמטע דעם אויפטראַג צו „פאַרראַטן״ און איבער־

צוגעבן „ידיעות" דעם שונא. אַזעלכע אָפּעראַציעס זייַנען געפערלעך און מ'מוז שטאַרק מקפיד זיין, אַז דער פאַרמאַסקירטער „פאַררעטער" זאָל נישט האָבן קיין שוואַכן כאַראַקטער ווייל אַנדערש קען ער אַליין אַרייַנפאַלן אין אַ פּאַסטקע.

די אויפגאַבע פון אינפאָרמאַטאָר ווערט על פּי רוב קלאָר דעפינירט. און ער ווייסט דעם אָביעקט מיט וועלכן ער דאַרף זיך באַשעפטיקן און וואָס פאַר אַ מינים ידיעות ער דאַרף צושטעלן. די סאָרטירונג פון דער אינפאָר־מאַציע ווערט געמאַכט אין די אָפּגעשלאָסענע לאָקאַלן פון אינפאָרמאַציע־דינסט דורך קאָמפּעטענטע מענטשן. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז די סאָרטי־רונג, די אָפּשאַצונג פון מאַטעריאַל און דאָס ריכטיקע אויסנוצן אים — זייַ־נען נישט ווייניקער וויכטיק ווי דאָס עצם באַקומען עס.

לאָמיר נאָר אין עטלעכע ווערטער דערמאָנען וועגן דער „ציווילער" אויסשפּירונג. דער אינפאָרמאַציע דינסט דאַרף אַרויסבאַקומען ידיעות און דאָקומענטן וועגן אַלץ, וואָס טוט זיך אין פאַרשיידענע אינסטיטוציעס און אין געהיימע טעקעס; וועגן באַפעלן און געזעצן, וועלכע דאַרפן פאַרעפנט־לעכט ווערן; וועגן געהיימע באַשלוסן און באַהאַנדלונגען; וועגן אינערלעכע ענינים פון דער רעגירונג; וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך ביי די מאַכטהאָבער און די באַאַמטע; וועגן די אָנפירער פון מיליטער און וועגן די אַלע קרובים למלכות. דער אינפאָרמאַציע־דינסט שפּירט אויך נאָך די פּרעסע און ווייסט אונטערצושיידן צווישן דער ערלעכער און פאַרדעכטיקער און אונטערגעקויפ־טער פּרעסע. ער דאַרף וויסן וועגן דערגרייכונגען אויף פאַרשיידענע וויסנ־שאַפטס־געביטן און אויך וועגן זוכונגען און אַנטדעקונגען פון באַפּט־קוואַלן, מינעראַלן, אויסגראָבונגען אאַז"וו. דאָס אַלץ דאַרף ער וויסן אַחוץ דער לויפנדיקער אינפאָרמאַציע וועגן די געוויינלעכע מעשים פון די מאַכט־אָרגאַ־נען אויפן שטח פון זיכערקייט, עקאָנאָמיק און פּאָליטיק צוגלייך.

דער אינפאָרמאַטאָר דאַרף קענען אונטערהערן געשפּרעכן אויף דער גאַס, און אין עפנטלעכע ערטער. דורך דעם קען ער אויפקלערן דעם דעת הקהל. ער דאַרף אָנבייגן אַן אויער אין אַ געוויסער מאָס אויך צו „רכילות", און דאַרף קענען אויסטיילן די וויכטיקע קערנדלעך פון פּוסטע רייד.

די ענינים פון אינפאָרמאַציע דינסט זייַנען אַזוי פּילצאָליק און פאַר־צווייגט, אַז מיר וועלן זיין גערעכט, אויב מיר וועלן זאָגן, אַז דער מענטש פון אינפאָרמאַציע־דינסט דאַרף וויסן „אַלץ און וועגן אַלץ".

אופנים צו זאַמלען אינפאָרמאַציע זייַנען פאַראַן פּיל. בדרך כלל קען מען נישט פעסטשטעלן וואָס פאַר אַ וועג דער אינפאָרמאַטאָר דאַרף זיך אויס־קלייבן. אַלץ איז אָפּהענגיק פון די עקזיסטירנדיקע אָדער נייַע באַדינגונגען וועלכע שאַפן זיך אין לויף פון דער צייט. דער מענטש פון אינפאָרמאַציע־דינסט איז מחוייב אָפּצוּוועגן און צו באַשליסן אַן קווענקלעניש אויף וואָס פאַר אַן אופן ער זאָל דורכפירן זיין אויפגאַבע. ער דאַרף האָבן ישוב־הדעת,

דאַרף זיך אָבער גיך אַנטשליסן און דאַרף וויסן ווי אַזוי אַנצווענדן זיין אַנטוויקלטן חוש און זיך אויף אים סומך צו זיין.

די טיפע יסודות פון טריישאַפט, פון פערזענלעכער, קאָלעגיאַלער און נאַציאָנאַלער לאָיאַליטעט דאַרפן זיין ווי אַ ליכט־טורעם פאַרן מיטאַרבעטער פונעם אינפאָרמאַציע־דינסט. אָן די דאָזיקע יסודות וועט זיין אַרבעט זיין פעלערהאַפט און די דערגרייכונגען שוואַכע. די דאָזיקע סגולות זיינען נויטיק פאַר יעדן מיטאַרבעטער, ווייל אין זיין עצם־אַרבעט שטעקט אַ סכנה פון אַ פּסיכישער פּגימה. דעם מענטשנס געוויסן ווערט געטראָפן ווען ער געוויינט זיך צו לייענען פרעמדע בריוו, אָדער ווען ער גריבלט זיך צופיל אין יענעמס לעבן.

דאָס, וואָס די עצם־אַרבעט פון אויסשפּירונג ווערט געהאַלטן פאַר אַ נישט־בכבודיקע אַרבעט און דער אויסשפּירער ווערט פאַררעכנט פאַר אַן אומגעוווּנטשענעם פאַרשוין אין דער געזעלשאַפט — דער דאָזיקער פאַקט דריקט נישט ווייניק אויפן אָרנטלעכן מיטאַרבעטער. נאָר דאָס באַוווּסטזיין אַז ער מיינט דערמיט אויסשליסלעך די טובה פון זיין אָרגאַניזאַציע, פון זיין פאָלק און לאַנד — בלויז דאָס פאַרלייכטערט אים דאָס געוויסן.

מיר האָבן ביז איצט דערמאָנט אַלגעמיינע יסודות, וועלכע כאַראַקטעריזירן בכלל דעם אינפאָרמאַציע־דינסט אין יעטוועדער מדינה. די דאָזיקע יסודות האָבן פאַקטיש עקזיסטירט אויך אין ש״י — אינפאָרמאַציע־דינסט פון דער הגנה — אָבער מיט איין גרונטיקן אונטערשייד: ש״י איז נישט נאָר געווען אַ געהיימע אינסטיטוציע, ווי אַלע אַנדערע ענלעכע אינסטיטוציעס, נאָר האָט באַדינט אַ מדינה, וואָס האָט נישט עקזיסטירט — די מדינה אונטערוועגנס, וואָס באַדינט אַ פאָלק, וואָס האָט נאָר־וואָס זיך אָנגעהויבן צו קאָנצענטרירן אין זיין לאַנד, פון וועלכן עס איז פאַרטריבן געוואָרן מיט 2000 יאָר צוריק — אַ פאָלק וואָס האָט געשטרעבט צו אַן אומאָפּהענגיקן לעבן אין זיין דאָזיקן היימלאַנד.

די קאָנספּיראַציע פון ש״י האָט געמוזט זיין באַזונדערס שטרענג, און דעריבער האָט זיך געפאָדערט פון די ש״י־מיטאַרבעטער אַ סך מער — פערזענלעכע ריינקייט, גייסט פאַר פּריווילִיקייט און מסירות נפש — דאָס אַלץ האָט ביי אונדז געהאַט אַ פיל גרעסערע באַדייטונג ווי ביי אַנדערע פעלקער. דעריבער האָבן מיר טאַקע געקענט גובר זיין אַזעלכע שטרויכלונגען, פון וועלכע אַנדערע אינפאָרמאַציע־דינסטן ווייסן נישט.

און דערפון נעמט זיך די עיקרדיקע הצלחה פון ש״י.

***

דאָס דאָזיקע בוך פאַרמעסט זיך נישט אַרומצונעמען אַלע טעטיקייטן פון ש״י. דער אויטאָר באַגנוגנט זיך מיטן אַרויסברענגען אַלע יענע פאַסירונגען, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט זיין פערזענלעכער דערפאַרונג בשעת

ער איז געווען דער קאָמאַנדיר פון ש"י אין ראַיאָן פון תל־אביב און דרום־טייל פון לאַנד. די געשיכטע פון ש"י פאַר די יאָרן פון זיין עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג אין אַלע ראַיאָנען פון לאַנד איז אַ טעמע פאַר אַ ספּעציעלער, גרעסערער און מער אומפאַסנדיקער אַרבעט — אַן אַרבעט וואָס וואַרט נאָך אויף איר גואל.

און ווען דער היסטאָריקער וועט סומירן די תקופה פון דער „הגנה", וועט ער אוודאי קענען דערציילן פיל געשיכטעס אויפן סמך פון מאַטעריאַל, וואָס ער וועט געפינען אין אירע אַרכיוון — און באַזונדערס אין די אַרכיוון פון ש"י. דער דאָזיקער מאַטעריאַל איז געזאַמלט געוואָרן דורך אַ גרופּע מענטשן במשך אַ לאַנגער תקופה און נעמט אַרום פאַרבאָרגענע דערשיינונ־גען אין לעבן פון לאַנד מיט אַלע גרעסערע און קלענערע פּרטים.

און ווען מיר לייענען היינט די פאַרגעלטע נאָטיצן, שמות פון יענע טעג, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן (נאָך דעם ווי פיל פּאַפּירן זיינען בשעתו פאַרניכ־טעט געוואָרן אויס מורא פאַר רעוויזיעס מצד דער בריטישער מאַכט) — ווען מיר כאַפּן אַ בליק אויף צוריק צו יענער נישט־ווייטער תקופה — שווי־מען אויף פאַר אונדזערע אויגן פאַרשיידענע געשטאַלטן, יעדער איינער אין זיין צייט און אויף זיין מקום. און ווידער וויקלט זיך פונאַנדער פאַר אונדז אַ פילפאַרביק בילד פון די התישבות־ און הגנה־מענטשן, וועלכע זיינען טריי געווען דעם פאָלק, דעם ישוב, זיינע מוסדות און זיינע מנהיגים. אַט די צע־טעלעך וואָס אַנטהאַלטן ווערטפולע פאַרצייכענונגען דערמאָנען אונדז, אַז הינטער זיי זיינען געשטאַנען לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן זיך מוסר־נפש געווען פאַרן יידישן היימלאַנד, פאַרן יידישן פאָלק.

אַט די אויסגעבלאַקעוועטע שטיקלעך פּאַפּיר פון די אַרכיוון, וועלכע זיינען געקניפּט און געבונדן מיט די זכרונות פון די חלוצים אין דער התיש־בות און אין דער הגנה, זאָגן עדות וועגן יענע שטילע, אויסבאַהאַלטענע מע־שים, וועלכע זיינען אויסגעפירט געוואָרן דורך דער הגנה־דינסט אויף אַלע עטאַפּן פון איר רומפולער געשיכטע.

מיר היטן דאָס געווער ווי אַן אויג אין קאָפּ

ביי אַ חבר פון דער „הגנה" איז געווער געווען די הייליקסטע זאַך. ער איז געווען מחויב עס אויסצוהיטן פון אַלע מעגלעכע אַנשיקענישן. ווען אַ נייער חבר ווערט אַנגענומען אין דער הגנה און גיט אָפּ אַ שבועה פון טריי־שאַפט צו דעם „אירגון" (אָרגאַניזאַציע) — פלעגט ער די רעכטע האַנט אַרויפלייגן אויף אַ רעוואָלווער. דאָס איז געווען אַ שבועה אויף דעם טייערסטן חפץ.

וואָס־זשע איז דער וווּנדער וואָס דאָס געווער פון דער הגנה איז געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן פון די יעניקע, וועלכע האָבן נישט געוואָלט, אַז

עמיצער אַחוץ זיי זאָל געוועלטיקן איבערן גורל פון ארץ ישראל. דאָס „הגנה״־געווער איז פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מאַנדאַט־הערשאַפט געווען אַ ציל־ברעט פאַר כלערליי אַטענטאַטן. די מאַכט־פאַרשטייער האָבן געווען אַ ציל־ברעט פאַר כלערליי אַטענטאַטן. די מאַכט־פאַרשטייער האָבן גענישטערט און געזוכט אומאויפהערלעך. אָפטמאָל האָט זיך געדוכט, אַז זיי האָבן פאַרלוירן יעדע שליטה איבער זיך אַליין, באַמיענדיק זיך אויסצוגעפינען דאָס געווער און זיי האָבן זיך דערביי באַניצט אפילו מיט פסולע מיטלען. עס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן האַרבע געזעצן, וואָס פאַרבאָטן צו האַלטן „אומגעזעצלעך״ געווער. פלעגט מען עמעצן כאַפּן מיט געווער פלעגט ער באַשטראָפט ווערן. אין משך פון פיל יאָרן האָט אַ גאַנצע אַרמיי דעטעקטיוון און פאָרשער זיך באַשעפטיקט מיט איין־איינציקער אויפגאַבע: מ׳האָט געזוכט וועגן ווי אַזוי צו אַנטדעקן די באַהעלטענישן וווּ ס׳איז פאַרשטעקט דאָס „הגנה״־געווער. זיי האָבן געשמעקט, גענישטערט אין זיינען איינגעגאַנגען אויף כלערליי אַוואַנטורעס כדי צו דערגרייכן זייער ציל.

דאָס געווער פלעגט אָנקומען אין לאַנד אויף כלערליי וועגן און אין כלערליי פאָרמען: מיטן ים־וועג און דורך דער יבשה, פאַרמאַסקירט אין פאַרשיידענע משונהדיקע פאַרפּאַקונגען. די וואָס האָבן זיך מתעסק געווען מיט דעם ענין פלעגן פאַלן אויף גוטע המצאות. און ווען מ׳באַטראַכט יענע אָנשטרענגונגען, וואָס זיינען אָנגעווענדעט געוואָרן דורך דער מאַכט צו אַנטדעקן דאָס געווער, קענען מיר זאָגן, אַז די איבערהאַנט האָבן געהאַט די שומרים פונעם געווער. וואָס מער עס זיינען געווען די דורכפאַלן פון דער מאַכט, אַלץ גרעסער זיינען געווען די אויסזיכטן אויף אונדזער אומאָפּהענגיקייט. וואָס מער געווער עס איז צוגעקומען אין די הענט פון יידישן ישוב, אַלץ מצומצימדיקער איז געוואָרן זיין אָפּהענגיקייט פון דער פרעמדער מאַכט און אַלץ נענטער זיינען מיר געווען צו אונדזער פרייהייט.

סוף־סוף זיינען געווען נישטיק די קוואַנטומס געווער, וואָס זיינען אַנטדעקט און קאָנפיסקירט געוואָרן דורך דער בריטישער פּאָליציי. אויב מ׳פלעגט כאַפּן געווער, פלעגט עס זיין על פי רוב אַ בליגדער צופאַל. פון אָט דעם דערפרייענדיקן פאַקט קען מען אַרויסדרינגען, ווי גוט די „הגנה״־חברים זיינען געווען אינסטרואירט אין די הלכות פון אָפּהיטן געווער און אויסבאַהאַלטן עס בשעת אַ געפאַר. די מאַגאַזינערן פון געווער האָבן גוט געקענט די מלאכה, ווי אַזוי די כלים צו פאַרשטעקן אין די באַהעלטענישן. און די ש״י־מיטאַרבעטער האָבן אויך גוט נאָכגעשפּירט די בריטישע דעטעקטיוון, וואָס פלעגן אונדזער געווער זוכן.

דאָס וואָס וועט ווייטער דערציילט ווערן וועגן דער טעטיקייט פון ש״י איז אָט דעם געביט, וועט ווייט נישט אויסשעפּן דאָס גאַנצע וווּנדערלעכע קאַפּיטל. מיר ווילן ברענגען נאָר עטלעכע פאַלן, וואָס דערפון וועט מען קענען אָפּלערנען, ווי אַזוי ש״י האָט געהאָלפן איינשאַפן זיך געווער אין אויסלאַנד, ברענגען עס קיין ארץ ישראל, זאַמלען אינפאָרמאַציע וועגן דעם

אַלעם, וואָס די בריטיש־אַראַבישע פּאָליציי האָט געוווּסט וועגן אונדזער געווער, און ווען זי האָט געפּלאַנעוועט עס צו פאַרכאַפּן.

אין יעדן יידישן ישוב, דעם קלענסטן ווי דעם גרעסטן, איז געווען אַ „סליק״ (באַהעלטעניש). בדרך כלל איז אַט דער פאַקט געווען באַקאַנט, אָבער ווו די באַהעלטענישן געפינען זיך — דעם דאָזיקן סוד האָבן מיר אויסגעהיט ווי דאָס שוואַרצאַפּל פון אויג. די בריטישע דעטעקטיוון האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו אַנטדעקן די דאָזיקע באַהעלטענישן. זיי האָבן זיך דערביי באַנוצט מיט כשרע און אומכשרע מיטלען, כּדי עפּעס צו דערגיין. איז געווען די אויפגאַבע פון ש״י רעכטצייטיק צו אַנטדעקן די פּראָוואָקאַציעס און זיי צונישט מאַכן. צווישן ביידע צדדים האָט זיך געפירט „אַ שפּיל אין באַהעלטעניש״. דאָס איז געווען אָפטמאָל אַ שפּאַנענדיקער ספּעקטאַקל. מ׳קען זאָגן אַז דאָס איז געווען אַ געראַנגל צווישן גוטס און שלעכטס — און דאָס גוטס האָט כמעט שטענדיק געזיגט.

אפילו אין יענע פאַלן, ווען די פּאָליציי פלעגט זיך דערקונדיקן וועגן אַ וועלכן ס׳איז „סליק״, אָדער וועגן אַ מקום פון נישט אויסבאַהאַלטענעם געווער, פלעגט ש״י זיך דערוויסן וועגן דעם אָפטמאָל אַזוי שנעל, אַז די פּאָליציי פלעגט נישט באַוויזן צו לייגן איר האַנט אויף אונדזער אוצר. אונדזערע חברים פון דער בריטישער פּאָליציי, יידישע פּאָליציאַנטן און אָפיצירן, פלעגן על פּי רוב געפינען דעם דרך אונדז מיטצוטיילן וועגן דער סכנה צו דער רעכטער צייט. דער הגנה־שטאַב פלעגט אַרבעטן זייער שנעל און פלעגט באַפעלן אַריבערצופירן דעם „סליק״ אין אַן אַנדער פּלאַץ. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט מען אפילו נישט פאָרשן, צי די באַקומענע ידיעה איז געווען אַ ריכטיקע און צי האָט די פּאָליציי באמת אַנטדעקט די באַהעלטעניש. די דאָזיקע שיטה האָט געגעבן אירע רעזולטאַטן. נישט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז בריטישע פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון זיינען אָנגעקומען מיט אַ גרויסן טראַסק דורכצופירן אַ רעוויזיע און פלעגן גלייך זיך לאָזן גיין צום אויסגעלייגטן גרוב און דאָרט אָנהייבן צו נישטערן. גלייך פלעגן זיי איינזען, אַז דער „סליק״ איז אינגאַנצן ליידיק — פלעגט מען קענען לויט זייערע פּנימער באַמערקן אַ ביטערע אַנטוישונג, און זיי פלעגן מיט בושה פאַרלאָזן דאָס אָרט. פאַרפאַלן: מ׳האָט זיי, הייסט עס, מקדים געווען און זיי איבערגעכיטרעוועט...

די דאָזיקע אַנטוישונג איז פאַר זיי געווען פיינלעך. ווייל עס איז געווען צוגעזאָגט אַ פּרעמיע פאַר די פּאָליציאַנטן, וועלכע אַנטדעקן געווער. אין פּאָליציי־באַפעל איז געזאָגט געוואָרן בפירוש, אַז יעדער פּאָליציאַנט, וואָס אַנטדעקט אומלעגאַל געווער באַקומט אַ געלט־פּרעמיע. די דאָזיקע פּרעמיעס האָבן, פאַרשטייט זיך, באַוועגט די פּאָליציאַנטן זיך אָפּצוגעבן דער אַרבעט מיט גרויס התמדה. זיי פלעגן זיך אויפרעגן, הלמאי פאַרן אַנטדעקן ליידיקע באַהעלטענישן פלעגט מען קיין פּרעמיעס נישט געבן... איז ווי נאָר זיי פלעגן

קומען צו אַ באַהעלטעניש, וועגן וועלכער זיי האָבן באַקומען אַ קלאָרע ידיעה און איז כמעט אונטער זייער נאָז אויסגעליידיקט געוואָרן פון די כלים, פלעגן זיי זיך זידלען און שילטן אויף וואָס די וועלט שטייט. און מיר פלעגן שטיין פונדערוויטנס, פלעגן מיט גרויס הנאה נאָכשפּירן די דאָזיקע סצענעס און ממש אָנקוועלן פון נחת, וואָס זיי זײַנען נעבעך אַזוי מיאוס דורכגעפאַלן.

אונדזערע חברים אין דער עפנטלעכער פּאָליציי האָבן באַקומען אַ באַפעל זיי זאָלן זײַן באַזונדער וואַכזאַם בנוגע די דאָזיקע ענינים. מיר האָבן זיי אויפגעפאָדערט זיי זאָלן נאָכשפּירן יעדע ידיעה, יעדן צעטל, דאָקומענט און טעקע, וועלכע האָבן אַ וועלכן ס׳איז שייכות צום יידישן שוץ־געווער. אין די הענט פון ש״י פלעגן אָפטמאָל אַרײַנפאַלן די אַלע טעקעס מיט האַק און פּאַק. פלעגן מיר פאָטאָגראַפירן די דאָקומענטן, כדי מיר זאָלן שטודירן די אַרבעטס־מעטאָדן פון דער פּאָליציי אויפן דאָזיקן געביט: וואָס זוכט זי, פון וועלכע מקורות זי שעפּט איר אינפאָרמאַציע וועגן דעם טייערן פאַרמעגן, וואָס אויף אים האָט זיך געהאַלטן די „הגנה״.

צום לויב פון דער הגנה דאַרף געזאָגט ווערן, אַז עס האָבן זיך כמעט נישט געפונען ביי איר קיין פאַרברעכער. דער יידישער ישוב איז געווען געבונדן צווישן זיך דורך אַ געפיל פון קעגנזײַטיקער אחריות — און דאָס האָט אים געהאָלפן ביישטיין די שווערע נסיונות אינעם לאַנג־דויערנדיקן גע־ראַנגל און אויסהאַלטן עס מיט כבוד. די שטעלונג פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָ־לעקטיוו, מיט זײַן פאַרהאַרטעוועטן ווילן — טיילט זיך אויס לגבי דער שוואַכקייט פון אַן אַנדערן נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו, דעם אַראַבישן, וואָס האָט געלעבט מיט אונדז בשכנות. וועלן מיר כאַפּן אַ בליק אויף דער ווייטערדיקער טאַבעלע, וועלן מיר באַנעמען דעם אונטערשייד צווישן אונדז און די אַראַבער אין דעם פּרט

קאָנפיסקאַציע פון געווער ביי די אַראַבער

יאר	אויטאמאטן	ביקסן	רעוואלווערן	באמבעס און גראנאטן	יאגד־ביקסן
פון 1.7.36 ביז 31.12.36	—	205	108	—	9
1937 — — — — —	—	1240	1340	107	100
1938 — — — — —	—	528	354	178	43
1939 — — — — —	—	2546	757	323	124
1940 — — — — —	—	1852	661	602	149
1941 — — — — —	—	488	338	17	73
1942 — — — — —	12	281	339	78	73
1943 — — — — —	5	215	435	22	52
1944 — — — — —	8	139	337	18	47
1945 — — — — —	5	123	222	31	25
סך־הכל — — —	30	7617	4891	1376	695

געווער אין די אויגן פון דעם אַראַבער איז געווען גלייך צו גאָלד. אָבער דער אַראַבער האָט באַטראַכט דאָס געווער ווי אַ שפּילצייג פאַר אַ מענטשן, און נישט ווי אַ נאַציאָנאַל פאַרמעגן. היינט באַנוצט ער זיך דערמיט, כדי צו בפאַלן דעם שכנותדיקן יידישן ישוב. מאָרגן גרייפט ער אָן דערמיט זיין אַראַבישן שכן, מיט וועלכן ער האָט זיך צעקריגט אָדער באַניצט זיך פאַר רויב־צוועקן אויף די וועגן און אין די ישובים. דאָס אַראַבישע געווער האָט אָבער נישט געהאַט קיין „מאָראַל". איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ביי אַזעלכע באַדינגונגען איז דער פּאָליציי געלונגען צו קאָנפיסקירן אין די אַראַבישע ישובים אַכט טויזנט ביקסן און טויזנטער אַנדערע געווער־כלים. און איצט לאָמיר כאַפּן אַ קוק אויף דער ווייטערדיקער טאַבעלע, וועלכע באַווייזט וואָס פאַר אַ מין און וויפל געווער עס איז געפונען און קאָנפיסקירט געוואָרן פאַרן זעלביקן פּעריאָד ביי יידן:

קאָנפיסקאַציע פון געווער ביי יידן

יאָר	אויטאָמאַטן	ביקסן	רעוואָלווערן	באָמבעס און גראַנאַטן	יאַנד־ביקסן
פון 1.7.36 ביז 31.12.36	—	2	19	—	1
1937	—	5	75	8	7
1938	—	1	33	1	—
1939	—	24	43	31	1
1940 *	5	73	17	117	—
1941	—	16	54	1	1
1942	—	4	30	2	—
1943	3	1	31	74	—
1944	—	—	34	309	2
1945	1	9	29	114	—
סך־הכל	9	135	365	657	12

ווייטער וועלן מיר דערציילן וועגן דעם וואָס ש"י פלעגט טאָן כדי דאָס יידישע געווער זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. פון די עטלעכע פאַלן וועגן וועלכע מיר וועלן דערציילן, וועט קלאָר ווערן וויפל כוחות מ'האָט פאַרווענדט אויף אָט דער אַרבעט. די דאָזיקע פאַלן באַווייזן, אין וואָס פאַר אַ מאָס די זיכערקייט פון הגנה־געווער איז געווען אָפּהענגיק פון דער טריישאַפט מצד די הגנה־חברים און יידישע פּאָליציאַנטן און באַ־

*) אין יאָר 1940 זיינען אַנטדעקט געוואָרן די „סליקים" אין דער לאַנדווירטשאַפטלע־כער שול פון כפר הנוער בן־שמן.

אַמטע, וועלכע פלעגן תמיד געפינען עפּעס אַ וועג ווי אַזוי אונדז איבער־צוגעבן די געהעריקע אינפאָרמאַציע, נישט געקוקט אויף דער סכנה, וואָס האָט געשטעקט דערין.

די דאָזיקע מגילה ציט זיך איבער אַ לאַנגער תקופה. ווער געדענקט נישט די באַרימטע פאָטאָגראַפיע פון די שטורמישע טעג סוף 1947, ווען יידישע יינגלעך, ביי וועמען מ׳האָט געכאַפּט געווער זיינען געפירט געוואָרן מיט אויפגעהויבענע הענט דורך די צעשטערטע געסלעך פון יפו? די פאָ־טאָגראַפיע איז אַריין אין דער געשיכטע. יידן האָבן מיט שפּאָט אָנגערופן די בריטן: „די נייטראַלע״. די דאָזיקע „נייטראַליטעט״ האָט אַ לאַנגע גע־שיכטע. ווען מ׳פלעגט וואַרפן אויף יידן באָמבעס, מ׳פלעגט אונטערצינדן יידיש האָב און גוטס, מ׳פלעגט דערמאָרדן זקנים און קינדער — האָבן די בריטישע מאַכטהאָבער אין נאָמען פון זייער „נייטראַליטעט״ געזוכט אונ־דזער שוץ־געווער און געפּלאָנעוועט ווי אַזוי עס פון אונדז אָוועקצונעמען.

אַזוי איז געווען בשעת די געשעענישן פון יאָר 1929 און אויך בשעת די פריערדיקע בלוטיקע געשעענישן.

דער אומבאַקאַנטער פּאָליציאַנט

דאָס איז פאָרגעקומען אין חודש אב תרפ״ט (1929), אין די בלוטיקע טעג. כמעט יעדע שעה זיינען געפאַלן יידישע קרבנות. רויב, שריפות, חורבן און מאָרד — האָבן געבושעוועט ביי דער גרענעץ פון דער יידישער שטאָט תל־אביב.

אין דער יידישער פּאָליציי פון תל־אביב איז געווען אַ גרופּע פּאָלי־ציאַנטן חברים פון דער הגנה, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו זאַמלען אינערלעכע אינפאָרמאַציע, צו דערקונדיקן זיך וואָס די ענגלענדער פּלאַנע־ווען און איבערגעבן אין אונדזערע הענט באַפעלן און ידיעות, וואָס פון זיי קען מען זיך אָנשטויסן אויף די מעשים פון פיינטלעכן לאַגער און אויך וועגן די כוונות פון די „נייטראַלע״ מאַכטהאָבער.

קומט איין מאָל צו לויפן אַ יידישער פּאָליציאַנט אין צענטער פון ש״י און טיילט מיט, אַז ער האָט אַ ידיעה, אַז מ׳וויל דורכפירן פּלוצימדיקע רע־וויזיעס אין די פּאָזיציעס פון דער הגנה, אין דער שכונה אבו־כביר, כדי אויסצוגעפינען געווער. ער האָט געהערט, אַז פון דער ראַיאָן־פּאָליציי האָט מען איבערגעגעבן אַ באַפעל תיכף דורכצופירן אַ שטרענגע אונטערזוכונג אין די יידישע הייזער, פון וועלכע מ׳שיסט אין דער ריכטונג צו יפו, און צו קאָנ־פיסקירן דאָס געכאַפּטע געווער. אין באַפעל זיינען געווען אָנגעוויזן גענוי די הייזער און אַפילו די שטאָקן, ווו לויט דער אינפאָרמאַציע פון דער פּאָ־ליציי געפינען זיך אָבסערוואַציע־פּאָזיציעס און די שוץ־פּאָסטנס פון דער הגנה.

אין יענע הייזער זיינען טאַקע געווען וויכטיקע קאָנצענטראַציע־ערטער פון אונדזערע מענטשן. האָבן מיר לאַנג נישט געטראַכט און תיכף געשיקט אַהין איינעם פון אונדזערע חברים ער זאָל מודיע זיין די באַשיצער וועגן דער באַדראָענדיקער סכנה. אונדזער שליח האָט זיך געלאָזן לויפן אַהין מיט גאָר די כוחות און איז אָנגעקומען צו דער רעכטער צייט. מ׳האָט דאָס גע־ווער תיכף אָפּגערוימט פון די אטאמאנעס און בעטן, ווו עס איז געווען פאַרשטעקט — און מ׳האָט עס איבערגעפירט אין אַ זיכערן אָרט.

דער יידישער אָפיציר שיף ז״ל איז דאַן געווען דער ראַיאָן־אינספעקטאָר פון דער פּאָליציי. ער האָט דאָס געדאַרפט שטיין בראש פון דער פּאָליציי־אָפּטיילונג וואָס האָט געדאַרפט אויספירן די רעוויזיע אין די אָנגעמערקטע הייזער. מיר האָבן געטאָן אַלץ וואָס מעגלעך איז, כדי אים צו פאַרהאַלטן. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אים און אים געגעבן אַ רמז, אַז ער זאָל זיך נישט איילן אַרויסצוגיין מיט זיינע בריטישע פּאָליציאַנטן...

ער האָט דעם רמז פאַרשטאַנען און מיט כלערליי שפּיצלעך פאַרהאַלטן דעם אַרויסגאַנג פון די פּאָליציאַנטן. מיר האָבן אים געהאָלפן אייסצוגעפי־נען תירוצים: איינער פון אונדזערע חברים־פּאָליציאַנטן האָט אַרויסגעלאָזן די לופט פון די רעדער פון יענע אויטאָס, מיט וועלכע עס האָבן געדאַרפט אַרויספאָרן די פּאָליציי־איינהייטן.

סוף־סוף איז דער יידישער אָפיציר שיף אָנגעקומען מיט גרויס טראַסק מיט זיינע בריטישע פּאָליציאַנטן צו די אָנגעמערקטע הייזער אין אבו־כביר. זיי רייסן זיך אַריין אין די דירות און — וואָס זעען זיי? — די בעטן און די אַטאַמאַנעס זיינען צעוואָרפן געוואָרן, אָבער אין די צימערן זיינען נישט פאַ־ראַן קיין מענטשן, און געווער — אוודאי נישט. די 12 ביקסן, 30 רעוואָל־ווערן און אַנדערע מינים געווער, וועלכע זיינען דאָ געווען פאַרשטעקט — זיינען שוין געווען אַריבערגעפּעקלט אין אַ מער זיכערן אָרט.

דאָס אָפּגעראַטעוועטע געווער האָט מיט מזל אויסגעפירט אין אַנדערע ערטער יענע פונקציע, וואָס איז געווען פאַר איר באַשטימט.

געפערלעך צו שיקן געווער

דער יידישער פּאָליציי־אָפיציר גאָלדמאַן ז״ל איז געשטאַנען אין פאַר־בינדונג מיט דער הגנה נאָך דאַן ווען ער האָט געדינט אין בריטישן גרענעץ־מיליטער אין דער צווייטער העלפט פון יאָר 1921. ער פלעגט קומען צו די יידישע גרענעץ ישובים און דורך זייער פאַרמיטלונג פלעגט ער איבערגעבן ידיעות, וועלכע האָבן געשיינט אין זיינע אויגן צו זיין נוצלעך פאַר דער הגנה. באַזונדערס פלעגט ער וואָרענען פאַר רעוויזיעס, וואָס די בריטן פלעגן פּלאַנעווען דורכצופירן אין די יידישע ישובים, כדי אָפּצונעמען פון זיי דאָס

געווער. דערין האָט ער געזען די שליחות פון אַ יידישן פּאָליציי־מאַן און ביזן סוף פון זיין לעבן איז ער פאַרבליבן טריי דער דאָזיקער שליחות.

ווען ער איז געווען פּאָליציי־אָפיציר אין יפו אין יאָר 1942, האָט ער פאַרשטאַרקט זיינע פאַרבינדונגען מיט דער הגנה און פלעגט ברענגען דעם ש״י זייער וויכטיקע ידיעות. מ׳קען זאָגן, אַז ער איז געשטאַנען אויף דער וואַך טאָג און נאַכט.

איין מאָל נאָך האַלבער נאַכט קלינגט דער טעלעפאָן אין דער וווינונג פון ש״י־קאָמאַנדיר פון דרום־ראַיאָן. ס׳האָט גערעדט דער אָפיציר גאָלדמאַן. ער בעט מ׳זאָל תיכף קומען צו אים אַהיים, ווייל ער האָט אַ וויכטיקע ידיעה, וועלכע מוז באַלד איבערגעגעבן ווערן. מיר האָבן אים געטראָפן אין באָד־צימער בשעת ער האָט זיך ראַזירט. די צייט איז געווען נישט גאָר פּאַסיק צום ראַזירן זיך. וואָס איז געווען די אייליקייט? האָבן מיר אים געפרעגט מיט שפּאָס, צי קען ער נישט שלאָפן די נאַכט מיט אַ באָרד? אָדער אפשר איז אין דער בריטישער פּאָליציי איינגעפירט געוואָרן אַ נייער מינהג, אַז פּאָליציאַנטן מוזן זיין ריין ראַזירט אויך דאַן, ווען זיי גייען שלאָפן?

ענטפערט ער אונדז, אַז ער גרייט זיך צו אַ נסיעה מחוץ פון דער שטאָט. ער מוז אין אַ וויילע אַרום אַרויספאָרן מיט אַ גרופּע פּאָליציאַנטן און בריטישע אָפיצירן אין עמק הירדן: אין פּאָליציי־שטאַב איז דער־האַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז עס דאַרפן אָנקומען צוויי־דריי לאַסט־אויטאָס מיט גע־ווער, וואָס ווערט אַריינגעשמוגלט פון יענער זייט גרענעץ.

כדי מ׳זאָל זיין זיכער, אַז עס זאָל געלינגען צו פּאַקן דאָס געווער, האָט דער שטאַב באַשלאָסן אַרויסצושיקן אויף דער דאָזיקער אָפּעראַציע אַ פּאָלי־ציי־איינהייט פון צענטער און נישט אַרויפלייגן די דאָזיקע אויפגאַבע אויף די אָרטיקע פּאָליציאַנטן. איז ער, גאָלדמאַן, אָנגעשלאָסן געוואָרן צו אָט דער ספּעציעלער איינהייט, מחמת ער קען גוט די סביבה נאָך פון דער צייט ווען ער האָט געדינט אין גרענעץ־מיליטער און קען זיין פאַר די פּאָליציאַנטן אַ וועג־ווייזער.

פרעגט ער אונדז: „איז דאָס געווער אייערס?״ — ס׳הייסט פון דער הגנה. מיר האָבן אים גאָרנישט געקאָנט ענטפערן, ווייל מיר אַליין זיינען געווען איבערראַשט. אין דער הגנה איז געווען אָנגענומען, אַז ידיעות וועגן אַזעלכע מעשים ווערן נישט איבערגעגעבן פון איין ראַיאָן אין צווייטן. אין די איידעלע ענינים פון געווער זיינען מיר זיך נוהג געווען צו האַלטן אַלץ אין גרעסטן סוד, אפילו כלפּי פנים.

זעענדיק אַז מיר זיינען אין אַ פאַרלעגנהייט, זאָגט צו אונדז גאָלדמאַן: „בעצם איז דאָס נישט וויכטיק. לויפט און גיט איבער וועמען מ׳באַדאַרף. דער ענין איז זייער ערנסט״.

מיר האָבן זיך תיכף פאַרבונדן מיטן הגנה־שטאַב און מיר האָבן גלייך פאַרשטאַנען, אַז ווען נישט די וואַכזאַמקייט פון אָפיציר גאָלדמאַן, וואָלט

פּאַסירט אַ גרויס אומגליק. עס זיינען גלייך אָנגענומען געוואָרן ספּעציעלע מיטלען צו פאַרהאַלטן ערגעץ די מאַשינען מיט געווער און אַפּצולייגן אויף אַן אַנדער טאָג דאָס געווער־שמוגל.

דערנאָך האָט אונדז דערציילט גאָלדמאַן, אַז די פּאָליציי־איינהייט איז געפאָרן אויף אַ מרחק פון הונדערטער קילאָמעטער און איז אויסגעמאַטערט געוואָרן. זי האָט געהאַפט, אַז עס וועט אריינפאַלן אין אירע הענט אַ גרויסער קוואַנטום געווער. האָט זי אויפגעשטעלט אָבסערוואַציע פּונקטן און האָט געלויערט אויפן טראַנספּאָרט שעהן לאַנג. דער סוף איז געווען, אַז די פּאָליציאַנטן זיינען געווען אנטוישט און פאַרביטערט.

יאָ, אַזאַ ווירקונג האָט געקענט האָבן אַ ידיעה, וועלכע איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן רעכטצייטיק.

און אָט איז אַ געהיימע פּאָליציי־ידיעה וועגן געווער, וועלכע ווערט געבראַכט אין אָריגינאַל:

THE PALESTINE POLICE.

In reply please quote
No. C.159/1/1/S.

SECRET.

HEAD
THE PALESTIN
CRIMINAL INVESTIG
JERUS.

11th August.

Sergeant 1/c Port & Marine,
Jaffa.

Subject:- Smuggling of Firearms.

I am reliably informed that arms and ammunition are smuggled in to the Southern District and other places through "ABOU ZABOURA".

2. Please take the necessary precautions.

[signature]
A/D.I.G., C.I.D.

א פ ר י ם ד ק ל

פאָליצײ פון פאַלעסטינע (א״י)

ג ע ה י י ם

הויפט־שטאַב
פאַרשונגען פון פאַרברעכנס,
ירושלים. 11טן אויגוסט

סיערזשאַנט פאַר די ברעגעס און גרענעצן
יפו.

כ׳האָב באַקומען אַן אויטאָריטעטע ידיעה, אַז געווער און אמוניציע ווערן געשמוגלט אין דעם דרום־דיסטריקט און אין אַנדערע ערטער דורך אבו־זאבורא.

נעם אָן די נויטיקע שטערונגס־מיטלען.

(חתימה)

אין נאָמען פון הויפט־אינספעקטאָר
פון דער געהיים־פּאָליצײ.

יאשעק אין א טאָפּלטער ראָל

יאשעק, אַזוי האָט מען אים גערופן אין די קאַפע־הייזער און אין די נאַכט־לאָקאַלן פון יפו און תל־אביב. ער איז געבליבן אין לאַנד נאָך דעם ווי די פּוילישע זעלנער פון גענעראַל־אַנדערס זיינען אַרויסגעפאָרן קיין לאָנדאָן. שטענדיק פלעגט ער טענהן, אַז ער האָט סענטימענטן פאַר יידן, וויל לעבן צווישן זיי און וויל חתונה האָבן מיט אַ יידישער פרוי.

מיר האָבן נאָכגעשפּירט אַזעלכע טיפּן. מיר האָבן נישט געהאַט צו זיי קיין פיל צוטרוי. און באמת, עס האָט זיך נאָך דעם אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער יאשעק איז פאַרבונדן מיט דער פּוילישער „דוויקא" (שפּיאָנאַזש־דינסט) און אַז ער האָט אַ צוטריט אויך צו דער בריטישער געהיים־פּאָליצײ.

איין מאָל — דאָס איז געווען אין יאָר 1940 — קומט צו אונדז אונ־דזער אַ חבר, אַ יידישער אָפיציר, וואָס האָט געדינט אין דער בריטישער געהיים־פּאָליצײ און גיט אונדז איבער, אַז ער האָט געזען אין דעם פּאָליצײ־אַמט אַ פּאַליאַק, וואָס האָט געמאַכט אויף אים אַן איינדרוק, אַז ער זאָל האָבן פאַר אָט דעם אַמט געאַרבעט. לויט ווי ער האָט געשילדערט דעם אויסערלעכן אויסזען פון דעם פּאָליאַק; האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס איז יאשעק. אונדזער חבר האָט אונדז דערציילט, אַז ער האָט אויפגענומען עטלעכע ווער־טער פון דעם שמועס צווישן יאשעק און דעם בריטישן אָפיציר, וואָס איז געווען באַקאַנט ווי אונדזערס אַ שונא. פון אָט די אָפּגעהאַקטע ווערטער איז צו דרינגען אַז מ׳גרייט עפּעס אַ רעוויזיע אויף געווער, אָדער מען פּלאַנע־וועט איינצושטעלן אַ פּאַסטקע פאַר יידישע געווער־קויפער. ער האָט באַקו־

מען דעם איינדרוק, אַז די דאָזיקע אַקציע דאַרף דורכגעפירט ווערן נאָך היינ־טיקע נאַכט.

מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיטן צענטער פון דער הגנה און מיט דער הגנה־אָפּטיילונג פון דרום־דיסטריקט, וואָס לויט אַלע סימנים איז קעגן אים דווקא געווענדעט די נייע פּאָליצײ־אָפּעראַציע. מ'האָט באַלד איינגעפונען, אַז די אָפּגעהאַקטע זאַצן פון דעם שמועס אין דער געהיים־פּאָליצײ האָבן אַ דירעקטן שייכות צו דער קניה פון געווער, וואָס האָט געדאַרפט טאַקע דורכ־געפירט ווערן אין יענער נאַכט.

די הגנה־מאַגאַזיניערן אין תל־אביב האָבן שוין געהאַט דורכגעפירט אַלע הכנות צו אָט דער קניה. זיי האָבן שוין געהאַט צוגעגרייט די אויטאָס און מאָביליזירט די מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפט אַריבערטראָגן דאָס געווער אין די הגנה־מאַגאַזינען. האָט מען איילִיק אַרויסגערופן די מאַגאַזיניערן אין צענטער און מ'האָט זיי דערציילט וועגן דעם ענין. זיי זיינען געווען אי־בערראַשט ווען זיי האָבן דערהערט די פּרטים וועגן דעם פּאָליאַק. דאָס איז דאָך געווען יענער פאַרשוין, וואָס האָט מיט זיי אונטערהאַנדלט וועגן פאַר־קויפן אויטאָמאַטן און ביקסן אין ווערט פון טויזנטער פונטן.

מ'האָט נישט געדאַרפט פאַרמאָגן פיל פאַנטאַזיע, כדי צו באַנעמען אַז נאָך דעם ווי דער פּאָליאַק האָט פאַרענדיקט די אונטערהאַנדלונגען מיט דער הגנה, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן אין דער בריטישער געהיים־פּאָליצײ, כדי אָפּצוריידן, ווי אַזוי אַריינצונאַרן אונדזערע מענטשן אין דער פּאַסטקע.

מיר האָבן נישט באַוויזן צו דערגיין פון וועמען עס שטאַמט די דאָזיקע אינטריגע און ווער עס איז דער „גייסטיקער פאָטער" פון דעם פּלאַן — צי יאַ־שעק אָדער די בריטישע געהיים־פּאָליצײ? מיר האָבן דערצו קיין צייט נישט געהאַט. מ'האָט געדאַרפט ווירקן שנעל כדי אָפּצוהאַלטן די מענטשן און די לאַסט־אויטאָס, זיי זאָלן נישט אַרויסגיין צום באַשטימטן אָרט.

אונדזער „פּראָפּעסיאָנעלע" נייגעריקייט האָט אונדז באַוועגט אַרויס־צופאָרן און זען מיט די אייגענע אויגן ווי אַזוי די קונציקע פּראָוואָקאַציע וואָס איז פאַרטראַכט געוואָרן דורך דער געהיים־פּאָליצײ וועט מיט חרפּה דורכפאַלן. מיר זיינען אַרויסגעפאָרן צוזאַמען מיט אייניקע אונדזערע מענטשן, וועלכע זיינען געווען פאַרמישט אין אָט דער טראַנזאַקציע, נאָענט צו יענעם פּלאַץ, וווּ מ'האָט געדאַרפט איבערגעבן יאַשעקן דאָס געלט און באַקומען פון אים דאָס געווער.

האָבן מיר געזען, ווי די בריטישע געהיים־פּאָליציאַנטן, ציוויל־געקליידעט, קומען אָן איינער נאָכן אַנדערן און פאַרנעמען אָבסערוואַציע־פּונקטן אין די אַרומיקע הויפן און הייזער. מיר האָבן אויך געזען, ווי ס'קומט אָן אַ פּאָ־ליצײ־מאַשין מיט שטאַרק באַוואָפנטע פּאָליציאַנטן און שטעלן זיך אָפּ אין די נאָענטע גאַסן.

פאַר אָט דער צייט האָט זיך יאַשעק נישט באַוויזן. סוף סוף איז ער אָנ־

געקומען מיט אַ לאַסט־אויטאָ אין וועלכן ס׳איז געווען אָנגעוואַלגערט גוט צוגעדעקטע גרויסע פּעק, אין וועלכע ס׳איז וואַרשיינלעך געווען פּאַרפּאַקט דאָס געווער. קענטיק, אַז זיין פּלאַן איז געווען, ער זאָל פריער באַקומען דאָס געלט און נאָך דעם, ווען מ׳וועט אָנהייבן צו לאָדן דאָס געווער אויף אונדזערע מאַשינען וועט „צופעליק״ דערשיינען די פּאָליציי און וועט אַרויפליייגן איר האַנט אויפן געווער און פאַר איינס אויך אויף די הגנה־חברים, וועלכע מ׳וועט פּאַקן אויפן אָרט ביי אַ האַרבן פאַרברעכן. ווי אַפט קען זיך מאַכן אַזאַ גליקלעכער „דזשאַב״? שטעלט אייך נאָר פאָר: טויזנטער פונטן במזומן, עטלעכע יידן אין טורמע, גרויסע געלט־פּרעמיעס און נאָך לויב־בריוו פון דער געהיים־פּאָליציי.

דאָס אַלץ וואָלט דורכגעגאַנגען איינפאַך און גלאַטיק ווען נישט יענער יידישער פּאָליציי־אָפיציר, דער מיטגליד פון ש״י, וואָס איז געווען וואַכזאַם צו יעדן וואָרט, וואָס ער האָט געהערט ביי זיך אין אַמט און האָט תיכף אונדז געגעבן צו וויסן וועגן דעם קלענסטן חשד וואָס האָט אים באַאומרואיקט.

יאָ, אין יענער נאַכט איז קיין זאַך נישט געשען. ס׳האָט געוואַרט אויף אונדז יאשעק. ס׳האָבן געוואַרט די מענטשן פון דער געהיים־פּאָליציי. זיי האָבן געוואַרט אויף די קונים, וועלכע האָבן געדאַרפט קומען, אָבער יענע זיינען נישט געקומען. די דעטעקטיוון האָבן זיך אַנטוישט, ווי ס׳האָט פּאַסירט מיט זיי אויך אין פיל אַנדערע פאַלן.

ווען פּראָוואָקאַטאָרן האָבן קיין געדולד נישט

די מעשה מיט יאשעקן דערמאָנט מיר אָן ענלעכן פאַל פון אַ פּראָוואָקאַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן בשותפות מיט בריטישע אָפיצירן און זי איז זיי דווקא געלונגען: אונדזערע חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרן, אַריינגעזעצט געוואָרן אין דער תפיסה, געווען אַ משפט און — זיי זיינען פריי־געשפּראָכן געוואָרן... און די וואָס האָבן פאַרטראַכט די פּראָוואָקאַציע זיינען אויסגעזידלט געוואָרן, הלמאי זיי האָבן נישט געהאַט קיין געדולד אָפּצוּוואַרטן ביז אַזאַ „יורידישן״ מאָמענט, וואָס וואָלט זיי געגעבן די מעגלעכקייט צו באַשולדיקן אונדזערע חברים.

דאָס איז געווען אַ מעשה מיט אַ יידישן סוחר פון ברוכוואַרג. וועלכער איז געקומען צו אונדז און דערציילט, אַז צוויי בריטישע אָפיצירן, מיט וועלכע ער שטייט אין האַנדלס־באַציאונגען און קויפט פון זיי פון צייט צו צייט געוויסע קוואַנטומס אייזן־ און קופּער־ברוכוואַרג, האָבן אים פאָרגעשלאָגן צו פאַרקויפן איצט 25 טויזנט ביקסן־קוילן. דער פּרייז, זאָגט ער, איז אַ ווילדע מציאה.

די אָפיצירן האָבן אים געזאָגט, אַז, ווי זיי ווייסן, האָט ער אַליין נישט

וואָס צו טאָן מיט די קוילן. אָבער זיי זיינען איבערצייגט, אַז ער אַלס סוחר און אַלס ייד וועט געוויס געפינען דעם וועג צו דער הגנה און פאַרקויפן איר די קוילן. דער סוחר האָט אונדז דערציילט וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט די דאָזיקע אָפיצירן. ער קען זיי ווי אָרנטלעכע מענטשן, וואָס זייער גאַנצע כוונה איז צו פאַרדינען אַביסל געלט אַלס צוגאָב צו זייער געהאַלט. ווען זיי האָבן שוין דערשמעקט דעם ריח פון געלט, פאַרקויפנדיק אים ברוכוואַרג, איז זייער אַפּעטיט געוואַקסן, און זיי ווילן איצט דורכפירן גרעסערע טראַנזאַקציעס. זיי האָבן מרמז געווען, אַז אין די מיליטערישע מאַגאַזינען, פון וואַנען זיי וועלן נעמען די קוילן, זיינען פאַראַן אַזעלכע ריזיקע קוואַנטומס פון קאַסטנס־אַמוניציע, אַז אפילו דער סאַמע געניטער מאַגאַזיניער וועט נישט שפירן, אַז עס פעלן אים אויס עטלעכע קאַסטנס.

נאָך אַ ישוב הדעת און אויפקלערונגען זיינען די הגנה־מענטשן וועל־כע האָבן געדאַרפט זאָרגן פאַרן איינקויף פון געווער, געקומען צו אַ הסכם מיטן סוחר מכוח דעם פרייז און מ׳האָט באַשטימט די פרטים ווי אַזוי די טראַנזאַקציע דאַרף דורכגעפירט ווערן. מ׳האָט אָפּגערעדט, ווו די מאַ־שין מיט די קאַסטנס קוילן וועט וואַרטן, ווי אַזוי מ׳וועט די אַמוניציע אָנ־לאָדן און מ׳האָט אָפּגערעדט אויך מכוח די צאָלונגס־באַדינגונגען.

דער ערשטער איינקויף פון דאָזיקן מקור איז דורכגעגאַנגען אָן שום שטערונגען. די מאַשין איז אָנגעקומען ביינאַכט אין דער באַשטימטער שעה און אין איר זיינען געזעסן צוויי מענטשן ווי ס׳איז געווען אָפּגעשטימט. די הגנה־מענטשן האָבן באַקומען קאַסטנס אַמוניציע און באַצאָלט דאָס געלט. דאָס אַלץ איז געמאַכט געוואָרן אָן פאַרדרייעניש און ביידע צדדים זיינען געבליבן צופרידן.

נאָך דעם ווי די אַמוניציע איז באַהאַלטן געוואָרן אין „סליק“, האָט דער סוחר באַשטעלט אַ צווייטע באַגעגעניש צווישן ביידע צדדים און מ׳האָט פעסטגעשטעלט דעם סדר פון צווייטן איינקויף. דאָס מאָל האָט מען אָפּגעמאַכט וועגן איינקויפן אַ גרעסערן קוואַנטום קוילן, אַן ערך 25 קאַסטנס מיט איין מאָל וואָס אַנטהאַלטן איבער 30 טויזנט קוילן. די צאָ־לונגס־באַדינגונגען און די אָרדענונג פון איבערגעבן דעם רכוש זיינען גע־ווען די זעלביקע ווי פריער.

ווידער אַמאָל איז די מאַשין אָנגעקומען אין דער באַשטימטער שעה, נאָך האַלבער נאַכט. דער סוחר פון ברוכוואַרג, וואָס האָט געדינט אַלס פאַרמיטלער, און די צוויי הגנה־חברים וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן איינקויף, זיינען צוגעגאַנגען צו דער מאַשין. צוויי זיינען אַרויף אויף דער מאַשין און איינער איז געבליבן שטיין פון דער זייט. די קאַסטנס אַמו־ניציע זיינען געווען צוגעדעקט מיט וואָלענע דעקעס. אָט די צוויי חברים אונדזערע זיינען נאָך געשטאַנען און באַטראַכט די אָנלאָדונג, ערשט פּלוצ־

לינג זיינען זיי אַרומגערינגלט געוואָרן דורך בריטישע פּאָליציאַנטן און דע־טעקטיוון, וועלכע האָבן זיי גלייך אָנגעטאָן קייטלעך אויף די הענט.

די פּראָוואָקאַציע איז געלונגען. די פּאַסטקע האָט זיך זיי איינגע־געבן.

דער בריטישער אָפיציר ריגס, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע, האָט באַפוילן תיכף אַריבערצופירן די אַרעסטירטע אין דער צענ־טראַלער טורמע אין יפו. און דער מאַשין, וואָס איז געווען אָנגעלאָדן מיט אַמוניציע, אויפן הויף פון דער פּאָליציי. ער האָט געהייסן נישט רירן די קאַסטנס פון דער מאַשין, מחמת די מאַשין און די אמוניציע וועלן געבראַכט ווערן פאַרן געריכט ווי אַ באַווייז קעגן די באַשולדיקטע. דאָס איז געווען אַ פּריוואַטע מאַשין, דאָס פאַרמעגן פון איינעם פון די אָפיצירן. וועלכער איז געווען פאַרמישט אין דער דאָזיקער פּראָוואָקאַציע.

תיכף איז איבערגעגעבן געוואָרן וועגן דאָזיקן פאַל צום ש״י פון דעם דיסטריקט. אין דער זעלביקער נאַכט האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט אַדוואָ־קאַט י. שוחט, וועלכער האָט אַליין געהאַט דערפאַרונג אין שמוגלען גע־ווער פאַרן „השומר״ און פאַר דער „הגנה״. מיר האָבן זיך פאַרלאָזן אויף אים, אַז ער וועט קענען מאַכן אַ גוטע קאָמבינאַציע פון אַדוואָקאַטישע מאַ־נעווורען און זיין פּערזענלעכע דערפאַרונג אין ענינים פון געווער־איינקויף און געווער־שמוגלעריי. מיר האָבן נישט געצווייפלט, אַז דאָ איז פאַרלייגט געוואָרן אַ פּאַסטקע פאַר די פיס פון אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן זיך נישט אויפגעפירט מיט דער מאַקסימאַלער פאַרזיכטיקייט. מיר זיינען גע־קומען צום אויספיר, אַז אין אָט דער ערשטער סטאַדיע פון דעם ענין איז דאָס נוצלעכסטע ווען אונדז וועט געלינגען געבן צו וויסן אונדזערע אַרעס־טירטע חברים, זיי זאָלן דאָס מויל נישט שפּאַלטן און נישט אָפּגעבן קיין שום עדות ביז מיר וועלן געפינען אַן עצה, ווי אַזוי זיי אַרויסצושלעפּן פון דער צרה. ווי באַקאַנט, מעג אַן אַרעסטירטער לויטן געזעץ נישט געבן קיין דערקלערונגען דער פּאָליציי. ער האָט רעכט זיינע עדות־דערקלערונגען אָפּ־געבן דעם ריכטער־אויספאָרשער.

איז געווען די שאלה, ווי אַזוי גיט מען צוּוויסן אונדזערע חברים, זיי זאָלן זיך אַזוי אויפפירן. מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט, אַז זיי זיצן אין טורמע אין אַ באַזונדערער קאַמער און אַז זיי ווערן זייער שטאַרק באַוואַכט.

איז באַשלאָסן געוואָרן, צו אָרגאַניזירן דעם ענין אַזוי: איינער פון די הגנה־חברים דאַרף כלומרשט אַ שיכורער זיך אַרומדרייען אין די גאַסן אָן אַ ציל, אין פאַרדעכטיקע אומשטענדן. דער חבר, וואָס איז אויס־געוויילט געוואָרן פאַר דער דאָזיקער ראָל האָט מסכים געווען צו זיין דער קרבן. ער איז פאַרהאַלטן געוואָרן דורך אַ יידישן פּאָליציאַנט פון אונדזערע טרייע מענטשן און איז געבראַכט געוואָרן פאַר אַן אָפיציר — איינעם פון אונדזערע חברים — יענער האָט גלייך אָנגעשריבן אַ פּראָטאָקאָל, גע־

עפנט קעגן אים אַ קרימינעלן ענין און האָט געגעבן אַ באַפעל תיכף אים אַריבערצופירן אין טורמע פון יפו. מ׳האָט אים געקייטלט די הענט און אָפּ־געפירט קיין יפו אונטער אַ שטרענגער וואַך.

איידער אונדזער חבר איז געוואָרן אַ „שיכור" און איז אַרעסטירט געוואָרן, זיינען אים, פאַרשטייט זיך, איבערגעגעבן געוואָרן די קלענסטע פּרטים פון דער צרה וואָס איז געשען, און מ׳האָט אים אויך איבער־געגעבן דעם פּאַראָל, וואָס מיט זיין הילף וועט ער זיך קענען פאַרבינדן מיט די אַרעסטירטע חברים און איבערגעבן זיי די אָנווייזונגען. די רעזשיסור איז געלונגען אויפן בעסטן אופן. דער „פּאַרדעכטיקטער" האָט געפונען אַ געלעגנהייט איבערצוגעבן אונדזערע פאַרהאַלטענע חברים דעם באַפעל, זיי זאָלן שווייגן. זיי האָבן גלייך טופס געווען די כוונה פון דער דאָזיקער עצה. דאָס וואָס שוין אין דער ערשטער נאַכט פון זייער אַרעסט האָבן זיי באַ־קומען פון אונדז אַ לעבעדיקן גרוס, האָט זיי שטאַרק דערמוטיקט.

צוזאַמען מיטן באַפעל וועגן שווייגן האָט דער „שיכור" זיי איבער־געגעבן אַז ווען מ׳וועט זיי ברענגען אפילו גאַנץ פריי פאַרן ריכטער־אויס־פאַרשער זאָלן זיי לייקענען שטיין און ביין; זיי האָבן גאָרנישט געוווסט וועגן דער אַמוניציע, וואָס איז געווען אין דער מאַשין, נישט זיי האָבן אונ־טערהאַנדלט מיט די אָפיצירן און זיי האָבן קיינמאָל נישט געהאַט בדעה צו קויפן עפּעס פאַרבאָטענע זאַכן. די מעשה איז געווען פשוט: דער סוחר — דער קונה און דער פאַרקויפער פון ברוכוואַרג — האָט געוואָלט אָפּ־קויפן ביי די אָפיצירן אַ געניצטע מאַשין און ער האָט איינגעלאַדן די אַנ־דערע צוויי ווי פאַכלייט פאַר אויטאָס זיי זאָלן די מאַשין באַטראַכטן: איי־נער איז אַ מומחה אויף באַטעריען און דער צווייטער איז אַ מומחה אויף מאָטאָרן.

ווי ס׳האָט זיך נאָך דעם אויפגעקלערט האָבן די בחורים זיך איינגע־חזרט די דאָזיקע דערקלערונג און האָבן באַטראַכט לכתחילה אַלע מעגלעכ־קייטן און שטרויכלונגען כדי זיי זאָלן קענען איינהאַלטן זייער פּאָזיציע.

די אַרעסטירטע זיינען געבראַכט געוואָרן צו דער פּאָליציי־אַישער אויספאָרשונג, אָבער זיי האָבן קיין שום דערקלערונגען נישט אָפּגעגעבן. דעם דאָזיקן פּרווו האָט מען איבערגעחזרט פיל מאָל און אַזוי האָט מען זיי געהאַלטן אַ גאַנצן חודש, ביז זיי זיינען צום סוף געבראַכט געוואָרן פאַרן ריכטער. די פּאָליציי האָט צוגעגרייט אַ גראָב־בייכיקע טעקע, פול מיט ראַפּאָרטן, צייכענונגען און עדות־זאָגערייען פון די אָפיצירן, פּראָוואָ־קאַטאָרן און דעטעקטיוון, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דער פּראָוואָ־קאַציע. די פּאָליציי איז געווען זיכער, אַז קעגן די באַשולדיקטע וועט אַרויסגעגעבן ווערן אַ האַרבער פּסק־דין. זיי האָבן קיין ברעקל ספק נישט געהאַט, אַז געווער־סוחרים וועלכע האָבן אָנגעלאָקט אָפיצירן פון מיליטער פון זיין מאַיעסטעט צו גנבענען און צו פאַרקויפן אַמוניציע און וועלכע

זיינען בשעת מעשה געכאַפּט געוואָרן — וועלן פאַרמשפּט ווערן אויף אַ לאַנגיאָריקער געפענגעניש.

דער פּראָקוראָר האָט דערקלערט צום סוף פון זיינע טענות, אַז זעלטן זיינען די פאַלן, ווען סוחרים וועלכע האַנדלען אומלעגאַל מיט געווער זאָלן געכאַפּט ווערן אין רעכטן ברען פון זייערע פאַרברעכערישע מעשים. די האַרבע שטראָף וועלכע ער פאָדערט פאַר זיי וועט אוודאי זיין אַ וואָרע־נונג פאַר אַנדערע, זיי זאָלן הערן און זאָלן מורא האָבן.

דער אַדוואָקאַט שוחט האָט זיך פאַררופן אויף דער עדות־זאָגעריי פון ביידע באַשולדיקטע און האָט געטענהט אַזוי:

„זיי זיינען געקומען קויפן אַן אַלטע מאַשין לויטן פאַרשלאָג פון איר געזעצלעכן אייגנטימער, איינעם פון די אָפיצירן. און אָט איז ערגעץ גע־מאַכט געוואָרן אַ פּראָוואָקאַציע־געשעפטל. די פּאָליציי האָט פאַרשטעקט אין הינטערשטן טייל פון דער מאַשין קאַסטנס קוילן, מיט דער כוונה צו פאַרפירן אָרנטלעכע בירגער. גיין אויף אַזעלכע פּסולע וועגן הייסט נישט נאָר געהאַנדלט קעגן געזעץ נאָר אויך קעגן יעדער מענטשלעכער עטיק. די באַשולדיקטע האָבן די אַמוניציע אין די אויגן נישט געזען. זיי האָבן נישט געוווסט וועגן די קאַסטנס און אויך נישט וואָס עס ליגט אין זיי. עפּעס איז געווען אין דער מאַשין צוגעדעקט מיט דעקעס, אָבער עס איז זיי אויפן געדאַנק נישט געקומען, אַז די וואָס האָבן פאַרגעלייגט די מאַ־שין צו פאַרקויפן זאָלן מאַכן אַ יד־אחת מיט אינטריגאַנטן כדי אונטער־צושטעלן זיי אַ פיסל...“

און דאָ איז אַריבער דער אַדוואָקאַט צו יענעם פאַרמעלן פּונקט, אויף וועלכן ער האָט זיך געשטיצט אין זיין פאָדערונג צו באַפרייען די באַ־שולדיקטע. ער האָט געזאָגט:

„די באַשולדיקטע האָבן זיך נישט געפונען אין דער מאַשין, נאָר צוויי פון זיי זיינען צוגעגאַנגען זי באַטראַכטן און דער דריטער איז געשטאַנען פון דער זייט. עטלעכע טריט ווייטער, מחמת ער פאַרשטייט גאָרנישט אין הלכות־אויטאָס. וואָלטן זיי געווען געווער־סוחרים וואָלטן אַלע דריי צוגע־גאַנגען צו דער מאַשין, ווייל אין אַזעלכע פאַלן, ווען עס האַנדלט זיך וועגן אומלעגאַלער סחורה, דאַרף מען דאַן די מלאכה אָפּטאָן וואָס גיכער און אויסבאַהאַלטן תיכף די סחורה, וואָס קען זיי אַרויסגעבן...“

בקיצור, צו וואָס זאָלן מיר דאָ לאַנג ברייען? מיר וועלן זיך נישט אָפּשטעלן אויף דער יורידישער מאָטיווירונג פון אַדוואָקאַט. דער ריכטער האָט אָנגענומען זיינע אַרגומענטן און האָט די באַשולדיקטע פולשטענדיק פרייגעשפּראָכן. אָבער איידער דער ריכטער איז אַראָפּ פון זיין פּאָדיום, האָט ער געלאָזט פאַלן אַ שטעך־ווערטל אויפן אַדרעס פון דער פּאָליציי:

„איר האָט קיין געדולד נישט געהאַט, איר האָט זיך צוגעאיילט צו

פאַרהאַלטן די מאַשין, איידער זי האָט זיך פון אָרט גערירט. צוליב אייער אומגעדולד האָט איר דעם שפּיל פאַרשפּילט"...

פון וואַנען באַקומען מיר געווער?

איינע פון די וויכטיקסטע אויפגאַבעס פון דער הגנה איז געווען צו פאַרגרעסערן די רעזערוון פון געווער — פון יעדן מעגלעכן וואָפן. יעדע נייע כוואַליע אומרוען און יעדער נייער ישוב וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן פלעגן אויסליידיקן די מאַגאַזינען און מ'האָט באַדאַרפט באַנייען די רעזערוון, באַזונדערס נאָך די געשעענישן אין די יאָרן תרצ"ו — תרצ"ח (1936 — 1938).

די אָפּטיילונג פאַר געווער־איינקויף ביים הגנה־צענטער וועלכע איז באַשטאַנען פון די בעסטע געוואַגטע חברים, פלעגט נאָכשפּירן יעדן מקור פון געווער וואָס האָט געקענט פאַרגרעסערן די רעזערוון. איר נעץ איז געווען אויסגעשפּרייט איבער אַלע טיילן פון לאַנד, און דער ש"י האָט איר געהאָלפן אין איר ספּעציעלער אויפגאַבע.

די הילף פון ש"י איז דאָ נייטיק געווען כדי אויסצומיידן פאַרדרייעניש און פאַסטקעס. ש"י האָט געזאַמלט ידיעות וועגן אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין די מחנות פון בריטישן מיליטער — פאַרן איינקויף פון געווער און נאָך דעם: צי איז עפּעס די פּאָליציי אָדער דער אַרמיי־שטאַב נישט דערגאַנגען וועגן דעם טריפהנעם עסק, און אויב יענע האָבן יאָ וואָס ס'איז דערשמעקט — איז וואָס פאַר אַ מיטלען האָבן זיי אָנגענומען; צי זוכט מען עמיצן, צי איז עמיצער אַרעסטירט געוואָרן אין דער מחנה, אָדער צי איז אויף עמיצן געפאַלן אַ חשד; אין וואָס באַשולדיקט מען דעם אַרעסטירטן און אויב ער איז אויסגעפאָרשט געוואָרן — וואָס פאַראַ סודות האָט ער אַרויסגעגעבן; צי האָט ער אָנגערופן נעמען און צי האָט ער דערציילט וועגן די באַגעגענישן און די ערטער וווהין דאָס געווער איז געבראַכט געוואָרן, וכדומה.

די דאָזיקע פּרטים זיינען געווען וויכטיק כדי די איינקויף־אָפּטיילונג זאָל קענען פאָרזעצן אירע קניות און כדי זי זאָל וויסן, צי קען מען ווייטער אָנהאַלטן געוויסע פאַרבינדונגען אָדער מ'דאַרף זיי איבעררייסן. אין פאַל ווען די אָפּטיילונג האָט נישט אַרויסבאַקומען די דאָזיקע ידיעות, האָט זי געמוזט בכלל זאַמלען אינפאָרמאַציע — אַ זאַך וואָס האָט פאַרשווערט איר אַרבעט.

ווי געזאָגט, האָט מען ביים איינקויפן פון געווער זיך באַנוצט מיט אַלע מעגלעכע מקורות. אַ חוץ געווער־טראַנספּאָרטן, וועלכע פלעגן אָנקומען פון חוץ לארץ אויף כלערליי דרכים און דורך פאַרשיידענע קאַנאַלן — פלעגט מען איינהאַנדלען געווער פון פּריינט און פון שונאים, פון אַראַ־

בער און פון ענגלענדער, דורך דער פאַרמיטלונג פון הויכע רעגירונגס־באַאַמטע אָדער אָפיצירן. די עיקרדיקע פראַגע איז געווען צו וויסן רעכטצייטיק צי ווערט נישט צוגעגרייט אַ פּאַסטקע. מיט דער הילף פון ש״י, זיינע פאַרבינדונגען און זיינע ידיעות האָט די איינקויף־אָפּטיילונג געקענט אָפּט זיך דערקונדיקן ווער עס איז דער פאַרקויפער פון געווער, אָדער וואָס פאַר אַ פאַרשוין איז דער יעניקער וועלכער העלפט דורכפירן אַן אומלעגאַלע טראַנזאַקציע.

און אָט איז אַן אָריגינעלע פּאָליצייאישע מיטטיילונג:

* S E C R E T *

To:- DISCID JAFFA, rpt. DISCID HAIFA.

From:- PLACID.

159/18/8/1. 31/3.

Reliably reported consignment two thousand rifles fifty thousand rounds ammunition bombs explosives have been landed Palestine coast near Jaffa stop Can you confirm

Decoded:- J K Rudman

1235 hrs. 31/3.

ג ע ה י י ם

צו:

דער געהיים־פּאָליציי פון דיסטריקט יפו,

געהיים־פּאָליציי פון דיסטריקט חיפה

31/3

פון:

צענטער פון געהיים־פּאָליציי, ירושלים

159/18 /1/ 31/3

פון אַ קאָמפּעטענטן מקור גיט מען איבער, אַז אַ טראַנספּאָרט פון צוויי טויזנט ביקסן, פופציק טויזנט קוילן, אַמוניציע, באָמבעס און אויפ־

רייס־מאַטעריאַל איז אויסגעלאָדן געוואָרן ביי די ברעגעס פון ארץ ישראל נעבן יפו. צי קענט איר באַשטעטיקן?

(חתימה)

שעה 12.35, דעם 31.3.

בריטיש געווער ווערט נעלם

דאָס איז פאָרגעקומען אין אָנהייב 1942.

אַ פּאָליציי־אָפיציר — אַ טרייער חבר פון ש"י האָט אונדז אויפגעוועקט נאָך האַלבער נאַכט און דערציילט, אַז ער ווערט גערופן אין אַ גרויסן מיליטערישן לאַגער אין דרום פון לאַנד צוזאַמען מיט ענגלישע און אַראַבישע אָפיצירן. זיי זיינען באַאויפטראַגט געוואָרן אויסצופאָרשן, ווי אַזוי עס זיינען פּלוצים פאַרשוווּנדן געוואָרן אַרום 300 קאַסטנס אַמוניציע, טראָץ דער שטאַרקער באַוואַכונג פון דעם לאַגער טאָג און נאַכט.

דער דאָזיקער לאַגער איז געווען פאַקטיש אַ גרויסער מאַגאַזין פון אַמוניציע, אַרומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט און באַוואַכט דורך זעלנער. טויזנטער קאַסטנס אַמוניציע זיינען געווען צעשפּרייט איבער אַ ברייטן שטח, ווייל מ'האָט מורא געהאַט פאַר באַמבאַרדירונגען פון דער לופט.

אונדזער חבר דער אָפיציר איז נאָך אין דער זעלביקער נאַכט אָפּגעפאָרן אין לאַגער און נאָך זיין צוריקקער האָט ער דערציילט, אַז די אויספאָרשונג איז נישט געלונגען. זיי זיינען געקומען אין לאַגער און געפּרוווט אַרויסצובאַקומען פון די אָרטיקע אַרמיי־אָפיצירן פּרטים וועגן דער געשעעניש, אָבער דווקא אין דער ערשטער סטאַדיע איז די אויספאָרשונג אַרויף אויף אַ „טויטן וועג". די אָפיצירן האָבן זיך אָפּגעזאָגט אָפּצוגעבן וועלכע ס'איז דערקלערונג, שטיצנדיק זיך אויף דער געוויינלעכער אינסטרוקציע, אַז זיי טאָרן נישט געבן קיין דערקלערונגען דער ציווילער מאַכט, דער פּאָליציי — כל זמן זיי האָבן נישט באַקומען דערצו קיין ספּעציעלע דערלויבעניש פון מיליטערישן הויפּט שטאַב.

„די אַרמיי שטייט נישט צו דער דיספּאָזיציע פון דער פּאָליציי" — האָבן זיי געטענהט. דער דאָזיקער אָפּזאָג האָט געשטעלט די פּאָליציי אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע און האָט געשאַפן אַן אומפריינטלעכע אַטמאָספער צווישן די פּאָליציי־אָפיצירן און די אַרמיי־אָפיצירן.

די פּאָליציי־אָפיצירן, וועלכע זיינען באַאויפטראַגט געוואָרן צו פירן די אויספאָרשונג האָבן זיך אומגעקערט מיט גאָרנישט, נישט אויפקלערנדיק קיין זאַך. נישט געווען קיין ברירה: זיי האָבן געמוזט וואַרטן ביז זיי וועלן באַקומען אַ באַפעל פון דער העכערער קאָמאַנדע, וואָס זאָל עפענען דאָס מויל פון די אַרמיי־אָפיצירן אינעם לאַגער, פון וועלכן עס זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן די קאַסטנס אַמוניציע.

אונדזער חבר האָט אונדז כסדר אינפאָרמירט וועגן דער אַנטוויקלונג פון די געשעענישן, אַזוי, אַז מיר האָבן געקענט קאָאָרדינירן אונדזערע מע־שים. דערווייל איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז יענע קאָסטנס אמוניציע זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אונדזערע „געוועזענע דערלאַנגער”. דער „אַרבעטער". האָבן מיר תיכף אָנגעהויבן צו פאַרווישן די שפורן, וועלכע האָבן געקענט פירן צו די יידישע שאָפערן און אַרבעטער, וועלכע האָבן געאַרבעט אין שכונות פון לאַ־גער ביי שאָסיי־אַרבעט. די אַרמיי־לייטונג האָט אונדז געגעבן דערצו גענוג צייט — אירע מילן האָבן געמאָלן זייער לאַנגזאַם...

די פאָליציי־לייט וועלכע זיינען געווען מער געניט, האָבן תיכף דער־שמעקט די פאַרבינדונג צווישן די פאַרשוווּנדענע קאָסטנס אמוניציע און די שאָפערן פון אַ יידישער בוי־אונטערנעמונג, וועלכע האָבן זיך געפונען אין דער נאָענט. זיי האָבן חושד געווען אויך די יידישע שומרים, וועלכע האָבן געהאַלטן שמירה אין יענער געגנט. לויט די באַדינגונגען פונעם אָרט איז געווען אוממעגלעך דורכצופירן אַזאַ מעשה — אַרויסצופירן די קאָסטנס — אָן זייער הילף. לויט די רייד פון אָפיציר ל. וועלכער איז געווען אויפן אָרט, האָט די פאָליציי באַטראַכט די מעגלעכקייט פון אַרעסטירן די שאָפערן און וועכטער צוליב דער אויספאָרשונג. די דאָזיקע ידיעות און אונדזער חשד, טאָמער האָבן אונדזערע מענטשן איבערגעלאָזט שפורן, וועלכע קענען ברענ־גען צו אַ וועלכער ס׳איז אַנטפּלעקונג — דאָס האָט אונדז געצוווּנגען אונ־טערצונעמען אַ ריי שריט, כדי אויסצומיידן עווענטועלע קאָמפּליקאַציעס און אומגליקן.

אונדזערע ידיעות וועגן די פּלענער פון דער פאָליציי, וועגן דער אינ־פאָרמאַציע וואָס זי פאַרמאָגט, וועגן דער ריכטונג פון איר אויספאָרשונג און אירע כוונות בנוגע אַרעסטן און פאַרשונגען — האָבן אונדז געגעבן אַ גוטע קאָרט אין דער האַנט. מיר האָבן זיך מיישב געווען מיט אליהו גאָלאָמב, וועלכער האָט אָנגעפירט בכלל מיט די געווער־ענינים און האָט אויך געפּלאַ־נעוועט די דאָזיקע אָפּעראַציע. לויט זיין עצה האָבן מיר צונויפגעזאַמלט אַלע אַרבעטער, שאָפערן און שומרים, אויף וועלכע ס׳האָט געקענט פאַלן אַ חשד און מיר האָבן זיך מיט זיי אָפּגערעדט וועגן אַ פּלאַן פון אליבי און וועגן אַ סיפּור־המעשה, וואָס יעדער דאַרף דערציילן אין פאַל פון אַרעסט.

מיר האָבן איינגעלערנט גוט מיט אונדזערע מענטשן דעם איינהייט־לעכן נוסח פון זייער עדות־זאָגעריי. מיר האָבן דערצו צייט געהאַט, מחמת די רייבונגען צווישן מיליטער און דער פאָליציי האָבן געדויערט זייער לאַנג. אונדזער חבר דער פאָליציי־אָפיציר האָט נאָכגעשפּירט אויפמערקזאַם אונ־דזערע באַציאונגען צו פאַרווישן די שפורן און האָט אונדז געהאָלפן מיט אַן עצה און מיט דער אינסטרואירונג פון די מענטשן, וועלכע האָבן געקענט ווערן מיט דער צייט זיינע אַרעסטאַנטן און האָבן געקענט געפאָרשט ווערן דורך אים צי דורך זיינע קאָלעגן — ענגלענדער אָדער אַראַבער.

סוף־סוף האט דער שטאב פון דער בריטישער פאליציי געגעבן אן אנווייזונג די אפיצירן פון דעם לאגער מיטצוארבעטן מיט דער פאליציי. האבן די פאליציי־לייט זיך צוריקגעקערט פון לאגער און פארפירט א ברייטע אויספארשונג. אבער דער באפעל פונעם שטאב איז נישט געווען בכוח צו ענדערן צום גוטן די באציאונגען צווישן דער פאליציי און מיליטער. אדרבא, צווישן די ארמיי־אפיצירן איז געווען פארשפרייט די מיינונג, אז די פאליציי האט געטריבן קעגן זיי רכילות, אז זיי, די ארמיי־לייט, האבן פארנאכלעסיקט די באוואכונג פון דעם לאגער.

לאמיר איצט אנטדעקן — און דאס וועט אונדז זיכער נישט פאררעכנט ווערן פאר א חטא — אז אויך דער ש"י האט מיטגעווירקט פונאנדערצובלאזן דעם ברוגז צווישן ביידע מאכט־ארגאנען, וואס אויך אן דעם זיינען זייערע קעגנזייטיקע באציאונגען נישט געווען קיין געהויבענע. מיר האבן געשטרעבט צו פארשווערן די אויספארשונג מיט אלע מיטלען און וועגן. מיר האבן פארשפרייט אינעם לאגער ריכטיקע ידיעות וועגן דעם חוזק וואס די פאליציי מאכט פונעם מיליטער. מיר האבן אויך פארשטארקט דעם חשד, אז די אראבער, וואס געפינען זיך ארום דעם לאגער, האנדלען מיט געווער און אמוניציע, וואס זיינען געגנבעט געווארן, ווי ס'ווייזט אויס, טאקע פון אט דעם לאגער. דער דאזיקער חשד האט געפונען א באשטעטיקונג אינעם פאקט, וואס אין עטלעכע פאלן זיינען געכאפט געווארן אראבער, וועלכע האבן געגנבעט זאכן צי אמוניציע פונעם לאגער דורך א לאך אין דער פארצוימונג. און באמת, עס איז אויפגעקלערט געווארן, אז ליידיקע קאסטנס פון דער אמוניציע געפינען זיך אויפן שטח צווישן דעם לאגער און דעם אראבישן דארף.

אונדזער חבר, דער אפיציר ל., האט געוווסט, וועגן אונדזערע מעשים און ווען ער איז געקומען אין לאגער אריין מיט זיינע קאלעגן, האט ער „אנטדעקט“ דאס לאך אין דער פארצוימונג און האט צוזאמען מיט א בריטישן סיערזשאנט געפרווט ארייגדרינגען דורכן לאך אזוי, אז די וואך זאל זיי נישט באמערקן. די בריטישע אפיצירן און אראבער האבן געמוזט איינגיין אויפן דאזיקן פרווו כדי די אויספארשונג זאל נישט שיינען צו זיין איינזייטיק און אזוי ארום האבן מיר דורך אט דעם מאנעווער ארויסגערופן א חשד צווישן די בריטן אויך בנוגע די אראבער.

די שומרים, ארבעטער און שאפערן האבן פארגעזעצט מיט זייער ארבעט, ווי געווינלעך. זיי האבן געזען דעם אויפרודער אין לאגער און געמאכט אן אנשטעל, אז דער ענין איז זיי נישט נוגע און קוקן זיך נישט אום דערויף. דורך זייער פארמיטלונג האבן מיר באקומען נייע ידיעות וועגן גאנג פון דער אויספארשונג — א זאך, וואס האט אונדז ווידער פארלייכטערט צו אינסטרואירן די מענטשן, צו פאררעכטן זייערע עדות־דערקלערונגען און צו שאפן פאסיקע פאר אונז „פאקטן“.

סוף־סוף זיינען אַרעסטירט געוואָרן די יידישע שומרים. צען פון זיי זיינען אָפּגעפירט געוואָרן אין דער פּאָליציי אין ראמלע. אין זעלביקן אָוונט זיינען אַרעסטירט געוואָרן אויך אַרבעטער און שאָפערן און זייער אויספאַר־שונג איז געפירט געוואָרן מיט פיל ענערגיע. יעדער איז געפאָרשט געוואָרן באַזונדער. מען האָט זיי געהאַלטן שעהן־לאַנג אונטערן דרוק פון דראָאונגען און אונטער אַ קרייץ־פאַרהער. אייניקע טעג האָבן מיר נישט געקענט מיט זיי זיך פאַרבינדן, ווייל זיי זיינען איזאָלירט געוואָרן אונטער אַ שטרענגער וואַך. אפילו אַן אַדוואָקאַט האָט מען נישט דערלויבט מיט זיי צו ריידן.

פאַרשטייט זיך, די דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ערגעץ צווישן די שטומע ווענט פון דער פּאָליציי־פעסטונג אין דער אַראַבישער שטאָט — אַ דראַמע, אויף וועלכער מיר האָבן נישט געקענט ווירקן — האָט אָנגעפילט אונדזערע הערצער מיט ציטער. מיר האָבן אויסגעקוקט אויפן מאָמענט מיר זאָלן קענען דערגיין צו אונדזערע פעדים האָבן זיך גוט איינגעוועבט אינעם געוועב פון דער דראַמע.

סוף־סוף איז אָנגעקומען די לאַנג־דערוואַרטעטע ידיעה. די אַלע וואָס זיינען געפאָרשט געוואָרן האָבן דעם עקזאַמען אויסגעהאַלטן. די דערציילונג פון איינעם איז געווען אַ גענויע קאָפּיע דערפון וואָס זיין חבר האָט דערציילט. אַנדערע האָבן זיך געמאַכט תמעוואַטע און האָב אויף יעדער פראַגע געענט־פערט, אַז זיי ווייסן נישט. מחמת אַלע עדות־דערקלערונגען האָבן געשטימט און דער אליבי איז געווען אַ פולשטענדיקער, האָבן די אָפיצירן־אויספאַר־שער נישט געקענט מאַכן קיין אַנדער אויספיר, ווי דאָס, אַז אָט די מענטשן זיינען אומשולדיק און מ׳דאַרף מבטל מאַכן דעם חשד אויף זיי — ווייל עס זיינען נישט פאַראַן קיין שום באַווייזן.

אַ הויכער אַראַבישער פּאָליציי־אָפיציר וועלכער האָט זיך געפרייט מיט אָט דער אויספאָרשונג, ווי מיט אַ ווילדער מציאה, האָט זיך ביטער אַנ־טוישט פון אירע רעזולטאַטן. ער האָט געהאָפט, אַז ווען ער פאַקט אַזאַ חברה יידן, וועלכע גנבענען געווער, וועט אים דאָס לכל הפחות ברענגען אַ העכערן ראַנג. צום סוף האָט ער געליטן אַ שווערע מפלה. ער האָט נישט געקענט פאַרהוילן זיין פאַרדרוס און ער האָט געזאָגט:

„מיין אַנטוישונג איז אַ טאָפּלטע: די אומאָרדענונג אין מיליטער איז אפילו אַ גרעסערע פון דער אומאָרדענונג וואָס הערשט אין די ציווילע מאַכט־אָרגאַנען. די מיליטערלייט האָבן אפילו נישט געקענט אונדז אויפקלערן, צי עס זיינען געגנבעט געוואָרן 300 צי 500 קאַסטנס אמוניציע. אויף דער דאָ־זיקער פראַגע וואָלט געקענט ענטפערן נאָר די הגנה, וואָס די קוילן געפינען זיך אין אירע מאַגאַזינען״...

פון זיין מויל האָט אונדזער חבר, דער פּאָליציי־אָפיציר, געהערט דעם גרעסטן שבח וועגן דער אויפפירונג פון אונדזערע מענטשן, וועלכע זיינען געווען אַרעסטירט.

„איין זאַך פאַרשטיי איך נישט, — האָט ער געזאָגט — כ'האָב מיין גאַנץ לעבן געטראַכט, אַז יידן זיינען זייער פּיקחותדיק און אָט אין דער אויספאַרשונג זיינען אַלע שומרים, וועלכע זיינען בלי ספק געניטע הגנה־חברים און אויך די יידישע אַרבעטער, דערשינען ווי פולע „טעמבלס", אָדער אפשר האָבן זיי געמאַכט אַזאַ אָנשטעל?..."

מיטן באַפרייען די פאַרדעכטיקטע איז דער ענין נישט פאַרענדיקט געוואָרן, וויבאַלד דער אַרעסט און די אויספאַרשונג פון די יידן האָבן נישט געבראַכט די דערוואַרטע רעזולטאַטן, — איז געפאַלן דער חשד אויף די אַראַבישע פויערים. עס איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרונטיקע רעוויזיע אין די הייזער פון שכנותדיקן דאָרף. מ'האָט דאָרט געפונען פיל געגנבעטע מיליטערישע זאַכן און אויך געוויסע קוואַנטומס בריטישע אמוניציע.

צווישן מיליטער און דער פּאָליציי האָט זיך נאָך דעם געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ פול מיט קעגנזייטיקע באַשולדיקונגען. אויף דער טעקע איז נאָך דעם פאַרנאָטירט געוואָרן מיט קאָמפּראָמיטירנדיקער פשטות: „אַ טעקע מיט אומבאַקאַנטע רעזולטאַטן".

די מאַגאַזינען פון דער הגנה זיינען רייך געוואָרן מיט הונדערטער טויזנטער קוילן פון סאָרט 303. זיי זיינען פשוט אַוועקגעלקחנט געוואָרן און קיינער איז דערפאַר נישט פאַרמשפּט געוואָרן. ביי אָט דעם עסק זיינען אָנגעווענדט געוואָרן: ווילנס־קראַפט און העזה מצד די געווער־דעראָבערער פון דער הגנה, די אַרבעטס־קאָאָרדינאַציע, התמדה און טריישאַפט פון אונדזער חבר אין דער בריטישער פּאָליציי, וועלכער האָט אונדז צוגעשטעלט די אינפאָרמאַציע וועגן דעם צד שכנגד. דאָס דאָזיקע פאַרמעגן האָט דער הגנה נישט געקאָסט אפילו קיין איין פּרוטה: אויך די שאָפערן, וועלכע האָבן טראַנספּאָרטירט די קאָסטנס אמוניציע האָבן מוותר געווען אויף זייער לוין.

ווי אַזוי דערווערבט מען געווער?

די יעניקע וועלכע האָבן זיך מתעסק געווען מיטן דערווערבן געווער פאַר דער הגנה האָבן זיך תמיד געשלאָגן מיט דער דעה: ווי אַזוי דערווערבט מען עס? און אַזוי האָט אויך די בריטישע געהיים־פּאָליציי פאָרמולירט דאָס פּראָבלעם, אָבער ווען זי פרעגט זיך נאָך ווי אַזוי די הגנה באַקומט געווער, האָט דאָס גאָר אַן אַנדערן באַדייט. זי האָט געוואָלט וויסן פון וואַנעט באַקומט די הגנה דאָס געווער, פון וועלכע קוועלן, ווי אַזוי קומט אָן דאָס געווער אין אירע מאַגאַזינען און וווּ געפינען זיך די דאָזיקע מאַגאַזינען.

ס'וואָלט נישט געקלעקט קיין פּלאַץ איבערצוגעבן דעם אינהאַלט פון אַלע געהיימע פּאָליציי־טעקעס, וועלכע זיינען געווידמעט דעם דאָזיקן פּראָבלעם. איר דורכפאַל אין שטערן די געווער־שמוגלעריי, הן ביי די גרענעצן פון לאַנד און הן אין לאַנד גופא, פלעגט זי דערקלערן מיט כלערליי סיבות

און תירוצים, וועלכע האָבן דערוויזן נאָר איין זאַך: אַז זי שטייט הילפלאָז אין אַנבליק פון דער דאָזיקער אויפגאַבע. אירע כאַראַקטעריסטישע תירוצים זיינען געווען: די באַדן־באַדינגונגען אין צפון פון לאַנד דערמעגלעכן נישט קיין גוטע שמירה; דאָס געזעץ דערלויבט די אַראַבער פון עבר הירדן און די בעדואינער אין דרום פון לאַנד צו האַלטן געווער פאַרן פערזענלעכן שוץ; דער אָפענער ים, וואָס ס'איז אים נישט מעגלעך צו באַוואַכן — דאָס אַלץ פאַרשווערט דעם קאַמף קעגן שמוגלעריי און האַנדל מיט געווער.

די ראַפּאָרטן וועלכע זיינען געשיקט געוואָרן צום בריטישן הויך־קאָמי־סאַר אין לאַנד און צום קאָלאָניאַל־מיניסטעריום אין לאָנדאָן וועגן די ענינים פון אומלעגאַלן געווער, וואָס געפינט זיך אין די הענט פון די ארץ־ישראל־דיקע איינוווינער, — פלעגן איבערחזרן שטענדיק די „היסטאָרישע" טענה, אַזוי צו זאָגן:

„פיל געווער געפינט זיך אין די הענט פון די אַראַבער נאָך פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און פון דעם דרוזישן אויפשטאַנד אין יאָר 1926. לכתחילה האָט מען זיך באַנוצט מיט אים אויף רויב־צוועקן און דערנאָך אין די אומרוען פון די יאָרן 1921 און 1936 — פאַר אָנפאַלן אויף יידן".

לויט דער מיינונג פון די פּאָליציי־עקספּערטן:

„די באַוואָפענונג אין גרויסע מאסשטאַבן פון ביידע צדדים האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 1930 און אָט דאָס געווער איז אויס־גענוצט געוואָרן אין די אומרוען פון 1936".

די דאָזיקע ראַפּאָרטן האָבן געהאַט זייער צוועק. דער אויספיר פון זייע־רע מחברים איז געווען, אַז די רעגירונג דאַרף שטעלן צו זייער רשות עפעק־טיווע מיטלען פאַרן קאַמף קעגן געווער־שמוגלעריי. זיי האָבן געטענהט, אַז אַ גרויסער טייל געווער ווערט געשמוגלט מיטן ים־וועג. דעריבער דאַרף מען אַוועקשטעלן ביי די ברעגעס אַ פאַרשטאַרקטע וואַך און צו דעם צוועק שאַפן אַ ספּעציעלע פּאָליציי־איינהייט מיט אַ געהעריקער צאָל שיפן. און באמת, אין יאָר 1935 איז די דאָזיקע פאָדערונג טיילוויז באַפרידיקט געוואָרן: עס איז געשאַפן געוואָרן אַ ברעג־פּאָליציי. איר אויפגאַבע איז געווען צו באַ־קעמפן יעדע שמוגלעריי, נישט נאָר פון געווער. די קאָמפּעטענץ פון דער נייער פּאָליציי איז געווען אַ ברייטע און איז נישט געווען באַשרענקט אין איר טעטיקייט, אָבער עס זיינען איר נישט געגעבן געוואָרן די געהעריקע מיטלען וועלכע זי האָט באַדאַרפט.

נאָך אין יאָר 1940 האָט די פּאָליציי דערגרייכט איר ציל. עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן פיר ספּעציעלע פּאָליציי־סטאַציעס, עס זיינען איינ־געקויפט געוואָרן פיר מאָטאָר־שיפן וועלכע האָבן פּאַטרולירט דעם ברעג, כדי נישט צו דערלאָזן קיין שיפן צי שיפלעך וועלכע האָבן געפירט די אַזוי־

גערופענע „אומלעגאַלע" עולים ווי אויך געווער. זיי האָבן געהאַט בדעה צו פאַנגען צוויי האָזן מיט איין שאָס: צו כאַפּן געווער, וואָס ווערט געבראַכט פאַר דער הגנה און „אומלעגאַלע" יידן־עולים.

פאַרשטייט זיך, אַז עס איז געווען אַ געוויסע שיטה אין די באַמיאונגען פון די בריטן צו דערגרייכן זייער ציל. אָבער יענע דערפאַרונג, וועלכע זיי האָבן זיך דערוואָרבן אין אַנדערע קאָלאָניעס פון דער בריטישער אימפעריע איז זיי נישט צונוצגעקומען ביי אונדז. די באַדינגונגען זיינען געווען אַנדערע, דאָס פאָלק איז געווען אַנדערשדיק... די בריטישע פּאָליציי אין ארץ ישראל האָט, למשל, זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אָפּצונעמען ביי די איינוווינער דאָס אומלעגאַלע געווער. איז וואָס האָט זי געטאָן? האָט זי אין יאָר 1940 דערקלערט, אַז ווער ס׳וועט איר איבערגעבן אַזאַ געווער, וועט באַקומען אַ געלט־פּרעמיע.

יידן האָבן נישט איבערגעגעבן אפילו קיין איין קויל. אויך צווישן די אַראַבער איז דער אָפּרוף געווען אַ שוואַכער. און ווען די פּאָליציי האָט נישט מצליח געווען מיט גוטן, האָט זי אָנגעהויבן מיט בייזן... ווי באַלד איר דערקלערונג וועגן געלט־פּרעמיעס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט גאָרנישט האָט די רעגירונג באַשלאָסן אָנצונעמען אַ פּאָליטישן שריט, כדי צו באַווירקן די איינוווינער אַז דאָס געווער זאָל אָפּגעגעבן ווערן.

אין איינעם פון די פּאָליצייאישע דאָקומענטן, אין וועלכן ס׳ווערט דערציילט וועגן די אָנשטרענגונגען פון דער פּאָליציי אַרויסצוציען דאָס געווער פון דער באַפעלקערונג, ווערן יידן געטאַדלט דערפאַר וואָס זיי האָבן זיך נישט אָפּגערופן אפילו אויף דער ווענדונג פון אַ העכערער אינסטאַנץ. דער אַרמיי־קאָמאַנדיר, גענעראַל זשיגפרעד האָט אין יאָר 1940 איינגעלאַדן יידישע פאַרשטייער און געפאָדערט זיי זאָלן אָפּגעבן דאָס אומלעגאַלע געווער. אָבער ער איז געווען געצוווּנגען מודה צו זיין אין זיין ראַפּאָרט:

> „זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט, פּונקט ווי זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט איינצוגיין אויף אַן אַלטערנאַטיוון פאָרשלאָג, זיי זאָלן לכל הפּחות מעלדן, וויפל געווער זיי פאַרמאָגן".

די דאָזיקע פּרוּוון האָבן זיך איבערגעחזרט פאַר דער גאַנצער צייט פון דער מאַנדאַט־הערשאַפט אין לאַנד. אין לעצטן יאָר פון אָט דער הערשאַפט איז דאָס פּראָבלעם געווער אין יידישע הענט געוואָרן דער שוואַכער פּונקט פון דער רעגירונג. אין אַ באַריכט פון דער רעגירונג אין 1947 ווערט געזאָגט:

> „וואָס איז נוגע יידן — זיינען פאַראַן געגוג באַווייזן פון אַ פּלאַנירטן און סטאַבילן געווער־שמוגל. אינעם שמוגלען געווער אין לאַנד אַריין אויף אַלע וועגן האָבן יידן אַרויסגעוויזן אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן און זעלטענע איינפאַלן".

אַזאַ איז געווען די מיינונג פון דער מאַכט וועגן דער יידישער געווער־אָרגאַניזאַציע. אָבער זייער האַנט האָט נישט דערלאַנגט צו ענדערן די ווירק־לעכקייט.

זיי פּרווון טרעפן...

די בריטישע מאַכט האָט געהאַלטן, אַז די מאַגאַזינען פון דער בריטי־שער אַרמיי, ס׳הייסט די מאַגאַזינערן גופא, האָבן געליפערט אומלעגאַל געווער צו יידן און אַראַבער צוגלייך. לויט איר מיינונג האָבן ביידע צדדים געמאַכט דאָס געשעפט דורך גנבה און שוחד. יידן פלעגן אויספירן איבער־פאַלן אויף די אַרמיי־מאַגאַזינען. די בריטישע ראַפּאָרטן רעכענען אויס פיל פאַלן ווען יידן האָבן דערוואָרבן געווער מיט אַזעלכע „פּסולע״ מיטלען. אָט ווערט למשל דערציילט:

„אין יאָר 1943 האָבן זיי אַרויסגעגנבעט פון אַ מיליטערישן מאַגאַזין 300 ביקסן. אין איין פאַל האָבן זיי צוגענומען דעם גאַנצן רעזערוו מינעס פון אַ מאַגאַזין, דערביי האָבן זיי פאַרכאַפּט 27 קאַסטנס מינעס, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן אויפרייס־מאַטעריאַל פון אַ געפערלעכן מין צוזאַמען מיט 22 מאַשין־געווער און 227 ביקסן״.

און אָט איז אַן אָריגינעלע ידיעה וועגן געווער־שמוגל:

SECRET

To;- Discid Haifa, Jaffa, Gaza, Acre.

From;- Placid.

~~X~~159/1/11/S. 14/6. A consignment of ~~xxxx~~ arms for Jews expected within next few days.

Arms be lieved to be coming on a ship.

Port and Marine and Coastguard stations to be on look out.

Decoded by D/Sgt. Jones.

ג ע ה י י ם

צום
געהיים־דינסט פון דיסטריקט חיפה, יפו, עזה, עכו
פון: צענטער פון געהיים־דינסט

159/1/11 14/6

ס׳ווערט דערוואַרט אַ געוועער־טראַנספּאָרט פאַר יידן אין משך פון די באַגענמסטע טעג. מ׳איז משער, אַז דאָס געוועער וועט אָנקומען מיט אַ שיף.
די האַפן־סטאַציעס און די ברעג־וואַך דאַרפן שטיין אויף דער וואַך.
(חתימה)

אין שייכות מיט דער מעשה פון די דריי הונדערט ביקסן, וועלכע ווערן אויבן דערמאָנט, ווילן מיר צוגעבן אַט וואָס: דער קאָמאַנדיר פון ש״י האָט געהאַט אַ באַגעגעניש מיט דעם חבר פון דער הגנה, וואָס האָט דורכגעפירט די דאָזיקע אָפּעראַציע און וועמען ער האָט געוויזן דעם באַריכט און דעם צירקולאַר, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען האָבן פונאַנדערגעשיקט בנוגע דעם ענין צו אַלע פּאָליציי־סטאַציעס אין לאַנד. אין צירקולאַר איז געזאָגט געוואָרן אַז מ׳האָט אַרויסגעגנבעט 300 ביקסן פון ענגלישער פּראָדוקציע און עס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן פּרטים ווי אַזוי די אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן און ווער עס ווערט דערין פאַרדעכטיקט. דער הגנה־חבר האָט אויסגעהערט די פּרטים פון צירקולאַר ביזן סוף און האָט געזאָגט כלומרשט מיט פאַר־ביטערונג:

— דאָס איז אַ ליגן! זיי גיבן איבער נישט ריכטיקע ידיעות...

ער ווערט אויפגעלייגט און גיט צו:

— זיי האָבן געבעך אַ טעות געהאַט אין די ציפערן, זיי האָבן שלעכט געציילט. גיב זיי איבער, אַז דאָרטן זיינען נאָך געווען 12 בייע שטיק פון מאַשין־געוועער, וועלכע זיינען נאָך אפילו נישט אַרויסגענומען געוואָרן פון זייער אָריגינעלער פאַרפּאַקונג...

ער האָט זיך אַ ווײַלע פאַרטראַכט. זיך צעשמייכלט און געזאָגט צום קאָמאַנדיר פון ש״י:

— גיב זיי נאָך איבער, אַז זיי זאָלן פאַרריכטן דעם טעות, אַז נישט וועלן זיי נאָך דעם האָבן צרות, ווען זיי וועלן דאַרפן קאָנטראָלירן די ביכער פון מאַגאַזין...

אינעם ראַפּאָרט פון דער רעגירונג זיינען נאָך געווען אַנדערע אומ־פּינקטלעכקייטן בנוגע דעם אופן ווי אַזוי די הגנה פלעגט דערווערבן גע־ווער. קענטיק, אַז די אינפאָרמאַציע־קוואַלן פון דער פּאָליציי זיינען אויך אין דעם פּרט געווען צרהדיק.

דער געהיימניספולער איזאַק

ווער איז געווען דער קליינער איזאַק, וואָס אויף זיין נאָמען איז אָנגעקומען אַ טראַנספּאָרט צעמענט אין פעסלעך, אין וועלכע ס'איז געווען פאַרשטעקט געווער? דאָס איז געבליבן אַ רעטעניש פאַרן בריטישן געהיים־דינסט. אמת, ס'איז געווען אין לאַנד אַ מענטש, וואָס האָט געהייסן „העברי דער קליינער" — אַן אַראַבישער אַדוואָקאַט פון ירושלים, וועלכער פלעגט פאַרטיידיקן אַראַבישע טעראָריסטן אין געריכט. אָבער וואָס באַדייט „איזאַק דער קליינער"? דער דאָזיקער נאָמען האָט צעמישט די מוחות פון די יעניקע באַאַמטע, וועלכע האָבן געדאַרפט לייזן די רעטעניש און קודם כל פעסטשטעלן: צי דאָס געשמוגלטע געווער איז געווען באַשטימט פאַר יידן, פאַר אַראַבער אָדער אפשר גאָר — פאַר די אַביסיניער, וואָס זייער לאַנד איז דאַן געשטאַנען אין קאַמף קעגן דעם פאַשיסטישן אַגרעסאָר?

דעם שליסל צו דער דאָזיקער רעטעניש האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט די הגנה־מענטשן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די געווער־עסקים.

אין די פעסלעך זיינען געווען מאוזער־רעוואָלווערן, קוילן און אַנדערע מינים געווער, וועלכע זיינען געווען באַשטימט פאַר דער הגנה. די שיף איז געשיקט געוואָרן אין יפו־האַפן (דער תל־אביבער האַפן האָט נאָך דאַן נישט עקזיסטירט), כדי דאָס געווער זאָל אויפן קירצסטן וועג דערגרייכן פון ים אין די נאָענטע מאַגאַזינען. בשעת מ'האָט די פעסלעך אויסגעלאָדן האָבן די ש"י־מענטשן זיך באַמיט אָפּצוציען דערפון די אויפמערקזאַמקייט פון די פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון: מען איז צוזאַמען מיט זיי געזעסן, געשמועסט, געכאַפּט אַ טרונק. אין דער זעלביקער צייט האָבן זיך געטראָגן איבער די גאַסן פון דער אַראַבישער יפו אויטאָס אָנגעלאָדן מיט פעסלעך צעמענט אין דער ריכטונג צו די הגנה־מאַגאַזינען.

עטלעכע טראַנספּאָרטן זיינען אָנגעקומען אין די מאַגאַזינען בשלום. מ'האָט פיבערדיק געאַרבעט כדי וואָס גיכער אַרויסצונעמען דאָס געווער פון די פעסלעך און צו פאַרווישן די שפּורן — ווייל מ'האָט געהאַט אַ חשד, אַז עס קען פּאַסירן אַן אומגליק מיט די ווייטערדיקע טראַנספּאָרטן. מיט דער דאָזיקער אַרבעט האָבן זיך באַשעפטיקט די אָנפירער פון דער הגנה אַליין, און אויך אליהו גאָלאָמב ז"ל. געשלעפּט אויף די פּלייצעס די שווערע פעסלעך. אין יעדן פעסל איז געווען אַ בלעכערנער קאַסטן, וואָס האָט געוויגן אַרום 40 קילאָ. עס איז געווען פאַרשטענדלעך פאַרוואָס די דאָזיקע טרעגער־אַרבעט איז געמאַכט געוואָרן דורך די חברים פון הגנה־צענטער אַליין. זיי האָבן נישט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין צו ברייט דער קרייז מענטשן, אפילו אין דער הגנה, וואָס זאָל וויסן דעם סוד. האָבן זיי שווער געהאָרעוועט צוזאַמען מיט אַ מנין העכערע הגנה־אָפיצירן.

זיי האָבן געאַרבעט מיט התלהבות, פּונקט ווי פּלאָם־פייערדיקע חסי־

דים וועלכע זיינען זיך מתעסק מיט אַ מצווה. איינער עפנט אַ פעסל, דער צווייטער שיט איבער דעם צעמענט, דער דריטער שטרענגט אָן אַלע זיינע כוחות אַרויסצוציען דעם קאַסטן מיט דער טייערער משא, כדי אַריבערצו־פירן עס אין דעם באַשטימטן אָרט, אין אַ וויטן „סליק".

פון די 300 פעסלעך צעמענט האָבן איבער אַ העלפט אנטהאלטן געווער. צוויי אַזעלכע צעמענט־טראַנספּאָרטן זיינען אָנגעקומען און אויסגעלאָדן גע־וואָרן אין דער פולער אָרדענונג. אָבער צום דריטן מאָל איז געשען אַ דורכ־פאַל, צוליב אַן אומפאַראויסגעזעענער סיבה.

דער פאַל איז געוואָרן אַ וויכטיקע דאַטע אין דער געשיכטע פון דער הגנה. דאָס איז געשען דעם 16טן אָקטאָבער 1935. בשעת דער אויסלאָדונג איז אַ פעסל אַראָפּגעפאַלן און צעבראָכן געוואָרן. צוליבן קלאַפּ האָט אויך געפּלאַצט דער בלעכערנער קאַסטן, וואָס איז געווען פאַרשטעקט אין פעסל און עס זיינען פון דאָרט אַרויסגעפאַלן עטלעכע קוילן, וואָס האָבן זיך צע־שאָטן אויף דער ערד. אַן אַראַבער, אַ האַפן־אַרבעטער, האָט דאָס באַמערקט איז ער גלייך געלאָפן אין דער פאָליציי, איבערגעגעבן די בשורה און די פאָ־ליציי האָט תיכף פאַרהאַלטן דעם גאַנצן טראַנספּאָרט.

פאַרשטייט זיך, ס'איז תיכף פאַרפירט געוואָרן אַ גרונטיקע אויספאָר־שונג. מ'האָט קאָנטראָלירט די דאָקומענטן פאַר טראַנספּאָרט, מ'האָט אויס־געפרעגט די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום די פעסלעך צעמענט — הכלל דער גאַנצער געהיים־דינסט איז אויפגעשטורעמט געוואָרן. אָבער די רעזולטאַטן זיינען געווען נישטיקע. קיינער איז נישט געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט פאַרן שמוגלען דעם דאָזיקן טראַנספּאָרט. די פאָליציי האָט קיינמאָל נישט געקענט אַנטדעקן דעם סוד. דאָס איז געווען אַן אָפּעראַציע וואָס איז פּלאַנירט געוואָרן ביז די קלענסטע פּרטים, עס זיינען גענומען געוואָרן אין באַטראַכט אַלע מעגלעכקייטן. אמת, עס זיינען אַרעסטירט גע־וואָרן צוויי מענטשן, וועלכע האָבן איבערגעפירט די פעסלעך, אָבער זיי האָבן באמת נישט געוווּסט וואָס זיי פירן און ווייל ס'איז קעגן זיי נישט געווען קיין שום באַווייז, האָבן די אָנפירער פון דער אויספאָרשונג געוווען געצוווּנ־גען זיי צו באַפרייען.

די טראַנספּאָרט־דאָקומענטן זיינען געווען אויסגעשטעלט אויפן נאָמען פון איינעם „איזאַק דער קליינער". און ס'איז נישט געווען צו דערגיין, צי איז דאָס אַ ייד, אַן אַראַבער, גריך אָדער אַביסיניער. דער פאָדים פון דער אויספאָרשונג האָט געפירט קיין בעלגיע, פון וואַנעט דער טראַנספּאָרט איז אַרויסגעשיקט געוואָרן, אָבער אויך דאָרטן האָט מען נישט געקענט קיין זאַך אויפקלערן. מ'האָט נישט געקענט דערגיין ווער עס איז דער גוסטאַוו ברע־ווערט, וועלכער האָט דעם צעמענט אַרויסגעשיקט.

אין דער טעקע פון דער פאָליציי האָבן זיך אָנגעהויפט פיל דאָקומענטן, פּראָטאָקאָלן, באַריכטן און צעטלעך. און אַז מ'האָט שוין נישט געהאַט וואָס

צוצוגעבן, האָט מען די טעקע אַריבערגעפירט אין אַן אַרכיוו — אויפן פּלאַץ, וואָס איז באַשטימט פאַר „אומבאַקאַנטע פאַלן"...

אין די באַריכטן פון דער פּאָליציי פאַרן יאָר 1935 וועגן געווער וואָס מ'האָט קאָנפיסקירט, פעלן פּרטים וועגן דעם געווער, וואָס האָט זיך געפונען אין די פעסלעך צעמענט. מעגלעך אַז מ'האָט דעם דאָזיקן ענין פאַרווישט צוליב דעם חשד, וואָס די אויספאָרשער האָבן געהאַט, אַז דאָס געווער איז אפשר געווען באַשטימט פאַר די אַביסיניער.

אויך אין דאָזיקן פאַל, ווי אין אַנדערע פאַלן האָט ש"י געוווסט וועגן דער אויספאָרשונג פון דער פּאָליציי אין אַלע אירע סטאַדיעס. האָט געהאַט אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן יעדן באַריכט און פּראָטאָקאָל, יעדער עדות־דערקלערונג און טעלעגראַם, וועלכע זיינען איינגעשלאָסן געוואָרן אין דער טעקע, און אויך וועגן ס'רוב שריט, וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט בדעה אָנצונעמען. דאָס האָט געהאָלפן די הגנה־אָנפירער צו פאַרווישן די שפּורן, וואָס האָבן געקענט פירן צו דער אַנטפּלעקונג פון דאָזיקן רעטעניש. אַ זאַך וואָס איז געווען פאַרשטייט זיך אומגעוווּנטשן אין יענע טעג.

**
*

דאָס האָט פּאַסירט אין יאָר 1940. די בריטישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטן זיינען פּלוצלינג דערשינען אין יוגנט־דאָרף בן־שמן, און האָבן אַרומגערינגלט דעם ישוב אָפּשליסנדיק דעם אַריינגאַנג אין דאָרף. לויט מאַפּעס און צייכענונגען, וואָס די אָפיצירן האָבן געהאַט מיט זיך, האָבן זיי זיך גענומען צו צעשטערן ווענט און פונאַנדערצונעמען דילן אין יענע ערטער, ווו עס זיינען געווען די געווער־באַהעלטענישן פון דער הגנה.

די אומשטענדן פון דער דאָזיקער רעוויזיע האָבן דערוועקט אַ חשד, אַז דאָ איז געווען אַ מסירה.

די פּאָליציי האָט קאָנפיסקירט 30 ביקסן, 5 אויטאָמאַטן, טויזנטער קוילן, ראַדיאָ־זענדערס און אויך אַנדער פאַרמעגן פון דער הגנה. די פּאָליציאַנטן האָבן דאָ מצליח געווען, אָבער פיל טרויעריקער פון אַט דער דאָזיקער הצלחה איז געווען די עצם־מעגלעכקייט פון אַ מסירה. ס'איז געווען קלאָר, אַז די פּאָליציי וואָלט נישט געקענט אַנטדעקן קיין געווער־באַהעלטענישן, וועלכע זיינען איינגעהילט אין אַ טיפן סוד און זיינען געווען באַוווּסט נאָר איינצלנע פּערזאָנען, ווען מוסרים וואָלטן נישט געקומען איר צו הילף.

דער דאָזיקער פאַל איז גיך באַקאַנט געוואָרן אין גאַנצן ישוב און האָט אַרויסגערופן אַ חשד טאָמער וועט דאָס נישט בלייבן קיין איינצלנער פאַל. די אָרטיקע מענטשן האָבן אויך די געהיימניש נישט געקענט דערקלערן. ש"י האָט נישט געקענט זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ער האָט געמוזט ענערגיש דערגיין צום שורש פון דער מיסטעריעזער געשעעניש. מ'האָט פאַרפירט אַן אינערלעכע אויספאָרשונג, וואָס האָט אַרומגענומען הונדערטער מענטשן:

חברים פון דער הגנה און נישט־חברים, שילער, לערער, וועכטער, הגנה־קאָ־מאַנדירן, די אַרבעטער פון יוגנט־דאָרף — ווי אויך יענע וועלכע האָבן זיך גע־פונען צו יענער צייט אויף יענעם אָרט און סיי פיל אַנדערע, וועלכע האָבן דאָרט געאַרבעט פריער און זיינען אַריבער אין אַנדערע ערטער.

ש״י איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַן אויפגאַבע, וואָס איז אים ביז איצט פרעמד געווען. ער האָט געפאָרשט און גענישטערט, און אָפּגענומען עדות־דערקלערונגען. אַלע פּרטים זיינען גענוי פאַרנאָטירט געוואָרן און מ׳האָט די פּראָטאָקאָלן פאַרגליכן צווישן זיך. פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע פאַלן קען אויך דער חשד פון אַ מענטשן זיין סוביעקטיוו. ס׳איז גענוג אַ קליינער פאַראיבל, כדי עס זאָל זיך דערוועקן אַ נעגאַטיווע באַציאונג לגבי וועמען עס איז און דערפון איז נאָר איין שריט ביז אַ חשד. און באמת צווישן די עדות־דערקלערונגען, וועלכע מיר האָבן אויסגעהערט, זיינען געווען אויך נישט זויבערע עלעמענטן, וועלכע האָבן געוואָלט אויסנוצן די געלעגנהייט כדי אָפּצופאַרטיקן פּריוואַטע חשבונות.

אָט די אַלע מאָמענטן האָבן, פאַרשטייט זיך, קאָמפּליצירט די אויס־פאָרשונג און פאַרנעפּלט די אַטמאָספער און דעם קלאָרן אורטיילונגס־כוח — אַזוי אַז ס׳איז כמעט באַשולדיקט געוואָרן אַן אומשולדיקער מענטש. מען איז געווען אויף אַזוי ווייט זיכער אין דער שולד פון דעם „פאַרדעכ־טיקטן", אַז מ׳האָט אפילו געשיקט אַ פאָטאָגראַף אים צו פאָטאָגראַפירן אויפן פאַל, ווען מ׳זאָל אים דאַרפן „ליקווידירן".

דער איבערברוך איז געקומען, ווען מ׳האָט פונדאַסניי קאָנטראָלירט די עדות־דערקלערונגען. די נייע אויספאָרשונג האָט געפירט צום אויספיר, אַז די עדות דערקלערונג, לויט וועלכער עס איז געפאַלן אַ שטאַרקער חשד אויף יענע מענטשן, איז דיקטירט געוואָרן דורכן ווילן אָפּצורעכענען זיך מיט אַ קעגנער — צוליב אַ פּערזענלעכן ברוגז. דער עדות האָט זיך באַצויגן צום ענין לייכטזיניק און האָט זיך אַליין נישט אָפּגעגעבן קיין דין־וחשבון אַז זיין דער־קלערונג קען באַשטימען דעם גורל פון מענטשן — צום לעבן אָדער צום טויט. צו אונדזער מזל, האָבן מיר אַנטדעקט די פעלשונג רעכטצייטיק.

אין דער לעצטער סטאַדיע פון דער אויספאָרשונג האָבן זיך באַטייליקט די אויספאָרשער פון הגנה־צענטער, און אויך צוויי הויכע קאָמאַנדירן. ווען זיי איז נישט געלונגען צו אַנטדעקן די שפּורן פון מסור און פעסטצושטעלן ווער דאָס איז לויט די געגעבענע עדות־דערקלערונגען — האָבן זיי געפּרוווט צו גיין אויף אַן אַנדערן וועג.ביידע קאָמאַנדירן האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַן ענגלענדער פון געהיים־דינסט, און יענער האָט צוגעזאָגט אַנצוווייזן דעם מסור, אויב מ׳וועט אים דערפאַר גוט באַצאָלן. אָבער דאָס געלט וואָס האָט געקאָסט דער „מסור וועגן מסור" איז געגאַנגען לאיבוד. די הגנה־מענטשן, וועלכע האָבן זיך מיט אים פאַרבונדן זיינען דורך אים אָפּגענאַרט געוואָרן, און ס׳איז צוגעקומען אַ נייע געהיימניש. עס איז נישט געווען קלאָר, צי איז

דאָס געווען סתם אַן אַפּנאַרעריי, אָדער מ׳האָט די הגנה־פאַרשטייער פאַר־פירט, כדי נאָך מער צו פאַרווישן דעם ענין...

די מעשה פון בן־שמן איז געבליבן אַ רעטעניש ביזן היינטיקן טאָג. אמת, ס׳האָבן זיך פאַרשפּרייט שפּעטער קלאַנגען, אַז מ׳האָט דעם מסור גע־פּאַקט און אַז ער האָט באַקומען זיין הארבע שטראָף. אָבער לשם דעם היס־טאָרישן אמת דאַרף מען אַפּלייקענען דעם דאָזיקן נישט־ריכטיקן קלאַנג. דער פאַרשוין, וואָס איז שולדיק געווען אין אַרויסגעבן דאָס שוץ־געווער פון בן־שמן, איז נאָך עד היום נישט באַשטראָפט געוואָרן.

אין ס׳רוב פאַלן, ווען די פּאָליציי האָט אַנטדעקט הגנה־געווער איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון אַ שטרויכלונג און ס׳איז נישט געווען קיין אָרט פאַר אַ חשד, אַז דאָ זאָל האָבן געשטעקט די האַנט פון אַ מסור.

אַזאַ פאַל איז געשען אין יאַנואַר 1943. דריי יידישע וועכטער זיינען געפאָרן אין אַ טענדער איבער אַ כביש אין גליל העליון און האָבן מיטגע־פירט אַ קאַסטן מיט צען טויזנט קוילן. צופעליק האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ בריטישן פּאַטרול, וואָס האָט זיי פאַרהאַלטן און געפונען די „סחורה״. אַלע דריי וועכטער זיינען געשטעלט געוואָרן פאַרן גערעכט.

אָפטמאָל איז מען געשטרויכלט געוואָרן מחמת אומפאָרזיכטיקייט. אין סעפּטעמבער 1942 איז געקומען אַ קליינע גרופּע פּאָליציאַנטן אין קיבוץ דפנה. די פּאָליציאַנטן זיינען געקומען אין דער שליחות פון דער מאַכט, כדי אָפּצושאַצן די גערעטעניש. זיי האָבן געפונען צוועלף ביקסן און האָבן זיך אויך פאַראינטערעסירט צי דער קיבוץ האָט אַ דערלויבעניש אויפן געווער. קיין דערלויבעניש איז נישט געווען. האָבן די פּאָליציאַנטן געוואָלט די ביקסן קאָנפיסקירן, אָבער די אָרטיקע מענטשן האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט מיט כוח און נישט דערלויבט אַרויסצופירן דאָס געווער. האָט מען אַרויפגעלייגט אויף דפנה אַ קאָלעקטיווע שטראָף, אָבער אויך דאָס האָט נישט ווייכער גע־מאַכט די הערצער פון די אָרטיקע חברים. און די ביקסן זיינען געבליבן אין קיבוץ.

דער סך־הכל פון די דערגרייכונגען פון דער בריטישער פּאָליציי פאַר אַ תקופה פון צען יאָר (לויט דער טאַבעלע וועלכע מיר האָבן געבראַכט פריער, אויף זייט 21) — דערווייזן אונדז אַ פאַקט, וועלכן מ׳קען נישט גרינגשעצן: די הגנה האָט מצליח געווען, בדרך כלל, אָפּצוהיטן איר געווער פון אַ פרעמדנס אויג.

אין יענע געציילטע פאַלן, ווען דאָס שוץ־געווער איז יאָ אַנטדעקט גע־וואָרן, איז געווען די אויפגאַבע פון ש״י צו אַקטיוויזירן די מקורות פון זיין אינפאָרמאַציע כדי צו אַנטדעקן יעדן פרט אין דער טעטיקייט פון דער ברי־טישער פּאָליציי אין געגעבענעם ענין. ווען עס פלעגט נישט געלינגען משלח צו זיין דאָס געווער און די מענטשן פון אונטער די הענט פון דער פּאָליציי באַלד אין ערשטן מאָמענט, פלעגט מען פרוון ראַטעווען דאָס וואָס עס לאָזט

זיך ראַטעווען „אויפן יורידישן וועג״. מ׳פלעגט, למשל, זיך באַמיען, אַז די עדות־דערקלערונגען זאָלן שטימען, מ׳פלעגט אָנזאָגן די באַשולדיקטע, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך אויפפירן, מ׳פלעגט אויסנוצן די פאַרבינדונגען דורך דער פאַרמיטלונג פון אַדוואָקאַטן וכדומה.

ס׳פלעגט פּאַסירן, אַז דאָס געכאַפּטע געווער האָט מען אַזוי קאַליע־געמאַכט, אַז ווען מ׳האָט עס געבראַכט ווי אַ באַווייז־מאַטעריאַל אין געריכט, האָבן די עקספּערטן דערקלערט, אַז אין אַזאַ צושטאַנד קען דאָס געווער נישט אויסגענוצט ווערן. מיר פלעגן אויך, ווי געזאָגט, אַריבערפירן ידיעות צום באַשולדיקטן גופא אין תפיסה, כדי אים צו דערמוטיקן, אָדער כדי אים צו „באַאַרבעטן״ צום געריכט. ש״י האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז דאָס הויז פון באַשולדיקטן זאָל זיין ריין פון יעטוועדער „פאַרבאָטענער זאַך״. די רייניקונג איז געווען נויטיק, ווייל אין פאַל פון אַרעסט פלעגט די פּאָליציי דורכפירן אַ גרונטיקע רעוויזיע אין הויז פון אַרעסטירטן.

מ׳ברענגט געווער מיט שיפן

מיר מיינען דאָ נישט שווערע האַרמאַטן צי טאַנקן, וועלכע דערשיינען היינט מיט שטאָלץ אויף די פּאַראַדן פון צבא הגנה לישראל. אַזעלכע כלים האָט מען אוודאי נישט געקענט אַריינשמוגלען אין ארץ ישראל, נישט דורכן ים און נישט דורך דער יבשה און מ׳האָט זיי געוויס נישט געקענט פאַרשטעקן אין די געווער־באַהעלטענישן. וואָס פאַרא מינים געווער האָט די הגנה געבראַכט אין יענע טעג? ביקסן, רעוואָלווערן, מאַשין־געווער, אויטאָמאַטן און אַנדערע נויטיקע אַמוניציע. דאָס זיינען געווען די כלים, מיט וועלכע די הגנה האָט באַוואָפנט אירע איינהייטן און דאָס האָט זי געדאַרפט ברענגען מעבר לים, מיט אַלע מעגלעכע מיטלען פון דער ים־קאָמוניקאַציע: מיט די עולים־שיפן און טראַנספּאָרט־שיפן, אין קאָנצענטרירטע טראַנספּאָרטן אין קלענערע פּראַכט־שיפלעך.

ש״י איז געווען דער הויפּט־שותף ביים אויסלאָדן דאָס געווער פון די שיפן און ביים אַריבערברענגען עס אין אַ זיכערן אָרט. מיר וועלן דאָ דערציילן וועגן איינער אַזאַ טראַנספּאָרט־אָפּעראַציע, וואָס האָט זיך געצויגן גאַנצע צוויי יאָר. די דאָזיקע אָפּעראַציע פלעגט דורכגעפירט ווערן סיסטעמאַטיש און רעגולער און אויף אַזאַ אופן האָט מען אַריינגעבראַכט אין לאַנד טויזנטער רעוואָלווערן מיט קוילן צו זיי.

איז זיך געזעסן אין חוץ לארץ כתריאל כ. כלומרשט לשם לימודים. אָבער פּראַקטיש איז זיין אויפגאַבע געווען צו שיקן יעדע וואָך צוויי־דריי „טשעמאָדאַנעס״ געווער. יעדער „טשעמאָדאַן״ האָט געוויגן דורכשניטלעך אַרום 30 קילאָגראַם און האָט אַנטהאַלטן רעוואָלווערן מיט קוילן. געווען אויך וואַליזעס נאָר מיט קוילן.

דאָס איז געווען אַן אַקציע, פּלאַנירט דורכן הגנה־צענטער. פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר איר זיינען געווען אליהו גאָלאָמב ז״ל און שאול א. — צו לאַנגע יאָרן. ביים „עק־בריק״ אין חוץ לארץ פלעגט דאָס געווער איינגעקויפט און פאַרפּאַקט ווערן אין וואַליזעס, וועלכע פלעגן באַצייכנט ווערן מיט אָפּ־געשטימטע סימנים און אָנגעלאָדן ווערן אויף די עולים־שיפן, וועלכע פלעגן אָפּפאָרן קיין ישראל. אויף די שיפן פלעגט מען די וואַליזעס אַוועקלייגן אויף אַ פּאַסיקן אָרט, כדי איינער פון די פאַרטרויטע פּאַסאַזשירן זאָל האַלטן אַן אויג אויף זיי. אָבער דער דאָזיקער מענטש דאַרף נישט נעמען אויף זיך די ראָל פון אַן אייגנטימער — נישט בשעת דער רייזע און אוודאי נישט בשעת די שיף קומט אָן אין האַפן. ווען אַזאַ לאָדונג פלעגט אָפּגעשיקט ווערן קיין ארץ ישראל. פלעגט פון אויסגאַנגס־האַפן געשיקט ווערן אַ טעלעגראַמע מיט די אָפּגעשטימטע סימנים. פון דער טעלעגראַמע פלעגן מיר זיך דערוויסן, אַז דער טראַנספּאָרט געפינט זיך אונטערוועגנס.

ביים צווייטן „עק־בריק״, אין ארץ ישראל, פלעגן געוויינלעך אַרויס־גיין מקבל־פּנים זיין די עולים דער לייטער פון עליה־אַמט פון דער יידישער אַגענץ ד. ל., דער פאַרשטייער פון פּאַראַיין פון פּוילישע עולים נפתלי מיל־שטיין ז״ל, און דער קאָמאַנדיר פון ש״י. די ערשטע צוויי פלעגן אַרויפגיין אויף דער שיף זיך מטפל צו זיין מיט די עולים און דער ש״י־קאָמאַנדיר פלעגט בלייבן אין צאָל־אַמט, פלעגט פירן געמיטלעך אַ שמועס מיט די יידישע און אַראַבישע פּאָליציאַנטן, וואַרטנדיק אַז די וואַליזעס זאָלן אַראָפּ־געבראַכט ווערן פון דער שיף.

ווען מיר זאָלן זיך דערמאָנען, אַז דער פּאָרט יפו איז בעיקר געווען אַן אַראַבישער, שיינט ממש צו זיין אַ נס, אַז אין משך פון דער גאַנצער צייט איז נישט געשען קיין ערנסטער דורכפאַל. די וואַליזעס פלעגן אָנקומען צום ברעג מיט די ערשטע שיפלעך. איינער פון די יידישע טרעגער, וואָס האָט געאַרבעט אין צאָל־אַמט — אַ חבר פון ש״י — פלעגט נעמען אונדזערע וואַ־ליזעס, מיט די באַזונדערע סימנים, און פלעגט זיי אַוועקשטעלן פאַרן פּאָ־ליציאַנט פון צאָל־אַמט, וואָס האָט אויך געוווסט, אַז די וואַליזעס פון אָט דעם טרעגער דאַרף מען נישט עפענען, נאָר מ׳דאַרף זיי באַצייכענען מיט קרייד, וואָס ערשט נאָך דעם קען מען זיי אַרויספירן פון האַפן־געביט אָן אַ ווייטערדיקער קאָנטראָלע.

צווישן די באַאַמטע פון צאָל־אַמט, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן „אַ באַ־זונדערע״ באַציאונג צו אונדזערע וואַליזעס, זיינען געווען אויך אַראַבער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן די דאָזיקע „פריינטשאַפט״ פאַר אַ ספּעציעלער באַלוינונג. די אָפענע פאָרם פון אָט דער מלאכה האָט ביי זיי נישט דער־וועקט קיין שום חשד, אַז אין אָט די וואַליזעס ווערט געשמוגלט געווער. זיי האָבן געמיינט, אַז דאָ האַנדלט זיך אין אַ געוויינלעכן שמוגל פון סחורות און זיי האָבן אויך געוואָלט עפּעס פאַרדינען. און אפשר איז פאַר זיי געווען

באַקוועמער נישט צו גריבלען זיך צו פיל, אַבי זיי זאָלן האָבן אַ ריווח נישט טוענדיק קיין זאַך.

אין געוויסע פאַלן פלעגן מיר שיקן פּאָליציאַנטן פון צאָל־אַמט אויפן דעק פון דער שיף, זיי זאָלן אַליין אַראָפּטראָגן די וואַליזעס. אַ חוץ איינעם פון די צאָל־באַאַמטע וואָס האָט באַקומען פון אונדז אַ נישט־גרויסן לוין, האָבן די אַנדערע יידישע פּאָליציאַנטן און באַאַמטע פון צאָל־אַמט אונדז גע־האָלפן גערנוויליק, פאַרשטייענדיק ווי וויכטיק די זאַך איז פון יידישן נאַ־ציאָנאַלן שטאַנדפּונקט.

דאָס איז געווען איינע פון די זעלטענע אַקציעס, אין וועלכע דער ש״י־קאָמאַנדיר פון דיסטריקט האָט געמוזט פּערזענלעך דערין זיך באַטייליקן. ער האָט אָנגעהאַלטן גוטע באַציאונגען מיט די רעגירונגס־אַנשטאַלטן. מיט דער פּאָליציי און אַנדערע, האָט משגיח געווען אויף די אינפאָרמאַציע־קאַ־נאַלן, זיי זאָלן אַרבעטן רעגולער. די פאַרבינדונגען, וואָס ש״י האָט געהאַט אין האַפן מיט די באַאַמטע, אָפיצירן און פּאָליציאַנטן האָבן געגעבן דעם ש״י די מעגלעכקייט צו נעמען אין זיינע הענט אַריין דעם עסק פון געווער־שמוגל דורכן דאָזיקן האַפן. דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע, וואָס פאַרמער האָט ש״י געדאַרפט נאָר טיילווייז דערין אָנטיילנעמען.

מיט דער צייט, ווען די אויסלאָדונג פון די וואַליזעס אין יפו־האַפן איז גלאַט אָנגעגאַנגען און איז געוואָרן אַ געוויינלעכער ענין, איז געוואַקסן דער אַפּעטיט פון אונדזער חבר כ. וועלכער האָט געשיקט די וואַליזעס פון חוץ לארץ. ער פלעגט אַלץ צוגעבן נייע וואַליזעס, אַזוי אַז צום סוף האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַקומען מיט יעדן טראַנספּאָרט צען וואַליזעס און נאָך מער, און אויך די וואָג פון יעדער וואַליזע איז געוואָרן גרעסער.

דער דאָזיקער „אַפּעטיט" איז אָפטמאָל געווען פאַרבונדן מיט קליינע „פּאַנטשערס", וואָס האָבן געקענט גורם זיין גרויסע דורכפאַלן. צו אונדזער גליק האָט אונדז געדינט די טריישאַפט פון די יידישע האַפן־אַרבעטער, וואָס האָט אונדז געראַטעוועט פון אומגליקן.

איין מאָל האָט איין וואַליזע געפּלאַצט און איר אינהאַלט איז אַרויס אויפן ליכטיקן שיין. דאָס איז געשען אין די מאַגאַזינען פון צאָל־אַמט, אין געטומל פון די אַראַבישע פּאָליציאַנטן און דעם עולם, וואָס האָט זיך גע־פונען אין צאָל־אַמט. צו אונדזער מזל איז דאָס געווער געווען איינגעוויקלט — צוליב זיכערקייט — אויך אין אַ דעק. דער יידישער טרעגער וואָס האָט געדאַרפט די וואַליזע אַרויסטראָגן דורכן טויער, האָט תיכף צוגעדעקט מיט עקן פון דער דעק די אַרויסגעפאַלענע כלים און האָט מיט שטריק פאַרבונדן די וואַליזע, אָבער ער האָט מורא געהאַט צוצוגיין מיט אַזאַ צעפּאַלענעם פּעקל צום צאָל־באַאַמטן. האָט ער אַליין אויף גיך געמאַכט אויף דער וואַליזע דעם קרייד־סימן און האָט זיך אָפּגעטראָגן, נישט דערוועקנדיק קיין חשד. דער באַגאַזש איז אָנגעקומען צו אונדז בשלום.

דער חבר, וואָס איז געזעסן אין חוץ לארץ, האָט געמאַכט די קניות און האָט אָפּגעשיקט די טראַנספּאָרטן, — האָט געהאַט פאַר זיך אַ באַפעל פון דער הגנה: — וואָס מער שפּאָרן געלט. דעריבער פלעגט ער קויפן ביליקע און איינפאַכע וואַליזעס און קערב, אָבער די שווערע וואָג פון די כלים און געווער און די אויפטרייסלונגען אונטערוועגנס — פלעגן שטעלן אין געפאַר די גאַנצקייט פון דעם באַגאַזש.

פונדעסטוועגן איז נישט געשען קיין איין ערנסטער דורכפאַל אין אָט דעם „דעטאַל־האַנדל", וואָס האָט זיך געצויגן אַכצן חדשים. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר אַריינגעבראַכט אין ארץ ישראל 378 וואַליזעס געווער און אַמוניציע, אַן ערך 15 טאָן.

אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע, וועלכע האָט אויך געפּרוווט אַמאָל ברענגען געווער אין וואַליזעס, האָט שוין נישט געהאַט אַזאַ מזל. יענע אָרגאַניזאַציע האָט גאָרנישט אונטערגענומען כדי אַרויסצוברענגען די וואַליזעס פון האַפן. זי האָט אויך דערצו נישט געהאַט די געהעריקע מעגלעכקייטן. די וואַליזעס זיינען דורך די צאָל־באַאַמטע געעפנט געוואָרן און מ׳האָט דאָס געווער געפונען. באַזונדערע סימנים זיינען אויף זיי פאַרצייכנט געוואָרן און ס׳איז דערביי צוגעגעבן געוואָרן אַן אויפשריפט אין אַראַביש: „פאַרהאַלטן דעם יעניקן, וואָס וועט קומען אָפּנעמען די וואַליזעס און עפענען זיי אין דער אַנוועזנהייט פון אָפּנעמער און פון דעם לייטער פון צאָל־אַמט". דאָס איז באַקאַנט געוואָרן די אייגנטימער פון די וואַליזעס און יענע זיינען נישט געקומען אָפּנעמען זיי פון צאָל־אַמט.

אין איינעם אַ טאָג זיינען מיר אַרויסגערופן געוואָרן צו אליהו גאָלאָמב. זיין באַפעל איז געווען מיר זאָלן אומבאַדינגט זען אַרויסצונעמען דאָס געווער. די אַדרעסאַטן פון די וואַליזעס האָבן זיך צו אים געווענדט און געבעטן זיין הילף. זיין מיינונג איז, אַז מ׳טאָר נישט דערלאָזן עס זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער מאַכט יידיש געווער.

מיר וועלן זיך דאָ נישט אָפּשטעלן אויף די איינצלהייטן פון דער קאָמפּליצירטער אַקציע וואָס איז דאַן דורכגעפירט געוואָרן כדי אַרויסצונעמען דאָס געווער. די אַרבעט איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די פּעקלעך זיינען געווען געצייכנט און אָוועקגעלייגט אין אַ פאַרשלאָסענעם אינערלעכן מאַגאַזין פון צאָל־אַמט. זיינען אונדזערע מענטשן אַריינגעדרונגען ביינאַכט אין מאַגאַזין און האָבן אויסגעביטן די וואַליזעס געווער אויף אַנדערע ענלעכע וואַליזעס, וועלכע האָבן אַנטהאַלטן געוויינלעכע זאַכן פון פּאַסאַזשירן, און דאָס געווער איז נאָך אין דער זעלביקער נאַכט געבראַכט געוואָרן קיין תל־אביב. אין אָט דער מלאכה האָבן זיך באַשעפטיקט, אונטער דער לייטונג פון ש״י, פּאָליציאַנטן און באַאַמטע, מיטגלידער פון דער הגנה, וועלכע האָבן אויסגעפירט דעם באַפעל פון דער הגנה ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך.

און אַט גיבן מיר דאָ איבער אַ דאָקומענט וועגן אַריבערשמוגלען גע־
ווער און עולים.

GOVERNMENT OF PALESTINE

IN REPLY PLEASE QUOTE
No. 11/20/SC.

16th. November, 1938.

B./Sgt. Davies, Port & Marine.

B./Sgt. Roblou, Frontier Control.

Subject:- Illegal Immigration and Arms Smuggling.

A report from Greece states that s.s. "Elli" left for Eastellorizzo (Dodecanese) to take on 2,000 rifles which it is expected will be landed between Jaffa and Tel Aviv or somewhere near Cesarea. The place of landing is stated to be near a group of rocks.

2. It is also reported that the same vessel carries 500 illegal immigrants from Rumania.

3. The French steamship "Irini" of Vernikos is due to leave Greece for Galats. to take 200 illegal immigrants of Polish origin.

A.S.P., C.I.D.

די רעגירונג פון פּאַלעסטינע (א״י)
16טן נאָוועמבער 1938
צום בריטישן סערזשאַנט דייוויס, האַפן־פּאָליציי
צום בריטישן סערזשאַנט ראבלו, גרענעץ־קאָנטראָל
אינהאַלט: אומלעגאַלע אימיגראַציע און געווער־שמוגל

1. אַ ראַפּאָרט פון גריכנלאַנד שטעלט פעסט, אַז די שיף „עלי" איז אָפּגעשוואומען קיין איסטעלאַריצא (דאקאנעס), כדי אַנצולאָדן 2.000 ביקסן וועלכע וועלן אויסגעלאָדן ווערן, ווי ס'ווייזט אויס, צווישן יפו און תל־אביב, אָדער ערגעץ־ווו נעבן קיסריה — — —

2. ס'ווערט אויך מיטגעטיילט, אַז די זעלביקע שיף פירט פינף הונ־דערט אומלעגאַלע עולים.

3. די פראַנצויזישע שיף „איריני" פון ווערניקאס וועט אָפּשווימען פון גריכנלאַנד פון גאלאץ כדי אויפצונעמען צוויי הונדערט אומלעגאַלע אי־מיגראַנטן פון פוילישער אָפּשטאַמונג.

חתימה

דער עולה און דער רעוואָלווער

אַ יידישער יונגערמאַן אין גלות, וואָס האָט געלעכצט נאָך אַ חלוצי־שן לעבן אין ארץ ישראל און האָט זיך געגרייט עולה צו זיין, האָט געוווסט, מיט וועלכע מצוות עס איז פאַרבונדן די קאָלאָניזאַציע פון ארץ ישראל — דע־רין איז פאַראַן אויך די מצווה פון זעלבסטשוץ. דעריבער פלעגן פיל פון די עולים־חלוצים ברענגען מיט זיך אַ רעוואָלווער, פאַרשטעקט ערגעץ אין זייע־רע זאַכן. מיר האָבן געהאַלטן פאַר אונדזער חוב נישט איבערצולאָזן אויף הפקר אַזאַ כלי — נישט נאָר דערפאַר, ווייל די חלוצים האָבן עס געהאַלטן טייער, נאָר צוליבן פשוטן פאַקט, וואָס אין יענע טעג איז יעדער רעוואָלווער געווען אַ וויכטיקער צוגאָב צו דער שוץ אַרבעט.

אמת, מיר האָבן נישט אינספּירירט, אַז מ'זאָל ברענגען איינצלנע כלים, ווייל ס'האָט נישט געלוינט זיך אַריינצופּלאָנטערן אין אַ סכנה, בשעת מ'האָט געדאַרפט עס אַראָפּנעמען פון שיף. אָפטמאָל איז די דאָזיקע „שמוגלעריי" געווען אַ סך שווערער און קאָמפּליצירטער ווי דאָס אַראָפּנעמען אַ גרויסן באַגאַזש, אָבער, ווי געזאָגט, האָט מען געמוזט קומען צו הילף אין דעם פּרט די עולים. ס'איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ באַזונדערער געהיים־דינסט פאַר אָט דעם צוועק. דערין האָבן זיך באַטייליקט יידישע פּאָליציאַנטן און רעגירונגס־באַאַמטע, וועלכע האָבן זיך געשטעלט אין געפאַר אפילו צוליב אַן איינצל־נעם רעוואָלווער. זיי פלעגן אַרויפגיין אויף די שיפן און אַראָפּטראָגן דאָס געווער אויף פאַרשיידנאַרטיקע, משונהדיקע אופנים.

געווען אַ מעשה מיט אַ חלוץ, וועלכער איז אָנגעקומען פון רומעניע און איז זיך געשטאַנען ביי דער אָפּצוימונג אויפן דעק פון דער שיף און גע־האַלטן אין האַנט אַ סלוי מיט מאַרמעלאַד. נעבן אים איז געשטאַנען זיין יונגע פרוי און זיך געבעטן ביי אים מיט טרערן אין די אויגן, ער זאָל דעם סלוי אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין. אַ יידישער באַאַמטער, וועלכער איז אַרויף אויפן שיף קאָנטראָלירן די פּעסער, האָט דערהערט דעם שמועס צווישן

דעם פאַרפאַלק און האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדע־נונג מיטן סלוי, האָט ער אַ פרעג געטאָן, צי די מאַרמעלאַד איז קאַליע גע־וואָרן. דער יונגערמאַן האָט געענטפערט: „ניין, אָבער..." און ער האָט אָפּגע־מאָסטן דעם באַאַמטן מיט אַ שאַרפן קוק פון קאָפּ ביז די פיס. דער באַאַמ־טער האָט אַרויסגערופן צוטרוי צו זיך. האָט דער חלוץ צוגעגעבן:

— אָט דער סלוי קען אונדז ברענגען אַן אומגליק, ווייל עס זיינען אין אים פאַראַן פאַרבאָטענע זאַכן איינגעוויקלט אין אַ פּערגאַמענט־פּאַפּיר אונ־טער דער מאַרמעלאַד...

דער באַאַמטער, אונדזערער אַ חבר, האָט תיכּף פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ האַנדלט זיך. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַרן עולה אַלס חבר פון דער „הגנה" און האָט אים באַרויִקט, אַז בשעת דעם צאָל־קאָנטראָל וועט קיינער נישט אָנרירן זיין סלוי. אָבער אויב דער חלוץ קווענקלט זיך קען ער אים איבערגעבן דעם סלוי און ער וועט עס אים אַראָפּטראָגן.

דעם חלוץ איז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן. ער האָט געכאַפּט אַ קוק אויף זיין פרוי, וואָס האָט שוין געהאַט אָפּגעווישט די טרערן און האָט זיך צעשמייכלט. דער סלוי איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין אַ קאַרב און איז דורכ־געגאַנגען די קאָנטראָל אָן שטערונגען. דאָרט איז געווען פאַרשטעקט אַ אָנ־געלאָדענער רעוואָלווער. ענלעכע פאַלן פלעגן פּאַסירן כמעט יעדע וואָך.

ירושלים אָן געווער

אין די ערשטע טעג פון די בלוטיקע געשעענישן אין חודש אב תרפ"ט (1929) זיינען געפאַלן אין ירושלים פיל יידישע קרבנות. די ידיעות וועלכע זיינען אין תל־אביב דערהאַלטן געוואָרן וועגן דעם פאַרנעם פון די געשעע־נישן, האָבן אויפגערודערט הערצער — באַזונדערס ווען ס'איז באַקאַנט גע־וואָרן, אַז די פּאָגראָמטשיקעס האָבן געהאַט פיל הייס געווער, רעוואָלווערן און ביקסן, דאָס איז געווען אַ חידוש לגבי די געשעענישן פון יאָר תרפ"א (1921), ווען די פּאָגראָמטשיקעס האָבן זיך באַנוצט בעיקר מיט שטעקנס און מעסערס. ירושלים האָט געשריפן נאָך הילף, האָט געפאָדערט צו שיקן הייס געווער, ווייל דווקא דאָס האָט זיי שטאַרק אויסגעפעלט.

די „הגנה" האָט באַשלאָסן אַריבערצופירן פון תל־אביב קיין ירושלים די „שוואַרצע מאַשין" (אַזוי האָט געהייסן אַ מאַשין־געווער) מיט עטלעכע טויזנט קוילן. די שאלה איז געווען: ווי אַזוי פירט מען דאָס אַריבער? ווי אַזוי באַוואָרנט מען זיך, אַז דאָס „פּעקל" זאָל נישט אַריינפאַלן אין די הענט פון די פּאָגראָמטשיקעס אין ראַמלע צי אין אַנדערע דערפער, אָדער אפילו אין די הענט פון דער פּאָליציי, וואָס האָט צו יענער צייט שוין גע־האַט „אַ טראַדיציע" אָפּצונעמען ביי יידן געווער.

מיר זיינען געקומען צום באַשלוס, אַז מ'דאַרף שיקן קיין ירושלים

„מעדיצינישע הילף". מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט די מאַכט־אָרגאַנען און מיטגעטיילט, אַז ירושלים פאָדערט מעדיצינישע הילף און אַז תל־אביב איז גרייט צו העלפן. מיר ווילן שיקן אַהין צוויי דאָקטוירים, צוויי קראַנקנשוועסטער און עטלעכע קעסטלעך מעדיקאַמענטן און מעדיצינישע אַפּאַראַטן. אַלץ איז גרייט צום וועג. מיר באַדאַרפן נאָר אַ באַוואָפנטן עסקאָרט פון יידישע פאָליציאַנטן. אין אונדזער ווענדונג צו דער מאַכט זיינען מיר באַשטאַנען אויפן רעכט פון יידישן ישוב צו דערלאַנגען הילף פאַר ירושלים, וווּ עס זיינען געפאַלן אַזויפיל קרבנות. דער פאָליציי־שעף פון דיסטריקט יפו הערינגטאָן האָט דערצו מסכים געווען, האָט געגעבן אַ באַפעל, אַז צוויי באַוואָפנטע יידישע פאָליציאַנטן זאָלן באַגלייטן דעם טראַנספּאָרט. און אָט דיביידע פאָליציאַנטן זיינען געווען פון די פירנדיקע מענטשן אין ש״י...

דער וועג איז געווען געפערלעך. אין יעדן דאָרף זיינען געווען פּאַגראַמטשיקעס, אָבער מיר זיינען אַדורך בשלום ביזן מושב מוצא, נישט ווייט פון ירושלים און קיינער האָט נישט געוואַגט אונדז אָנצורירן. די צוויי אוניפאָרמירטע פאָליציאַנטן מיט דער אויסגעשטרעקטער ביקס אין די הענט, גרייט צום שיסן האָבן אָפּגעשראָקן די אַראַבער.

אָבער ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין מוצא האָט אונדז דערוואַרט אַן אומאַנגענעמע איבעראַשונג. די פּאָגראָמשטשיקעס וואָס האָבן אָפּגעצוימט דעם וועג, האָבן אונדז באַגעגנט מיט אַ שיסעריי. מיר האָבן געענטפערט מיט פייער און דער קאַמף האָט געדויערט איבער אַ שעה. מיר זיינען אַריינגעפאַלן אין דאָזיקן אָרט, אין יענער ביטערער שעה, ווען די מערדער פון דאָרף קאַלאַניא האָבן דערהרגעט מיט אַ ווילדער אכזריות די פאַמיליע פון אריה לייב מקלף (מאקלייף) ז״ל. די רוצחים האָבן פאַרברענט אויך דאָס הויז פון דער משפחה. דעמאָלט איז דווקא אָנגעקומען אַ גרופע הגנה־חברים פון ירושלים, און מיט זייער הילף האָבן מיר אַרויסגענומען פון אונטער די חורבות די פאַרברענטע קערפּערס פון פאָטער, פון דער מוטער, צוויי טעכטער און אַ זון, און אויך די קערפּערס פון צוויי תל־אביבער איינוווינער, וועלכע זיינען דאָרט געווען בשעתן איבערפאַל. די קערפּערס האָבן מיר אַריבערגעפירט אין אַ הויז אויף דער צווייטער זייט כביש.

דערנאָך זיינען מיר אַרויס זוכן דעם ניין־יאָריקן יינגל, דעם צווייטן זון פון דער משפחה מקלף. ס׳איז געווען אַ האָפענונג, אַז ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן און האָט זיך געראַטעוועט, ווייל זיין קערפּער איז נישט געפונען געוואָרן אין פאַרברענטן הויז. מיר האָבן געהאָפט, אַז ער האָט זיך פאַרשטעקט ערגעץ, נאָך דעם, ווי ער איז אַנטלאָפן פון שטוב. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מען אים אַוועקגעפירט פון דעם אָרט נאָך פריער, און ער איז געבליבן דער איינציק לעבנגעבליבענער גליד פון דער משפחה, וואָס איז אויסגעהרגעט געוואָרן מיט אַזאַ אכזריות דורך די שכנים־

מערדער. דער דאָזיקער יינגל מרדכי מקלף איז דער געוועזענער שעף פון גענעראַל־שטאַב פון צבא הגנה לישראל.

מיר האָבן אַ לאַנגע צייט נישט געזאָמט אין מוצא. דאָס וואָס מיר האָבן געהאַט מיט זיך אַ טייערן באַגאַזש, וואָס ירושלים וואַרט דערויף ווי אויף לופט צום אָטעמען — מאַשין־געווער און רעוואָלווערן — האָט אונדז גע־צווונגען צו פאָרן ווייטער, וואָס עס זאָל נישט געשען. שיסנדיק זיינען מיר געפאָרן אַרויף דעם באַרג. ווען מיר זיינען אָנגעקומען קיין ירושלים איז די געווער־מאַשין גלייך געוואָרן אין גאַנג און אירע שאָסן האָבן גע־הילכט אַ גאַנצע נאַכט און אַרויסגערופן אַ שמחה אין די הערצער פון די שטאָט־באַשיצער און איינוווינער.

אַט די איין־איינציקע מאַשין האָט אין יענע טעג געהאַט דעם זעלביקן ווערט ווי צענדליקער מאַשינען און האַרמאַטן ביים היינטיקן טאָג.

דעם זעלביקן טאָג האָבן מיר זיך געווענדט צו אַ הויכן פּאָליציי־אָפי־ציר, וואָס איז היינט אַ מיניסטער אין מדינת ישראל — בכור שיטרית — און אים געבעטן ער זאָל אונדז העלפן אויסנוצן אונדזער דאָזיקע שליחות קיין ירושלים פאַר אַנדערע שוץ־באַדערפעניש אין דער שטאָט און אין איר סביבה. אַזאַ באַפעל האָבן מיר געהאַט באַקומען. זיינען מיר געבליבן אין ירושלים אויף נאָך עטלעכע טעג. אין זכות פון אוניפאָרם, דעם לייוונטע־נעם ארעמבאנד און די דאָקומענטן, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר אויס־געפירט פונקציעס פון אַ „פּאַטרול"; מיר האָבן געהאָלפן אַריבערטראָגן גע־ווער און ידיעות, באַגלייט חברים פון דער הגנה פון איין עק שטאָט אין צווייטן.

דאָס איז געווען אַ וויכטיקער דינסט אין יענע טעג פאַר דער צע־פּייניקטער ירושלים, ווו די מעגלעכקייטן פון דער באַוועגונג זיינען געווען באַשרענקט און בײנאַכט האָט מען בכלל נישט געטאָרט אַרויסגיין פון די הייזער.

צווישן די אַקטיווע הגנה־קאָמאַנדירן, מיט וועלכע מיר האָבן זיך באַ־געגנט דאַן אין די געפערלעכע ערטער פון ירושלים און אין רעזערוו־צענטער פון דער הגנה, ס'הייסט — אין „וועד העיר" (שטאָט־קאָמיטעט) האָט זיך געפונען אויך דער קאָמאַנדיר יצחק בן־צבי — היינט צו טאָג דער פּרעזי־דענט פון מדינת ישראל. ער איז געווען זייער אַקטיוו און אַ לאַנגער, „אומ־לעגאַלער" מאַוזער האָט געשטעקט אין זיין גאַרטל.

נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרבראַכט צוויי טעג אין ירושלים, האָבן מיר זיך צוריקגעקערט קיין תל־אביב — צוזאַמען מיט די „דאָקטוירים" און די „שוועסטער" און מיר האָבן איבערגעגעבן אַ באַריכט ווי אַזוי מיר האָבן אויס־געפירט אונדזער שליחות. די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן געבראַכט וועגן דעם צושטאַנד אין ירושלים און וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין די אַראַבי־שע ישובים אויפן וועג, וועגן די קאַמף־מעטאָדן פון די באַנדיטן, וועגן דעם

ווי אַזוי עס רעאַגירן די צענטראַלע מאַכט־אָרגאַנען וכדומה — איז געווען געוואַלדיק וויכטיק פאַרן הגנה־שטאַב, וואָס האָט פּלאַנירט די באַשיצונג פון תל־אביב און די ישובים אין דרום — וויכטיקן אויפן פאַל ווען די געשעע־נישן וואָלטן זיך איבערגעחזרט.

פּאָליציאַנטן העלפן איבערשיקן געווער

דעם 19טן אַפּריל 1936 האָבן פּלוצים אויסגעבראָכן בלוטיקע געשעע־נישן אין ארץ ישראל. נאָך פריער האָט זיך געפילט אין דער לופט דער פּול־ווער, אָבער מ'האָט נישט געוווּסט גענוי די דאַטע, ווען עס דאַרף זיך פונאַנ־דערפלאַקערן „דער אַראַבישער אויפשטאַנד". אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן האָבן אונדז איבערגעגעבן — אפשר כדי זיך צו פאַרענטפערן, אָדער זיי האָבן גע־זאָגט דעם אמת — אַז די זאַך איז געקומען אויך פאַר זיי ווי אַן איבעראַ־שונג, און אַז דער אויפברויז איז געקומען נישט אין הסכם מיטן פּלאַן — די אומרוען האָבן זיך אָנגעהויבן פריער, ווי די העצערס אַליין האָבן געהאַט געפּלאַנעוועט.

על כל פנים, די געשעענישן פון יאָר 1936 האָבן נישט געטראָפן די הגנה אין אַ מצב פון גרייטקייט. אמת, ס'איז געווען צוגעגרייט אַ פּלאַן לכתחילה אויף אַזאַ פאַל, אָבער ס'איז געווען אָנגענומען דעם דאָזיקן פּלאַן צו לאָזן אין גאַנג ממש אין לעצטן מאָמענט, כדי נישט צו שטעלן אין גע־פאַר די מענטשן און דאָס געווער פאַר דער צייט.

אין דער זעלביקער נאַכט האָבן מיר געדאַרפט אַריבערפירן דאָס גע־ווער אין צענדליקער פונקטן. מיר זיינען געשטאַנען פאַר גרויסע שוועריי־קייטן. אין די שעהן פון טאָג איז געווען אוממעגלעך זיך צו באַוועגן אויף די שאָסייען מיט מענטשן און מיט געווער. און ביינאַכט איז געווען גילטיק דער אַרויסגאַנג־פאַרבאָט אויך אויף די וועגן, בריטישע און אַראַבישע פּאָליציי האָבן פונאַנדערגעשיקט פּאַטרולן, וואָס האָבן געלויערט אויף יעדן אויטאָ אָדער מענטש, וועלכער זאָל האָבן די העזה אַרויסצוגיין אין דרויסן.

אָבער פיל ישובים און באַזונדערס די גרענעץ־פונקטן זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף אַ סכנה און האָבן נישט געקענט בלייבן אָן געווער אפילו איין טאָג. מ'האָט נישט געטאָרט פאַרהאַלטן דאָס איבערפירן די אמו־ניציע טראָץ דער געפאַר, וואָס איז געווען דערמיט פאַרבונדן. דער קאָמאַנ־דיר פון ש״י איז גערופן געוואָרן אין הגנה־שטאַב אויף אַ באַראַטונג. לויט זיין מיינונג איז געווען דאָס איינציקע מיטל אַרויפצולייגן די אויפגאַבע אויף פּאָליציאַנטן, די חברים פון דער הגנה. ס'איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן. יעדע מאַשין וואָס איז אַרויס אין וועג איז באַגלייט געוואָרן דורך פּאָליציאַנטן, די חברים פון דער הגנה און ש״י. אין עטלעכע פאַלן איז דאָס געווער אַריבערגעפירט געוואָרן אפילו אין אַ פּאָליציי־מאַשין, אָדער אין

אַ מאַשין אונטער דער פּאָליציי־באַגלייטונג — פּונקט ווי דאָס וואָלט גע־וווען אַ טראַנספּאָרט, וואָס ווערט אַרויסגעשיקט דירעקט פון פּאָליציי־שטאַב. די שומרים זיינען געווען באַוואָפנט מיט רעגירונגס־געווער און מיט העלמען אויף די קעפּ. דער דאָזיקער „איינדרוק" האָט געניגט על כל פּנים כדי צו דערמעגלעכן די אויטאָס צו פאָרן אַ גאַנצע נאַכט ביזן פרימאָרגן, — דערביי זיינען זיי נישט געשטערט געוואָרן דורך די פּאַטרולן, וועלכע האָבן געוואָלט האָבן די כוונה צו שטערן די יעניקע וועלכע ווילן ברענגען הילף און פאַר־שטאַרקונג פאַר די יידישע ישובים.

יעדער יידישער פּונקט אין אונדזער דיסטריקט האָט באַקומען דאָס גע־ווער נאָך אין דער זעלביקער נאַכט. די פּאָליציאַנטן האָבן אויסגעפירט אויך די ראָל פון טרעגערס. זיי האָבן געהאָלפן אָנלאָדן און אויסלאָדן די אויטאָס פּונקט ווי יעדער חבר אונדזערער.

וואַנדערנדיקע פּאַטרולן

אין די געשעענישן פון די יאָרן תרצ"ו — תרצ"ט (1936 — 1939) זיינען געווען פּעריאָדן, ווען די אומרוען האָבן זיך געשטאַרקט און ווען זיי זיינען שוואַכער געוואָרן. געווען צייטן ווען די חוצפּה פון אַראַבישן „שאַ־באַב" (יוגנט־אָרגאַניזאַציע) האָט דערגרייכט אַ רעקאָרד. אַראַבער זיינען אַריינגעדרונגען אין יידישע ישובים און אפילו אין האַרצן פון דער יידישער שטאָט כדי דורכצופירן זייערע איבערפאַלן. זיי האָבן געהאַט געפּלאַנט פיל אַזעלכע טעראָר־אַקטן, אָבער נאָר אין איין פאַל האָבן זיי מצליח געווען אין זייער פינצטערער פאַרטראַכטעניש. אין אַלע אַנדערע פאַלן האָבן מיר זייערע פּלענער צעשטערט — אַ דאַנק די ידיעות, וואָס מיר האָבן באַקומען רעכט־צייטיק פון אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן. אייניקע מאָל זיינען די באַנדיטן גע־כאַפּט געוואָרן אונטערוועגנס קיין תל־אביב, פירנדיק אויפרייס מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן געהאַט בדעה אונטערצולייגן אין רוישיקע ערטער.

דער הגנה־שטאַב האָט געפונען פאַר נויטיק אויסצושטעלן פּאַטרולן ביי די גרענעצן פון דער שטאָט און צו שיקן חברים נאָכצושפּירן די מענטשן וואָס קומען אין די פאַרוויילונגס־פּלעצער, כדי נישט צו דערלאָזן, אַז ס'זאָלן זיך דורכזיפּן אַראַבישע סאַבאָטאַזשניקעס.

די דאָזיקע מלאכה האָט זיך אָנגעשטויסן אויף געוואַלדיקע שוועריקייטן. די דערפאַרונג האָט דערוויזן, אַז ס'איז כמעט קיין שוץ נישט פאַראַן קעגן אַ וואַנדערנדיקן טעראָריסט און סאַבאָטאַזשניק: ער קען זיך דורכגנבענען אין יעדן אָרט אומבאַמערקט, אַוועקלייגן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל און נעלם ווערן בשעת דער מהומה. די סאַבאָטאַזשניקעס פלעגן קומען אויך אין אוי־טאָס און פלעגן אַריינדרינגען אין שטאָט דורך די פאָרשטעט, וואָס גרענעצן מיט יפו.

מיט דער צייט איז די שמירה קעגן די אַראַבישע טעראָריסטן איבער־געגעבן געוואָרן אַן אָפּטיילונג פון ש״י. מיר האָבן אויסגעשטעלט פּאַטרולן, פוסגייער און רייטער, וועלכע האָבן נאָכגעשפּירט יעדן מענטשן, אָדער מאַשין וואָס האָבן אַרויסגערופן פאַרדאַכט. אונדזערע גרופּעס שומרים זיינען געווען באַוואָפנט אָבער זייער געווער איז געווען, פאַרשטייט זיך „אומלעגאַל״. האָט מען דעריבער געדאַרפט אין די אויטאָס איינאָרדענען פאַרבאָרגענע ערטער פאַרן געווער, — אַזוי, אַז מ׳האָט געקענט זיך דערמיט באַנוצן, ווען מ׳האָט באַדאַרפט, אָבער עס איז שווער געווען פאַר די פּאַטרולן פון דער בריטישער פּאָליציי די דאָזיקע ערטער צו אַנטדעקן. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ לעבעדיקער „סליק״ (פאַרבאָרגעניש). אין יעדער מאַשין אַזאַ איז געזעסן אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט דער געהיים־פּאָליציי און איז געווען אַ חבר פון ש״י. די דאָזיקע מענטשן זיינען געווען באַוואָרנט קעגן רעוויזיעס. זיי האָבן אויך נישט געדאַרפט אָנגעבן קיין מאָטיוון, צוליב וואָס זיי געפינען זיך אויף דעם צי יענעם אָרט.

זיי זיינען געווען אַ קליינער „געווער־מאַגאַזין״. אין די בגדים פון אַזאַ פּאָליציאַנט־באַגלייטער זיינען שטענדיק געווען עטלעכע קליינע „כלים״, וואָס די מיטרייזנדיקע האָבן געקענט זיך מיט זיי באַנוצן אין פאַל פון נויט. עס וואָלט נישט געקלעקט דאָס פּאַפּיר פון דאָזיקן בוך, ווען מיר וואָלטן געוואָלט אויסרעכענען אַלע יענע פאַלן, ווען פּאָליציאַנטן, חברים פון דער הגנה און פון ש״י, האָבן אונדז געהאָלפן אַריבערפירן געווער אָדער צושטעלן פּאַטרולן דורכצופירן פאַרשיידענע אַקציעס פון דער הגנה. אָפטמאָל, ווען מ׳האָט געדאַרפט אויסבאַהאַלטן געווער צייטווייליק, פלעגן מיר פאַרשטעקן די כלים אויף דער פּאָליציי־סטאַציע גופא. אין אַזעלכע באַהעלטענישן, ווהין נאָר אונדזערע חברים־פּאָליציאַנטן האָבן געהאַט דעם צוטריט. נאָך מער: בשעתן אויסלאָדן געווער־טראַנספּאָרטן אָדער בשעת דעם אָנלאָדן געווער אויף אויטאָס אויף איבערצושיקן ווייטער — האָבן מיר זיך געפילט אַ סך זיכערער ווען אַן אוניפאָרמירטער פּאָליציאַנט איז געשטאַנען אויף דער וואַך.

ער איז געווען אַ מין קמיע קעגן אַן עין הרע, קעגן פאַרדעכטיקייט אָדער שטערונגען מצד בירגער, וואָס זיינען דאַך, דווקא אויף דעם אָרט פון דער אַרבעט נישט געווען געוווּנטשן. דער פּאָליציאַנט פלעגט משלח זיין יעדן ניי‌געריקן און פלעגט שוין אויסגעפינען אַ תירוץ כדי נישט צוצולאָזן אפילו דעטעקטיוון. ער האָט אויך געזאָרגט דערפאַר, אַז די אָרדענונגס פאַרקער־פּאָליציאַנטן, וואָס אונדזערע אויטאָס פלעגן צוציען זייער אויפמערקזאַמקייט, זאָלן נישט מאַכן קיין ראַפּאָרטן און נישט פאַרנאָטירן די נעמען פון די שאָפערן, אָדער די נומערן פון די אויטאָס מחמת זיי זיינען עובר געווען אויף די כללים פון פאַרקער.

די דאָזיקע אַרבעט וואָס פּאָליציאַנטן און פּאָליציי־אָפיצירן האָבן געטאָן פאַר דער הגנה ערב דער באַפרייאונגס־מלחמה, ווען ס׳איז קלאָר געוואָרן אַז

די מלחמה וועט מען נישט קענען פירן מער אויף געוויינלעכע וועגן און מיט־לען — מיט פערזענלעכן געווער צי מיט קליינע איינהייטן. מ'האָט געדאַרפט געפינען קוואַלן פון שווערן געווער — פון טאַנקן, פּאַנצער־אויטאָס און האַר־מאַטן.

פאַרשטייט זיך, אונדזערע אויגן זיינען געווען געווענדט צו די געווער־מאַגאַזינען פון בריטישן מיליטער און פּאָליציי. דאָס זיינען געשטאַנען ערב דער עוואַקואַציע פון ארץ ישראל. מ'האָט געדאַרפט געפינען אַ צוטריט צו די געווער־מאַגאַזינען, דורך פריינט פון צווישן די בריטישע אָפיצירן און זעלנער אָדער מיט דער הילף פון אויספּרובירטן מיטל — דורכן פאַרכאַפּן מיט כוח. אין די דאָזיקע אַקציעס האָט ש״י געשפּילט אַ קענטיקע ראָל. אַ חבר פון ש״י וועלכער איז אַנגעשלאָסן געוואָרן צו דער הגנה־איינהייט וואָס האָט געזאָרגט וועגן געווער, האָט אין אַ גרויסער מאָס געהאָלפן אין דער דאָ־זיקער מלאכה.

ער האָט אויסגענוצט זיינע פאַרבינדונגען מיט די אָנגעשטעלטן פון דער פּאָליציי, געהיימ־דינסט און מיליטער, האָט נאָך אַנטוויקלט די דאָזיקע פאַר־בינדונגען און האָט זיך דערוואָרבן דעם צוטריט פון מענטשן אין די אַלע קרייזן. ער פלעגט באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן מאַגאַזינען, פלעגט פאַר־מיטלען צווישן די הגנה־איינהייטן און די אָפיצירן־מאַגאַזינירן. אַ דאַנק זיין טעטיקייט זיינען דורכגעפירט געוואָרן געווער־קניות אין גרויסע מאסשטאבן — אין אַנבליק פון דער געוואַלדיקער שעה.

געהיימע געווער־פּראָדוקציע

די מיליטערישע פּראָדוקציע פון דער הגנה, וועלכע האָט בקיצור גע־הייסן תע״ש, איז געווען שטאַרק געהיט פון אַ זייטיקן אויג. דאָס איז געווען אַ מין קודש קדשים וווהין מ'טאָר נישט אַריינקומען און וועגן וואָס מ'דאַרף נישט ריידן.

נאָר ווייניקע מענטשן פון די הגנה חברים און נאָר די, וועלכע זיינען געווען דערמיט פאַרבונדן דורך זייערע פונקציעס, האָבן געוווּסט, וווּ ס'געפי־נען זיך און וואָס עס פּראָדוצירן די וואַרשטאַטן און פאַבריקן פון הגנה־גע־ווער. אויך די העכערע קאָמאַנדירן איז געווען פאַרבאָטן צו באַזוכן די ווערק פון תע״ש אָן אַ ספּעציעלער דערלויבעניש און סיידן זייער באַזוך איז גע־ווען באַזונדערס נייטיק. ס'איז איבעריק צו באַטאָנען, אַז די אַרבעטער פון תע״ש גופא האָבן געקענט נאָר יענע פאַבריק צי וואַרשטאַט אין וועלכער זיי האָבן געאַרבעט און נאָר זעלטן האָבן זיי געוווּסט נאָך אַנדערע פרטים. זיי האָבן געהאַלטן בסוד זייער אַרבעט אפילו לגבי זייערע משפחה־מיטגלי־דער. זייער איבערגעגעבנקייט און זייער זאָרג פאַר די ווערק און פאַר דער זיכערקייט פון דער אונטערנעמונג זיינען געווען מוסטערהאַפטע. שווער צו

געפינען נאָך אַזאַ ביישפּיל פון אַזאַ שטרענג־געהיימער אונטערערדישער אָר־גאַניזאַציע, ווי תע״ש.

נישט איין מאָל האָט געזאָגט אַ חבר פון דער הגנה צו זיינע חברים אין תע״ש: „איר שלינגט דאָך איין גאַנצע טאָנען קאָנספּיראַציע. נאָך אַביסל און איר וועט דאָך פאַרגעסן בכלל צו ריידן...״

ש״י איז געווען דירעקט פאַרבונדן מיט תע״ש. די אויפגאַבע פון ש״י איז געווען צו זאָרגן וועגן דער זיכערקייט פון תע״ש. דערצו האָט מען גע־דאַרפט אָרגאַניזירן אַ שנעלע און דירעקטע פאַרבינדונג צווישןביידע אינ־סטיטוציעס, און פונדעסטוועגן האָבן נאָר איינצלנע ש״י־מענטשן געוווּסט ווו ס׳געפינט זיך די אָדער יענע אונטערנעמונג פון תע״ש.

די עיקר־אויפגאַבע פון ש״י איז געווען אויסצוגעפינען אינפאָרמאַציעס וועלכע זאָלן העלפן אויסמיידן סכסוכים מיט דער פיינטלעכער בריטישער מאַכט. מ׳קען זיך גאָרנישט פאָרשטעלן די עקזיסטענץ פון תע״ש אָן ש״י, וועלכער האָט געדינט ווי אויגן און אויערן פאַר דעם גרויסן ווערק.

פיל פאַרזיכערונגס־אַקציעס פון דעם מין האָט ש״י דורכגעפירט מיט דער הילף פון זיינע חברים אין דער בריטישער פּאָליציי. די פּאָליציי־אָרגאַ־נען האָבן זיך דווקא געמיט צו אַנטדעקן די אַרבעט פון תע״ש און אונדזערע חברים האָבן מיט אַלע זייערע כוחות געשטרעבט צו פאַרווישן די שפּורן. זיי האָבן איינגעשטעלט אַ קאָנטאַקט מיט די אונדזעריקע פּאָליציי־אָפיצירן, וואָס אין ראַיאָן פון זייערע פּאָליציי־סטאַציעס האָבן זיך געפונען די געהיימע געווער־פאַבריקן. די דאָזיקע אָפיצירן האָבן אַליין געזאָרגט דערפאַר, אַז דאָס „דעליקאַטע״ אָ.ט זאָל אויסגעהיטן ווערן פון אַן עין הרע. אין דער דאָזיקער סביבה האָט מען געשיקט געוויינלעכע פּאָליציי־פּאַטרולן. פלעגט זיך ערגעץ, בשכנות מיט די תע״ש־וואַרשטאַטן זיך מאַכן אַ גנבה, פלעגט דער פּאָליציי־אָפיציר זיך אַליין מטריח זיין און דורכפירן די געהעריקע אויספאָרשונג, כדי זייטיקע מענטשן זאָלן אין יענער סביבה נישט אַריינשטעקן די נאָז.

אַ חוץ דער זאָרג פאַר תע״ש לגבי דעם אויסערלעכן שונא, האָט ש״י געדאַרפט אויסהיטן די געווער־פאַבריקן פון אַן אינערלעכן „נודניק״, וואָס איז געווען נישט ווייניקער געפערלעך. די נייגעריקע אויגן פון יידן, וועלכע האָבן געוווינט אין דער נאָענט פון אַ תע״ש־אונטערנעמונג און זייערע פּלאַ־פּלעניש האָבן געקענט אומגערן אַריינשלעפּן אין אַן אומגליק די פאַבריקן און די אַרבעטער צוזאַמען. מ׳האָט זיך געדאַרפט לאָזן אויף כלערליי המצאות כדי עס זאָל נישט דערוועקט ווערן אַ חשד, וואָס אַזוינס עס שטעלט מיט זיך פאָר די פאַבריק אָדער וואַרשטאַט.

כדי צו דערקונדיקן זיך וואָס עס ווייסן די שכנים וועגן אָט די אונ־טערנעמונגען פלעגט מען אַרויסשיקן די ש״י־חברים אין דער סביבה. זיי פלעגן קומען כלומרשט אַלס סאַניטאַרן־אויפזעער, סטאַטיסטיקער, אָדער שטייערן־מאָנער וכדומה — און פאַראיינוועגס פלעגן זיי פאַרפירן אַ שמועס

מיט מענטשן און פלעגן אויף אַזאַ אופן דערגיין וואָס אַזוינס יענע ווייסן וועגן דער אונטערנעמונג, וואָס געפינט זיך נאָענט צו זייער הויז.

אַ היפּשער טייל אַרבעט פון ש"י איז געווען פאַרבונדן מיטן טראַנספּאָר־טירן די אויטאָס פון תע"ש וואָס פלעגן זיך באַוועגן טאָג און נאַכט, און כמעט שטענדיק פלעגן זיי פירן טיילן פון געווער־פּראָדוקציע אָדער שוין פּראָדוצירטע מינים געווער. ש"י איז געווען מחויב צו זאָרגן, אַז מיט די דאָזיקע אויטאָס זאָל נישט געשען קיין בייז — זיי זאָלן אפילו נישט עובר זיין אויף די פאַרקער־כּללים. געווען פאַלן, ווען — כּדי אויסצומיידן אַ דורכ־פאַל בשעת דער אַנלאָדונג צי אויסלאָדונג פון אַ מאַשין פלעגט מען ברענ־גען אויפן אָרט אַן אונדזעריקן פּאָליציי־אָפיציר, וועלכער פלעגט היטן דעם שטח אַרום און דערווייטערן פון דאָרטן יעדן אומגעוואונטשענעם פאַרשוין, — מעג עס זיין אַ פרעמדער פּאָליציאַנט אָדער סתם אַ נייגעריקער פאַרביי־גייער. מ'דאַרף באַמערקן, אַז מיר האָבן אין דעם פּרט נישט געהאַט קיין שוועריקייטן אויך מצד די יידישע פּאָליציאַנטן וואָס זיינען נישט געווען אָר־גאַניזירט אין דער הגנה.

ווען מען פלעגט גרינדן אַ נייע תע"ש־אונטערנעמונג פלעגט ש"י קודם כּל געבנוי באַטראַכטן אויף וויפל דאָס באַשטימטע אָרט איז געבנוג זיכער. ער פלעגט אויך זאַמלען ידיעות וועגן יעדן אַרבעטער, צי איז ער געבנוג טריי אין אַזאַ מאָס, מ'זאָל אים קענען באַשעפטיקן אין אַט דעם געהיימען ווערק. ש"י פלעגט אויך מיטאַרבעטן בשעת מ'פלעגט דאַרפן אַרויסבאַקומען די געהעריי־קע דערלויבענישן פאַר דער אונטערנעמונג פון שטאָטישע אָדער רעגירונגס־אינסטאַנצן. אָדער מ'פלעגט דאַרפן איינאָרדענען דאָס באַצאָלן די שטייערן אַזוי, אַז די שטייער־מאַנער זאָלן נישט דאַרפן קומען אויפן אָרט — דורך די מענטשן, וועלכע האָבן געשטעלט זייערע גיטער צו דער דיספּאָזיציע פון תע"ש וכדומה. געהיימנישפולקייט, פאַרזיכטיקייט, שטרענגקייט און טריי־שאַפט — דאָס אַלץ האָט זיך געפאָדערט פון די מענטשן, וועלכע האָבן זיך מטפּל געווען מיט תע"ש, וואָס אירע אונטערנעמונגען זיינען געוואַקסן פון יאָר צו יאָר. כּמעט איבער צוויי צענדליק יאָר האָט תע"ש נישט געוווסט פון קיין דורכפאַל. די האַנט פון בריטישן געהיים־דינסט האָט צו איר נישט דערלאַנגט. די מיטאַרבעטער פון די דאָזיקע אונטערנעמונגען און דער ש"י צוזאַמען מיט זיינע חברים אין דער פּאָליציי און אין די מאַכט־אָרגאַנען זיי־נען געווען די לעבעדיקע שוץ־מויער פון תע"ש.

אמת, געוויסע סימנים האָבן דערוויזן, אַז די פּאָליציי האָט עפּעס יאָ אַן אַלגעמיינע פאַרשטעלונג, אַז יידן פּראָדוצירן ערגעץ געווער, אָבער קיין שום אָפיציעלער ראַפּאָרט וועגן דעם איז אין אונדזערע הענט נישט אַריינ־געפאַלן. די מאַכט האָט קענטיק זיך געהיטן דאָס צו פאַרפיקסירן, כּל זמן זי האָט נישט געהאַט וועגן דעם קיין מער־קאָמפּעטענטע ידיעות. נאָר דעם

31סטן דעצעמבער 1946 איז אין איינעם פון די ראַפּאָרטן פון בריטיש אינ־טעליזשענס געווען געשריבן אָט וואָס:

„פון די הגנה־קוואַלן איז אונדז באַקאַנט געוואָרן, אַז די הגנה פאַרמאָגט אַ נייע שיס־מאַשין, וואָס איז דערפונדן געוואָרן דורך יידישע ספּעציאַליסטן אין לאַנד. יידן טענהן אַז די דאָזיקע מאַשין ווערט פּראָדוצירט אין לאַנד און אַז זי קען געבן אַ מער שטאַרקער און פּינקטלעך פייער ווי יעדע בריטישע מאַשין פון דעם מין. כדי עס זאָל נישט אַנטדעקט ווערן דער סוד פון דאָזיקן געווער גלידערט מען פונאַנדער יעדע אַזאַ שיס־מאַשין אויף זיבן חלקים, און יעדער חלק ווערט אויסבאַהאַלטן ביי איין מענטשן. נאָר ווען מען באַדאַרף שטעלט מען צונויף די דאָזיקע שיס־מאַשין".

אברהם וויינבערג, איינער פון די עלטערע תע"ש־מיטאַרבעטער, שרייבט אין זיין בוך „פּרקי תע"ש" (קאַפּיטלען פון תע"ש):

„אויף דעם אָרט ווו ס'איז געווען קאָנצענטרירט די לייטונג מיט דער געווער־פּראָדוקציע, פלעגט מען איבערגעבן יעדע צרה, יע־דעס פּראָבלעם בנוגע דער זיכערקייט, אָדער יעדע ידיעה, וועגן אַ פאַרדעכטיקטער באַוועגונג אַרום דער אונטערנעמונג. פון דאַנעט פלעגט מען אַרויסרופן דעם ש"י־קאָמאַנדיר א. ד. דעם פרייען זי־כערקייטס־פּאַטראָן פון תע"ש, וואָס אויף אים איז געלעגן די לאַסט צו רעגולירן, אויסצולעשן די „שריפות", וואָס קענען באַדראָען די זיכערקייט פון די געהיימע געווער־פאַבריקן.

די „ביורא" איז געווען דער צענטער וואָס האָט פאַרבונדן די אונטערערדישע פאַבריקן מיט דער אויסערלעכער וועלט. מיט דער דאָזיקער וועלט האָט תע"ש געמוזט קומען אין קאָנטאַקט, אָבער זי האָט געמוזט אויסבאַהאַלטן איר מהות. אַ גרויסן אַרכיוו האָט אי־בערגעלאָזן די „ביורא". מעגלעך, אַז מיט דער הילף פון דאָזיקן אַרכיוו וועט דער היסטאָריקער קענען פעסטשטעלן דעם אָנטייל פון תע"ש אין אויספּאַרטיקן די אינסטרומענטן פאַר דער יידישער אומ־אָפּהענגיקייט".

די ראַפּאָרטן און די אינפאָרמאַציעס וועגן תע"ש — יענער גרויסער „אַרכיוו", וואָס ווערט דאָ דערמאָנט — זיינען ביי אונדז נישט געבליבן. מיר האָבן זיי פאַרניכטעט צוליבן חשד פון אַן עין הרע. אַ קליין צעטעלע, אָדער אַן אומפאָרזיכטיקער ראַפּאָרט, וואָס וואָלט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי, וואָלטן געקענט ברענגען דערצו, אַז עס זאָלן אַנט־דעקט ווערן די געהיימע געווער־מאַגאַזינען, אָדער געווער־פאַבריקן. מיר האָבן געמוזט זיין אויסערגעוויינלעך פאָרזיכטיק, מיר האָבן געדאַרפט זאָרגן

נישט וועגן די קומענדיקע קאַפּיטלעך געשיכטע, וועלכע וועלן ווען עס איז געשריבן ווערן, נאָר וועגן ממשותדיקן ווערק.

אויך די תע"ש־מיטאַרבעטער — אָדער ווי די הגנה־חברים פלעגן זיי אָנרופן: „די מענטשן פון טאָפּלטן סוד" — האָבן נישט אויסגעהיטן קיין צעטעלעך, אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרנאָטירט ידיעות, וואָס האָבן אין יענע טעג געהאַט אַ דעצידירנדיקן ווערט.

לאָמיר דעריבער אַרויסשעפּן פון זכרון אייניקע קאַפּיטלעך פון דער נישט־וווייטער פאַרגאַנגענהייט, נאָר אייניקע עפּיזאָדן פון פיל זאַכן, וועלכע מ'דאַרף דערציילן און וועגן וועלכע מ'וועט נאָך אפשר אַמאָל דערציילן.

ש"י ראַטעוועט אַ קוילן־פאַבריק

איין מאָל איז אין די הענט פון ש"י אַריינגעפאַלן אַ פּאָליצייאישער דאָקומענט, וואָס זיין אינהאַלט האָט אונדז געשיינט לכתחילה צו זיין פאַנטאַסטיש. דאָס איז געווען אַ גאַנץ גענויע ידיעה, אַז אין דעם און דעם טאָג איז אָפּגעשווומען פון גדיניער פּאָרט אַ שיף, וואָס פירט 34 גרויסע קאַסטנס מיט פאַרפולקאָמטע מאַשינען צו פּראָדוצירן קוילן, וועלכע קענען געבן מער ווי צוויי מיליאָן קוילן אַ חודש. די ידיעה גיט אויך דעם נאָמען פון שיף און אויך דעם נאָמען פון יידישן אינזשיניער פון ארץ ישראל, וועלכער האָט אָנגעלאָדן די קאַסטנס און האָט זיך פאַרפולקאָמט אין דער פּראָדוקציע פון קוילן אין פּוילן, פון וואַנען די מאַשינען זיינען אַרויסגעשיקט געוואָרן.

אין דאָקומענט ווערט אויך אָנגעגעבן, אין וועלכן טאָג די שיף וועט אָנקומען קיין חיפה און עס זיינען אויך באַצייכנט געוואָרן די ציפערן און די סימנים פון די קאַסטנס און אויך אין וועלכע מאַגאַזינען פון דער שיף זיי געפינען זיך. דער דאָקומענט ענדיקט זיך מיט אַן אָנווייזונג צו דער אַלגעמיינער פּאָליציי, צו דער האַפן־פּאָליציי און צום געהיים־דינסט אָנצוגרייטן אַ גרויסן פּאָליצייאישן כוח אין האַפן: „מ'זאָל ברענגען זעקס לאַסט־אויטאָס פון דער פּאָליציי אָדער מיליטער, וועלכע זאָלן מיט איין מאָל אָנלאָדן אַלע קאַסטנס, וועלכע דאַרפן אַריבערגעפירט ווערן אין די מאַגאַזינען פון דער צענטראַלער פּאָליציי אין חיפה אונטער אַ שטאַרקער וואַך". עס זיינען אויך אָנגעוויזן געוואָרן די נעמען פון די הויכע אָפיצירן, וועלכע דאַרפן דורכפירן די גאַנצע אַקציע אין האַפן און דאַרפן צוגרייטן דעם עניין פאַרן געריכט. אָט זיינען אייניקע פראַגמענטן פון דעם אָריגינעלן דאָקומענט:

ג ע ה יי ם

צו: צענטער פון געהיים־דינסט אין חיפה
און צענטער פון געהיים־דינסט אין יפו
פון: צענטער פון געהיים־דינסט, ירושלים

/159/1/18 8/3

אַ קאָמפּעטענטע ידיעה גיט איבער, אַז אַ פאַבריק אין פּוילן האָט פּראָ־דוצירט 34 מאַשינען אויף צו פּראָדוצירן קוילן און געווער. די מאַשינען קע־נען געבן 22 טויזנט קוילן אין משך פון אַכט שעה אַרבעט. די מאַשינען זיי־נען פאַרפּאַקט אין קאַסטנס, וואָס זייער גרויס איז 1×2×3 מעטער (עס ווערן אויך אָנגעגעבן אין אָריגינאַל די נומערן פון די קאַסטנס.

„אַן אינזשיניער מיטן נאָמען וואלטער, וואָס זיין צונאָמען איז טאלעק, אָדער דאלעק, איז אַפּגעפאָרן קיין ארץ ישראל משגיח צו זיין אויף דער מאָנ־טירונג פון די מאַשינען.

אויב אייך וועט געלינגען צו כאַפּן דעם וואלטער, זאָלט איר אים פאַר־האַלטן און אָנפרעגן דעם צענטער פון געהיים־דינסט וועגן ווייטערדיקע אינ־סטרוקציעס".

דער דאָזיקער דאָקומענט איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אין אַ האַלבער שעה נאָך דעם ווי ער איז געווען ביים קאָמאַנדיר פון געהיים־דינסט אין הויפּט־שטאָב און צו דער גלייכער צייט ווען די אינפאָרמאַציע איז אי־בערגעגעבן געוואָרן צו די קאָמאַנדירן פון געהיים־דינסט אין די האַפנס פון חיפה און יפו.

לכתחילה האָבן מיר זיך באַציגן צו דער דאָזיקער אינפאָרמאַציע מיט רעזערוו, ווייל דער ש"י פון דיסטריקט האָט נישט געוווסט און נישט גע־הערט קיין זאַך וועגן דאָזיקן איינקויף פון דער הגנה. תע"ש און די געווער־אָפּטיילונג פון דער הגנה פלעגן נישט מיטטיילן דעם ש"י וועגן זייערע אַק־ציעס כל זמן זיי פלעגן נישט דאַרפן אָנקומען צו זייער הילף — אַרויסצו־באַקומען די ידיעות אָדער פלעגן זיך נויטיקן אין זיין מיטווירקונג. די באַ־דינגונגען פון אַן אונטערערד־אָרגאַניזאַציע האָבן געפאָדערט צו האַלטן אַלץ בסוד, אפילו פון די סאַמע נאָענטע מענטשן.

ס'איז שוין געווען שפּעט, נאָך האַלבער נאַכט, ווען די שיף האָט גע־דאַרפט אָנקומען אין חיפה'ער פּאָרט אין די פריע מאָרגן־שעהן צומאָרגנס. די אינפאָרמאַציע איז איבערגעגעבן געוואָרן צו ישראל ג. און ער האָט באַשטע־טיקט אַז דאָס אַלץ איז אמת: „די סחורה איז טאַקע אונדזערע. די לאָדונג איז זייער טייער און וויכטיק. ווען זי זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי קען דאָס אונדז פאַרשאַפן גרויסע צרות. מ'דאַרף תיכף טאָן". עס איז געווען איבעריק צו אַנאַליזירן דעם ענין און צו זוכן איצט דעם מענטש צי דעם צופאַל, וואָס האָבן מיטגעווירקט אַז די בריטישע מאַכט זאָל באַקו־מען די געהעריקע אינפאָרמאַציע. עס זיינען תיכף אָפּגעגעבן געוואָרן קלאָרע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי אויסצומיידן, אַז די פאַבריק זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי. תיכף, אין דער זעלביקער נאַכט זיינען איינגעלאָדן געוואָרן אין ש"י צוויי הויפּט־געהילפן פון אליהו גאָלאָמב און נאָך אַ קור־צער באַראַטונג, וועלכע האָט געדויערט עטלעכע מינוט, איז אָפּגעשיקט גע־וואָרן אַ טעלעגראַמע פון שיף־אַגענט אינעם לאַנד צו דער שיף אויפן ים:

ס'איז געגעבן געוואָרן אַן אָנווייזונג צו ענדערן די ריכטונג פון שיף. אַנ־שטאָט צו קומען קיין חיפה האָט די שיף געדאַרפט אָפּשווימען קיין ביירוט און דאָרט אויסלאָדן די „סחורה".

די שיף האָט אויסגעפירט די אָנווייזונגען פון איר אַגענט און איז אין דעם טאָג נישט אָנגעקומען קיין חיפה.

אין דעם באַשטימטן פרימאָרגן האָבן מיר מיט נייגער נאָכגעפאָלגט די באַוועגונג אין חיפהער האַפן. די פּאָליציי איז געווען געשפּאַנט. איינער פון די בריטישע אָפיצירן האָט באַקומען פון דער האַפן־לייטונג די פּראַכט־דאָ־קומענטן פון דער שיף און האָט זיי פאַרגליכן מיט זיין אינפאָרמאַציע. פיל לאַסט־אויטאָס זיינען געשטאַנען גרייט איינצונעמען די „טריפהגע סחורה". מיר האָבן זיך געמאַכט ווי געפּגרט און געפּרוווט אויספרעגן באַקאַנטע פּאָ־ליציאַנטן, צי ווייסן זיי וואָס ס'טומלט זיך דאָ עפּעס, הלמאי ס'האָבן זיך היכע אָפיצירן זיך מטריח געווען אויפצושטיין אַזוי פרי און צו וואָס האָט מען צונויפגעזאַמלט אַזוי פיל לאַסט־אויטאָס. אָבער די פּאָליציאַנטן, אפילו די אָפיצירן האָבן נישט געוווסט די סיבה פון אָט דער געשפּאַנטקייט. גע־ווּסט עס האָבן נאָר די קאָמאַנדירן פון דיסטריקט און געהיים־דינסט.

די גאַנצע בכבודיקע חברה האָט געוואַרט זייער לאַנג. נאָר שפּעט ביי־נאַכט האָט מען זיי מיטגעטיילט, אַז די שיף האָט זיך ערגעץ פאַרהאַלטן און וועט אָנקומען אין דריי טעג אַרום. זיי האָבן געהאַט שכל נאָכצופאָרשן ווו ס'געפינט זיך די שיף און צי לאָדט זי נישט אויס איר באַגאַזש ערגעץ אין אַ צווייטן אָרט.

לויט די אָנווייזונגען פון די הגנה־אָנפירער און פון די וועלכע האָבן דעם טראַנספּאָרט אָרגאַניזירט, זיינען די קאַסטנס אויסגעלאָדן געוואָרן אין ביירוטער האַפן. דאָרטן זיינען זיי מאַגאַזינירט געוואָרן ווי אַ טראַנזיט־סחורה אין איינעם פון די אַראַבישע מאַגאַזינען — פאַרשטייט זיך אַז אין ביירוט האָט מען נישט געוווסט, וואָס עס ליגט אין די קאַסטנס. די פּאָליציי אין חיפה איז אָבער געבליבן שטיין אויף דער וואַך און פלעגט יעדן טאָג אַרויסשיקן דעטעקטיוון אין האַפן, כדי נאָכצושפּירן ווען סוף־כל־סוף וועט אָנקומען די שיף. דער שיף־אַגענט האָט אונדז איבערגעגעבן אַז די פּאָליציי אינטערעסירט זיך געוואַלדיק מיט דעם ענין.

און אָט איז די שיף אין אַ מזלדיקער שעה אָנגעקומען. מיר זיינעז גע־שטאַנען און געקוואָלן פון נחת ווען מיר האָבן געזען ווי פּאָליציאַנטן און אָפיצירן לאָזן זיך אין געלויף צו דער שיף און כאַפּן זיך אַראָפּ אין אונ־טערשטן טייל פון שיף ווו עס דאַרפן זיין די לאַנג־געוואַרטע קאַסטנס... דער שיף־קאַפּיטאַן האָט זיי איבערגעגעבן, אַז די געזוכטע קאַסטנס זיינען אַראָפּ־געלאָזן געוואָרן אין אַ האַפן פון אַן אַראַביש לאַנד. ער האָט דערביי אַרויס־געזאָגט סתם אַ השערה, אַז דאָס איז געווען אַן אַראַבישע סחורה.

פון די אינערלעכע ראַפּאָרטן פון געהיים־דינסט, וואָס האָבן צו אונדז

דערגרייכט שפּעטער, האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דער פּאָליציי איז גאָר אויפן זין נישט געקומען, אַז אונדזער ש״י האָט זיי איבערגעכיטרעוועט. זי האָט געוואָרפן די שולד אויפן אינפאָרמאַטאָר, וועלכער האָט מסתמא אַ טעות געהאַט.

ביזן סוף פון דער בריטישער הערשאַפט אין לאַנד האָט „דער אינזשי־ניער וואלטער״ פיגורירט ביי זיי אין דער רשימה פון די וואָס ווערן געזוכט דורכן געהיים־דינסט. איצט קען מען שוין אויך זיי אויסזאָגן, אַז דער וואל־טער, וואָס זיין צונאָמען איז געווען טאלעק אָדער דאלעק, איז געווען נישט קיין אַנדערער ווי אונדזער חבר כאדזשקא פון חדרה; דאָס האָט ער אויפ־גענומען די מאַשינען אין פּוילן און זיי אָפּגעשיקט קיין ארץ ישראל.

צום סוף — אין יאָרן אַרום האָט ער אַליין זוכה געווען צו מאָנטירן די מאַשינען אין לאַנד. די מאַשינען פון אַ גרויסער פּראָדוציר־פּעאיקייט זיינען אַריינגעבראַכט געוואָרן אין לאַנד אויפן יבשה־וועג. זיי האָבן פאַבריצירט קוילן פאַר ביקסן און רעוואָלווערן. זיי זיינען אַן אומפאַרגעסלעכער אָנדענק פון יע־נע טעג, ווען אין אונטערערד איז געוואקסן דער שוץ־כוח פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל.

ווו נעמט מען קופּער פאַר קוילן?

דער ש״י קאָמאַנדיר אין דרום־דיסטריקט פון ארץ ישראל האָט באַקו־מען אַ באַפעל פון אליהו גאָלאָמב אַרויסצופאָרן קיין חיפה און זיך פּאַראינ־טערעסירן מיט אַ געוויסער פּאָליציי־אויספאָרשונג, וואָס איז דאָרט אָנגע־גאַנגען. מיט דער דאָזיקער אויספאָרשונג איז געווען פאַרבונדן אַ גרויסע אינסטיטוציע פון דער הסתדרות, וואָס הינטער איר איז געשטאַנען תע״ש. צענדליקער טאָנען קופּער זיינען פאַרשוווּנדן פון די מאַגאַזינען פון דער ברי־טישער אַרמיי. די שפּורן האָבן געפירט צו אייניקע שאָפערן פון לאַסט־אוי־טאָס און פון זיי — צו די מאַגאַזינען פון דער הסתדרות־אינסטיטוציע.

די אויספאָרשונג האָט געפירט דער יידישער אָפיציר שלמה ס. — איי־נער פון אונדזערע בעסטע פּאָליציי־אָפיצירן, אַ פאַרנינפטיקער פּעאיקער מענטש מיט פיל דערפאַרונג אין זיין פאַך. זיין שעף איז געווען אַ הויכער אַראַבישער אָפיציר פון פּאָליציי הויפּט־שטאַב.

ביים יידישן אָפיציר ס. איז דאָס געווען אַ געוויינלעכער ענין פון אַ גנבה. ער האָט געהאַלטן, אַז די שאָפערן וועלכע האָבן געאַרבעט אין ברי־טישן לאַגער ווי געדונגענע אַרבעטער, האָבן גענומען דעם קופּער כדי דער־מיט צו האַנדלען. און דער לייטער פון דער אינסטיטוציע, וווהין די סחורה איז געבראַכט געוואָרן האָט זיך אויפגעפירט נישט אנשטענדיק און האָט גע־קויפט די געגנבעטע סחורה.

און אפשר — האָט ער געמיינט — איז דאָ געווען אַ שאַכער־מאַכער

צווישן די אָפיצירן און אַ גרופּע מיטאַרבעטער פון דער אינסטיטוציע, וועל־כע האָבן אויסגענוצט אירע איינריכטונגען פאַר זייערע צוועקן. ער האָט נישט משער געווען, אַז דער קופּער איז גענומען געוואָרן כדי צו פּראָדו־צירן שוץ־געווער פאַרן יידישן ישוב.

אין יענעם יאָר האָט תע"ש אָנגעהויבן צו פּראָדוצירן קוילן פון 9 מי־לימעטער און דער קופּער איז געווען נייטיק צו פּראָדוצירן שייטלעך פאַר די קוילן. פון וואַנעט אָבער זאָל זיך איינגעפינען דער קופּער אין די נוי־טיקע קוואַנטומס, ווען דאָס איז געשען אין די טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און ס'איז געווען איינגעפירט אַ שטרענגער קאָנטראָל איבערן קופּער, וואָס איז געווען וויכטיק פאַר דער געווער־פּראָדוקציע.

נישט געווען קיין ברירה, האָט מען באַשלאָסן אַרויסצולקחענען קופּער פון די רעגירונגס־מאַגאַזינען. מ'האָט עס „אַנטליען" אויפן חשבון פון די שטייערן, וואָס די בריטישע מאַכט פלעגט נעמען פון יידישן ישוב, נישט זאָרגנדיק פאַר זיין זיכערקייט. די שאַפערן האָבן געאַרבעט אין דער שלי־חות פון תע"ש, לויט די אָנווייזונגען פון די הגנה־קאָמאַנדירן. די הסתדרות אינסטיטוציע האָט געשטעלט אירע מאַגאַזינען און דעם הויף פון איר פאַב־ריק צו דער דיספּאָזיציע פון תע"ש. די לאַסט־אויטאָס האָבן געבראַכט די סחורה אין די מאַגאַזינען און פון דאַנעט האָט דער וועג געפירט צו די יידי־שע געווער־פאַבריקן.

די זאַך איז אַנטדעקט געוואָרן. די פּאָליציי האָט פאַרפירט אַן ענער־גישע אויספאָרשונג און צווישן פון די פאַרדעכטיקע, אַ שאָפער און אַ מאַגאַ־זינער, זיינען געשטרויכלט געוואָרן מיט זייער צונג. זיי האָבן זיך פאַרפּלאָנ־טערט אין זייערע רייד און האָבן ביסלעכווייז אויסגעזאָגט דאָס, וואָס זיי האָבן געוווסט. די עדות־זאָגעריי פון שאָפער האָט געקעמפט אַריינצופּלאָנ־טערן מענטשן פון דער הסתדרות־אינסטיטוציע. דער מאַגאַזינער האָט גע־נוי אויספירלעך געוווסט וועגן דער באַוועגונג פון די מאַשינען אויפן הויף פון דער הסתדרות־פאַבריק און האָט נאָך צוגעגעבן אַז די אויסלאָדונג פון די קאַסטנס איז געמאַכט געוואָרן ביינאַכט. דאָס, פאַרשטייט זיך, האָט פאַר־שטאַרקט דעם חשד.

דער הסתדרות אינסטיטוציע האָט געדראָט אַן ערנסטע געפאַר. די אינ־סטיטוציע איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע באַשטעלונגען, וואָס זי האָט באַקומען פון דער רעגירונג. דעמאָלט האָט די אינסטיטוציע געפירט אונ־טערהאַנדלונגען מיט דער בריטישער מאַכט וועגן איבערנעמען גרויסע בוי־אַרבעטן אין מיטעלן־מזרח, אַרבעטן, וועלכע האָבן באַטראָפן מיליאָנען פונטן. ווען די מעשה מיטן קופּער וואָלט אַנטדעקט געוואָרן, וואָלט די אינסטי־טוציע געקענט אַריינפאַלן אויף דער „שוואַרצער ליסטע".

נאָך מער: ס'איז געווען אַ חשד, אַז די אויספאָרשונג און דער משפּט קענען ברענגען דערצו, אַז דער ענין קען אַריבערגעפירט ווערן אויף פאַ־

ליטישע רעלסן און די מאַנדאַט־מאַכט וועט געפינען אַ גוטן תירוץ כדי פאַר־צוואַרפן דעם יידישן ישוב. אַז „ער שעדיקט די מלחמה־אָנשטרענגונגען פון די אַליאירטע".

דער דאָזיקער חשד איז געקומען אויפן זינען דעם קאָמאַנדיר פון ש"י ווען ער האָט געעפנט די טיר פון האָטעל־צימער, ווו ס'האָט געוווינט דער אָפיציר ס. זיין אַלטער באַקאַנטער.

— פאַרוואָס האָט איר געוואַרט און האָט גלייך נישט מיטגעטיילט, אַז די סחורה איז אייערע? ווען איך וואָלט פריער געוווסט, אַז דער ענין איז פאַרבונדן מיט דער הגנה, וואָלט איך זיך אַזוי נישט געאיילט צו דערגרייכן צו די פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון דער אויספאָרשונג. די טעקע איז שוין גע־שלאָסן און כ'האָב שוין באַפוילן צו אַרעסטירן די מענטשן און צוגרייטן דעם באַשולדיקונגס־אַקט.

מיט די דאָזיקע מוסר־רייד האָט דער יידישער אָפיציר מקבל פנים גע־ווען דעם קאָמאַנדיר פון ש"י, נאָך איידער יענער האָט באַוויזן אויפצוקלערן דעם צוועק פון זיין וויזיט.

אָבער אין דער זעלביקער נאַכט איז די טעקע פון דער אויספאָרשונג שוין נישט געווען דער אויסשליסלעכער רכוש פון דער פּאָליציי. מיר האָבן געזוכט מיטלען ווי אַזוי צו „פאַרריכטן" דעם אינהאַלט פון דער טעקע אַזוי, אַז דער ענין זאָל שיינען צו זיין אַ געוויינלעך פאַרברעכן, וואָס איז אויסגע־פירט געוואָרן דורך אַ פּריוואַטן מענטשן. איינער פון די אָנפירער פון דער הסתדרות־אינסטיטוציע איז איינגעלאַדן געוואָרן אויף אַ באַראַטונג ווי אַזוי צו פאַרריכטן די מאַטעריאַלן פון דער טעקע. מ'האָט עס געדאַרפט מאַכן זייער פאַרזיכטיק און מיט שכל. מ'האָט געדאַרפט גענוי באַהאַנדלען יעדן פּרט, וואָס איז געווען פאַרנאָטירט אין דער טעקע — בפרט נאָך, אַז אין די הענט פון אַראַבישן אָפיציר זיינען שוין געווען גענויע קאָפּיעס פון ס'רוב ראַפּאָרטן אין דאָזיקן ענין.

די טעקע איז סוף־כל־סוף אומגעקערט געוואָרן צו דער פּאָליציי שוין אַ „באַאַרבעטע"; ס'האָבן דאָרט געפעלט אַלע יענע פּרטים, וואָס האָבן געקענט באַגראָבן אינסטיטוציעס און פּערזענלעכקייטן. די איבעריקע מלאכה — צו באַווייזן די פּאָליציי־באַאַמטע, אַז זייערע הנחות און אויספירן זיינען פאַלשע וועגן דער שותפות פון אָפיציעלע יידישע אינסטיטוציעס אין אָט דער עבירה — די דאָזיקע מלאכה האָט שוין געמאַכט דער יידישער אָפיציר ס.. שטיצנ־דיק זיך אויף דעם באַאַרבעטן מאַטעריאַל. ער האָט מיטגעטיילט זיינע שעפן, אַז בשעת דער אויספאָרשונג איז ער געקומען צו אָט די „קאָמפּעטענטע ידיעות" און אַז עס זיינען נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן צו באַקומען צוגאָבלעכע אינפאָרמאַציעס.

מיר האָבן אָפּגעמאַכט מיטן אָפיציר ס., אַז מיר וועלן ברענגען דער פּאָליציי איין קרבן. דאָס איז געווען נויטיק כדי צו פאַררייבן דעם ענין. מיר

האָבן גוזר געווען אויפן שאָפער, וואָס האָט צופיל געפּלאַפּלט בשעת דער אויספאָרשונג און זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט, ער זאָל באַשטראָפט ווערן פאַר זיין זינד. מ׳האָט אים אויך אויפגעקלערט צו וואָס מ׳האָט עס באַדאַרפט. מיר האָבן אים באַזאָרגט אַן אַדוואָקאַט און ס׳איז באַוואָרנט געוואָרן די מאַטעריעלע עקזיסטענץ פון זיין משפּחה אויף דער צייט פון זיין אַרעסט. אויך דאָ האָט אונדז שטאַרק מיטגעהאָלפן דער אָפיציר ס. און דער שאָפער איז פאַראורטיילט געוואָרן אויף אַ קורצער צייט תפיסה.

די פּאָליציי שמעקט...

איין מאָל באַקומט ש״י אַ מיטטיילונג פון דער פאַבריק לעווקאָוויטש, וואָס געפינט זיך לעבן דער שכונה מחלול אין תל־אביב, אַז פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון דרייען זיך אַרום דעם געהיימען געווער־פאַבריקל, זוכן און פרעגן אויס יעדן מענטשן, וואָס גייט אַריין און אַרויס. אונדזערע מענטשן האָבן דעריבער מורא געהאַט, אַז דער געווער־וואַרשטאַט זאָל אַנטדעקט ווערן און דעריבער האָבן זיי אָפּגעשטעלט די אַרבעט.

ש״י האָט תיכף אַרויסגעשיקט אויפן אָרט אייניקע פון זיינע מענטשן. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָרטן געפינען זיך אַרום צוואַנציק דעטעקטיוון און פּאָליציאַנטן, צווישן זיי אויך בריטן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט, געניפּשטערט און געשמעקט בשכונות פון וואַרשטאַט. בראש פון דער גרופּע פּאָליציאַנטן איז געשטאַנען אַ יידישער אָפיציר. ער האָט דערקלערט אונדזערע חברים, אַז די אָרטיקע אייגנווינער האָבן מיטגעטיילט דער פּאָליציי וועגן פאַרדעכטיקע מענטשן אין דער סביבה, וואָרום אַ טאָג פריער זיינען דאָרט פאָרגעקומען עטלעכע גנבות.

האָט מען געמוזט אויפן אָרט אויסגעפינען אַ מיטל ווי אַזוי צו דערווייטערן די פּאָליציי פון דעם אָרט, נישט אויסזאָגנדיק אפילו דעם אָפיציר אין וואָס דאָ האַנדלט זיך: אויך ער דאַרף נישט וויסן, וואָס פאַראַ אונטערנעמונג מיר האָבן דאָ.

מ׳האָט אָפּגערופן דעם אָפיציר אין אַ זייט און אים איינגערוימט אַ סוד: „אין דעם נאָענטן מוסולמענישן בית־הקברות מאַכט אַ גרופּע הגנה־חברים איבונגען — איז מסתמא אויף איר געפאַלן דער חשד פון די אייגנווינער. מ׳דאַרף זיי נישט אויפקלערן, ווער עס זיינען די פאַרדעכטיקע און וואָס זיי טוען דאָ. מיר נעמען אויף זיך די אחריות פאַר דער זיכערקייט פון דער סביבה קעגן גנבים און דו, זיי אַזוי גוט, געפין עפּעס אויס אַ תירוץ און פיר אַוועק פון דאַנען די פּאָליציאַנטן, איידער זיי וועלן זיך צעשפּרייטן אַיבער אַ גרעסערן שטח".

דער אָפיציר האָט גלייך פאַרשטאַנען וואָס ער האָט צו טאָן. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט דאָס פאַבריקל ווידער אָנגעהויבן צו אַרבעטן. קיין פּאָליציאַנט איז אין דער סביבה נישט פאַרבליבן.

אפרים דקל

אומגליקלעכער אויפרייס

דאָס איז געשען דעם 3טן יוני 1943. דער סערזשאַנט פון די מיליציאַנטן אין גוש דן האָט אַרויסגערופן די פייערלעשער איינצולעשן אַ שרפה, וואָס האָט אויסגעבראָכן אויפן הויף פון דער גרופּע „הבחרות הסוציאליסטית“ אין דער שכונת באָראָכאָוו. אין צען מינוט אַרום זיינען די פייערלעשער אָנגעקומען אויפן אָרט, אָבער זיי האָבן שוין געפונען רויכערדיקע האַלאַוועשקעס. דער באַראַק אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען אַ געווער־אונטערנעמונג איז אַוועק איינגאַנצן מיטן פייער. די שרפה האָט אַרויסגערופן שטאַרקע אויפרייסן, וועלכע האָבן גורם געווען דעם טויט פון צוויי חברים און שווערע ווונדן ביי דריי אַרבעטאָרינס פון דער אונטערנעמונג.

דער קאָמאַנדיר פון ש״י אין תל־אביב איז תיכף אַלאַרמירט געוואָרן. ווען ער איז אָנגעקומען אויפן אָרט, האָט ער באַפוילן די פייערלעשער וועלכע זיינען געווען דירעקט אים אונטערוואָרפן, זיי זאָלן דעם פאַל נישט פאַררעגיסטרירן אין זייערע ראַפּאָרטן און זאָלן קיינעם קיין זאַך נישט זאָגן — פונקט ווי ס׳וואָלט גאָרנישט געשען. מ׳האָט גלייך צוויסן געגעבן דעם אָפיציר פון דער נאָענטסטער פּאָליציי־סטאַציע (ער איז געווען אַ מיטגליד פון ש״י), אַז ער זאָל דעם פאַל אויך נישט פאַרצייכענען אין טאָג־בוך פון דער סטאַציע. דאָס אַלץ, — כדי אויסצומיידן אַ פּאָליציי־אויספאָרשונג.

צו דער גלייכער צייט האָבן די חברים פון תע״ש אַרויסגעפירט די קרבנות משה בלוי און מאיר איסיטשער ז״ל אין אַ פאַרבאָרגענעם פּלאַץ און די פאַרווונדעטע חברטעס — נחמה, דבורה און פאַניע (וועלכע איז שפּעטער געשטאָרבן) אין אַ קראַנקנהויז אין תל־אביב. אַנדערע מענטשן אונדזערע האָבן תיכף אָפּגערייניקט דעם גאַנצן שטח און אָפּגעמעקט יעדן סימן, וואָס זאָל ווייזן אויף אַן ערנסטער שרפה.

די דאָזיקע בײדע מאסקירונגס־אַקציעס האָבן געגעבן דעם ש״י די מעגלעכקייט אויסצובאַהאַלטן דעם טראַגישן פאַל פון דער בריטישער מאַכט.

פון דעם שרפה־פּלאַץ זיינען מיר שנעל אַוועק אין קראַנקנהויז, ווו עס זיינען געלעגן אונדזערע שווער־פאַרווונדעטע חברטעס. לויטן געזעץ, איז מחויב יעדער שפּיטאָל מיטצוטיילן דער פּאָליציי וועגן אַן אומגליקס־פאַל. מיר האָבן דעריבער געזאָרגט, אַז מ׳זאָל די פאַרווונדעטע נישט פאַרשן מחמת זייער שווערן צושטאַנד. מיר האָבן אויך אָפּגעמאַכט, אַז דער שפּיטאָל זאָל אין זיין מעלדונג צו דער פּאָליציי באַצייכענען דעם פאַל ווי אַן אויפרייס פון אַ פּרימוס אין אַ קיך.

מ׳האָט געמוזט אָננעמען אַלע מיטלען, אַז די ידיעה וועגן אומגליק זאָל נישט באַוווסט ווערן דער עפנטלעכקייט. מיר האָבן מורא געהאַט אַז אויב מיר וועלן מעלדן די משפחות פון די קרבנות וועגן זייער אומגליק, וועלן זיי נישט קענען באַהערשן די געפילן פון ווייטיק, און דער ענין קען באַקאַנט

ווערן. האָבן מיר נישט אויסזאָגנדיק די משפחות, ביינאַכט אַרויסגענומען די קרבנות פון דער באַהעלטעניש און מיט זייטיקע וועגן זיי אַריבערגעפירט אין דער מסיבה פון כפר־סבא, ווו מיר האָבן זיי געבראַכט צו צייטווייליקער קבורה, ביז דער ענין וועט איינגעשטילט ווערן.

דעם גאַנצן טאָג האָבן מיר זיך באַמיט אויסצובאַהאַלטן דעם טראַגישן פאַל פון ליכטיקן שיין. פאַר דער מאַכט האָבן מיר שוין נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבן. מ׳האָט אָבער געדאַרפט אַ טראַכט טאָן וועגן די משפחות, וועלכע זייַנען נאָך געווען גאַנץ רואיק. דער הגנה־שטאַב האָט געפונען דעם פאַסיקן וועג איבערצוגעבן די משפחה־מיטגלידער די ידיעה וועגן אומגליק. די משפחות האָבן זייער ווייטיק געטראָגן מיט כבוד, וואָס ס׳איז הויך אָפּגעשאַצט געוואָרן. די פאַריתומטע עלטערן האָבן געוווּנטשן נאָר איינס: מ׳זאָל די קערפּערס אַריבערפירן אויפן בית־עלמין אין נחלת־יצחק, מ׳זאָל קענען אויפשטעלן אַ מצבה און באַזוכן די קברים.

דער הגנה־שטאַב האָט מיטגעטיילט דעם ש״י, אַז מ׳זאָל אַריבערפירן די קערפּערס און זיי מקבר זיין לויטן מנהג. וואָס איז געווען דער מנהג? מ׳האָט קודם־כל געדאַרפט האָבן אַ צייגעניש פון שפּיטאָל, געחתמעט דורך אַ דאָקטער, וואָס שטעלט פעסט די סיבה פון טויט. אָן אַזאַ צייגעניש קען מען נישט גיין אין געזונטהייטס־ביוראָ צו באַקומען פון דעם רעגירונגס־דאָקטער אַ צייגעניש וועגן טויט, וועלכן מ׳מוז צושטעלן דער חברה־קדישא.

דער ענין האָט געהאַלטן שלעכט. כדי אויסצומיידן איבעריקע אויספאָרשונגען פון דער פּאָליציי און דאָס פּאַלמעסן די קערפּערס, ווי ס׳איז אָנגענומען אין אומנאַטירלעכע טויט־פאַלן — האָט מען געדאַרפט צושטעלן אַ צייגעניש מיט דער חתימה פון דאָקטער, וואָס שטעלט פעסט, אַז דער טויט איז געקומען מחמת אַ מחלה. די דאָקטוירים פון הדסה־שפּיטאָל האָבן מורא געהאַט אַריינצופּלאָנטערן דעם שפּיטאָל אין דעם ענין און האָבן נישט מסכים געווען צו געבן אַ צייגעניש וועגן די געשטאָרבענע, מיט וועלכע זיי האָבן זיך נישט באַשעפטיקט און וואָס זייַנען אין שפּיטאָל אַפילו נישט געווען פאַררעגיסטרירט. די אַנפירער פונעם אַנשטאַלט האָבן קענטיק אויך נישט געוואָלט עובר זיין אויף דער מעדיציניש עטיק און האָבן פאַר קיין פאַל נישט מסכים געווען אונטערצושרייבן אַזאַ צייגעניש.

וואָס האָבן מיר געטאָן? דער לייטער פון ש״י האָט נישט געהאַט קיין ברירה. מ׳האָט באַהאַלטענערהייט אַרויסגעריסן עטלעכע בלאַנקן פון טאָג־בוך אינעם שפּיטאָל און מיט דער הילף פון אונדזערן אַ דאָקטער אויסגעשריבן די נייטיקע פּרטים און מען האָט מיט מזל די דאָזיקע דאָקומענטן אונטערגעשריבן. מיטן רעגירונגס־דאָקטער און מיט די באַאַמטע אין געזונטהייטס־ביוראָ, וועלכע האָבן געהערט צו די ש״י־באַהעלפערס, איז געווען אָפּגעמאַכט מ׳זאָל זיך צופיל נישט גריבלען אין דעם ענין. זיי האָבן אַרויסגעגעבן די טויט־צייגענישן אָן באַזונדערע שאלות.

אין דער לוויה האָבן זיך באַטייליקט נאָר די קרובים פון די קרבנות און זייערע חברים פון די תע״ש־פאַבריקן. אַ חברה־קדישא מאַן, וועלכער האָט געוווּסט, אַז מיט דער קבורה זײַנען זיך מטפל די הגנה־חברים איז בשעת דער לוויה צוגעגאַנגען צום ש״י־אָנפירער און האָט אים אײַנגערוימט אין אויער: „גאָט זאָל אײַך אויסהיטן.״

אונטערן שוץ פון ענגלענדער אַרויסגעפירט געווער

דער אָפיציר א., וואָס האָט אַ היפּשן וועג דורכגעמאַכט מיט דער הגנה און מיטן ש״י, און האָט נישט איין מאָל זיך געשטעלט אין סכנה אין גע־וואַגטע אַקציעס, דערציילט וועגן איינער אַן אַקציע, וואָס איז געווען פאַר־בונדן מיט תע״ש.

דאָס איז געשען סוף יוני 1947. איין מאָל באַקום איך אַ ידיעה, אַז אַ פּאַטרול פון בריטישע זעלנער, וואָס געפינט זיך אין „בית־הדר" (אַ צענט־ראַלער בנין נישט ווײַט פון דער אויטאָבוסן־סטאַציע) אין תל־אביב, האָט איבעראַשט אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין תע״ש. איך האָב זיך גלײַך אַהין אַוועקגעלאָזט און דערזען, אַז דער בנין וואָס האָט געדינט פאַר די צוועקן פון תע״ש איז אַרומגערינגלט דורך זעלנער. איך בין צוגע־גאַנגען צום בריטישן אָפיציר און דערוווּסט זיך פון אים אַזעלכע פּרטים:

מיט צוויי טעג צוריק איז אַנטדעקט געוואָרן אַ טונעל, וואָס אַן אונ־טערערדישע אָרגאַניזאַציע האָט דורך אים געהאַט בדעה אויפצורײַסן דעם „בית־הדר", ווו עס זײַנען געווען אײַנקוואַרטירט פיל בריטישע מיליטער־ביוראָס. האָט ער, דער אָפיציר, אָנגעהויבן צו שיקן זײַנע זעלנער פּאַטרו־לירן די געגנט. איין מאָל, בשעת אַזאַ פּאַטרול, האָט אַ זעלנער אַרײַנגעקוקט אין פענצטער און דערזען, אַז מענטשן זיצן אַרום אַ טיש און עסן. ווען יענע האָבן אים באַמערקט, האָבן זיי פּלוצים אַוועקגעוואָרפן דאָס עסן און אָנגע־הויבן אַנטלויפן. דאָס האָט דערוועקט ביי אים אַ חשד. האָט ער אַליאַרמירט די אַנדערע זעלנער און דער ענין איז דערגאַנגען צו דער פּאָליציי.

פון די תע״ש־אַרבעטער איז באַקאַנט געוואָרן אונדזער אָפיציר, אַז בשעת זיי האָבן געגעסן דאָס מיטאָג, האָבן זיי פּלוצים דערזען ווי אַ זעלנער קוקט אַרײַן אין פענצטער. האָבן זיי געמיינט, אַז דאָ ווערט זיי אונטערגע־שטעלט אַ פיסל. זיי האָבן תיכף פאַרלאָזן דאָס אָרט און זיך אָפּגעטראָגן אַי־בערן דאַך אויף אַ נאָענטן פּלאַץ און האָבן זיך דאָרט אויסגעמישט מיט די אַרבעטער, וועלכע האָבן דאָרט געבויט אַ בנין.

שטײט איך מיר אַזוי, קלער אויף די אײנצלהייטן פון דאָזיקן פאַל און אין מוח פּיקט זיך שוין אויס אַ געדאַנק, ווי אַזוי עס זאָל אויסגעמיטן ווערן די אַנטדעקונג פון דער תע״ש־אונטערנעמונג, וואָס פאַלט דאָ אַ קרבן פון אַ צופעליקן חשד. ס'איז אָנגעקומען אויפן פּלאַץ דער בריטישער סערזשאַנט

וויגהאַרן, וואָס איז געווען דער ממונה אויף דער פּאָליטישער אָפּטיילונג אין תל אביב. ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג מיטן זיכערקייטס־אָפיציר פון בית־הדר און אָנגעהויבן פּלאַנעווען ווי אַזוי דורכצופירן אַ גרינטלעכע רע־וויזיע אינעם בנין. מיר זיינען אַלע אַריין אין בנין. די ענגלענדער האָבן אויפגעריסן די אויגן פון פאַרוואונדערונג, ווען זיי האָבן געזען דעם גרויסן, פאַרשידנאַרטיקן אוצר, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען.

אינצווישן האָט זיך צו אונדז אָנגעשלאָסן מאיאָר איטל, דער לייטער פון געהיים־דינסט אין דיסטריקט לוד (ווי באַקאַנט זיינען תל־אביב און יפו געווען איינגעשלאָסן דאַן אין דיסטריקט לוד), מאיאָר פלינגהיים, דער קאָ־מאַנדיר פון דאָזיקן דיסטריקט, הויכע אַרמיי־אָפיצירן, צווישן זיי אויך דער הויפּט־אינזשעניער פאַרן מיטעלן מזרח. איך האָב געהאַט אַ צוטריט צו יעדן אָרט. איז ווען די ענגלענדער האָבן זיך באַראָטן מכוח דעם פּלאַן פון דער אַקציע, האָב איך געטראַכט ווי אַזוי צו פאַרטרייבן די גאַנצע געשיכטע. כ׳האָב אויסגעהערט זייער פּלאַן און פאַרגעשלאָגן מיין אייגענעם פּלאַן.

דער בריטישער פּלאַן איז געווען אַזאַ: 1) איזאָלירן די גאַנצע געגנט דורכן אויפשטעלן אַ דראָט־אָפּצוימונג; 2) דורכפירן רעוויזיעס אין דעם בנין און אין דער גאַנצער סביבה; 3) אַרעסטירן אַלע פאַרדעכטיקטע; 4) אַרויס־פירן דאָס גאַנצע געווער און מאַשינען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין פאַר־טער; 5) מיט דער הילף פון מאַגנעטישע אינסטרומענטן זוכן נאָך אַנדערע „אוצרות" און אויב מ׳וועט זיי אַנטדעקן, זאָל אַרויסגערופן ווערן אַ גרופּע אינזשעניערן, כדי צו ליקווידירן דעם געהיימען פּונקט.

ש״י האָט מיר צוגעשיקט אַ מעלדונג, אַז דער הויפּט־אוצר איז אויס־באַהאַלטן אין קעלער, הינטער בעטאָן־ווענט און אַז דאָס אָרט איז זייער וויכטיק, ווייל דאָרטן געפינען זיך באַהעלטענישן פון פאַרטיקן געווער און געווער־טיילן.

נעמענדיק אין אַכט דאָס „אַנטדעקטע און דאָס פאַרהוילענע" האָב איך פאָרגעשלאָגן פאַר די ענגלענדער מיין אייגענעם פּלאַן:

— איר ווייסט דאָך, — האָב איך געזאָגט — דעם מצב וואָס הערשט היינט אין תל־אביב. אייך איז אויך באַקאַנט ווי אַזוי די געזעלשאַפט באַציט זיך צו דער פּאָליציי און צום מיליטער, בפרט נאָך אַז מיט עטלעכע טעג צו־ריק איז געהרגעט געוואָרן אַ יידישער בחור בשעת עס איז אַנטדעקט גע־וואָרן דער טונעל. היינט איז פרייטיק און באַלד קומט דער שבת. דער יידי־שער עולם וועט זיין פריי פון אַרבעט. אויב מיר וועלן באַלד אָנהייבן מיט רעוויזיעס קען דאָס ברענגען צו אַן אומגייטיקער בלוט־פאַרגיסונג, ווייל מ׳קען נישט פאָראויס וויסן, ווי אַזוי דער עולם וועט דערויף רעאַגירן. בע־סער איז אָפּצולייגן די רעוויזיע ביז נאָך שבת, און ביז דאַן וועל איך זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָפּהיטן דעם מקום.

די ענגלענדער האָבן זיך לאַנג באַראָטן און האָבן סוף־סוף אָנגענומען

מיין פּלאַן. צו דער גלייכער צייט האָט מען אַרויסגעפירט פון בנין אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געלאָזט, ס׳הייסט — אַלץ, וואָס דאָס אויג האָט געזען. מ׳האָט געבראַכט שטעכל־דראָט און אַרומגעצוימט דעם בנין. דער פּאָליצײ־קאָמאַנ־דיר האָט מיך געפרעגט צי ס׳איז מיר געוווּנטשן, אַז אויך די סביבה זאָל אַרומגעצוימט ווערן, און אַז בריטישע זעלנער און פּאָליציאַנטן מיט דער באַ־גלייטונג פון אַ פּאַנצער־אויטאָ, זאָלן בלייבן מיט מיר די גאַנצע צייט. כ׳האָב געענטפערט, אַז דאָס איז נישט נייטיק, מחמת דאָס קען אויפרייצן די גאַנ־צע סביבה, וואָס איז דורכאויס אַ יידישע.

און אַזוי בין איך געבליבן אויפן פּלאַץ מיט אַ גרופּע יידישע פּאָלי־ציאַנטן און אַט זע איך, ווי דער לעצטער ענגלענדער פאַרלאָזט דעם בנין — ווערט מיר לייכטער אויפן האַרצן. אָבער באַלד זיינען אָנגעקומען אַנדערע בריטישע פּאָליציאַנטן מיט אַ פּאַנצער־אויטאָ און האָבן מיר געמאָלדן, אַז זיי זיינען צו מיין דיספּאָזיציע. האָב איך זיי פאַרגעשלאָגן, „כדי צו זיכערן זייער לעבן״, זיי זאָלן זיך אומקערן קיין יפו און פון צייט צו צייט מאַכן דאָ אַ קורצן וויזיט. אָבער נאָך בעסער וואָלט געווען זיי זאָלן וואַרטן אויף זייער באַזע, ביז כ׳וועל זיי רופן. דער בריטישער סערזשאַנט האָט מיר באַדאַנקט פאַר מיין חברישער באַציאונג און פאַר מיין זאָרג וועגן זיינע מענטשן, האָט מיך פאַרבעטן אויף אַ גלאָז ביר און האָט זיך זייער האַרציק מיט מיר גע־זעגנט.

די הגנה־קרייזן האָבן אָפּגעהאַלטן אַן אינערלעכע באַראַטונג און איך האָב באַקומען אָנווייזונגען, ווי אַזוי מ׳דאַרף אויסליידיקן די פאַרבאַרגענע מאַגאַזינען און באַהעלטענישן. ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז אין דער ערש־טער נאַכט זאָל קיין זאַך נישט געמאַכט ווערן, כדי מ׳זאָל קענען נאָכשפּירן, ווי אַזוי די ענגלענדער וועלן זיך די דאָזיקע נאַכט אויפפירן. אויפצומאָרגנס, שבת, וועט מען אָנהייבן אַרויספירן די מאַשינען און דאָס געווער.

איך האָב אַרום דעם בנין אויסגעשטעלט אונדזערע פּאָליציאַנטן און זיי דערקלערט, אַז זיי באַוואַכן אַ געפערלעך אָרט. אין פאַל, ווען מ׳וועט הערן אַן אויפרייס, אָדער מ׳וועט אַרויספירן מאַשינען און מכשירים פון בנין — זאָלן זיי זיך נישט אַריינמישן. אויב אפילו זיי זאָלן דערפאַר אַרעסטירט ווערן זאָלן זיי זיך נישט קימערן מחמת דעם, ווייל זיי דאַרפן זיך באַטייליקן אין אַן אַקציע וואָס די הגנה־חברים מוזן דורכפירן אונטער זייער שוץ.

פרייטיק צו נאַכט האָבן אונדז אָפּטמאָל באַזוכט די בריטישע פּאַנצערס, נישט אַרויסגייענדיק פון אויטאָ פלעגן די בריטן אונדז פרעגן, צי אַלץ איז „אָ־קיי״. פלעגן מיר ענטפערן: יאָ, „אָ־קיי״, און אונדזערע „רעוויזאָרן״ פלעגן זיך אָפּטראָגן.

אויפצומאָרגנס פרעגט מיך דער פּאָליצײ־קאָמאַנדיר אויב אַלץ איז אין אָרדענונג. כ׳האָב אים אָפּגעגעבן אַ ראַפּאָרט און ער האָט צוגעגעבן, אַז מיין פּלאַן איז טאַקע געווען אַ פאַרנינפטיקער. אין מיטן די אינסטרוקציעס, וואָס

כ׳האָב באַקומען פון דער הגנה, האָב איך אים געפרעגט, ווען עס איז באַשטימט דורכצופירן די רעוויזיע, האָט ער געענטפערט, אַז די רעוויזיע וועט פאָרקומען נישט פריער ווי מאָנטיק, ווייל שבת איז דאָס נישט געוווּנטשן און זונטיק איז נישט כדאי צו באַשעפטיקן זיינע מענטשן. על כל פנים האָט ער מיר פאַרזיכערט, אַז ער וועט רעכטצייטיק מיר מיטטיילן וועגן זיין פלאַן בכלל און וועגן דער צייט פון דער רעוויזיע בפרט.

אין זעלביקן טאָג זיינען די הגנה־מענטשן אַריינגעדרונגען אין בנין דורך אַ הינטער־טיר, נאָך דעם ווי זיי האָבן איבערגעריסן די דראָט־צוים. ווען ס׳איז צוגעפאַלן די נאַכט האָבן זיי אויפגעריסן די ווענט, הינטער וועלכע ס׳האָבן געשטעקט אונדזערע אוצרות און האָבן ביזן פרימאָרגן אַרויסגעפירט אַלץ וואָס ס׳האָט זיך געלאָזן. די גאַנצע אַרבעט איז פאַרענדיקט געוואָרן אין דער נאַכט אויף מאָנטיק, צוויי אַזייגער. ס׳דאַרף באַמערקט ווערן, אַז אַפילו אין רעכטן מיטן פון דער פיבערדיקער אַרבעט איז אויך געקומען אויף אַ באַזוך די בריטישע פּאָליציי, אָבער כלומרשט צוליב זייער זיכערקייט פלעגן מיר זיי באַגעגענען אויף אַ געוויסן מרחק פון בנין. אויף זייער פראַגע, ווי ס׳האַלטן ביי אונדז, פלעגן מיר ענטפערן שטענדיק מיט „אָ־קיי".

צומאָרגנס אינדערפרי איז מיר „מודיע" אַ פּאָליציאַנט, וואָס איז געקומען אויף זיין פּאָסטן 7 אַזייגער אינדערפרי, אַז ביינאַכט איז קענטיק דאָס אָרט אויפגעריסן געוואָרן און עס איז פאַראַן אַ חשד, אַז עס זיינען פון דאָרט נעלם געוואָרן פיל זאַכן. כ׳האָב וועגן דעם גלייך מיטגעטיילט דעם געהיים־דינסט אין יפו. עס זיינען אַלאַרמירט געוואָרן הויכע בריטישע אָפיצירן און ווען זיי האָבן געזען דעם חורבן אין בנין, האָבן זיי פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען.

דער הויפט אינזשיניער פאַרן מיטעלן מזרח איז ממש אַרויס פון די כלים. ער האָט געטענהט, אַז פונעם פּאַרטער איז אַרויסגעפירט געוואָרן אַן אויסגעצייכנטע מאַשין, וועלכע ער האָט נאָך נישט באַוויזן אַפילו צו באַטראַכטן גענויער און אַז ס׳זיינען פאַרשוווּנדן געוואָרן נאָך אַנדערע מאַשינען און געווער־פּראָדוקציע.

איך בין גענומען געוואָרן אויף אַ פאַרהער און מ׳האָט מיך לאַנג און שווער געפאָרשט. כ׳האָב גענומען די שולד אויף זיך און דערקלערט, אַז מחמת ס׳האָבן מיר אויסגעפעלט מענטשן, האָב איך נישט געשטעלט קיין פּאָליציאַנטן אין הינטערשטן טייל פון דער געביידע: כ׳האָב זיך פאַרלאָזן אויף דער דראָט־אָפּצוימונג. נאָך לאַנגע פאָרשונגען איז באַשלאָסן געוואָרן צו באַפרייען די פּאָליציאַנטן פון יעדער אחריות, און בנוגע מיר, זאָל איך איבערגעגעבן ווערן צו אַ דיסציפּלינאַרן געריכט. אָבער דער ענין איז קיינמאָל נישט פאַרענדיקט געוואָרן. די אויספאָרשונגען האָבן זיך לאַנג געצויגן, ביז די ענגלענדער האָבן זיך עוואַקואירט פון ארץ ישראל און מיטגענומען מיט זיך אויך די דאָזיקע טעקע, וואָס איז נאָך געווען אין דער „באַהאַנדלונג".

און דער אָפיציר א., וואָס האָט מיר די מעשה דערציילט האָט צוגע־געבן:

„איך ווייס נישט גענוי, וואָס מ׳האָט אַרויסגעפירט פונעם וואַרשטאַט און פון די באַהעלטענישן. איך בין דאָך געשטאַנען אינדרויסן און צוזאַמען מיט די חברים האָבן מיר שטאַרק געהיטן, אַז עס זאָל נישט געשען קיין שלעכטס מיט דער געביידע. נאָר איך ווייס, אַז צענדליקער תע״ש־אַרבעטער האָבן געהאָרעוועט ענערגיש צוויי טעג און צוויי נעכט, און האָבן געראַטע־וועט יעדע כלי, יעדע מאַשין, יעדע פּראָדוקציע און יעדן חפץ, וואָס האָט געהאַט אַ וועלכן ס׳איז ווערט פאַר תע״ש״.

מ׳דאַרף באַמערקן, אַז אויך יענע אינסטרומענטן, וואָס דער געהיים־דינסט האָט צוגענומען בשעת דער ערשטער רעוויזיע, זיינען אויך ביסלעכ־ווייז צוריקגעקערט געוואָרן צו תע״ש מיט דער הילף פון אַ יידישן באַאַמטן פון די הגנה־מענטשן, וועלכער האָט געדינט אין דער פּאָליציי און זיין ביוראָ האָט זיך געפונען אין דער געביידע פון בריטישן געהיים־דינסט.

די תקופה פון יידישן אויפשטאַנד

דער ישוב נעמט אויף דעם קאַמף

אין דער תקופה צווישן דער צווייטער וועלט־מלחמה און דער באַפריי־אונגס־מלחמה זיינען פאַרשאַרפט געוואָרן די באַציאונגען צווישן יידישן ישוב אין ארץ ישראל און דער מאַנדאַט־מאַכט אין אַזאַ מאָס, וואָס האָט נישט געהאַט איר גלייכן אין דער פאַרגאַנגענהייט: די רעגירונג האָט מיט דער הילף פון בריטישן מיליטער דערקלערט ממש אַ מלחמה דעם יידישן ישוב מיטן צוועק אים איינצופרעסן אין סדום־בעטל פון כלערליי באַשרענקונגען. זי האָט געקעמפט קעגן דער עליה און העפלה (די אַזוי גערופענע אומלעגאַלע עליה). זי האָט פאַרשאַרפט די געזעצן וואָס פאַרבאָטן פאַר יידן קויפן באָדן און האָט פאַרשטאַרקט די קאָנטראָל איבער דער אויספירונג פון די דאָזיקע געזעצן. די רעגירונג האָט געשטרעבט צו דערשיטערן און צו צעשמעטערן די שוץ־כוחות פון ישוב דורך קאָנפיסקירן געווער, דורך אַרעסטן פון הגנה־קאָמאַנ־דירן, דורך מאַסן־אינטערנירונגען פון די הגנה־חברים. זי האָט געוואָלט צע־שטערן די אינערלעכע אָרגאַניזאַציע פון ישוב און האָט דעריבער פאַרהאַלטן און אַרעסטירט די אָנפירער פון ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

הכלל, דאָס איז געווען אַ מלחמה קעגן יעטוועדער אַנטפּלעקונג פון זעלבסשטענדיקן לעבן פון ישוב — ס'האָט נאָר געפעלט דער בפירושער נאָ־מען „מלחמה". אנשטאָט דעם האָט די רעגירונג זיך באַנוצט מיטן טער־מין „אויסנאַם־צושטאַנד".

דער ישוב האָט ריכטיק אָפּגעשאַצט דעם מצב אָן איבעריקע אילוזיעס. דער אָרגאַניזירטער חלק פון ישוב, אָדער ווי ער האָט דאַן געהייסן „ווידער־שטאַנד־באַוועגונג" האָט געפירט דעם קאַמף מיט דער אונטערשטיצונג פון די פאָלקס־מאַסן אויף אַלע מעגלעכע דרכים. דערביי האָט מען זיך געמיט צו האַלטן דאָס געווער ריין, נישט אומברענגען קיין מענטשן אפילו דאַן ווען ס'איז געווען נייטיק דורכצופירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין יענע איינריכטונגען און כלים, וואָס זיינען געלאָזן געוואָרן אין גאַנג דורך דער מאַכט קעגן דער הגנה און דער עליה.

דער עיקרדיקער פראָנט פון אָט דעם שוץ־פראָנט — ווו עס זיינען דער־

גרייכט געוואָרן זייער וויכטיקע אויפטוען — איז געווען דער פראָנט פון עליה און העפלה. דערצו האָט די הגנה אויפגעשטעלט אַ פאַרצווייגטע נעץ פונקטן, וואָס זיינען געווען אויסגעשפרייט איבער פיל לענדער אין איירא־פע, אַזיע, אַפריקע און אויך אַמעריקע. דער נאָמען פון „אונטערערד־באַן קיין ארץ־ישראל" איז באַרימט געוואָרן און איז רעכט אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך פריינט און שונאים צוגלייך (הגם, פאַרשטייט זיך צוליב פאַרשיידענע סי־בות...). די הגנה האָט געאַרבעט מיט דער פולער ענערגיע אין הסכם מיט דער פּאָליטישער ליניע נישט אונטערצווואַרפן זיך די געזעצן פון ווייסבוך און האָט געהאָלפן אויפשטעלן לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן אפילו אין די „פאַרבאָטענע" געביטן.

די הגנה האָט זיך צוריקגעהאַלטן אפילו פון באַוואָפנטע צוזאַמענ־שטויסן מיט דער פּאָליציי און אַרמיי, ווען דאָס איז געווען נייטיק. „די ווי־דערשטאַנד־באַוועגונג" האָט נישט איין מאָל געשעדיקט מיליטערישע אָדער רעגירונגס־איינריכטונגען. דאָס זיינען נישט געווען קיין דעמאָנסטראַטיווע אַקציעס נאָר כדי אויסצולאָדן די געפילן פון פאַרביטערונג, אָדער כדי סתם צו אָנטפּלעקן „מוט און גבורה". די מעשים פון דער הגנה אין אָט דער תקופה פון געראַנגל זיינען אין ס׳רוב פאַלן געווען געקניפּט און געבונדן מיטן קאָנ־סטרוקטיוון פּלאַן פון עליה, התישבות, אָדער פון באַשיצן דעם יידישן ישוב און זיינע אינסטיטוציעס.

דער קאַמף איז געווען שאַרף. אַרום 100 טויזנט מיליטערלייט האָבן זיך געפונען אין לאַנד. זיי זיינען געווען באַרופן צו ליקווידירן דעם שוץ־כוח פון ישוב און נישט צו דערלאָזן אויף אַזאַ אופן די עליה פון יענע 100 טויזנט עולים, וועלכע דער ישוב האָט געפאָדערט זיי אַריינצובריינגען אין לאַנד. די כוחות פון דער בריטישער פּאָליציי זיינען פאַרטאָפּלט געוואָרן. אָבער פאַר דער גאַנצער צייט פון קאַמף האָט די מאַנדאַט־מאַכט גוט גע־ווּסט, אַז די ווידערשטאַנד־באַוועגונג נעמט אַרום דעם גאַנצן ישוב און אַז די הגנה פירט דורך אירע אַקציעס מיטן וויסן פון די ישוב־אָנפירער און דער יידישער אַגענץ.

אין די רעגירונגס־באַריכטן, וועלכע ש״י האָט אַריינבאַקומען איז גע־זאָגט געוואָרן וועגן דער הגנה, איר געשיכטע און צוזאַמענשטעל אָט וואָס:

> „נישט לויט די כללים פון גראַמאַטיק ווערט די דאָזיקע פאַר־אייניקונג אָנגערופן מיטן נאָמען „הגנה" זי איז אַרויסגעוואַקסן פון „השומר", וואָס האָט באַקומען זיין השפעה פון די געהיימע פאַר־באַנדן אין צאַרישן רוסלאַנד.

די הגנה געפינט זיך אונטער דער השגחה פון דער סוכנות און ווערט פאַררעכנט ווי אַ האַלב־אָפיציעלע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע. די צאָל חברים אירע ווערט אָפּגעשאַצט אויף 80 טויזנט. מ׳קען ניט פעסטשטעלן וויפל געווער זי פאַרמאָגט, אָבער דער קוואַנטום איז

זיכער גרויס. זי פאַרמאָגט רעוואָלווערן, ביקסן, באָמבעס, מינעס, שווער־אויטאָמאַטיש געווער און קוילן־וואַרפערס.

דער דאָזיקער כוח פאַרמאָגט אַ שטורעם־אָפּטיילונג (פּלמ"ח) וואָס ציילט אַרום צוויי טויזנט מאַן מיט אַ רעזערוו פון 4־5 טויזנט. זייער מיליטערישע הכשרה איז אַ הויכע. פיל פון זיי זיינען אויס־געבילדעט געוואָרן דורך בריטישע אָפיצירן פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן הינטער די נאַצישע ליניעס.

בדרך כלל האָט די הגנה אָפּגעהיטן דעם מעטאָד פון „איינהאַלטן זיך" און במשך די יאָרן 1936 — 1939 איז זי געווען ריין פון דער שולד אין רעוואַנש־אַקציעס קעגן אַראַבער. ביז דער לעצטער צייט האָט זי זיך נישט פאַרנומען מיט טעראָר אָדער מיט אַקציעס, וואָס זאָלן זיין געווענדעט קעגן דער מאַנדאַט־רעגירונג. הגם זי איז געווען פאַרמישט אין געווער־דעראָבערונגען. סוף 1945 האָט זי זיך באַטיי־ליקט אין אַן אַנגריף אויפן קאָנצענטראַציע־לאַגער אין עתלית, אין סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף דער אייזנבאַן־ליניע און אין אַנגריפן אויף צוויי סטאַציעס פון דער ברעג־פּאָליציי. די הגנה האָט געהאָלפן אַרי־בערשמוגלען אומלעגאַלע עולים".

די מעשה וועגן אַנגריף אויפן לאַגער אין עתלית, וואָס ווערט דערמאָנט אין דעם פּאָליציי־ראַפּאָרט איז געווען בקיצור אַזאַ: אין דאָזיקן לאַגער, וואָס איז געווען אַרומגעצאַמט מיט שטעכל־דראָט זיינען געהאַלטן געוואָרן יידישע עולים, וואָס זיינען אָנגעקומען אין לאַנד אויף אַן „אומלעגאַלן" אופן. לויטן באַפעל פון הגנה־שטאַב איז אין לאַגער אַריינגעדרונגען אַ פּלמ"ח־איינהייט, וואָס האָט אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט דורכגעשניטן די דראָט־אָפּ־צוימונגען און באַפרייט הונדערטער עולים, לויט אַ לכתחילהדיקן פּלאַן. מחוץ דעם לאַגער זיינען געשטאַנען אַנדערע הגנה־איינהייטן, כדי צו באַשיצן די אַקציע און אַריבערצופירן די באַפרייטע אין די אַרומיקע יידישע ישובים.

די חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין לאַגער האָבן לויטן פּלאַן קאַליע געמאַכט די ביקסן פון דער בריטישער מאַכט. און אַט האָבן די פּאָליציאַנטן פלוצים אַנטדעקט דעם מאַסן־אַנטלויפן פון די אַרעסטירטע. זיינען זיי אַריינ־געלאָפן אין זייערע צימערן, געכאַפּט די ביקסן און אָנגעהויבן צו שיסן. זיי האָבן געשאָסן אַ קויל נאָך אַ קויל, אָבער קיין שאָס האָט נישט אָפּגעקנאַלט. טויטע קללות האָבן זיך געשאָטן פון זייערע מיילער: דאָס זיינען דאָך, צו אַלטע שוואַרצע יאָר נישט קיין ביקסן נאָר שטעקנס; וואָס איז דאָ געשען? די פּאָליציאַנטן זיינען נישט געווען בכוח אומצוקערן די הונדערטער אַרעס־טאַנטן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעריסן אויף דער פריי. און די גאַנצע גע־וואַגטע אַקציע איז דורכגעפירט געוואָרן אָן שום קרבנות.

בנוגע דעם סאַבאָטאַזש אויף די אייזנבאַן־ליניעס, וואָס ווערט דערמאָנט

אין טרוקענעם ראַפּאָרט פון דער פּאָליציי, דאַרף מען אויפקלערן די אַטמאָס־פער פון יענע שטורמישע טעג און דערציילן ווי אַזוי דאָס איז געשען:

סוף נאָוועמבער 1945 האָט דער בריטישער אויסערן־מיניסטער ערנסט בעווין געהאַלטן זיין באַרימטע חרפּהדיקע רעדע, וואָס האָט געקענט מאַכן צו־נישט די פּליכט צו ראַטעווען די שארית־הפליטה, די לעבנגעבליבענע יידן פון די געטאָס און קאַצעטן. זיינע רשעותדיקע רייד האָבן צוגעגאָסן ברענשטאָף צום פלאַם־פייער פונעם קאַמף קעגן בריטישן רעזשים, וואָס ברעכט דעם צו־טרוי צו אים, און געבראַכט אפילו די מעסיקסטע אין אונדזער אָנפירערשאַפט אויפן צד פון די יעניקע, וועלכע האָבן אנערקענט די נויטווענדיקייט פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אין עטלעכע טעג אַרום נאָך בעווינס רעדע, אין דער נאַכט פון 2טן נאָ־וועמבער — די היסטאָרישע דאַטע פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע — האָט די הגנה דעמאָנסטרירט איר כוח, דורכפירנדיק סאַבאָטאַזש־אַקטן אין 200 פונקטן אויף די אייזנבאַן־ליניעס. די אַקציע איז פּלאַנירט און דורכגעפירט געוואָרן דורך פלמ״ח־איינהייטן, און דאָס איז געווען אַ וואָרענונג פאַר דער מאַכט, אַז דער ישוב וועט זיך נישט אונטערגעבן דעם רעזשים, וואָס דערשטיקט זיינע לעבנס־אינטערעסן.

דער רעזולטאַט איז געווען, אַז יענע איינריכטונגען, וועלכע האָבן גע־דינט די כוחות פון מיליטער און פּאָליציי אַריבערצופירן מיליטער־איינהייטן און געווער פאַר אַן אָפענעם קאַמף קעגן ישוב, זיינען אויף אַ לאַנגער צייט געליימט געוואָרן. אין דער זעלביקער נאַכט זיינען אויך דערטרונקען געוואָרן דריי שיפלעך פון דער ברעג־פּאָליציי, וועלכע זיינען באַנוצט געוואָרן אין דער יאָגעניש נאָך די מעפּילים.

די אַקציעס גופא זיינען אויסגעפירט געוואָרן מיט הצלחה און אָן קרבנות. דאָס איז געווען אַן ערנסטע לעקציע פאַר דער מאַכט, וואָס האָט נאָך געהאַט די אילוזיע און געמיינט, אַז מיטן רויען כוח קענען זיי גובר זיין די ווידער־שטאַנד־באַוועגונג וועלכע האָט שוין געהאַט אַרומגעכאַפּט די מערהייט פון יידישן ישוב.

אין פּאָליציי־ראַפּאָרט איז אויך דערמאָנט געוואָרן, אַז די הגנה האָט צע־שעדיקט די סטאַציעס ביי די ברעגעס, אָבער ס׳איז נישט באַטאָנט געוואָרן אַז אַט די איינריכטונגען זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן ספּעציעל צו באַקעמפן די יידישע עליה — אויף זייער לשון „די אומלעגאַלע עליה״. די סטאַציעס זיינען צעשעדיקט געוואָרן דורך פלמ״ח־איינהייטן. אויך אין דעם פאַל, ווי אין פיל אַנדערע פאַלן האָבן די מענטשן זיך פאַרבונדן טעלעפאָניש מיט די סטאַציעס און זיי געוואָרנט מ׳זאָל פאַרלאָזן די בנינים, ווייל אונטער זיי איז אונטערגעלייגט געוואָרן אויפרייס־מאַטעריאַל. די עצם־טעלעפאָן־פאַרבינדונג האָט געשמעקט מיט סכנה, אָבער זיי האָבן אויסגעפירט די אינסטרוקציע פון הגנה־שטאַב און דערמיט געראַטעוועט מענטשלעכע לעבנס.

ווען מיר זאָלן וואַרפן אַ בליק אויף די פיל שפּעטערדיקע אַקציעס פון דער הגנה פון גרויסן פּאַרנעם אין איר קאַמף קעגן דעם בריטישן רעזשים, וועלן מיר פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס די הגנה האָט דורכגעפירט פריער און וואָס עס איז דאָ געשילדערט געוואָרן איז געווען אַ מין אוואַנס פאַר די ווייטערדיקע געוואַגטע אויפטוען. און אַזוי אַרום זיינען צעטרייסלט געוואָרן די יסודות פון דער בריטישער מאַכט אין לאַנד און אין משך פון 30 חדשים ראַנגלענישן זיינען זיי אינגאַנצן צעשמעטערט געוואָרן.

מיר האָבן נישט בדעה צו דערציילן דאָ די גאַנצע געשיכטע פון ווידערשטאַנד און געראַנגל. מיר וועלן זיך באַגנוגענען מיטן איבערגעבן אייניקע געשענישן, אין וועלכע דער ש"י האָט אויסגעפירט אַ געוויסע ראָל.

מחמת די אויסערגעוויינלעכע באַדינגונגען האָט מען געמוזט פאַרשטאַרקן די אַרבעט פון ש"י און מ'האָט געמוזט אַנטדעקן נייע אינפאָרמאַציע־קוואַלן צווישן די מאַכט־אָרגאַנען, דעם געהיימ־דינסט און דעם מיליטער, וואָס איז אַריינגעבראַכט געוואָרן אין דירעקטן קאַמף קעגן דער הגנה און דעם ישוב. ס'האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען וועגן פּלענער און מאַסן־אַרעסטן, און ענערגישע רעוויזיעס כדי אויסצוגעפינען די הגנה־חברים און געווער. האָט מען געדאַרפט דעריבער אויפקלערן אויף וויפל אָט די ידיעות און קלאַנגען וואָס האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע מקורות זיינען ריכטיק. אפשר זיינען זיי גאָר פאַרשפּרייט געוואָרן בכיוון דורכן בריטישן געהיימ־דינסט כדי צו דעפּרימירן דעם גייסט פונעם ישוב? ש"י איז געווען מחוייב דאָס אויפצוקלערן.

וועלן מיר דאָ ברענגען דעם תמצית פון דער ש"י־אינפאָרמאַציע, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן דורך פאַרשיידענע דרכים און דערפון קען שוין קלאָר ווערן דער אַלגעמיינער מצב:

5.11.45 — פיל בריטיש מיליטער קאָנצענטרירט זיך אין ארץ ישראל. ס'ווערן אויפגעשטעלט נאָך מיליטערישע לאַגערן. ס'קומען אָפּט אָן צוגן פול מיט מיליטער.

20.11.45 — אויף די פּאָליציי־סטאַציעס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן מיליטער־איינהייטן. חוץ דעם זיינען בשכנות פון די דאָזיקע סטאַציעס אויפגעשטעלט געוואָרן מיליטער־לאַגערן פאַר 100 — 200 זעלנער.

20.11.45 — די פּאָליציי־סטאַציע איז אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכיקן דראָט. נייע זיכערקייטס־מיטלען זיינען אָנגענומען געוואָרן בנוגע די געווער־מאַגאַזינען.

29.1.46 — אין די צענטערן פון געהיימ־דינסט גרייט מען צו פיל שילדן אויף די דריי אָפיציעלע שפּראַכן: „זיך פונאַנדערגיין — מיר וועלן עפענען אַ פייער!"

18.3.46 — אין דער אומגעגנט פון מיליטער־לאַגער אין רפיח, (נעבן דער עגיפּטישער גרענעץ) באַשעפטיקן זיך זעלנער מיטן אויפשטעלן אַ גרויסן

קאָנצענטראַציע־לאַגער. די זאַך ווערט געהאַלטן בסוד. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז דער לאַגער איז באַשטימט פאַר יידישע אינטערנירטע.

2.3.46 — אַ קאַרפּאָראַל און אַ זעלנער פון אַ געוויסן רעגימענט האָבן זיך אויסגעדריקט אַזוי: אינגיכן וועט תל־אביב אָנגעגריפן ווערן, מ׳וועט נישט קענען פאָרן אויף די וועגן.

4.6.46 — אין דער רעגירונגס־דרוקעריי האָט מען אָפּגעדרוקט, לויטן באַפעל פון מיליטערישן קאָמאַנדיר, 45 טויזנט עקזעמפּלאַרן פון אַרעסט־באַפעלן. דער קוואַנטום איז אויסערגעוויינלעך, ווייל אין רעזערוו זיינען נאָך פאַראַן בערך 8־10 טויזנט עקזעמפּלאַרן.

אָט־אָ־די און ענלעכע ידיעות האָבן ביי זייער גאַנצער וויכטיקייט נישט געקענט באַפרידיקן דעם הגנה־שטאַב און די יידישע אַגענץ. זיי האָבן געפּאָדערט אויפצוקלערן אויף וואָס פאַר אַן אופן און לויט וועלכע פּלענער די מאַכט האָט בדעה דורכצופירן אירע אַקציעס קעגן ישוב: וואָס זיינען אירע מאַנעווערס, ווו, ווען און מיט וואָס וועט זי דאָס אַלץ דורכזעצן. אָט די אינפאָרמאַציע איז געווען נייטיק סיי אונדזערע פּאָליטישע אָנפירער און סיי דעם הגנה־שטאַב כדי צו פּלאַנירן און צוגרייטן אַ קעגן־קלאַפּ. ש״י האָט זיך פאַרנומען מיטן צונויפזאַמלען אָט די אינפאָרמאַציעס.

ש״י האָט געשטרעבט דורכצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע אויף פאַרשיידענע דרכים און האָט מיט דער צייט דערגרייכט וויכטיקע רעזולטאַטן. עס זיינען דעראָבערט געוואָרן באַזונדערס געהיימע דאָקומענטן, אין וועלכע עס זיינען געווען פאַרצייכנט די הגנה־חברים, וואָס זיינען געווען באַקאַנט דער מאַכט, די ערטער ווו ס׳איז געווען אויסבאַהאַלטן דאָס געווער וואָס מ׳האָט געזוכט, די פּלענער פון רעוויזיעס און אַנדערע.

גענעראַל באַרקער, דער קאָמאַנדיר פון בריטישן מיליטער אין ארץ ישראל איז געווען געצוווּנגען עפנטלעך צו דערקלערן, נאָך דעם ווי אין אונדזערע הענט זיינען אַריינגעפאַלן די פּלענער פון די מיליטערישע אָפּעראַציעס: „די יידן ווייסן די סודות פון דער מאַכט און די מיליטער־אָפּעראַציעס אין משך פון 24 שעה פון מאָמענט ווען מיר באַשליסן וועגן זיי. זייער אינטעליזשענס אַרבעט ווונדערבאַר“...

„קול ישראל“ — דער קול פון יידישן ווידערשטאַנד

אין איינעם פון די רעגירונגס־ראַפּאָרטן פון חודש דעצעמבער 1946 איז געזאָגט געוואָרן אַזוי:

„די הגנה באַנוצט זיך מיט אַן אומלעגאַלן ראַדיאָ־זענדער אונטערן נאָמען „קול ישראל“. די דאָזיקע סטאַציע האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין מערץ 1940, האָט געאַרבעט אין משך פון פיר־

פינף חדשים און האָט איבערגעריסן אירע אוידיציעס ביזן 9טן מערץ 1945.

פון דער דאָזיקער דאַטע אָן האָט זי געגעבן כמעט יעדן טאָג, פון 10—15 מינוט, אוידיציעס אין ענגליש, העברעאיש און אראַביש".

די דאָזיקע פרשה וועגן „קול ישראל" איז כדאי צו דערציילן כדי מ׳זאָל וויסן וואָס פאַר אַ ראָל „קול ישראל" האָט געשפּילט אין דער גאַנצער סיסטעם פון די הגנה־ און פלמ"ח־אַקציעס.

„קול ישראל" איז געווען אַ מין אָפיציעלער וואָרטזאָגער פון דער הגנה. דורך זיין פאַרמיטלונג פלעגט די הגנה אַרויסשטעלן די פאָדערונגען פון יידישן ישוב צו די מאַכט־אָרגאַנען, זיין גרייטקייט צום שוץ, צו דער „אומלעגאַלער" עליה און צו יעדן אַנדערן ציוניסטישן אַקט. די דאָזיקע פאָדערונגען פלעגט מען לאָזן הערן מיט גרויס תקיפות און דער איינדרוק איז געווען זייער אַ שטאַרקער.

די מאַכט־אָרגאַנען האָבן געוווסט, אַז הינטער אָט דעם קול שטייט דער גאַנצער ישוב, מיט אַלע זיינע אָפיציעלע און „אומאָפיציעלע" אינסטיטוציעס. די דערפאַרונג האָט זיי דערוויזן, אַז די רייד פון „קול ישראל" זיינען ביז גאָר וואָגיק און נישט איין מאָל פלעגן נאָך די רייד קומען מעשים...

די ראָל פון ש"י אין דער דאָזיקער אונטערנעמונג איז געווען — נאָכשפּירן די דעטעקטיוון, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט די סטאַציע פון „קול ישראל", צו דערקונדיקן זיך לכתחילה וועגן זייערע הכנות צו אַנטדעקן די סטאַציע און וואָס פאַרא מיטלען ס׳וועלן אונטערגענומען ווערן און ווען דאָס קען געשען — אָדער בשעת די צוגרייטונגען צו דער אוידיציע אָדער בשעת דער אוידיציע גופא. אין דער צייט, ווען ס׳ווערן פאַרטיק געמאַכט די מכשירים, אָדער בשעת מען גרייט צו דעם מאַטעריאַל צום לייענען, אָדער אין אַן אַנדער צייט. ס׳האָט זיך געפירט אַ מין „קאַץ און מויז־שפּיל": דער ש"י און דער שטאַב פון „קול ישראל" האָבן געפּרוווט אַריבערכיטרעווען דעם געהיים־דינסט, די פּאָליציי און דאָס מיליטער. דאָס איז געווען אַ זייער שפּאַנענדיקער שפּיל, וואָס האָט געפאָדערט פון די „שפּילער" פאַרזיכטיקייט, פּינקטלעכקייט, המצאהדיקייט און איבערהויפּט געשיקטקייט.

מיר האָבן נאָכגעשפּירט די פּאָליציי־אַגענטן, אויפגעכאַפּט די שמועסן און די מעלדונגען פון געהיים־דינסט, אַריינגעקוקט אין זייערע טעקעס און דאָקומענטן און ס׳איז פאַר אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די רעגירונג באַציט זיך טאַקע זייער ערנסט צום וואָרט פון דער „הגנה", וואָס איז געקומען צום אויסדרוק דורך „קול ישראל". כדי צו פאַרשטיקן דעם דאָזיקן קול האָט די רעגירונג געבראַכט פון חוץ לארץ מאָדערנע פאַרקולקאָמטע אַנטדעקונגס־אַפּאַראַטן. זי האָט באַשעפטיקט ספּעציאַליסטן פון מיליטער און פון „סקאָט־

לאַנד־יאַרד" וועלכע זאָלן פעסטשטעלן פון וואַנען די ראַדיאָ־אוידיציעס וועלן שטאַמען. זי האָט אַרויסגעגעבן שטרענגע באַפעלן און אינסטרוקציעס „צו כאַפּן פאַר יעדן פרייז" די סאַבאָטאַזש־סטאַציע וואָס הייסט „קול ישׂ־ראל" און האָט צוגעזאָגט פאַר די וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אין דער דאָ־זיקער מלאכה געלט־פּרעמיעס און ראַנג־העכערונגען.

די ראָל פון ש"י איז געווען צו אידענטיפיצירן די דאָזיקע ספּעציאַ־ליסטן און נאָכצושפּירן זייערע באַוועגונגען, באַזונדערס בשעת די אוי־דיציעס. אין דעם פאַל האָבן אונדז שטאַרק מיטגעהאָלפן אונדזערע חברים די יידישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געאַרבעט אין בריטישן געהיים־דינסט. עס איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן ש"י פון איין זייט און דעם שטאַב פון קול ישראל — פון דער צווייטער זייט. און אויך מיט דער גרופּע אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן די סטאַציע געהיטן. און זיי פלעגט מען איבערגעבן די פּרטים וועגן די דעטעקטיוון און זייערע באַוועגונגען.

מיט דער צייט האָבן די ש"י־חברים זיך אויסגעלערנט צו דערקענען די אויטאָס און די דזשיפּן לויט זייערע נומערן און ספּעציעלע סימנים, ווו עס זיינען געווען איינגעשטעלט די ספּעציעלע אַפּאַראַטן, וועלכע שטעלן פעסט די ריכטונג און פּלאַץ פון די אוידיציעס, און דערקענען אויך די „פּרי־וואַטע" אויטאָס, וועלכע זיינען געווען אין קאָנטאַקט מיט די פּאָליציאַנטן־פאַרפאָלגער. יעדן טאָג פלעגט מען בייטן די נומערן פון אָט די אויטאָס, כדי זיי צו פאַרמאַסקירן פון אַ זייטיקן אויג. אָבער אונדזערע מענטשן האָבן זיך אויסגעלערנט אויך אין אַזעלכע פאַלן זיי צו דערקענען. ביי דער ראַדיאָ־סטאַציע איז געווען איינגעקוואַרטירט אַ שוץ־איינהייט, וואָס איז באַשטאַ־נען פון אויסדערוויילטע פלמ"ח־חברים, און אַלע פּרטים וואָס אונדזערע מענ־אַגענטן פלעגן דערגיין, פלעגט מען גלייך אַהין איבערגעבן. אונדזערע מענ־טשן פלעגן זאָגן מיט גאווה: „זיי וועלן זען די סטאַציע ווי זיי וועלן דערזען זייערע אויערן". און באמת דאָס איז נישט געווען קיין פּוסטע גאווה!

לויט אונדזערע נאָכשפּירונגען און פאָרשונגען איז קלאָר געוואָרן פאַר ש"י, אַז די בריטישע פּאָליציי האָט זיך גיך מייאש געווען צו אַנטדעקן אונ־דזער ראַדיאָ־סטאַציע מיט זייערע אייגענע כוחות און זי האָט אַרויסגערופן צו הילף דאָס מיליטער. הגם אין פיל אַנדערע פאַלן האָט די פּאָליציי שטענ־דיק געקעמפט פאַר איר אומאָפּהענגיקייט.

די קאָמאַנדע איבער די זוכענישן פון „קול ישראל" (וואָס האָט דער־וויל געגעבן זיינע אוידיציעס טאָג־טעגלעך, אָן שטערונגען) איז איבערגע־געבן געוואָרן די בריטישע מיליטערישע זיכערקייטס־אָפיצירן. בראש דער דאָזיקער אינסטיטוציע איז געשטאַנען דער אָפיציר סוליבאַן, וואָס איז גע־ווען באַוווסט מיט זיין שנאה צו אונדז. דער דאָזיקער אָפיציר האָט קאָנצענ־טרירט אַרום זיך ספּעציאַליסטן און דעטעקטיוון, האָט פאַרלאָזט יעדע אַנ־

דערע אַרבעט און האָט זיך איבערגעגעבן מיט זיין גאַנצער ענערגיע און מיט אַ גרויסן פאַרנעם נאָר דער דאָזיקער אויפגאַבע. ער האָט אויך צוגעזאָגט הויכע געלט־פּרעמיעס פאַר יעטוועדן וואָס וועט ברענגען אַ ידיעה, וואָס קען העלפן צו אַנטדעקן די סטאַציע.

נישט איין מאָל פלעגן די אויטאָס, וואָס האָבן נאָכגעשפּירט „קול יש־ראל" צוקומען נאָענט צום פּלאַץ פון דער זענדונג, אָבער איידער זיי האָבן באַוויזן אָנצוהייבן די אונטערזוכונג פלעגט דער זענדער שוין אַריבערגע־פּעקלט ווערן אויף אַן אַנדער אָרט. פיל מאָל האָבן מיליטער־איינהייטן אַרומגערינגלט גאַנצע קוואַרטאַלן אין תל־אביב אָדער מחוץ פון דער שטאָט און זיי פלעגן דורכפירן רעוויזיעס פון הויז צו הויז. אָבער אין אַלע פאַלן האָט דאָס זיי געגעבן אַן אויסגעבלאָזן איי.

געווען אַ מעשה ווען דער בריטישער געהיים־דינסט האָט זיך געגרייט אַריינצוקומען אין אַ דירה, פון וואַנעט עס איז טראַנסמיטירט געוואָרן די זענדונג פון „קול ישראל". די סכנה איז געווען אַ גרויסע, אָבער אונדזערע פאַסטנס האָבן מצליח געווען צו פאַרהאַלטן אונטער פאַרשיידענע תירוצים אין משך פון עטלעכע מינוט די דעטעקטיוון ביים סאַמע אַריינגאַנג אין דער דירה. פאַר אָט די געציילטע מינוטן זיינען דורך אַ הינטערשטער טיר פון דעם בנין תיכף אַרויסגעפירט געוואָרן די וואַליזעס, וועלכע האָבן אַנט־האַלטן דעם זענדער, און זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן ווייט פון געפער־לעכן פלאַץ.

בשעת איינער פון אונדזערע נאָכשפּירונגען נאָך די דזשיפּן, וועלכע האָבן פאַרפּאַלגט אונדזער סטאַציע (דאָס איז געווען אין ראשון לציון) איז אונדז געלונגען „אַרויסצולקחענען" פון איין מאַשין אַ מאַפּע, אויף וועל־כער עס זיינען געווען פאַרצייכנט אַלע יענע פלעצער פון וואַנען אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע האָט טראַנסמיטירט אירע אוידיציעס אין דער פאַרלאָפענער וואָך. די מאַפּע האָט אונדז דערוויזן, אַז די אַפּאַראַטן פון געהיים־דינסט אַר־בעטן זייער גוט און פּינקטלעך, און אַז זיי פירן באמת צו יענע הייזער, פונ־וואַנען די זענדונגען ווערן טראַנסמיטירט. די מאַפּע איז תיכף איבערגע־געבן געוואָרן דעם לייטער פון דער סטאַציע און יענער האָט פאַרשטאַרקט די פאַרזיכטס־מיטלען און האָט אַריבערגעפירט די סטאַציע פון דער פאַר־דעכטיקטער סביבה.

דער קאַץ און מויז שפּיל איז ווייטער אָנגעגאַנגען. אַלע איינצלהייטן וועגן דער באַוועגונג פון די געהיים־אַגענטן האָבן זיך געפונען אין די הענט פון ש"י, וואָס האָט זיי איבערגעשיקט צום לייטער פון דער סטאַציע. עס איז געפירט געוואָרן אַן אויספירלעכער טאָגבוך וועגן דער באַוועגונג פון די בריטישע דעטעקטיוון און נאָכשפּירער: ווען זיי זיינען אַרויס, אין וועלכע מאַשינען, ווער ס'איז אַרויס, ווו זיי געפינען זיך, ווו זיי באַהאַלטן זיך און ווו זיי נישטערן. די נאָכשפּירער זיינען אַליין נאָכגעשפּירט געוואָרן.

אויף אַ געוויסער צייט זיינען אָפּגעשטעלט געוואָרן אַט די נאָכשפּי־רונגען מחמת איינעם פון די דזשיפּן האָבן די סטאַציע־שומרים מכבד גע־ווען מיט אַ מינע. אָבער אנשטאט די באַוועגלעכע אַנטדעקונגס־אַפּאַראַטן האָבן די ענגלענדער געבראַכט גרויסע מאַשינען, וועלכע זיינען אינסטאַ־לירט געוואָרן אין צענטער פון דער מיליטערישער מאַכט אין דיסטריקט לוד. די זאַך איז אונדז באקאנט געוואָרן אין זעלביקן טאָג פון אונדזערע חברים־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געאַרבעט דאָרט אויפן פּלאַץ. אָבער אויך די־דאָזיקע טירחה פון די בריטישע נאָכשפּירער איז געווען אומזיסט.

— דאָס זיינען שדים! מיר וועלן זיי קיינמאָל נישט כאַפּן!

— איך צי זיך צוריק פון גאַנצן עסק. זיי זיינען צו קלוג און פלינק...

אַט אַזוי און ענלעך דערצו האָבן רעאַגירט די אָפיצירן וועלכע זיינען געווען באַאויפטראגט מיט דער מלאכה. פון איין זייט זיינען זיי נתפעל געווען פון אונדזער אַרבעט, פון דער צווייטער זייט — פלעגן זיי אונדז שילטן מיט טויטע קללות.

ווייזט אויס, אַז דער אויסשפּיר־חוש פון אונדזערע פאַרפאָלגער האָט נישט אויסגעהאַלטן זיין עקזאַמען. אַחוץ די זענדונגען פון „קול ישראל" פלעגן אַנדערע אונטערערדישע אָפּצווייגונגען פון דער הגנה, וועלכע זיינען געווען פאַרבונדן מיט די פּליטים־שיפן אויפן ים געבן געוויסע ראַדיאָ־סיג־נאַלן. די בריטישע מאַכטהאָבער פלעגן צעטומלט ווערן און נישט אונטער־שיידן צווישן די פאַרשיידענע סיגנאַלן.

וואָס אָפּטער די מאַכט פלעגט דורכפאַלן און וואָס מער עס זיינען גע־וואקסן דער ברוגז און די פאַרביטערונג צווישן בריטישן געהיים־דינסט און מיליטער, אַלץ ערנסטער איז געוואָרן זייער באַציאונג צו דער הגנה און איי־רע אונטערנעמונגען.

פון די באַריכטן וואָס מיר פלעגן אַרויסבאַקומען פון בריטישן געהיים־דינסט האָבן מיר געדרונגען ווי הויך זיי שאַצן אָפּ די סטאַציע „קול ישר־ראל" און דעם אינהאַלט פון אירע אוידיציעס. אונדזערע חברים פון ברי־טישן געהיים־דינסט האָבן באַקומען אַ באַפעל צו הערן קול ישראל און צו פאַרשרייבן דעם אינהאַלט פון די זענדונגען. דערנאָך פלעגט מען דאָס איי־בערזעצן אויף ענגליש און מ׳פלעגט עס צושטעלן צום הויך־קאָמיסאַר, דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעגירונג, דעם פּאָליציי־קאָמאַנדיר און דעם לייטער פון געהיים־דינסט. יענע פלעגן פאָדערן, אַז דער אינהאַלט פון די זענדונגען זאָל זיי איבערגעגעבן ווערן אין זעלביקן טאָג. און באמת, יעדן טאָג פלעגט אַ ספּעציעלער קוריער אויף אַ מאָטאָציקל אַרויספאָרן מיטן מאַ־טעריאַל פון יפו קיין ירושלים.

ווען מיר האָבן זיך דערוווסט וועגן דעם, האָבן מיר באַשלאָסן „מיט־צואַרבעטן" מיט דער מאַכט. מיר האָבן פאַרזיכערט אונדזערע חברים אין געהיים־דינסט, אַז זיי וועלן מער נישט דאַרפן זיצן געשפּאַנט ביים ראַדיאָ־

אַפּאַראַט און ציטערן זיי זאָלן חס וחלילה קיין איין וואָרט נישט פאַרלירן. מ י ר וועלן זיי צושטעלן געגויע קאָפּיעס פון די אודיציעס אפילו אין אַ שיינער ענגלישער איבערזעצונג. ווייל דאָס איז אייגנטלעך געווען דער ציל פון די זענדונגען: לאָזן הערן אונדזערע רייד דער פרעמדער מאַכט, אויפקלערן ווי אַזוי מיר רעאַגירן אויף אירע מעשים און אַרויסשטעלן אונדזערע תביעות און וואָרענונגען.

אויף וויפל די זענדונגען פון קול ישראל זיינען געווען וויכטיק, האָבן מיר געדרונגען אויך פון פאַקט, וואָס די „בי. בי. סי." (די בריטישע ראַדיאָ־סטאַציע) פלעגט ציטירן פון צייט צו צייט אויסצוגן פון אונדזערע זענדונגען. אויך די וועלט־פּרעסע, וואָס איז נישט געווען אונטערגעוואָרפן דער ארץ־ישראלדיקער צענזור פלעגט פּובליקירן דעם אינהאַלט פון די זענדונגען און פלעגט שילדערן „קול ישראל" ווי אַן אינסטיטוציע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

און דער קול פון דער דאָזיקער באַוועגונג האָט זיך געטראָגן איבער די עטער־כוואַליעס פון דער גרויסער וועלט. ראַדיאָ־סטאַציעס אין אַמעריקע, אייראָפּע, אין די לענדער פון מיטעלן מזרח און באַזונדערס אין די אַראַבישע לענדער פלעגן ציטירן „קול ישראל" און פלעגן דורך דעם הייבן דעם אָנזען פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין דער וועלט.

די ענגלישע צייטונג „ניוס־רעוויו" האָט געפונען פאַר נייטיק צו באַפרידיקן דעם נייגער פון זייער מיליאָנען לייענער און האָט אין דעם נומער פון 5טן סעפּטעמבער 1946 אין דער אָפּטיילונג „די ענינים פון דער אימפעריע" פאַרעפנטלעכט די פאָלגנדיקע נאָטיץ:

„קול תל־אביב". איר ווערט געוואָרנט, אַז אויב די ענגלענדער וועלן דורכפירן נייע רעוויזיעס זאָלט איר זיך נישט אידענטיפיצירן. אַן אויסנאַם ווערט געמאַכט נאָר פאַרן ראש פון דער שטאָט, פאַר די מיטגלידער פון שטאָטראַט און די לייטערס פון די וויכטיקסטע אָפּטיילונגען...

ווינציק איינוווינער פון תל־אביב האָבן געהערט דעם דאָזיקן קול אין איינעם אַ פרימאָרגן פאַריקע וואָך. אָבער אין געציילטע מינוטן האָט די ידיעה זיך צעשפּרייט ווי קוועקזילבער: יעדע משפחה וואָס האָט געהאַט אַ ראַדיאָ־אַפּאַראַט האָט אָנגעהויבן צו נישטערן אין די קורצוועלן. ווען זיי האָבן געפּאַקט די סטאַציע האָבן זיי אויפגעעפנט די פענצטער און פאַרשטאַרקט דאָס קול. פאַרבייגייער זיינען געבליבן שטיין אויף די טראָטואַרן און האָבן זיך צוגעהערט: אַ נייע ראַדיאָ־סטאַציע איז דערשינען.

— „קול תל־אביב" וואָס ווערט געגעבן וואַרשיינלעך דורך דער „הגנה" (יידישע ווידערשטאַנד באַוועגונג) איז די פּערטע ראַדיאָ־סטאַציע פון אונטערערד, וואָס ווירקט אין ארץ ישראל. די

אומלעגאַלע זענדערס שפּילן אַן ענלעכע ראָל ווי די אַנטיפאַשיס־טישע „פרייהייטס־סטאַציעס״ בשעת דער נאַצישער הערשאַפט אין אייראָפּע: אינפאָרמאַציע, פּראָפּאַגאַנדע און דראָאונגען.

די „הגנה״ פירט אָן מיטן „קול ישראל״ וואָס טראַנסמיסירט אין העברעאיש, ענגליש און אָפטמאָל אין אַראַביש. די פּראָגראַ־מען הייבן זיך אָן בדרך כלל מיט אייניקע קלאַנגען פון „התקוה״, דעם ציוניסטישן הימן, און ענדיקן זיך מיטן איבערגעבן פּרטים וועגן דער לענג פון די וועלן פון דער קומענדיקער אוידיציע. די דאָזיקע סטאַציע איז צום ערשטן מאָל געלאָזן געוואָרן אין גאַנג אין מערץ 1940. זי איז אַנטשוויגן געוואָרן בשעת דער מפּלה פון פראַנקרייך (נאָכן צוזאָג פון דער „הגנה״ אָפּצושטעלן די פיינט־לעכע פּראָפּאַגאַנדע ביזן סוף פון דער מלחמה) און איז באַנייט גע־וואָרן אין אָקטאָבער 1940. „קול ישראל״ איז טעטיק אויף פינף פאַרשיידענע וועלן, אָפטמאָל אין דער זעלביקער צייט. דערפון קען מען דרינגען, אַז די „הגנה״ פאַרמאָגט לכל הפּחות פינף באַ־זונדערע זענדערס. דער אויפנעם איז פאַרשיידנאַרטיק: בדרך כלל איז ער גוט אין חיפה, אָבער איז ערגער, למשל, אין תל־אביב. הגם די זענדערס אַרבעטן וואַרשיינלעך אין אַ ראַדיוס פון 15 מייל פון דער יידישער שטאָט.

— — — כדי אויסצומיידן די נאָכשפּירונג זיינען אַלע זענ־דערס געמאַכט געוואָרן באַוועגלעך, אָדער זיי קענען לכל הפּחות אַריבערגעפירט ווערן פון איין אָרט אויפן צווייטן. די שטימען פון די הינער, פון די קי און די אייזלען, וועלכע לאָזן זיך הערן אָפט־מאָל בשעת דער זענדונג, באַווייזן, אַז דער זענדער ווערט אויס־באַהאַלטן צייטנווייז אין שטאַלן אָדער מחוץ די הייזער. די גאַנצע אַפּאַראַטור ווערט געשאַפן דורך יידן, געוועזענע זעלנער אין מי־ליטער פון זיין מאַיעסטעט.

— — — אַלע אוידיציעס ווערן געדרוקט און פאַרשפּרייט שפּעטער אויף פאַרשיידענע וועגן. שליחים, וועלכע בייטן זיך יעדן טאָג, גיבן איבער קאָפּיעס אויסלענדישע זשורנאַליסטן. דער ברי־טישער מיליטערישער ראַדיאָ־דינסט נעמט אויף די אוידיציעס און שיקט פאַנאַנדער זייער אינהאַלט מיטן צוגאָב פון אַ רעגירונגס־קאָמענטאַר (אַ שטרענג געהיימען) צו די אָנפירער פון דער אַד־מיניסטראַציע, פּאָליציי און מיליטער אין גאַנצן לאַנד.״ — — —

אינמיטן דעם צייטונגס־בלאַט איז אָפּגעדרוקט אַ שיין בילד פון כפר־יחזקאל, פון דער לופט, מיט אַזאַ אונטערשריפט:

„ארץ ישראל איז געבענטשט מיט אַ שפע יידישע ישובים ווי אָט כפר

יחזקאל — אַן אָרט, ווו די אומלעגאַלע זענדערס פון דער הגנה קענען ווירקן מיט פאַרהעלטניסמעסיקער זיכערקייט".

יאָ, די קוואַקעריי פון די הינער און דאָס געשריי פון די אייזלען זיינען געווען בכיוון אַריינגעבראַכט אין די אודיציעס, כדי צו פאַרפירן דעם בריטישן געהיימ־דינסט, און אָט די קולות זיינען ריכטיק אויפגענומען געוואָרן און די ידיעה וועגן זיי איז דערגאַנגען אַזש ביז לאָנדאָן.

אין איינעם פון די ראַפּאָרטן פון מיליטערישן זיכערקייטס־דינסט (נומער 61 פון 16.1.47) איז געזאָגט געוואָרן אַזוי:

„די נאַכט־זענדונג פון קול ישראל אין ענגליש ווערט איצט געגעבן 19.45 אַזייגער אויף דער וועל 45,8 מעטער. דער זענדער איז אינסטאַלירט אין אַ פּריוואַטן אויטאָ, איז פון אָרטיקער פּראָדוקציע און זיין קראַפט דערגרייכט ביז 400 וואַט. דער ספּיקער רעדט אַ פּליסיקן ענגליש, אָבער מיט אַ קאַנטיקן יידישן אַקצענט". „מיר וואָלטן אויסגעקליבן אַן ענגלישן ספּיקער" — האָט געזאָגט איינער פון די הגנה אָנפירער — „אָבער כ'מיין נישט, אַז דאָס איז געוווּנטשן פון פּסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט".

מיר האָבן געזען אויך אַנדערע ראַפּאָרטן, וואָס האָבן פאַרזיכערט, אַז אונדזער ראַדיאָ־סטאַנציע איז אינסטאַלירט אין אַ מאַשין, אָדער אין אַ מאָטאָר־שיף אויפן ים. מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז די מאַכט־אָרגאַנען מיינען דערמיט צו דעקן זייער דורכפאַל אין דער אַנטדעקונג פון אונדזער ראַדיאָ־סטאַנציע.

דאָ ווערט געבראַכט ווי אַ ביישפּיל אַ טעלעגראַמע, וואָס דער פּאָליצייצענטער האָט געשיקט צו די פאַרשטייער פון געהיימ־דינסט אין די האַפּן־שטעט יפו און חיפה:


SECRET

GOVERNMENT OF PALESTINE

IN REPLY PLEASE QUOTE

NO.

To: Pat and Marine Haifa, Supt Haifa Distd. Jaffa Distd.

From: Police 373/2/63. 18/5

Unknown Jewish W/T station reported to be operating from motor launch. Transmitted messages from Haifa to Tel Aviv at 100 hrs. on 17th inst on 77.8 metres. Watch for possible craft so employed and record movements of motor launches in this connection.

Decoded

רעגירונג פון פאַלעסטינא (א״י)

ג ע ה י י ם

צו: האַפן חיפה, שטאַב פון געהיים־דינסט, דיסטריקט חיפה, שטאַב פון גע־היים־דינסט, דיסטריקט יפו.

פון: פּאָליציי־צענטער 18/5 סג׳ /373/2.

אַן אומבאַקאַנטע יידישע ראַדיאָ־סטאַציע איז טעטיק פון אַ מאָטאָר־שיפל. זי האָט געשיקט טעלעגראַמעס פון חיפה קיין תל־אביב דעם 17טן ד״ח, 11 אַזייגער אויף דער כוואַליע 7,75 מעטער. גיט אַכטונג אויף אָט דעם שיפל און איר זאָלט אויסגעפינען אין שייכות דערמיט אַנדערע שיפּ־לעך.

(אונטערשריפט)

**
*

נאָך דעם ווי די מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך מייאש געווען פון פּרוּוו צו אַנטדעקן אונדזער סטאַציע, האָבן זיי אָנגעהויבן שטערן אירע זענדונגען. דעם 2.7.46 האָט קול ישראל מיטגעטיילט:

„נאָך דעם ווי גרויסע און לאַנגע באַמיאונגען מצד דער רע־גירונג פון א״י צו ליקווידירן „קול ישראל״ זיינען דורכגעפאַלן, פּרוּווט זי שוין עטלעכע טעג אונדז צו דערשטיקן דורך ספּעציעלע שטערונגס־אַפּאַראַטן. אַלס ענטפער דערויף וועלן מיר אָפּצאָלן דער מאַכט מיט דער זעלבער מטבע. די אוידיציעס פון די נייעס אין „קול ירושלים״ אין ענגליש וועלן געשטערט ווערן כל־זמן עס וועלן געמאַכט ווערן פּרוּוון צו שטערן אונדזערע אוידיציעס. אויף שטערונגען וועלן מיר ענטפערן מיט שטערונגען. „קול ישראל״ וועט קלינגען הויך״.

די שטערונגען מצד דער מאַכט האָבן אויפגעהערט.

דער אָנטייל פון ש״י אין דער טעטיקייט פון קול ישראל״ האָט זיך נישט באַשרענקט נאָר אויפן באַוואָרענען די עקזיסטענץ פון דער ראַדיאָ־סטאַציע.

ש״י האָט נאָכגעשפּירט אויך ווי אַזוי די העכערע מאַכט־אָרגאַנען רעאַגירן אויפן אינהאַלט פון די אוידיציעס און פלעגט די אינפאָרמאַציע איבערשיקן אין שטאַב פון דער הגנה, וואָס האָט פּלאַנירט, דורכגעזעצט און קאָנצענטרירט אין זיינע הענט די גאַנצע אונטערנעמונג.

צום סוף דאַרף פאַרצייכנט ווערן, אַז די סטאַציע „קול ישראל״, וועל־כע האָט געהייסן אויך „קול המרי העברי״ (דער קול פון יידישן ווידער־שטאַנד) האָט געאַרבעט נאָרמאַל. זי האָט כמעט נישט דורכגעלאָזן קיין איינע פון אירע שטענדיקע אוידיציעס, טראָץ די אומאויפהערלעכע רדיפות מצד דער פּאָליציי, מיליטער און געהיים־דינסט.

די דאָזיקע דערגרייכונג דאַרף געשטעלט ווערן אויפן חשבון פון שטאַב פון קול ישראל, פון זיינע איבערגעגעבענע מיטאַרבעטער, פון דער געוואַגטער שומרים־גרופּע און פון דעם ש"י.

הקשיבו

לתחנת השידור של תנועת המרי העברי

«קול ישראל»

התחנה תפעל בגלים קצרים 45 מטר (6600 קילוהרץ)

בשעה 9 בערב.

דאָ האָט איר אַ מוסטער פון אַ צעטל, וואָס פלעגט פאַרשפּרייט ווערן אין יידישן ישוב ערב יעדער אוידיציע דורך דער יוגנט.

די שונאים בעטן זיך איבער...

די בריטישע פּאָליציאַנטן און אָפיצירן אין ארץ ישראל — דאַרף באַמערקט ווערן — האָבן זיך געאיילט צו פאַרגעסן דעם נאַציזשן שונא. נישט אַוועק אַ האַלב יאָר נאָכן סוף פון דער מלחמה אין אייראָפּע און זיי האָבן שוין ווידער אָנגעהויבן זיך צו פריינדלען מיט די שונאים פון זייער פאָטערלאַנד און האָבן זיך באַטייליקט אין די שמחות פון די דייטשן אין ארץ־ישראל, די איינוווינער פון די דייטשע קאָלאָניעס ווילהעלמא, שרונה און וואַלדהיים, וועלכע האָבן אָפּן געשטיצט די נאַציס.

אונדזער ש"י האָט אויפגענומען זייער טשעקאַווע ידיעות וועגן אָט דער פלוצלינג אויפגעפלאַמטער פריינטשאַפט. און די ידיעות האָבן געקלונגען אַזוי: „בריטישע אָפיצירן האָבן געפייערט קריסטמעס אין דער געזעלשאַפט פון דייטשן"; „אַ בריטישער פּאָליציאַנט (אָדער אָפיציר) באַגריסט אַ דייטש מיטן פאַשיסטישן האַנט־גרוס"; „ענגלענדער באַנוצן זיך מיט אַנטי־יידישע אויסדריקן אין נוסח פון ס. ס."; „די בריטישע מאַכט גיט פּריווילעגיעס די דייטשן".

ווען די דייטשן האָבן דערזען אַזאַ איידעלע און סליחהדיקע באַציאונג צו זיך, האָבן זיי אָנגעהויבן ווערן חוצפּהדיקער און זיינען אַרויסגעקומען מיט פּרעטענזיעס, פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט אויף דער וועלט נישט געשען, און פּונקט ווי זיי און זייערע „פאָלקס־גענאָסן" וואָלטן געווען ריין פון יעדער

שולד. זיי האָבן געהאַט די העזה צו פאָדערן, אַז יידישע פּאָליציאַנטן, אָדער מיליציאַנטן זאָלן נישט געשיקט ווערן אין זייערע קאָלאָניעס און אין די פּלעצער ווו זיי זאַמלען זיך.

דער פאָרשטייער פון די דייטשן אין ארץ ישראל איז געווען אַטאַ וואַג־נער. זיין גומי פאַבריק אין יפו האָט בשעתו פּראָדוצירט געווער און אמו־ניציע פאַר די אַראַבישע כנופיות. ער איז געווען אַ נאַצי און אַ שונא ישראל. דאָס האָט אים נישט געשטערט צו זיין דער וואָרטזאָגער פון די אָרעמע דייטשן נעבעך, די איינוווינער פון ארץ ישראל. עס איז געווען שווער אַריי־בערצוטראָגן די חוצפה פון נאַצישן פאָרשטייער, פּונקט ווי ס׳איז געווען שווער צו באַנעמען די טעמפּקייט פון געפילן ביי דער בריטישער מאַכט, וועל־כע האָט אונטערהאַנדלט מיט אים און פלעגט אפילו נאָכגעבן זיינע אומ־אויפהערלעכע פּרעטענזיעס.

דער שטאַב פון דער הגנה האָט דעם ענין באַהאַנדלט, האָט אַרויסגע־טראָגן אַ טויט־אורטייל אויפן דאָזיקן דייטש — און דער אורטייל איז אויס־געפירט געוואָרן. נישט געווען קיין איין ייד אינעם לאַנד, וואָס זאָל נישט האָבן באַרעכטיקט דעם דאָזיקן פּסק־דין. די דייטשן זיינען שטילער געוואָרן אויף אַ געוויסער צייט. אויך זייערע בריטישע פריינט האָבן פאַרשטאַנען דעם באַדייט פון דער דאָזיקער וואָרענונג...

די אינפאָרמאַציע, וואָס ש״י האָט באַקומען וועגן דער באַציאונג פון בריטישע זעלנער און אָפיצירן און וועגן זייער אויפפירונג לגבי דעם יידישן ישוב, איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך „קול ישראל״ און אין דעם האַלב־אָפיציעלן און אומלעגאַלן אָרגאַן פון דער „הגנה״ — „אשנב״ (אַ פענצטערל).

אָט האָט איר דאָ אייניקע ידיעות פון רייכן אויסוואַל אינפאָרמאַציע:

5.10.45 — דער סערזשאַנט מילס, וואָס האָט געשלאָגן אַן אַראַבער אויף דער גאַס, האָט זיך פאַרענטפערט און געזאָגט, אַז ער האָט אים געהאַלטן פאַר אַ יידן.

25.11.45 — דער פּאָליציאַנט האַריסאָן פירט אַ נאַצישע פּראָפּאַגאַנדע.

5.12.45 — אויף דער גאַס השמונאים אין תל־אביב האָבן בריטישע זעלנער געזונגען נאַציש־דייטשע לידער.

20.12.45 — אַ בריטישער סערזשאַנט האָט געזאָגט בשעת אַ רעוויזיע אין גבעת־חיים: „די ס. ס. און געשטאַפּאָ דאַרף זיך פאַרנעמען מיט אייך, יידן״.

11.2.46 — בריטישע זעלנער האָבן אויפגעריסן דירות אין קרית־חיים, געווען פּרוון פון גנבה.

3.6.46 — סערזשאַנט בראַון, דער ריכטער פון מיליטער־געריכט האָט געזאָגט: „די נאַציס האָבן געמאַכט אַ שיינע אַרבעט״.

15.7.46 — זעקס יידישע יונגעלייט זיינען שווער געפייניקט געוואָרן אין אַרעסט־לאַגער אין עתלית.

9.10.46 — דער בריטישער פּאָליציאַנט נומ׳ 2989 האָלט ביי זיך אַ נאַצישע פאָן און פּאָכעט מיט איר ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

4.11.46 — אין הויז אויף דער גאַס גאולה אין תל־אביב נומ׳ 34 האָבן זיך בריטישע זעלנער אַריינגעריסן און געשריגן: „דאָס וואָס מ׳האָט געמאַכט מיט אייך אין אייראָפּע, איז אַ קליי־ניקייט לגבי דעם, וואָס מיר וועלן טאָן מיט אייך דאָ"; זיי האָבן געדראָט מיט ביקסן קליינע קינדער, האָבן פאַרוואונדעט אַ קינד און מיט דעם בלוט אויסגעשמירט זיין פּנים.

8.12.46 — זעלנער זיינען אַריין אין די צימערן פון דער ישיבה „שפת־אמת", האָבן צעבראָכן מעבל, אויסגעהאַקט שויבן, אַרויסגענומען ספרים, אַלמערס און זיי געשליידערט אויף דער ערד.

אַט די ליבהאַרציקע „איבערבעטעניש" פון די ענגלענדער מיט זייערע נעכטיקע שונאים, האָט גיך פאַרכאַפּט אויך די אַראַבער. אַראַבישע מנהי־גים, וועלכע האָבן אָרגאַניזירט די בלוטיקע אומרוען און זיינען אַרויסגע־טריבן געוואָרן פון לאַנד, ווי אויך אַראַבישע מנהיגים, וועלכע זיינען אַנט־לאָפן פון לאַנד אין די מלחמה־יאָרן און האָבן מיטגעאַרבעט מיט היטלערן, האָבן זיך אָנגעהויבן אומקערן קיין ארץ־ישראל מיט דער פולער הסכמה פון דער רעגירונג. צווישן די צוריקקערער זיינען געווען נימר אל־חאב, אמין־אל־חורי, צובחי־אל־חדרה און דזשעמאַל־אל־חוסייני. אמת, דער מופטי אַליין האָט נישט זוכה געווען צו באַקומען אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען אין לאַנד, ווייל אויך די ענגלענדער האָבן פאַרשטאַנען, אַז דאָס וועט אי־בערפילן די מאָס פון דער „איבערבעטעניש"... אָבער ס׳איז אים געגעבן גע־וואָרן אַ מעגלעכקייט „צו אַנטלויפן" פונעם אָרט ווו ער איז געווען פאַר־האַלטן, דורכצופאָרן דאָס לאַנד אַנאָנים און אָנקומען קיין מצרים, ווו דער מלך פאַרוק האָט אויסגעשפּרייט איבער אים די פליגלען פון זיין העפלעכן שוץ. אַוועק אַ קורצע צייט און די השפעה פון דעם מופטי, דעם הויפּט־אָרגאַ־ניזאַטאָר פון די אַנטי־יידישע אומרוען אין ארץ ישראל און היטלערס פריינט בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט זיך ווידער געלאָזט מערקן אומעטום אין לאַנד. די אינפאָרמאַציע, וואָס פלעגט דערהאַלטן ווערן אין ש"י דערציילט:

„די שליחים פון מופטי דערשיינען אין אַראַבישע דערפער, דרשענען און העצן אויף.

פון מופטי אין מצרים איז דערהאַלטן געוואָרן געלט איינצו־

קויפן געווער פאַר דער „הייליקער מלחמה", וועלכע דאַרף אָט־אָט אָנקומען.

דער מופטי ווערט פאַרגעטערט דורכן אַראַבישן ישוב. אין די דערפער דערציילט מען וווּנדערלעכע מעשהס וועגן זיינע באַגע־גענישן אַמאָל מיט היטלערן און מוסאָליניִן.

אַראַבער וואָס קומען פון די שכנותדיקע לענדער דערציילן וועגן אַ באַוועגונג פון וואָלונטירן אין סירישן מיליטער, אַנטקעגן דעם טאָג ווען זיי וועלן גיין דעראָבערן פּאַלעסטינע און אַרויס־טרייבן די יידן".

צו דער גלייכער צייט האָט ש"י דערהאַלטן ידיעות: וועגן בריטישן גע־היים־דינסט, וואָס פאַרשפּרייט קלאַנגען צווישן די אַראַבער, אַז יידן גרייטן זיך אויפצורייסן דאָס הויז פון מוסולמענישן ראַט; וועגן בריטישע פּאָלי־ציאַנטן און אָפיצירן, וואָס באַטייליקן זיך אין די אַראַבישע „פאַנטאַזיעס", וואָס ווערן באַגלייט מיט אַ שיסעריי פון ביקסן און קוילנוואַרפערס — „פאַנ־טאַזיעס", וועלכע ווערן איינגעאָרדנט לכבוד דזשעמאַל חוסייני; וועגן ברי־טישע פּאָליציאַנטן, וועלכע העלפן די אַראַבער דורכפירן דעם באָיקאָט אויפן יידישן ישוב; וועגן אַראַבישן לעגיאָן, וואָס געפינט זיך אין לאַנד און ווירקט אויך מיט דער פאַרערגערונג פון דער לאַגע דורכן אָנגרייפן יידן, דורכן אויספירן רעוויזיעס אין די יידישע ישובים און דורכן כאַפּן „עולים".

איינער פון די מאַכטהאָבער אין לאַנד האָט געשיקט אַ באַריכט דער רעגירונג אין לאָנדאָן. אין באַריכט איז געזאָגט געוואָרן, אַז „יידן זיינען גורם דערצו, וואָס דער טעראָר וועט זיך אויסשפּרייטן און וועט נישט אי־בערהיפּן קיין איין אַראַביש הויז. דעריבער מוז מען אויסהיטן די אַראַבער, ווייל זיי זיינען נישט באַוואָפנט. אַ צוזאַמענשטויס צווישן ביידע צדדים וועט אין דער נאָענטער צוקונפט זיין אומפאַרמיידלעך, אויב מ'וועט אונדז נישט איבערגעבן (ס'הייסט דער מאַנדאַט־רעגירונג און דעם בריטישן מי־ליטער) גענוג פולמאַכטן כדי צו מאַכן אַ סוף צו דער פאַרברעכערישער יידי־שער באַוועגונג.

דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון בריטישן מיליטער אין ארץ ישראל גע־נעראַל באַרקער האָט געעצהט „צוליב דער צוועקמעסיקייט פון דער אַקציע אָפּצונעמען דאָס געווער ביי יידן, ווען אפילו דאָס זאָל ברענגען צו דער צע־שטערונג פון יידישן ישוב".

דער דאָזיקער גענעראַל באַרקער איז געוואָרן באַזונדערס באַרימט אי־נעם לאַנד מחמת זיין באַרימטן טאָג־באַפעל, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צום מיליטער דעם 26סטן יולי 1946. דער נוסח פון דאָזיקן באַפעל האָט ש"י באַקומען אַ קורצע צייט פאַר זיין דערשיינען. פאַרשטייט זיך, מען האָט גלייך איבערגעגעבן אין דער עפנטלעכקייט דעם דאָזיקן באַפעל דורך ראַדיאָ

און אומלעגאַלע פּובליקאַציעס, ווייל די רעגירונגס־צענזור האָט פאַרבאָטן די צייטונגען צו ציטירן דעם באַפעל. און אַזוי האָט דער באַפעל געקלונגען:

„כ'האָב פעסט באַשלאָסן, אַז יידן װעלן באַשטראָפט ווערן און וועלן דערשפירן יענע געפילן פון עקל מיט וועלכע מיר זעען זייער אויפ־פירונג — — — אַ בריטישער זעלנער וועט נישט אָנהאַלטן קיין געזעלשאַפטלעכע באַציאונגען מיט אַ וועלכן ס'איז יידן — — — יידן וועלן באַשטראָפט ווערן אויף אַ דרך, וואָס אָט די ראַסע האָט אַזוי פיינט, דהיינו — דורכן אָנרירן זייערע קעשענעס און דורכן אויסדריקן די פאַראַכטונג צו זיי" — — —

ס'איז דער פאַרדינסט פון ש״י, וואָס אָט דער באַפעל פון גענעראַל באַרקער איז אַרויסבאַקומען געוואָרן רעכטצייטיק און איז איבערגעגעבן געוואָרן צום וויסן פון דער יידישער אָנפירערשאַפט און פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. „קול ישראל" האָט מיט הצלחה פיל מאָל אויסגענוצט דעם באַפעל, כדי צו אינפאָרמירן די וועלט, וואָס פאַרא גייסט עס באַהערשט די בריטישע מאַכט אין ארץ ישראל.

אין אַ קורצער צייט אַרום איז גענעראַל באַרקער איבערגעפירט געוואָרן אין אַן אַנדער לאַנד.

פאַליציי־שיפלעך ווערן אויפגעריסן

די בריטישע מאַנדאַט־מאַכט האָט באַשלאָסן צו פאַרשטאַרקן איר קאַמף קעגן דער העפלה, קעגן דער אַזוי גערופענער „אומלעגאַלער עליה", און האָט אָרגאַניזירט צו דעם צוועק אַ ספּעציעלן פאַליציי־כוח.

אויפן ברעג ים זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן אָבסערוואַציע־פּונקטן, וואָס זייער אויפגאַבע איז געווען צו מעלדן וועגן עולים־שיפן, וואָס דערנענטערן זיך צו די ברעגעס פון לאַנד. עס זיינען איינגעקויפט געוואָרן שנעלע מאָטאָר־שיפלעך, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון דער פאַליציי, כדי נאָכצושפירן און נאָכצויאָגן די עולים־שיפן. די אַקציע איז געווען ברייט פּלאַנירט. די כוונה איז געווען איבערצורייסן די „אומלעגאַלע" עליה, צו אונטערדריקן די „הגנה" און צו צעשטערן די טעטיקייט פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

באַלד איז געקומען דער קעגן־קלאַפּ. די אָנפירער פון דער הגנה און דער העפלה האָבן באַשלאָסן, אַז עס דאַרפן דורכגעפירט ווערן קעגן דער מאַכט סאַבאָטאַזש־אַקטן אין די איינריכטונגען און אין די אָבסערוואַציע־פּונקטן אויף די ברעגעס און צו דערטרינקען די פאַליציי־שיפלעך, וועלכע ווירקן קעגן דער עליה.

אין הסכם מיטן דאָזיקן באַשלוס איז אויף אַ פּלמ״ח־איינהייט אין

דרום־דיסטריקט אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע צו ליקווידירן די פּאַ־ליציי־שיפלעך, וואָס אַנקערן אין יפו־האַפן. ש״י פון דאָזיקן דיסטריקט איז באַאויפטראַגט געוואָרן צו באַקומען די נייטיקע אינפאָרמאַציע פאַר דער דורכפירונג פון דער אַקציע: דער פּלאַן פון אינערלעכן געבוי פון די שיפלעך, דאָס אָרט ווו זיי אַנקערן, ווער עס באַוואַכט די שיפלעך און די אָרדענונג פון דער באַוואַכונג, וווהין די שיפלעך שווימען אַפּ וכדומה. די דאָזיקע אַלע אינפאָרמאַציעס זיינען שנעל באַקומען געוואָרן. ערב אונדזער קעגן־אַקציע זיינען די דאָזיקע ידיעות נאָך אַמאָל קאָנטראָלירט געוואָרן.

דער באַפעל פון דער הגנה איז געווען: אויספירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אויף די שיפלעך. אָבער זיך אויסהיטן אָנצורירן מענטשן. די אַקציע איז אויסגע־פירט געוואָרן לויט אָט דער אינסטרוקציע און צוויי פון אונדזערע ש״יי־מענטשן האָבן זיך באַטייליקט אין די געהעריקע הכנות.

ס׳האָט געשלאָגן די באַשטימטע שעה. די אויספירער פון דער אַקציע זיינען אַרויס פון זייער באַזע אין תל־אביב צום אָרט אין יפו־האַפן, אויף װעלכן ס׳האָבן געאַנקערט די פּאָליציי־שיפלעך. זיי זיינען אָפּגעשווומען אויף אַ קליין שיפל, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך ש״י. די גרופּע האָט געהאַט מיט זיך מינעס, וועלכע מ׳האָט געדאַרפט צופעסטיקן צו די שיפלעך.

אין אַ שעה אַרום בערך האָט מען אין תל־אביב געהערט די קנאַלן פון די אויפרייסן.

די פּאָליציי־שיפלעך זיינען אַראָפּגעלאָזן געוואָרן צום אָפּגרונט.

די אויספירער פון דער אָפּעראַציע האָבן זיך צוריקגעקערט נאַסע און האָבן געציטערט פון קעלט. זיי האָבן דערציילט דעם קאָמאַנדיר פון ש״י, װאָס האָט אויף זיי געוואַרט, ווי אַזוי זיי זיינען אַריינגעשפּרונגען אין ים מיט די צוגעבונדענע צו די העלדזער מינעס און מעסערס (איבערצושניידן די שטריק, מיט וועלכע די מינעס זיינען געווען צוגעבונדן) וואָס זיינען געווען פאַרשטעקט אין זייערע גאַרטלען. זיי האָבן דערציילט ווי אַזוי זיי זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט און האָבן צוגעפעסטיקט די מינעס צו די שיפלעך בשעת די אַראַבישע וועכטער זיינען געשטאַנען אויף זייערע פּאָסטנס, און ווי אַזוי די אָפּקלאַנגען פון די אויפרייסן האָבן דערגרייכט צו זייערע אויערן בשעת זיי זיינען אָפּגעשווומען צום ברעג: די מלאכה איז זיי געלונגען.

אין דער זעלביקער נאַכט האָבן מיר באַקומען ידיעות פון אונדזערע מענטשן אין דער פּאָליציי וועגן די מיטלען וואָס די מאַכט גרייט זיך אָנצו־נעמען רעאַגירנדיק אויף אונדזערע סאַבאָטאַזש־אַקטן. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט וועגן דעם אינהאַלט פון די טעלעגראַמעס, וועלכע זיינען אַרויסגע־שיקט געוואָרן צו אַלע פּאָליציי־סטאַציעס און האַפנס.

אין צוויי וואָכן אַרום זאָכן טאַבאָטאַזש־אַקט אין יפו־האַפן האָט די הגנה באַשלאָסן אויסצופירן אַזאַ אַקט אויך אויף די פּאָליציי־שיפלעך פון חיפה־האַפן. די אָפּטיילונג פון ש״י אין חיפה איז געווען גאָר אַ וויכטיקער

שותף אין דער אַרבעט. מ׳האָט געדאַרפט אויסקאָמבינירן אַלע פּרטים פון דער אַקציע כדי די הצלחה זאָל זיין געזיכערט. פאַר דער אַקציע איז באַשטימט געוואָרן אַ פּלמ״ח־איינהייט. מ׳האָט צוגעגרייט אַ שיפל, מינעס און די אַנדערע נייטיקע כלים. די שעה פון אַקט איז באַשטימט געוואָרן אויף מוצאי שבת, ווען די צאָל אַרבעטער אין האַפן איז נישט גרויס.

אויפן באַשטימטן שבת איז אָפּגעשוואומען אַ גרופּע פון פיר פּלמ״ח־מענטשן. בראש פון זיי איז געשטאַנען איינער פון די חברים, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין סאַבאָטאַזש־אַקט אין יפו. די גרופּע איז אָפּגעשוואומען פון דער באַזע דרום־זייט פון חיפה, אין דער ריכטונג פון חיפהער האַפן. לויטן פּלאַן האָבן די אויפרייסן זיך געדאַרפט הערן אין עטלעכע שעה אַרום נאָכן אָפּשווימען פון דער גרופּע.

אָבער דער פּלאַן איז נישט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין די שפּעטע מאָרגן־שעהן פון יענעם שבת האָט דער שטאַב פון ש״י פון דרום־דיסטריקט דערהאַלטן אַ ידיעה, וועלכע האָט געענדערט די גאַנצע זאַך. די ידיעה איז אָפּגעשיקט געוואָרן פון צענטער פון געהיים־דינסט אין ירושלים צו די קאָמאַנדירן פון געהיים־דינסט אין האַפן־פּאָליציי אין חיפה. און געזאָגט איז דאָרט געוואָרן אַזוי: „אַ גרופּע יידן, וואָס וועט אָנקומען אין אַ שיפל פון דרום־זייט אין דער שפּעטער אָוונט־שעה, וועט אַריינגיין אין האַפן און אויפרייסן די פּאָליציי־שיפלעך, וועלכע אַנקערן דאָרט". אין דער מעלדונג זיינען געגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס דער חיפהער פּאָליציי צו פאַרשטאַרקן די שמירה און אַוועקצושטעלן מאַשין־געווער אויף די געהעריקע פּלעצער. ווי נאָר די מענטשן וועלן זיך דערנענטערן אויף אַ געוויסן מרחק אין זייער שיפל, זאָל תיכף געעפנט ווערן אויף זיי אַ פייער.

בכלל זיינען די דאָזיקע אַקציעס דורך אונדז פּלאַנירט געוואָרן שטרענג־געהיים. דעריבער איז פאַרשטענדלעך, אַז דער הגנה־שטאַב פון דרום־דיסטריקט האָט נישט געוווסט וועגן די אַקציעס אין חיפה, אָבער ס׳איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז די איבערגעכאַפּטע מעלדונג פון דער מאַכט איז געווען אידענטיש. ס׳איז תיכף אַרויסגעפאָרן אַן אויטאָ אין וועלכן ס׳איז געזעסן דער קאָמאַנדיר פון ש״י־צענטער, קיין חיפה, כדי מזהיר צו זיין אונדזערע מענטשן וועגן דער געפאַר. און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס שיפל מיט די סאַבאָטירער געפינט זיך שוין אינמיטן ים און שווימט אין דער ריכטונג צום האַפן, וווּ מ׳וועט זיי מקבל פּנים זיין מיט אַ פייער. תיכף איז אָפּגעשוואומען אַ הגנה־שיפל, וואָס האָט אונדזערע מענטשן דעריאָגט און זיי אומגעקערט צו דער באַזע...

— מ׳וואָלט אונדז אַוועקגעלייגט איינס־צוויי, — האָט באַמערקט איינער פון די סאַבאָטירער, דערהערנדיק די מעשה וועגן שפּיצל פון דער מאַכט, — און דאָס וואָלט אונדז נישט געלוינט, ווייל דאָס וואַסער איז ביינאַכט געוויס זייער קאַלט...

דער קאָמאַנדיר פון דער פּלמ״ח־גרופּע איז געקומען אין עטלעכע טעג אַרום צום ש״י־קאָמאַנדיר אין תּל־אביב כּדי אים צו באַדאַנקען פאַרן ראַטע־ווען דאָס לעבן פון זיינע מענטשן און אויך זיין אייגן לעבן. ער האָט דער־ביי געזאָגט: „צו אַלדע שוואַרצע יאָר, גוט איז וואָס ס׳איז פאַראַן דער ש״י, אַז נישט וואָלטן אונדז דאָס בריטישע מאַשין־געווער דורכגעלעכערט ווי אַ זיפּ. דאָס וואָלט געווען אַ שאָד, ווייל סוף־כּל־סוף האָט נאָך קיינער פון אונדז נישט דערגרייכט צו זיינע פיר און צוואַנציק יאָר״...

ש״י האָט זיך נישט באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט באַקומען די ידיעה און איבערגעגעבן די וואָרענונג. ער האָט פאַרפירט אַן אויספאָרשונג און געוואָלט אויפקלערן ווי אַזוי איז די אינפאָרמאַציע וועגן אונדזער סאַ־באָטאַזש־פּלאַן אַריינגעפאַלן אין די הענט פון בריטישן געהיים־דינסט. וואָס האָט דאָ פּאַסירט? צי איז דאָ געווען אַ מסירה, אָדער פּשוט מיר זיינען נישט געווען גענוג פאָרזיכטיק? אונדזער אויספאָרשונג איז נישט געקרוינט געוואָרן מיט הצלחה.

דער עצם־פּלאַן צו ליקווידירן די פּאָליציי־שיפלעך איז, פאַרשטייט זיך, נישט אַנולירט געוואָרן, ער איז נאָר אָפּגעלייגט געוואָרן. אין אַ געוויסער צייט אַרום האָט מען ווידער אָנגעהויבן פאַרלייגן מינעס אויף די פּאָליציי־שיפלעך און די שיפן פון בריטישן פלאָט, וועלכע האָבן פאַרפאָלגט די מע־פּילים („אומלעגאַלע״ עולים). אין די דאָזיקע אַלע אַקציעס פלעגן אונדזערע סאַבאָטירער שטענדיק זיך דערשלאָגן צום ציל.

מיר ראַטעווען וויכטיקע דאָקומענטן פון פייער

ווען דער בריטישער אויסערן מיניסטער בעווין האָט געמאָלדן אין ברי־טישן פּאַרלאַמענט, אַז עס ווערט געשאַפן אַ בריטיש־אַמעריקאַנישע קאָמיסיע צו פאָרשן דאָס ארץ־ישראל־פּראָבלעם, האָט ער דערביי צוגעגעבן, אַז ביז די קאָמיסיע וועט פאַרענדיקן איר אַרבעט וועלן געגעבן ווערן נאָר 1500 עליה־סערטיפיקאַטן אַ חודש. די דאָזיקע מעלדונג האָט געגרענעצט מיט פּראָוואָקאַציע. דאָס איז געווען ממש אוממענטשלעך און האָט טיף געטראָפן אין האַרצן פון יידישן ישוב. דאָס האָט געהייסן, אַז ס׳ווערט נישט געגעבן קיין הילף די געראַטעוועטע פון די נאַציִשע טויט־לאַגערן אומגליקלעכע יידן. דאָס האָט געהייסן, אַז מ׳וועט נישט לאָזן זיי אַרויסברעננען פון די לענדער ווו זייערע משפּחות זיינען פאַרשניטן געוואָרן, אַז ס׳איז פאַרבאָטן זיי צו ברענגען קיין ארץ ישראל.

דאָס מאָל קומט די כוואַליע פון אכזריות נישט פון היטלעריסטישן דייטשלאַנד און נישט אין צייט פון מלחמה, נאָר פון אַ בריטישן אויסערן־מיניסטער און אין די ערשטע טעג נאָך דעם ווי אייראָפּע איז באַפרייט גע־וואָרן פון אַ שוידערלעכער טיראַניע. נאָך גאָר מיט אַ קורצער צייט צוריק

האָט דאָך דער שונא באָמבאַרדירט די שטעט פון ענגלאַנד און געהרגעט די ברידער פונעם זעלביקן בריטישן אויסערן־מיניסטער אַליין, וואָס האָט גע־קענט אָפּגעבן אַזאַ אומברחמנותדיקן באַפעל בנוגע די יידישע קרבנות.

אַלס פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער פּאָליטיק האָט דער וועד לאומי פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די אַרבעט אין גאַנצן ישוב און דורכפירן גאַסן־דעמאָנסטראַציעס דעם 14טן נאָוועמבער 1945. אין תל־אביב זיינען פאָרגע־קומען שטורמישע דעמאָנסטראַציעס, וועלכע האָבן זיך געענדיקט מיטן אונ־טערצינדן די רעגירונגס־אַנשטאַלטן. די פּאָליציי האָט געפּרווט פונאַנדער־צוטרייבן דעם אויפגערעגטן המון מיט שטעקנס און ביקסן, אָבער מ׳האָט פאַרוואָרפן די פּאָליציאַנטן מיט שטיינער און מ׳האָט זיי געצוווּנגען אָפּצו־טרעטן און צו פאַרפעסטיקן זיך בשכנות מיט די ברענענדיקע בנינים. דער עולם האָט נישט צוגעלאָזן די פייערלעשער, זיי זאָלן לעשן די שריפה.

צום סוף איז אָנגעקומען מיליטער צו הילף דער פּאָליציי און זיי האָבן באַהערשט די שטאָט. דאָס מיליטער האָט זיך באַנוצט מיט הייסן געווער אָן שום נויטווענדיקייט. זעקס מאַן זיינען דערהרגעט געוואָרן. דער המון איז צע־טריבן געוואָרן און די פייערלעשער האָבן אָנגעהויבן לעשן די ברענענדיקע בנינים.

האָבן די חברים פון ש״י זיך אָנגעשלאָסן צו די פייערלעשער. זיי האָבן געהאָפט, אַז אין דער מהומה פון לעשן דאָס פייער וועט זיי געלינגען אַרויס־צושלעפּן פון די ברענענדיקע רעגירונגס־ביוראָען פאַרשיידענע טעקעס און דאָקומענטן, וועלכע קענען צונוצקומען דעם הגנה־שטאַב. ווי באַלד זיי זיינען געווען אוניפאָרמירט ווי פייערלעשער האָט מען זיי צוגעלאָזט צו דער „רע־טונגס־אַרבעט". אונדזערע מענטשן האָבן געקענט פריי אַריינדרינגען אין די ברענענדיקע געביידעס און אַרויסגיין פון דאָרט.

דער קאָמאַנדיר פון די פייערלעשער אויפן אָרט האָט געגעבן האַרבע באַפעלן, אַז קיינער אַחוץ די פייערלעשער זאָל נישט אַריינגעלאָזן ווערן אי־נעווייניק און, באמת, דער דאָזיקער באַפעל איז אָנגעווענדט געוואָרן זייער שטרענג בנוגע די בריטישע אָפיצירן און פּאָליציאַנטן. ווען יענע האָבן גע־פרווט פון צייט צו צייט העלפן די פייערלעשער, פלעגט מען זיי משלח זיין אונטערן אויסרייד, אַז זיי קענען חס ושלום געשעדיקט ווערן. מ׳האָט צו זיי געזאָגט: אָט אויף דעם פּלאַץ קענען באַלד איינפאַלן די טרעפּ... מעג־לעך, אַז אין דער געביידע איז פאַרלייגט געוואָרן אויפרייס־מאַטעריאַל — צו וואָס זאָלט איר שטעלן אייער לעבן אין סכנה?... פאַרנעמט אייך מיט דער אָרדענונג און לאָזט די פייערלעשער טאָן זייער אַרבעט...

די ש״י־מענטשן האָבן אָנגעטאָן די פייערלעשער־העלמען און ס׳איז גע־ווען אוממעגלעך אונטערצושיידן צווישן זיי און די אמתע פייערלעשער. זיי איז געלונגען אַרויסצוראַטעווען פון דער שרפה טעקעס און דאָקומענטן, וואָס די הגנה האָט געהאַט אין זיי אַ באַזונדערן אינטערעס. אונדזערע „פייער־

לעשער״ האָבן גענומען דווקא געהיימע מאַטעריאַלן. אפילו צווישן די פּלאַ־מען האָבן זיי זיך באַמיט אָפּצוקלייבן די וויכטיקסטע פון צווישן די נישט וויכטיקע דאָקומענטן.

איינער פון די ש״י־מענטשן וואָס איז אַרויס פון ברענענדיקן הויז אַ באַדעקטער מיט סאַזשע, נאָך דעם ווי ער האָט אַרויסגעראַטעוועט אייניקע געהיימע טעקעס, האָט זיך געווענדט צום אָנפירער פון דער דאָזיקער אַקציע און האָט געזאָגט: „פאַראַן אַ באַפעל פון ש״י אַזוי צו באַקומען אינפאָרמאַציע פון יעדן פּלאַץ און ביי יעדער געלעגנהייט. מ׳קען זאָגן, אַז מיר האָבן די איצטיקע גליקלעכע געלעגנהייט גוט אויסגענוצט״.

דער דאָזיקער פאַל האָט דערוויזן ווי גוט ס׳האָט געטאָן דער הגנה־שטאַב וועגן ער האָט נאָך באַצייטנס געזאָרגט דערפאַר, אַז אַלע חברים פון דער פייערלעשער קאָמאַנדע זאָלן זיין מיטגלידער פון דער „הגנה״.

די נאַכט פון שרונה

דעם 3טן פעברואַר 1946, אַ שעה פאַר חצות, האָט די ראַדיאָ־סטאַנציע פון ש״י אין תל־אביב אויפגענומען אַ שטים אין ענגליש פון צענטער פון געהיים־דינסט אין ירושלים:

„די סטאַנציעס פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי אין שפרעם און כפר־ויתקין זיינען אָנגעגריפן און אויפגעריסן געוואָרן. די פּאַנצער־אויטאָס און די געביידעס זיינען צעשטערט געוואָרן. עס זאָל פאַרשטאַרקט ווערן די שמירה אויף אַלע פּאָליציי־סטאַנציעס אין לאַנד און מ׳זאָל לויערן אויף די אָנגרייפער״.

ש״י האָט איבערגעגעבן די דאָזיקע ידיעה אין געציילטע מינוטן דעם הגנה־שטאַב. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס׳איז געווען פּלאַנירט אויך אַן אָנגריף אויפן צענטער פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי אין שרונה. מיר האָבן זיך געפרייט, באַקומענדיק אַ באַשטעטיקונג פון בריטישן געהיים־דינסט, אַז אונדזערע אָנגריפן אין שפרעם און אין כפר־ויתקין זיינען געלונגען. אָבער ס׳איז אויך קלאָר געוואָרן, אַז מחמת אַן אומבאַקאַנטער סיבה איז די זעל־ביקע אַקציע אין שרונה נישט אויסגעפירט געוואָרן רעכטצייטיק. מיר האָבן זיך תיכף פאַרבונדן מיט דער איינהייט וועלכע האָט געדאַרפט אָפּערירן אין שרונה, כדי זי צו וואָרענען וועגן דער סכנה, וואָס לויערט אויף איר און כדי זי זאָל באַוויזן זיך צוריקצוציען.

אויף דער אַקציע אין שרונה זיינען געווען באַשטימט די זעלנער פון חי״ש (חיל שדה, פעלד־זעלנער) און „רעזערוויסטן״ פון פּלמ״ח. מיר האָבן משער געווען, אַז די דאָזיקע איינהייטן האָבן צוזאַמען מיט די אינסטרוק־ציעס וועגן דורכפירן די אַקציע אין שרונה אויך באַקומען אָנווייזונגען ווי אַזוי זיי דאַרפן אָפּטרעטן. האָבן מיר דעריבער געגלויבט, אַז אַלץ וועט דורכ־

גיין בשלום. וואַרטן מיר אַזוי אַ שעה, צוויי — אָבער קיין ידיעה וועגן דעם צוריקטריט איז נישט דערהאַלטן געוואָרן.

פּלוצלינג דערהערן מיר פון דער שרונה־זייט אַ קנאַלעריי פון מאַשין־געווער און אויפרייסן. אַ בלענדנדיק ליכט פון ראַקעטעס באַלייכטן דעם הימל. מיר האָבן זיך תיכף פאַרבונדן מיט אונדזערע חברים פון דער פּאָליציי־סטאַציע און פון זיי דערוויסן מיר זיך, אַז ס׳איז אָקאָרשט דערהאַלטן געוואָרן אַ טעלעפאָנישע מעלדונג פון געהיים־דינסט אין יפו, אַז „אַ גרופּע יידן, וואָס איז געקומען שעדיקן די איינריכטונגען פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי אין שרונה איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע און פיר פון זייערע חברים זיינען דערהרגעט געוואָרן". ווייטער איז געמאָלדן געוואָרן: „דאָס געווער איז אַראָפּגענומען געוואָרן פון די דערהרגעטע, אָבער עס איז נישט געפונען געוואָרן קיין סימן, לויט וועלכן מ׳זאָל זיי קענען אידענטיפיצירן.

די אַקציע אין שרונה איז קאָאָרדינירט געוואָרן מיט די אַקציעס אין שפרעם און אין כפר־ויתקין. אַלע דריי זיינען געווען באַשטימט אויף דער זעלביקער שעה. די ערשטע צוויי זיינען אויסגעפירט געוואָרן צו דער צייט און מיט הצלחה, אָבער אין שרונה האָבן די אויספירער פאַרשפּעטיקט אויף צוויי מיט אַ האַלבער שעה. די מעלדונג פון דער געהיים־פּאָליציי צו די פּאָליציי־סטאַציעס וואָס איז אויפגענומען געוואָרן דורך ש״י און איז ווייטער איבערגעגעבן געוואָרן עלף אַזייגער ביינאַכט איז נישט דערגאַנגען צו די אויספירער פון דער אָפּעראַציע אין שרונה, ווייל זיי זיינען שוין געווען אונטערוועגס און די פאַרבינדונג מיט זיי איז איבערגעריסן געוואָרן.

אמת, דער אָנפירער פון דער אַקציע דני מאַס האָט גענומען אין באַטראַכט, אַז די ענגלענדער קענען ציען קאָנסעקווענצן נאָך דעם ווי זיי וועלן זיך דערוויסן וועגן די אויפרייסן אין שפרעם און אין כפר־ויתקין. ער האָט געוווסט, אַז די פאַרשפּעטיקטע גרופּע שטעלט זיך אַליין אויס אויף אַ טויט־געפאַר. פונדעסטוועגן האָט ער באַשלאָסן נישט אָפּצוטרעטן. ממש אַזוי ווי ער איז שפּעטער געגאַנגען בראש דער גרופּע 35 יונגע בחורים פון ירושלים צו באַשיצן גוש עציון (אין יאָר 1948), האָבנדיק ווייניק אויסזיכטן זיך צוריקצוקערן פון דאָרט — אַזוי האָט ער אויך געוואָגט און איז ווייטער געגאַנגען צו שרונה אויסצופירן די אויפגאַבע, וואָס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן.

פון די ענגלענדער און אַנדערע שרונה־מענטשן האָט ש״י דערוווסט זיך לאחר המעשה פאָלגנדיקע פּרטים וועגן דער אַקציע גופא: ווען ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה וועגן די שעדיקונגען אין שפרעם און אין כפר־ויתקין, זיינען אַלאַרמירט געוואָרן אַלע פּאָליציאַנטן און זעלנער פון דעם לאַגער. עס זיינען אַוועקגעשטעלט געוואָרן שווערע מאַשינגעווער און איין זעלנער איינהייט איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אין דעם נאָענטן פּרדס צו לויערן אויף די סאַבאָטירער. יענע זיינען אָנגעקומען פון דריי ריכטונגען,

אָבער איידער זיי האָבן באַוויזן זיך צו דערנענטערן צום פּאַרקאַן פון לאַגער, האָט אָפּגעקלונגען דער אַלאַרם־סיגנאַל אין שרונה, ראַקעטעס האָבן באַלויכטן די סביבה און אַ פייער פון מאַשין געוועהר האָט אַ האָגל געטאָן אויף זיי פון אַלע זייטן.

די גרופּע, וואָס איז געווען אונטער דער קאָמאַנדע פון עמירם בלינקוב האָט טראָץ דעם פייער זיך געררוקט פאָרויס, האָט דורכגעריסן די אָפּצוימונג, איז אַריינגעדרונגען אין לאַגער און טיילווייז אויסגעפירט די אויפגאַבע. די גאַראַזשן פון די אויטאָס און דער מאַגאַזין פון ברענשטאָף זיינען אָנגעצונדן געוואָרן און די געביידע איז צעשעדיקט געוואָרן. אפילו די ענגלענדער, וואָס האָבן זיך באַרימט מיט דער פאַסטקע וואָס זיי האָבן צוגעגרייט און מיט זייער געלונגענעם „שניט" האָבן גערעדט מיט יראת הכבוד וועגן דער גבורה פון די העלדישע בחורים.

ידידיה אהרון, שרגא הר און אריה קעסלמאַן זיינען געפאַלן אויפן שטח פון לאַגער מיטן געוועהר און אויפרייס־מאַטעריאַל ביי דער זייט. עמירם בלינקאָוו איז שווער פאַרוואונדעט געוואָרן און איז געשטאָרבן אויף די הענט פון זיינע חברים, וועלכע האָבן אים אַרויסגעטראָגן מחוץ פון לאַגער.

אין דער זעלביקער נאַכט זיינען די קערפּערס פון די אומגעקומענע אָפּגעפירט געוואָרן אין רעגירונגס־שפּיטאָל אין יפו און ס'איז אוועקגעשטעלט געוואָרן ביי זיי אַ שטאַרקער פּאָסטן פון פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון. די לעצטע האָבן געדאַרפט אידענטיפיצירן די קרבנות, זייערע שותפים און די אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער זיי האָבן געהערט, — צי מיט דער הילף פון די חברים, וואָס וועלן באַזוכן די געהרגעטע, צי דורך טעלעפאָנישע געשפּרעכן וכדומה.

די פּאָליציי און די דעטעקטיוון האָבן נישט אידענטיפיצירט די הרוגים. ס'איז געווען קלאָר, אַז מ'וועט זוכן די חברים אָדער די אָרגאַניזאַציע וואָס האָט זיי געשיקט. פאָרלויפיק האָט מען געדאַרפט אַרויסבאַקומען זיי קערפּערס און זיי ברענגען צו קבורה. ס'איז קלאָר געווען, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין לייכטע מלאכה.

די דאָזיקע אויפגאַבע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף ש"י. קודם כל האָט מען געדאַרפט אונטערהאַנדלען מיט דער חברא־קדישא און מיטן ראַבינאַט. ביידע האָבן מסכים געווען, אַז איינער פון די ש"י־מענטשן זאָל זיי פאַרטרעטן פאַר דער מאַכט און זאָל זיך פאָרשטעלן ווי דער רב פון דער קהילה. מיט דער הילף פון אונדזערע חברים, וועלכע האָבן געדינט אין געזונטהייטס־ביוראָ פון דער רעגירונג, זיינען טעלעפאָניש באַשטעלט געוואָרן די צענטערן פון געהיים־דינסט אין יפו און ירושלים. „דער רב" האָט געמאָלדן דעם קאָמאַנדיר פון געהיים־דינסט גאַנץ אָפיציעל, אַז חברה־קדישא איז גרייט אָפּצונעמען די פיר קערפּערס, אַז זי קלערט אַליין אויף די נעמען

פון די געהרגעטע און וועט די נעמען איבערגעבן דער פּאָליציי, ווען די מענטשן פון חברה־קדישא וועלן קומען צונעמען די קערפּערס.

די אונטערהאַנדלונגען מיטן געהיים־דינסט האָט מען די גאַנצע צייט געפירט טעלעפאָניש, און דאָס האָט זיך געצויגן אַ גאַנצן מעת־לעת, מ׳האָט אונדז איבערגעגעבן די קערפּערס ערשט אין צוויי טעג אַרום נאָך דער אומגליקס־נאַכט. דאָס האָט אונדז געקאָסט פיל נערוון און אָנשטרענגונגען. מיר האָבן זיך באַמיט אויך מ׳זאָל צולאָזן די עלטערן צו זייערע אומגעקומענע זין. דערצו האָט מען געדאַרפט אויסקאָמבינירן כלערליי המצאות און אויסנוצן די פאַרבינדונגען מיט די רעגירונגס־באַאַמטע, דאָקטוירים, אָפיצירן און דעטעקטיוון. די ש״י־מענטשן האָבן אין משך פון מעת־לעת צוזאַמען מיט די קרובים באַזוכט דעם שפּיטאָל און האָבן פאַר איינס געזאמלט אינפאָרמאַציעס וועגן אַלעם דעם וואָס ס׳האָט זיך דאָרט געטאָן.

אין טאָג פון דער לויה איז אויסגעפאַלן אַ שטאַרקער רעגן. פונדעסטוועגן האָט זיך צונויפגעקליבן אַן עולם פון אַ זעכציק טויזנט מאַן אַרויסצובאַגלייטן די אומגעקומענע צו זייער לעצטער רו. אַלע שיכטן פון ישוב האָבן אויף אָט דער לויה דעמאָנסטרירט זייער פאַרבונדנקייט מיטן קאַמף און מיט די קעמפער — מיט דער הגנה און פלמ״ח.

„די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג" האָט אין ראַדיאָ „קול ישראל" געווידמעט אַ באַזונדערע אוידיציע דעם אָנגריף אויף די צענטערן פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי. אָט זיינען אייניקע פראַגמענטן פון דער אוידיציע:

„דער אָנגריף אויף די צענטערן אין שפרעם און כפר־ויתקין איז געקרוינט געוואָרן מיט אַן אויסערגעוויינלעכער הצלחה. אין דער נאַכט־פינצטערניש זיינען די בחורים געקומען צום ציל, האָבן דורכגעשניטן די אָפצוימונגען און זיינען צוגעקראָכן אומבאַמערקט צום אָרט. קיינער פון די שומרים האָט זיי נישט דערהערט, נישט ווען זיי זיינען אָנגעקומען און נישט ווען זיי האָבן זיך אומגעקערט. פיל אויטאָס זיינען צעשמעטערט געוואָרן. די אָבסערוואַציע טורעמס זיינען צעשטערט געוואָרן, די ברענשטאָף־רעזערוון זיינען אַוועק מיטן רויך, די פּאָליצייאישע געביידעס זיינען צעטרייסלט געוואָרן.

אַ שווערער קאַמף האָט זיך צעפלאַקערט בשעת דעם אָנגריף אויף שרונה. דאָ האָבן די בחורים נישט געקענט אויסנוצן די פלוצימדיקייט פון איבערפאַל. די באַוועגלעכע פּאָליצייאישע פּאָסטנס אונטערוועגס און אַנדערע שטרויכלונגען האָבן גורם געווען, אַז די אַקציע האָט זיך פאַרשפּעטיקט, אָבער זי איז דאָך דורכגעפירט געוואָרן. ראַקעטעס און אַ שווער פייער האָבן באַגעגנט אונדזערע בחורים ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צום לאַגער. שוין ביי זייערע ערשטע טריט האָט אַ קויל אַוועקגעלייגט איינעם פון די בחורים, אָבער זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשראָקן. זיי זיינען ווייטער געגאַנ־

גען אונטער א פייער. זיי האבן אבער נישט פארגעסן, אז זייער ציל איז צו שעדיקן די איינריכטונגען און נישט די מענטשן. מוט'ק האבן זיי זיך געווארפן אויפן ציל און זיי האבן אונטערגעלייגט אויפרייס־מאטעריאל אונטער די פאנצער־אויטאס. קוילן האבן געטראפן פיר יידישע קעמפער און זיי אוועקגעלייגט. כבוד פאר זייער אנדענק!"

די אפקלאנגען פון דער לויה האבן דערגרייכט צו אלע עקן וועלט. די אויסלענדישע קארעספאנדענטן האבן זי געשילדערט ווי א מאסן־דעמאנסטראציע וואס איז נאך נישט געזען געווארן. די קארעספאנדענטן האבן געשריבן: א מעכטיקער פאראייניקטער יידישער כוח שטייט אין קאמף קעגן דער בריטישער מאכט. דער יידישער ישוב אידענטיפיצירט זיך מיט די מעשים פון די קרבנות, וועלכע זיינען העלדיש געפאלן פאר א גערעכטער זאך".

אין א טעלעפאן־געשפרעך, וואס מיר האבן אונטערגעהערט, האט געזאגט איינער פון די הויכע מיליטער־קאמאנדירן: "דאס איז נישט נאר די הגנה, דער גאנצער ישוב איז אויף 100 פראצענט א שונא פון דער מאכט. זיי זיינען אלע פאראייניקט אין זייער קאמף און זיי ווערן געשטיצט דורך דער גאנצער וועלט. אפט אפילו די יעניקע, וועלכע דערשיינען פאר אונדז ווי קעגנער פון טעראר און אנטי־בריטישן קאמף, קען מען נישט גלויבן, ווייל אין פארבארגעניש שטייען זיי אויף דער זייט פון הגנה און פלמ"ח" — און ער האט פארענדיקט זיין געשפרעך אזוי:

— דער קאמף קעגן דער הגנה וועט נישט זיין לייכט.

קאמף פאר אומלעגאלער עליה

דא ווילן מיר דערציילן וועגן די געשעענישן פון דער בארימטער נאכט, ווען צו די ברעגעס פון לאנד איז אנגעקומען א שיף פון די מעפילים (אומלעגאלע עולים) מיטן נאמען "קיסמאט אדעליא", וואס אונדזער שטאב האט איר געגעבן א נייעם נאמען — "טשארלס ארט ווינגייט", צום אנדענק פון דעם גוטן פריינט אונדזערן, דעם פריינט פון יידישן פאלק און דער הגנה.

די מעשה מיט דער דאזיקער שיף וועט פארשריבן ווערן אין דער געשיכטע פון אונדזער קאמף ווי איינע פון די וויכטיקסטע און ברייטסטע אקציעס, אין וועלכער עס האבן מיטגעארבעט חי"ש (חיל שדה, פעלד־זעלנער) און פלמ"ח. די אזוי גערופענע "ווינגייטער" האט געגעבן דעם סיגנאל צו פארשארפן דעם קאמף קעגן רעזשים פון ווייסבוך.

פאר דער דאזיקער אפעראציע זיינען מאביליזירט געווארן טויזנטער הגנה־חברים פון פארשיידענע אפצווייגונגען. די אויפגאבע איז געווען אראפצונעמען מיטן כוח פון געוועער די 240 עולים, וועלכע דארפן דערגרייכן צו די ברעגעס פון תל־אביב אין דער נאכט פון 24סטן מערץ 1946.

דער שטאב וואס האט אנגעפירט מיט דער אקציע איז באשטאנען פון

אַ העכערן קאָמאַנדיר, וועלכער איז באַשטימט געוואָרן דורכן הגנה־שטאַב, דעם הגנה־קאָמאַנדיר אין תל־אביב און דעם קאָמאַנדיר פון פלמ"ח. דער שטאַב האָט געהאַט זיין זיצפּלאַץ אין איינעם פון די הייזער אין צפון תל־אביב. דער שטאַב פון ש"י האָט זיך באַזעצט אין אַ צווייטן הויז — פיר הייזער ווייטער פון דעם הויפּט־שטאַב.

אין הסכם מיטן אויסגעאַרבעטן פּלאַן זיינען געווען צוגעגרייט באַזונדערע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן געהאַט ספּעציעלע אויפגאַבעס: מ'האָט געדאַרפט אָפּצוימען די וועגן, צעברעכן די לאַמטערנעס אויף די גאַסן, פאַרלייגן מינעס אויף די שאָסייען, אַראָפּנעמען די עולים אויפן ברעג און זיי אַריבערפירן אין די לכתחילה צוגעגרייטע הייזער. דער עיקר זיינען געווען מאָביליזירט באַוואָפנטע איינהייטן, וועלכע האָבן געדאַרפט וואַרפן „מאָלאָטאָוו־פלעשער" אויף די אויטאָס און פּאַנצער־אויטאָס פון דער בריטישער פּאָליציי, כדי זיי נישט צו דערלאָזן זיי זאָלן העלפן יענע פּאָליציי־איינהייטן וועלכע וועלן שטערן אַראָפּצונעמען די עולים.

דער אַלגעמיינער באַפעל איז געווען, אַז אין אָט דער נאַכט זאָל די הגנה אַרויסווייזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד אומעטום, אין יעדן אָרט, וווּ ס'וועט זיין נייטיק זיך צונויפצושטויסן מיט דער מאַכט.

ש"י אין תל־אביב האָט מאָביליזירט פאַר אינפאָרמאַציע־אַרבעט אויף דער נאַכט איבער צוויי הונדערט זיינע חברים, פרויען און מענער. ס'זיינען ווידער קאָנטראָלירט געוואָרן די פאַרבינדונגען מיט די פּאָליציי־סטאַציעס אין דער שטאָט און אין איר סביבה. אין די דאָזיקע סטאַציעס און בעיקר אין די צענטערן פון בריטישן געהיימ־דינסט זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן פּאָסטנס פון אונדזערע פאַראַנטוואָרטלעכע חברים. זיי זיינען באַאויפטראַגט געוואָרן צו האַלטן אַן אָפן אויג און זיך צוצוהערן צו אַלעם וואָס קומט דאָרט פאָר, אויפצוזאַמלען אַלע ידיעות, וואָס אונדזערע מענטשן וועלן באַקומען און איבערגעבן די דאָזיקע אינפאָרמאַציע אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרעם יעדע 15־20 מינוט אין יענעם אָרט, וואָס דער ש"י־קאָמאַנדיר האָט באַשטימט צו דעם צוועק.

אין די באַזונדערע צום ש"י־שטאַב הייזער זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן פיר אויפנעם־אַפּאַראַטן, וועלכע ס'האָבן באַדינט חברים פון ש"י וואָס זיינען ספּעציאַליסטן אין מאָרס־טעלעגראַף און קענען ענגליש.

נאָך מיט עטלעכע טעג פריער האָבן מיר זיך באַמיט אַריינצובאַקומען אַלע איינצלהייטן וועגן די ראַדיאָ־וועלן, אויף וועלכע עס וועלן איבערגעבן זייערע אינפאָרמאַציעס די פּאָליציי, געהיימ־דינסט, די שיפלעך אויפן ים און די בריטישע קריגס־שיפן. מיר האָבן אויך געטראָגן די רשימה פון די ראַדיאָ־וועלן איבער וועלכע ס'וועלן שמועסן צווישן זיך די דזשיפּן און די פּאַטרול־אויטאָס פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי. אונדזערע חברים האָבן באַקומען אַ באַפעל אויפמערקזאַם צו הערן און צו פאַרצייכענען אַלץ, וואָס זייער

אויער וועט אויפנעמען — און טאַקע וואָס מער. אין אַן אָפּגעזונדערטן צי־מער זײַנען אָוועקגעזעצט געוואָרן ספּעציאַליסטן צו דעשיפרירן דעם קאָד. אין אַ נאָענטן צימער זײַנען געזעסן די פּאָו בינדלער און די סעקרעטאַרינס, וועלכע האָבן קאָמבינירט די דערהאַלטענע ידיעות און זיי פאַרוואַנדלט אין פּאַרטיקע ראַפּאָרטן. יעדער ראַפּאָרט האָט אַנטהאַלטן די ידיעות פון אונדזע־רע חברים אין דער פּאָליצײַ און געהיים־דינסט און אינפאָרמאַציע, וואָס איז געזאַמלט געוואָרן דורכן הערן די בריטישע ראַדיאָ־זענדונגען און אויך פון די פייערלעשער, פון מגן־דוד אדום, פון די קראַנקנהייזער וכדומה.

שוין אין אָנהויב פון דער אַקציע איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די מאַכט ווייסט פון אירע אַגענטן אין חוץ לארץ און אויף די ברעגעס פונעם לאַנד וועגן „אַן אומלעגאַלער שיף" מיטן נאָמען „קימעט אדעליא", וועלכע דער־נענטערט זיך צום ברעג. אָבער די מאַכט־אָרגאַנען האָבן נאָך נישט געוווּסט וועגן דער מאָביליזאַציע פון דער הגנה און וועגן דער קאָנצענטראַציע פון באַוואָפנטע מענטשן, וועלכע זײַנען גרייט אַראָפּצונעמען די עולים אויפן ברעג מיט כוח. עס איז אויך נישט אַנטדעקט געוואָרן דער פּלאַץ ווו מ׳וועט די עולים אויפנעמען.

אומגעפער אין אַ שעה אַרום נאָך דעם ווי די הכנות זײַנען דורכגעפירט געוואָרן און ווען ס׳רוב פון די הגנה־חברים זײַנען שוין געשטאַנען אויף זייערע פּאָסטנס און נאָך דעם ווי די פּאָליצײַ האָט זיך אָנגעשטויסן אין איי־ניקע פאַלן אויף אָפּצוימונגען און אויף „פאַרדעכטיקטע" פאַרשוינען — ערשט דאַן האָט די מאַכט דערשפּירט וואָס דאָ גרייט זיך. און עס איז פּראָקלאַ־מירט געוואָרן „אַ גרייטקייט־צושטאַנד" פון אַלע מאַכט־אָרגאַנען.

אונדזערע חברים אין דער פּאָליצײַ און אין געהיים־דינסט איז געלונ־גען אַריבערצושיקן אונדז פיל איינצלהייטן וועגן דער גרייטקייט פון דער פּאָליצײַ. זיי האָבן אַרויסגעוויזן גרויסע קאָמבינירפעאיקייטן. מיט פאַר־שיידענע תירוצים האָבן זיי איבערגעפירט אָט די אינפאָרמאַציע אין אונ־דזערע הענט, טראָץ דעם וואָס זיי זײַנען ווי יידן געשטאַנען אונטער אַ באַ־זונדערער השגחה מצד זייערע קאָמאַנדירן און זייערע בריטישע און אַראַבי־שע קאָלעגן.

ווען די אויטאָס און די פּאַנצער־אויטאָס פון דער באַוועגלעכער פּאָלי־צײַ האָבן אָנגעהויבן זיך דרייען איבער די גאַסן און האָבן געפירט שמועסן צווישן זיך און זייער שטאַב, זײַנען אונדזערע חברים צוגעפאַלן צו די אויפ־נעם־אַפּאַראַטן. אַלע שמועסן זײַנען גענוי פאַרשריבן געוואָרן מיט אַלע זייע־רע געהיימע און אָפענע סימנים. יעדער ראַדיאָ־זענדער פון די ענגלענדער איז געווען באַצייכנט מיט אַ באַזונדערן געהיימען סימן. אונדזערע צוהערער האָבן געקענט פעסטשטעלן און אידענטיפיצירן שוין לכתחילה ס׳רוב פון די זענדונגס און אויפנעם־סטאַציעס. אין המשך פון דער אַקציע האָט מען גע־

קענט אויפקלערן אויך די אַנדערע סטאַציעס, וועלכע זיינען געווען פאַר אונדז אומבאַקאַנט.

פּאַסירט, למשל, אַז אַ פּאָליציי־סטאַציע פרעגט אָן אַ צווייטע סטאַציע וואָס איז דער נאָמען פון איר טעלעפאָן. יענע ענטפערט און גיט איבער דעם נומער. כאַפּן מיר גלייך אַ בליק אין דער רשימה פון די טעלעפאָנען פון דער פּאָליציי, אָדער מיליטער, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין דער האַנט און מיר קענען תיכף פעסטשטעלן ווו די סטאַציע געפינט זיך.

מיר האָבן אויך אויפגענומען די ידיעות וואָס די ראַדיאָ־סטאַציע פון דער מעפּילים־שיף האָט איבערגעגעבן אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע אויפן ברעג, מיט וועלכער זי איז געשטאַנען אין קאָנטאַקט. פון אָט דעם קוואַל האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן דער באַוועגונג פון די פּאָליציי־שיפלעך אויפן ים און וועגן אָנקום פון אַ קריגס־שיף, וועלכע האָט אַנטדעקט די עולים־שיף און האָט זי באַלויכטן מיט פּראָזשעקטאָרן. מיר האָבן אויך זיך דערוווּסט אַז אַן עראָפּלאַן דרייט זיך איבער אונדזער שיף, אאז"וו.

די אינפאָרמאַציעס, וואָס איז אַזוי אַרום געזאַמלט און קאָנצענטריר־ט געוואָרן מיט אַלע מיטלען און פון אַלע מעגלעכע קוואַלן, זיינען תיכף באַאַרבעט געוואָרן און איבערגעגעבן געוואָרן אין הגנה־שטאַב יעדע 20־15 מינוט דורכן צענטער פון ש"י. אָט די אָפּטע באַריכטן האָבן געגעבן אַ קלאָר בילד פון אַלע קאָנטר־אַקציעס מצד דער מאַכט און אונדזער שטאַב האָט אַזוי אַרום זיך געקענט אָריענטירן אין דער לאַגע און אָנפירן מיט דער אַקציע.

מיר האָבן אויך אונטערגעהערט די שמועסן פון דער קריגס־שיף מיטן בריטישן שטאַב אויף דער יבשה. מיר האָבן געקענט אויך דעשיפרירן זייער אינהאַלט, ווייל בשעת דער יאָגעניש נאָך די מעפּילים־שיפן פלעגן די קריגס־שיפן זיך באַנוצן מיטן פּאָליציייאישן קאָד, וואָס דעם שליסל צו אים האָבן מיר געהאַט על פּי רוב. אַזוי, למשל, האָבן מיר אויפגעכאַפּט די לעצטע טעלעגראַמע, וואָס די קריגס־שיף האָט אָפּגעשיקט צום צענטער פון געהיים־דינסט: עס ווערט געמאָלדן מיט צופרידנקייט, אַז זי האָט באַהערשט די עולה־שיף נישט ווייט פונעם ברעג. מיר האָבן אויך נאָכגעשפּירט אירע מאַנעווערעס און די מאַנעווערעס פון אונדזער שיף. מיר האָבן אויפגענומען די ידיעה וועגן אַן אָפּטיילונג פון בריטישע מאַטראָסן, וועלכע זיינען אַרויף אויף אונדזער שיף. און אָט הערן מיר, אַז אונדזער שיף האָט באַקומען דעם באַפעל אָפּצושווימען קיין חיפה.

דאָס איז געווען בעצם איינע פון די ידיעות, וואָס האָבן געגעבן אונדזער הגנה־שטאַב אַ גרונט איבערצורייסן די אַקציע, אויסצובאַהאַלטן דאָס געווער און געבן אַ באַפעל וועגן צוריקטריט אין הסכם מיטן פּלאַן, אָבער בנוגע ש"י איז דאָס געווען נאָר אַן אָנהייב. ווייל מיר האָבן געדאַרפט אויך ווייטער זאַמלען אינפאָרמאַציע וועגן צושטאַנד פון אונדזערע מענטשן, וואָס זיינען אַרעסטירט געוואָרן אין יענער נאַכט, וועגן די באַוויזן, וואָס די פּאָ־

ליצײ האָט קעגן זײ, װעגן געװער װאָס איז אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון דער מאַכט וכדומה.

אונדזער אַרבעט אין יענער נאַכט איז אַנגעגאַנגען זײער ענערגיש. מ׳קען זאָגן, אַז ש״י איז נישט אָפּגעשטאַנען לגבי דעם אָפּעראַטיװן כוח פון דער הגנה. אין אָט דער אַקציע האָט ער דערװיזן זײַנע אָרגאַניזאַציאָנעלע פעאיקײטן. דער העכסטער הגנה־שטאַב האָט אָפּגעשאַצט װי געהעריק די אַר־בעט פון ש״י. די דאָזיקע אָפּשאַצונג איז איבערגעגעבן געװאָרן צו אַלע אונ־דזערע חברים אין ש״י און אױך צו אונדזערע טרײַע שותפים אין דער פּאָלי־צײ און געהײם־דינסט.

אױב אין דער „װײַנגײט־נאַכט" האָט ש״י געאַרבעט נאָר אין דרום־דיסטריקט, זײַנען שפּעטער, מחמת די רעזולטאַטן פון דער אַקציע און די צו־זאַמענשטױסן און אַרעסטן, װאָס זײַנען פאָרגעקומען יענע נאַכט — אַקטי־װיזירט געװאָרן די שטאַבן פון ש״י אױך אין אַנדערע דיסטריקטן.

אין אײניקע טעג אַרום, נאָך דער דאָזיקער געשיכטע, איז אין די הענט פון הגנה־שטאַב שױן געװען דער פולער באַריכט װעגן יענער נאַכט, װאָס דער קאָמאַנדיר פון געהײם־דינסט האָט אָפּגעשיקט דעם הױפּט־סעקרעטאַר פון דער מאַנדאַט־רעגירונג. אָט האָט איר אײניקע אינטערעסאַנטע אױסצוגן פון דעם באַריכט, דאַטירט דעם 26סטן מערץ 1946.

— — „8.50 אין אָװנט, דעם 25סטן מערץ 1946 האָט אַ בריטי־שער פּאָליציאַנט געפונען אױף דער אײַזנבאַן־בריק, אױף דער גאַס שלוש, בײַ דער גרענעץ פון יפו־תל־אביב, פיר בלעכענע קעסטלעך מיט אױפרײס־מאַטעריאַל. 9.50 אָװנט האָבן אַ סערזשאַנט און אַ פּאָליציאַנט (בײדע בריטן), באַמערקט צװײ מענטשן אױף דער זשאַ־באָטינסקי־גאַס אין תל־אביב. װען מ׳האָט זײ אױפגעפאָדערט צו בלײַבן שטײן, האָבן זײ אָנגעהױבן אַנטלױפן. מ׳האָט זיך געיאָגט נאָך זײ — האָט אײנער פון זײ אַװעקגעװאָרפן אַ פּעקל, װאָס האָט אַנט־האַלטן דעטאָנאַטאָרן און עלעקטריש דראָט. בײַם צװײטן האָט מען געפונען אַקומולאַטאָרן פון עלעקטרישע באַטעריעס. די מענטשן זײַ־נען אַרעסטירט געװאָרן.

— — אַ פּאַנצער־אױטאָ פון דער באַװעגלעכער פּאָליצײ האָט באַמערקט מענטשן, װעלכע האָבן זיך אױפגעפירט פאַרדעכטיקט נעבן דעם טראַנספאָרמאַטאָר פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט אױפן װינקל פון די גאַסן מרמרוק און יהודה־הלוי. זײ האָבן געעפנט אַ פײַער אױפן פּאַסטן, זײַנען אָפּגעטראָטן אין אַ נאָענטער געבײַדע און האָבן דאָרט פאַרנומען אַ פּאָזיציע אױף אַ קלײנער װעראַנדע אין פּאַרטער. דער פּאַנצער האָט זײ געהאַלטן אונטער אַ פײַער פון ביקסן.

דערװײַל איז אָנגעקומען אַ פּאָליצײ־אָפּטײלונג פון שרונה. װען זי איז אַרױס פון לאַגער האָט מען אױף איר געשאָסן, אָבער זי איז

דאָך צוגעקומען צו דער געביידע. דריי מענטשן האָבן זיך אונטערגע־
געבן. ס'איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל אָפּצושטעלן דאָס פייער, אָבער
איינער פון אונדזערע שיסער האָט באַמערקט אַ יונגע פרוי, וועלכע
איז געלעגן אויף דער ווערטאַנדע און האָט געפּרוּווט אָנלאָדן איר סטען.
איז געעפנט געוואָרן אויף איר אַ פייער. די יונגע פרוי ברכה פאלד
איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן. זי איז געבראַכט געוואָרן אין רעגי־
רונגס־שפּיטאָל אין יפו און איז דאָרט געשטאָרבן אין אַ קורצער צייט
אַרום.

צו דער גלייכער צייט איז פון לייכטן געווער באַשאָסן געוואָרן
דער בריטישער לאַגער אין שרונה. די שיסעריי איז אָפּגעשטעלט גע־
וואָרן נאָך דעם ווי מ'האָט געענטפערט מיט אַ פייער פון וואַך־טורעם.
ס'זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן דורך אומבאַקאַנטע מענטשן אָפּ־
צוימונגען אויף די וועגן — — אַ פּאָליציי־מאַשין איז פאַרהאַלטן גע־
וואָרן דורך אויטאָבוסן, וועלכע זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן אין דער
ברייט פון שאָסיי.

— — די בריטישע קריגס־שיפן האָבן אַנטדעקט אַ שיף זיבן
מייל צפון־מערב פון תל־אביב. דאָס איז געווען „קיסמעט אַדעליאַ"
אונטער איר נייעם נאָמען „טשאַרלס אָרד ווינגייט", וועלכע האָט אויפ־
געהויבן די יידישע פאָן און די „יוניאָן־דזשעק". אויף דער שיף גע־
פינען זיך אומלעגאַלע יידישע עולים. די שיף איז געבראַכט געוואָרן
קיין חיפה. ס'איז אויף דער שיף דורכגעפירט געוואָרן אַ שטרענגע
רעוויזיע. פּאָרלויפיק האָט מען געפונען דריי רעוואָלווערן און פאַר־
שידענע דאָקומענטן — צווישן זיי עטלעכע עליה־סערטיפיקאַטן."

די מעשה פון טראַגישן טויט פון ברכה פאלד ז"ל איז פאַלש איבער־
געגעבן געוואָרן אין טרוקענעם ראַפּאָרט פון בריטישן געהיים־דינסט. דער
אמת איז, אַז ברכה פאלד און אירע דריי חברים, וועלכע האָבן זיך געפונען
מיט איר אויף דער וועראַנדע זיינען געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע הענט
און אין אַזאַ מצב זיינען אָפּגעגעבן געוואָרן אויף זיי די שאָסן.

דער חשד דורכפירן אָט דעם עקלהאַפטן מאָרד איז געפאַלן דאָן אויפן
בריטישן סערזשאַנט פלאָוער. ער האָט אַליין געשאָסן און האָט געהייסן שיסן
אין מענטשן, וועלכע האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין שום ווידערשטאַנד.

אין צוויי יאָר אַרום האָט דער זעלביקער סערזשאַנט פלאָוער געשאָסן
אָן אַנדערן הגנה־חבר מיכה פישער ז"ל אין תל־אביב בשעת יענער איז גע־
שטאַנען קעגן דעם סערזשאַנט און די צוויי בריטישע פּאָליציאַנטן, וואָס
האָבן אים באַגלייט — מיט אויפגעהויבענע הענט. דער בריטישער געהיים־
דינסט האָט זיך נישט געשעמט צו פאַרצייכענען אין זיין ראַפּאָרט, כדי צו
באַרעכטיקן די דערמאָרדונג פון ברכה פאלד, אַז זי זאָל האָבן כלומרשט
געפּרוּווט אָנלאָדן איר סטען. דער דאָזיקער ליגן שטעכט ממש די אויגן.

דאָס איז געשען נאָך חצות, ווי אַזוי האָבן די ענגלענדער דאָס געקענט זען אין דער נאַכט־פינצטערניש.

נאָך דעם האָט מען דעם פּלאַץ באַלויכטן מיט אַ פּראָזשעקטאָר. און אפילו דאַן איז דאָס ליכט נישט געפאַלן אויפן גאַנצן דיל פון דער האַלב־פאַרמאַכטער ווערענדע, וווּ ברכה פאלד איז געלעגן שווער פאַרווונדעט און איז אָפּגעגאַנגען מיט בלוט. דער שקר ווערט נאָך בולטער, ווען מ׳נעמט אין אַכט, אַז די פּאָליציאַנטן האָבן איבערגעפירט די פאַרווונדעטע אין שפּיטאָל נישט דערלאַנגענדיק זיי פריער קיין שום מעדיצינישע הילף, און אַזוי אַרום איז זי געשטאָרבן אונטערוועגנס.

די ידיעה וועגן טויט פון דער 19 יאָריקער פלמ״ח־חברטע וואָס איז געווען באַוווּסט מיט איר איידלקייט און שיינקייט, האָט זיך שנעל פאַר־שפּרייט אין דער עפנטלעכקייט. די פּאָליציי האָט איר קערפּער אַריבערגע־פירט אין דער שטיל צו קבורה. טראָץ דעם זיינען טויזנטער געקומען אויף בית־הקברות אָפּצוגעבן איר דעם לעצטן כבוד. געפילן פון טיפער פאַראַכ־טונג צו די מערדער האָבן צעשטורעמט די נשמות פון גרויסן עולם.

די דאָזיקע און ענלעכע מעשים האָבן נישט צוגעגעבן קיין רום דער מאַנדאַט־מאַכט, אירע פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון. אָבער די דאָזיקע טראַ־גישע געשיכטע האָט געעפנט די אויגן פון יידישן ישוב און די צענדליקער טויזנטער הגנה־חברים. מ׳האָט געזען ווו מ׳האַלט אין דער וועלט און וווהין עס פירן די אינטריגעס פון די בריטישע קאָלאָניאַל־באַאַמטע און אָפיצירן, וואָס דער גורל פון לאַנד איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זייערע הענט. און מ׳האָט זיך ענערגיש אָנגעהויבן צו גרייטן צו דער צוקונפט...

מיר ווילן דאָ נישט אָפּשאַצן די גאַנצע אַקציע פון יענער נאַכט. גע־נוג צו זאָגן, אַז די הגנה האָט דורכגעפירט אַן אָפּעראַציע אין גרויסן מאס־שטאַב וואָס איר גלייכן איז נישט געווען אין דער געשיכטע פון אונדזער קאַמף ביז דאַן.

די פּאָזיטיווע, נוצלעכע קאָנסעקווענצן פון אָט דער אָפּעראַציע האָבן זיך געלאָזט מערקן שפּעטער, אין צוויי יאָר אַרום, בשעת דער באַפרייאונגס־מלחמה.

דזשאָן סמיטס — דער אומבאַקאַנטער פריינט

לאָמיר דאָ דערציילן וועגן אַן אָפּעראַציע פון ש״י, וואָס מ׳קען זי באַ־צייכענען ווי דעם שווערסטן קלאַפּ, וואָס דער בריטישער געהיים־דינסט אין ארץ־ישראל — סיי דער ציווילער און סיי דער מיליטערישער — האָט ווען ס׳איז באַקומען. און די מעשה איז אַזוי געווען:

אָנהייב מאַי 1946, אין עצם פון די שווערע קאַמף־טעג, איז אונדז באַ־קאַנט געוואָרן, אַז ס׳איז פאַראַן איינער אַן ענגלענדער, וועלכן מיר וועלן דאָ אָנרופן מיטן נאָמען דזשאָן סמיטס, וואָס פאַרנעמט אַ וויכטיקע פּאָ־

ויציע אין רעגירונגס־אפאראט. דער דאזיקער דזשאן סמיטס האט אפן אויס־געדריקט זיינע אויפריכטיקע סימפאטיעס פאר אונדזער זאך. ער האט זיך נישט אויסבאהאלטן פאר זיינע חברים, די באאמטע און אפיצירן, וועלכע האבן אונדז פיינט געהאט. און איז אפילו אריינגעטראטן מיט זיי אין שטור־מישע דעבאטן און קריגערייען. מיר האבן געהאט דעם איינדרוק, אז אט דער דזשאן סמיטס איז איינער פון די וויניקע און געטרייע חסידי אומות העולם.

מיר האבן זיך מיט אים פארבונדן. פארשטייט זיך, מיר האבן פריער זיך דערקונדיקט גענוי וואס פארא מענטש דאס איז. האבן מיר אויפגע־קלערט, אז ער שטאמט פון א יחוסדיקער משפחה אין ענגלאנד. לויט זיין אמט האט ער געהאט א צוטריט צו די סאמע געהיימע אינפארמאציע־קוואלן און מחמת זיין אפשטאם האט ער געגאסן פון אן אומבאשרענקטן צוטרוי מצד זיינע שעפן. דזשאן סמיטס האט אונדז דערציילט, אז ער שאצט זייער הויך דאס ציוניסטישע אויפבוי־ווערק און אונדזער קאמף פאר פרייהייט און אז ער איז א קעגנער פון אלע מעשים, וואס זיין רעגירונג און אירע פאר־שטייער באגייען ביי אונדז אין לאנד.

ער האט אונדז געזאגט, אז ער איז גרייט אונדז צו העלפן, ווייל דורך דעם בעצם ארבעט ער לטובת ענגלאנד, וועלכע האט פארפלעקט איר גוטן נאמען מיט איר ארץ־ישראל־פאליטיק. ער האט אויסגעדריקט זיין גרייט־קייט אונדז צוצושטעלן אומזיסט געווער, און אמוניציע, וואס די הגנה באַ־דארף.

האבן מיר ווידער דורכגעפירט גענויע און פארזיכטיקע פארשונגען און מיר האבן זיך איבערצייגט, אז דזשאן סמיטס איז אן אמתער פריינט און אז מ׳קען זיך אויף אים פארלאזן. אבער דווקא צוליב זיין וויכטיקער פא־זיציע אין דער רעגירונג האבן מיר באשלאסן, אז ס׳איז נישט כדאי ער זאל זיך פארנעמען מיטן צושטעלן פאר אונדז געווער. דערצו האבן מיר געהאט אנדערע קאנאלן. אים האבן מיר דערקלערט, אז ער קען אונדז פיל מער נוצן דורך דעם וואס ער וועט אונדז צושטעלן אינפארמאציעס. מיר האבן אים גע־בעטן אונדז געבן ידיעות וועגן אלעמען וואס ווערט געטאן און וואס ווערט גערעדט אין די קרייזן פון דער מאכט.

מיר האבן נאך צוגעגעבן, אז אויב ס׳וועט זיך אים מאכן צו זען א וועלכן ס׳איז דאקומענט, וועלכער קען אונדז אינטערעסירן, וועלן מיר אים דאנקבאר זיין, אויב ער וועט אונדז אים צושטעלן צו אונדזער וויסן, אדער ער וועט אונדז איבערגעבן דעם אינהאלט פון געגעבענעם דאקומענט.

האט דזשאן סמיטס אנגעהויבן ברענגען אונדז אינפארמאציע: וועגן אט יענעם אפיציר, אז ער איז אן אנטיסעמיט און וועגן א צווייטן באאמטן, וואס רעדט אויף אונדז שלעכטס, אדער ווירקט קעגן אונדז; וועגן אן ארויס־גאנגס־פארבאט, וואס וועט ארויפגעלייגט ווערן אויף א געוויסן יידישן קווארטאל וכדומה. די דאזיקע אינפארמאציע האט געהאט א געוויסן ווערט,

ווי יעדע ריכטיקע ידיעה, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין ש״י — אָבער נישט מער.

איין מאָל קומט צו אונדז דער מענטש און דערציילט, אַז אין פּראָצעס פון זיין אַרבעט האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פּעקל אינטערעסאַנטע טע־קעס; די סאַמע דיקע טעקע, וואָס איז ענלעך צו אַ גרויסן בוך, אַנטהאַלט מאַטעריאַל וועגן דער הגנה און פּלמ״ח, און די דינערע טעקעס — וועגן אצ״ל, לח״י און וועגן די אַראַבער. אין דער הגנה־טעקע איז פאַראַן אַ רשימה פון נעמען פון טויזנטער הגנה־חברים — קאָמאַנדירן און זעלנער — אויסגע־שריבן לויטן אלף־בית. דאָס איז „די שוואַרצע רשימה" פון דער מאַכט. נאָך מער: לעצטנס קאָנצענטרירט מען זיך באַזונדערס אויף דער אַרבעט אַרום דער הגנה. דערפון מאַכט ער דעם אויספיר, אַז די צוקונפטיקע אַקציעס פון דער מאַכט וועלן זיין געווענדט קעגן איר.

ער האָט נאָך צוגעגעבן, אַז אַט דאָס בוך איז באַזונדערס סודותדיק, און אַז די קאָפּיע פון בוך, וואָס ער האָט געזען ווערט זייער שטרענג באַ־וואַכט. אַחוץ העכערע באַאַמטע האָט קיין שום מענטש נישט קיין רעכט אַריינצוגיין אין צימער ווו ס׳געפינט זיך דאָס בוך און במילא קען קיינער אַהין נישט אַריינקומען. ער האָט דערציילט, אַז די רשימה פון די הגנה און פּלמ״ח־חברים אַנטהאַלט איבער פינף טויזנט נעמען. דערביי ווערט אָפּגע־צייכנט די וויכטיקייט פון יעדן חבר. דריי שטערנדלעך שטייען ביי די נע־מען פון די באַזונדערס חשובע אָנפירער און קאָמאַנדירן פון דער הגנה; צוויי שטערנדלעך — ביי די קאָמאַנדירן פון דער הגנה און פּלמ״ח; איין שטערנדל — ביי די חברים פון דער הגנה.

אינעם אַריינפיר איז געזאָגט געוואָרן, אַז „די רשימה איז צונויפגע־שטעלט לויטן אלף־בית, ווייל בשעת דער אַקציע קעגן די אומלעגאַלע יידישע כוחות דאַרף מען אָננעמען וועלן די חברים פון דער הגנה און בעיקר די חברים פון פּלמ״ח זיך באַוועגן איבערן לאַנד, און אין אַזאַ פאַל וואָלט אַ רשימה צונויפגעשטעלט לויט די ווויִן־פּלעצער נישט געהאַט קיין באַדייט". און ווייטער איז געזאָגט געוואָרן אינעם אַריינפיר, אַז „די רשימה איז צו־נויפגעשטעלט געוואָרן לויט פאַרשיידענע קוואַלן, און מ׳דאַרף אָננעמען, אַז עס זיינען נישט פאַראַן אין איר קיין גענויע פּרטים, אָבער זי וועט דערגאַנצט און פאַרריכט ווערן אין דער צוקונפט". צו דער רשימה איז בייגעלייגט אַ טאַבעלע, ווו עס זיינען באַצייכנט מיט ציפערן די ווויִן־פּלעצער פון „די וויכ־טיקסטע מענטשן", — די יעניקע וואָס האָבן דריי שטערנס; און אויך די פּלעצער ווו ס׳געפינען זיך די פּלמ״ח־איינהייטן. אין דער רשימה ווערט אויך באַטאָנט צי דער פאַרדעכטיקטער געפינט זיך אין דער הגנה, אין פּלמ״ח, אָדער אין דער מיליץ פון די יידישע ישובים. זיי האָבן קענטיק געהאַלטן, אַז אַלע יידישע מיליציאַנטן זיינען גלייכצייטיק חברים פון דער הגנה.

מיר האָבן די דאָזיקע אינפאָרמאַציע אויפמערקזאַם אויסגעהערט, אָבער ס׳איז שווער געווען צו וויסן, וואָס דאָ איז פּינקטלעך און וואָס עס איז אי־

בערגעטריבן. מיר האָבן דעריבער געבעטן דזשאָן סמיטס ער זאָל אַראָפּ־נעמען פאַר אונדז אַ קאָפּיע פון איין בלאַט פונעם „בוך" אַלס מוסטער און אונדז ברענגען. ווען מיר זען, צי דער ענין איז טאַקע נוגע דער הגנה און צי איז דער מאַטעריאַל טריי דער ווירקלעכקייט. ווי באַלד די רשימה איז צונויפגעשטעלט לויטן אלף־בית קען ער איבערשרייבן די נעמען, וועלכע הייבן זיך אָן מיט אות „א".

אַ גאַנצע נאַכט איז געזעסן דזשאָן סמיטס און האָט געשריבן. ער האָט איבערגעשריבן דריי הונדערט נעמען. ווען מיר האָבן דאָס דערזען זיינען מיר איבערראַשט און אויפגעציטערט געוואָרן: דאָס איז געווען אַ גענוג פּינקטלעכע רשימה פון די הגנה־חברים, קאָמאַנדירן און זעלנער. די רשימה האָט אַנטהאַלטן אויך פּרטים וועגן יעדער פּערזאָן — אַדרעס, עלטער, באַ־שעפטיקונג ווי אויך די פונקציע און דאָס ווירקונגס־אָרט אין דער הגנה. בקי־צור אַ קורצע ביאָגראַפיע, וואָס האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט דעם געהיים־דינסט אַרויפצולייגן אַ האַנט אויף יעדן מענטשן, צו יעדער מינגוט, ווען עס וועט זיך זיי פאַרגלוסטן אים צו נעמען.

דזשאָן סמיטס האָט פאַרלאַנגט מיר זאָלן אים אומקערן די אייגנהענ־טיקע קאָפּיע נאָך דעם ווי מיר וועלן זי איבערלייענען, כדי ער זאָל זי קענען פאַרניכטן. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ געפערלעכע שפּיל. מיר האָבן דאָס אויך פאַרשטאַנען. האָבן מיר אים אויסגעפרעגט וועגן נאָך פּרטים און ער האָט אונדז דערציילט, אַז אַחוץ דער רשימה פון די נעמען געפינען זיך אין געהיים־דינסט אויך איבערזיכטן וועגן דער קאָנסטרוקציע פון דער הגנה און די קלענסטע איינצלהייטן און אויך אינפאָרמאַציע וועגן די פּלע־צער פון די פּלמ"ח־איינהייטן.

אונדזער באַשלוס איז געווען קלאָר: מיר מוזן באַקומען אָט די דאָקו־מענטן און בעיקר די פולע רשימה. זי איז צוגעגרייט געוואָרן מסתמא אין משך פון פיל יאָרן. ווען די מאַכט וועט באַשליסן אָנצוהייבן אַ קאַמף ביזן סוף קעגן יידישן ישוב און דער הגנה, קען די דאָזיקע רשימה זיין אַ וועג־ווייזער פון דער ערשטער מדרגה. און קענטיק, אַז ס'איז שוין פאַראַן אַזאַ באַשלוס. אויב מיר וועלן אַרויסבאַקומען די רשימה וועלן מיר צעשטערן דעם פּלאַן פון דער מאַכט, און מיר וועלן קענען אויסמיידן אַ שווערן אָנגריף אויף די רייען פון דער הגנה. דאַן וועלן מיר איבערכיטרעווען דעם געהיים־דינסט און וועלן ראַטעווען פון אַרעסט פיל קאָמאַנדירן און חברים. מ'וועט שוין בייטן די דירות און דאָקומענטן. מ'וועט ענדערן די קליידונג און דעם אויי־סערלעכן אויסזען, מ'וועט זיך סתם אויסבאַהאַלטן, אָבער דער ערשטער באַ־דינג איז — אַרויסבאַקומען די רשימה.

וואָלטן מיר געבעטן ביי דזשאָן סמיטס ער זאָל זיצן און איבערשרייבן פאַר אונדז די גאַנצע רשימה, ווען ער וועט האָבן דערצו אַ געלעגנהייט, וואָלט די זאַך ביי אים צוגענומען פיל חדשים. און מיר האָבן קיין צייט נישט געהאַט.

דזשאַן סמיטס אַליין האָט צוגעגעבן, אַז ער צווייפלט נישט אין דער כוונה פון דער מאַכט אַנצוהייבן קעגן אונדז אַ זייער ענערגישע אַקציע און טאָקע גאָר אין גיכן. מיר האָבן קיין ברירה נישט געהאַט. מ'האָט געמוזט אַרויסנעמען דאָס בוך פון אייזערנעם שאַנק, אַרויסברענגען פון דער געביידע, אַריבערפירן איבער די דראָט־אָפּצוימונגען אויף אַזאַ אופן, אַז די וועכטער — די זעלנער פון אַראַבישן לעגיאָן — זאָלן עס נישט באַמערקן. דאַן האָט מען געדאַרפט די דאָקומענטן פאָטאָגראַפירן און אומקערן דעם „אוצר" אויף זיין אָרט. דאָס אַלץ מוז אָפּגעטאָן ווערן אין געציילטע שעהן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין אַנדער וועג.

דזשאַן סמיטס האָט מסכים געווען אונדז צו העלפן. נאָך מער — ער האָט אונדז געגעבן אַ געצייכנטן פּלאַן, ווו ס'איז געווען אָנגעמערקט דער וועג, וואָס פירט צום אַרומגעצוימטן בנין. די שוואַכע פּונקטן פון דער שמירה און די ערטער, ווו מ'קען דורכרייסן די אָפּצוימונג.

דער שטאַב פון ש"י אין תל־אביב האָט אונטערגענומען אויסצופירן די אויפגאַבע. מיר האָבן געוווסט די סכנה, וואָס שטעקט דערין, אָבער מיר האָבן באַשלאָסן צו וואַגן און צו פּרווון.

מיר האָבן געהאַט צו אונדזער דיספּאָזיציע נאָר געציילטע טעג. מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיטן פּלאַן, וואָס דזשאַן סמיטס האָט אונדז צוגעשטעלט. מיר האָבן אַרויסגעשיקט צוויי בחורים אויסצופאָרשן דעם פּלאַץ און צוצוגרייטן גענויערע צייכענונגען. ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך דעם זיינען זייערע צייכענונגען געווען טאַקע גענויער ווי די וואָס עס האָט אונדז צוגעגרייט אונדזער ענגלישער פריינט.

דזשאַן סמיטס האָט דערציילט וועגן הונדערטער זייטן געדרוקטע אויף סטענסיל און דעריבער האָט מען געמוזט אויף גיך צוגרייטן הונדערטער בויגנס פּאַפּיר צו קאָפּירן די פאָטאָגראַפיעס. מיר האָבן צוגעגרייט עטלע־כע פאָטאָ־אַפּאַראַטן און אַנדערע נויטיקע מכשירים מיט מאַטעריאַלן, כלים צו עפענען די קאָנווערטן און אויך גומי־הענטשקעס כדי עס זאָלן אויף די פּאַפּירן נישט בלייבן קיין סימנים פון די פינגער. דאָס אַלץ האָבן מיר גע־בראַכט אין אַ יונגן קיבוץ, וואָס האָט געשטעלט צו אונדזער רשות פינף צימערן פאַר דער דאָזיקער אַרבעט.

דער פּלאַן איז געווען: ביינאַכט וועט מען טעלעפאָנירן פון אַ געוויי־סער פּאָליציי־סטאַנציע (טעלעפאָנירן וועט אַ פּאָליציאַנט פון אונדזערע חברים) אין אַ שכנותדיקן מיליטערישן לאַגער. (דער דיזשורירנדיקער אָפיציר איז אויך געווען אַן אונדזעריקער) און ער וועט מעלדן, אַז צוויי זעלנער — דאָס זיינען געווען ש"י־חברים אין זעלנער אוניפאָרמען — זיינען געפונען געוואָרן פאַרוווּנדעטע אין אַ גרוב נעבן שאָסיי. דער אָפיציר וועט אַרויס־שיקן אַ מיליטער־אַמבולאַנס, אָדער וועט געבן באַגלייטער דעם אַמבולאַנס פון „מגן דוד אדום", כדי אַריבערצופירן די „פאַרוווּנדעטע" אין שפּיטאָל. ווען דער אַמבולאַנס וועט זיך דערנענטערן צום טויער פון אויסערלעכן פאַר־

קאַן, וואָס רינגלט אַרום דעם געשלאָסענעם שטח, וועלן „די פאַרוואונדעטע" זיך אַרויסגליטשן פון דער מאַשין און וועלן אַריינדרינגען אין לאַגער דורכן לאָך, וואָס וועט צוגעגרייט ווערן פריער.

און אָט זעכצן שעה פאַרן אָנהייב פון דער אַקציע מעלדעט אונדז אונ־דזער חבר דער אָפיציר, אַז ער קען נישט האַלטן זיין צוזאָג. די סכנה איז צו גרויס און קען קאָסטן מענטשן־לעבנס. טראָץ דעם אַלעמען האָט דער ש"י־קאָמאַנדיר באַשלאָסן דורכצופירן די אויפגאַבע. מ׳האָט נאָר געדאַרפט ענדערן דעם פּלאַן. און די ענדערונג איז געמאַכט געוואָרן ממש אין די לעצ־טע שעהן פאַר דער באַשטימטער צייט.

דאָס אַרויסבאַקומען די געהיימע דאָקומענטן

זעכצן ש"י־חברים מיט אַלע זייערע כלים און מכשירים זיינען פאַר־נאַכט אָנגעקומען אין דעם באַשטימטן קיבוץ. ביינאַכט — צו דער צייט, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט דזשאָן סמיטס, זיינען אַרויס צוויי בחורים אין זעלנער אוניפאָרמען (איינער פון זיי האָט געקענט די געגנט, ווייל ער האָט זי פריער געפאָרשט כדי צוצוגרייטן די צייכענונג) און זיינען אַוועק אין אַן אויטאָ צום געשלאָסענעם ראַיאָן. מיט דער הילף פון אַ דורכ־גאַנגס־שיין וואָס איז דורך ש"י פאַבריצירט געוואָרן, זיינען זיי אַריין אַי־נעווייניק און איבערגעלאָזן זייער אויטאָ אין אַ זייטיקן אָרט.

פאָרזיכטיק זיינען זיי צוגעגאַנגען צו דער דראָט־אָפּצוימונג פון „באַ־שיצטן הויז", וואָס אין זיין פראָנט איז געשטאַנען אַ פּאָסטן, זיינען אַרי־בער אויף דער צווייטער זייט פון הויז, האָבן פון דאָרטן אַרויסגענומען די שווערע טעקע און זי אַרויסגעפירט מחוץ דער אָפּצוימונג. זיי האָבן זיך צו־ריקגעקערט צו זייער מאַשין און פאַרלאָזן דאָס געביט דורך אַ צווייטן טויער.

ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין קיבוץ, האָט מען אָנגעהויבן פיבער־דיק אַרבעטן: מ׳האָט געדאַרפט די דאָקומענטן פאָטאָגראַפירן, אַנטוויקלען און קאָפּירן. די אַרבעט האָט מען פאַרענדיקט ערשט פאַרטאָג. צוויי אַנדערע בחורים האָבן זיך אומגעקערט צום „געשלאָסענעם ראַיאָן" מיט דער הילף פון ניי־פאַבריצירטע באַשייניקונגען און האָבן איבערגעגעבן די טעקע אין די הענט פון דזשאָן סמיטס. דאָס איז געשען צען מינוט איידער עס האָט זיך געענדיקט די צייט פון זיין דיזשורירונג. די בחורים האָבן דער־ציילט, אַז אונדזער פריינט איז געווען זייער צעטרודערט. און ס׳איז קיין וווּנ־דער נישט, ווען עס וואָלט געשען אַ דורכפאַל און מ׳וואָלט אים געפּאַקט, וואָלט דער רעזולטאַט דערפון געקענט זיין נאָר איינער: מיליטער־געריכט און טויט־אורטייל...

אויפן הויף פון קיבוץ, אויף שטריק אויף וועלכע מ׳הענגט אויס וועש, האָבן געפלאַטערט אין ווינט פינף הונדערט בויגנס פאָטאָ־פּאַפּיר, וועלכע

מ׳האָט אַרויסגעהאָנגען צום טריקענען... דאָס איז געווען אַ חוץ יענע הונ־דערטער קאָפּיעס פון די אָריגינעלע רשימות וועלכע זיינען איבערגעשריבן געוואָרן מיט דער האַנט דורך אַ גרופּע הגנה־חברטעס, וועלכע האָבן געקענט ענגליש.

מיר האָבן זיך נישט באַגנוגנט מיט דער טעקע רשימות אַליין. צוזאַ־מען מיט אַט דער טעקע האָבן מיר אַרויסגענומען פון אַן אייזערנער קאַסע אויך אַ גרויסן קאָנווערט, וואָס איז געווען אונטערגעשריבן מיט צוויי חתי־מות: פון דעם הויך־קאָמיסאַר און דעם הויפּט־סעקרעטאַר פון דער ארץ־ישראלדיקער רעגירונג. נאָר אָט די צוויי מענטשן אַליין האָבן געזען דעם אינהאַלט פון קאָנווערט! מיר האָבן די קאָנווערט געעפנט מיט באַזונדערע אינסטרומענטן, דער אינהאַלט איז אָפּפאָטאָגראַפירט געוואָרן און די קאָנ־ווערט איז פאַרחתמעט געוואָרן.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז געווען אַן איבעראַשונג פון דער ערשטער מדרגה. דאָס איז געווען אַ באַפעל וועגן אַ מיליטערישער אָפּעראַציע, וואָס האָט פאַרנומען פערצן דרוק־זייטן. אין באַפעל ווערן געגעבן אָנווייזונגען אויסצופירן רעוויזיעס און אַרעסטן איבערן גאַנצן לאַנד. אויף אַ ספּעציעלער מאַפּע זיינען געווען באַצייכנט די הייזער, ווו מען דאַרף דורכפירן שטרענ־גע רעוויזיעס און אַרעסטירן די הגנה־קאָמאַנדירן, וועלכע וווינען דאָרט. עס זיינען אויך באַצייכנט געוואָרן די ערטער פון די געווער־באַהעלטענישן אין אייניקע ישובים און עס זיינען געגעבן געוואָרן אָנווייזונגען דאָס געווער צו קאָנפיסקירן. אין אַ באַזונדערער ביילאַגע ווערט גערעדט וועגן די מאַ־גאַזינען פון געווער און אַמוניציע פון דער הגנה און דאָרט איז צווישן אַנ־דערן געזאָגט:

„די הגנה האָט זיך פאַרנומען מיטן אָנגרייטן געווער, אַנ־הייבנדיק פון יאָר 1940, פון יעדן מעגלעכן קוואַל. קענטיק אַז יעדער לאַנדווירטשאַפטלעכער ישוב האָט אַ געוויסע געווער־נאָרמע, אָבער פאַראַן נאָך גרעסערע מאַגאַזינען, וועלכע זיינען צעשפּרייט איבערן לאַנד. די פּלעצער פון אָט די גרויסע מאַגאַזינען זיינען קאָאָרדי־נירט מיט די ערטער, ווו ס׳געפינען זיך געווייגטלעך די פלמ״ח־אייגהייטן.

די גרויסע באַהעלטענישן וועלכע זיינען ווי געהעריק איינגע־בויט און באַזונדערס פאַרמאַסקירט, זיינען באַקאַנט נאָר אַ באַגרע־נעצטער צאָל איינוווינער פון יענע ישובים, ווו זיי געפינען זיך. די דאָזיקע באַהעלטענישן ווערן אָפּטמאָל געבויט צוליב זיכערקייט דורך מענטשן פון אַנדערע ישובים.

די הגנה איז גרייט אויפן פאַל אויב די מאַכט־אָרגאַנען זאָלן זיך באַנוצן מיט מאַגנעטישע מינעס־אַנטדעקער. אין געוויסע פאַלן האָט זי אויסבאַהאַלטן אין דער ערד שטיקער מעטאַל, כדי צו פאַר־טומלען די געווער־זוכערס.

> די קליינע און צייטווייליקע מאַגאַזינען ווערן אויסבאַהאַלטן אויף אַזעלכע אופנים: אונטער שטרוי אָדער היי; זיי ווערן באַגראָבן אונטער דער ערד; אין מילך־קאַנען וווהין מ׳קען אַריינשטעקן ביקסן; מינעס ווערן אויסבאַהאַלטן אין ביר־בלעכן. די גרעסערע מאַגאַזינען זיינען אַ סך בעסער איינגעריכט. דאָס זיינען על פּי רוב טיפע קעלערן, אויסגעגאָסענע פון בעטאָן, וואָס לאָזן נישט אַדורך וואַסער, אָדער זיי זיינען געבויט פון האָלץ, געדעקט מיט בליי, אָדער אויסגעשמירט מיט פעך און צוגעדעקט מיט שטרוי.
>
>ביידע מינים מאַגאַזינען קען מען אָפטמאָל אַנטדעקן עטלעכע הונדערט מעטער פון אַ ישוב, אין אַ פּרדס אָדער אונטער אַ אַנ־דער צודעק.
>
> מ׳דאַרף צוגעבן, אַז עס זיינען געווים פאַראַן געווער־מאַגאַזי־נען אויך אין תל־אביב, נאָר ס׳איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן גע־נוי זייערע ערטער".

אין דעם זעלביקן קאָנווערט האָבן מיר געפונען אַ בויגן דורכזיכטיק פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זיינען געווען אין פאַרשיידענע ערטער באַצייכנט קליינע פּינטעלעך. לכתחילה האָבן מיר נישט געוווסט צו וואָס האָט מען געדאַרפט אָט דעם גלאַטן בויגן פּאַפּיר ביילייגן צו וויכטיקע און באַזונדערס געהיימע דאָקומענטן. אָבער ווען מיר האָבן גענויער באַטראַכט דעם בויגן, האָבן מיר געפונען גאָר אונטן אַ צושריפט מיט קליינע אותיות: TA 1:10.000. עס איז לייכט געווען צו טרעפן, אַז דאָס איז אַ באַצייכענונג פון מאַסשטאַב. מ׳האָט געבראַכט אַ מאַפּע פון תל־אביב אין אָט דער גרויס. מ׳האָט אַוועקגעלייגט דעם דורכזיכטיקן בויגן אויף דער מאַפּע און מיר האָבן תיכף דערזען, אַז די קליינע פּינטעלעך — 28 זיינען זיי געווען — באַדעקן די הייזער פון אינסטיטוציעס און די וווינונגען פון הויכע הגנה־קאָמאַנדירן.

עס איז נישט שווער געווען צו מאַכן דעם אויספיר, אַז אָט דער גלאַטער בויגן איז אַ וועגווייזער פאַר רעוויזיעס און אַרעסטן. מיר האָבן דעם בויגן צוריק אַריינגעלייגט אין קאָנווערט צוזאַמען מיטן מאַטעריאַל, אָבער מיר האָבן פריער אָפּגעשריבן די באַצייכנטע פּונקטן, כדי מיר זאָלן קענען אָפּ־רייניקן באַצייטנס דעם שטח פון די געווער־באַהעלטענישן, וועלכע האָבן זיך געפונען אין יענע הייזער און אינסטיטוציעס.

נאָר אויף מאָרגן גאַנץ פרי, נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט פון דער לאַנ־גער נאַכט, האָבן מיר אָנגעהויבן צו באַנעמען ווי גרויס עס זיינען געווען די טראָפּייען, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט.

אפרים דקל

„קול ישראל" פאַרעפנטלעכט די אינטריגע

אין באַזונדערע פעקלעך האָבן מיר איבערגעפירט די אַלע פאַרכאַפּטע מאַטעריאַלן אין שטאַב פון דער הגנה. עס איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז אין אַלגעמיין איז דאָס מאַטעריאַל — אַ חוץ די פאַרשטענדלעכע פעלערן וואָס זיינען אין אים געווען — איז ריכטיק און פּינקטלעך. דער הגנה־שטאַב האָט תיכּף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו אַלע מענטשן, אינסטיטוציעס און ישובים, וועלכע זיינען דערמאָנט געוואָרן אין די דאָקומענטן. מ'האָט געמוזט וואָס שנעלער ענדערן אַלע יענע אויפגאַבעס און פּרטים, וועלכע זיינען באַקאַנט דער מאַכט, דורכן איבערבייטן די פּריוואַטע וווינונגען, די ערטער פון די אינסטיטוציעס און ביוראָען, מ'האָט געדאַרפט אַרויסגעבן נייע באַשייניקונגען, ענדערן די פּלעצער פון די געווער באַהעלטענישן, אויס־באַהאַלטן געווער־מאַגאַזינען און דאָקומענטן־זאַמלונגען. לויטן באַפעל האָבן די הויכע הגנה־קאָמאַנדירן אויפגעהערט צו נעכטיקן אין זייערע הייזער.

מ'האָט געדאַרפט וואָס שנעלער צוגרייטן קאָפּיעס פון די באַקומענע דאָקומענטן און זיי איבערפירן צו די הגנה־קאָמאַנדירן אין די דיסטריקטן. דער ועד הפועל פון דער אַרבעטער הסתדרות האָט געשטעלט צו אונדזער דיספּאָזיציע דעם גאַנצן פּערסאָנאַל פון זיינע מאַשין־שרייבערינס. ווי באַלד די פאָטאָקאָפּיעס זיינען געווען „נעגאַטיוו" האָבן מיר נעבן יעדער שרייב־מאַשין אַוועקגעשטעלט אַ שפּיגל, פון וואַנעט ס'האָט זיך געזען דער „פּאָזי־טיוו". און אַזוי האָבן די דאַקטילאָגראַפיסטינס אָפּגעקלאַפּט דעם טעקסט פונעם שפּיגל. אויף אַזאַ אופן האָבן זיי געאַרבעט גאַנצע זיבעצן שעה.

נאָך דעם ווי עס זיינען פאַרטיק געוואָרן די קאָפּיעס פון די דאָקומענטן, האָט דער הגנה־שטאַב באַשלאָסן צו ברענגען פאַר דער עפנטלעכקייט אַ קי־צור פון געהיימען באַפעל פון דער מאַכט.

דעם 15טן יוני 1946 האָט „קול ישראל" טראַנסמיטירט אַ געהעריקע אודיציע, אַט זיינען פראַגמענטן פון איר:

„איר הערט אַ וויכטיקע מעלדונג פון דער יידישער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג. אין די הענט פון אונדזער שטאַב איז אַריינגע־פאַלן אַן אַבסאָלוט־געהיימער מיליטערישער דאָקומענט, וואָס אַנטהאַלט דעם פּלאַן פון די מאַכט־אָרגאַנען צו ליקווידירן דעם יידישן שוץ און צו אונטערדריקן דעם יידישן ישוב, ווי אויך אויס־פיר־באַפעלן, וואָס זיינען אַדרעסירט צו די מיליטער־איינהייטן, וואָס געפינען זיך אין לאַנד, און צו דער פּאָליציי, אַלץ הילפס־כוח פון מיליטער. דער דאָקומענט אַנטדעקט די פינצטערע אינטריגע, וואָס ווערט געוועבט דורך די הויכע מאַכט־אָרגאַנען, וועלכע האָבן צוגעגרייט אַ ברייטן פאַנגריף אויפן יידישן ישוב און אויף זיינע אינסטיטוציעס, אויף זיינע שטעט, קאָלאָניעס און דערפער, אויף זיינע פּערזענלעכקייטן און חלוצים.

די יידישע ווידערשטאַנד־באַוועגונג האָט באַשלאָסן צו ברענגען דעם אינהאַלט פון דעם שענדלעכן דאָקומענט פאַר דער יידישער עפנטלעכקייט, פאַר דער עפנטלעכער מיינונג פון דער וועלט. מחמת טעכנישע טעמים ברענגען מיר דערווייל בקיצור די וויכטיקסטע ערטער פונעם דאָקומענט.

אין דער אויפקלערונג צום אָפעראַציע־באַפעל ווערט געזאָגט: „אויב די לאַגע אין ארץ ישראל וועט זיך פאַרערגערן אויף אַן ערנסטן אופן, אָדער עס וועלן זיך אַרויסווייזן סימנים דערפון, דאַרפן די מיליטער־כוחות מיט דער הילף פון דער פאָליציי נעמען די איניציאַטיוו אין זייערע הענט". דער ציל פון דער אַקציע ווערט דעפינירט אין דריי זאַכן: אָנגרייפן, צעברעכן, און אַנטוואָפענען די באַוואָפנטע כוחות פון יידן. דער פאַרנעם פון דער אַקציע, וואָס איז אַרויפגעלייגט אויף די מיליטער־קאָמאַנדירן צוזאַמען מיט די פאָליציי־אינספעקטאָרן, דריקט זיך אויס אין די ווייטערדיקע פאַראַגראַפן:

א. אַרעסטירן מענטשן פון די פאַרשיידענע שליסל־פּאָזיציעס אין דער הגנה, אין פלמ"ח און אין ישוב בכלל;

ב. אָפּנעמען דאָס געווער פון אַלע מענטשן, וועלכע האַלטן געווער אומגעזעצלעך;

ג. דורכפירן רעוויזיעס און קאָנפיסקירן דאָס אומלעגאַלע געווער;

ד. אַרעסטירן אַ געוויסע צאָל מיליציאַנטן און די געשווירענע פונקציאָנערן פון דער פאָליציי אין די יידישע ישובים.

אינעם באַפעל גופא ווערן אָנגעגעבן סימנים און לאָזונגען, וואָס לויט זיי דאַרף מען אָנהייבן די אַקציע און דורכפירן יעדן עטאַפּ פון דער קאַמפּס־אָפּעראַציע. יעדע דיוויזיע און בריגאַדע פאַרמאָגט איר לאָזונג. אַלע געהיימע לאָזונגען זיינען אונדז באַקאַנט. גלייך, ווי ס׳ווערט געגעבן די לאָזונג אָנצוהייבן די אַקציע, קענען די מילטער־קאָמאַנדירן פון די פאַרשיידענע דיסטריקטן דערקלערן אַן אויסגאַנג־פאַרבאָט כדי דורכצופירן די אָפּעראַציעס. צו דער דיספּאָזיציע פון די קאָמאַנדירן וועלן דאַן געשטעלט ווערן אַ חוץ דער באַוועגלעכער, מיט פאַנצערס באַוואָפנטע אינפאַנטעריע, אויך איינהייטן פון אַרטילעריע און לופט־פלאָט. די האַרמאַטן און עראָפּלאַנען זיינען באַשטימט צו באָמבאַרדירן די יידישע ישובים אין פאַל פון אַ ווידערשטאַנד. די עראָפּלאַנען האָבן נאָך אַ פונקציע: באַלייכטן פון אויבן די שטעט ביינאַכט, כדי דורכצופירן די אַקציע.

דער באַפעל רעכנט אויס די נעמען פון 42 יידישע ישובים,

אין וועלכע ס׳געפינען זיך די הגנה־צענטערן און די פלמ״ח־באַזעס. — — —

דער באַפעל אַנטהאַלט אויך אַנווייזונגען וועגן מאַסן־אַרעסטן. עס איז בייגעלייגט אַ רשימה פון טויזנטער נעמען און אַדרעסן פון די אָנפירער פון ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. געזעלשאַפטלעכע טוער פון אַלע קרייזן, באַאַמטע פון די יידישע אינסטיטוציעס און פיל הונדערטער פון דער חלוצישער יוגנט. לויט דער שפּראַך פון באַפעל איז דאָס די שוואַרצע רשימה פון יידישן ישוב — — —

קלאָר, אַז די שוואַרצע רשימה פון די קאַנדידאַטן אויף אַרעסט און פאַרטרייבונג איז באַשטימט נישט נאָר כדי צו ליקווידירן די הגנה, נאָר כדי צו ליקווידירן אויך די גאַנצע אָנפירערשאַפט אין ישוב.

צו אַט דעם ליקווידאַציע־באַפעל איז בייגעלייגט אַ ראַפּאָרט וועגן דעם כוח פון דער הגנה. דער דאָזיקער ראַפּאָרט באַווייזט, אַז די מאַכט־אָרגאַנען ווייסן דעם מאָראַלישן כוח פון דער הגנה און דעם שטאַרקן גייסט פון ווידערשטאַנד, וועלכן יידן וועלן אַנטפּלעקן קעגן דער אויספירונג פון אַט דעם ליקווידאַציע־פּלאַן!

זאָל די וועלט וויסן, אַז מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן. מיר וועלן קעמפן!״

דער בריטישער געהיים־דינסט איז ממש אַרויס פון די כלים. ער האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי זיינען דאָקומענטן אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. זי האָט געוואָרפן די שולד אויף דער אַרמיי, און די לעצטע האָט באַשולדיקט די פּאָליציי, אין וועמענס פעאיקייטן זי האָט שוין לאַנג געצווייפלט. אַ מוראַשקעס־אַרבעט פון צענדליקער יאָרן — די קאָנצענטראַציע פון נעמען און אַדרעסן, די צונויפזאַמלונג פון ידיעות און מאַפּעס וועגן געווער־באַהעלטענישן און מיליטערישע איבונגען, וועגן די ביוראָען און שטאַבן פון דער הגנה און פלמ״ח — דאָס אַלץ איז געגאַנגען אין ניוועץ. אַ לעבנס־ווערק פון בריטישן געהיים־דינסט אין ארץ־ישראל איז זיך צעפאַלן ווי אַ קאַרטן־הייזל.

„דאָס איז איינער פון די שווערסטע קלעפּ דורך וועלכע ס׳איז געשלאָגן געוואָרן דער בריטישער רעזשים זינט זיין הערשאַפט אין דאָזיקן לאַנד, און ס׳איז אַ צווייפל צי ער וועט קענען קומען צו זיך נאָך דעם אַלעמען״, — האָט אונדז געזאָגט אַ בריטישער אָפיציר: „קעגן שלימזלדיקע אָרגאַניזאַציעס קען מען נאָך קעמפן, אָבער נישט קעגן דער הגנה, וואָס ווערט געשטיצט דורכן גאַנצן פאָלק. אויב איר האָט געקענט אַרויסבאַקומען אַט אַ די אינפאָרמאַציע, דאַרף די מאַכט ציען דערפון די געהעריקע קאָנסעקווענצן.

וואָס איז געווען אין די דאָקומענטן?

לאָמיר דאָ ציטירן אייניקע פראַגמענטן פונעם רייכן מאַטעריאַל, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אין יענער נאַכט.

פון אויבן אין דעם דאָקומענט איז געווען געשריבן און אונטערגעשטראָכן: „ב אַ ז ו נ ד ע ר ס ג ע ה י י ם!". דערנאָך ווערט געבראַכט אַ גענויע שילדערונג פון דער הגנה־אָרגאַניזאַציע — אַ שילדערונג וואָס האָט על פי רוב געשטימט מיט דערווירקלעכקייט

הגנה און פּלמ"ח

אין אַלגעמיין:

דאָס אומלעגאַלע יידישע מיליטער, וואָס הייסט הגנה, איז אַ בירגער־אַרמיי, וואָס איז ענלעך צום בריטישן „פּאַטערלאַנד־וואַך". — — —

די הגנה נעמט אַרום:

א. דעם סטאַבילן הגנה־כּוח, וואָס באַשטייט פון ערד־אַרבעטער און פון יידישע שטאָט־מענטשן. זייער צאָל דערגרייכט אומגעפער ביז 40 טויזנט.

ב. פעלד־אַרמיי וואָס איז באַזירט אויף דער מיליץ פון די יידישע ישובים צוליב שוץ־צוועקן, פאַר אַ קאָנטער־אַנגריף אאַז"וו. זייער צאָל איז אומגעפער 16 טויזנט.

ג. פּלמ"ח — דאָס איז אַ ספּעציעלער באַוועגלעכער כּוח, וואָס זיין מיליטערישע אויסשולונג איז העכער ווי פון די אַלע אַנדערע.

אַ רעזערוו פאַר שלום־צייטן — 1500 מאַן.

אַ רעזערוו אין מלחמה־צייט — 6000 מאַן.

דאָס אַלץ צוזאַמען גיט פאַראַן דינסט אויף דער ערשטער ליניע אַרום 60 טויזנט מאַן. מ'שאַצט אָפּ, אַז הינטער דעם דאָזיקן כּוח איז נאָך פאַראַן אַ רעזערוו־אַרמיי פון אַ פערציק טויזנט. איז פאַל פון אַ האַרבער געפאַר וועט יעדער פיזיש־קרעפטיקער ייד אין ארץ־ישראל — סיי מאַן און סיי פרוי — מאָביליזירט ווערן. פרויען דינען אין אַלע צווייגן, אין אייניקע פּלמ"ח־איינהייטן באַטרעפן פרויען 35 פּראָצענט.

קאָמאַנדע:

די קאָמאַנדע איבערן גאַנצן מיליטער ווערט אויסגעפירט דורכן גענעראַל־שטאַב אין תל־אביב. פּלמ"ח האָט אַ באַזונדערן שטאַב וואָס פירט אָן דירעקט מיט זיינע פיר איינהייטן, אומאָפּ־

הענגיק פון אָרט ווו זיי געפינען זיך. ס׳טרעפט, אַז געוויסע איינ־הייטן פון פלמ״ח פאַלן אַרונטער דער דיסטריקט־קאָמאַנדע פון דער הגנה, כדי אויסצופירן געוויסע אָפּעראַציעס.

געווער:

— פאַראַן גענוג געווער כדי צו באַוואָפענען יעדן קעמפנדיקן חבר (ביקס, אויטאָמאַט אָדער רעוואָלווער).

— פאַראַן היפּשע קוואַנטומס אַנטי־טאַנקן מינעס און מאַלאַ־טאָוו־פלעשער. פאַראַן וואַרשיינלעך אויך פייער־וואַרפערס פון היימי־שער פּראָדוקציע.

— פאַראַן היפּשע קוואַנטומס אַנדערע מינים געווער, ווי קוילן־וואַרפערס, באָמבעס און אויטאָמאַטן, וועלכע ווערן פאַבריצירט גע־היים אין לאָקאַלע פאַבריקן.

— גוט־אויסבאַהאַלטענע געווער־מאַגאַזינען געפינען זיך כמעט אין יעדן לאַנדווירטשאַפטלעכן ישוב און אין די גרויסע שטעט. אויף זיכער ווייסט מען נישט דעם גענויען פּלאַץ פון קיינעם פון זיי.

פאַרבינדונג:

— פאַראַן אַ צוועקמעסיקע סיסטעם פון פאַרבינדונג צווישן פונקט און פונקט. מ׳באַנוצט זיך מיט ליכט־סיגנאַלן, העליאָגראַפן און פאָנען.

— מ׳באַנוצט זיך מיט ראַדיאָ פאַר אָפּעראַטיווע צוועקן.

— פאַראַן אַ געוויסע צאָל נעסטן מיט פּאָסט־טויבן, כדי איינצו־האַלטן די פאַרבינדונג אויף ווייטע שטרעקעס.

— ס׳איז אַנטוויקלט געוואָרן אַ פאַרפולקאָמטע סיסטעם פון פאַרבינדלער. פאַראַן אַ ספּעציעלער קאָרפּוס פון קינדער — אויסגע־איבטע אין פעלד־באַדינגונגען — אויף אַריבערצופירן אינפאָרמאַ־ציע. מ׳באַנוצט זיך אויך מיט פרויען אויף איבערצוגעבן ידיעות אויף ווייטע שטרעקעס. זיי פאָרן אין די טעקסיס אָדער אויטאָבוסן.

טראַנספּאָרט:

— אומגעפער הונדערט אויטאָס אַרבעטן טאָג־טעגלעך פאַר די באַדערפעניש פון שטאָב אויף טראַנספּאָרט אאַז״וו.

— מ׳באַנוצט זיך זייער ברייט מיטן עקזיסטירנדיקן טראַנס־פּאָרט — מיט דעם ציווילן ווי אויך מיט דעם פּאָליציייִשן: טענ־דערס פון דער מיליץ אין די יידישע ישובים, לאַסט־אויטאָס פון „סולל בונה״, אויטאָס פון די קיבוצים און מושבים, אויטאָבוסן פון „אגד״ אאַז״וו.

איבונגען:

— זיי זיינען זייער גרונטיקע.

— פאַראַן רעגולערע קורסן פאַר די מענטשן־קאַדרען, וועלכע זיינען אויסגערעכנט אויף העכער פון אַ חודש. פאַראַן קורסן פאַר קאָמאַנדירן פון כלערליי מיליטער־איינהייטן.

— פיל אַכט ווערט געלייגט באַזונדערס אויף איבונגען אין באַוועגונגען איבערן פעלד, ווייל עס איז אָנגענומען, אַז מ'וועט נישט דערלויבן צו באַוועגן זיך איבער די שאָסייען.

אינפאָרמאַציע־דינסט:

— די אינפאָרמאַציע און זיכערקייט־דינסט איז גוט אָרגאַניזירט; איר אַרבעט שטייט אויף אַ הויכן ניוואָ.

די אינפאָרמאַציע פון דער „הגנה" וועגן דער דיסלאָקאַציע פון בריטישן מיליטער און וועגן זיינע באַוועגונגען איז ריכטיק.

— ס'רוב יידישע פּאָליציאַנטן פון די נידעריקע ראַנגן זיינען הגנה־מענטשן. אַ טייל פון זייער אינפאָרמאַציע באַקומען זיי פון דאָזיקן קוואַל.

— די זיכערקייט־דינסט פון דער הגנה שטייט אויף אַן אויסערגעוויינלעכער שטופע. אַ גאַנץ קנאַפּע אינפאָרמאַציע קען מען אַמאָל אַרויסבאַקומען פון די אַרעסטירטע.

***

ווייטער קומט אַ גענויע שילדערונג פון דער קאָנסטרוקציע פון פלמ"ח. דאָרט ווערט איבערגעחזרט על פי רוב דאָס, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן וועגן דער הגנה בכלל. אינטערעסאַנט איז די כאַראַקטעריסטיק פון קאַמפּסגייסט, וואָס הערשט אין פלמ"ח:

„פאַראַן אַ גרונט אָנצונעמען, אַז די מאָראַל פון פלמ"ח בשעת אַן אָפּעראַציע וועט זיין אויף אַ הויכער שטופע, על כל פנים אין די ערשטע עטאַפּן.

אין שלום־צייטן פאַרשאַפט די נייגונג פון פלמ"ח צו עקסטרעמע אַקציעס אָפט מאָל אומאַנגענעמלעכקייטן די מער מעסיקע עלעמענטן אין גענעראַל־שטאַב. אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן זיך געמערקט סימנים דערפון, אַז אַ טייל פלמ"ח־חברים האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס. על כל פנים צום מאָמענט זיינען פאַראַן באַווייזן אַז די טעראָריסטישע אָרגאַניזאַציעס קאָאָרדינירן זייער טעטיקייט מיטן פלמ"ח.

***

אַחוץ די איינצלהייטן, וואָס מיר האָבן דאָ געבראַכט, זיינען אין דעם דאָקומענט געווען אינסטרוקציעס, וועלכע באַצייכענען גענוי די פלמ"ח־באַזעס און די הגנה־ביוראָען אין תל־אביב.

ווי געזאָגט, איז דאָס געווען אַ פולער אוצר פון אינפאָרמאַציע, אָבער וואָס האָט פאַרלוירן אינגאַנצן איר ווערט פאַר אונדזערע שונאים, ווי נאָר זי איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט און האָט אונדז דערמעגלעכט זיך צו־צוגרייטן און אויסצומיידן פיל קלעפּ, וואָס די מאַכט האָט געפּלאַנעוועט קעגן אונדז.

ווידער העלפט אונדז אַ בריטישער פריינט

אין אַ חודש אַרום נאָך דעם, ווי מיר האָבן אַנטדעקט און פאַרעפנט־לעכט דעם באַפעל וועגן אַ מיליטערישער אָפּעראַציע אויף צו זוכן געווער און דורכצופירן מאַסן־אַרעסטן, אין אַ צייט, ווען יעדער ענגלענדער פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָט אונדז געשיינט צו זיין אַ שונא, וואָס זוכט אונדז אונטערצוגראָבן — האָט דער צופאַל אונדז ווידער געגעבן איינעם פון די חסידי אומות העולם אין דער געשטאַלט פון אַ הויכן בריטישן אָפיציר.

אין איינעם פון די לאַנדווירטשאַפטלעכע פונקטן, שפּעט ביינאַכט, האָט מען באַמערקט ווי אַ בריטישער אָפיציר דרייט זיך עפּעס אַרום אין דער סביבה. דער מיליציאַנט האָט אים פאַרהאַלטן און דער ענגלענדער האָט זיך אַליין אָנגערופן מיטן נאָמען גאַרדאָן. ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים תיכף ברענגען פאַרן אָרטיקן הגנה־קאָמאַנדיר, אָדער פאַרן מוכתר (דאָרף־עלטס־טער), פאַר די ביידע וועלכע קענען ענגליש.

„איך בין אַ פריינט פון יידישן פאָלק" — האָט דער ענגלענדער דער־קלערט דעם סערזשאַנט פון דער מיליץ אין דאָזיקן מושב, נאָך דעם ווי ער איז געבליבן מיט אים אויג אויף אויג, לויט זיין אייגענער בקשה — „איך קען פערזענלעך דעם לייטער פון ש"י אין תל־אביב. איך בין נישט איין מאָל געקומען צו אים וועגן וויכטיקע ענינים פאַרן יידישן ישוב. איך וויל אייך וואָרענען פאַר אַ גרויסן אומגליק, וואָס קען פאַסירן נאָך היינטיקע נאַכט. אין עטלעכע שעה אַרום וועט דאָס בריטישע מיליטער אַרומרינגלען שטעט און לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים און וועט פאַרטאָג אָנהייבן דורכצופירן ברייטע רעוויזיעס און אַרעסטן אין אַ פיל גרעסערן מאַסשטאַב, ווי ווען עס איז. צוערשט וועלן אַרעסטירט ווערן די הויכע הגנה־קאָמאַנדירן. די באַפעלן זיינען זייער שטרענג. די רעוויזיעס וועלן זיין אכזריותדיקע. מ׳וועט זיך מיט קיין זאַך נישט רעכענען".

און דער אָפיציר האָט צוגעגעבן:

„מעגלעך, אַז מיט מיין דאָזיקער טאַט באַגיי איך אַ פאַראַט לגבי מיין אָפיציעלן אַמט. אָבער מיין געוויסן זאָגט מיר, אַז מיטן דעמאָנסטרירן מיין סימפּאַטיע פאַרן אור־אַלטן יידישן פאָלק נעם איך אַראָפּ אין אַ געוויסער מאָס די חרפה פון בריטישן פאָלק. די מעשים פון דעם קאָלאָניאַלן מאַנדאַ־טאָרישן רעזשים דערנידעריקן דעם כבוד פון מיין פאָלק און באַפלעקן זיין באַרימטע ריטערלעכקייט.

ער האָט אָנגערופן אייניקע נעמען פון די הגנה־קאָמאַנדירן, וועלכע ער האָט געדענקט: זיי זיינען געווען באַשטימט אַרעסטירט צו ווערן. ער האָט געבעטן איבערגעבן זיינע רייד דעם ש״י־קאָמאַנדיר אין תל־אביב, וואָס זיין נאָמען ווייסט ער נישט, אָבער ער האָט גענוי געשילדערט ווי אַזוי יענער זעט אויס. בנוגע דעם עצם־ענין צוליב וועלכן ער איז געקומען, זיך גע־שטעלט אין געפאַר און איז געגאַנגען צופוס זייער וויט — האָט ער גע־זאָגט:

„עס זיינען אייך פאַרבליבן עטלעכע שעה אויפצוקלערן צי די ידיעה, וועלכע איך האָב איבערגעגעבן איז ריכטיק. דערנאָך וועט איר זיך אַליין אי־בערצייגן, אַז איך זאָג אייך דעם אמת".

דער הגנה־קאָמאַנדיר איז געווען איבעראַשט. אויף אַ מאָמענט האָט זיך ביי אים דערוועקט אַ חשד, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע אָדער אַ פּאַסטקע מצד דעם געהיים־דינסט. און פונדעסטוועגן, אפשר דאָך? האָט זיך אָנגע־הויבן אַ פיבערדיקע אַרבעט...

ביים ש״י־קאָמאַנדיר אין תל־אביב האָט זיך צעקלונגען דער טעלע־פאָן: „האַלאָ, דאָ רעדט דער מושב... איינער פון אונדזערע קינדער איז גע־פערלעך קראַנק און מ׳מוז אים אַריבערפירן אין שטאָט פאַר יעדן פּרייז". דער ווונק איז פאַרשטאַנען געוואָרן. פּרטים פרעגן טאָר מען נישט, ווייל דער בריטישער געהיים־דינסט הערט אונטער די טעלעפאָן־געשפרעכן פון די הגנה־ און ש״י־אָנפירער. ס׳איז אַרויסגערופן געוואָרן אַן אַמבולאַנס און דער שאָפער האָט באַקומען אַ באַפעל תיכף אָפּצופאָרן אין יענעם מושב און זיך אומקערן וואָס גיכער מיטן „קראַנקן קינד" — נישט געקוקט אויפן אַרויס־גאַנג־פאַרבאָט, וואָס האָט געהערשט אויף די וועגן אין די נאַכט־שעהן אין אויף דער סכנה, וואָס עס שטעקט אין אַזאַ נסיעה אָן פּאָליציי־באַגלייטונג.

— פאָפּאַ, צי דאַרף מען שוין זיין בלאָס? — האָט געפרעגט דאָס קינד חגיתאי אליגון, אין עלטער פון אַכט יאָר, ווען מ׳האָט אים אָנגעקגעלייגט אויפן טראָגבעטל, אַן איבערגעבונדענעם און אַ באַדעקטן מיט ליילעכער. אויך דער קליינער „חולה" האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָ געשעט עפּעס געהיימעס און אַז ער איז דערין אַ שותף. אין אַמבולאַנס האָבן זיך געפונען אויך באַרמ־הארציקע שוועסטער און סאַניטאַרן. דער סאַניטאַר איז געווען דער הגנה־מענטש מיט וועמען דער בריטישער אָפיציר האָט געהאַט גערעדט. אין 20 מינוט אַרום איז די מאַשין אָנגעקומען אויפן באַשטימטן אָרט אין תל־אביב, און דער „סאַניטאַר" האָט איבערגעגעבן די ידיעה, וואָס ער האָט געהערט פון אָפיציר.

די דאָזיקע ידיעה האָט זיך צונויפגעפּאַסט מיט אַנדערע ידיעות, וועל־כע מ׳האָט באַקומען פון פאַרשיידענע קוועלן: וועגן גרויסע מיליטערישע לאַ־גערן וואָס זיינען אויסגעליידיקט געוואָרן און וועגן זייערע זעלנער, וואָס גע־פינען זיך אויף מאַנעוורעס; וועגן פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן און פאַרדעכטי־קע מיליטער־באַוועגונגען איבער די פעלדער. פון איין אינפאָרמאַציע־קוואַל

איז איבערגעגעבן געוואָרן, אַז אַלע יידן מיטאַרבעטער פון געהיים־דינסט זיינען פאַרנאַכט באַפרייט געוואָרן און נאָר די בריטישע פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון זיינען אויפגעפּאָדערט געוואָרן צו דערשיינען נאָך האַלבער נאַכט כדי אַרויסצוגיין אויף אַ דרינגענדיקער אַקציע, וואָס וועט געדויערן אַ פּאָר טעג.

אין דער זעלביקער נאַכט איז באַקאַנט געוואָרן, אַז איינער פון די בריטישע דעטעקטיוון האָט באַקומען עפּעס אַ טעקע מיט פאַרשיידענע רשימות. די דאָזיקע ידיעה האָט דערגאַנצט דאָס בילד און האָט פאַרשטאַרקט די השערה, אַז אין דער היינטיקער נאַכט וועט דורכגעפירט ווערן די גרויסע יאגד, וואָס באַדראָט דעם ישוב שוין עטלעכע וואָכן.

די ידיעה איז איבערגעגעבן געוואָרן תיכף צום הויפּט־שטאַב פון דער הגנה. די ש״י־מענטשן וועלכע זיינען געווען באַזונדערס געשפּאַנט אין די דאָזיקע טעג, האָבן גענוי אויסגערעכנט דערפון, אַז די ידיעה זאָל דערגרייכן צו די קאָמאַנדירן און הגנה־חברים, וואָס זייערע נעמען זיינען באַקאַנט דעם געהיים־דינסט. ס׳איז זיי געגעבן געוואָרן אַ באַפעל: תיכף פאַרשווינדן און נעבטיקן מחוץ דער היים! יעדער פון זיי האָט געמוזט דורכפירן אַ האַרבן „ביעור חמץ״ ביי זיך און אויסרייניקן די שטוב פון כלערליי כלים, דאָקומענטן, רשימות און צעטלעך, וועלכע קענען אַריינפאַלן אין די הענט פון די אומגעבעטענע געסט, וועלכע וועלן קומען אויספירן די רעוויזיעס.

דער באַפעל איז דורכגעפירט געוואָרן אָן שום אָפּלייגענישן איבערן גאַנצן לאַנד: וויכטיקע דאָקומענטן זיינען פאַרשטעקט געוואָרן אין די באַהעלטעָנישן, וועלכע זיינען געווען צוגעגרייט באַצייטנס און די פאַרדעכטיקע הגנה־חברים זיינען נעלם געוואָרן.

דער באַפעל פון הגנה־שטאַב איז געווען: נישט העלפן בשעת די רעוויזיעס, אָבער אויך נישט אַרויסווייזן קיין ווידערשטאַנד דאָרט ווו די רעוויזיע ווערט דורכגעפירט.

פיר אַזייגער פאַרטאָג האָט אַ גרויסער מיליטערישער כוח אַרומגערינגלט פיל יידישע ישובים און די צענטראַלע שטעט. לויט אַ פּאַרזיכטיקער אָפּשאַצונג האָבן זיך באַטייליקט אין אָט דער מיליטערישער אָפּעראַציע איבער 100 טויזנט זעלנער און 15 טויזנט פּאָליציאַנטן, איינשליסנדיק זייערע קאָמפּס־אָפּטיילונגען. עס האָבן מיט זיי אָנגעפירט הונדערטער בריטישע און אַראַבישע דעטעקטיוון. די יידישע פּאָליציאַנטן האָט מען נישט אינפאָרמירט וועגן דער אָפּעראַציע, און קיינער פון זיי איז נישט באַטייליקט געוואָרן אין איר.

די מאַסן־רעוויזיעס האָבן זיך אָנגעהויבן. די זעלנער און פּאָליציאַנטן האָבן זיך אויפגעפירט זייער גראָב און שענדלעך לגבי מענטשן און זייער פאַרמעגן: מ׳האָט אויפגעבראָכן טירן, ווענט און אייזערנע קאַסעס; מ׳האָט צעבראָכן מעבל און צעריסן טעקעס און פּאַפּירן — די רעשטלעך און די

שערבלעך זיינען צעוואָרפן געוואָרן איבער די הייזער און די גאַסן. הכלל די רעוויזיעס האָבן געהאַט אַן אָפענעם פּאָגראָם־כאַראַקטער.

איבער טויזנט מאַן וועלכע זיינען געווען פאַרדעכטיקט אין דער אַנגעהעריקייט צו דער הגנה, זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אָבער די הויכע הגנה־קאָמאַנדירן וואָס זייערע נעמען האָבן פיגורירט אין די געהיימע דאָקומענטן פון דער פּאָליציי, האָבן זיך אויסבאַהאַלטן. מ'האָט זייער ענערגיש זיי געזוכט, אָבער מ'האָט זיי נישט געקענט געפינען. אויס נקמה דערפאַר האָט מען אַרעסטירט אין זייערע וווינונגען אַלע מענער, וועלכע מ'האָט אָפּגעפירט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין ראַפיאַח.

אין הויז ווו עס האָט געוווינט דער ש"י־קאָמאַנדיר (ער אַליין איז נעלם געוואָרן עטלעכע שעה פאַר דער רעוויזיע און נאָך אַ שטרענגן „ביעור חמץ" זיינען אַרעסטירט געוואָרן דרייסיק מענער. מ'האָט זיי אָפּגעפירט אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון לאַטרון. אַזוי איז געשען אויך אין די הייזער פון אַנדערע הגנה־קאָמאַנדירן, וועלכע זיינען „צופעליק" נישט געקומען אין יענער נאַכט אַהיים. יענע הגנה־אַקטיוויסטן, וועלכע זיינען אַרעסטירט געוואָרן האָבן זיך לעגיטימירט מיט דער הילף פון „געאָרדנטע" פּאַספּאָרטן, וועלכע זיי האָבן באַצייטנס צוגעגרייט, און זיי זיינען אַרויס ריין. אָבער די אָנפירער פון דער יידישער אַגענץ האָבן געוואָלט בעסער אַרעסטירט ווערן און נישט זיך אויסצובאַהאַלטן. האָט מען זיי געבראַכט, צוזאַמען מיט די אָנפירער פון ועד הלאומי אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פון לאַטרון.

די אויפפירונג פון די אַרעסטירטע, וואָס זייער צאָל האָט דערגרייכט ביז 800 מאַן, איז געווען טאַדעללאָז: זיי האָבן זיך שטאָלץ געהאַלטן בשעת זייער אַרעסט און דאָס האָט דערמוטיקט דעם גאַנצן ישוב.

זוכנדיק די געווער־באַהעלטענישן אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים האָבן די דעטעקטיוון זיך באַנוצט מיט מאָדערנע עלעקטריש־מאַגנעטישע אַנטדעקונגס־אינסטרומענטן, אָבער זיי זיינען געווען ביטער אַנטוישט.

לויט אַ „געהיימען אָפּמאַך" צווישן דעם ש"י־קאָמאַנדיר און די קאָמאַנדירן פון אייניקע ישובים זיינען דאָ און דאָרט פאַרשטעקט געוואָרן שטיקער אייזן, כדי אַריינצופירן אין אַ טעות די מאַגנעטישע אינסטרומענטן. דאָס האָט אַרויסגעבראַכט די מאַכט־פאַרשטייער פון די כלים. זיי האָבן געפּטרט שעהן אויף אָפּצורייניקן די פּלעצער פון אייזן־ברוכוואַרג, וואָס באַטרעפן קיין שום ווערט נישט.

די רעוויזיע וואָס האָט געקאָסט דער מאַכט אַזעלכע גרויסע אָנשטרענגונגען און פיל הוצאות האָט איר נישט רייך געמאַכט מיט פיל געווער פון דער הגנה. עפּעס דערפון האָט מען יאָ געפונען, אָבער די פאַרמאַסקירטע בירראָען די מיליטערישע פאַבריקאַציע און די דעצידירנדיקע מערהייט פון די געווער־מאַגאַזינען זיינען געבליבן אויסבאַהאַלטן.

דער דאָזיקער דורכפאַל האָט אַראָפּגעזעצט דעם פּרעסטיזש פון דער מאַנדאַט־מאַכט און האָט צו דער גלייכער צייט געקרעפטיקט די יידישע ווי־

דערשטאַנד־באַוועגונג. די פּרעסע, די אויסלענדישע און די אַרטיקעל, און בעיקר די אומלעגאַלע פּובליקאַציעס פון דער הגנה האָבן ברייט פאַרעפנט־לעכט די מעשה מיט דער דורכגעפאַלענער אָפּעראַציע.

— מיין נאָמען איז נישט גאָרדאָן און איך בין נישט קיין ייד, מיין נאָ־מען איז... די גערעכטיקייט וועט זיגן. שלום! (דאָס לעצטע וואָרט איז גע־זאָגט געוואָרן אין העברעאיש) — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט זיך געזעגנט דער בריטישער אָפיציר, דער פּריינט פון ש״י, מיט די יידישע מיליציאַנטן אין זיין שטאַב, וואָס איז געווען באַוואַכט דורך זעלנער. זינט דאַן איז ער פאַרשוואונדן און מיר האָבן אים מער נישט געזען.

מאַנדאַט־מאַכט טרומייטערט וועגן „דערפאָלג״

דער גענעראַל־שטאַב פון בריטישן מיליטער אין מיטעלן מזרח האָט אַרויסגעגעבן דעם 5טן יולי 1946 אַן „איבערבליק פון מיליטערישן אינטע־ליזשענס״ אין וועלכן עס ווערט געגעבן פון זייער שטאַנדפּונקט אַ גענויע שילדערונג פון די געשעענישן, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשפּילט אין ארץ יש־ראל דעם 29סטן יוני. די אויטאָרן פונעם איבערבליק ווילן באַרעכטיקן די מיליטערישע אָפּעראַציע און טרייבן איבער די דערפאָלגן, וואָס זיינען דער־מיט כלומרשט דערגרייכט געוואָרן.

דער איבערבליק, וואָס איז געווען באַשטימט נאָר פאַר די העכערע פונק־ציאָנאַרן פון דער מאַנדאַט־מאַכט און פאַר די מיליטערישע קאָמאַנדירן, איז גאָר שנעל אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ש״י, באַלד נאָך זיין דערשיינען. מיר האָבן אין אים געפונען אַ באַשטעטיקונג פון די ידיעות, וועלכע זיינען געווען אונדז באַקאַנט נאָך פריער, נאָר וועלכע די מאַכט האָט ביי יעדער געלעגנהייט זיי אָפּגעלייקנט: די מאַכט האָט געטענהט אַז די רעוויזיעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן נאָר קעגן די „טעראָריסטן״. אָבער דער איבער־בליק האָט בפירוש באַשטעטיקט, אַז די אַקציע איז געווען געווענדעט קעגן דער הגנה, דעם פּלמ״ח און דער אָנפירערשאַפט פון יידישן ישוב.

אָט זיינען טשעקאַווע פראַגמענטן פון אָט דעם איבערבליק:

> „די אָפּעראַציעס, וואָס זיינען אין אָט דער וואָך אויסגעפירט געוואָרן דורכן בריטישן מיליטער קעגן דער יידישער אַגענץ און די אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציעס, האָבן געשטעלט אין שאָטן יעדע אַנ־דערע געשעעניש אין ארץ ישראל.

דעם 29סטן יוני פאַרטאָג האָט דאָס בריטישע מיליטער אָנגע־הויבן דורכפירן אַ ריי רעוויזיעס אין די באַפעלקערטע דורך יידן שטעט און אין די יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים איבערן גאַנצן לאַנד. אויף אַ געוויסער צייט איז דאָס לאַנד „פאַרפרוירן געוואָרן״ דורכן אָפּשליסן די גרענעצן, דורכן איבעררייסן דעם טע־

לעפאָן־דינסט און דורך אַרויפּלייגן אויף דער באַפעלקערונג אַן אַרויסגאַנגס־פאַרבאָט. אַ גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע זיינען פאַר־דעכטיקט אין פאַרבינדונגען מיט דער הגנה און פלמ"ח, זיינען אַרעסטירט געוואָרן, צווישן זיי עטלעכע וויכטיקע פּאָליטישע מנהי־גים, וועלכע זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן נאָך אונטערזוכונגען אין די הויפּט־ביוראָען פון דער יידישער אַגענץ אין ירושלים און אין אירע אָפּטיילונגען אין תל־אביב און חיפה. די וויכטיקסטע צווישן די פאַר־האַלטענע זיינען הרב פישמאַן (דער אַמטירנדיקער פאָרזיצער פון דער סוכנות), משה טשערטאָק (דער לייטער פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער סוכנות), ד"ר בערנאַרד זשאָסעף (דב יוסף), דער יורידישער ראַטגעבער פון דער יידישער אַגענץ, יצחק גרינ־בוים (מיטגליד פון דער אַגענץ־לייטונג) און דוד הכהן (אַ וויכטי־קער מנהיג פון דער הסתדרות).

בסך הכל זיינען דורכגעפירט געוואָרן רעוויזיעס אומגעפער אין פינף און צוואַנציק ישובים. כמעט אין ־עדן אָרט האָבן די איינ־ווינער אַרויסגעוויזן אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד... באַזונדערס דאַרפן באַצייכנט ווערן צוויי ישובים: מזרע און יגור. אין מזרע ווו לויט אונדזער פאַרשטעלונג דאַרף זיך געפינען אַ וויכטיקער שטאַב פון פלמ"ח, האָט מען געפונען אַ גרויסע צאָל דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צום פלמ"ח און זיינע חברים. ס'איז אויך געפונען גע־וואָרן אַ מאַשין צו דרוקן מאַפּעס. אין יגור, וואָס איז באַקאַנט ווי אַ וויכטיקע באַזע פאַר מיליטערישע איבונגען, און דער צפונדיקער צענטער פונעם לאַנד פאַר געווער — איז דער ווידערשטאַנד גע־ווען אַזוי גרויס, אַז מ'האָט זיך געמוזט באַנוצן מיט גאַז־באָמבעס.

אין דאָזיקן ישוב זיינען אַנטדעקט געוואָרן נישט ווייניקער ווי דרייסיק געווער־באַהעלטענישן. און הגם אַ העלפט פון אָט די באַ־העלטענישן זיינען געווען ליידיק, האָט מען דאָך אַנטדעקט אַ גע־וואַלדיקן קוואַנטום געווער, אַמוניציע און אויפרייס־מאַטעריאַל. דעם 3טן יולי האָט מען פעסטגעשטעלט אַז מ'האָט דאָרט געפונען: 396 ביקסן, 46 רעוואָלווערן, 15 מאַשין־געווער, פינף אויטאָמאַטן, 92 קוילנוואַרפערס, 310.000 קוילן פון לייכטן געווער, 2200 גראַנאַטן און 800 פונט אויפרייס־מאַטעריאַל. פיל פון די געווער־באַהעלטע־נישן זיינען געבויט גרונטיק און זייער פאָרזיכטיק. איינע פון זיי אַן אונטערערדישע האָט געהאַט דיקע בעטאָן־ווענט, איז געווען באַ־לויכטן מיט עלעקטריש ליכט און אַן אייזנבאַן־ליניע האָט געפירט צו איר אויף דער ערד־פלאַך...

דער צוועק פון די אָפּעראַציעס:

דער צוועק פון די אָפּעראַציעס איז געווען פאָלגנדיקער:

א) ליקווידירן דעם פלמ״ח — אַט דעם אַנגריף־כוח פון דער הגנה.
ב) איבערלאָזן די הגנה אָן דער אָנפירערשאַפט דורכן אַרעסטירן יענע מנהיגים פון דער יידישער אַגענץ, וועלכע זיינען באַקאַנט, אָדער זיינען פאַרדעכטיקט ווי פאַרבונדענע מיט דער הגנה.
ג) אויסגעפינען דאָקומענטן, וועלכע זאָלן געבן אַ קלאָרן באַווייז פון דער אומלעגאַלער טעטיקייט פון דער אַגענץ און זאָלן באַלייכטן די אָרגאַניזאַציע פון דער הגנה.

רעזולטאַטן פון די אָפּעראַציעס:

די אָפּעראַציעס זיינען בדרך כלל געקרוינט געוואָרן מיט גרויס הצלחה. דער עצם־פאַקט, וואָס אַזעלכע קאָמפּליצירטע אַקציעס האָבן געקענט אויסגעפירט ווערן מיט דער פולער איבערראַשונג, האָט אַ היסטאָרישן ווערט אין ארץ ישראל״...

פון אָט דעם איבערבליק לערנען מיר אָפּ, אַז דער מיליטערישער אינטעליזשענס האָט זיך אונטערגעאיילט צו מאַכן דעם אויספיר, אַז דער יידישער ישוב איז כלומרשט דערשראָקן געוואָרן, אַז די נישט־אַרעסטירטע מנהיגים זיינען זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ פּחד פאַר דער מאַכט און אַז דאָס פאָלק האָט פאַרלוירן זיין צוטרוי צו דער הגנה. אָבער אין זעלביקן איבערבליק ווערט אויסגעדריקט דער חשד, אַז דער ישוב קען קומען צו זיך, און אַז מיט דער הילף פון דער ציוניסטישער פירערשאַפט אין אַמעריקע און אין ענגלאַנד קען ער באַנייען די רעוואַנש־אַקציעס קעגן די בריטן און פּראָקלאַמירן „אַ יידישע רעגירונג אין תל־אביב״.

צו אָט דעם אינטערעסאַנטן באַריכט, דאַרף מען מאַכן פאָלגנדיקע באַמערקונגען:

א) די אַקציעס אַחוץ דעם פאַל יגור און מזרע, האָבן ערנסט נישט געטראָפן די הגנה און דעם פלמ״ח.

ב) דאָס וואָס מ׳האָט אַנטדעקט אין אָט די ביידע ישובים (דאָס געווער אין יגור און די פלמ״ח־דאָקומענטן אין מזרע) איז געווען אַ בלינדער צופאַל און האָט נישט געקענט דערשיטערן די אָרגאַניזאַציע פון דער הגנה. עס האָט דערין נישט געשטעקט קיין שום סכנה פאַר די קאָמאַנדירן און די חברים פון דער הגנה, ווייל יענע האָבן שוין במילא געהאַט אויסגעאַרבעטע פאַספּאָרטן מיט ריכטיקע פּאַטאַס, אָבער פאַלשע נעמען.

ג) אמת, אין יגור האָט מען געפונען היפּש געווער, אָבער דאָס איז געווען נאָר אַ קליינער טייל פון יענעם קוואַנטום געווער וואָס האָט זיך פאַקטיש געפונען אין די הענט פון דער הגנה — סיי אין אירע צענטראַלע מאַגאַזינען און סיי אין יעדן ישוב אין לאַנד, בתוכם אויך יענע ישובים, אין וועלכע ס׳זיינען דורכגעפירט געוואָרן שטרענגע רעוויזיעס. 99 פּראָצענט פון די געווער־באַהעלטענישן און די מיליטערישע געווער־וואַרשטאַטן זיינען

אַדורך די שווערע פּראָבע און זיינען נישט אַנטדעקט געוואָרן. אינטערע־סאַנט איז, אַז אין פיל פאַלן זיינען די „רעוויזאָרן" געשטאַנען האַרט נעבן זיי און אפילו געטראָטן אויף זיי.

ד) עס האָבן זיך דאַן פאַרשפּרייט קלאַנגען, וואָס האָבן געבראַכט דערצו, אַז מ'האָט איינעם, וועלכן מיר האָבן חושד געווען אין אַ מסירה בנוגע דעם געווער אין יגור, פאַרהאַלטן און מ'האָט דורכגעפירט אַ שטרענ־גע אויספאָרשונג אָבער די קלאַנגען האָבן זיך נישט באַשטעטיקט און די הגנה האָט דעם פאַרהאַלטענעם באַפרייט.

ה) דער טרויעריקער פאַקט, וואָס מ'האָט דאָך דאָס געווער געפונען, האָט אָבער סוף־סוף אונדז געבראַכט אויך געוויסע נוצן. די מינים פון אונ־דזער געווער, זיין קוואַליטעט און דער אופן ווי דאָס געווער איז אויסבאַ־האַלטן געוואָרן האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם אויף די מאַכט־אָרגאַנען. זיי אַליין האָבן דעם ענין אַזוי פונאַנדערגעשמירט, אַז דאָס אַלץ האָט דע־מאָנסטרירט דעם קעמפערישן כוח פון יידישן ישוב, מיט וועלכן עס איז כדאי זיך צו רעכענען ווי מיט אַ זיכערקייטס־פאַקטאָר אין דאָזיקן וועלט־ווינקל. די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען זיינען געווען באַזונדערס איבעראַשט, וואָס טראָץ די האַרבע אונטערערדישע באַדינגונגען און טראָץ דער אַקטי־וויטעט פון די פּאָליציי־דעטעקטיוון און פון מיליטערישן אינטעליזשענס צו־זאַמען — פאַרמאָגט די הגנה פאַבריקן, וועלכע פּראָדוצירן קוילן צו ביקסן און רעוואָלווערן, פאַרשיידענע מינים געווער, קוילן־וואַרפערס און גראַנאַטן, וואָס קענען פאַררעכנט ווערן ווי די „אַרטילעריע" פון פאַרמאַסקירטן יידישן כוח.

תל־אביב ווערט „דעראָבערט"

אין די קרייזן פון דער בריטישער מאַנדאַט־מאַכט האָט זיך אויסקריס־טאַליזירט אַ באַשלוס, אַז כדי דורכצוזעצן איר פּאָליטיק אין ארץ ישראל מוז מען אונטערדריקן דעם אָרגאַניזירטן יידישן ישוב מיט אַלע זיינע אָפענע און פאַרמאַסקירטע אינסטיטוציעס, מיט זיינע אָפיציעלע און נישט־אָפיציע־לע מנהיגים. די רעזולטאַטן פון 29סטן יוני 1946 ווען עס זיינען אויס־געפירט געוואָרן מאַסן־רעוויזיעס און אַרעסטן, האָבן נישט באַרעכטיקט די האָפענונגען, וואָס די מאַכט האָט פאַרבונדן מיט דער דאָזיקער אָפּעראַציע: די אָרגאַניזאַציע פון ישוב איז נישט צעפאַלן. נאָך מער — די עפנטלעכע מיי־נונג אין ארץ ישראל און אין דער וועלט האָט זיך צעבונטעוועט קעגן דער מאַכט און אירע מעשים.

די רעגירונג האָט געדאַרפט באַרעכטיקן אָט די אַרעסטן און רעוויזיעס און דערווייזן, אַז זי האָט טאַקע אַנטדעקט עפּעס אַ זייער וויכטיקע זאַך. דעריבער האָט זי פאַרטראַכט דורכצופירן אַ בלאָקאַדע אויף דער שטאָט תל־אביב...

זינט ס'איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אַ קורצע צייט פאַרן 29סטן יוני, דער באַרימטער מיליטערישער דאָקומענט, וואָס האָט קלאָר געמאַכט פאַרן ישוב און פאַר דער הגנה די אינטריגעס פון דער מאַכט, האָבן שוין אייגנטלעך דאָס מיליטער און די פּאָליציי אונדז נישט געקענט מער איבערראַשן: די ישובים, אונטערנעמונגען, אינסטיטוציעס און מענטשן — אויף וועלכע די מאַכט האָט געוואָרפן אַן אויג — זיינען געווען גרייט צו אַ רעוויזיע, קאָנטראָל, אַרעסט, אָדער אַן אַנדערע צרה, וואָס קען מיט זיי געשען אין אַ ליאַדע טאָג. די זיכערקייטס־מיטלען, פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע, וועלכע מיר האָבן אָנגענומען אויף וויפל עס איז מעגלעך געווען, האָבן געבראַכט די מיליטערישע מאַכט אין אַ צעטומלעניש. ס'רוב פון זייערע אַקציעס זיינען לכתחילה געווען פאַראורטיילט אויף אַ מיאוסן דורכפאַל.

ש"י איז ווייטער געשטאַנען אויף דער וואַך און האָט געזאַמלט ידיעות, וועלכע קענען געבן אַ ווונק אויף אַ וועלכער ס'איז מיליטערישער אָפּעראַציע. ש"י האָט געזוכט אויך אַריינצובאַקומען דאָקומענטן, וועלכע זאָלן באַשטעטיקן אָדער מבטל מאַכן אַ ריי ידיעות וואָס מיר פלעגן באַקומען וועגן מיליטערישע הכנות לגבי דעם אָדער יענעם אַנשטאַלט צי ישוב. נישט שטענדיק האָט ש"י געקענט דערגרייכן זיין ווונטש. אין אַזעלכע פאַלן האָט דער הגנה־שטאַב זיך געדאַרפט שטיצן אויף קאָמבינאַציעס פון פאַרשיידענע ידיעות. אַזוי איז אויך געווען מיט דער געשיכטע פון דער בלאָקאַדע אויף תל־אביב.

מיר האָבן דערהאַלטן אַזעלכע ידיעות: דאָס מיליטער גרייט צו אַן איבערראַשונג, וואָס אַזוינס איז נאָך נישט געווען. קיין איין ייד פון מיליטער אָדער פון דער פּאָליציי וועט נישט באַטייליקט ווערן אין דער גרויסער געפּלאַנטער אַקציע. פּונקט ווי אַלע בירגער וועלן זיי און זייערע הייזער רעווידירט ווערן. טויזנטער וועלן געבראַכט ווערן אין אַרעסט. מעגן אפילו גאַנצע ישובים חרוב ווערן. קיינער וועט נישט אַרויס פון דער בלאָקאַדע איידער ער וועט נישט רעווידירט ווערן.

און אָט דערגייען צו אונדז אַזעלכע אינפאָרמאַציעס: אין די מיליטערישע אַנשטאַלטן ווערן געזוכט מאַפּעס פון דער תל־אביבער געגנט. די שטאַב־אָפיצירן האַלטן כסדר אָפּ זיצונגען און אַרבעטן אויס פּלענער. אין דער אַקציע קעגן תל־אביב וועלן זיך באַטייליקן פון הונדערט ביז הונדערט פופציק טויזנט מאַן. ס'מערקט זיך אַ גרויסע קאָנצענטראַציע פון מיליטער אין דער סביבה פון תל־אביב. דאָס מיליטער האָט אָפּגעשאַפט אַלע אורלויבן און גרייט צו שפּייז־ראַציעס אויף אַ גאַנצער וואָך.

יאָ, מ'האָט געקענט זיכער פעסטשטעלן, אַז ס'איז געקומען די ריי פון תל־אביב און אַז דאָס מיליטער האַלט ביים אַרויפלייגן אויף איר אַ לאַנגדויערנדיקע בלאָקאַדע, און אַז עס וועלן דורכגעפירט ווערן רעוויזיעס אין גאָר גרויסע מאַסשטאַבן. לויט דעם וואָס עס זיינען אָפּגעשאַפט געוואָרן די

אורלויבן האָט מען געקענט משער זיין, אַז די אַקציע וועט דורכגעפירט ווערן אָנהייב אויגוסט.

ערב אָט די גרויסע רעוויזיעס, דעם 30סטן יולי 1946 האָט זיך גע־לאָזט מערקן אַ היפשע מיליטער־באַוועגונג אין תל־אביב, פון נתניה איז אָנגעקומען די ערשטע פּאַראַשוטיסטן־בריגאַדע, פון לוד — די צווייטע פּאַ־ראַשוטיסטן־בריגאַדע. די דריטע פּאַראַשוטיסטן־בריגאַדע איז געגאַנגען פון עזה און די צווייטע אינפאַנטעריע־בריגאַדע פון דער אוויאַציע איז אָנגע־קומען מצד חדרה. צו אָט דעם כוח האָבן זיך אָנגעשלאָסן בריטישע פּאָלי־ציאַנטן און דעטעקטיוון, וואָס זיינען ספּעציעל מאָביליזירט געוואָרן דורכצו־פירן די געפּלאַנטע בלאָקאַדע. און אַזוי איז „דעראָבערט געוואָרן" תל־אביב — צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער יידישער שטאָט — דורך קאָלאָנעס גוט־באַוואָפנטן און מאָטאָריזירטן מיליטער, וואָס האָט אָפּגע־שלאָסן די שטאָט פון אַלע זייטן.

דינסטיק דעם 30סטן יולי פאַרטאָג איז דאָס מיליטער אַריינגעטראָטן אין דער שטאָט. די באַפעלקערונג האָט באַגעגנט דאָס מיליטער גאַנץ רו־איק.

דער הגנה־שטאָב האָט נאָך באַצייטנס אָפּגעגעבן אַ ריי באַפעלן וועגן כלערליי זיכערקייטס־מיטלען בנוגע די געוווער־באַהעלטענישן, פאַרמאַסקי־רונגען, געפעלשטע דאָקומענטן, מ'האָט צוגעגרייט דירות, מ'האָט באַשטימט רעזערוו־אָפיצירן אין שטאָב אויפן פאַל ווען די אַמטירנדיקע אָפיצירן זאָלן אַרעסטירט ווערן. מיר זיינען געווען גרייט אויף אַלץ, און די איבעראַשונג וואָס די מאַכט האָט געהאַט צוגעגרייט איז געוואָרן אויס איבעראַשונג.

ביים אָנהויב פון דער רעוויזיע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער מאַכט אַ באַפעל פון הגנה־שטאָב פון 22סטן יולי (נאָכן אויפרייס אין האָ־טעל „המלך דוד" אין ירושלים), פון אַזאַ אינהאַלט:

„מען דאַרף אָננעמען, אַז די רעגירונג וועט זיך באַנוצן מיט באַזונדערע מיטלען, רעאַגירנדיק אויף די אַקציעס פון אצ"ל. פון איצט אָן ביז אַ נייעם באַפעל ווערן אָפּגעשאַפט די פריערדיקע באַ־פעלן וועגן אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד קעגן די רעוויזיעס. די ספּע־ציעלע באַוואָפנטע איינהייטן, וועלכע זיינען קאָנצענטרירט גע־וואָרן אין דער סביבה, וועלן זיך אומקערן אין זייערע ערטער און וועלן שטיין גרייט ביז אַ נייעם באַפעל. נאָר אין פאַל, ווען דאָס מיליטער וועט געפינען געוווער, דאַרף מען ענטפערן מיט אַן אַק־ציע פון באַוואָפנטע כוחות. די אַקציע דאַרף דורכגעפירט ווערן לכל הפחות אויף אַ מרחק פון איין קילאָמעטער פונעם אָרט ווו דאָס געוווער איז געפונען געוואָרן.

אויב מ'וועט זוכן טעראָריסטן, דאַרף דער מוכתר (דאָרף־עלטסטער) ענטפערן, אַז אין זיין מושב זיינען קיין טעראָריסטן

נישטאָ און אַז דער יידישער ישוב האָט שוין געטאַדלט דעם די־ווערסיע־אַקס אין האָטעל „מלך דוד״. מ׳דאַרף נישט אויפשטעלן נייע אָפּצוימונגען אין די טויערן פון די ישובים. דערמיט וועט דעמאָנסטרירט ווערן די קעגנערשאַפט פון יידן דערצו וואָס עס איז געשען אין ירושלים. מ׳דאַרף זיך נישט רייצן מיטן מיליטער. ס׳דאַרף נישט דערלאַנגט ווערן קיין הילף בשעת די רעוויזיעס. מ׳טאָר נישט אָפּגעבן די אידענטיפיקאַציע־דאָקומענטן. מען דאַרף זיך אָנרופן מיט אויסגעטראַכטע נעמען. דער מוכתר זאָל נישט העלפן לעגיטימירן מענטשן. מ׳קען דערוואַרטן ברייטע אַרעסטן פון די מנהיגים און די הגנה־אַקטיוויסטן. זאָלן זיי אָננעמען אַלע פאָרזיכטס־מיטלען און זאָלן זיי נישט נעכטיקן אין זייערע היי־מען!״

די רעוויזיעס זיינען אויסגעפירט געוואָרן גרונטיק, וואָס אַזעלכעס איז נאָך נישט געווען אין דער געשיכטע פון די כלערליי רעוויזיעס וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין ארץ ישראל. די שטאָט איז איינגעטיילט געוואָרן אין קוואַרטאַלן, וועלכע זיינען אַרומגעצוימט געוואָרן מיט שטעכיקן דראָט. די הייזער זיינען שטאַרק רעווידירט געוואָרן און טויזנטער איינוווינער זיי־נען געבראַכט געוואָרן אונטער דראָט־אָפּצוימונגען, כדי זיי אויסצופאָרשן און זיי צו אידענטיפיצירן. הונדערטער און טויזנטער אָפיצירן זיינען גע־ווען באַלאָדן מיט אַרבעט, ווערנדיק אינסטרואירט דורך בריטישע דעטעק־טיוון.

וועגן אָט דער בלאָקאַדע פון תל־אביב דערציילט מאַיאָר ר. ד. ווילסאָן אין זיין בוך: „איזאָלירונג און רעווידירונג מיט דער לופט־דיוויזיע אין ארץ ישראל״ אַזוי:

„לויטן פּלאַן האָט מען געדאַרפט אָנהייבן די אָפּעראַציע אין דער נאַכט אויפן 30סטן יולי. מ׳האָט געהאַלטן, אַז די אָפּעראַציע קען זיך פאַרציען אויף פינף ביז זיבן טעג. אין ערשטן עטאַפּ האָט מען געדאַרפט אַרומרינגלען די שטאָט אונטערן צודעק פון דער פינצטערניש און נישט לאָזן די כוליגאַנעס אַנטלויפן אין אנדערע טיילן פון לאַנד. ביז דער אַרויסגאַנג־פאַרבאָט וועט פּראָקלאַמירט ווערן קענען זיי זיך באַוועגן איבערן געשלאָסענעם שטח. אין ווײ־טערדיקן עטאַפּ האָט מען געדאַרפט דערקלערן אַן אַבסאָלוטן אַרויס־גאַנג־פאַרבאָט און צעטיילן די שטאָט אין באַזונדערע, נישט געבונ־דענע צווישן זיך קוואַרטאַלן. פאַקטיש האָט יעדע בריגאַדע באַקומען אין איר מאַכט איין קוואַרטאַל דורכצופירן אַ שטרענגע רעוויזיע״.

„דאָס איז געווען אַן אַלט מיטל פון די הוליגאַנען אין כל מין אַנדערע פאַרשוינען וועלכע מיר האָבן געזוכט, צו פאַרשטעלן זיך ווי קאַליקעס, אָדער ווי קראַנקע אין די שפּיטאָלן, כדי זיך אַרויס־

צודרייען פון אַן אויספאָרשונג. דעריבער זיינען אַנגעשלאָסן גע־וואָרן צו געוויסע איינהייטן אויך מיליטערישע דאָקטוירים. זיי האָבן געדאַרפט אונטערזוכן די קראַנקע אין די שפּיטעלער און סאַ־נאַטאָריעס. געוויסע מענטשן, וועלכע האָבן זיך פאַרשטעלט ווי קאַ־ליקעס מיט געבראָכענע פיס כדי זיי זאָלן זיך נישט דאַרפן שטעלן פאַר דער פּאָליציי".

כדאי צו באַמערקן, אַז דאָס מיליטער און די מיליטערישע דאָקטוי־רים האָבן זיך נישט צופרידנגעשטעלט מיטן קאָנטראָלירן די באַנדאַזשן פון אַ חולה, מ'האָט פון די פיס אפילו אַראָפּגענומען דעם גיפּס. לאָמיר מודה זיין, אַז ס'איז געווען אַ גרונט פאַרן חשד פון די ענגלענדער. אמת, די דאָק־טוירים אין די שפּיטעלער האָבן נישט מסכים געווען „צו פעלשן" צעבראָ־כענע פיס, אָבער מ'האָט אויסגעפונען אַנדערע קאָמבינאַציעס. ווען די ענג־לענדער וואָלטן געקענט גוט די הגנה אָנפירער וואָלטן זיי זיי געקענט לייכט אויסגעפינען אונטער אַ סך איינפאַכערע מאַסקעס. איינער פון די הויכע הגנה־קאָמאַנדירן האָט זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט גלאָט פאַר־קעמט די האָר און האָט אַריינגעשטעקט זיין העמד אין די הויזן... אַן אַנ־דער קאָמאַנדיר האָט דעם קאָפּ אָפּגעגאָלן און איז זיך געגאַנגען אויף דער גאַס מיטן הילוך פון אַן ענטל. אָט די און אַנדערע מענטשן זיינען פאַרביי־געגאַנגען די טישן ביי וועלכע מ'האָט זיי אידענטיפיצירט. אויף די טישן זיינען געלעגן זייערע אייגענע פאָטאָגראַפיעס און זיי זיינען געווען באַ־צייכנט ווי מענטשן, וואָס ווערן געזוכט. די פּאַטאָס פון די מיטגלידער פון הגנה־צענטער, פון פּלמ"ח־קאָמאַנדירן און אַנדערע הויכע קאָמאַנדירן זיי־נען געהאַנגען אין די פּאָליצייאישע ביוראָען אין אַלע טיילן שטאָט. און זיי־נען געווען אויך אין די אויטאָס פון דער באַוועגלעכער פּאָליציי, און דאָך האָט מען די מענטשן נישט דערקענט!...

די געזוכטע פאַרשוינען האָבן אַרויסגעוויזן אַזאַ פעאיקייט פון קאָמבי־נאַציע און אָריענטאַציע, אַז זיי האָבן זיך געקענט אַרויסדרייען פון די דע־טעקטיוון. אויך זייערע געפעלשטע אידענטיפיקאַציע־דאָקומענטן האָבן אויך געשפּילט דערביי אַ בכבודיקע ראָל.

אין רעכטן ברעג פון די רעוויזיעס האָט אויך ש"י נישט אָפּגעשטעלט זיין אַרבעט. ער האָט כסדר אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צונויפצוזאַמלען אינפאָרמאַציעס. די ידיעות פלעגט מען איבערגעבן דורך די אַרבעטער פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט, וועלכע האָבן זיך געפאָרעט ערגעץ ביי דער עלעקטרישער נעץ, דורך די פּאָסטנס פון אינסטיטוציעס אָדער מיט דער הילף פון „מגן דוד אדום" און פייערלעשער, וועלכע האָבן זיך פריי באַוועגט איבער דער שטאָט, אין אונדזער שליחות, כלומרשט כדי צו דערפילן זייער פליכט. אַזוי אַרום האָבן מיר פיל געוווסט וועגן אַלעמען וואָס געשעט אין דער שטאָט אין אָט די טעג.

אין די רעכטע בלאָקאַדע־טעג האָט „קול ישראל" אָנגעהויבן טראַנס־מיטירן די ווענדונגען פון דער הגנה און האָט נישט ווייניק „געפליקט" די נערוון פון מיליטער און פאָליציי. די מאַכט האָט געהאַפט, אַז די אָפּעראַציע וועט צעטרייסלען דעם הגנה־כוח און דער „קול ישראל" וועט פאַרשטומט ווערן. אָבער די האָפענונג האָט זיך אויסגעלאָזן מיט גאָרנישט. דער הגנה־זענדער האָט שטאַרק דערמוטיקט די איינוווינער וואָס זיינען געווען פאַר־שפּארט אין די הייזער.

און אָט בשעת טויזנטער איינוווינער פון תל־אביב זיינען געבראַכט געוואָרן אין די אָפּגעצוימטע מיט שטעכל־דראָט לאַגערן האָט די סטאַציע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג טראַנסמיטירט אַזעלכע אויסדי־ציעס:

„קול ישראל" רעדט צו אייך אין אָט דער שעה, ווען די חילות פון דער רעגירונג דערשטיקן די שטים פון דער יידישער שטאָט.

שוין דעם דריטן טאָג איז תל־אביב אָפּגעשלאָסן און איזאָ־לירט פון אַלע זייטן. מ'קען נישט אַרויס און מ'קען נישט אַריין. אויף 200 טויזנט נפשות איז אַרויפגעוואָרפן געוואָרן אַ גזירה פון דערשטיקונג און הונגער.

די אַקציע אין תל־אביב, אירע מעטאָדן פון קאָנצענטראַציע און סאָרטירונג מיט די אָפּצוימונגען, און מיטן אויפרייסן די גע־שעפטן — דאָס אַלץ איז נישט מער ווי אַ קאָפּיע פון די „אַק־ציעס", וועלכע זיינען אונדז באַקאַנט אין די פוילישע שטעט. דאָס איז אַן ענגלישע צביעותדיקע קאָפּיע. אונדזער באַפרייאונגס־מל־חמה האָט געפּרוווט דער בריטישער פּרעמיער־מיניסטער באַפלעקן מיט אַ פאַרגלייך צו די נאַצישע שיטות. ער ווייסט, אַז ער זאָגט ליגן ווייל קיין שום באַפרייאונגס־קאַמף אין דער וועלט האָט אַזוי נישט אָפּגעהיטן די ריינקייט פון געווער און איז נישט געווען אַזוי פאָרזיכטיק בנוגע מענטשן־לעבנס, ווי דער באַפרייאונגס־קאַמף פון אונדזער פאָלק, וואָס ווערט געפירט ־ורך אונדזער ווידער־שטאַנד־באַוועגונג.

אָט די אַקציע וואָס איר ציל איז צו דערוועקן די שיינע שטאָט פון ציוניסטישן אויפבוי, איז אַ דערגאַנצונג פאַרן געטאָ־פּלאַן, וואָס די בריטישע רעגירונג גרייט פאַר אונדז. דער דאָזי־קער פּלאַן איז אַ רינגעלע אין דער טייוולשער קייט פון דער מאַכט, — פון אַ פּלאַן אַריינצוברענגען דעם יידישן ישוב אין אַן אָפּגע־צוימטן דערשטיקנדיקן לאַגער, נישט צו דערלאָזן צו ראַטעווען די רעשטלעך פון אייראָפּעאישן יידנטום און מפקיר צו זיין זייערע לעבנס.

די רעגירונג ווייסט, אַז מיט אירע מעשים און מאַסן־אַרעסטן אין די ראַמען פון דער בלאָקירטער תל־אביב, שעדיקט זי דעם גאַנצן אָרגאַניזירטן ישוב און נישט נאָר די יעניקע וועלכע האָבן אויסגעפירט דעם אויפרייס אין האָטעל „המלך דוד", וואָס דער ישוב און די ווידערשטאַנד־באַוועגונג טרייסלען זיך אָפּ דערפון קאַטעגאָריש.

די כוונה מיטן אַרויפלייגן אַ בלאָקאַדע אויף תל־אביב איז אַ סך ברייטער. די כוונה איז אָפּצונעמען ביים צענטער פון יידנטום אין ארץ ישראל יעדע מעגלעכקייט זיך צו פאַרטיידיקן אין אַ שעה פון נויט, צו אונטערדריקן, צו דערנידעריקן און צו צעשמעטערן דעם דאָזיקן צענטער.

„קול ישראל" פאַרזיכערט און שווערט:

איר וועט אונדז נישט אונטערדריקן און וועט אונדז נישט פאַרשקלאַפן! דער ישוב האַלט זיך שטאַרק, און דאָס געווער וואָס וועט פון אים צוגערויבט ווערן וועט אים צוריקגעקערט ווערן טאָפּלט. — — — "

געוועזן פאַרשטייט זיך אויך פיל קוריאָזן בשעת דער בלאָקאַדע. לאָמיר דאָ דערציילן אַ מעשה, וואָס ס'האָט איבערגעגעבן איינער פון די ש"י־קאָמאַנדירן, וואָס די דעטעקטיוון האָבן אים געקענט און דעריבער האָט ער זיך נישט געקענט באַנוצן מיט אַ פאַלשן דאָקומענט.

ער האָט זיך „פאַרשטעלט". וואָס האָט ער געטאָן? אין רעכטן ברעג פון די זומערדיקע היצן האָט ער אָנגעטאָן אַ הערלעכן אַנצוג, מיט אַ פּאַר ביקן שניפּס, אויפן קאָפּ אַ שטרויענעם הוט מיט ברייטע ראַנדן, אויף די אויגן — זון־ברילן. ער האָט נישט שטאַרק זיך פאַרלאָזט אויף דער דאָזיקער פאַרמאַסקירונג און האָט געפּרוווט זיך אַריבערצוכאַפּן אין אַ ראַיאָן, ווו די אידענטיפיקאַציע איז שוין אַדורכגעפירט געוואָרן. דורך הייפן און פאַרקאַנס איז ער אַריינגעדרונגען אין דער קליניק „אסותא". ער האָט געבעטן מ'זאָל אים אַוועקלייגן אויף אַ בעטל, מ'זאָל אים געבן אַן איינשפּריצונג, וואָס זאָל הייבן זיין טעמפּעראַטור, אָדער אַרויפלייגן אַ גיפּס־באַנדאַזש אויף דער „צעבראָכענער" האַנט צי פוס. אָבער זיין בקשה איז נישט דערפילט געוואָרן, ווייל מ'האָט געוווסט, אַז צוזאַמען מיט די מאַכט־פאָרשטייער גייען אויך מיליטערישע דאָקטוירים, וועלכע קאָנטראָלירן די קראַנקנהייזער, און נעמען אויך אַראָפּ דעם גיפּס, ווען ס'פאַלט אויף עמעצן אַ חשד. די שוועסטער האָבן אים פאַרגעשלאָגן אַן אַנדערן קאַמופלאַזש: דאָס איז אַ ברייטע בלעכערנע רער, דורך וועלכער מ'לאָזט אַראָפּ אין אונטערשטן שטאָק די שמוציקע וועש פון די קראַנקע. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פון דאָזיקן „פאַרגעניגן", איז אַוועקגעגאַנגען און האָט מיט הצלחה דערגרייכט ביז דער גרענעץ פון אָפּגעשלאָסענעם ראַיאָן.

אָבער דאָ איז דער וועג פאַרצוימט מיט אַ קייט זעלנער. נישט ווייט איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פּאַטרול פון פיר זעלנער. ער איז איינגעלאַדן אין אַ פרעמדער וווינונג, האָט זיך מכבד געווען מיט אַ טרונק און קאַלטן אַרבוז. די זעלנער האָבן געטרונקען און געגעסן, אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי אים איבער דער „גרענעץ" נישט אַריבערגעלאָזן. האָט ער זיך ווידער געדרייט און געזוכט אַ מיטל, ווי אַזוי נעלם צו ווערן פון דעם אָרט, וווהין ס'האָבן געקענט יעדע מינוט אָנקומען זעלנער און צונויפנעמען די מענער. האָט ער פאַרגעשלאָגן צוויי זעלנער פון זיינע „געסט" זיי זאָלן אים באַגלייטן אַ הונדערט מעטער, ביז אַ געוויסן הויז, פון וואַנען ער וועט זיי ברענגען אַ קאַלטן ביר.

דער טאָג איז געווען אַ הייסער און ס'האָט זיך טאַקע געוואָלט כאַפּן אַ קאַלטן טרונק. האָבן זיי אים געפאָלגט און מיטגעגאַנגען מיט אים ביזן געווונטשענעם אָרט. איז ער אַריין אין דעם שטח פון משק הפועלות (ווירטשאַפט פון אַרבעטערינס), וואָס געפינט זיך אין צפון פון תל־אביב, און זיינע באַגלייטער האָט ער איבערגעלאָזן פון דער צווייטער זייט פּאַרקאַן, זיי זאָלן וואַרטן אויפן קאַלטן ביר. ווידער אַ צרה: אויך דאָ איז נאָך נישט דורכגעפירט געוואָרן די אידענטיפיקאַציע... זוכט ער אַזוי אַ וועג, ווי אַזוי זיך אַרויסצודרייען פון דער פּאַסטקע — באַמערקט ער ווי ס'גייען פאַרביי יידישע פּאָליציאַנטן מיט קינדער. וויל ער זיך אָנשליסן צו זיי, אָבער די פּאָליציאַנטן פּליסטערן אים אַריין אין אויער, אַז אויך זיי דאַרפן דורכגיין אַ קאָנטראָל. אין דעם מאָמענט איז אַריין אין דעם משק אַ גרופּע פרויען און קינדער, אונטער אַ באַגלייטונג, מיט טעפּ און שיסלען אין די הענט — זיי זיינען געקומען קויפן מילך. דאָס איז געווען בשעת דער הפסקה אין די רעוויזיעס, ווען מ'האָט דערלויבט די איינוווינער זיך צו באַזאָרגן מיט ברויט און מילך.

דער ש"י־מענטש איז תיכף אַריינגעלאָפן אין שטאַל, האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין היטל, שניפּס און אויבערהעמד, האָט באַהאַלטן זיינע עלעגאַנטע בגדים אונטער אַ קופּע מיסט, האָט פאַרקאַשערט די הויזן, זיך אַליין גוט איינגעשמוצט פונקט ווי ער וואָלט געווען אַ שטאַל־אַרבעטער, האָט אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ עפּעס אַ היטל, האָט גענומען ביי אַ קינד אַ פּאָר מילך־טעפּ און אַזוי איז ער אַרויס צוזאַמען מיט די קינדער פון געשלאָסענעם ראַיאָן אין אַ צווייטן ראַיאָן, וווּ די אידענטיפיקאַציע האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט...

אין אַ צוויי טעג אַרום, ווען די בלאָקאַדע איז אַראָפּגענומען געוואָרן האָט ער זיך אומגעקערט אין הויז פון די אַרבעטערינס, אָפּנעמען זיינע בגדים, האָט אים אַ קינד דערקענט און אויסגערופן צו דער מוטער: „מאַמע, אַט איז דער מילך־טרעגער!"...

דאָס איז נאָר איין ביישפּיל פון די הונדערטער כלערליי מיטלען ווי

אַזוי די קאָמאַנדירן פון דער הגנה און פלמ״ח האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון דער אידענטיפיקאַציע און אַרעסטן.

און אָט האָט דער אַרויסגאַנגס־פּאַרבאָט זיך געענדיקט. און דאַן האָבן מיר אויסגעפונען, אַז קיין איין מענטש פון די הגנה־קאָמאַנדירן איז נישט דערקענט און נישט אַרעסטירט געוואָרן. עס זיינען אויך נישט געטראָפן געוואָרן די ביוראָען, לאַבאָראַטאָריעס, וואַרשטאַטן און פאַבריקן פון דער מיליטערישער פּראָדוקציע פון דער הגנה.

אין אָט דער אָפּעראַציע האָבן זיך באַטייליקט אַחוץ דער בריטישער פּאָליציי און געהיים־דינסט אויך פיר בריגאַדעס פוסגייער און פאַראַשוטיסטן, דריי ספּעציעלע באַטאַליאָנען און דריי רייטער־רעגימענטן ביי דער מיטהילף פון דער זעקסטער אַוויאַציע־דיוויזיע. נעמט מען אין אַכט אָט די גרויסע כוחות, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער אָפּעראַציע, דאַרף מען זאָגן, אַז דער געווינס איז געווען זייער אַ קנאַפּער... אַ נישט גרויסער קוואַנטום געווער וואָס איז צופעליק אַנטדעקט געוואָרן אין איינעם פון די באַהעלטענישן און אַרום אַ זיבן הונדערט מאַן זיינען פאַרהאַלטן און אָפּגעשיקט געוואָרן קיין ראפיה, אויף אַ צוגענגלעכער אויספאָרשונג.

דער לייטער פון בריטישן געהיים־דינסט, וואָס איז געווען איינער פון די אַקטיווע איניציאַטאָרן אין אָט דער אָפּעראַציע, האָט אין זיינעם אַ באַריכט געשריבן: „די הגנה האָט פאָראויס געוווּסט וועגן אַלץ און אירע קאָמאַנדירן איז געלונגען בעלם צו ווערן באַציִיטנס און אויסצובאַהאַלטן דאָס געווער אין אַזעלכע ערטער, וועלכע מיר וועלן קיינמאָל נישט אַנטדעקן".

מיליטער זוכט געווער אין קיבוצים

— דאָס בריטישע מיליטער גרייט צו פאַר אייך אַ סורפּריז! — האָט איין מאָל דער קאָמאַנדיר פון ש״י אין תל־אביב געוואָרנט דעם ממונה אויף די זיכערקייטס־ענינים אין קיבוץ רוחמה און האָט צוגעגעבן: „אין אַ דאָקומענט פון געהיים דינסט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט איז באַצייכנט דאָס אָרט פון דער געווער־באַהעלטעניש אין אייער ישוב — דאָס איז צווישן די סלופּעס פון וואַסער־טורעם. דער הגנה־קאָמאַנדיר פון רוחמה האָט מודה געווען, אַז דער געהיים־דינסט האָט דאָס מאָל געטראָפן.

— ווי מיינט איר — וועט ער זיי קענען „איינאָרדענען" בשעת זיי וועלן אויספירן די רעוויזיע? — האָט געזאָגט דער ש״י־קאָמאַנדיר וועלנדיק דערמוטיקן זיין חבר, וואָס האָט געשיינט צו זיין זייער באַזאָרגט און האָט זיך געאיילט אומצוקערן אין זיין קיבוץ.

— ווי אַזוי, מיט וואָס?

— לאָמיר אָננעמען אַז איר וועט אונטער דער ערד פונאַנדערלייגן שטיקער אייזן. זיי וועלן קומען ווי געווייגלעך אויף דער רעוויזיע מיט מאַג־

נעט־אינסטרומענטן לאָזן זיי זיך אָנשטויסן פון צייט צו צייט אויף אַזאַ פאַלשן אוצר, ביז זיי וועט נמאס ווערן...

דאָס מיטל איז דעם פאַרשטייער פון קיבוץ רוחמה געפעלן געוואָרן און מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן פּרוּוון אַזוי צו מאַכן.

מחמת רוחמה איז געווען ווייט פון אַ יידישן צענטער, איז זי געווען אַ גוטער פּלאַץ פאַר מיליטערישע איבונגען פון דער הגנה און פלמ״ח. דאָרטן זיינען געווען איינגעאָרדנט קורסן פאַר דיווערסאַנטן און מ׳האָט זיך באַנוצט מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. די אָפּקלאַנגען פון די אויפרייסן האָבן זיך געהערט זייער ווייט, און זיינען דערגאַנגען אפילו ביז באר־שבע. מיר האָבן געוווּסט, אַז די פּאָליציי שפּירט נאָך מיט גרויס פלייסיקייט דאָס וואָס עס קומט פאָר אין רוחמה. אמת, די אינפאָרמאַציע וואָס די פּאָליציי פלעגט באַקומען איז געווען שטאַרק איבערגעטריבן. די בעדואינער פון דער אומגעגנט האָבן דערציילט וועגן טויזנטער מעכטיקע אויפרייסן, וועלכע וואַרפן אָן אַ שרעק אויף מענטשן און שאָף. זיי האָבן אפילו געוווּסט צו דערציילן, וועגן אַזאַ כוח, „וואָס פאַרניכטעט יעדן שפּור פון לעבן אויף דער ערד״... דער הגנה־קאָמאַנדיר האָט געוווּסט, אַז די רעוויזיע אין זייער ווירטשאַפט וועט זיין זייער שטרענג און גענוי, האָט ער דעריבער געטראַכט ווי אַזוי צוצוגרייטן נייע באַהעלטענישן פאַרן גרויסן קוואַנטום געווער, וואָס האָט זיך געפונען אין דאָזיקן קיבוץ.

די עצם־רעוויזיע ווערט געשילדערט אינעם בוך פון בריטישן מאַיאָר ר. ד. ווילסאָן אויף אַזאַ אופן:

> „דעם 21סטן אויגוסט 1946 איז די שיף „עמפּייר ראיאל״, וואָס פלעגט דינען אויף אַריבערצופירן די אומלעגאַלע עולים קיין ציפערן, דורכגעלעכערט געוואָרן אויפן דעק דורך דריי גוטע שווימער פון פלמ״ח בשעת די שיף האָט געאַנקערט אין חיפה־האַפן. דאָס מיליטער האָט רעאַגירט דערויף מיט אַ ריי רעוויזיעס אין שרות־ים און אין אַנדערע ערטער, וועלכע זיינען נישט געווען פאַרבונדן דירעקט מיטן דאָזיקן פאַל. אויף דער זעקסטער אַוויאַציע־דיוויזיע איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די אויפגאַבע אויסצופירן רעוויזיעס אין צוויי דערפער אין נגב כדי צו אַנטדעקן געווער.
>
> עס זיינען אויסגעקליבן געוואָרן צו דעם צוועק צוויי דערפער דורות און רוחמה, וועלכע זיינען נאָענט צו זיך, אָבער זיי זיינען איזאָלירט אין דער וויסטעניש. אַרום צען מייל מזרח־זייט פון עזה. די דערפער זיינען באַקאַנט ווי אַקטיווע הגנה־צענטערן. בשעת צווישן דער הגנה זיינען געווען געטיילט די מיינונגען וועגן דער ריכטיקער ליניע פון אונדזערע אַקציעס האָבן מיר געקענט משער זיין, אַז דורך פּלוצימדיקע רעוויזיעס אין די ערטער און אין דער צייט, וואָס מיר באַשטימען וועלן מיר קענען דערגרייכן געווונ־

טשענע רעזולטאַטן און זייער ערנסט טרעפן דער הגנה. געווען אַ גרונט פאַר אונדזער האָפענונג, ווייל פאַר די פאַרלאָפענע צוויי יאָר האָט די הגנה דערוויזן זייער אָפט ווי זי האָט געציטערט איבער דער גאַנצקייט פון אירע געווער־מאַגאַזינען.

די רעוויזיעס אין דורות און אין רוחמה האָבן דורכגעפירט דער אַכטער און דריטער באַטאַליאָן פון די פאַראַשוטיסטן צוזאַמען מיטן ניינטן עסקוואַדראָן פון טעכנישן מיליטער.ביידע דערפער זיינען געווען קליינע און האָבן געציילט אומגעפער 235 און 170 נפשות. זיי זיינען געווען באַוווסט, ווי צענטערן פאַר מיליטערישע איבונגען מיט אומלעגאַלן געווער. זיי האָבן אויך אויסבאַהאַלטן פיל געווער אין זייערע געהיימע מאַגאַזינען.

דעם 29סטן אויגוסט 1946 פאַרטאָג זיינען מיליטערישע אייגהייטן וועלכע זיינען אָנגעקומען נאָך אין דער טיפער נאַכט, זיך אויסגעשטעלט אין פאַטרולן אַרום ביידע דערפער און זיינען אַזוי געשטאַנען זעקס טעג. דעם ערשטן טאָג האָט די פּאָליציי קאָנטראָלירט אַלע מענער, ווי מ'האָט געקענט פאַרויסזען, האָבן זיך געפונען אויפן אָרט עטלעכע מענטשן, וועלכע האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען כלומרשט געקומען העלפן אין דעם שניט. זיי האָבן נישט אַרויסגעוויזן קיין ווידערשטאַנד. האָט מען אין אַ קורצער צייט אַרום געקענט אָפּשאַפן דעם אַרויסגאַנג־פאַרבאָט, אַ חוץ אין די נאַכט־שעהן. מ'האָט דערלויבט די אָרטיקע מענטשן אָנצוגיין מיט זייער געוויינלעכער אַרבעט, אָבער גלייכצייטיק האָט מען ווייטער געפירט די רעוויזיעס.

די רעוויזיעס זיינען דורכגעפירט געוואָרן לויט אַן אויסגעפרוווטער סיסטעם. מ'האָט זיך באַנוצט מיט מינעס־אַנטדעקער, מ'האָט גרונטיק געזוכט אין געביידעס, וועלכע האָבן געקענט דינען ווי באַהעלטענישן. דאָס איז געווען אַן אויפגאַבע, וואָס האָט געצוווּנגען די זעלנער אָנצושטרענגען זייער גאַנצע פאַנטאַזיע און אַרויסווייזן דעם מאַקסימום שכל, ווייל די דאָרף־מענטשן זיינען געווען זייער דערפינדעריש אין אויסבאַהאַלטן דאָס געווער. צוויי טעג האָט מען געזוכט — און די רעזולטאַטן זיינען געווען קנאַפע, הגם עס זיינען געווען סימנים, אַז דאָך איז דאָ ערגעץ פאַרשטעקט פיל געווער. אַזוי למשל, האָט מען געפונען ליידיקע קוילן־גילזן אין דער סביבה, דאָס הייסט, אַז ערגעץ דאָ האָבן מענטשן זיך געלערנט שיסן.

מיר זיינען כמעט אַריינגעפאַלן אין יאוש. מיר האָבן געהאַלטן, אַז די אָפּעראַציע איז דורכגעפאַלן, אָבער אָט זיינען צום סוף פון צווייטן טאָג אָנגעקומען זעלנער מיט צען אויסשפּיר־הינט, און אויפצומאָרגנס האָבן די הינט טאַקע אַנטדעקט געווער אין

ביידע דערפער. די „אַרבעטס־סיסטעם" פון די הינט איז געווען זייער פשוט. זיי פלעגן אַרומשמעקן דעם באָדן און ווען זיי פלעגן דערשפּירן ערגעץ אַ מעטאַל פלעגן זיי זיך אַוועקזעצן און באַקו־מען דערפאַר אַ פּרעמיע: שטיקער פלייש. אין צוויי ערטער ווו די הענט האָבן אַנטדעקט געווער האָט מען דורכגעפירט אַ גרונ־טיקע רעוויזיע מיט דער הילף פון מינעס־אַנטדעקער. די הינט האָבן אַזוי אַרום געאַרבעט בעסער ווי אינסטרומענטן.

אין קיבוץ דורות האָט מען געזוכט אין הינער־שטייג, וואָס האָט געהאַט אַ בעטאָן־דיל. דעם בעטאָן האָט מען אַראָפּגענומען מיט דער הילף פון אַ קאָמפּרעסאָר און מ'האָט געגראָבן טיף אין דער ערד, ביז מ'האָט זיך דערשלאָגן צום צודעק פון געווער־מאַגאַ־זין, וואָס איז געווען זיבן פוס אין דער טיף. דאָרט האָט מען אַנט־דעקט פופציק שטיק געווער, צווישן זיי שווערע קוילן־וואַרפערס, מאַשין־געווער און טויזנטער קוילן און אַנדערע מינים אמוניציע. זיי זיינען דאָרט געלעגן אַ לאַנגע צייט און ס'איז געווען צו באַוווּנ־דערן ווי אַזוי די הינט האָבן אַנטדעקט אַ באַהעלטעניש פון אַזאַ טיפקייט. דאָס איז געווען אַ סוד פאַר אַלעמען, אַ חוץ די הינט אַליין.

אין רוחמה איז אויך געווען אַן ענלעכע אַנטדעקונג. לענג־אויס אַ נייער געביידע האָט אַ גרויסע קופּע שטיינדלעך פאַרדעקט דעם אַריינגאַנג אין אַ טיפן געהיימען מאַגאַזין. אויך דאָ האָבן די הינט געשמעקט. האָט מען די שטיינדלעך אַוועקגעשאַרט און מ'האָט אַנטדעקט אַ טיפע קיילעכדיקע גרוב — פול מיט געווער. דאָס איז געווען אַ רייכע קאָלעקציע פון כלערליי געווער־טיילן, מינעס, אויפרייס־מאַטעריאַל און אמוניציע.

זינט דאַן האָבן שוין די הינט באַשטימט דעם גורל פון דער אָפּעראַציע, וואָס האָט זיך אינגאַנצן אַנטוויקלט לויט זייער גע־מיט־צושטאַנד. אין געוויסע שעהן פון טאָג האָבן די הינט נישט אַרויסגעוויזן קיין באַזונדערן אינטערעס צו זייער אַרבעט. אין מיטן טאָג האָבן די היצן אויסגעשעפּט זייער ענערגיע. צום סוף זיינען די זעלבער געוואָרן אָפּהענגיק אינגאַנצן פון די הינטישע קאַפּריזן. צי ווייל דער זוכערישער כוח פון די הינט איז אויסגע־גאַנגען שוין אין דעם ערשטן טאָג, צי ווייל עס זיינען מער נישט געווען קיין געווער־מאַגאַזינען, נאָר אין די ווייטערדיקע דריי טעג האָט מען שוין אַנטדעקט נאָר ליידיקע באַהעלטענישן".

די קיבוצים „רוחמה" און „דורות" זיינען געווען אַרומגערינגלט דורך גרויסע מיליטער־איינהייטן און זיינען אַבסאָלוט אָפּגעריסן געוואָרן פון יידישן ישוב. אונדזערע ראַדיאָ־פאַרבינדלער זיינען געווען פאַרשפּאַרט און־

טער די אָפּצוימונגען צוזאַמען מיטן גאַנצן קהל. אָבער די חברים פון די באַלאַגערטע פּונקטן האָבן באַשלאָסן דורכצוברייכן די איזאָלאַציע. אַ חברטע פון רוחמה האָט זיך אַרויסגערופן, אַז זי וועט „שווער קראַנק ווערן". אַ מי־ליטערישע מאַשין איז געווען געצוווּנגען זי אָפּצופירן קיין רחובות אין קראַנקנהויז. דאָרט איז זי געלעגן אונטער דער השגחה פון פּאָליציאַנטן און זעלנער, אָבער דאָך איז איר געלונגען זיך צו פאַרבינדן מיט די געהעריקע אינסטיטוציעס און זיי אינפאָרמירן וועגן די רעוויזיעס און וועגן דער רואי־נירונג פון ביידע קיבוצים.

אין עטלעכע שעה אַרום האָט „קול ישראל" טראַנסמיטירט אַן אויפֿ־דיציע וועלכע האָט די באַלאַגערטע קיבוצים אַליין איבערגעגעבן די פאַקטן און די ווערטער פון דערמוטיקונג פאַר זיי מצד דעם ישוב:

„היינט וועלן מיר ריידן וועגן אַ געוויסן ענין: דאָס איז די רעוויזיע אין דורות און אין רוחמה. וואָס לערנט אונדז די דאָזיקע רעוויזיע?

אין דעם געהיימען דאָקומענט פונעם מיליטער, וועלכער אַנט־האַלט דעם פּלאַן פון אַנגריף אויפן ישוב — אַ דאָקומענט, וועלכן מיר האָבן פאַרעפנטלעכט פאַרן 29סטן יוני, און איז באַשטעטיקט געוואָרן אין יענעם טאָג — איז געווען באַשטימט אַ בכבודיקער פּלאַץ אויך פאַר רוחמה און דורות. די דאָזיקע ביידע ישובים זיי־נען באַצייכנט געוואָרן ווי געוווער־צענטערן, וואָס לויט דער מיי־נונג פון דער מאַכט שטייען זיי לויט זייער חשיבות באַלד נאָך יגור.

די „רעוויזאָרן" האָבן נישט געפונען אין דורות און רוחמה דאָס וואָס זיי האָבן געזוכט. אין דעם גאַנצן כעס פון אַנטוישונג האָבן זיי אויסגעלאָדן אין מעשים פון געמיינער אויפפירונג לגבי מענטשן און אין וואַנדאַליסטישע מעשים פון צעשטערונג פון פאַרמעגן. דאָס וואָס די מאַכט־אָרגאַנען האָבן נעבעך קיין הצלחה נישט גע־האַט דערמוטיקט אונדז, אָבער מיר טאָרן זיך נישט באַרואיקן. יעדע מינדעסטע הצלחה פון דער מאַכט אינספּירירט זי פאַרצוזעצן און צו זוכן נייע הצלחות. אָבער אויך אַ דורכפאַל רופט אַרויס נייע אָנשטרענגונגען מחמת ער רייצט און דערצערנט. מיט די רעוויזיעס אין דורות און אין רוחמה איז נאָך בשום אופן נישט פאַרענדיקט דאָס קאַפּיטל פון אָט די אונטערזוכונגען, צי זיי וועלן באַנייט ווערן מאָרגן, אָדער מ׳וועט אונדז לאָזן זיך אָפּרוען.

די רעוויזיעס אין דורות און רוחמה האָבן ווידער באַשטע־טיקט אונדזער איבערצייגונג, אַז די מאַכט פּלאַנעוועט ווייטער צו רעאַליזירן דעם פּלאַן פון 29סטן יוני, און אַז מיר וועלן נאָך האָבן צו טאָן מיט אַזעלכע אַרויסשפּרינגענישן. די רעוויזיעס אין

דורות און רוחמה באוויזן ווידער אַמאָל, אַז די מאַכט וויל צע־שמעטערן און אונטערדריקן דעם יידישן ישוב.

יעדער ייד, ווו ער זאָל נישט זיין דאַרף אָפּלערנען אַ לעקציע פון אָט דער לעצטער רעוויזיע: זיך נישט באַרויִקן, נישט פּאַנ־טאַזירן, נישט אונטערגעבן זיך!

דער פּלאַן צו צעברעכן דעם ישוב באַהערשט די מאַכט אין לאַנד און די הכנות צו די ווייטערדיקע עטאַפּן פון דאָזיקן פּלאַן זיינען געמאַכט געוואָרן געהיים, אָבער פּלייסיק. דער דאָזיקער פּלאַן ציט זיך פון יגור ביז רוחמה און נאָך ווייטער. ווייל דאָס איז דער פּאַסיקער אויסדרוק פאַר דער שלום־קאָנפערענץ אין לאָנדאָן, ווייל דאָס איז די מעלאָדיע וואָס איז באַשטימט צו אַקאָמפּאַנירן דעם ענגליש־אַראַבישן ליבע־דועט אין לאָנדאָן".

ווי אַ צוגאָב צום קאַפּיטל דורות־רוחמה לאָמיר ברענגען די באַמער־קונגען פון אַן אַרטיקן עדות — דאָס איז דער הגנה־קאָמאַנדיר פון רוחמה צו יענער צייט:

„די שילדערונג פון דער רעוויזיע וואָס ווערט געגעבן אין ווילסאָנס בוך איז בערך ריכטיק, הגם דער אויטאָר דערציילט נישט וועגן די פיל צעשטערונגען וואָס דאָס מיליטער האָט געמאַכט אויפן אָרט. דאָס אַלץ, אַ חוץ די נאַצישע אויפשריפטן וועלכע זיינען געשריבן געוואָרן אויף די ווענט פון אונדזערע הייזער, איז פאָטאָגראַפירט געוואָרן און ווערט אָפּגעהיטן אין אלבום פון קי־בוץ צו אייביקער שאַנד...

לויט ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט מיט ש"י־קאָמאַנדיר פונעם דיסטריקט האָבן מיר פונאַנדערגעוואָרפן שטיקער אייזן אונטערן באָדן אינעם הויף פון דער ווירטשאַפט, כדי צו פאַרפירן די אונ־טערזוכער. די דאָזיקע „רעגולאַציע" האָט געהאַט דערפאָלג און האָט אונדז געדינט ווי אַ קוואַל פון דערמונטערונג און געלעכטער אין משך פון די זיבן טעג בלאָקאַדע. עס איז געווען אַ מחייה צו זען ווי די זעלנער האָרעווען נעבעך, שוויצן און גראָבן אין דער ערד און געפינען אַ פאַרזשאַווערטן טשוואָק אָדער אַ צעבראָכענע ראָד...

איך בין געווען „דער קוכער" וואָס האָט דערלאַנגט עסן און־דזערע פאַרהאַלטענע חברים אין די צימערן צי אונטער די דראָט־אָפּצוימונגען. דעריבער האָב איך זיך געקענט פריי באַוועגן איבערן משק און געקענט הנאה האָבן פון דאָזיקן ספּעקטאַקל, זען ווי אונדזער איינפאַל האָט זיך איינגעגעבן.

וואָס איז זיי געלונגען צו געפינען? עטלעכע אייזערנע פרענטן אין פאָרם פון באָמבעס, וואָס האָבן געדינט אונדזערע מי־

ליטערישע איבונגען און אַן אַלטע טערקישע ביקס, וואָס איז נישט געווען קיין זין זי אויסצובאַהאַלטן — האָט מען זי דעריבער אַריינגעוואָרפן אין אַ נאַפט־בלעך אין גאַראַזש און פון דאָרטן איז זי אַרויסגעשלעפּט געוואָרן מיט פּאַראַד.

דאָס איז געווען דער גאַנצער אוצר וואָס זיי האָבן געפונען אין רוחמה. אין דורות האָבן זיי אַנטדעקט איינע פון די קליינע באַהעלטעניש, וואָס האָט אַנטהאַלטן נאָר עטלעכע צענדליק קליינע כלים. אָט די דאָזיקע הצלחה איז אויך געקומען אַ דאַנק דעם, וואָס די ערד איז דאָרט געווען צעריעט און מ׳האָט דעם פּלאַץ נישט גענוג פּאַרמאַסקירט. דערפון דרינג איך, אַז דער אָפיציר ווילסאָן האָט זיך פּערזענלעך נישט באַטייליקט אין דער רעוויזיע, נאָר ער האָט געהערט וועגן דעם פון אַנדערע. מחמת זייער דורכפאַל האָבן יענע נישט נאָר איבערגעטריבן די מעשה פונעם געפונענעם געווער, נאָר זיי האָבן אויך דערציילט פאַנטאַסטישע מעשיות עפּעס וועגן הינט וואָס זיינען פעאיק צו אַנטדעקן מעטאַל. די מעשה איז שיין פאַר זיך אַליין, אָבער דאָס איז פשוט נישט אמת.

די הינט וואָס זיינען געבראַכט געוואָרן האָבן נאָר אַנטדעקט ווי נערוועז עס זיינען געווען די הערן אָפיצירן. די טעג זיינען געווען הייסע און די הינט האָבן נישט געוואָלט זיין אויף דער זון, האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט אין אַ שאָטן. דער שאָטן איז זיי בעסער געפעלן געוואָרן בעסער ווי די ברענענדיקע זון. און ווען מ׳האָט געגראָבן אין די ערטער וו די הינט זיינען געזעסן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אפילו שטיקער אייזן זיינען דאָרט נישט געווען..."

די אָפּקלאַנגען פון דער דאָזיקער רעוויזיע האָבן מיט דער הילף פון „קול ישראל" און אונדזערע פּובליקאַציעס דערגרייכט קיין אויסלאַנד. די וועלט־פּרעסע האָט דעם ענין ברייט פאַרעפנטלעכט, און מ׳קען נישט זאָגן, אַז דאָס קאַפּיטל האָט פאַרשאַפט כבוד די יעניקע מאַכטהאָבער, וועלכע האָבן אומזיסט געפּרוווט אָוועקרויבן פון יידישן ישוב זיין שוץ־געווער און האָבן דורך דעם זיך אַליין געמאַכט צו שאַנד און צו שפּאָט.

די ענגלענדער לויבן דעם פּלמ״ח

אונדזערע חברים אין בריטישן געהיים־דינסט האָבן אונדז געבראַכט פאַרשיידענע ידיעות וועגן דעם רעספּעקט וואָס די ענגלענדער פילן בנוגע דעם פּלמ״ח. מיר האָבן געהערט אַזעלכע מינים קאָמפּלימענטן: „די פּלמחניקעס זיינען געוואַגטע גערילאַ־קעמפער"; „זיי זיינען אומדערשראָקענע חברה־לייט", „זיי שטייגן אפילו איבער די שטורעם־איינהייטן פון דער בריטישער פּאָליציי גופא".

די דערציילונגען וועגן די העלדישע מעשים פון פלמ״ח האָבן אָפטמאָל געהאַט אַ כאַראַקטער פון וווּנדערלעכע לעגענדעס און זיינען אין פיל פאַלן געווען די פּרוכט פון דער פאַנטאַזיע פון די דעטעקטיוון גופא — פון אַט די פּראָפעסיאָנעלע ראַפּאָרט־שרייבער. אָבער די דאָזיקע דערציילונגען האָבן געהויבן דעם אָנזען פון פלמ״ח אין די אויגן פון דער פאָליציי. אין די טעג פון אונדזער קאַמף האָבן מיר איינגעזען דערין אַ ביז גאָר געוווּנטשענע דער־שיינונג. אין די ראַפּאָרטן וועלכע האָבן זיך געפונען אין די טעקעס פון געהיים־דינסט, האָט מען געקענט אַרויסלייענען, אַז „די פלמ״ח־מענטשן זיינען דער בעסטער עלעמענט פון דער הגנה״; ס׳רוב פון זיי זיינען געווע־זענע פאַרטיזאַנער אין אייראָפּע, די אַנטיילנעמער פון די „נאַכט־אָפּטיילונ־גען״, וועלכע האָבן געקעמפט מיטן קאַפּיטאַן ווינגייט אין יאָר 1938 אין ארץ ישראל, אָדער זעלנער וועלכע זיינען אויסגעשולט געוואָרן דורך בריטישע אָפיצירן אין די טעג פון אַל־עלמיין, ווען מ׳האָט דערוואַרט אַן אינוואַזיע פון די דייטשן אויף ארץ ישראל און אַט די בחורים האָבן געדאַרפט בלייבן אין לאַנד אויסצופירן דיווערסיע־אַקטן און צו אַנטוויקלען אַ פּאַרטי־זאַנישן קאַמף קעגן די דייטשן. געווען אויך בחורים, וועלכע האָבן געהערט צו דער אַזוי גערופענער „דייטשער אָפּטיילונג״, וואָס איז געווען באַשטימט צו קעמפן הינטער די דייטשע ליניעס.

אין איינעם אַ ראַפּאָרט פון מיליטערישן זיכערקייטס־דינסט פון 14טן אויגוסט 1946, לייענען מיר:

> „פלמ״ח ווערט פאַררעכנט פאַר דעם צום בעסטן אויסגע־שולטן באַוואָפנטן כוח, וואָס ווערט אָנגעפירט אין דער בעסטער פאָרם און אונטער דער בעסטער קאָמאַנדאַ אין מיטעלן מזרח (נאָך די בריטן). די קאַנדידאַטן פאַרן פלמ״ח ווערן אויסגעקליבן פון צווישן די הגנה־חברים, נאָך דעם ווי זיי מאַכן דורך אַ קורס פון צוועלף טעג. די אויסוואַל ווערט געמאַכט לויט דער בריטישער סיס־טעם. אויפן קורס וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן פאַר דער לעצטער צייט זיינען אָנגענומען געוואָרן נאָר 24 מאַן, פון צווישן 85 קאַנדי־דאַטן, וועלכע האָבן מצליח געווען, מאַכן דורך צוגאָב קורסן פון 14 טעג און פון פיר וואָכן...״

ווי געזאָגט, זיינען מיר אין דער תקופה פון אונדזער געראַנגל געווען פאַראינטערעסירט, אַז די פאָליציי זאָל איבערשאַצן דעם „געוואַלדיקן כוח״ פון פלמ״ח און פון דער הגנה. געווען אויך פאַלן, ווען די וואָרטזאָגער פון דער הגנה האָבן אַליין געזאָרגט נאָך מער צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון אונדזערע כוחות...

אויך ש״י איז געווען אַ שותף אין דער דאָזיקער מלאכה — „צו מאַכן אַ שטאַרקן רושם״. אין טיילמאָל פלעגן מיר דערציילן אויסערגעוויינלעכע מעשיות וועגן די גבורה־טאַטן פון די פלמ״ח־בחורים — מיט דער כוונה אַז

דער אָפּקלאַנג פון די דאָזיקע מעשיות זאָל דערגרייכן צו די אויערן פון בריטישן געהיים־דינסט, וואָס האָט במילא געציטערט פאַרן דאָזיקן כוח. פאַרשטייט זיך, אַז אונדזערע דערציילונגען, וועלכע מיר האָבן פאַרשפּרייט, האָבן נישט אַנטהאַלטן קיין אייגצלהייטן, אָדער וועלכע ס'איז קאָנקרעטע פאַקטן, וואָס וואָלטן געקענט ברענגען שאָדן דער זאַך. אָבער אונדזער ציל איז פולשטענדיק דערגרייכט געוואָרן.

געוועזן אַ פאַל ווען אַ פּלמ"ח־אָפּטיילונג האָט מינירט די שיף „עמפּייר ראַיאַל", וואָס איז געווען באַשטימט אַרויסצופירן די געכאַפּטע „אומלעגאַלע עולים". דאָס איז געשען דעם 21סטן אויגוסט 1946. דער אָפיציעלער ראַ־פּאָרט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט, האָט גערעדט מיט אַ לשון, וואָס האָט קלאָר באַוויזן, אַז די פאַנטאַזיע פון די ראַפּאָרט־שרייבער האָט ווייט אַריבערגעשטיגן די ווירקלעכקייט. די אמתע מעשה איז געווען אַזאַ:

צוויי חברים פון דער ים־אָפּטיילונג פון פּלמ"ח זיינען אַרויסגעפאָרן אין ים ווי כלומרשטע פישער אויף אַ פישער־שיפל. נישט ווייט פון דער שיף זיינען זיי פון זייער שיפל אַרויסגעשפּרונגען און זיך געלאָזט שווימען צו איר. די שיף האָט געאַנקערט אין אָפענעם ים אַנטקעגן דעם ברעג, וווּ ס'גע־פינט זיך די פאַבריק „שמן" אין חיפה. צוגעשווומען צו דער שיף, האָבן זיי צוגעקלעפּט צו איר „אַ פייאוועקע" (אַ מינע) און זיך צוריקגעקערט. אָבער די אַרבעט איז נישט געלונגען. די „פייאוועקע" האָט נישט אויפגעריסן. האָבן זיי אין צוויי טעג אַרום זיך ווידער צוריקגעקערט און דאָס מאָל האָבן זיי זיך באַנוצט מיט אַ שטאַרקערער מינע. דאָס מאָל האָט די מינע אויפגעריסן און אויסגעבויערט אַ גרויסע לאָך אין דער שיף.

מיר האָבן געוווּסט, אַז די פראַזשעקטאָרן פון דער שיף האָבן אַנט־דעקט די בחורים, וואָס זיינען געשווומען אין די ים־כוואַליעס און אַז די זעלנער האָבן געעפנט אויף זיי אַ פייער. צו אונדזער גליק, זיינען די בחו־רים נישט געטראָפן געוואָרן.

ווען מיר האָבן וועגן דער דאָזיקער אַקציע געלייענט אין דער אינפאָר־מאַציע פון דער פּאָליציי, האָבן מיר נישט געקענט נישט באַאייגפלוסט ווערן פון דער זייער פּאָעטיש־דראַמאַטישער שילדערונג פון אָט דער געשעעניש, וואָס איז געווען אַ געוויינלעכע אַקציע און האָט זיך געענדיקט אָן פאַרלוסטן. מ'דאַרף אָננעמען, אַז אָט די איבערגעטריבענע, מיט געפילן דורכגעדרונגע־נע שילדערונגען, וואָס די פּאָליציי פלעגט געבן אונדזערע אַקציעס, האָבן געדאַרפט ווי ס'איז פאַרענטפערן דעם דורכפאַל פון מעכטיקן בריטישן פלאָט — דעם דורכפאַל פון גלית'ן קעגן דודן — דער פלאָט וואָס האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן קעגן דעם אויסערגעוויינלעכן מוט פון אַ פּאָר פּלמ"ח־בחורים.

זינט דער העפלה — די אומלעגאַלע עליה — איז געשטעלט געוואָרן אין צענטער פון אונדזער קאַמף קעגן דער מאַכט, זיינען די פּלמחניקעס,

וועלכע האָבן על פּי רוב אָט די אַקציעס אויסגעפירט, געוואָרן דער אָביעקט פון שטאַרקן אינטערעס מצד דעם בריטישן געהיים־דינסט. ש״י פלעגט באַקומען פיל אינפאָרמאַציעס וועגן דעם, וואָס די פּאָליציי ווייסט בנוגע דעם דאָזיקן ענין. פיל ידיעות האָט דער שטאַב פון דער העפלה אַליין אַרויסבאַקומען דורך אירע דירעקטע פאַרבינדונגען מיט די באַאַמטע פון דער בריטישער עליה־אָפּטיילונג און אויך פון אַנדערע קוואַלן.

פון צייט צו צייט פלעגן מיר זיך דערקונדיקן, אַז דער געהיים־דינסט ווייסט וועגן אַ באַשטימטן העפלה־שליח, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אין גלות (אַזעלכע שליחים פלעגן אַרויספאָרן אָרגאַניזירן די עליה אויף אומלעגאַלע דרכים), אָדער האָט אַ חשד בנוגע געוויסע האַפן־אַרבעטער, אין אייניקע פאַלן איז דער חשד געווען באַגרינדעט. פלעגן מיר פיל האָרעווען, כדי אויסצובאַהאַלטן אונדזערע אַקציעס און פאַרווישן די שפורן. מיר פלעגן זאָרגן דערפאַר, אַז די פּאָליציי זאָל באַקומען אַזאַ אינפאָרמאַציע, וועלכע זאָל זי פאַרפירן אין אַ זייט, אויף אַנדערע רעלסן, — על פּי רוב — אויף פאַנטאַסטישע און אומשעדלעכע וועגן. ש״י און אונדזער עליה־אינסטיטוציע פלעגן דאָס מאַכן מיט דער הילף פון זייערע טרייע חברים אין דער פּאָליציי, אין געהיים־דינסט און אין דער עליה־אָפּטיילונג פון דער רעגירונג.

לאָמיר דאָ ברענגען אייניקע פראַגמענטן פון אַ מעמאָראַנדום, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן דורכן בריטישן געהיים־דינסט און איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט:

„פל־ים (פלוגת ים, די ים־אָפּטיילונג פון פלמ״ח) באַשטייט פון יונגע מענטשן פון די פישער־דערפער ביים ברעג ים און אויך פון אַנדערע מענטשן, וועלכע האָבן אַ ידיעה אין שיף־פירונג. מען בילדעט זיי אויס ספּעציעל אויף צו באַשעפטיקן זיך מיט דער אומלעגאַלער עליה. די ראַפּאָרטן באַגנוגענען זיך מיטן פעסטשטעלן אַ פאַקט, אַז מ׳לערנט בחורים אַנצופירן מיט שיפלעך, צו דערלאַנגען די ערשטע הילף און אונטערשטיצונג, אָבער לאָגיש גערעדט, מוז מען אָננעמען, אַז מ׳לערנט זיי אויך זיך צו באַנוצן מיט געווער און אַז זיי באַטייליקן זיך אין די קורסן פון פלמ״ח. איינע פון זייערע אויפגאַבעס איז נאָכצושפירן ווען אומלעגאַלע עולים־שיפן דערנענטערן זיך צום ברעג, זיי צו באַגעגענען מחוץ פון די טעריטאָריעלע וואַסערן און אַריבערצוברענגען די עולים אויפן ברעג. מען איז משער, אַז די פאַרשטייער פון „פל־ים״ זיינען אונטער פאַרשיידענע תירוצים אָפּגעשוומען קיין אייראָפּע, כדי דאָרט צו קומען אין פאַרבינדונג מיט די אָרגאַניזאַציעס פון די אומלעגאַלע עולים און אָפּצופירן די שיפן אין באַשטימטע פונקטן ביי די ברעגעס פון ארץ ישראל.

הגם מ׳דאַרף אָננעמען, אַז די מערהייט פאַרשטייער פון דער

יידישער אַגענץ אין דרום־אייראָפּע, אין מזרח און אין לבנון, האָבן ענגע פאַרבינדונגען מיט דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע, ווערן באַזונ־דערס פאַרצייכנט די נעמען פון איהור איבעראל (היינט — אבריאל) און ד"ר יוסף גאָלדין פון ארץ־ישראל־ביוראָ (יידישע אַגענץ) אין איסטאַמבול.

קיין צווייפל נישט, אַז אַ היפּשער טייל פון דער דאָזיקער אַר־בעט — די איבונגען אין שיף־פירונג — ווערט דורכגעפירט אין דער פאָרם פון ספּעציעלע ים־איבונגען לענגאויס דעם ברעג אונ־טערן צודעק פון פאַרשיידענע ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס, ווי למשל „הפּועל", „אליצור", „דגל ציון", „זבולון", ווי אויך די ים־שול ביים טעכניקום אין חיפה, ים־קלוב „כרמל", ים־קלוב אין תל־אביב — זיי אַלע זיינען פאַרטראָטן אין דער ישראלדיקער ים־ליגע.

אַקטיווע חברים פון די ים־סעקציעס פון די אָנגערופענע אָרגאַ־ניזאַציעס זיינען פון צייט צו צייט אידענטיפיצירט געוואָרן ווי וויכטיקע טוער פון דער הגנה.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די ים־סקאוטן פון „הפּועל" אין נתניה האָבן זייערע ערשטע צוויי שיפלעך אָנגערופן אויף די נעמען פון צוויי הגנה־אָנפירער, דעם פאַרשטאָרבענעם דב הוז און אליהו גאָלאָמב.

ס'רוב אינפאָרמאַציע אין דאָזיקן ראַפּאָרט איז ריכטיק, אָבער זי איז פון אַזאַ אַלגעמיינעם כאַראַקטער, אַז זי האָט מיט זיך נישט פאָרגעשטעלט קיין שום געפאַר. אייניקע איינצלהייטן זיינען איבערגעטריבן, דהיינו — דער פּונקט וואָס שטעלט פעסט, אַז כלומרשט אַ ל ע ספּאָרט־פאַראיינען און אפילו שיפס־געזעלשאַפטן אין ארץ ישראל זיינען פאַראייניקט און זיי־נען טעטיק אויפן געביט פון דער „אומלעגאַלער עליה". אָבער די דאָזיקע גוזמא האָט אונדז נישט געשעדיקט. אדרבא, עס איז געווען דערפון אַ נוצן פאַר אונדז.

ס'איז געווען בעסער, אַז די מאַכט־אָרגאַנען זאָלן גלויבן אַז מיר אַלע אָן שום אויסנאַם זיינען פאַראייניקט אין אַנטי־בריטישן קאַמף. דאָס וויכטיקסטע אין דאָזיקן ראַפּאָרט איז דאָס וואָס די מאַכט באַציט זיך זייער ערנסט צום „פּל־ים" — מיט דער זעלביקער ערנסטקייט ווי זיי האָבן זיך באַצויגן צו דער הגנה און צום פּלמ"ח. גוט איז געווען, וואָס זיי האָבן אַזוי הויך געשאַצט אונדזער כוח — מער ווי דאָס איז געווען אין דער ווירקלעכ־קייט.

די מעשים פון דער ים־אָפּטיילונג פון פּלמ"ח האָבן אָן צווייפל באַ־רעכטיקט אַזאַ ערנסטע באַציאונג.

דער בריטישער געהיים־דינסט האָט געהאַט אויך „געהיימע" ידיעות, אָבער ס'רוב זיינען דאָס געווען יענע סודות, וועלכע מיר אַליין האָבן זיך באַמיט צו פאַרשפּרייטן פון אונדזער טובה וועגן.

א פ ר י ם ד ק ל

די וואַליזעס פון בן־גוריונען

די באַציאונגען צווישן דער מאַנדאַט־מאַכט און דעם יידישן ישוב מיט זיינע אינסטיטוציעס האָבן זיך געביטן אין פאַרשיידענע צייטן. על פי רוב האָבן זיך די מאַכט־אָרגאַנען באַצויגן צו די אָנפירער פון ישוב און צו דער יידישער אָגענץ מיט אַ קאַלטלעכער דזשענטלמענישקייט. דאָס האָט באַדייט, אַז די רעגירונג האָט אייגנטלעך דע פאַקטאָ אנערקענט די אָנפירער פון ישוב ווי זיינע רעפּרעזענטאַנטן, וואָס מ׳דאַרף זיך באַציען צו זיי קאָרעקט אָדער טאָלעראַנט. די ישוב־אָנפירער האָבן געגאָסן אין אַ געוויסער מאָס פון דער אימוניטעט, וואָס ווערט געגעבן מענטשן פון דער מאַכט אָדער פון דיפּלאָמאַטישן קאָרפּוס.

די מיטגלידער פון דער יידישער אָגענץ האָבן געהאַט דורכגאַנגס־שיינען אין דער צייט, ווען ס׳פלעגט דערקלערט ווערן אַן אַרויסגאַנגס־פאַרבאָט. מיר זיינען געווען גענייגט אַפילו צו טראַכטן, אַז זיי זיינען באַוואָרנט אויך קעגן רעוויזיעס. אָבער די תקופה פון די מאַנדאַט־צייטן, ווען די הערשער האָבן פאַרלוירן דאָס געפיל פון אָריענטאַציע, האָט אונדז געוויזן, אַז דאָס איז נישט אַזוי: מ׳האָט אָפּגענומען פון דער אָגענץ־פאַרשטייער אַלע זייערע רעכט. נאָך מער אין די אויגן פון דער מאַכט זיינען זיי געווען די מנהיגים פון הגנה און פלמ״ח. אמת, מ׳האָט נישט געהאַט קיין גענוגנדיקע באַווייזן, וואָס זאָלן דערמעגלעכן צו האַלטן זיי אונטער אַרעסט. אָבער מ׳האָט געקענט לכל הפחות אָנווענדן בנוגע זיי רעפּרעסיעס. די ישוב־אָנפירער האָבן געוווסט, אַז זיי געניסן שוין מער נישט פון אימוניטעט און אַז זיי זיינען אויך אויסגעשטעלט ווי יעדער ייד אין ארץ־ישראל אויף פּלוצימדיקע „וויזיטן" און רעוויזיעס.

זיי זיינען געוואָרן „פאַרדעכטיקטע טיפּן". האָט מען געדאַרפט אַנטעמען פאַרזיכט־מיטלען און ש״י האָט באַקומען נייע אויפגאַבעס.

דוד בן־גוריון, דער פאַרזיצער פון דער יידישער אָגענץ האָט געהאַט אַ גרויסן אוצר פון מאַנוסקריפּטן: אָפיציעלע דאָקומענטן און האַלב־אָפיציעלע בריוו, מעמאָראַנדומס, פּלענער וכדומה. ש״י האָט גענומען אויף זיך די אויפגאַבע אויסצוהיטן די דאָזיקע טעקעס און צו באַוואָרענען אין פאַל פון נויט אַ שנעלן צוטריט צו יעדער טעקע.

דאָס גאַנצע מאַטעריאַל איז סאָרטירט געוואָרן לויט די באַזונדערע טעמעס און איז פאַרפּאַקט געוואָרן אין אַכט וואַליזעס פון מיטעלער גרייס, כדי עס זאָל זיין באַקוועם זיי איבערצופירן. דאָס זיינען געווען געוויינלעכע וואַליזעס. זיי זיינען אָוועקגעשטעלט געוואָרן ביי אַ יידישן פּאָליציי־מאַן, וואָס איז געווען אַ חבר אין דער הגנה און אַ מיטאַרבעטער פון ש״י: זיין הויז איז געווען געזיכערט אין פאַל פון אונטערזוכונגען.

די וואַליזעס זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן פון בן־גוריונס הויז אין דער וווינונג פון דעם אָפיציר אין אַ פּריוואַטן אויטאָ. אַ יידישער פּאָליציאַנט

איז געזעסן אין אויטאָ, כדי מ׳זאָל זיין זיכער, אַז ס׳וועט נישט דורכגעפירט ווערן אַ פּלוצימדיקע רעוויזיע.

זינט דאַן איז צווישן דער וווּגונג פון אָפיציער און בן־גוריונס הויז איינגעשטעלט געוואָרן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג. ווען מ׳פלעגט דאַרפן אַ געווויסע טעקע, פלעגט מען געבן אַן אָנווייזונג צו ברענגען אַ באַשטימטע וואַליזע. דאָס אָרט ווו בן־גוריונס וואַליזעס זיינען געווען פאַרשטעקט איז געהאַלטן געוואָרן בסוד — האָט דעריבער דער ש״י־קאָמאַנדיר אַליין געמוזט זיין דאָס שיק־יינגל אין אַזעלכע פאַלן. די וואַליזע פלעגט געבראַכט ווערן אין אַן אויטאָ און מ׳פלעגט שטענדיק זאָרגן דערפאַר, אַז זי זאָל באַגלייט ווערן דורך אַן אוניפאָרמירטן פּאָליציאַנט.

געווען פאַלן, ווען די נייטיקע טעקע, אָדער דאָקומענט זיינען נישט געווען אין דער געבראַכטער וואַליזע. פלעגט מען מוזן פאָרן אַ צווייט מאָל און געגאַנגען אינגאַנצן גלאַט. ש״י האָט דורכגעפירט אויך די דאָזיקע אויפגאַבע ברענגען אַן אַנדערע וואַליזע. אָט די אַלע משונהדיקע נסיעות זיינען אַדורכמיט דער זעלביקער טריישאַפט, ווי פיל אַנדערע אויפגאַבעס.

די וואַליזעס פון דוד בן־גוריון, דעם דעמאָלטיקן פאָרזיצער פון דער אַגענץ־לייטונג, און דעם היינטיקן פרעמיער־מיניסטער, איז געווען אַ רינגעלע אין דער לאַנגער קייט פון די מעשים פון ש״י.

אויסנאַם־געזעצן ווי אַ מיטל פון שאַנטאַזש און נקמה

די אויסנאַם־געזעצן האָבן געהאַט יענע מעלה, וואָס די בריטישע געהיים־דינסט האָט געקענט זיי אויסניצן כדי עמעצן צו באַשולדיקן, אַז ער איז „געפערלעך" פאַר דער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, אַז ער געהערט צו אַן אומלעגאַלער אָרגאַניזאַציע, אָדער אַז ער איז סתם „אומגעוווּנטשן". און דאָס איז געווען גענוג מ׳זאָל דעם מענטשן אַרעסטירן און האַלטן אים אין תפיסה אָדער אין אַן אַרעסט־לאַגער, ביז דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר וועט געפינען פאַר נייטיק אים צו באַפרייען.

די געהיים־דינסט פלעגט צונויפשטעלן די רשימות פאַר אַזעלכע אַדמיניסטראַטיווע שטראָפן. קיין שום אַנדער פאַקטאָר האָט נישט געקענט זיך אַריינמישן אָדער זאָגן אַ דעה אין אַזעלכע ענינים. געווען פיל פאַלן ווען עס זיינען פאַרהאַלטן געוואָרן אַבסאָלוט אומשולדיקע מענטשן: זיי האָבן קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער הגנה, צו דער אומלעגאַלער עליה. „בעסער עס זאָלן אַרעסטירט ווערן צענדליקער אומשולדיקע, איידער עס זאָל אַרומגיין פריי איינער אַ שולדיקער" — האָט געזאָגט איינער פון די אָנפירער פון געהיים־דינסט. און דער דאָזיקער כלל איז טאַקע אָנגעווענדעט געוואָרן אין לעבן.

פאַרשטייט זיך, אַז אין די מאָטיוון פון די דאָזיקע אַרעסטן זיינען געווען פאַרמישט אויך פריוואַטע חשבונות פון כלערליי דעטעקטיוון, וועלכע

האָבן געוואָלט דערווייזן דערמיט זייער פליייסיקייט, אָדער זיי פלעגן זיך באַנוצן מיט די אַרעסטן צוליב פּערזענלעכער נקמה. געווען פאַלן אויך פון שאַנטאַזש כדי אונטער דער דראָאונג פון אַרעסט אויסצופּרעסן געלט.

ווי געזאָגט, פלעגן די דאָזיקע אַרעסטן דורכגעפירט ווערן לויטן ווילד־ווילן פון אַ יחיד אָדער פון יחידים: האָט מען דאָך נישט געדאַרפט ברענגען קיין ממשותדיקע באַווייזן פון דער „שולד“. לויטן געזעץ האָבן אַפילו אַדוואָ־קאַטן גאַרנישט געקענט טאָן ווען ס׳פעלט אַ קאָנקרעטע באַשולדיקונג.

די אַרעסטן וועלכע פלעגן דורכגעפירט ווערן אָן אַן אורטייל פון אַ ריכטער פלעגן פעסטגעשטעלט ווערן אויף אַ האַלב יאָר אָדער אויף אַ יאָר. די געהיים־דינסט האָט געקענט פאַרלענגערן אָדער פאַרקירצן די אַרעסט־צייט און זי האָט געקענט טאָן אין דעם פּרט וואָס זי האָט געוואָלט. כדי דורכצופירן אַזעלכע באַפרייאונגען איז געשאַפן געוואָרן אַ מין קאָמיסיע פון פאָרשטייער פון די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אָבער אויך אין אַט דער קאָמי־סיע האָט שטענדיק דעצידירט די געהיים־דינסט.

פלעגט טרעפן, אַז דער אַרעסטאַנט ווערט פּלוצים באַפרייט נישט וויסנ־דיק די סיבה דערפון, פּונקט ווי ער האָט פריער נישט געוווּסט די סיבה פון אַרעסט. געווען אויך פאַלן, ווען מ׳פלעגט באַפרייען נאָכן אָנגעבן פאַרשיי־דענע בקשות און צושטעלן „באַווייזן“, אָבער אין זייער פיל פאַלן פלעגט מען אים באַפרייען לויט אַ געוויסער שתדלנות, געשטיצט מיט אַ געלט־מתנה...

געווען פאַלן ווען די קרובים פון אַרעסטירטן פלעגן געפינען דעם וועג צום אָפיציר פון געהיים־דינסט, וואָס דער שליסל צו די באַפרייאונגען איז געלעגן אין זיין האַנט, און זיי פלעגן אים „איבערצייגן“ ער זאָל דעם אַרעס־טירטן באַפרייען.

בשעת אונדזער אַרבעט אין ש״י איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז די אַנ־גערופענע קאָמיסיע האָט אין פיל פאַלן אַליין באַשלאָסן צו באַפרייען די אַרעסטירטע, אָדער זי האָט עס באַשלאָסן לויט דער רעקאָמענדאַציע פון גע־היים־דינסט, מחמת מ׳האָט געדאַרפט פאַרקלענערן די צאָל אַרעסטירטע. מעגלעך, אַז מ׳איז געקומען צום באַשלוס, אַז די דאָזיקע מענטשן זיינען נישט מער געפערלעך.

אין אַזעלכע פאַלן האָבן די באַאַמטע אָדער בריטישע דעטעקטיוון פון נידעריקן ראַנג געפונען אַ מקור צו פאַרדינען געלט — נישט טוענדיק קיין זאַך. פלעגט דער באַאַמטער אָדער דעטעקטיוו זיך דערוויסן, אַז ס׳איז פאַ־ראַן אַ רעקאָמענדאַציע צו באַפרייען דעם אָדער יענעם אַרעסטירטן, פלעגט ער דורך אַ „פאַרמיטלער“ זיך ווענדן צו די עלטערן אָדער צו די קרובים פון אַרעסטירטן און זיי מעלדן: „אויב איר ווילט אַז אייער זון זאָל באַפרייט ווערן, איז צאָלט איין אַזויפיל און אַזויפיל און די זאַך וועט דורכגעפירט ווערן אין צוויי־דריי טעג. אינצווישן פלעגט ער אַליין פאַרהאַלטן דעם באַ־פעל וועגן באַפרייאונג ביזן איינצאָלן דאָס געלט. האָט ער דאָס געלט באַ־קומען, לאָזט ער אין גאַנג דעם דאָקומענט וועגן באַפרייאונג און אַזוי אַרום

בייט דער מענטש אַרויס פריי אַ דאַנק „דער טירחה" פון דעטעקטיוו. געווען אויך פאַלן ווען „פאַרמיטלער" פון אַט דעם מין פלעגן קומען צו די קרובים פון דעם באַפרייטן און בעטן דערפאַר זיי צו באַצאָלן, זיי פלעגן טענהן, אַז די באַפרייאונג איז געקומען אין רעזולטאַט פון זייער „רעקאָמענדאַציע". אין באַשטימטע פאַלן איז דער דאָזיקער שאַנטאַזש דערגאַנגען ביז גאָר היפשע מאַסשטאַבן. ווען אַפילו דער קרוב פון באַפרייטן האָט געהאַט אַ חשד, אַז מ׳וויל פשוט פון אים אויספרעסן געלט, פלעגט ער דאָך אָפּצאָלן די מזו־מנים. ער האָט געדענקט דעם כלל, אַז מיטן געהיים־דינסט לוינט זיך נישט איינצורייסן. לגבי די אַרעסטירטע הגנה־מענטשן האָבן מיר פרינציפּיעל זיך אָפּגעזאָגט צו געבן שוחד. די יעניקע וועלכע פלעגן זיך באַשעפטיקן מיטן באַפרייען די הגנה־אַרעסטירטע (דאָס זיינען געווען על פּי רוב מענטשן פון ש״י), האָבן זיך נישט באַנוצט מיטן דאָזיקן וועג, נישט וועלנדיק אונטער־שטיצן שאַנטאַזש־אַקטן.

אַ פריינטלעכער שמועס

לאָמיר ברענגען אַ „פריינטלעכן" שמועס, וואָס איז פאָרגעקומען אין רעכטן ברען פון קאַמף צווישן דעם ש״י־קאָמאַנדיר אין דרום־דיסטריקט פון לאַנד און אַ בריטישן אָפיציר פון געהיים־דינסט וואָס האָט געהאַט אַ יידישע פרוי. דער דאָזיקער שמועס קען וואַרפן אַ ליכט אויפן גאַנצן געפלאָנטער פון באַציאונגען צווישן אונדז און דער מאַכט.

— איז טאַקע ריכטיק, האָט געזאָגט דער אָפיציר, — אַז די הגנה איז פאַקטיש קעגן אונדז? די הגנה־חברים זיינען פאַראַן אומעטום, אויך איר און די אַלע וועלכע זיינען געזעסן מיט אונדז דעם אָוונט זיינען דאָך אויך... (און ער האָט די ווערטער נישט פאַרענדיקט).

— דער בוכשטעבלעכער באַדייט פון וואָרט הגנה איז שוץ, — האָט דער קאָמאַנדיר געענטפערט — וואָס פאַראַ ווערט האָט אַ מענטש, און באַ־זונדערס אַ גאַנץ פאָלק, וועלכעס באַשיצט נישט זיך אַליין און זיין אייגע־נעם כבוד! נאָר אין די איצטיקע טעג איז די הגנה אַ סך מער. אירע כוחות זיינען איינגעגלידערט אין דער „ווידערשטאַנד־באַוועגונג". זי איז דער הויפּט פאַקטאָר אין אַט דער באַוועגונג. די אויפגאַבע פון דער הגנה איז צו ברענ־גען עולים, צו באַזעצן זיי אויפן באָדן, דורכצופירן אַלע באַפעלן פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, צו באַשיצן דאָס יידישע לעבן און פאַרמעגן, און צו זיין דער קערן פון יידישן מיליטער, וואָס וועט באַפרייען דאָס לאַנד פון אויפגעהעצטע און אויך העצערישע פּאַגראָמשטשיקעס.

— ווי אַזוי וועט איר דאָס מאַכן?

— מיר וועלן קודם כל ליקווידירן אַלע אָבסערוואַציע־פונקטן און איינ־ריכטונגען, וואָס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן צום קאַמף קעגן דער העפּלה. מיר וועלן באַפרייען די עולים, וועלכע ווערן ב׳גוואַלד געהאַלטן אין לאַ־

גערן, אַזוי ווי מיר האָבן עס געמאַכט אין עתלית. מיר וועלן נישט אָפּגעבן אונדזער געווער. מיר וועלן זיך ווייטער אַנטקעגנשטעלן די רעוויזיעס, אַרעסטן, דעם גירוש פון די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע עולים״, מיר וועלן זיך באַזעצן אויפן באָדן אין „פאַרבאָטענע״ ערטער. דעם כוח וועלן מיר אַנטקעגנשטעלן כוח און מיר וועלן זיך נישט אונטערגעבן ביז מיר וועלן נישט דערגרייכן די אומאָפּהענגיקייט. געדענקט: די הגנה ווירקט לויט איר געוויסן און לויט די באַפעלן פון פאָלק. זי איז נישט קיין געדונגענע אַרמיי. ס׳רוב פון דער הגנה זייַנען גרייט זיך צו ברענגען ווי אַ קרבן.

— און מיר וועלן ברענגען אַ פערטל מיליאָן זעלנער, מיר וועלן אַרעסטירן די אָנפירער פון דער הגנה און אַלע אַנדערע מנהיגים, מיר וועלן אָפּנעמען דאָס געווער, מיר וועלן אויסגעפינען די קאָמאַנדירן, מיר וועלן דערדריקן דעם אָרגאַניזירטן באַוואָפנטן כוח. און דאַן וועט איר זיך במילא אונטערגעבן.

— ניין, איר וועט דערגרייכן דערמיט דעם היפּוך. יעדע דראַסטישע אַקציע פון אייער צד וועט אַרויסרופן אַזאַ רעאַקציע אין ישוב וואָס אַזוינס האָט איר נאָך נישט געוווסט זינט איר הערשט אין לאַנד. דער גאַנצער יידישער ישוב וועט אויפשטיין קעגן אייך, און בראש וועלן שטיין די אַבציקטויזנט הגנה־חברים, צוזאַמען מיט די פלמ״ח־אייַנהייטן, וועלכע איר קענט גוט. דאָס איז באַקאַנט אויך דער מאַכט פון די מעמאָראַנדומס און ראַדיאָ־אוידיציעס פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג... בעסער איז, אַז איר, די מענטשן פון געהיים־דינסט, זאָלט געבן אַן עצה די מאַכטהאָבער זיי זאָלן נישט פאַרשטאָפּן זייערע אויערן. דער יידישער ישוב האָט נישט קיין צוטרוי צו אָט דער רעגירונג. מחמת אייער נאַרישקייט האָט איר אַליין פאַרלוירן דעם באָדן אונטער אייערע פיס.

— איר האָט אין משך פון דרייסיק יאָר אונטערגעגראָבן די יסודות פון דער מאַכט און איצט ווילט איר קענטיק זי אינגאַנצן ליקווידירן.

— אונדזער שטרעבונג איז אַן אומאָפּהענגיק לאַנד, אין וועלכן עס זאָל זיך נישט אַרייַנמישן אַ פרעמדע מאַכט, מעג זי זיין אפילו פרייַנטשאַפטלעך... נישט דרייסיק יאָר, נאָר צוויי טויזנט יאָר בענקען מיר נאָך אונדזער לאַנד. אייער רעגירונג האָט פאַרלוירן דעם חוש פון אָריענטאַציע און דעם פאַרשטאַנד. זי קעמפט קעגן אונדז אויף דער יבשה און אויפן ים און פאַרטרייבט יידן וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון טויט אין אייראָפּע. מיט אָט די לעצטע מעשים האָט זי באַשטימט איר גורל אין דאָזיקן וועלט־ווינקל. געדענקט און זאָגט עס אייערע שעפן, אַז נאָך יעדער אָפּעראַציע קעגן אונדז וועלן מיר נאָך מער פאַראייניקט און דערמוטיקט אין קאַמף. זייט זיכער: מיר וועלן אונדזערס דערגרייכן!

— צי מיינט איר, אַז די הגנה איז שטאַרקער פון בריטישן מיליטער?

— יאָ, מיטן כוח פון אונדזער ווילן און אונדזער טרייַשאַפט! אייער פעלער באַשטייט דערין, וואָס איר שאַצט נישט אָפּ אונדזער כוח לויט זיין

קוואַליטעט. דערין שטעקט דער סוד פון אייער אויפפירונג און דאָס וועט אייך זיכער ברענגען צו אַ דורכפאַל.

— און ווי האַלט מיט די אַראַבער אין די אַראַבישע לענדער, וואָס זיינען גרייט אייך אויסצוראָטן, אויב מיר וועלן אייך נישט באַשיצן?

— דראָט אונדז נישט מיט די מיליאָנען אַראַבער. מישט זיך ווייניקער, אָדער בעסער געזאָגט, מישט אייך אינגאַנצן נישט און מיר וועלן זיך אייג־אָרדענען ווי ס'איז אָן אייער הילף...

— דאָס באַדייט, אַז די הגנה איז קעגן אונדז מיט איר גאַנצער קראַפט. און דאָס איז גאָר נישט גלייך צו די מעשים פון די איבעריקע קליינע אָרגאַ־ניזאַציעס. אויב די הגנה וועט אַרויסטרעטן קעגן אונדז, הייסט דאָס, אַז מ'דאַרף טראַכטן וועגן מיין מוטער אין ענגלאַנד. כ'בין ביי איר אַ בן־יחיד. מיין קאָנטראַקט מיט דער פּאָליציי ענדיקט זיך אין אַ האַלב יאָר אַרום און אויב איך וועל ביז דאַן נישט „איינגעבירגערט" ווערן אויף אַ וועלכן ס'איז מיליטערישן בית־עלמין, וועל איך פון דאַנעט אַנטלויפן. זאָלן אויפעסן די קאַשע די פּאָליטיקער — די וואָס האָבן זי פאַרקאָכט. אָבער ווי וועל איך מיטנעמען מיט זיך מיין פרוי? זי איז דאָך אַ יידישע טאָכטער... און דאָרט — פאַרשטייט איר דאָך... איך וועל אַרבעטן דאָרט אין מיין באַרוף. איך בין אַ סטאָלער און איך וועל מער נישט לעבן אונטער אַ שטענדיקער סכנה. די מערהייט פּאָליציאַנטן אַנולירן זייערע קאָנטראַקטן און מיר דוכט, אַז זיי טוען דאָס מיט שכל.

— איך האָב אַ געפיל אַז איר האָט פאַרשטאַנען די זאַך. בעסער, אַז איר אַלע זאָלט ציען די זעלביקע קאָנסעקווענצן, באַזונדערס די יעניקע, וועלכע זיינען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן גאַנצן געפּלאָנטער פון די באַציאונ־גען און אויך דערפאַר וואָס איר געפינט זיך דאָ.

— יאָ, זיי פאַרשטייען דאָס! איך האָב געהערט ווי זיי ריידן וועגן דעם. זיי וואַרטן דאָ אויף אַ סך ערגערע זאַכן ווי אין אירלאַנד. פּאַרלויפיק זשאַ־לעווען זיי זייער „דזשאַב" און זיי פּרווון נאָך זיך צו האַלטן דערביי נאָך אַ ווײַלע... אָבער אויך פאַר זיי איז קלאָר, אַז זיי וועלן דאַרפן איינפּאַקן זייערע וואַליזעס. ווען זיי וואָלטן אָנגענומען מיין מיינונג און וואָלטן זיך צוגעאײַלט, וואָלט מען פאַרשפּאָרט מענטשן־לעבנס פוןביידע צדדים.

— אגב, האָט דער ש"י־קאָמאַנדיר ווייטער צוגעגעבן — האָט איר דאָס רעכט צו שרייבן אַ ראַפּאָרט וועגן אונדזער דאָזיקן שמועס, און כדי צו פאַר־שטאַרקן דעם רושם, קענט איר שרייבן אז איר האָט געשמועסט מיט אַ הגנה־קאָמאַנדיר, וועלכן איר קענט נישט און אַז דאָס איז געשען אין „געהיימע אומשטענדן און ביי פאַרבונדענע אויגן". דאָס וועט אויך זיין ראָמאַנטיש און אינטערעסאַנט. דערמיט וועט איר אויך נישט עובר זיין אויפן אײדעלן מנהג נישט איבערצוגעבן פּריוואַטע געשפּרעכן. ענלעכע רייד האָט מען גע־קענט הערן אייערנעכטן אויך אין „קול ישראל". און איך בין זיכער, אַז

אייערע שעפן און די גאַר הויכע מאַכט־פאַרשטייער אין ירושלים און אין לאָנדאָן האָבן גענומען אין אַכט די דאָזיקע אוידיציע.

— יאָ, יאָ, כ'האָב פאַרשטאַנען, אויך זיי פאַרשטייען שוין, און קיינער פון זיי איז מער נישט רואיק און נישט זיכער. אַלע ווייסן ביי אונדז, אַז אויפרייס־מאַטעריאַל איז אָוועקגעלייגט אונטער די פונדאַמענטן פון דער בריטישער מאַכט אין ארץ ישראל. דעריין קען קיין צווייפל נישט זיין. אויך די שעפן פון בריטישן געהיים־דינסט זיינען דעריין מודה. זיי פילן שוין, אַז אויך אונטער זייערע פיס ברענט דער באָדן...

— נו, לאָמיר אַפּלייגן דעם המשך פון אונדזער שמועס. עס איז שוין דריי אַזייגער ביינאַכט און מאָרגן גאַנץ פרי דאַרפן מיר ביידע אָנהייבן שווער אַרבעטן — הגם אין קעגנגעזעצטע אַמטן...

דער שמועס האָט זיך דערמיט פאַרענדיקט.

לאָמיר דאָ ברענגען אויך די רייד פון אַ געבילדעטן אָפיציר פון דער אוויאַציע־דיוויזיע, פון יענער דיוויזיע, וואָס האָט געקעמפט קעגן דער יידי־שער ווידערשטאַנד־באַוועגונג און האָט זי נישט געקענט בייקומען.

דער הויכער אָפיציר האָט אָנגעהויבן מיט ווערטער פון אָפּשאַצונג פאַרן בריטישן מיליטער, וואָס „האָט דערפילט זיין אויפגאַבע מוסטערהאַפט, אָבער האָט אָנגעהויבן אַן אַקציע אין באַדינגונגען, וואָס האָבן זי לכתחילה פאַר־אורטיילט צום דורכפאַל". און ווייטער האָט ער אויסגערעכנט אַט די שווע־רע אומשטענדן:

„נישט דער יחיד און נישט דער יידישער ישוב בכלל האָבן נישט אַרויסגעוויזן אַ ווילן מיטצואַרבעטן מיט די זיכערקייטס־כוחות פון דער בריטישער מאַכט אויסצוראָטן די טעראָריסטן. אין פיל פאַלן האָבן זיי אפילו געהאָלפן דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע. די הויפּט־שוועריקייט באַשטייט דעריין, וואָס די אונטערערד און די פאַרטיזאַנער באַקומען די פולע שטיצע מצד זייערע פאָלקס־זין. עס זיינען נישט געווען קיין פאַלן מ'זאָל איבערגעבן די מאַכט־אָרגאַנען אינפאָרמאַציעס, הגם מ'האָט דאָס געקענט מאַכן געהיים און אָן שום געפאַר. אַ דאַנק דער סימפּאַטיע פון דער געזעלשאַפט, מישן זיך אויס די טעראָריסטן, וואָס פירן אויס אַן אַקציע, מיט זייערע בירגער און ס'איז אוממעגלעך זיי צו פאַקן.

די אינפאָרמאַציע־קוואַלן פון דער הגנה זיינען זייער אויספיר־לעך. זיי האָבן גענוג מיטלען אַריינצודרינגען אין יעדן אָרט. דאָרט וווּ זיי קענען דאָס נישט מאַכן דורך זייערע מענטשן, ווערן זיי גע־האָלפן דורך די אַראַבער פאַר אַ געוויסער באַלוינונג. די הגנה און דער פלמ"ח האָבן גענוג געווער דורכצופירן זייערע אַקציעס. און ווי געזאָגט — האָט זיי קיינמאָל נישט געפעלט קיין אינפאָרמאַציע פאַרן דערפאָלג פון זייער אויפגאַבע".

פון אַט די רייד פון אָפיציר ווערט קלאָר זיין ווילן צו דערווייזן, אַז נישט דאָס בריטישע מיליטער איז ניכשל געוואָרן נאָר די שווערע באַדינגונגען, וועלכע דאָס מיליטער האָט נישט געקענט בייקומען האָבן דערצו געבראַכט, הגם די אַרמיי האָט דערפילט איר פונקציע מוסטערהאַפט...

ש״י ווירקט צווישן די אַראַבער

געהיימע האַנט קריגט אַרויס אינפֿאָרמאַציע בײַ אַראַבער

איינע פֿון די הויפּט־אויפֿגאַבעס פֿון ש״י איז געווען צו זאַמלען צווישן די אַראַבער כּלערליי אינפֿאָרמאַציע, צי דאָס איז אינפֿאָרמאַצ״ע פֿון אַלגעמיין־פּאָליטישן כאַראַקטער, אָדער ידיעות וועגן דער טעטיקייט פֿון אַראַבישע טעראָריסטן, וועלכע שטעלן אין געפֿאַר דאָס יידישע לעבן און פֿאַרמעגן.

די אַלגעמיינע און ספּעציעל פּאָליטישע ידיעות פֿלעגן מיר איבערשיקן אין די אַראַבישע אָפּטיילונגען פֿון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס — די יידישע אַגענץ און דער ועד לאומי כּדי ספּעציאַליסטן זאָלן זיי קאָנטראָלירן. און די פּראַקטישע ידיעות וועגן דער באַוועגונג פֿון די באַנדעס, וועגן זייערע צוגרייטונגען צו אָנגריפֿן, וועגן איינקויפֿן און שמוגלען געווער, ס׳הייסט, וועגן אַקציעס, וועלכע האָבן געפֿאָדערט תּיכף אַן אינטערווענץ פֿון אונדזער צד — די דאָזיקע ידיעות פֿלעגן מיר אַריבערשיקן דירעקט אין הגנה־שטאַב, כּדי ער זאָל קענען תּיכף אָננעמען קעגן־מיטלען און דורכפֿירן דרינגענדיקע אַקציעס — לויט דער באַדערפֿעניש.

פֿאַרשטייט זיך, דאָס האָט געפֿאָדערט אַ שטענדיקן און ענגן קאָנטאַקט צווישן די ש״י־צווייגן, וועלכע האָבן זיך פֿאַרנומען מיט אַראַבישע ענינים, און די אַראַבישע אָפּטיילונגען פֿון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. דער דאָזיקער קאָנטאַקט האָט געגעבן טאָפּלטע נוצן: פֿון איין זײַט האָבן די דאָזיקע אָפּטיילונגען זיך באַנוצט מיט ש״י ווי מיט אַ „געהיימער האַנט“, וואָס קען זאַמלען די נויטיקע פֿאַר זיי אינפֿאָרמאַציע און פֿון דער צווייטער זײַט — האָבן זיי אינסטרואירט ש״י, וואָס און ווי אַזוי ער האָט צו טאָן.

עס איז שוין היינט קיין סוד נישט, אַז די יידישע אַגענץ איז געשטאַנען הינטער דער הגנה און האָט איר געהאָלפֿן ווי ווײַט מעגלעך צו דערפֿילן איר נאַציאָנאַלע שליחות. די הגנה — און דערין אויך ש״י האָבן שטענדיק איינגעזען אין די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס, און בפֿרט אין דעם פּרעזיצער פֿון דער אַגענץ־לייטונג און דעם אָנפֿירער פֿון איר פּאָליטישער אָפּטיילונג — די העכסטע אינסטאַנץ.

די יידישע אַגענץ איז געווען אַזוי אַרום דער נערוון־קנופּ וווהין ס׳האָבן געפֿירט אַלע פֿעדים און פֿון וואַנען עס האָבן זיך געצווייגט גרויסע און קליי־

נע מעשים אין פּאָליטישן קאַמף און אויך אויפן געביט פון דער הגנה. ש"י האָט גענומען גרויס אָנטייל אין דאָזיקן געראַנגל — צי אויף אַ דירעקטן אופן, אָדער דורכן הגנה־צענטער. דער אָנפירער פון דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון דער אַגענץ האָט דירעקט אָדער אומדירעקט געגעבן די ריכטונג פאַר דער אַרבעט פון ש"י.

איך האָב נישט בדעה דאָ צו באַשעפטיקן זיך מיט אַ גרונטיקן אַנאַליז פון דער אויפגאַבע, וואָס ש"י האָט אויסגעפירט אין אונדזער פּאָליטשן קאַמף. איך וויל נאָר בקיצור דערציילן וועגן די פּראַקטישע מעשים פון ש"י אויף אַט דעם שטח — בעיקר אינעם דרום־טייל פון ארץ ישראל.

די אַרבעט איז, ווי געזאָגט, געמאַכט געוואָרן לויט אַ פּלאַן וואָס איז געווען קאָאָרדינירט מיט די ספּעציאַליסטן פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוצ־יעס און איז געפירט געוואָרן לויט זייערע אָנווייזונגען. דער הגנה־שטאָב האָט געהאַט צו טאָן מיט ענ־נים פון קאַמף און שוץ, און ער האָט דעריבער באַ־דאַרפט האָבן אינפאָרמאַציע וועגן די אַראַבישע ישובים און וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין זיי. די מאַפּע פון ש"י האָט אַרומגענומען אַלע אַראַבישע ישו־בים, די קליינע ווי די גרויסע. פאַר יעדן ישוב איז געווען איינגעפירט אַ באַ־זונדערע טעקע, אין וועלכער איר האָט געקענט געפינען אַלערליי ראַפּאָרטן מיט איינצלהייטן וועגן דאָרף, צייכענונגען וועגן געבוי פון דאָרף און טאָפּאָ־גראַפישע פאַרצייכענונגען פון זיין סביבה, זיינע פּלאַנטאַציעס, פעלדער און אַלע וועגן וואָס פירן אַהין.

אונדזערע מענטשן פלעגן אַרויסגיין אין די אַראַבישע דערפער און פלעגן פאַרצייכענען אויף פּאַפּיר, אָדער פאָטאָגראַפירן די אָביעקטן, אָדער פלעגן סתם כאַפּן אַ קוק. און פלעגט אַן אַראַביש דאָרף אַרויסטרעטן קעגן יידן, פלעגט שוין די הגנה, וואָס איז שוין געווען באַוואָרנט מיט דער פולער אינפאָרמאַציע, זיך באַמיען אויסצופירן רעפּרעסיעס קעגן די שולדיקע און זייערע שותפים.

דאָס אַלגעמיינע מאַטעריאַל וועגן די אַראַבישע ישובים האָבן געזאַמלט די מוכתר׳ן (עלטסטע) פון די יידישע ישובים, די יידישע פעלד־וועכטער און אַנדערע הגנה־חברים, וועלכע פלעגן קומען אין קאָנטאַקט מיט די אַראַבער. זיי האָבן געשלאָסן פּערזענלעכע קאָנטשאַפטן און זיך באַפריינדעט מיט די אַראַבער, פלעגן זיך מיט זיי טרעפן, באַזוכן די אַראַבישע קאַפע־הייזער, פאַר־פירן אַ שמועס וועגן גערעטענישן און אַנדערע פויערישע ענינים. פאַראיינס פלעגט מען אויך זיך דורכשמועסן אויך אויף פּאָליטישע טעמעס און סתם דערציילן אַלערליי רכילותן.

די ש"י־מענטשן פלעגן זיך צוריקקערן פון אַט די באַגעגענישן און פלעגן פאַרצייכענען דאָס וואָס זיי האָבן געהערט און דערלאַנגען אַ ראַפּאָרט, וואָס האָט געשילדערט די שטימונגען פון די אַראַבער און זייערע פּלענער. געווען פאַלן ווען אַט די פריינטלעכע שמועסן האָבן איבערצייגט, אַז מ׳מוז תיכף אַננעמען מיטלען כדי צו פאַרמיידן אַן אָנפאַל אויף יידן, אָדער צו באַשיצן זיך קעגן אָנגריפן.

אפרים דקל

אַ ייד — אַ שופט ביי די אַראַבער

דער סאָציאַלער געבוי פון אַן אַראַבישן דאָרף אין אונדזערע צייטן איז נישט פיל אַנדערש ווי ער איז געווען אין אַ יידישן דאָרף אין די אוראַלטע צייטן פון די שופטים, וועלכע ווערן געשילדערט אין תנ״ך. די אַראַבישע דאָרפס־מענטשן ברענגען פאַרן שופט, וועלכער זיצט ביים טויער, זייערע סיכסוכים און קאָנפליקטן, אין ענינים פון כבוד און פון געלט, ער זאָל אַרויס־טראָגן אַ גערעכטן אורטייל.

אויך צווישן די מענטשן פון ש״י — די פעלד־וועכטער אָדער מוכתרן — זיינען געווען אַזעלכע, וועלכע די אַראַבער האָבן געהאַלטן פאַר נכבדים, מענטשן פון אמת און יושר, וואָס זייער חכמה איז גרויס אין ענינים פון כבוד און געלט און ס׳איז כדאי מ׳זאָל קומען צו זיי מיט דער בקשה די דאָ־זיקע ענינים פונאַנדערצופלאָנטערן אָדער רעגולירן און זיי זאָלן משפטן מיט גערעכטיקייט. צווישן אָט די יידישע שופטים ביי די אַראַבער זיינען געווען אַזעלכע וועלכע האָבן נאָך געהערט צו דער אָרגאַניזאַציע „השומר״, און וועל־כע האָבן געזאַמלט אַראַבישע אינפאָרמאַציע. אָט די דאָזיקע מענטשן אונדזערע האָבן געקענט די אַראַבישע שפּראַך מיט אירע פאַרשיידענע דיאַלעקטן און האָבן געקענט דאָס דאָרפישע שטייגער לעבן.

זיי האָבן אויך געקענט די אַראַבישע מענטאַליטעט — וואָס עס איז גערעכטיקט און וואָס איז אומגערעכטיקט אין די אויגן פון פעלאַך, אָדער בעדואינער. זיי האָבן געוווּסט אויסצומישן זייערע רייד מיט פסוקים פון קאָ־ראַן און מיט שאַרפע, זאַפטיקע, אַראַבישע פאָלקס־ווערטלעך. אַזאַ ריכטער וועלכער האָט אַנטפּלעקט חכמה און גענייטקייט, האָט געהאַט אַ גוטן נאָמען און אַראַבער זיינען געקומען צו אים פון ווייטע דערפער, ער זאָל טאָן מיט זיי דעם חסד און זאָל זיי שענקען פון זיין חכמה, וואָס אַללאַ האָט זיי גע־געבן אין זיין גרויס גוטסקייט.

אַזאַ נכבד אין די געביטן פון דרום און שפלה איז געווען דער שומר יוסף טייטעלבוים, וואָס איז געווען דער אויפזעער איבער דער שמירה אין גבעת ברענער און איז דער אומגעגנט. די אַראַבער האָבן אים גערופן מיטן נאָמען אבו־איסמאַיין, אויפן נאָמען פון זיין עלטערן זון שמעון, און זיי האָבן אים רעספּעקטירט פאַר זיין ערלעכקייט און פאַר זיינע טיפע קענטעניש פון אַראַ־בישן לעבנס־שטייגער. זיי פלעגן גאַנץ פרי אָפּקלאַפּן זיין שוועל און זיך בעטן ביי אים ער זאָל משפטן צווישן זיי. זיי זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט קיינעם קיין עוולה נישט טאָן. אָפטמאָל האָט מען געקענט טרעפן ביי אים אין הויז אַראַבישע דאָרפסלייט, אָדער בעדואינער, וועלכע פלעגן קומען צו אים מיט זייערע סיכסוכים און קריגערייען.

זיי פלעגן אים אויך דערציילן וועגן אַלץ וואָס ס׳טוט זיך אין געביט און אויך וועגן די העצערס און פּראָפּאַגאַנדיסטן, וואָס באַזוכן די דערפער. זיי פלעגן אויסרעכענען לויט די נעמען יענע דאָרפסלייט, וועלכע זיינען געווען

הפקר־מענטשן און האָבן זיך באַטייליקט אין מעשים פון רויב, גנבה און אין אַנדערע פאַרברעכנס. זיי פלעגן דערציילן, וואָס עס איז געשען, און וואָס עס וועט געשען אין זייערע ערטער און אויך אין די ווייט־אָפּגעלעגענע געביטן. טייטלבוים פלעגט פירן זיינע שמועסן מיט די פויערים רואיק און געלאַסן און פלעגט דערגיין זאַכן, וואָס ש"י איז געווען פאַראינטערעסירט אין זיי. ער פלעגט אַריינדרינגען אין אַלע געהיימנישן פון די אַראַבישע ישובים. טייטלבוים פלעגט אויך אָפּטמאָל פאַרבעטן ווערן צו גאַסט אין די אַראַבישע דערפער און פלעגט עסן ביי זיינע פריינט־פאַרערער. ער האָט ספּעציעל נישט געזוכט קיין אינפאָרמאַציע, נאָר זיינע פריינט פלעגן אים דערציילן אַלץ בשעת זייערע שמועסן.

זיינע אינפאָרמאַציעס, וועלכע זיינען בדרך כלל געווען זייער ריכטיק זיינען געווען פאַר ש"י אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל. מ'פלעגט די דאָזיקע אינפאָרמאַציע פאַרשרייבן, זיי גוט שטודירן און ציען דערפון אַלע נייטיקע קאָנסעקווענצן. ווען מיר פלעגן זיין פאַראינטערעסירט אין פראַגן, וואָס טייטלבוים איז געווען קאָמפּעטענט אויף זיי צו ענטפערן פלעגן מיר אַרויפלייגן אויף אים די דאָזיקע שליחות און ער פלעגט זי אויספירן מיט טריישאַפט, פאַרשטאַנד און מוט. אויף זיין חשבון קען מען שטעלן דאָס, וואָס עס זיינען אויסגעמיטן געוואָרן פיל אומגליקן בנוגע לעבנס און פאַרמעגן. דאָס עצם־געפינען פון יוסף טייטלבוים אין אָט דער געגנט איז געווען אַ קוואַל פון זיכערקייט און רו אין משך פון אַ לאַנגער צייט.

אַרום צוויי צענדליק יאָר האָט ער געאַרבעט אין דער סיסטעם פון זיכערקייט און שמירה, און האָט אויף זיין פּאָסטן פאַרלוירן זיין לעבן. אַראַבער וואָס זיינען געקומען פון אַ ווייטן געביט און האָבן אים פּערזענלעך נישט געקענט, האָבן אים געשאָסן. דאָס איז געווען נאָענט צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער אומאָפּהענגיקייט און אַזוי אַרום האָט יוסף נישט זוכה געווען צו זען די ווידעראויפשטעלונג פון מדינת ישראל.

ייִדישער באַאַמטער אין אַן אַראַבישער שטאָט

אין די צייטן פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָבן נישט געפעלט פאַלן ווען אין יידישן ישוב האָט מען זיך באַצויגן מיט גרינגשעצונג צו אַ יידישן באַאַמטן מחמת ער האָט געדינט „דער פרעמדער מאַכט". צוליב די דעמאָלטיקע באַדינגונגען איז געווען שווער אויפצוקלערן דער יידישער געזעלשאַפט די וויכטיקע ראָל, וואָס די דאָזיקע באַאַמטע האָבן געשפּילט אין די ערטער ווו זיי האָבן געדינט. ווען מיר וואָלטן דאָס געמאַכט — וואָלטן מיר פאַרלוירן וויכטיקע אינפאָרמאַציע־קוואַלן און מיר וואָלטן געשטעלט אין געפאַר אָט די טרייע צו אונדז און אַקטיווע באַאַמטע.

געווען צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זייער דינסט אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס איז געווען ממש אַ נאַציאָנאַלע שליחות. אַזעלכע זיינען געווען למשל

די יידישע באַאַמטע, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די אַראַבישע שטעט. זייער צאָל איז געווען נישט גרויס, אָבער דאָס איז געווען פאַר אונדז אַ גרויסער אוצר פון אינפאָרמאַציע וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך צווישן די אַראַבער. אַט די באַאַמטע האָבן רעזיגנירט פון זייערע באַקוועמלעכקייטן און צייטנווייז אפילו פון זייער פערזענלעכער זיכערקייט. זיי זיינען געווען פאַראייניזאַמט, און דאָס אַלץ האָבן זיי גענומען אויף זיך כדי זיי זאָלן קענען העלפן דער הגנה און טאָן עפּעס פאַר דער זיכערקייט פון יידישן ישוב.

און ווען זיי זיינען געזעסן איינגעבויגן איבער זייערע שרייבטישן אין משך פון גאַנצן טאָג, פלעגן זייערע אויערן הערן און זייערע אויגן זען דאָס אַלץ, וואָס עס טוט זיך אַרום זיי, די שמועסן פון די בריטישע און אַראַבישע באַאַמטע, און אויך פון די אַריינקומענדיקע פּעטענטן. זיי פלעגן נאָכפאָלגן די געשעענישן אין דער סביבה, פלעגן נאָכשפּירן אַלץ, וואָס עס טוט זיך אין יעדן אָפּענעם און קאָנספּיראַטיוון ווינקל פון אַראַבישן לעבן. זיי האָבן געהאַט אַן אויג אויך אויף די ענדערונגען אין דער גאַנצער אַט־מאָספער פון זייער ביורא — אַן אַטמאָספער, וואָס ס׳פלעגט שאַפן דער העכערער בריטישער באַאַמטער. זיי פלעגן שפּירן די סימנים וואָס פלעגן ווייזן, אַז ס׳הייבט אָן צו בלאָזן אַ נייער פּאָליטישער ווינט. על פּי רוב פלעגט אַט די ענדערונג אויספאַלן צום שלעכטן פאַרן יידישן ישוב. הכלל, אַט די יידישע באַאַמטע האָבן אונדז געדינט ווי אַ מין פּאָליטישער סייסמאָגראַף. זיי פלעגן פאַרצייכענען יעדע קליינע און גרויסע דערשיינונג און עס אי־בערגעבן דעם ש״י, כדי מ׳זאָל קענען זיך אָריענטירן אין דער לאַגע און אָננעמען קעגן־מיטלען.

נישט איין מאָל האָבן זיי זיך געפונען אונטערן דרוק פון דראָאונגען און העצעס און זייער לעבן איז געווען אין געפאַר. אָבער לויטן באַפעל פון ש״י און פון דער הגנה זיינען זיי פאַרבליבן אויף זייערע פּאָסטנס און געטאָן זייער אַרבעט באַוווסטזיניק און מיט טריישאַפט אָן שום לוין אָדער פאַרגי־טיקונג.

איצט קען מען דערציילן וועגן דער טעטיקייט פון אַט די שליחים פון הגנה און ש״י. מ׳קען אָנווייזן אויף אייניקע כאַראַקטעריסטישע ביישפּילן פון זייער אַרבעט. דערמיט וועלן מיר פאַרריכטן אַ היסטאָרישן טעות בנוגע די יידישע באַאַמטע פון דער מאַנדאַט־מאַכט און מיר וועלן שטעלן די זאַכן אין זייער ריכטיקן ליכט.

געווען אַ מעשה מיט אַ יידישן באַאַמטן, וואָס האָט געאַרבעט אין דער אָפּטיילונג פאַר באָדן־רעגיסטראַציע און זיינע אינפאָרמאַציעס פלעגן ברענ־גען גרויס נוצן פאַר דער באָדן־פּאָליטיק פון יידישן ישוב. און אַט איז גע־ווען אַ יידישער ערד־מעסטער, וואָס פלעגט אַרויסגיין מיט זיינע אַראַבישע געהילפן אין די אָפּגעלעגענע ווינקלען פון לאַנד, וווּ אַ יידישער פוס האָט קיינמאָל נישט געטראָטן און פון זיינע שמועסן מיט די פאַלאַכן, בעדואינער און ערד־אייגנטימער פלעגט ער זיך דערקונדיקן וועגן דעם וואָס עס פּאַסירט

אין די ווייטסטע אַראַבישע דיסטריקטן. און אָט איז געווען אַ יידישער באַ־אַמטער, וואָס האָט געאַרבעט אין אַ דיסטריקט־אַמט אין די אַראַבישע שטעט און האָט זיך געפונען זייער נאָענט צו די נערוון־צענטערן פון דער בריטי־שער און אַראַבישער פּאָליטיק אין לאַנד.

און אָט איז געווען אַ יידישער פּאָליציאַנט וועלכער האָט געדינט אין באר־שבע, עזה, דזשענין, אין די געמישטע פּאָליציי־סטאַציעס און ער האָט געהאַט אַן אָפן אויג פאַר אַלץ, וואָס עס קומט פאָר אין אָט די פּאָליציי־פּונקטן און אין די נאָענטע קאַפּע־הייזער, וואָס דווקא אין זיי פלעגן אָפט פאַרטראַכט און געוועבט ווערן אַלערליי אינטריגעס און פּלענער קעגן יידישן לעבן און פאַרמעגן.

אָט די אַלע און אַנדערע מעשים וואָס די יידישע באַאַמטע האָבן געטאָן דעמאָלט האָבן נישט זוכה געווען צו דער ריכטיקער שאַצונג אין דער עפנט־לעכקייט. זאָלן לכל הפחות איצט אָט די באַשיידענע טרייע מענטשן אומ־דזערע ווי געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן.

ש״י אין די יאָרן פון די בלוטיקע געשעענישן 1936 - 1939

אין די ערשטע גרויל־חדשים

דער ש״י האָט געזאַמלט זייער פיל אינפאָרמאַציעס וועגן דער העצע, וואָס איז געפירט געוואָרן אין יענע שווערע יאָרן צווישן די אַראַבער. „יידן האָבן פאַרשוועכט אַראַבישע בית־עלמינס; יידן האָבן אָנגעצונדן אַ מעטשעט אין יפו; אַראַבער זיינען דערהרגעט געוואָרן אין תל־אביב; יידישע יונגע־לייט האָבן פאַרגוואַלדיקט אַן אַראַבישע פרוי״. אָט די אַלע און ענלעכע אויס־טראַכטענישן פלעגן פאַרשפרייט ווערן דורך די אַראַבישע פראָפּאַגאַנדיסטן אָפן און געהיים און די אַראַבישע פרעסע האָט מיט התלהבות זיי מיטגע־האָלפן אין דער דאָזיקער מלאכה.

ווי באַקאַנט, זיינען דעם 19טן אַפּריל 1936 אויסגעבראָכן אין יפו בלוטיקע געשעענישן, וועלכע האָבן זיך געצויגן איבער דריי יאָר. די אָנפאַלן און די מאָרדן פון יידן האָבן זיך אָנגעהויבן אונטער די לאָזונגען: „אַרויס מיטן ציוניזם, וואָס דעראָבערט אַראַבישע פאַלעסטינע!״ „זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די יידישע עליה!״ „זאָל אָפּגעשטעלט ווערן דאָס פאַרקויפן באָדן צו יידן און עס זאָל געשאַפן ווערן אַ נאַציאָנאַל־אַראַבישע רעגירונג!״

די אַראַבער האָבן געמיינט, אַז אָט די געשעענישן וועלן געפערלעך פּוגע זיין דעם יידישן ישוב, אָבער מיט דער צייט זיינען דורך דעם געטראָפן גע־וואָרן אויך דער אַראַבישער ישוב און אפילו די בריטישע מאַכט.

לאָמיר זיך מודה זיין: נישט דער ש״י און נישט די אַראַבישע אָפּטיי־לונג פון דער יידישער אַגענץ האָבן נישט געקענט פעסטשטעלן גענוי דעם טערמין, ווען אָט די געשעענישן וועלן זיך צעבושעווען, הגם די לופט איז געווען אָנגעזעטיקט מיט העצעס. דער סיגנאַל איז געגעבן געוואָרן פיר טעג פאַר די געשעענישן אין יפו, ווען צוויי יידן זיינען אין העלן טאָג דערהרגעט געוואָרן דורך אַראַבישע פּאַגראָמשטשיקעס אין טול־כרם. דאָס האָט שוין געוויזן, אַז עפּעס וועט געשען, אָבער אונדז איז נישט געלונגען צו אַנטדעקן גענוי ווען עס וועלן אויסברעכן די קומענדיקע געשעענישן און אין וואָס פאַראַ פאָרמען.

דער ערשטער בלוט־שניט אין יפו האָט אונדז געקאָסט ניין הרוגים און זעכציק פאַרוווּנדעטע יידן. אינמיטן טאָג האָט אַן אויפגערייצטער אַראַבישער המון זיך אַ וואָרף געטאָן מיט קאַלטן געווער אויף יידן, וועלכע זיינען געקומען, ווי געוויינלעך, אין דער אַראַבישער שטאָט צוליב זייער אַרבעט אָדער געשעפטן. די פּאָליציאַנטן, די אַראַבישע און די בריטישע, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אויפן אָרט, האָבן נישט אָפּגעהאַלטן דעם המון, פון פּאָגראָמירן.

אַן אויטאָ מיט די ש״י־מענטשן, וואָס איז אָנגעקומען אויפן אָרט פון פּאָגראָם, תיכף ווי ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן די ידיעה וועגן „אומרועןאין יפו", איז באַוואָרפן געוואָרן מיט שטיינער און האָט נישט געקענט דער־גרייכן וווּהין מ׳האָט באַדאַרפט.

„איר זייט געפאַלן אַ קרבן פון אונדזער שוואַכקייט און אונדזער אָרעמ־קייט אויך אין דאָזיקן לאַנד. מיר האָבן נישט געזאָרגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן האָבן גענוג כוח, אַז דאָס וואָס עס האָט אונדז פאַרפאָלגט אין גלות, זאָל נישט טרעפן מיט אונדז אויך דאָ". מיט די דאָזיקע ווערטער האָט דוד בן־גוריון מספיד געווען די ערשטע קרבנות פון די געשעענישן אין יאָר 1936.

די געשעענישן האָבן זיך זייער שנעל צעבושעוועט און זיך פאַרשפּרייט איבער אַלע טיילן לאַנד. די עיקרדיקע טעטיקייט פון דער מאַכט איינצוצאַ־מען די פּאָגראָמשטשיקעס האָט זיך באַשרענקט דערמיט, וואָס מ׳האָט אין פאַרשיידענע טיילן פון לאַנד דערקלערט אַן אַרויסגאַנגס־פאַרבאָט ביינאַכט. דער פאַרבאָט האָט קיין שום ממשותדיקע „פּסיכאָלאָגישע" ווירקונג נישט געהאַט אויף די העצער און אויף די אויפגעהעצטע. אָבער אָט די אַלע באַשרענקונגען האָבן פאַרשווערט אונדזער באַוועגונג ביים אַריבערפירן גע־ווער פון דער הגנה אין די נויטיקע ערטער ווו מ׳האָט געקענט דערוואָרטן בלוטיקע אויסברוכן — אין די ראַנד־קוואַרטאַלן פון די שטעט און אין די לאַנדווירטשאַפטלעכע ישובים, וועלכע האָבן זיך געפונען נאָענט צו די אַראַבישע דערפער. אמת, די הגנה־חברים האָבן געקענט ביי טאָג אַריינדרינ־גען אין די פאַרשטעט און דורכשמוגלען אין די קעשענעס רעוואָלווערן און גראַנאַטן, אָבער ס׳האָט אונדז געמאַטערט דאָס פּראָבלעם, ווי אַזוי פירט מען אַריבער דאָס „שווערע געווער" (ס׳הייסט ביקסן!) און דאָס האָט מען געקענט אַריבערפירן נאָר אין די נעכט.

ש״י האָט באַקומען אַ באַפעל צו ליפערן געווער פאַר אָט די פּונקטן פון יידישן ישוב און ער האָט די אויפגאַבע אויסגעפירט מיט דער הילף פון יידי־שע פּאָליציאַנטן, וועלכע זיינען געווען חברים פון דער הגנה. באַוואָפנטע פּאָ־ליציאַנטן מיט שטאָלענע העלמען אויף די קעפּ פלעגן אַריבערפירן אונדזער געווער. אין דער נאַכט פון ערשטן אַרויסגאַנג־פאַרבאָט זיינען אַריבערגעפירט געוואָרן, אין אייניקע פאַלן אפילו (אין פּאָליציייאישע אויטאָס) הונדערטער ביקסן, גראַנאַטן און אַנדערע מינים געווער און אויך אמוניציע אין די געהע־

ריקע פונקטן. די פאַליציאַנטן — הגנה־חברים, האָבן אונדז געדינט ווי שומ־רים־באַגלייטער, און ווען ס'איז נייטיק געווען פלעגן זיי אונדז אויך העלפן אַנלאָדן און אויסלאָדן דאָס געווער.

תל־אביב האָט זיך דעמאָלט געגרייט צו פייערן די דערעפענונג פון ירידי־המזרח — אַ האַנדלס־אויסשטעלונג, וואָס איז געווען באַשטימט אויפן 30סטן אַפּריל 1936. דער שטח פון דער אויסשטעלונג אין צפון־טייל פון דער שטאָט האָט געגרענעצט מיט די באַדנס ביים ירקון און מיטן ים. דריי טעג פאַרן עפע־נען די אויסשטעלונג זיינען נאָך פיל עקספּאָנאַטן געלעגן פאַרפּאַקט אין יפו־האַפן. אַ דעלעגאַציע פון דער לייטונג פון דער אויסשטעלונג האָט באַזוכט דעם בריטישן הויך־קאָמיסאַר און אים געמאָלדן, אַז די אויסשטעלונג וועט געעפנט ווערן אין דער באַשטימטער צייט, וואָס עס זאָל נישט געשען — צי מיט די סחורות פון אויסלאַנד, אָדער אָן זיי.

מ'האָט גערעכנט, אַז בשעת דער דערעפענונג וועלן באַזוכן די אויס־שטעלונג אַרום צען טויזנט מאַן. דער פּלאַץ פון דער אויסשטעלונג איז געווען דאָן אָפן פון אַלע זייטן און ס'איז געווען אַן ערנסטע זאָרג פאַר דעם צושטאַנד פון זיכערקייט אין דאָזיקן טאָג.

ש"י האָט זיך תיכף פאַרבונדן מיט זיינע אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן, כדי אויפצוקלערן אויף וויפל עס זיינען ריכטיק די קלאַנגען, אַז מ'וועט וואַרפן באָמבעס פון יענער זייט ירקון אין דעם עולם אויף דער אויסשטעלונג, אַז אַ מאַשין מיט אויפרייס־מאַטעריאַל זאָל אַריינגעבראַכט ווערן אין ראַיאָן פון דער אויסשטעלונג אאַז"וו. די הגנה, פאַרשטייט זיך, האָט געשטעלט אויפן שטח פון דער אויסשטעלונג, אינעווייניק און פון דרויסן באַזונדערע וועכטער פון אירע חברים, וועלכע האָבן נאָכגעפאָלגט יעדן איינציקן אַריינגייער און אַרויסגייער און האָבן קאָנטראָלירט יעדע פאַרדעכטיקע זאַך. ווייל מ'האָט גע־האַט אַ חשד עס זאָלן זיך נישט אַריינכאַפּן אויף דער אויסשטעלונג דיווער־סאַנטן — האָט מען פאַרהאַלטן אייניקע פאַרדעכטיקע, אָבער נאָך אַן אויס־פאָרשונג זיינען זיי באַפרייט געוואָרן. די אויסשטעלונג איז דערעפנט געוואָרן צו דער צייט. די פייערונגען זיינען אַדורך בשלום.

פינף טעג פאַר דעם איז פאַרגעקומען אַ זיצונג פון העכסטן אַראַבישן קאָמיטעט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן דורכן ירושלימער מופטי, חאַדזש־אמין־אל־הוסייני. אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט דער קאָמיטעט באַשלאָסן צו פאָדערן אָפּצושטעלן די יידישע עליה און צו פאַרבאָטן פאַר־קויפן ערד די יידן.

דער קאָמיטעט האָט אַרויסגערופן אויך אַ ווירטשאַפטלעכן חרם אויפן יידישן ישוב, האָט אָנגעהויבן פאַרטיילן געלטער, כדי דורכצופירן אַן אַראַ־בישן שטרייק. דער קאָמיטעט האָט געעפנט אויך אין ירושלים אַ ספּעציעלע פראָפּאַגאַנדע־ביוראָ און האָט מאָביליזירט אַראַבישע סקויטן, כדי מיט כוח אויפצוצווינגען דעם שטרייק די פעלאַכן, די אַרבעטער און אַנדערע אַראַבישע

בירגער, וועלכע האָבן פאָרגעזעצט זייער אַרבעט און זייער קאָנטאַקט מיט יידן.

די אראבישע פרעסע איז געוואָרן פול מיט העצערייען און זילערייען אויף יידן און קיינער האָט איר נישט געשטערט. איין צייטונג האָט למשל געשריבן אין איר נומער פון 18טן מאי 1936: „די יידן זיינען דער אָפּפאַל פון פעלקער, פון מענטשלעכן געשלעכט, זיי זיינען שונאים פון דער מענטש־הייט, בויאנעס און כוליגאַנעס אין אַלע לענדער פון דער וועלט, פעלשער פון געלט און שטעמפלען". פונדעסטוועגן האָט איינער פון די מיטאַרבעטער פון דער דאָזיקער צייטונג „א־דיפאע" זיך נישט אָפּגעזאָגט צו אונטער־האַנדלען מיט אונדז און איבערצוגעבן פאַר געלט אינפאָרמאַציעס און דאָקו־מענטן וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך ביי די אַראַבער אין די „הויכע פענצ־טער". היות ווי ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער פון אַ „נאַציאָנאַלער צייַ־טונג" האָט ער געהאַט נאָענטע פאַרבינדונגען מיט די מענטשן פון העכסטן אַראַבישן קאָמיטעט און די קוואַלן פון זיינע אינפאָרמאַציעס זיינען געווען פּילצאָליק און וויכטיק.

ש״י האָט דעמאָלט געהאַט נאָך אַן אינפאָרמאַטאָר פון דעם מין. ער איז געווען באַקאַנט ביי אונדז אונטערן צונאָמען „חזגאוויטש", ווייל ער האָט געאַרבעט ווי אַ בעל־תפילה (מואזין) אין איינעם פון די מעטשעטן אין דער סביבה. אין דאָזיקן מעטשעט, ווי אין אַנדערע, האָט מען געפירט די הויפּט־העצערייען. אָט די דאָזיקע בכבודיקע און טייערע אינפאָרמאַטאָרן, וועלכע האָבן פון די צייטונגס־בלעטער און פון די טריבונעס אין די מעטשעטן אַגי־טירט פאַר אַ חרם אויף יעדער יידישער זאַך, זיינען אַליין אין פיל פאַלן געווען די יעניקע, וועלכע פלעגן צושטעלן דעם ש״י וויכטיקע ידיעות.

ס'ווערט געשאַפן אַ האַפן אין תל־אביב

דער יידישער ישוב האָט זיך אָפּגעזאָגט צו באַנוצן זיך מיט יפוער האַפן און האָט נישט געוואָלט זיין מער אָפּהענגיק פון דער מערדער־שטאָט. ער האָט פאַרלאַנגט, אַז די סחורות, וועלכע קומען אָן מיט די שיפן זאָלן אויס־געלאָדן ווערן אין תל־אביב, און האָט געפאָדערט, אַז צוליב דעם ציועק זאָל אויפגעבויט ווערן אין תל־אביב אַ האַפן און פאַרלויפיק אַ צייטווייליקע מאָל פאַר דער אויסלאָדונג פון די סחורות. די מאַכט האָט נישט געקענט איגנאָ־רירן אָט די גערעכטע פאָדערונג. די דערלויבעניש אויפצושטעלן אַ מאָל אויפן ים ביי תל־אביב איז געגעבן געוואָרן.

גלייך נאָכן באַקומען די דערלויבעניש, דעם 19טן מאי 1936 איז אָנ־געקומען קיין תל־אביב אַ יוגאסלאַווישע שיף וואָס האָט געבראַכט צעמענט און זי האָט אָנגעהויבן אויסלאָדן די סחורה פונקט אַנטקעגן דעם אויסשטעל־לונגס־פּלאַץ אין צפון פון תל־אביב. די שמחה פון די איינוווינער האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. דער בירגערמייסטער מאיר דיזנגאָף ז״ל, פאַרשטייער

פון דער יידישער אַגענץ און אַ טויזנט־קעפּיקער עולם זיינען געקומען זען די וווּנדערלעכע געשעענישן: עס איז פאַרלייגט געוואָרן אַ האַפן אין דער יידי־שער שטאָט.

און ש״י איז געשטאַנען אויף דער וואַך. עס זיינען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות, אַז די אַראַבער גרייטן זיך צו צעשטערן דעם צייטווייליקן מאַל, אַז באָמבעס וועלן געוואָרפן ווערן אויף די אַרבעטער, וואָס לאָדן אויס אָדער לאָדן איין סחורות אין תל־אביב און אַזוי ווייטער. און באמת, עס זיינען גע־ווען סימפּטאָמען פון אַזעלכע מעגלעכקייטן וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי אונדז זאָרג. פאַרדעכטיקטע שיפלעך פלעגן אָפט אָפּשווימען פון יפו און זיך דערנענטערן צום מאַל. די אַראַבישע האַפן־אַרבעטער פון יפו, וועלכע האָבן איינע פון די ערשטע געהאַלטן דעם חרם אויף יידן, און האָבן זיך באַטייליקט אין די רציחות פון די ערשטע טעג — האָבן געדראָט מיט מאָרד, אונטער־צינדונגען און סאַבאָטאַזש, אויב אין תל־אביב וועט אויפגעשטעלט ווערן אַ האַפן. ווען אָבער מ׳האָט נישט געלייגט קיין אַכט אויף זייערע דראָאונגען און דער יידישער האַפן האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, האָבן זיי ווידער געדראָט, און ס׳האָבן זיך געשטאַרקט די קלאַנגען, אַז זיי גרייטן זיך דורכצו־פירן סאַבאָטאַזש־אַקטן אין תל־אביבער האַפן.

דעם 15טן יולי האָט מען פון יענער זייט ירקון אָנגעהויבן שיסן אין דער ריכטונג פון די אויסשטעלונגס־בנינים און פון דעם מאַל. מחמת דער געפאַר האָט מען געמוזט אויסלעשן די ליכטער אין האַפן און מ׳האָט אַרויס־געשיקט אַ הגנה־איינהייט זוכן די שיסער. אָבער טראָץ די שיסערייען אין אָט דער נאַכט און אין די ווייטערדיקע נעכט, האָט מען דאָך ווייטער אויס־געלאָדן סחורות ביי דעם מאַל און די אַרבעט איז נישט איבערגעריסן גע־וואָרן.

אין די ערשטע חדשים נאָכן אויפשטעלן דעם תל־אביבער האַפן, האָט ש״י נאָכגעפאָלגט די געשעענישן מיט אַ באַזונדערן אינטערעס. מיר האָבן באַקומען פיל ידיעות, אַז אָט וועט אויפגעריסן ווערן דער מאַל, אַז אָט זאָל מען וואַרפן באָמבעס בשעת די פייערונגען אינעם האַפן און אויף דער אויס־שטעלונג, אַז אָט וועט מען אָנגרייפן די שיפן, וואָס וועלן אַנקערן אין תל־אביבער האַפן. אַזעלכע ידיעות פלעגן מיר באַקומען זייער פיל און ס׳רוב פון „קאָמפּעטענטע״ קוואַלן, אָדער פון „פּריינט״, וועלכע האָבן כלומרשט אַליין געהערט אָדער געזען די הכנות. מ׳האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט זיך אָריענטירן אין די ידיעות און צו אַנטשיידן צווישן די ריכטיקע און די פאַל־שע. דאָס איז געמאַכט געוואָרן ווי ווייט מעגלעך. און די הגנה איז געשטאַנען אויף דער וואַך און געטאָן דאָס איריקע. יעדער פאַרדעכטיקער מענטש, אָדער פאַרדעכטיקט שיפל וועלכע זיינען געגאַנגען אין דער ריכטונג צו אונדזער האַפן, זיינען דערווייטערט געוואָרן פון אָרט מיט כוח. מיט דער צייט האָבן די פּאַגראָמטשיקעס זיך מייאש געווען פון זייער פּלאַן. און האָבן געמוזט

שלום מאַכן מיטן פאַקט, אַז אויך די שטאָט תל־אביב האָט אַן אייגענעם האַפן.

ש"י האָט געהאַט אינפאָרמאַטאָרן אויך צווישן די ים־מענטשן אין יפו, די אַרבעטער פון צאָל־אַמט און די אַראַבישע באַאַמטע. פון זיי האָבן מיר באַקומען און אָפּגעקליבן די ידיעות וועגן אַלץ וואָס פּאַסירט און וואָס קען פּאַסירן. די דאָזיקע אינפאָרמאַציע פלעגן מיר איבערגעבן דעם הגנה־שטאַב, וועלכער האָט שוין געוווּסט צו רעגולירן די ענינים פון זיכערקייט, צו פאַר־מיידן סאַבאָטאַזש־אַקטן וכדומה. די אַראַבישע האַפן־אַרבעטער, אָט די חוצפּהדיקע און פאַרריסענע, וועמען די יידישע עליה האָט געליפערט אַ שפע אַרבעט און וואָס זייערע פאַרברעכערישע מעשים האָבן גורם געווען צו עפענען אַ יידישן האַפן — זיינען איצט געוואָרן אַרבעטסלאָז. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז זיי האָבן דערקלערט, אַז זיי זיינען מסכים אויס־צולאָדן אפילו ג ע וו ע ר פאַר יידן, אַבי יידן זאָלן זיך צוריקקערן אין יפו־האַפן.

ש"י גיט אַ „לעקציע" די פאַגראָמשטשיקעס

ווי באַקאַנט, איז די ערשטע תקופה פון די געשעעניש געשטאַנען אונ־טערן צייכן פון „איינהאַלטן זיך", דולדן. די פּאָליטישע ליניע פון די נאַ־ציאָנאַלע אינסטיטוציעס האָט פעסטגעשטעלט, אַז דער יידישער ישוב זאָל נישט ענטפערן מיט רעוואַנש־אַקטן אויף די מאָרדן און די איבערפאַלן מצד די אַראַבער. לאָמיר דאָ נישט אויפקלערן די פיל מאָטיוון, וועלכע האָבן באַ־רעכטיקט די דאָזיקע שטעלונג. אָבער מ'דאַרף באַמערקן, אַז אויך אין די הגנה־רייען זיינען געווען פיל, וואָס האָבן געפאָדערט, אַז די ליניע פון „איינ־האַלטן זיך" זאָל געענדערט ווערן. דער שטאָב פון ש"י האָט געטענהט, אַז אויב די ליניע פון דער העכערער פּאָליטיק פאָדערט דאָס „איינהאַלטן" זיך — איז לכל הפּחות אויף עטלעכע טעג געוווּנטשן אָפּצוזייגן פון דער דאָ־זיקער ליניע, כדי צו באַווייזן די אַראַבער, אַז מיר האַלטן זיך איין נאָר פון אונדזער גוטן ווילן, און נישט ווייל מיר האָבן מורא. מ'דאַרף זיי דערווייזן, אַז מיר ק ע נ ע ן זיי אָפּצאָלן לויט זייער פאַרדינסט, צו דער צייט און מיט די מיטלען וועלכע מיר וועלן האַלטן פאַר פּאַסיק. דער ש"י־שטאָב האָט געהאַלטן, אַז ס'איז נויטיק אַ רעוואַנש־אַקט שוין צוליב דעם אַליין, מ'זאָל געבן די פּאָגראָמשטשיקעס אַ לעקציע, איינצוימען זייער חוצפּה און די פריי־הייט פון זייער באַוועגונג, באַזונדערס נאָענט פון יידישן ישוב.

נאָך פיל אויפקלערונגען און נאָך ענערגישע פאָדערונגען, איז געגעבן געוואָרן אַ געוויסער איינהייט פון ש"י אַן אָנווייזונג דורכצופירן איין רע־וואַנש־אַקט קעגן אַ נעסט פון פּאָגראָמטשיקעס אין דער פאָרשטאָט פון יפו אבו־כביר.

דער באַפעל איז געגעבן געוואָרן, אַז מ'זאָל באַשטראָפן אַראַבישע יונ־

געלייט, וועלכע זיינען באקאנט ווי פּאָגראָמטשיקעס און גייען זיך אַרום פריי אין זייער קוואַרטאַל, זייענדיק זיכער, אַז קיין שום שלעכטס קען מיט זיי נישט געשען. אין עטלעכע שעה אַרום ווי ס׳איז באַקומען געוואָרן דער באַפעל, איז געבראַכט געוואָרן פאַרן שטאַב אויך דער פּלאַן פון דער אַקציע. דער פּלאַן איז געווען אַזאַ: אַן אויטאָ מיט פיר ש״י־מענטשן וועט דורכפאָרן דעם אַראַבישן קוואַרטאַל, וואָס פאַרבינדט תל־אביב מיט אַ נאָענטן יידישן ישוב. אונדזערע מענטשן וועלן זיך באַנוצן מיט רעוואָלווערן, גראַנאַטן און אַן אויטאָמאַט און וועלן אָנגרייפן יונגע אַראַבער וואָס טראָגן געווער. דער פּלאַן איז באַשטעטיקט געוואָרן און ס׳איז געווען באַשטימט אים אויסצופירן צומאָרגנס גאַנץ פרי.

דאָס נייטיקע געווער האָט מען אָנגעלאָדן אין דעם אויטאָ, פּונוואַנען? עס איז אַראָפּגענומען געוואָרן דער הינטערשטער פענצטער. דאָרט האָט מען אַוועקגעשטעלט אַן אויטאָמאַט, וואָס זיין אויפגאַבע איז געווען צו דעקן דעם צוריקטריט. דער נומער פון אויטאָ איז געענדערט געוואָרן. פיר ש״י־מענטשן זיינען געווען באַשטימט דורכצופירן די אַקציע און האָבן באַקומען די גענויע אינסטרוקציעס.

ווען מיר האָבן זיך דערנענטערט צום אָרט, האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז אין צווישן איז אין דער סביבה דורכגעפירט געוואָרן אַן אַקציע דורך אַן אַנדערער יידישער אָרגאַניזאַציע. אַן אַראַבער וואָס איז פאַרוואונדעט געוואָרן אין אַ געצעלט, אויף דער גרענעץ צווישן יפו און תל־אביב איז אָפּגעפירט געוואָרן אין אַ מיליטערישן שפּיטאָל. מיר האָבן געוווסט, אַז די דאָזיקע אַקציע קען שטערן אונדזער אויפגאַבע, ווייל די פּאָליציי און דאָס מיליטער האָבן אָנגעהויבן לויפן צום דאָזיקן פּלאַץ פון אַלע זייטן. וואָלטן מיר געפאָלגט דעם קאַלטן חשבון פון לאָגיק, וואָלטן מיר געדאַרפט רעזיגנירן פון דער אַקציע און זיך אומקערן צו אונדזער באַזע, אָבער די הגנה־דיסציפּלין און אויך דאָס באַוווסטזיין, ווי נייטיק עס איז אַן ערנסטער רעוואַנש־אַקט, האָבן גובר געווען די קאַלטע לאָגיק. עס איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל זיך צו באַוועגן פאָרויס. איידער מיר זיינען אַרויס האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיטן הגנה־קאָמאַנדיר פון דער געגנט און אים געמאָלדן וועגן באַפעל וואָס מיר האָבן באַקומען און וועגן דער אַקציע, וואָס דאַרף אויסגעפירט ווערן, ווי אויך וועגן די צוגרייטונגען וואָס ער דאַרף מאַכן אויפן פאַל אויב ס׳זאָל דערשיינען פּאָליציי, אָדער ס׳זאָלן דורכגעפירט ווערן אין דער סביבה רעוויזיעס.

מיר זיינען אַרויס אויפן פּלאַץ און אַוועקגעשטעלט אונדזער אויטאָ אַנטקעגן איינעם פון די געסלעך. לויטן באַפעל האָבן מיר אויסגעלאָדן די רעוואָלווערן אין אַ גרופּע יונגע אַראַבער. ווי מיר האָבן זיך נאָך דעם דערוווסט, זיינען אויפן אָרט געפאַלן לכל הפחות צוויי הרוגים און פינף שווער פאַרוואונדעטע — אַלע האָבן געהערט צו די אַראַבישע באַנדעס.

די אַקציע האָט געדויערט געציילטע מינוטן. מיר זיינען אָפּגעטראָטן

איך אַ זיכערן און פאַרמאַסקירטן אָרט, וואָס איז באַצייטנס צ־געגר־יט געווען. צווישן די ש"י־מענטשן זיינען נישט געווען קיין געליטענע. די אַראַבער האָבן נישט באַוויזן צו ענטפערן מיט פייער, ווייל זיי זיינען אַנטלאָפן אין בהלה. מיר האָבן אויפן אויטאָ צוריקגעשטעלט דעם ריכטיקן נומער און דער קאָמאַנדיר פון דער אַקציע האָט זיך געמאָלדן אין שטאַב אָפּצוגעבן אַ ראַפּאָרט וועגן די רעזולטאַטן פון דער אַקציע.

דאָ האָט זיך אויפגעקלערט, אַז דער שטאַב האָט געוווסט וועגן דער שטערונג, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר אונדזער אַקציע און האָבנדיק מורא, אַז מ'קען אַריינפאַלן אין די הענט פון מיליטער אָדער פאָליציי, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט אין דער געגנט, האָט ער גלייך אַרויסגעשיקט מאָטאָציקליסטן אונדז אויסצוגעפינען און אונדז אומצוקערן, נאָך איידער די געפּלאַנטע אַקציע וועט אויסגעפירט ווערן. ווען מיר האָבן דערציילט, אַז מיר האָבן שוין אויסגעפירט די אויפגאַבע לויט די אָנווייזונגען, איז דאָס געווען אַ דערפרייענדיקע איבערראַשונג.

די בריטישע מאַכט האָט רעאַגירט אויף אָט דעם רעוואַנש־אַקט פון דער הגנה, וואָס איז געווען אַן אָנזאָג אויפן גיכן סוף פון דער תקופה פון „אייגהאַלטן זיך" — דערמיט, וואָס זי האָט דערקלערט אַ ספּעציעלן אַרויסגאַנגספאַרבאָט אין די טאָג־שעהן אויף די יידישע קוואַרטאַלן ביי די גרענעצן פון תל־אביב. דער פאַרבאָט האָט פאַרשטייט זיך פאַרשאַפן שוועריקייטן אייניקע קוואַרטאַלן. אָבער אַ דאַנק אונדזער וואָרנונגס־אַקציע איז די צאָל אַראַבישע איבערפאַלן געפאַלן. די אַראַבער האָבן אויפגעהערט זיך צו פילן זיכער אין זייערע ישובים: זיי האָבן זיך איבערצייגט, אַז די האַנט פון דער הגנה וועט דערלאַנגען צו זיי אויך אין זייערע הייזער. נאָר דאָס איז נאָך געווען נאָר אַן אַריינפיר צו דער לעקציע, וואָס די הגנה איז געווען גרייט זיי צו געבן אין אַנדערע אַקציעס און אין אַנדערע ערטער.

אַראַבישער טעראָר קעגן אַראַבער

דער טעראָר פון די אַראַבישע באַנדעס וואָס האָט געבושעוועט אין לאַנד, איז לכתחילה געווען געווענדעט נאָר קעגן דעם יידישן ישוב. די אָנפירער פון טעראָר האָבן געהאַט איין מיטל — בלוט־פאַרגיסונג. מיטן דאָזיקן מיטל האָבן זיי געוואָלט אונטערדריקן דעם יידישן ישוב. נאָר כדי צו דערגרייכן זייער ציל, האָבן זיי געמוזט שטרעבן דערצו, אַז דער גאַנצער אַראַבישער ישוב זאָל מיט זיי מיטאַרבעטן. דאָס האָבן זיי נישט געקענט דערגרייכן איידער זיי צווינגען נישט אַרויף זייער פולשטענדיקע הערשאַפט איבער דעם אַראַבישן ישוב. אויך דעם דאָזיקן צוועק האָבן זיי געהאָפט צו דערגרייכן מיטן איינאייינציקן מיטל וואָס זיי האָבן געקענט: טעראָר.

אַזוי אַרום איז מיט דער צייט זייער געווער אַנגעווענדט געוואָרן קעגן די אַראַבער גופא.

די הערשאַפט פון די מופטי־באַנדעס, ווי זיי האָבן דעמאָלט געהייסן, איבער די אַראַבער איז געווען זייער האַרב. יעדער אַראַבער, וואָס איז געווען פאַרדעכטיקט אין אַ קאָנטאַקט מיט אַ ייד, האָט געהאַט איין פסק־דין — טויט. דער האַנדל צווישן יידן און אַראַבער איז אינגאַנצן איבערגעריסן געוואָרן. דער חרם וואָס די באַנדעס האָבן פּראָקלאַמירט קעגן יידן איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן. אַ טויט־אורטייל האָט דערוואַרט יעדן אַראַבער אויף וועמען ס׳איז געפאַלן נאָר אַ חשד, אַז ער ברעכט דעם חרם — בפרט נאָך אויב ער איז געווען מיט יידן באַפריינדעט. די אַראַבישע באָדן־פאַרמיטלער זיינען בייטאָג אָפּן דערמאָרדעט געוואָרן און זייערע קערפּערס זיינען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף די גאַסן פון די אַראַבישע שטעט און אויף זיי זיינען געווען צוגענאָגלט צעטלעך מיט אַ וואָרענונג: „אַזוי וועט געמאַכט ווערן מיט אַ פאַררעטער, וואָס פאַרקויפט ערד יידן“. אָדער: „אַזוי וועט געמאַכט ווערן מיט אַ פאַררעטער־מסור, וואָס פריינדעט זיך מיט יידן“.

אָט די רציחות זיינען נישט שטענדיק געווען אַ סימן אַז דער קרבן איז ווירקלעך „שולדיק“. עס זיינען דערמאָרדעט געוואָרן אויך אומשולדיקע אַראַבער. אָבער די באַנדעס האָבן נישט מקפיד געווען אויף אַזעלכע קלייניקייטן... די באַנדיטן האָבן געמאָרדעוועט פאַרן קלענסטן חשד, נישט פאָרשנדיק און נישט פטרנדיק קיין צייט אויף אַ געריכטלעכער פּראָצעדור. עס איז געווען גענוג, אַז עמיצער זאָל מסרן, אָדער סתם אויסטראַכטן אַ בילבול אויף אַן אַראַבער, אַז ער זאָל זיך האָבן באַגעגנט מיט יידן — כדי די כנופיות זאָלן ליקווידירן דעם קרבן, אָן איבעריקע טראַכטענישן.

אויף אָט דעם „נאַציאָנאַלן באָדן“ זיינען ליקווידירט געוואָרן אויך פיל פּריוואַטע חשבונות: האָט געוואָלט אַן אַראַבער פּטור ווערן פון אַ פיינט, פלעגט ער מסרן אויף אים און ער איז זוכה געווען דערצו, אַז זיין נקמה־אַקט זאָל דורכגעפירט ווערן דורך די „שליחים פון דער אַראַבישער נאַציע“.

די צאָל אַראַבישע הרוגים פון אָט דעם מין איז געוואַקסן, האָט אָנגעוואָרפן אַ פחד און אַ צעטומלעניש אויף דער אַראַבישער באַפעלקערונג. יאָ, דער טעראָר האָט דערגרייכט זיין צוועק: די אַראַבער האָבן כמעט אויפגעהערט צו קומען אין באַרירונג מיט יידן. אַזוי אַרום זיינען פאַרשטאָפּט געוואָרן די קוואַלן פון דער אינפאָרמאַציע, וועלכע מ׳האָט געקענט אויף אַ נאַטירלעכן אופן באַקומען דורך די יידישע בהמות־הענדלער, וועלכע פלעגן זיך אַרומדרייען איבער די אַראַבישע דערפער, אָדער דורך די אַראַבישע שותפים פון יידישע סוחרים. ס׳האָבן זיך אָנגעהויבן זעלטענער דערווייזן אויך די אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן, וועלכע פלעגן אונדז „פריינטשאַפטלעך“ דינען פאַר אַ באַלוינונג.

און פונדעסטוועגן האָבן מיר אינפאָרמאַטאָרן

אָבער אפילו אין דער סאַמע פינצטערער טעראָר־תקופה איז אונדז גע־לונגען צו מאָביליזירן אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן.

מ'דאַרף געדענקען, אַז מחמת דעם עקאָנאָמישן חרם וואָס די אַראַבער האָבן פּראָקלאַמירט קעגן יידן, און מחמת דער אָפּשטעלונג פון דער אַרבעט אין יפו־האַפן, איז די אַראַבישע ווירטשאַפט שווער געטראָפן געוואָרן. די מאַטעריעלע נויט פון די אַראַבער האָט געהאָלפן דעם ש"י צו קריגן אַראַ־בישע אינפאָרמאַטאָרן, באַזונדערס נאָך ווי דער הגנה־שטאַב האָט באַשלאָסן צו פאַרגרעסערן דעם ביודזשעט פון ש"י אויף אָט דעם צוועק. ס'האָבן אָנ־געהויבן קומען צו אונדז אַרבעטסלאָזע אַראַבער פון יפו האַפן און פון אַנ־דערע ערטער, און זיי זיינען מסכים געווען צו אַרבעטן אָדער „פער שטיק" (באַקומען באַצאָלט פאַר יעדער ידיעה וואָס זיי וועלן ברענגען), אָדער אויף אַ פעסטער שכירות. מיר האָבן געצאָלט לויט דער טאַקסע און האָבן פאַר אַ גוט שטיקל אַרבעט נאָך צוגעלייגט אַ פּרעמיע. פונדעסטוועגן קען מען זאָגן, אַז אפילו לויט די באַגריפן פון יענע טעג, זיינען די הוצאות געווען גענוג קליינע.

נאָר אַ דאַנק די דאָזיקע אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן האָבן מיר ווידער געעפנט אַ פענצטער צום אַראַבישן ישוב. מיר פלעגן באַקומען אינפאָר־מאַציעס, וואָס אָן זיי וואָלט די הגנה געטאַפּט אין דער פינצטער.

פאַרשטייט זיך, מיר האָבן אָנגענומען פאָסיקע מיטלען פון פאַרמאַס־קירונג און פאָרזיכטיקייט. די באַגעגענישן מיט די אַראַבישע אַגענטן פלעגן איינגעאָרדנט ווערן אין די „הפקר־געביטן" צווישן יידישן און אַראַבישן ישוב. מיר פלעגן אַרויסגיין אויף זאַמד־בערגלעך און זיך אויסבאַהאַלטן צווישן הויכע קוסטעס, כדי אַ זייטיק אויג זאָל אונדז נישט באַמערקן. אָבער טראָץ אָט די פאָרזיכטיקייט־מיטלען, וועלכע מיר האָבן אָנגענומען, זיינען די באַגעגענישן געווען פאַרבונדן מיט סכנה, ווייל מ'האָט שטענדיק געקענט דערוואַרטן אַ פּראָוואָקאַציע מצד די אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן גופא. מיר זיינען געווען געצוווּנגען זיך צו באַוואָפענען מיט פערזענלעך געווער, אַ חוץ דעם האָט אַ ספּעציעלע אייגהייט פון אונדזערע מענטשן זיך אויסבאַהאַלטן ערגעץ אין דער נאָענט, און האָט נאָכגעשפּירט יעדן טריט אונדזערן. איין כלל האָבן מיר געהאַט לגבי די אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן, וואָס האָבן אונדז געדינט פאַר געלט: „זיי אים מבזה און זיי אים חושד!" — מיר האָבן זיי פאַראַכטעט, ווייל זיי האָבן פאַר געלט געמסרט זייערע ברידער און מיר האָבן זיי חושד געווען, אַז פּונקט ווי זיי קענען פאַרראַטן אייגענע מענטשן, קענען זיי פאַרראַטן אויך אונדז, און אויסשטעלן אונדז אַ פאַסטקע.

איז דאָך פאַראַן אַן אַלטער כלל ביי די קאָנספּיראַציע באַדינגונגען: „נעם אָן די אינפאָרמאַציע און האָב פיינט די אינפאָרמאַטאָרן!"

אפרים דקל

ווער זיינען זיי געווען?

צוויי פון אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן זיינען געווען ברידער: ראשיד און מאַכמוד. זיי האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן נאָך צוויי ברידער, וואָס אַרבעטן מיט די באַנדעס. דער דאָזיקער פּרט איז נישט געווען וויכטיק פאַר אונדז און דעריבער האָבן מיר זיך נישט געמיט צו קאָנטראָלירן, צי האָבן זיי דאָס דערציילט כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק און צוצוגעבן זיך מער חשיבות.

מאַכמוד האָט געקענט עטלעכע העברעאישע ווערטער און האָט פאַר־שטאַנען ענגליש. ער האָט געאַרבעט עטלעכע יאָר אין דער קיך פון מיליטע־רישן לאַגער אין סאראַפאַנד. אין אַ צייט אַרום האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַפּגעזאָגט געוואָרן פון דער אַרבעט, ווייל ער האָט געגנבעט אַ רע־וואָלווער פון אַ הויכן בריטישן אָפיציר. יעדער מסור האָט זיך באַמיט אויס־צוגעפינען מאָטיוון פאַר זיין געמיינער אַרבעט, כדי עס צו באַרעכטיקן אין זיינע אייגענע אויגן און כדי אונדז אויפצוקלערן, פאַרוואָס ער טוט אַזוי. די מאָטיוון פון מאַכמוד זיינען געווען, אַז ער וויל אונדז דינען מחמת זיין שנאה צו די ענגלענדער, און כדי צו נעמען נקמה פון די באַנדעס, וועלכע האָבן אים פערזענלעך אַנגערירט און אָוועקגערויבט פון אים זיין פאַרמעגן. מיר זיינען נישט געווען מחויב אים צו גלויבן און מיר האָבן אויך באַזונ־דערס זיך נישט אינטערעסירט מיט די אמתע טעמים, וועלכע האָבן אים גע־בראַכט צו אונדז.

זיין ברודער ראשיד איז געווען אַלט אַ יאָר 22 — יינגער פון מאַכ־מודן מיט דריי יאָר — און האָט געקענט נאָר אַראַביש. ער איז געווען זייער פלינק און כיטרע, האָט געוווּסט פיל וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין זיין געגנט און האָט געקענט פיל מיטגלידער פון די באַנדעס מיט די נעמען. ס'האָט אונדז ממש געוווּנדערט וויפל אינפאָרמאַציע ער האָט געהאַט וועגן אַלץ וואָס עס טוט זיך צווישן די באַנדעס און באַזונדערס אינעם שטאַב פון חאסאַן־סאַלמאַ, דעם קאָמאַנדיר פון די באַנדעס אין דרום. לכתחילה האָבן מיר נישט געגלויבט אין זיינע ידיעות, דווקא ווייל זיי זיינען געווען זייער פיל און אויספירלעכע און דאָס האָט נישט געקענט אַרויסרופן קיין צוטרוי. אין די ערשטע טעג פון זיין אַרבעט האָבן מיר זיך אפילו נישט געמיט צו פאַרשרייבן די פּרטים פון זיין אינפאָרמאַציע און עס איבערגעבן ווייטער. ער האָט דערפילט אונדזער איינגעהאַלטנקייט און האָט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרשטאַרקן זיינע רייד. האָט ער אונדז אָנגעהויבן ברענגען באַווייזן: דאָס זיינען געווען דורכגאַנגס־באַשייניקונגען, וואָס עס פלעגט אַרויסגעבן דער שטאַב פון די כנופיות. די דאָזיקע דאָקומענטן זיינען אונדז שפּעטער שטאַרק צונוצגעקומען.

מיר האָבן געקענט שפּעטער אַרויסשיקן אונדזערע מענטשן אַרומוואַנ־דערן איבער דער אַראַבישער געגנט און אָן אַזעלכע באַשייניקונגען וואָלטן זיי אַהין נישט געקענט דערגרייכן. מיט דער צייט איז אונדז קלאָר געוואָרן,

אַז ראַשיד איז אַ נוצלעכער אַגענט, הגם מיר האָבן אים חושד געווען, אַז ער דינט צוויי באַלעבאַטים גלייכצייטיק.

ראַשיד איז געווען אַ יונגער כוואַט. ער האָט געאַרבעט ווי אַ שליח ביים אָנפירער פון די באַנדעס בכבודו ובעצמו און צו דער גלייכער צייט האָט ער געאַרבעט פאַר אונדז „איבערשעהן"... נאָך אַ גרונטיקער אויספאָרשונג און פאַרגלייכנדיק זיין אינפאָרמאַציע מיט די ידיעות, וואָס מיר האָבן געהאַט פון אַנדערע קוואַלן, האָבן מיר אויפגעקלערט, אַז מ'קען זיינע ידיעות ערנסט אָפּשאַצן, און עס איז געוווּנטשן אַז ער זאָל ווייטער פאַר אונדז אַרבעטן. אַ דאַנק זיינע ידיעות האָבן מיר געקענט אויפקלערן דאָס גאַנצע בילד פון די אַראַבישע באַנדעס אין יענע טעג: ווי אַזוי די באַנדעס האָבן זיך איינגע־גלידערט אין אַראַבישן לעבנסשטייגער, ווי גרויס זיי זיינען, פון וועמען עס באַשטייען זייערע געריכטן, ווי אַזוי עס זיינען געבויט זייערע קעמפערישע איינהייטן, ווי אַזוי ס'איז אָרגאַניזירט דער שוץ אין די אַראַבישע דערפער אאַז"וו.

דער זכרון פון ראַשידן האָט אונדז איבערראַשט. ער האָט געדענקט יע־דע איינצלהייט. מיר פלעגן פאַרצייכענען פיל זאַכן, וואָס ער פלעגט אונדז איבערגעבן אויסנווייניק: די נעמען פון די באַזונדערס אַקטיווע באַנדיטן אין די שטעט און דערפער, ווו זיי דרייען זיך אַרום, ווו זיי באַגעגענען זיך און ווי אַזוי זיי פאַרמאַסקירן זיך. ווי באַלד ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן אַ פרייען צוטריט אין הויפּט־שטאַב, האָט ער לכתחילה געוווּסט וועגן אַלע פּלענער פון איבערפאַלן אויף יידן, ווו און ווען עס וועלן אָוועקגעלייגט ווערן מינעס, ווו עס וועלן דורכגעפירט ווערן באַוואָפנטע אָנפאַלן. אויפן גרונט פון די דאָזיקע ידיעות איז אונדז געלונגען אויסצומיידן אומגליקן און קרבנות און אפילו צו איבערראַשן דעם שונא מיט קעגן־קלעפּ. די הגנה־איינ־הייטן פלעגן זיך מקדים זיין און קומען פריער אויף די געהעריקע פּלעצער, פלעגן זיך דאָרט פאַרבאַהאַלטן, באַפאַלן די כנופיות, פאַרשאַפן זיי פיל קרבנות און זיי שטערן דורכצופירן זייערע טייוואָלאַנישע פּלענער.

ווי מיר האָבן אויפגעקלערט אין אַ צייט אַרום, האָט ראַשיד געגעבן אינפאָרמאַציעס וועגן זיינע חברים נאָר צוליב דעם, וואָס זיין אַמביציע איז נישט באַפרידיקט געוואָרן. חאַסאַן סאַלמא האָט אים נישט געגעבן קיין הע־כערן ראַנג און דאָס האָט אים אַזוי פאַרדראָסן, אַז ער איז געוואָרן אַ פאַר־רעטער, וואָס פאַרקויפט פאַר געלט דאָס בלוט פון זיינע חברים די באַנ־דיטן און זייערע סודות. נישט דער לוין און די מתנות, וואָס ער פלעגט ביי אונדז באַקומען, האָבן אים באַוועגט צו זיין פאַרראַט, נאָר ער איז גע־ווען שרעקלעך פאַרביסן, הלמאי מ'האָט באַליידיקט זיין כבוד.

דער דריטער אינפאָרמאַטאָר אונדזערער איז געווען סאַלים. אַ שטאָטי־שער יונגערמאַן, אייראָפּעאיש געקליידעט, וואָס האָט גערעדט אַ פאַרגרייזטן העברעאיש. ער האָט געהאַט יידישע באַקאַנטע אין תל־אביב און אין די קאָלאָניעס, וואָס מיט זיי איז ער געשטאַנען אין האַנדלס־פאַרבינדונגען. סאַ־

לים האָט געמאַכט זיין מלאכה אָן שום פלאַגענישן פון געוויסן — דאָס געלט וואָס ער פלעגט באַקומען פון אונדז איז געווען פאַר אים דער איינציקער מאָטיוו. ער האָט דאָס געזאָגט גאַנץ אָפן מיט יענעם באַרימערישן טאָן, וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דער שטאָטישער אַראַבישער יוגנט, וואָס זוכט לייכטע פאַרדינסטן צוליב בילוקע פאַרגעניגנס. נישט איין מאָל האָט ער אַנטדעקט פאַר אונדז זיין „וועלט־אַנשויאונג״: ער איז גרייט צו אַר־בעטן פאַר יעדן וואָס וועט אים מער צאָלן, פאַר דער מטבע איז ער גרייט צו פאַרקויפן אפילו זיין שוועסטער און זיין פאָטער. און באמת, סאלים האָט געפאָדערט אַ הויכן פּרייז פאַר די אינפאָרמאַציעס, וואָס ער פלעגט אונדז צושטעלן.

ווען סאלים איז צו אונדז געקומען, האָבן מיר אים אָנגענומען צוערשט אויף פּראָבע. אָן אינפאָרמאַטאָר פון זיין מין האָט נישט אַרויסגערופן ביי אונדז קיין צוטרוי. מיר האָבן אָפּגעמאַכט, אַז מיר וועלן אים צאָלן „פּער שטיק״, מיטן תנאי ער זאָל אונדז ברענגען לכל הפחות דריי אינפאָרמאַציעס אַ וואָך, און מיר האָבן אים צוגעזאָגט נאָך אַ באַזונדערע באַלוינונג אויב די רעזולטאַטן וועלן באַשטעטיקן די וויכטיקייט פון זיין אינפאָרמאַציע.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז אָט די דריי אינפאָרמאַטאָרן האָבן געאַר־בעט באַזונדער און יעדער פון זיי האָט נישט געוווסט וועגן דעם צווייטן. אמת, מיר האָבן געהאַט אַ חשד, אַז די ברידער האָבן יאָ געוווסט איינער וועגן צווייטן. אָבער פאַר אונדז איז יעדער אינפאָרמאַטאָר געווען זעלב־שטענדיק און אָפּגעזונדערט פון אַנדערע. אָט די דריי האָבן אונדז געליפערט די אַלע נייטיקע פאַר אונדז אינפאָרמאַציעס וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין אַראַבישן לאַגער אין דעם גאַנצן ראַיאָן. היינט קען מען שוין סומירן און זאָגן, אַז די רעזולטאַטן זיינען געווען גאַנץ גוטע: נישט ווייניק יידן זיינען געראַטעוועט געוואָרן פון אָן אָנפאַל, עס זיינען באַזייטיקט געוואָרן מינעס אויף די וועגן, איידער זיי האָבן באַוויזן אויפצורייסן, עס זיינען באַ־ציַיטנס אַנטדעקט געוואָרן פאַסטקעס, די רייען פון די באַנדעס האָבן מיר צעטרייסלט און זייערע באַוואָפנטע מענטשן זיינען געכאַפּט געוואָרן און באַקומען דעם פאַרדינטן שטראָף, — דורך אונדזערע שוץ־איינהייטן, אָדער דורכן איבערגעבן זיי אין די הענט פון מיליטער און פאָליציי, כדי זיי זאָלן געשטעלט ווערן פאַרן געריכט.

ראשיד האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן

די אַראַבישע כנופיות האָבן געוווסט, אַז איבעררייסן אונדזערע טעלע־פאָן־דראָטן הייסט שווער טרעפן אין אונדזער שוץ־סיסטעם, און באַזונדערס אין דער באַשיצונג פון אָפּגעלעגענע ישובים, וואָס די טעלעפאָנען זיינען נייטיק כדי איינצוהאַלטן די פאַרבינדונג מיט די הויפּטבאַזעס און די שטאַבן

פון די געהעריקע דיסטריקטן. דעריבער האָבן מיר שטאַרק אויסגעהיטן די פאַרשיידענע טעלעפאָן־ליניעס אין לאַנד.

די ערשטע פּראָבע פאַר דער טריישאַפט פון ראשידן איז געווען דאַן ווען די כנופיות האָבן געפּלאַנעוועט דורכצופירן אַ סאַבאָטאַזש־אַקט אין די טעלעפאָן־דראָטן פון דיסטריקט. ראשיד איז געקומען אויפן באַשטימטן אָרט און האָט אונדז דערציילט, אַז נאָך אין דער זעלביקער נאַכט איז די באַנדע גרייט אונטערצוצינדן די טעלעפאָן־סלופּעס. ער האָט נישט געוווסט גענוי די שעה, אָבער ס׳איז אים געווען קלאָר, אַז דאָס דאַרף געשען נאָך האַלבער נאַכט. אַ וויכטיקער פּרט אין זיין אינפאָרמאַציע איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געקענט גענוי אָנווייזן דאָס אָרט, ווו דער אַקט זאָל אויסגעפירט ווערן. איז דאָס געווען פאַר אונדז אַ געלעגנהייט צו קאָנטראָלירן, צי מ׳קען זיך טאַקע פאַרלאָזן אויף ראשידן, וואָס באַרימט זיך מיט זיינע פאַרבינדונגען. מיר האָבן געמוזט זיין זייער פאָרזיכטיק, ווייל מיר האָבן געוווסט, אַז דער אינפאָרמאַטאָר קאָן אויך זיין אַ פּראָוואָקאַטאָר, וואָס פאַרלייגט אַ נעץ פאַר די יעניקע, וועמען ער האָט פאַרקויפט זיינע ידיעות. דאָס וואָס דער טאַבאָ־טאַזש אַקט איז געווען געווענדט קעגן אַ רעגירונגס־אָביעקט, האָט אונדז פאַרלייכטערט די מלאכה.

מיר האָבן תיכף די באַקומענע ידיעה איבערגעגעבן דער בריטישער מי־ליטערישער איינהייט, מיט וועלכער מיר האָבן צוזאַמענגעאַרבעט אין קאַמף קעגן די כנופיות. נאָך אַ שמועס מיט די אָפיצירן זיינען מיר געקומען צום אויספיר, אַז ס׳איז בעסער צו לאָזן די באַנדיטן דורכצופירן זייער פּלאַן, און אויף זיי אָנפאַלן בשעת זייער צוריקטריט. לויטן דאָזיקן פּלאַן איז אַרויס אַ גרופּע סאָלדאַטן בראש מיט אַן אָפיציר אויפן באַשטימטן אָרט. די סאָלדאַטן האָבן זיך פאַרשטעקט אַזוי, אַז קיינער זאָל זיי נישט קענען באַמערקן. נאָך האַלבער נאַכט זיינען טאַקע אָנגעקומען באַוואָפנטע אַראַבער, האָבן באַגאָסן מיט נאַפט אַכט טעלעפאָן־סלופּעס און האָבן זיי אונטערגעצונדן. אונדזערע מענטשן האָבן פונדערווייטנס נאָכגעפאָלגט די דאָזיקע געשעעניש און זיי האָבן אונדז שפּעטער געמאָלדן, אַז די אינפאָרמאַציע פון ראשידן האָט זיך באַרעכטיקט. דאָס איז געווען דער ערשטער באַווייז, אַז מ׳קען זיך פול־שטענדיק פאַרלאָזן אויף זיינע אינפאָרמאַציעס.

נאָך דעם ווי די סלופּעס זיינען אונטערגעצונדן געוואָרן, האָבן די ברי־טישע זעלנער געעפנט אַ פייער אויף די באַנדיטן. יענע האָבן געענטפערט מיט פייער. דער קאָמאַנדיר פון דער מיליטערישער איינהייט, ווי אויך דער יידישער וועכטער, אַ הגנה־חבר, וואָס איז מיטגעגאַנגען מיטן מיליטער, האָבן אונדז נאָך דעם דערציילט די פּרטים פון צוזאַמענשטויס, וועגן די שווערע פאַרלוסטן וואָס די באַנדע האָט געליטן. דער בריטישער אָפיציר האָט אונדז געדאַנקט פאַר דער געלעגנהייט, וואָס מיר האָבן אים געגעבן אויסצופירן אַן אָפּעראַציע, וואָס איר דערפאָלג איז געווען לכתחילה געזיכערט אַ דאַנק דער פּינקטלעכער אינפאָרמאַציע. ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים ווייטער צו־

שטעלן אַזעלכע ידיעות און האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט שיקן זיינע זעלנער און וועט אונטערנעמען ברייטע אַקציעס כדי איינגאַנצן צו ליקווידירן דעם טעראָר אין דער געגנט.

ווען מיר האָבן זיך געטראָפן מיט ראשידן אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געווען זייער שטאָלץ אויף זיין אינפאָרמאַציע און האָט זיך באַרימט, אַז „ער ווייס אַלץ". ראשיד האָט באַקומען עטלעכע פונט ווי אַ מתנה און דער־ביי האָבן מיר אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט אונדז ברענגען נאָך אַ וויכ־טיקערע אינפאָרמאַציע, וועלן מיר די גראַטיפיקאַציעס פאַרגרעסערן. פון דאַן אָן האָבן מיר אין אים איינגעזען אַ זייער וויכטיקן „אינסטרומענט".

עס איז נישט געווען אַזוי פשוט אויסצוגעפינען אַראַבישע אינפאָרמאַ־טאָרן, וואָס זאָלן אַריינדרינגען אין די פעסטונגען פון די באַנדעס און זאָל ברענגען אַזעלכע אויספירלעכע ידיעות וועגן זייערע פלענער און אינטריגעס. מיר האָבן דעריבער ווייטער אָנגעהאַלטן רעגולערע פאַרבינדונגען מיט אים.

איבערפאַל אין יפו

איין מאָל קומט צו אונדז ראשיד און דערציילט, אַז דאָס געריכט פון די כנופיות האָט אַרויסגעטראָגן אַ טויט־אורטייל אויף אַן אַראַבישן פאַרמיט־לער פון יפו, וואָס האָט פאַרקויפט יידן ערד. ער האָט נאָך נישט געוווּסט, ווען און ווו ס'וועט אויסגעפירט ווערן דער אורטייל, אָבער ער האָט צוגע־זאָגט, אַז ווען ער וועט זיך דערקונדיקן, וועט ער אונדז איבערגעבן די גענויע אינפאָרמאַציע.

און באמת, אין איינעם אַן אָוונט קומט ראשיד צו לויפן און זאָגט, אַז מאָרגן גרייט מען זיך דעם אַראַבישן הענדלער צו דערהרגענען. לויטן פּלאַן דאַרף דאָס זיין אַ מוסטערהאַפטער פסק־דין. דער הענדלער דאַרף באַזוכן אין די פאַרמיטאָג־שעהן דאָס גרויסע קאַפע־הויז נעבן דעם תפיסה־בנין אין יפו. דאַן וועלן קומען אין קאַפע דריי באַוואָפנטע אַראַבער און זיי וועלן אים ליק־ווידירן פאַר זיינע געשעפטן מיט יידן און פאַר זיין פאַרראַט כלפּי זיין פאָלק. דער באַפעל איז געווען, לויט ראשידס רייד, מ'זאָל דערהרגענען דעם הענד־לער דווקא בייטאָג, אין די אויגן פון דעם המון קאַפע־באַזוכער, אין האַרצן פון דער שטאָט, כדי אָנצוּוואַרפן אַ פחד אויף די אַראַבישע איינוווינער און זיי זאָלן קריגן דרך־ארץ פאַר די כנופיות.

מיר האָבן נישט געקענט וואָרענען דעם הענדלער. די נוצלעכסטע זאַך וואָס מיר האָבן געקענט מאַכן — איז זאָרגן דערפאַר, אַז די דריי באַנדיטן זאָלן געכאַפּט און אַרעסטירט ווערן נאָכן מאָרד. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט אַ יידישן פּאָליציי־אָפיציר, אונדזער אַ חבר, וואָס האָט פאַרשטעקט נישט וויַיט פון קאַפע זיינע מענטשן און האָט זיך אַליין באַטייליקט אין דער אַקציע.

די מענטשן פון דער כנופיה האָבן געאַרבעט לויטן פּלאַן, וואָס ראשיד

האָט אונדז אַנטדעקט. דער אַראַבישער הענדלער איז דערהרגעט געוואָרן אויפן שוועל פון קאַפע־הויז און זיין קערפּער איז אַרויסגעשליידערט געוואָרן אינמיטן גאַס. די מערדער האָבן הויך דערקלערט פאַר די אַנוועזנדיקע אין קאַפע און פאַרן המון אויף דער גאַס, אַז אָט דער פסק־דין איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן דירעקט דורכן אָנפירער פון די כנופיות האַסאַן סאלאמא און אַז קיינער זאָל נישט וואַגן צו שפּאַלטן דאָס מויל. זיי האָבן נאָך געוואָרנט דעם עולם זיי זאָלן נישט אַוועקנעמען דעם קערפּער פון אָרט. דער קערפּער דאַרף זיך וואַלגערן ווי אַ פּגר פון אַ הונט, כדי דאָס זאָל דינען ווי אַ וואָרענונג פאַר די באָדן־הענדלער און אַנדערע פאַררעטער.

ווען די דריי מערדער האָבן געענדיקט זייער מלאכה, זיינען זיי צוריק־געטראָטן נאָך איידער ס'איז אָנגעקומען די בריטישע פּאָליציי. אָבער זיי זיינען אָפּגעטראָטן אין אַן אָרט וווּ ס'האָט געלויערט אויף זיי די פּאָליציי פון יידישן אָפּיציר און זיי זיינען געכאַפּט געוואָרן מיטן געווער, מיט וועלכן זיי האָבן דערהרגעט דעם אַראַבישן הענדלער. זיי זיינען אַלע דריי אַרעסטירט געוואָרן און געבראַכט געוואָרן אין אַ געפּאַנצערטן אויטאָ אין דער טורמע אין רמלה.

און ווידער איז געקומען ראשיד און האָט זיך באַרימט, אַז ער קען אַלץ און ווייסט אַלץ און האָט געמאָנט — און האָט אויך באַקומען — אַ געהעריקע געלט־מתנה. ער האָט באַטאָנט, אַז ער איז איינער פון די הויז־איינגייער ביי דעם אָנפירער פון די כנופיות און קען אפילו די פרויען, וואָס חאסאַן סאלאמא פאַרברענגט אין זייער געזעלשאַפט. ער האָט צוגעזאָגט צום קומענדיקן מאָל צו ברענגען אַזאַ וויכטיקע אינפאָרמאַציע, וואָס וועט זיין ווערט פאַר אונדז צו באַצאָלן אים מיטאַמאָל אַ גאַנצן מאָנאַטלעכן געהאַלט.

אייגנטלעך האָבן מיר זיך דערוווּסט אויך פון אַן אַנדערן אינפאָרמאַטאָר, אַז מ'האָט בדעה צו באַפאַלן דעם אַראַבישן הענדלער, אָבער ראשיד האָט געקענט די פּרטים פון דאָזיקן פּלאַן. ער האָט געוווּסט וועגן פּסק־דין, ער האָט אַרויסגעגעבן די מערדער. איז אַליין געגאַנגען זען, ווי אַזוי דער הענדלער ווערט דערמאָרדעט און איז געגאַנגען אין די פּוסטריט פון די מערדער, כדי זיך איבערצוצייגן, צי די פּאָליציי האָט זיי געפּאַקט.

כפר יאזור — דער רויבער־צענטער

איין מאָל קומט צו אונדז איינער פון די אינפאָרמאַטאָרן און דערציילט, אַז איינעם דאָרף יאזור, וואָס גרענעצט זיך האַרט מיט תל־אביב, דרום־זייט, אויפן כביש תל־אביב־ירושלים — האָבן די אַראַבער איינגעאָרדנט אַ מאַגאַזין פון באָמבעס, אויפרייס־מאַטעריאַל, מינעס און ענלעכע מאַטעריאַלן. דער דאָזיקער מאַגאַזין האָט געדאַרפט דינען ווי אַ ליפערונגס־באַזע פאַר די באַנדיטן, וועלכע זיינען געווען באַרופן צו שעדיקן די יידישע קאָמוניקאַציע.

לויט זיינע רייד, האָט ער אפילו געוווּסט אין וועלכע הייזער עס זיינען

קאָנצענטרירט די אַלע „כלים", אָבער פון זיינע דערקלערונגען האָבן מיר נישט געקענט אַרויסבאַקומען קיין קלאָר בילד, וואָס זאָל אונדז געבן די מעג־לעכקייט צו אַנטדעקן און צו ליקווידירן אָט די „אוצרות".

האָבן מיר געהאַט פאַר זיך נאָר איין וועג — דער אינפאָרמאַטאָר זאָל אַרויסגיין צוזאַמען מיט אונדז אויפן פּלאַץ, ווייל אַ נישט וועלן מיר נישט געפינען דעם מאַגאַזין. אַ שרעק איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט דערהערט, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים. אויב די דאָרפס־מענטשן וועלן אים אַנטדעקן — האָט ער געזאָגט — איז ער אַ פאַרפאַלענער. מיר האָבן אים צוגעזאָגט אים אויסצוהיטן פון אַ בייז אויג. ער וועט אַרויס צוזאַמען מיט וועכטער און זעלנער און יענע וועלן דורכפירן אַ רעוויזיע אין די ערטער, אויף וועלכע ער וועט אָנווייזן פונדערווייטנס, אונטערן צודעק פון דער נאַכט־פינצטער־ניש.

די פאָרזיכטיקייט־מיטלען, וועלכע מיר האָבן צוגעזאָגט אָנצווענדן, האָבן אים צום סוף באַרואיקט און ער האָט באַוויליקט מיטצוגיין מיט די מענטשן. מיר האָבן אים אָנגעטאָן אין מיליטערישע בגדים און אויפן קאָפּ האָבן מיר אַרויפגעזעצט אַ היטל, וואָס האָט פאַרדעקט כמעט דאָס גאַנצע פּנים, אַ חוץ די אויגן — אַזוי אַז ער איז געוואָרן אַ רואה ולא נראה. אין דאָרף גופא וועט ער בלייבן זיצן אין פאַנצער־אויטאָ, פונוואַנען ער וועט אַרויסקוקן און וועט אָנווייזן די געהעריקע ריכטונג.

אַ גרופּע ש"י־מענטשן און אויך די הגנה־חברים, וועלכע האָבן זיך באַ־טייליקט אין אָט דער עקספּעדיציע אין אַראַבישן דאָרף, האָבן זיך אויך מי־ליטעריש און פּאָליצייאיש געקליידט. און אַזוי זיינען זיי אַרויס צוזאַמען מיט דער בריטישער מיליטער־איינהייט אויף אַן אָפּעראַציע, וואָס האָט זיך אָנגע־הויבן נאָך האַלבער נאַכט.

אונדזער אָנקום אויפן אָרט איז געווען אַזוי פּלאַנירט, אַז דער וויזיט זאָל זיין אַ פּלוצימדיקער. ביים אַריינגאַנג אין דאָרף האָבן מיר איבערגעלאָזן פּאָסטנס און אויך מענטשן, וועלכע דאַרפן אונדז שיצן מיט פייער אין פאַל פון בויט. אונדזער אינפאָרמאַטאָר איז געפאָרן מיט אונדז אין איינעם פון די אויטאָס און האָט געציטערט פאַר שרעק. אָבער ווי באַלד ער איז שוין איינגעגאַנגען אויף אונדזער אָנלאָקונג איז ער געווען גרייט אונדז צו דינען אַלס וועג־ווייזער. ער האָט אָנגעוויזן אויף איין הויז נאָכן אַנדערן, און יעדע געביידע האָבן מיר רעווידירט אין אַלע אָפּענע און פאַרבאָרגענע ווינקעלעך. אויך די מענטשן זיינען רעווידירט געוואָרן. דער אינפאָרמאַטאָר אַליין האָט נישט געוואַגט אַריבערצוטרעטן די שוועל פון די הייזער, אויף וועלכע ער האָט אָנגעוויזן. ער איז טאַקע געבליבן דער רואה ולא נראה, און צוויי זעל־נער האָבן אים געהיטן פון אַן עין הרע.

די רעזולטאַטן זיינען נישט געווען צופרידנשטעלנדיקע. דאָס וואָס מיר האָבן געפונען איז געווען ווייט הינטערשטעליק לגבי דער פאַנטאַזיע פון אינפאָרמאַטאָר, וואָס האָט דערציילט וועגן גרויסע מאַגאַזינען געווער, מי־

נעס און אויפרייס־מאַטעריאַל. נאָר אין פינף הייזער האָבן מיר געפונען עט־לעכע צענדליק מינעס און אַנדערע מאַטעריאַלן.

אין יענער נאַכט האָבן מיר מיטגענומען מיט זיך פיר אַרעסטירטע. אין איין הויז איז דער פאָטער אַרעסטירט געוואָרן צוזאַמען מיט אַ צוואַנציק־יאָריקן זון. לויט די רייד פון אינפאָרמאַטאָר, האָט דער יונגערמאַן אויסגע־פירט אַ קאָמאַנדע־פונקציע ביי די באַנדעס. ער איז געווען אין דאָרף כדי צו אָרגאַניזירן סאַבאָטאַזש־אַקטן.

דער שניט פון אָט דער נאַכט־עקספּעדיציע איז געווען: דריי מאַן זיי־נען פאַראורטיילט געוואָרן אויף אייביקע תפיסה און דער פערטער וואָס איז געווען אַ זקן — איז באַפרייט געוואָרן צוליב זיין עלטער.

ווען מיר האָבן מיטגענומען מיט זיך די אַרעסטירטע, האָבן מיר פאַר־שטאַנען פון זייערע שמועסן צווישן זיך, אַז זיי זיינען זיכער, אַז עמיצער האָט זיי געמסרט, אָבער זיי זיינען געווען ווייט צו טרעפן, ווער עס איז געווען דער מסור. איינער פון זיי האָט מרמז געווען, אַז ער איז חושד דעם דאָרף־עלטסטן, וואָס שיינט אים צו זיין אומטריי. אויך ש״י האָט גע־האַט ידיעות, אַז דער דאָרף־עלטסטער איז נישט גאָר טריי צו די כנופיות און אַז ער האָט עפּעס אַ געהיימע פאַרבינדונג מיט אַן אָפיציר פון בריטישן געהיים־דינסט. דאָס איז געווען פאַר אונדז וויכטיק צו וויסן, ווייל דאָס האָט געקענט ברענגען נוצן פאַר אונדזער טעטיקייט אין דער צוקונפט.

אונדזער אינפאָרמאַטאָר האָט באַקומען פון מיליטער פינף פונט באַלוי־נונג. מ׳האָט אים אויך געלויבט פאַר זיין לאָיאַליטעט. די דאָזיקע אַקציע האָט גאַנץ קענטיק געווירקט אויף דער זיכערקייט אין דער סביבה, און אַ לאַנגע צייט האָבן די איינוווי־נער פון יאזור זיך געהיטן אַנצורירן די יידי־שע קאָמוניקאַציע. זיי האָבן מורא געהאַט, אַז אַ נייע אַקטיוויטעט פון זייער צד קען ווידער אַרויסרופן אַ רעאַקציע און נייע מענטשן זייערע וועלן ווידער אַריינפאַלן אין טורמע.

מיר ברענגען צו קבורה אַ דערהרגעטן אַראַבער

געווען אַ מעשה וואָס האָט אויפגערודערט די אַראַבישע באַפעלקערונג אין יפו. אַ באָדן־הענדלער, אַ זון פון אַ בכבודיקער און פאַרצווייגטער אַראַ־בישער משפחה, איז דערמאָרדעט געוואָרן אינמיטן טאָג אויף דער הויפּט־גאַס פון יפו, אין קעגנוואַרט פון אַ גרויסן המון. קיינער האָט נישט געוואָגט זיך אַריינמישן. אין אָנבליק פון די אָפטע רציחות, און אפשר אויך צוליב אַ געוויסן פּאָליטישן חשבון, איז די פּאָליציי געשטאַנען פונדערווייטנס און האָט זיך געקווענקלט צו קומען אויפן פּלאַץ און פאַרפירן אַן אויספאָרשונג, אפילו פון יוצא וועגן. די באַנדעס האָבן אין יענער צייט אַנגעוואָרפן אַ פחד אויף יפו און איר אומגעגנט. און אויב אויף די גאַסן פון דער שטאָט האָבן זיך באַוויזן פּאָליציאַנטן, זיינען דאָס געווען אַראַבישע פּאָליציאַנטן. זיי האָבן

נישט נאָר נישט־געשטערט די פאַרברעכערישע מעשים, נאָר זיינען אפילו געשטאַנען אויפן צד פון די באַנדיטן — צוליב סימפאַטיע, צי אויס מורא.
דער קערפּער פון אַראַבישן הענדלער איז אַרויסגעוואָרפן געוואָרן אויף דער גאַס מיט אַ צוגעשפּילעוועטן אזהרה־צעטל: „דאָ איז דערמאָרדעט געוואָרן אַ פאַררעטער, — אַ באַדן־ספּעקולאַנט". צוויי טעג האָט זיך דער קערפּער געוואַלגערט אויף דער גאַס. די מענטשן פון די כנופיות האָבן געמאָלדן, אַז זיי וועלן נישט דערלויבן צו באַערדיקן דעם קערפּער: זאָל דאָס פוילן אויף דער גאַס און זאָלן הינט עס צעפרעסן!
אין צוויי טעג אַרום האָבן די קרובים פון דערמאָרדעטן זיך אָנגענומען מיט מוט, האָבן צוגעגנבעט דעם קערפּער פון דער גאַס און באַערדיקט אויפן מוזולמענישן בית־עלמין אין יפו. ווען דער קאָמאַנדיר פון די כנופיות אין יפו האָט זיך דערוווּסט וועגן דעם, האָט ער באַפוילן זיינע מענטשן אַרויסצושלעפּן דעם קערפּער פון טויער און ווידער אַרויסוואַרפן אויף דער גאַס — דאָרט ווו ער איז געלעגן פריער, נאָך דער דערמאָרדונג. ביי די קרובים פון דערמאָרדעטן האָט דער כעס געברענט הלמאי מ׳פאַרשוועכט דעם כבוד פון זייער משפחה. האָבן זיי ווידער ביינאַכט זיך אַרויסגעגנבעט אויף דער גאַס און געפּרוּווט נאָך אַמאָל צו באַערדיקן דעם קערפּער. אָבער יענע האָבן באַשלאָסן פאַרצוזעצן דעם שפּיל און זיך איזדעקעווען איבערן טויטן קערפּער. דאָס האָט פאַרשאַפט פיל חרפה דער משפחה און אירע נכבדים האָבן זיך געשעמט צו ווייזן פאַר מענטשן. זיי האָבן געשיקט דעלעגאַציעס צום קאָמאַנדיר פון די כנופיות, אָבער יענער איז געבליבן פאַרעקשנט און האָט נישט נאָכגעגעבן. דאַן האָבן די קרובים ווידער אַמאָל געפּרוּווט ברענגען דעם קערפּער צו קבורה, אָבער צומאָרגנס האָט מען געפונען דעם קערפּער אויף דער גאַס, פאַרשטעקט אין אַ שמוציקן זאַק.
די דאָזיקע מעשה איז אונדז באַקאַנט געוואָרן און מיר האָבן באַשלאָסן עפּעס צו טאָן. מיר האָבן געוווּסט, אַז דערמיט וועלן מיר זיך איינשאַפן די פריינטשאַפט פון אַ בכבודיקער און פאַרצווייגטער אַראַבישער משפחה. מיט דער הילף פון איינעם פון אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן האָבן מיר זיך פאַרבונדן מיט דער משפחה און האָבן איר פאָרגעשלאָגן צו באַערדיקן דעם מת אויפן מוזולמענישן בית־עלמין, וואָס געפינט זיך נאָענט פון תל־אביב.
אין די אויגן פון דער משפחה האָבן מיר אויפגעשיינט ממש ווי רעטער. זי האָט שוין נישט געקענט מער איבערטראָגן די חרפה, וואָס די קלאַנגען וועגן איר האָבן געשלאָגן כוואַליעס איבערן גאַנצן לאַנד. דער קערפּער איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין תל־אביב דורך צוויי קוזינען פון דערמאָרדעטן, באַגלייט מיט פּאָליציאַנטן, דאָס איז געווען אַן אייגנאַרטיקע לוויה. די מענטשן פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג פון ש״י זיינען געווען די הויפּט־באַגלייטער. זיי זיינען געקומען אויפן בית־עלמין, האָבן געטרייסט די קרובים און געהאָלפן צו שילטן מיט טויטע קללות די מענטשן פון די כנופיות — אָט די געמיינע יונגען, וואָס האָבן קיין ברעקל געוויסן נישט.

דאָ אויפן אָרט, בשעת דער לוויה האָבן די קרובים פון דערמאָרדעטן געשווירן צו נעמען נקמה פאַר זייער חרפה. ביזן סוף פון זייערע טעג — האָבן זיי געזאָגט — וועלן זיי אונדז געדענקען דעם גרויסן חסד, וואָס מיר האָבן געטאָן מיט זייער אומגליקלעכן קרוב.

אינפאָרמאַטאָר פאַר צוויי שילינג

אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע איז געווען אויך פאַר אונדז די דיסטריקט־טורמע. די אַרעסטאַנטן האָבן געוווסט זייער פיל, וואָס עס טוט זיך צווישן די אַראַבער. די ידיעות פון דאָרטן פלעגן דערגרייכן צו אונדז דורך די יידי־שע אַרעסטאַנטן און טורמע־וועכטער. די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון דעם מקור, פלעגט באַשטעטיקן אָדער אָפּלייקענען ידיעות, וועלכע מיר האָבן געהאַט באַקומען פון אַנדערע קוואַלן.

נאָר וואָס שאַרפער עס זיינען געוואָרן די געשעענישן, אַלץ ערגער זיי־נען געוואָרן די באַציאונגען צווישן די יידישע און אַראַבישע אַרעסטאַנטן. די אַראַבישע אַרעסטאַנטן — וואָס זייער צאָל איז געווען פילפאַכיק גרעסער ווי די צאָל יידישע אַרעסטאַנטן — האָבן אָפן געדראָט מיט איבערפאַלן און מיט אַ מאַסן־מאָרד צווישן די ווענט פון דער טורמע. די מאַכט־אָרגאַנען זיי־נען געווען געצוווּנגען סוף־כל־סוף נאָכצוגעבן די פאָדערונגען פון אונדזערע אינסטיטוציעס און אַרויספירן די יידישע אַרעסטאַנטן פון דער געמישטער טורמע און זיי אַריבערפירן אין אַ געמישטער סביבה. ווי באַלד אַזוי זיינען פון דאָרטן אַרויסגענומען געוואָרן אויך די יידישע וועכטער און אַ וויכ־טיקער אינפאָרמאַציע־קוואַל איז אונדז פאַרלוירן געגאַנגען.

איינער פון אונדזערע מענטשן, וועלכער איז געזעסן אַמאָל אין אָט דער טורמע, האָט אונדז געגעבן אַן עצה זיך צו פאַרבינדן מיט איינעם פון די אַלטע אַראַבישע וועכטער, וועלכער האָט שוין געדינט דאָרט אַ היפּשע צייט. דער וועכטער, אין ראַנג פון אַ סערזשאַנט, איז געווען אַן אַלטער און פון אַלטקייט געבויגענער פאַלאַך, וואָס האָט געדינט אין אָט דער טורמע שוין איבער דרייסיק יאָר. ער האָט געקענט דערציילן וועגן די צרות און יסורים פון די אַרעסטאַנטן נאָך אין די צייטן פון אכזריותדיקן טערקישן גענעראַל דזשעמאַל־פּאַשאַ, אָבער ער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין קללות אויך די פאָרשטייער פון דער מאַכט, וועלכע האָבן געירשנט די טערקן. אויך זיי זיי־נען פאַר זיינע אויגן באַגאַנגען פיל אכזריותדיקע מעשים און עוולות.

באַקומען באַקשיש (שוחד) איז געווען ביי אָט דעם וועכטער אַ נאָרמאַלע זאַך. און ווי באַלד ער איז געווען אַ צוגענגלעכער מענטש, האָט ער חס וחלילה נישט זיך אָפּגעזאָגט פון קליינגעלט. אבו־שילינג — (דער טאַטע שילינג) האָבן די אַרעסטאַנטן אים געגעבן אַזאַ ליבלעכן צונאָמען פאַר זיין שוואַכקייט צו באַקשיש. עס האָט זיך געדוכט, אַז זיין האַנט איז שטענדיק אויסגעשטרעקט נאָכן באַקשיש, ווי אַ האַנט פון אַ קעלנער, וואָס באַליידיקט

זיך ווען מ׳גיט אים נישט קיין טרינקגעלט, וואָס געהערט אויך צום פּרייז פאַרן עסן.

אַט דער אַראַבישער סערזשאַנט האָט געהאַט צו טאָן מיט די ביכער פון דער טורמע און מיט אַלע דאָקומענטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו די אַרעסטאַנטן. ער פלעגט צונויפשטעלן די ראַפּאָרטן און פּראָטאָקאָלן און געוווּסט אַלץ וואָס עס טוט זיך צווישן די ווענט פון דער טורמע, פּונקט ווי ער האָט געוווּסט פאַרוואָס דער אַרעסטאַנט זיצט דאָרט, ווי אַזוי ער פירט זיך אויף און וואָס ער טוט. ער פלעגט זיך באַציען צו די אַרעסטאַנטן מיט רחמים. מ׳האָט דערציילט, אַז ער פלעגט אפילו פאַרטיילן פּאַפּיראָסן צווישן די אָרעמע אַרעסטאַנטן. מיט זיין גוטסקייט האָט ער זיך דערוואָרבן זייער פריינטשאַפט. ער האָט זיך קיינמאָל איבער זיי נישט איזדעקעוועט, פלעגט זיי באַזוכן אין די קאַמערס און האָט ליב געהאַט צו כאַפּן מיט זיי אַ שמועס. איז קיין ווּנדער נישט, אַז ער האָט געוווּסט וועגן די אַרעסטאַנטן אויך דאָס, וואָס איז נישט געווען פאַרשריבן אין די פּראָטאָקאָלן. זיי פלעגן פאַר אים דערציילן זייערע צרות, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז ער וועט דאָס נישט אויסנוצן פאַר זייער רעה־וועגן.

צו אַט דעם סערזשאַנט האָבן מיר זיך געווענדט און אים אויפגעקלערט, אַז די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר פאַרלאַנגען פון אים, — קאָפּיעס פון פּראָטאָקאָלן, שמועסן און אַזוי ווייטער — איז אונדז נייטיק פאַר צייטונגען. ער איז מסכים געווען אונדז צו געבן אינפאָרמאַציע אָן שום קווענקלעניש. נאָר ער האָט געפאָדערט מ׳זאָל אים צאָלן צוויי שילינג אַ טאָג, ס׳הייסט דריי פונט אַ חודש. — אַ סכום וואָס איז געווען זייער באַשיידן אפילו אין יענע טעג. מיר האָבן זיך מיט אים נישט געדונגען.

ווי מיר האָבן אָפּגעמאַכט מיט אים, פלעגט ער טאָג־טעגלעך איבערלאָזן אויף אַ באַשטימטן אָרט אַ קאָנווערט און דאָרטן פלעגן מיר געפינען די נייטיקע מאַטעריאַלן: די ליסטעס פון די אַרעסטאַנטן, און כלערליי מעשיות, וואָס ער האָט פון זיי געהערט. דאָס זיינען געווען פריש־צאַפּלדיקע ידיעות פון די אַראַבישע באַנדעס־אָנפירער און די געוויינלעכע „זעלנער" זייערע, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין טורמע.

אַלץ, וואָס ער פלעגט פון זיי הערן, פלעגט ער פאַרשרייבן. קענטיק, אַז ער האָט מיט גרויס חשק זיך פאַרנומען מיט אָט דער מלאכה. פון זיינע באַריכטן זיינען אונדז באַקאַנט געוואָרן איינצלהייטן וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין די שטאָבן פון די כנופיות, וועגן די קאָנפליקטן און משפטים צווישן די אָנפירער און זייערע מענטשן. בשעת אונדזערע באַגעגענישן מיט אים פלעגן מיר אים ברענגען קליינע מתנות און אים באַוועגן ער זאָל מיט דעם צי מיט יענעם אַרעסטאַנט אויפקלערן אייניקע פראַגן, וועלכע זיינען אונדז געווען אומקלאָר. ער האָט די דאָזיקע שליחות אויסגעפירט גאַנץ גערן און האָט דערין נישט איינגעזען קיין שלעכטס. דער דאָזיקער מאַן האָט אונדז געדינט אַ רעכטע צייט נישט אַרויסרופנדיק קיין באַזונדערע שוועריקייטן.

ער האָט זיך נישט באַטראַכט ווי אַן אינפאָרמאַטאָר אָדער פאַררעטער, נאָר אַ מענטש, וואָס טוט אַ געוויסע אַרבעט פאַר אַ באַלוינונג. ער איז געווען צופרידן פון דעם לוין און מיר פון דער רייכער אינפאָרמאַציע, וואָס ער פלעגט אונדז צושטעלן.

פאַררעטער צוליב פאַנאַטיזם

איינער פון אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן איז געקומען צו אונדז צוליב געפילן פון פאַנאַטישער טריישאַפט צו דער נאַציאָנאַלער אַראַבישער באַוועגונג. ער האָט די דאָזיקע באַוועגונג פאַרראַטן, ווייל ער האָט געוואָלט דינען דווקא אירע אינטערעסן. דאָס איז געווען אַן עגיפּטישער מוסולמענער, וועלכער האָט געלעבט אין ירושלים מיט זיין פרוי און האָט געהערט צו אַ יחוס־דיקער, אָרטיקער אַראַבישער משפחה. ער איז געווען טעטיק אין די אָרגאַניזאַציעס פון דער אַראַבישער יוגנט און אין זכות פון זיין בילדונג און רעדנער־קראַפט האָט ער זיך דערוואָרבן אַן איינפלוס אין די ברייטע קרייזן פון דער אַראַבישער באַוועגונג.

פאַרשטייט זיך, קיינעם האָט נישט געקאָנט קומען אויפן זינען, אַז אָט דער יונגער נאַציאָנאַליסט, אַ באַוווסטזיניקער, זאָל פרעמד ווערן צו זיינע געווער־ברידער און זאָל גאָר מיט דער צייט ווערן אַ שטענדיקער אינפאָרמאַטאָר ביים צד שכנגד. ער אַליין האָט אויך נישט געפילט קיין סתירה צווישן דעם וואָס ער האָט געוואָלט טאָן און דעם וואָס ער האָט געטאָן.

אין די צייטן פון די בלוטיקע געשעענישן האָט ער געאַרבעט ווי אַ סעקרעטאַר פון אַן אַראַבישן יוגנט־קלוב, וואָס האָט געווירקט קעגן יידן. כמעט אין יעדן ראַפּאָרט, וואָס מיר פלעגן באַקומען פון אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן וועגן דער אַראַבישער באַוועגונג, פלעגט דערמאָנט ווערן דער נאָמען פון אָט דעם עגיפּטער. ער איז געשטאַנען נאָענט צו די אָנפירער פון דער באַוועגונג און זיין טעטיקייט איז קענטיק ווי געהעריק אָפּגעשאַצט געוואָרן. ער איז געווען באַקאַנט ווי אַ מענטש, וואָס זוכט נישט זיין פּערזענלעכן נוצן, נאָר אַרבעט נאָר לטובת הכלל.

ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ס'רוב אָנפאַלן אויף יידן שטאַמען פון די אַראַבישע יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, זיינען מיר געקומען צום באַשלוס, אַז מיר מוזן אומבאַדינגט האָבן אַן אינפאָרמאַטאָר פון דער אָנפירערשאַפט פון די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָבן באַדאַרפט האָבן אַ קאָמפּעטענטן מענטשן פון צווישן אָט דער באַוועגונג, ביי וועלכן מיר זאָלן קענען קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס דערגרייכט צו אונדז פון אַזעלכע קוואַלן אויף וועלכע מיר האָבן זיך נישט תמיד געקענט פאַרלאָזן. מיר האָבן באַטראַכט אַלע מעגלעכקייטן און מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז מיר דאַרפן זיך באַמיען צו שאַפן פאַרבינדונגען מיט דעם סעקרעטאַר. מיר האָבן אים אויסגעקליבן צוליב פסיכאָלאָגישע מאָטיוון. מיר

האָבן געוווּסט אַז ער איז דאָך אַ פרעמדער אין זיין קרייז, און אויב ער איז געוואָרן אַזאַ עקסטרעמער אַראַבישער נאַציאָנאַליסט, דאַרף מען אָננעמען, אַז דאָס קומט פון אַ מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס, אָדער פון דער באַדער־פעניש צו פאַרדעקן זיין פרעמדקייט.

מיר האָבן זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט אים, נאָכפאָלגן זיינע מעשים און טראַכטן וועגן די מעגלעכקייטן צו קומען מיט אים אין קאָנ־טאַקט. אָט האָבן מיר זיך דערוווּסט וועגן אַ פּרט פאַר וועלכן מיר האָבן זיך אָנגעכאַפּט: צווישן אים און דעם אָנפירער פון יוגנט־קלוב האָבן גע־הערשט פיינטלעכע באַציאונגען. זיין פיינטשאַפט צום שעף האָט אים פאַר־פינצטערט דאָס לעבן, און האָט אים ממש פון זינען אַראָפּגעפירט. עס האָט אים געפרעסן אַ חשד, אַז דער קלוב־אָנפירער איז אַ פאַררעטער, האַלט אונ־טער באַציאונגען מיט יידן, איז אַ פאַרדאָרבענער מענטש און נעמט שוחד. האָט זיך אין אים צעפלאַקערט אַ ליידנשאַפט צו נעמען נקמה. וועגן זיינע פאַרדאַכטן פלעגט ער ריידן אָפן ביי יעדער געלעגנהייט. ער פלעגט טענהן עפנטלעך און אויך זיינע נאָענטע חברים האָבן אים געשטיצט אין זיין טענה, אַז מ׳דאַרף אַראָפּזעצן דעם קלוב־אָנפירער, וואָס איז נישט ראוי אויף זיין אַמט און אנשטאָט יענעם דאַרף מען באַשטימען אים דעם עגיפּטער.

מיר האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן אָט די קריגעריי. לכתחילה האָבן מיר זיך באַמיט נאָך מער קאָליע צו מאַכן די באַציאונגען צווישן זיי ביידע. מיר פלעגן אַריבערפירן דורך אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן כלומרשטע ידיעות, וועגן דער פאַררעטערישער אויפפירונג פון דעם קלוב־אָנפירער, וועגן זיינע צווייפלהאַפטע פאַרבינדונגען און וועגן זיינע אינטריגעס קעגן דעם עגיפּ־טער. מיר האָבן זיך שוין פאַרלאָזן אויף אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן, אַז זייער מזרחדיקע פאַנטאַזיע וועט נאָך מער צעשמירן און צופוצן אָט די אויסגע־טראַכטע „אינפאָרמאַציע". און באמת, די פייל האָט געטראָפן אין פינטל אַריין. דער עגיפּטער האָט אָנגעהויבן נאָך שאַרפער צו טאַדלען דעם קלוב־אָנפירער. צוליב זיין טריישאַפט צו דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג פלעגט ער זידלען און שילטן עפנטלעך דעם „פאַררעטער", און פלעגט דער־ביי אויסדערציילן וועגן די אינערלעכע ענינים פון דער אַראַבישער אָנפירער־שאַפט. אונדזערע מענטשן פלעגן פאַרצייכענען זיינע דערציילונגען און דאָס איז געווען אַ מין האַנט־געלט אויף אונדזער ווייטערדיקער אינטריגע.

דער קלוב־אָנפירער האָט אָנגעהויבן שיסן צוריק. ער פלעגט געוואַלדע־ווען, אַז אָט דער עגיפּטער, דער זון פון אַ פרעמד פאָלק, קען נישט זיין ברייטער נאַציאָנאַלער באַוועגונג אין פאַלעסטינע און איז במילא אַ פאַררעטער. מ׳האָט געדאַרפט פאַרשטאַרקן די פּאָזיציע פון דעם עגיפּטער און מיר האָבן געפונען דערצו אַ מיטל. מיר האָבן אים געשיקט פאַרשיידענע זאַכן, כדי ער זאָל זיי שענקען דעם קלוב. און ער האָט זיך געלאָזט פאַנגען אויף דער ווענדקע, וועלכע מיר האָבן אים צוגעוואָרפן. ער האָט די זאַכן טאַקע גע־

שענקט דעם קלוב און דאָס איז באַקאַנט געוואָרן צו זיין זכות צווישן די קלוב־מיטגלידער און צווישן דער אַראַבישער געזעלשאַפט.

זיינע פריינט האָבן געזאָגט, אַז פון זיינע מאַגערע פאַרדינסטן גיט ער נאָך מתנות די יוגנט־קלובן פון זייער טובה וועגן. האָבן מיר אים ווייטער געשיקט אָט די קליינע „פריינטשאַפט־סימנים". מיר האָבן אים געשיקט קלייניווערטיקע זאַכן, אָבער אַזעלכע וואָס וואַרפן זיך אין די אויגן. ער זאָל קענען דערמיט דעמאָנסטרירן זיינע נאַציאָנאַלע געפילן. ער איז געוואָרן פּאָפּולער און זיין פּאָזיציע האָט זיך פאַרשטאַרקט. סוף־כל־סוף איז ער געקומען צום אויספיר, אַז ס'האָט געשלאָגן די שעה פּטור צו ווערן פון זיין קעגנער און ער האָט אָנגעהויבן קעגן אים אַן אומגעצוימטע קאַמפּאַניע, זיך באַנוצנדיק דערביי מיט פאַרשיידענע כשרע און נישט־כשרע מיטלען. מיר זיינען געווען דערפון זייער צופרידן. פאַר אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן, וועלכע פלעגן אים ברענגען די קליינע געשאַנקען, פלעגט ער אויסגיסן זיין האַרץ און פלעגט דערציילן וועגן זיינע קאַמפן אין דער אָנפירערשאַפט, וועגן די אינערלעכע באַציאונגען און וועגן די שאַדנס, וואָס אָט די קריגעריי פאַרשאַפט דער אַראַבישער נאַציאָנאַלער באַוועגונג, און לכתחילה האָט דער עגיפּטער נישט געוווסט, אַז דאָס שטיצט אים ש"י מיט די מתנות פאַר די יוגנט־קלובן.

ביסלעכווייז איז געבראַכט געוואָרן צו זיין וויסן דער דאָזיקער פאַקט. און עס איז רייף געוואָרן ביי אים דאָס באַוווסטזיין, אַז ער האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי מיטצואַרבעטן מיט אונדז. און וויבאַלד ער האָט אָנגעהויבן האָט ער אונדז שוין צוגעשטעלט אויך דירעקטע אינפאָרמאַציעס. דאָס איז געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל. ער האָט געוווסט צו דערציילן זייער פיל, וואָס עס טוט זיך ביי די רייכע אַראַבער, וועלכע האָבן געהאַט די השפּעה אין דער אַראַבישער באַוועגונג, וועגן די יוגנט־באַוועגונגען, וועגן די באַשלוסן פון העכסטן אַראַבישן קאָמיטעט און האָט אויך נישט איבערגעהיפּערט דעם ירושלימער מופטי.

אַזוי אַרום איז ער באמת געוואָרן אַ שונא פון די אַראַבישע מנהיגים, וועלכע פעלשן לויט זיין מיינונג, די נאַציאָנאַלע אַרבעט. זיי מיינען נאָר פאַרדינסטן און פערזענלעכע פּובליסיטי. ער איז געווען אַ פאַנאַטיקער און ער האָט קענטיק געגלייבט אין אַלץ, וואָס ער זאָגט און טוט. צום סוף פלעגט ער זיך ממש פרייען זיך צו טרעפן מיט אונדז, כדי ער זאָל זיך קענען אָראָפּרעדן פון האַרצן און דערציילן וועגן די טועכצן פון די פאַרדאָרבענע, לויט זיין מיינונג, ביזן גרונט אַראַבישע מנהיגים. ער האָט זיי געוווּנטשן אַ מפּלה, כדי זיי זאָלן נישט באַוויזן צו ברענגען קיין אומגליק אויף זיין פאָלק. זיין פאַנאַטיזם האָט אים פון זיבעטן אַראָפּגעפירט — אויף אַזוי ווייט, אַז ער האָט פאַרלאַנגט אונדזער הילף כדי אַראָפּצוזעצן דעם קלוב־אָנפירער פון זיין אמט און אַליין באַשטימט צו ווערן אויף זיין אָרט.

אָט דער עגיפּטער האָט אונדז געהאָלפן אַ לאַנגע צייט, און אַחוץ מינד־

לעכער אינפאָרמאַציע, פלעגט ער אונדז צושטעלן אויך דאָקומענטן, כדי צו פאַרשטאַרקן דעם איינדרוק פון זיינע רייד. מ׳דאַרף באַמערקן, אַז ער איז געווען אַבסאָלוט פאַרטרוילעך. ער האָט אונדז קיינמאָל נישט איבערגעגעבן קיין אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט לכתחילה נישט קאָנטראָלירט איר ריכטיקייט. איבער אַ יאָר האָט ער מיט אונדז צוזאַמענגעאַרבעט און נישט פאַרלאַנגט קיין שום מאַטעריעלן נוצן פאַר זיך, הגם זיין דינסט איז געווען פיל ווערט, סיי קוואַנטיטאַטיוו און סיי קוואַליטאַטיוו. ער איז געווען איבערציגט, אַז זיינע קעגנער זיינען פאַררעטער, וועלכע שעדיקן דער נאַציאָנאַלער באַוועגונג און מ׳דאַרף נישט איבערקלייבן אין מיטלען כדי זיי אַראָפּצוזעצן פון זייערע פּאָזיציעס. אַ ווילדער פאַנאַטיקער איז געווען אָט דער מענטש און אין זיין בלינדער שנאה האָט ער נישט באַנומען דעם באַדייט פון זיינע אייגענע מעשים.

נישט אַלע אַראַבער לעכצן נאָך בלוט

געווען אויך אַזעלכע אַראַבער, וועמען עס איז דערעסן געוואָרן די בלוט־פאַרגיסונג און ווען זיי פלעגן הערן וועגן אינטריגעס, וועלכע ס׳איז זיי מעגלעך געווען צו פאַרמיידן — האָבן זיי זיך געאײַלט דאָס צו טאָן, באַזונדערס, ווען דאָס איז נישט געווען פאַרבונדן מיט אַ סכנה פאַר זיי אַליין.

אַן אַראַבישער אינפאָרמאַטאָר פון אָט די מענטשן איז איינמאָל געקומען צו אונדז און האָט דערציילט וועגן אַ באַפעל פון דעם קאָמאַנדיר פון די אַראַבישע כנופיות אין דרום אָנצוגרייפן צוויי יידישע אויטאָבוסן, צו דערהרגענען די פּאַסאַזשירן און אונטערצוצינדן די מאַשינען. דער אינפאָרמאַטאָר האָט געוווּסט אויך וועגן די איינצלהייטן פונעם טייוולשן פּלאַן. אַ באַנדע פון 40־50 מאַן וואָס וועט צעטיילט ווערן אין פיר גרופּעס, וועלן באַפאַלן ביידע יידישע אויטאָבוסן, וועלכע פאָרן אויף דעם הויפּט־שאָסיי קיין דרום אין די נאָכמיטאָג שעהן. די באַנדיטן איז בפירוש געזאָגט געוואָרן, אַז קיין איינער פון די צענדליקער פּאַסאַזשירן טאָר נישט בלייבן ביים לעבן און די מאַשינען דאַרף מען פאַרברענען. דער אינפאָרמאַטאָר האָט אויך געוווּסט דעם טאָג ווען דער בלוטיקער איבערפאַל וועט דורכגעפירט ווערן. אָבער ער האָט נישט געוווּסט די גענויע שעה. ער האָט נאָר משער געווען, אַז מ׳וועט לויערן אויף די אויטאָבוסן, וועלכע גייען דורך איבערן הויפּט־שאָסיי קיין דרום אין דער נאָכמיטאָג־צייט. מ׳האָט אויך נישט געוווּסט, ווו די באַנדיטן וועלן זיך פאַרשטעקן. אָבער דער אינפאָרמאַטאָר האָט געוווּסט אין וועלכע פּרדסים ס׳דאַרפן זיך טרעפן די באַנדיטן, אויף וועלכע עס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן די מערדערישע אויפגאַבע.

מיר האָבן פונאַנדערגעלייגט פאַר זיך אַ מאַפּע און געפּרוּווט לערנען אַ קאַפּיטל געאָגראַפיע. אָבער מיר האָבן גאָרנישט דערגרייכט. אונדז איז נישט געלונגען פעסטצושטעלן, ווו אומגעפער די באַנדיטן וועלן לויערן. מיר האָבן

געקענט נאָר מאַכן אַלערליי השערות — בנוגע די ערטער וועלכע קענען זיין צוגעפּאַסט פאַר די באַנדיטן.

קודם־כל האָבן מיר איבערגעשיקט אַ מעלדונג דעם הגנה־קאָמאַנדיר אין דער סביבה. יענער האָט תיכף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל, אַז די יידישע קאָמוניקאַציע זאָל אין יענעם טאָג איבערגעריסן ווערן אויף יענעם שאָסיי־אָפּשניט, ווו דער אַנגריף קען וואַרשיינלעך דורכגעפירט ווערן. כדי אָבער נישט אַרויסצורופן קיין פאַרדאַכט ביי די באַנדעס דורכן פּלוצימדיקן אָפּ־שטעלן די קאָמוניקאַציע, און כדי זיי אָפּצוצאַלן ווי זיי זיינען ווערט געווען — איז באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן איבערן דאָזיקן כביש צוויי אויטאָבוסן מיט באַוואָפנטע יידישע וועכטער וועלכע וועלן זיין געקליידט ווי געוויינ־לעכע פאַסאַזשירן.

די אויטאָבוסן זיינען אַרויסגעפאָרן און מיר האָבן זיי נאָכגעפאָלגט מיט דערוואַרטעניש און ציטערניש. און באמת, נאָענט צום אָרט, לויט אונדזער פאַרשטעלונג האָבן געדאַרפט לויערן די באַנדיטן, זיינען די אויטאָבוסן אָנ־געגריפן געוואָרן מיט אַ העפטיקער שיסעריי פון אַ היפּשן מרחק און פון עט־לעכע זייטן מיטאַמאָל. פון די פּרדסים האָבן זיך געטראָגן געשרייען פון קאָמאַנדע און דערמוטיקונג און ס'האָבן געקנאַלט די שאָסן. די אָנפאַלער זיי־נען געווען זיכער אין אַ לייכטן נצחון. זיי האָבן זיך געגרייט צו מאָרדעווען, רויבן און ברענען, און זיי האָבן זיך גאַרנישט פאַרגעשטעלט, אַז צענדליקער ביקסן און אַנדערע שיס־כלים וועלן זיי געבן אַ הילכיקע תשובה פון די אוי־טאָבוסן. די איבעראַשונג איז געווען אַזוי גרויס, אַז די באַנדיטן זיינען ממש צעמישט געוואָרן. זיי האָבן זיך תיכף געלאָזט לויפן צוריק און זיינען אָפּ־געטראָטן אין דער ריכטונג פון אַ דאָרף אין דער געגנט פון רמלה, אָבער אונטערוועגס האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף די הגנה־פּאָסטנס, וועלכע האָבן אויף זיי געלויערט און זיי אויפגענומען מיט אַ „הייסן" קבלת־פּנים...

מיר האָבן נישט געקענט דערקונדיקן זיך וועגן די רעזולטאַטן פון אָט דער שיסעריי. מיר האָבן נישט געקענט קאָנטראָלירן, צי זיינען טאַקע געווען פאַרלוסטן צווישן די באַנדיטן. צוליב דער נאַכט־פינצטערניש, וואָס איז צו־געפאַלן, האָבן אויך אונדזערע מענטשן זיך צוריקגעצויגן, אָבער דאָס וויכ־טיקסטע אין דאָזיקן פאַל איז געווען דאָס, וואָס אַ דאַנק דער ידיעה, וואָס מיר האָבן באַצייטנס באַקומען, זיינען צענדליקער יידן גערעטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט. די דאָזיקע ידיעה, וואָס האָט געראַטעוועט לעבנס פון פיל יידן איז אונדז איבערגעגעבן געוואָרן דורך איינעם פון יענע אַראַבער וואָס זיינען געווען פריינטלעך געשטימט צו אונדז און האָבן געוואָלט אויס־מיידן בלוט־פאַרגיסונג.

די דאָזיקע אַקציע האָט געהאַט נאָך אַ וויכטיקן רעזולטאַט. דער פאַקט, אַז מיר האָבן לכתחילה געוווסט וועגן די אינטריגעס פון די באַנדיטן, האָט זיי אינגאַנצן צעטומלט און דערשיטערט זייער זיכערקייט. אין משך פון אַ לאַנגער תקופה האָבן זיי אויפגעהערט אַרומצודרייען זיך פריי אין דער

געגנט, ווייל זיי האָבן מורא געהאַט, טאָמער ווייסט די הגנה וועגן זייערע באַוועגונגען.

מינעס פאַר תל־אביב

פיל פון די תל־אביבער איינוווינער געדענקען געוויס דעם פּחד, וואָס איז באַפאַלן די שטאָט, ווען מ׳האָט אָנגעהויבן שמועסן, אַז אַראַבישע טע־ראָריסטן פּלאַנעווען צו וואַרפן אַ מערדערישע מינע אויף די שפּאַצירנדיקע ביים ברעג ים, אָדער אויף די פאַרבייגייער אין אַלענבי־גאַס. יאָ, מ׳האָט גע־פּרוווט דורכפירן אַזעלכע אַטענטאַטן, אָבער צופעליק האָבן זיי נישט גע־געבן קיין בלוטיקע רעזולטאַטן.

איין מאָל איז געקומען צו אונדז אַן אַראַבישער אינפאָרמאַטאָר מיטן נאָמען מוסטאַפאַ און האָט אונדז דערציילט, אַז מאָרגן אין אָוונט וועלן אָוועקגעלייגט ווערן עלעקטרישע צייט־מינעס אין די לעבעדיקסטע ערטער פון תל־אביב. ער האָט נישט געוווּסט גענוי די ערטער, ווו די טייוולישע מאַשינען וועלן אָוועקגעלייגט ווערן, אָבער ער האָט געוווּסט צו דערציילן אַז אין אַ דאָרף נעבן יפו גרייט מען שוין צו די מינעס און מ׳באַהעפט זיי מיט די זייגערס. לויט זיינע רייד ווערט געפּלאַנעוועט צו פאַרשטעקן די מי־נעס נעבן טעאַטערס און קינאָס, ווו דער מענטשן־שטראָם איז באַזונדערס גרויס. די מינעס דאַרפן אויפרייסן צווישן איין פאַרשטעלונג און דער צוויי־טער בשעת מענטשן גייען אַריין און אַרויס פון די טירן. אויף אַזאַ אופן וועלן די אויפרייסן זיין באַזונדערס עפעקטיוו און עס קענען אומקומען זיכער הונ־דערטער מענטשן.

מיר האָבן געהייסן מוסטאַפאַן ער זאָל זיך אומקערן אין דאָרף און אונדז ברענגען גענויערע ידיעות. מיר האָבן געמוזט וויסן, ווי אַזוי די באַנ־דיטן רעכענען אַריינצוברענגען די מינעס אין שטאָט אַריין, ווו זיי וועלן דורכגיין און מיט וועלכע קאָמוניקאַציע־מיטלען זיי וועלן זיך באַנוצן. אונ־דזער ציל איז געווען אויסצומיידן דאָס אומגליק. מ׳האָט געדאַרפט די בלו־טיקע אינטריגע באַצייטנס אויסמיידן און צו דעם צוועק האָבן מיר באַשלאָסן צו לויערן אויף די באַנדיטן בשעת זיי וועלן פּרוּוון אַריינדרינגען אין דער שטאָט. אויב די פּלאַנירער און די אויספירער פון דעם באַנדיטן־שטאַב וועלן וויסן, אַז מיר קענען גוט זייערע פּלענער און מעשים און מיר ווייסן פאַרויס, וואָס זיי פּלאַנעווען צו טאָן — וועט דאָס אַרויסרופן ביי זיי אַ צעמישעניש און וועט זיי אָפּהאַלטן זיך אַריינצופּלאָנטערן אין געפערלעכע אַטענטאַטן אין אַ יידישן שטח.

מיר האָבן אויך געוואָלט דערשיטערן ביי די כנופיות דעם קעגנזייטיקן צוטרוי, זיי זאָלן אָנהייבן חושד צו זיין איינער דעם צווייטן. מיר האָבן גע־וווּסט, אַז מ׳קען אַריינדרינגען אין תל־אביב פון עטלעכע זייטן. איבער די גאַסן גייען אַרום מאַסן מענטשן און ס׳איז אוממעגלעך פעסטצושטעלן אויף

זיכער לויטן אויסערלעכן אויסזען וועד עס איז אַן אַראַבער און ווער עס איז אַ ייד, אויב ער שטאַמט פון די מזרח־לענדער. דאָס פאַרשווערט די גאָכשפּיר־אַרבעט אין דער שטאָט גופא. האָט מען געמוזט, הייסט עס, נישט דערלאָזן אַז דער אַטענטאַט זאָל אויסגעפירט ווערן. מיר האָבן דעריבער זיך געניי־טיקט אין די אַלע פּרטים פון דעם פּלאַן, נאָך איידער ער ווערט דורכגע־פירט.

מוסטאַפאַ איז אַוועק אין אַראַבישן דאָרף ווו ס'האָט זיך געפונען די באַזע פון די אָנפאַלער. ער האָט דאָרט פאַרבראַכט אַ גאַנצע נאַכט און ערשט אויפצומאָרגנס איז ער צו אונדז ווידער געקומען. איצט האָט ער שוין גע־בראַכט אַ גענויע אינפאָרמאַציע וועגן דעם פּלאַן, ווי אַזוי די מינעס וועלן אַוועקגעלייגט ווערן. ער האָט דערציילט אַזעלכע פּרטים פונקט ווי ער וואָלט זיך אַליין באַטייליקט אין דער פּלאַנירונג פונעם אַטענטאַט, און וואָלט פאַר־בראַכט צווישן די באַנדיטן שעהן־לאַנג. עס איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן ערנסטן פאַל פון דיווערסיע, וואָס קען ברענגען אַ שוידערלעך אומגליק אויף צענדליקער און אפשר הונדערטער מענטשן. די הגנה האָט נאָך אַ ישוב־הדעת נישט געפונען פאַר מעגלעך צו וואָרענען די איינוווינער וועגן דער פאָרשטייענדיקער געשעעניש. מיר זיינען געקומען צום אויספיר, אַז מ'טאָר נישט אַרויסרופן קיין בהלה.

מיר זיינען תיכף צוגעטראָטן צו דער מלאכה. דעם אינפאָרמאַטאָר האָבן מיר צוריקגעשיקט צום אַראַבישן שטח און האָבן אָפּגערעדט מיט אים, אַז ער זאָל זיך ווידער פאַרבינדן מיט אונדז אין פאַל, אויב אין דיווערסיע־פּלאַן וועט פאָרקומען אַן ענדערונג. לויט ווי ער האָט אונדז דערציילט האָבן די אַראַבישע דיווערסאַנטן געדאַרפט אַריינדרינגען אין דער שטאָט פון יפו־זייט. זיי האָבן געדאַרפט ברענגען דריי מינעס אין איינעם פון די אַראַבישע הייזער אויף דער גרענעץ פון ביידע שטעט און ווען ס'וועט פינצטער ווערן וועלן זיי די מינעס אָנלאָדן אין אַ טאַקסי, וואָס וועט רואיק קענען אַריינ־פאָרן אין תל־אביב. מוסטאַפאַ איז באַאויפטראגט געוואָרן נאָכצופאָלגן די מעשים פון די דיווערסאַנטן האַרט ביז זייער אַרויסגיין — און דאַן זיך מיט אונדז פאַרבינדן.

דערווייל האָט די הגנה אויסגעאַרבעט איר פּלאַן, ווי אַזוי צונישט צו מאַכן דעם שוידערלעכן אַטענטאַט — ביי דער מיטאַרבעט פון יידישע פּאָ־ליציי־אָפיצירן, וועלכע האָבן געהערט צו דער הגנה. אַ דאַנק די גענויע ידיעות, וועלכע מיר האָבן איצט געהאַט האָבן מיר געקענט געהעריק זיך צוגרייטן מקבל פּנים צו זיין די באַנדיטן. פּאָליציי האָט זיך באַהאַלטן אין געוויסע ערטער און די גאַנצע חברה דיווערסאַנטן זיינען געכאַפּט געוואָרן צוזאַמען מיט די מינעס, נאָך איידער זיי האָבן באַוויזן אַרויסצוציען זייערע רעוואָלווערן.

דער דאָזיקער פאַל האָט באַרעכטיקט אונדזער שטעלונג: נישט גרינג־שעצן קיין שום אינפאָרמאַציע־קוואַל, ווען ער איז אפילו צווייפלהאַפט.

מוסטאפא האָט באַקומען 25 פונט און דאָס איז געווען אַ גרויסע סומע אין יענע טעג. די דאָזיקע סומע האָט אַ יידישער אָפיציר, וואָס האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער אַקציע, אַרויסבאַקומען פון אַ פאָנד, פון וועלכן די פּאָליציי פלעגט געבן פּרעמיעס פאַרן אַנטדעקן אומלעגאַל געווער.

„פּאָליטיק" אינטערעסירט אונדז נישט...

איינער פון אונדזערע אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן האָט פּלוצלינג זיך אָנגעהויבן צו באַשעפטיקן מיט „פּאָליטיק" (אָדער, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט „באָליטיק") און אין משך פון איבער צוויי וואָכן האָט ער אונדז נישט געבראַכט קיין איין פּראַקטישע ידיעה. ווען מיר פלעגן זיך טרעפן מיט אים, פלעגט ער אונדז איבערגעבן אינפאָרמאַציעס פון אַלגעמיינעם און פּאָליטישן כאַראַקטער. די ידיעות זיינען געווען וויכטיק ווי אַזעלכע, אָבער זיי האָבן נישט געהאַט יענעם פּראַקטישן באַדייט, וואָס איז געווען נייטיק פאַר די „אָפּעראַציעס", מיט וועלכע ש"י האָט זיך פאַרנומען.

האָבן מיר אים געזאָגט, אַז מיר האָבן קיין אינטערעס נישט פאַר אַזעלכע אינפאָרמאַציעס, פון וועלכע עס שלאָגט דער ריח פון „פּאָליטיק" (הגם מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, זיך נישט אָפּגעזאָגט זיי צו פאַרשרייבן). זאָלן זיך דערמיט באַשעפטיקן „געלערנטע" — אָט די יעניקע וועלכע לייענען צייטונגען — אָבער נישט מיר, די קעמפער, וואָס האָבן צו טאָן מיט געווער. אָבער ער האָט זיין דרך נישט געענדערט און נאָר פון צייט צו צייט פלעגט ער אונדז איבערגעבן ידיעות, אין וועלכע מיר זיינען דירעקט געווען פאַראינטערעסירט.

אין אַ געוויסער צייט אַרום האָבן מיר אים ווידער געזאָגט מוסר: ס'איז נישט שיין פון זיין זייט, וואָס ער דערפילט נישט זיין שליחות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. מיר ווילן וויסן למשל, צי די קאָמאַנדירן פון די כנופיות זיינען צעקריגט צווישן זיך און ער דערציילט אונדז גאָר מעשיות וועגן געלט־גנבות און פאַרדאַרבנקייט, וואָס זיינען פאַרשפּרייט צווישן די אָנפירער פון די כנופיות. דאָס אַלץ זיינען זאַכן, וואָס זיינען אין אונדזערע אויגן נישט ווערט קיין ציבעלע. האָט אונדז דער אינפאָרמאַטאָר צוגעזאָגט, אַז ער וועט בעסער ווערן און וועט אונדז ברענגען אַזאַ אינפאָרמאַציע, פון וועלכער מיר וועלן הנאה האָבן. נישקשה, ער וועט אונדז דערווייזן, אַז ער איז אַ יאָט מיט ביינער...

אין אייניקע טעג אַרום קומט ער און שטעלט זיך פאַר מיט אַ געלעכטער אַז ער איז באַפולמעכטיקט געוואָרן אויסצופירן אַן אָפיציעלע פונקציע. עס איז אויף אים אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ וויכטיקע שליחות: ער דאַרף זאַמלען אונטערשריפטן צווישן די קאָמאַנדירן פון די באַנדעס אין דרום פון לאַנד, כדי צו דערלאַנגען אַ פּראָטעסט קעגן איינעם פון די וויכטיקע קאָמאַנדירן, וועלכער פּאַסט נישט פאַר זיין אַמט. אויפן פּאַפּיר, וואָס ער האָט

געהאַלטן אין זיין האַנט האָבן רעכט זיך אונטערצושרייבן נאָר אַפּיצירן — און נישט סערזשאַנטן, צי פּשוטע זעלנער. ער דאַרף זאַמלען די חתימות אויף אַט דער פּעטיציע און מוז דעריבער וואַנדערן איבערן גאַנצן דרום פון לאַנד. ער איז געווען זייער צופרידן פון אַט דער שליחות, וואָס וועט אים געבן די מעגלעכקייט צו ברענגען אונדז אַ ברייטע אינפאָרמאַציע.

דער עצם־פאַקט, אַז מ׳פּלאַנעוועט יענעם קאָמאַנדיר אַראָפּצוזעצן פון זיין אַמט איז אונדז געווען באַקאַנט אויך פון אַן אַנדער קוואַל, אָבער איצט האָבן מיר באַקומען דערצו אַ באַשטעטיקונג פון אַ קאָמפּעטענטער קוועלע.

האָבן מיר מיט אים געמיטלעך זיך דורכגעשמועסט און בשעת מעשה אים געבעטן ער זאָל אונדז ווייזן די פּאַפּירן מיט די חתימות פון די פּעטענטן. האָט ער אונדז דערלאַנגט די פּאַפּירן און מיר האָבן געפונען אין זיי הונדערטער נעמען אין אַראַביש. מיט אַ וויץ האָבן מיר אים געזאָגט, אַז מיר האָבן נישט ביי זיך די אַראַבישע „ברילן" און דעריבער קענען מיר נישט איבערלייענען דאָס וואָס איז דאָרט געשריבן. מיר האָבן אים געבעטן אַביסל צוּוואַרטן, זאָל ער זיך רואיק רויכערן דעם פּאַפּיראָס און טרינקען די קאַווע, מיט וועלכער מיר האָבן אים מכבד געווען. אין צווישן וועלן מיר גיין צו אַ געלערנטן, וואָס האָט יאָ „אַראַבישע ברילן", ער זאָל אונדז איבערלייענען און דערנאָך וועלן מיר אים די פּאַפּירן אומקערן.

איינער פון אונדזערע חברים האָט גענומען די פּאַפּירן און איז אַרויס־געגאַנגען, אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ער זיך צוריקגעקערט, איבער־געגעבן די פּאַפּירן דעם אַראַבער און האָט געזאָגט, אַז דער אינהאַלט פון די פּאַפּירן „אינטערעסירט אונדז נישט". דער אינפאָרמאַטאָר האָט צוגענומען די פּאַפּירן און האָט צוגעזאָגט, אַז ווען ער וועט זיך טרעפן מיט אונדז אַ צווייט מאָל, וועט ער געוויס אונדז קענען געבן ידיעות פון אַ גרעסערן ווערט פאַר אונדז. נישקשה, ער וועט אונדז נישט אַנטוישן.

אָט־אָ די האַלבע שעה, ווען די פּאַפּירן זיינען געווען אין אונדזערע הענט האָט געקלעקט כדי זיי צו פאָטאָגראַפירן. ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ גרויסן באַדייט פאַר אונדז. אָט די רשימות, וועלכע זיי־נען צופעליק אַריין אין אונדזערע הענט, האָבן גורם געווען דערצו, אַז פיל פון די כנופיות־אָנפירער זיינען ליקווידירט געוואָרן. טאַקע פון אָט דעם דאָ־קומענט זיינען אונדז באַקאַנט געוואָרן ווער אָט די אָנפירער זיינען און וווּ זיי וווינען.

אָט דער פריינטלעכער שמועס מיטן אינפאָרמאַטאָר ביי אַ גלאָז קאַווע האָט געבראַכט דערצו, אַז די זיכערקייט פון די כנופיות איז דערשיטערט גע־וואָרן און זייער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. ס׳האָט זיך דערוועקט ביי זיי דער חשד, אַז עס זיצן צווישן זיי פאַררעטער, וועלכע גיבן איבער דעם צד שכנגד זייערע סאַמע קאָנספּיראַטיווע סודות, אָנהייבנדיק פון די באַ־פעלן וועגן אָנפאַלן ביז די געשפּרעכן וועלכע ווערן געפירט אויף די זיצונ־גען פון זייער שטאָב. דער דאָזיקער חשד האָט נאָך מער צעטרייסלט דעם

קעגנזייטיקן צוטרוי צווישן די קאָמאַנדירן און האָט זיי פאַרביטערט דאָס לעבן.

אגב, אין די רשימות פון די כנופיות־אָנפירער האָבן מיר געפונען אויך נעמען פון אַראַבער, וואָס זיינען געווען אונדז באַקאַנט ווי אונדזערע פריינט. ווען מיר וואָלטן פון אָט די רשימות זיך נאָר דערוווּסט אָט דעם קליינעם פּרט, איז כדאי געווען זיך צו באַשעפטיקן מיטן דאָזיקן אינפאָרמאַטאָר, ווייל אָט דער פּרט האָט געהאַט ווייטגייענדיקע רעזולטאַטן בנוגע דער גאַנצער זיכערקייט־סיסטעם אין אונדזער געגנט.

דער אינפאָרמאַטאָר אַליין איז געווען תמימותדיק איבערצייגט, אַז זיין טירחה איז געווען אומזיסט. די „פּאָליטיק" אינטערעסירט אונדז נישט...

אַראַבער מאַכן געשעפטן מיט מינעס

די אַראַבישע טעראָריסטן האָבן געהאַט אַ געוווינהייט צו שעדיקן יעדע איינריכטונג, וואָס איז וויכטיק אין געזעלשאַפטלעכן און ווירטשאַפטלעכן לעבן. ווען אַזאַ איינריכטונג ווערט צעשטערט, ווערט אויך געשטערט די רו און אָרדענונג אין לאַנד. פלעגן זיי איבעררייסן די טעלעפאָן־ און טעלעגראַף־ליניעס, פלעגן אומוואַרפן די עלעקטרישע סלופּעס און אויף אַזאַ אופן פלעגן זיי ברענגען דערצו, אַז אין גאַנצע ראַיאָנען פלעגט איבערגעריסן ווערן דער עלעקטרי־שטראָם. די עלעקטרישע געזעלשאַפט האָט געליטן גרויסע שאָדנס — בעיקר נאָך דעם, ווי די באַנדעס פלעגן צעשעדיקן אויך די סלופּעס פון הויכער שפּאַנונג. אַ חוץ דעם וואָס די שעדיקונג פון אָט די סלופּעס פלעגט פאַרשאַפן גרויסע געלט־היזקות, פלעגן די דיווערסיע־אַקטן שטעלן אין סכנה די רעגולערע ליפערונג פון דער עלעקטרישער קראַפט. דאָס האָט שוין פוגע געווען נישט נאָר די עלעקטרישע געזעלשאַפט, נאָר אויך דעם גאַנצן ישוב.

כמעט יעדן טאָג פלעגט פאַסירן, אַז מ'פלעגט אונטערלייגן אונטער די עלעקטרישע סלופּעס מינעס, און די סלופּעס פלעגן אומגעוואָרפן ווערן. די דיווערסאַנטן פלעגן טאָן זייער מלאכה אונטערן צודעק פון דער נאַכט־פינצטערניש. באַזונדערס אין אַזעלכע געגנטן, וועלכע זיינען אין יענע טעג געווען מחוץ דעם שטח, ווו די הגנה האָט געווירקט: האַרט ביי אָפּגעלעגענע אַראַבישע דערפער, וווהין אפילו די האַנט פון „געזעץ" האָט נישט דערלאַנגט. אומזיסט האָט געפּרוווּט די עלעקטרישע געזעלשאַפט צו מאַכן אַ סוף צו אָט דער דיווערסיע מיט דער הילף פון בריטישע פּאָליציאַנטן און יידישע וועכטער, וועלכע זי האָט אויסגעהאַלטן אויף איר חשבון.

נישט האָבנדיק קיין ברירה, האָט די געזעלשאַפט געזוכט אינפאָרמאַטאָרן, וואָס זאָלן איר באַצייטנס איבערגעבן וועגן דיווערסיע־פּלענער אויף דער עלעקטרי־נעץ, כדי זי זאָל באַוויַזן צו שיקן אירע שומרים צו צעשטערן דעם פאַרברעכערישן פּלאַן, צו דערוויַיטערן די מינעס און צו ראַטעווען די סלופּעס. געווען אַ געוויסע לאָגיק אין אָט דער איניציאַטיוו. די געזעלשאַפט

האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן אַן אייגענעם, פּריוואַטן אינפאָרמאַציע־דינסט. די שליחים פון דער געזעלשאַפט האָבן געדונגען אַראַבער, וועלכע האָבן זיך פּאַרנומען מיטן „אַנטדעקן מינעס". ווען מיר האָבן געהערט אַז ערגעץ־ווו זיי־נען אַנטדעקט געוואָרן מינעס און עס זיינען אויסגעמיטן געוואָרן דיווער־סיעס, האָבן מיר געוווּסט, אַז דאָס איז דער פאַרדינסט פון אָט דעם פּרי־וואַטן אינפאָרמאַציע־דינסט.

די כוונות און די אַרבעטס־מעטאָדן פון אונדזער ש"י, וואָס האָט גע־הערט צו דער הגנה, זיינען געווען גאַנץ אַנדערע ווי ביי דער אינפאָרמאַציע־דינסט פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט. מיר האָבן געוווּסט, אַז די גע־זעלשאַפט צאָלט גרויסע געלטער פאַר יעדער ידיעה, וואָס ברענגט צום אַנט־דעקן די מינעס און צום צעשטערן די דיווערסיעס. פאַר יעדער אַנטדעקטער מינע פלעגט מען גוט באַצאָלן. איז דעריבער „די אַנטדעקונג פון מינעס" געוואָרן אַ גוטע פּרנסה, וואָס לוינט זיך דערמיט צו באַשעפטיקן. די אַראַ־בער, וואָס האָבן זיך דערמיט פאַרנומען זיינען געווען געוואַלדיק געלט־גיי־ציק. זיי האָבן זיך באַמיט ווי ווייט מעגלעך אַרויסצובאַקומען אינפאָרמאַציע און אַנטדעקן וואָס מער מינעס. אַזוי אַרום איז אויסגעקומען, אַז דער אינ־פאָרמאַציע־דינסט פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט שטערט דעם ש"י אין זיין רעגולערער טעטיקייט. פאַר יענער באַלוינונג, וואָס די געזעלשאַפט האָט געצאָלט פאַר איין מינע, האָבן מיר געקענט אויסהאַלטן אַן אינפאָרמאַטאָר לאַנגע חדשים. די דאָזיקע קאָנקורענץ האָט געשטערט אונדזער אַרבעט און האָט זיך נעגאַטיוו אָפּגערופן אויף אונדזערע באַציאונגען מיט די אינפאָר־מאַטאָרן.

דאָס, וואָס די געזעלשאַפט האָט באַקומען אַזוי פיל ידיעות וועגן אונ־טערגעלייגטע מינעס אונטער די עלעקטרישע סלופּעס האָט דערוועקט אין אונדז אַ חשד אַז די הויכע באַלוינונג, וואָס די געזעלשאַפט צאָלט אירע אינפאָרמאַטאָרן, איז גורם דערצו, וואָס די צאָל טעראָר־אַקטן איז פּלוצלינג שטאַרק געשטיגן. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זוכן און צו פאָרשן און באַלד האָבן מיר זיך דערוווּסט אינטערסאַנטע פּרטים, ווי אַזוי אָט די „קאַמפּאַ־ניע" קעגן מינעס פאַרלויפט זיך — יענע קאַמפּאַניע, מיט וועלכער די אַראַ־בישע אינפאָרמאַטאָרן פון דער געזעלשאַפט האָבן זיך באַשעפטיקט מיט אַזאַ התמדה.

פון אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן און פון „אַ מינעס־אונטערנעמער" פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט, וועלכן מ'האָט געכאַפּט ביי דער האַנט, זיי־נען מיר דערגאַנגען, אַז די אינפאָרמאַטאָרן אַליין האָבן אַ האַנט אין דער פּראָדוקציע פון מינעס און האַנדלען מיט זיי אין די אַראַבישע שטעט און דערפער. הכלל, דאָס איז געווען אַ געשעפט, וואָס האָט געבליט פון טאָג צו טאָג. די דאָזיקע „אינפאָרמאַטאָרן" האָט געלוינט צו קויפן אַ מינע פאַר דריי צי פינף פונט, אָוועקלייגן זיי אונטער אַ סלופּ, זיך צו פאַרבינדן מיטן פאָרשטייער פון דער רייכער עלעקטרישער געזעלשאַפט און אים וואָרענען,

אַז אַט דאָ און דאָרט ליגט אַ מינע, וואָס קען עקספּלאָדירן. צו אַט דער ידיעה פלעגט דער אינפאָרמאַטאָר נאָך צוגעבן אַ פאַנטאַסטישע מעשה וועגן די צרות און די מאַטערנישן, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען ביז ער האָט די מינע „אַנט־דעקט". די דאָזיקע טירחה איז כּדאַי געווען, ווייל די געזעלשאַפט האָט דער־פאַר גוט געצאָלט.

אונדזערע מענטשן האָבן דערציילט, אַז פאַרן „אַנטדעקן" אַ מינע צאָלט די עלעקטרישע געזעלשאַפט זעכציק פונט און מער, אַ חוץ די הוצאות. גע־ווען אַזעלכע אַראַבער וועלכע פלעגן ברענגען ידיעות וועגן מינעס דריי־פיר מאָל אַ וואָך. אין דאָזיקן פעטן עסק האָט נישט געשטעקט קיין שום געפאַר. אויך דאָס געוויסן האָט זיי נישט געפּלאָגט, ווייל ס'איז דאָך אַ מצווה אָפּ־צונאַרן אַ יידישע געזעלשאַפט. די אינפאָרמאַטאָרן פון דער עלעקטרישער געזעלשאַפט האָבן אַזוי אַרום געשלאָגן צוויי האָזן מיט איין שאָס. זיי האָבן געהויבן זייער אייגענעם כּבוד אין די אויגן פון די כּנופיות־אָנפירער מיט אַט דעם כיטרען ספּאָרט, מיט וועלכן זיי האָבן זיך פאַרנומען און צי דער גלייכער צייט האָבן זיי געצויגן געלט פון אַ יידישער קאַסע.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז דער „פּריוואַטער אינפאָרמאַציע דינסט" פון דער געזעלשאַפט האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן — באַזונדערס נאָך דעם ווען מיר האָבן באַנומען דעם גרויסן שאָדן, וואָס ער פאַרשאַפט אונדז מיט זיין עצם־עקזיסטענץ. דאָס שפּיל איז אָפּגעשטעלט געוואָרן און דער פּרייז אויף מינעס איז אין די אַראַבישע דערפער זייער גיך געזונקען. נאָך אַ לאַנ־גער צייט האָבן די אַראַבער אין די דערפער, אין די פאַרנאַכטן דערציילט מיט הומאָר די מעשה מיט די מינעס, וואָס זיינען קיינמאָל אויף דער וועלט נישט געווען און האָבן דאָך אַריינגעבראַכט אַ היפשע הכנסה די „מינעס־הענדלער".

און זיי פלעגן פאַרענדיקן מיט אַ זיפץ: „יאָ, אַזעלכע גוטע טעג וועלן זיך שוין נישט צוריקקערן".

אינפאָרמאַטאָר־פּראָוואָקאַטאָר

צווישן אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן איז געווען איינער, וואָס האָט זיינס גלייכן נישט געהאַט לויט זיין התמדה. דאָס איז געווען אַן אומאויסשעפּלע־כער קוואַל פון אַ גענויער און פאַרשיידנאַרטיקער אינפאָרמאַציע. יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט אונדז מיטטיילן וועגן אַן אינטריגע, אָדער וועגן אַן אַטענטאַט, וואָס מען גרייט צו, וועגן אַ באַהעלטעניש פון אַראַבישן געווער, אָדער וועגן אַ לויערונג פון באַנדיטן, פלעגט ער טרעפן אין פּינטל אַריין און האָט אונדז געהאָלפן אויסמיידן די סכנה. זיין ידיעה, וואָס ער פלעגט איבערגעבן איז תמיד געווען ריכטיק.

דער דאָזיקער אינפאָרמאַטאָר איז געווען קלוג און כיטרע. אַ חוץ אַראַ־ביש און ענגליש האָט ער געקענט אויך העברעאיש און האָט אפילו פאַר־

שטאַנען אַביסל יידיש. ווען מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער טויג פאַר אַלץ, האָבן מיר זיך נישט באַגנוגנט מיט די ידיעות וואָס ער האָט אונדז געבראַכט לויט זיין אייגענער איניציאַטיוו. נאָר מיר פלעגן אים שיקן זוכן אינפאָרמאַציע וועגן ענינים, אין וועלכע מיר זיינען געווען פאַראינטערסירט. ער האָט געקענט אַריינדרינגען אין אַזעלכע ערטער, וואָס זיינען געווען ממש אוצרות־אינפאָרמאַציע. זיינע דערגרייכונגען פלעגן אונדז איבערראַשן. מיט דער צייט איז אָט דער אינפאָרמאַטאָר געוואָרן אונדזערער אַ „בריינט": אַ חוץ די ידיעות, וואָס ער פלעגט אונדז ברענגען, פלעגט ער אונדז אָנהייבן פאָרשן און זיך אויספרעגן וועגן דער אינפאָרמאַציע וואָס מיר פאַרמאָגן — און אַלץ לויט דער אייגענער איניציאַטיוו. בקיצור, דער מענטש איז אונדז געווען זייער נוצלעך.

נאָר מיט דער צייט האָבן מיר זיך געכאַפּט, וואָס פאַר אַ העכט דאָס איז: עס איז אויפגעקלערט געוואָרן, אַז ער איז פאַרבונדן אויך מיט דער בריטישער פּאָליציי און שטעלט איר צו אינפאָרמאַציעס פאַר אַ גוטער באַלוינונג. פון אונדז האָט ער באַקומען באַצאָלט נאָר פאַר אַ ידיעה, וואָס האָט זיך באַשטעטיקט.

האָבן מיר אָנגעהויבן נאָכצופאָלגן זיינע פאַרבינדונגען מיט דער פּאָליציי. די דאָזיקע נאָכשפּירונג האָט אונדז געגעבן איבערראַשנדיקע איינצלהייטן וועגן זיין אַרבעטס־מעטאָד. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אָט דער פּלייסיקער אינפאָרמאַטאָר פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר די געמיינסטע פּראָוואָקאַציעס. אַבי ער זאָל באַרימט ווערן און זאָל באַקומען וואָס גרעסערע געלט־פּרעמיעס פאַר זיין דינסט. ער אַליין פלעגט פאַרשטעקן געווער, קוילן און באָמבעס אין אַראַבישע הייזער און דערנאָך פלעגט ער קומען צו דער פּאָליציי און מסרן וועגן די נעסטן־טעראָריסטן און געווער־באַהעלטענישן.

איינער פון די כאַראַקטעריסטישע פאַלן איז געשען מיט אַן אַראַבישער טאַקסי, וואָס די פּאָליציי האָט זי געפּאַקט בשעת זי האָט איבערגעפירט געווער. ער אַליין איז אויך געפאָרן אין דער טאַקסי מיט איינעם פון זיינע פריינט, אָבער ער האָט זיך פון דאָרט אַרויסגעדרייט, איידער די פּאָליציי איז אָנגעקומען. זיין פריינט און דער שאָפער זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אין דער טאַקסי האָט מען געפונען אַן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. ס'האָט זיך דערוויסט אַ חשד, אַז ער האָט איינגערעדט זיין חבר צו פאָרן אין אַ באַשטימט אָרט און איידער זיי זיינען נאָך ביידע אַרויסגעפאָרן האָט ער וועגן דעם געמאָלדן דער פּאָליציי. פאָרן אַרויסדרייען זיך פון טאַקסי האָט ער אין איר איבערגעלאָזן דעם אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער. דאָס געשעפט האָט געלוינט: דער לוין, וואָס ער פלעגט באַקומען פון דער פּאָליציי פאַר אַ געלונגען שטיקל אַרבעט, האָט דרייפאַכיק איבערגעשטיגן דעם פּרייז פון רעוואָלווער.

געווען אַ צווייטער פאַל. ער איז אַרויס אין פעלד מיט פיר באַוואָפנטע

אַראָבער דורכצופירן אַן אַטענטאַט וואָס איז פאַרטראַכט און פּלאַנירט געוואָרן מיט זיין אַנטייל. און ווידער אַמאָל איז די חברה איבערראַשט געוואָרן דורך דער פּאָליציי און פיר באַגלייטערס זיינע זיינען געכאַפּט געוואָרן. ער אַליין האָט באַוויזן באַצייטנס זיך אָפּצוטראָגן. אויך דאָס מאָל האָט ער געשפּילט אַ טאָפּלטע שפּיל: פריער האָט ער פּראָוואָצירט און דערנאָך גע־מסרט.

קאָנטיק, אַז דער קוואַל פון זיינע אינפאָרמאַציעס האָט זיך ביסלעכ־ווייז אויסגעשעפּט און דעריבער האָט ער זיך געלאָזט אויף אַ וועג פון פּראָ־וואָקאַציע. לכתחילה האָט ער זיך געהאַלטן ביי דער דאָזיקער שיטה לגבי דער פּאָליציי, וואָס מיט איר איז דער שפּיל געווען ווייניקער געפערלעך. אָבער נאָך דעם האָט ער אָנגעהויבן רעזשיסירן אויך פאַר אונדז אַזעלכע מעשים, וואָס זיינען דורך אים פּלאַנירט געוואָרן פון אָנהייב ביזן סוף. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך נישט אָפּגעשראָקן און האָט נישט געזשאַלעוועט קיין מענטשלעכע לעבנס. קיין צווייפל נישט, אַז צווישן די, וועלכע ער האָט מכשיל געווען זיינען געווען אויך מענטשן פון די כנופיות, אָבער — קלאָר — אַז צוגלייך פלעגט ער אונטערשטעלן אָפּיסל אומשולדיקע אַראַבער, וועלכע ער אַליין האָט אויפגעהעצט, און זיי זיינען געפאַלן אַ קרבן פון זיינע איני־טריגעס. געוויס האָט ער דאָס געטאָן פאַר געלט, אָבער, מעגלעך, ער האָט געהאַט אויך פּערזענלעכע חשבונות וועלכע ער פלעגט דערליידיקן אויף אַזאַ אופן.

איין מאָל קומט ער צו אונדז און דערציילט, אַז צוויי אַראַבער וועלן דורכגיין מיט באָמבעס דעם וועג צווישן יפו און תל־אביב און וועלן זיי אַריינשליידערן אין דעם עולם, וואָס זאַמלט זיך ביים קינאָ „מוגראבי״ — טאַקע דאַן ווען מענטשן גייען אַריין און אַרויס פון זאַל. ער האָט געשילדערט דאָס שרעקלעכע בילד וואָס ס׳קען זיך אָפּשפּילן ביים קינאָ, אויב מ׳וועט לאָזן די טעראָריסטן אויספירן זייער פּלאַן. די באָמבעס זיינען געפערלעך — האָט ער געזאָגט, און ס׳וועלן געוויס זיין פיל הרוגים. די טעראָריסטן זיינען זייער געוואָגטע מענטשן, וואָס וועלן זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין זאַך, כדי אויסצופירן די שליחות, וואָס איז אויף זיי אַרויפגעלייגט געוואָרן.

די שילדערונג פון דער געפּלאַנטער געשעעניש איז געווען אַזוי אויס־פירלעך, אַז ס׳איז קיין צווייפל נישט געווען, אַז דאָ שטעקט אַ פּראָוואָ־קאַציע. צו יענער צייט האָבן מיר אים שוין חושד געווען, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז ער איז פּעאיק צוליב זיין געלט־גייציקייט, אויף יעדן פאַר־ברעכן. ס׳איז געווען אַ גרונט אָנצונעמען אַז אויך דאָס מאָל רעזשיסירט ער איין אַ טעראָריסטן אַקט, אָדער ער איז איינער פון די איניציאַטאָרן. מיר זיינען געווען כמעט זיכער, אַז ער אַליין וועט דינגען די טאַקסי, וועט אין איר אַריינלייגן באָמבעס, וועלכע ער האָט אַליין געקויפט, צי באַקומען אויף אַן אַנדערן אופן, און וועט איינלאָדן די כנופיות־מענטשן אָדער עמיצן פון זיינע חברים אַרויסצופאָרן מיט אים אויף אַ שפּאַציר קיין תל־אביב. נאָך

דעם ווי ער האָט אונדז איבערגעגעבן די ידיעה און אָנגעוויזן דעם מאַרשרוט פון דער מאַשין, וועט ער קענען זיך אַליין אַרויסדרייען און די איבעריקע פּאַסאַזשירן פון דער טאַקסי וועלן געכאַפּט ווערן מיט די באָמבעס. זייער גורל וועט זיין דערמיט געחתמעט.

ווען ס'איז קלאָר געוואָרן דער אַרבעטס־מעטאָד פון אָט דעם אינפאָר־מאַטאָר, האָבן מיר אים אַרויסגעטריבן און אים געזאָגט, אַז ער זאָל נישט וואָגן מער זיך צו ווייזן פאַר אונדז. מיר האָבן אים געוואָרנט, אַז אויב זיין פוס וועט אַריינטרעטן אויף אונדזער שטח, וועלן מיר זיין געצוווּנגען צו פּטרן אויף אים אַ קויל, וואָס ער איז נישט ווערט איר פּרייז.

„סוחר פון אינפאָרמאַציעס"

צווישן די פיל אַראַבישע אינפאָרמאַטאָרן איז געווען איינער, וואָס זיין קאָנספּיראַטיווער צונאָמען איז געווען „דזשענטלמען". ער אַליין פלעגט זיך אַזוי אָנרופן. „איך בין נישט קיין פעלאַך, אָדער סתם אַ שמוציקער אַראַבער, — פלעגט ער זאָגן — איך בין אַ דזשענטלמען". ער איז געווען זייער גאווה־דיק אין זיין ריידן און חוצפּהדיק אין זיין אויפפירונג, פלעגט זיך שיין קליידן און פלעגט אָפּהיטן שטרענג זיין אויסערלעכן גלאַנץ, ווי ס'פּאַסט פאַר אַ מענטשן פון דער „הויכער געזעלשאַפט". ער איז געווען אַן אָפטער איינגייער פון די נאַכט־קלובן און האָט ליב געהאַט שפּילן אין קאָרטן.

מיר האָבן געוווּסט, וואָס עס שטעקט הינטער דער דאָזיקער „דזשענטל־מענישקייט". דאָס איז געווען אַ גוטער צודעק אויסצובאַהאַלטן דעם אמתן כאַראַקטער פון דעם מענטשן. דאָס איז געווען אַ בעל־עבירהניק, ספּעקולאַנט און געניטער שמוגלער.

בדרך כלל פלעגן מיר אַרבעטן מיט אַזעלכע אינפאָרמאַטאָרן, וואָס האָט נאָך פאַרמאָגט אַ וועלכן ס'איז פונק פון געוויסן אָדער אמונה. מיר האָבן אויסגעמיטן זיך צו טרעפן מיט אַזעלכע טיפּן, וואָס קיין זאַך איז נישט גע־ווען הייליק אין זייערע אויגן, אַ חוץ זייער הנאה און מאַטעריעלער נוצן. אָבער בשעת די האַרבע געשעענישן איז שווער געווען צו זיין באַזונדערס איבערקלייבעריש: יעדע ידיעה, פון וועלכן קוואַל זי זאָל נישט שטאַמען, האָט געקענט ברענגען נוצן פאַר אונדזערע ענינים. אין אַזעלכע טעג האָבן מיר נישט געקענט זיך אָפּזאָגן פון אינפאָרמאַציעס, וואָס קומען אפילו פון צווייפלהאַפטע קוואַלן און פון מענטשן, וואָס אין נאָרמאַלע צייטן וואָלטן מיר געווייכט פון זייערע דלד אמות.

דער „דזשענטלמען" האָט אונדז געבראַכט אַמאָל אייניקע ידיעות, וועל־כע האָבן זיך באַשטעטיקט אויך פון אַן אַנדער קוואַל און האָבן אונדז גע־בראַכט פיל נוצן. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן זיך באַצויגן זייער פאָרזיכ־טיק צו די אינפאָרמאַציעס, וועלכע ער פלעגט אונדז צושטעלן און מיר האָבן זיך אויף זיי נישט געשטיצט ביז זייער ריכטיקייט איז נישט באַשטעטיקט

געוואָרן. סוף־כל־סוף האָבן מיר זיך איבערצייגט, אַז מיר האָבן גוט געטאָן, וואָס מיר האָבן דערשטיקט אין זיך דאָס געפיל פון עקל און האָבן זיך פאַר־בונדן מיט אים. אַ דאַנק זיינע ידיעות זיינען ליקווידירט געוואָרן אַראַבישע טעראָריסטן — פיל פון זיי זיינען דערהרגעט געוואָרן און אַנדערע זיינען פאַרוואונדעט און אַרעסטירט געוואָרן.

אין איינעם אַ טאָג, ווען דער אַראַבישער טעראָר איז געשטיגן, און די כנופיות האָבן דורכגעפירט פיל אָנפאַלן, איז געקומען דער „דזשענטל־מען" און האָט געזאָגט:

— איך האָב וויכטיקע ידיעות, אָבער כ׳וועל זיי פאַרקויפן פאַר אַ גוטן לוין. כ׳האָב פאַרשפילט פיל געלט אין קאָרטן און כ׳בין פאַרזונקען אין חו־בות. איך ווייס, אַז איר טרויט נישט שטאַרק מיינע אינפאָרמאַציעס. דע־ריבער וועל איך מסכים זיין איר זאָלט מיר צאָלן נאָך דעם ווי יעדע ידיעה, וואָס איך וועל אייך צושטעלן, וועט זיך באַשטעטיקן.

מיר זיינען איינגעגאַנגען אויפן דאָזיקן תנאי. ווען ער פלעגט אונדז ברענגען אַ ידיעה, פלעגן מיר פאָרויס פעסטשטעלן איר פרייז, לויט די רע־זולטאַטן און די נוצן וואָס זי קען אונדז ברענגען: פאַר אַזוי פיל און אַזוי־פיל דערהרגעטע באַנדיטן — אַזויפיל און אַזויפיל פונטן... ער פלעגט ריידן וועגן די דאָזיקע עסקים, ווי וועגן אַ געוויינלעכער געשעפטלעכער טראַנ־זאַקציע. ער פלעגט זיך אויסדריקן אַזוי:

— מיך קימערט נישט, וואָס זיי וועלן דערהרגעט ווערן און וועלן מער נישט זיך טומלען. דער עיקר איז, וואָס איך וועל קענען באַצאָלן מיינע חו־בות. און ווען איך וועל מיין חוב באַצאָלן, וועל איך איבעררייסן מיינע פאַרבינדונגען מיט אייך און דעמאָלט וועל איך אויך אייך בעטן איר זאָלט מיך לאָזן צורו...

עס איז געווען לייכט זיך אָנצושטויסן, אַז מיר זיינען נישט זיינע איינציקע קונדן און אַז ער פאַרקויפט זיינע אינפאָרמאַציעס יעטוועדן וואָס איז אים גרייט צו צאָלן. מיר האָבן זיך באַצויגן צו אים מיט גרויס פאָרזיכ־טיקייט. מיר האָבן אים שטענדיק חושד געווען, און באמת, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זיינען מיר געווען גערעכט אין אונדזער שטעלונג לגבי אים. מיט דער צייט האָבן מיר אַנטדעקט, אַז ער האָט זיך דערנענטערט אַליין צו די כנופיות און צוגלייך איז ער געווען פאַרבונדן אויך מיטן ברי־טישן געהיים־דינסט. אים איז געלונגען צו געפינען אַ וועג צו דער שטאָטי־שער אַראַבישער יוגנט, וועלכע האָט זיך באַשעפטיקט מיטן וואָרפן באָמבעס אויף די יידישע קוואַרטאַלן און מיטן אָוועקלייגן מינעס אויף די וועגן. אין נאָך דעם, ווי ער האָט שוין באַקומען אַ צוטריט צו די דאָזיקע קרייזן, האָט ער אָנגעהויבן אַרויסגעבן זיינע חברים איינציקווייז אין אונדזערע הענט אָדער אין די הענט פון די בריטישע דעטעקטיוון.

ער האָט אונדז דערציילט, אַז ער אַרבעט לויט אַ ספּעציעלער שיטה: ער באַמיט זיך צו דערווערבן דעם צוטרוי פון די טעראָריסטן דורך דעם,

וואָס ער העלפט זיי אַריבערפירן געווער פון איין אָרט אויפן צווייטן, און ער גיט זיי איבער אויך אינפאָרמאַציעס וועלכע קענען זיי העלפן. פאַקטיש אָבער — האָט ער צוגעגעבן — דערציילט ער זיי נאָר פאַרשיידענע באָבע־מעשהס. טראָץ זיינע צווייפלהאַפטע גענג און זיין פאַרדעכטיקטער אויפ־פירונג האָבן דאָך אָפטמאָל זיינע ידיעות אונדז פיל געהאָלפן און אַזוי אַרום זיינען אויסגעמיטן געוואָרן אומגליקן בנוגע מענטשן־לעבנס און פאַרמעגן.

איין מאָל קומט ער צו אונדז און דערציילט, אַז מ׳גרייט זיך אַוועקצו־לייגן מינעס אויפן שאָסיי צווישן בית־דגון און ראשון לציון, כדי צו שעדיקן יידישע קאָמוניקאַציע. די ידיעה איז געווען אַ ריכטיקע: עס זיינען גע־שיקט געוואָרן אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרטריבן די כנופיה, וואָס איז געקומען אַוועקלייגן די מינעס. צוויי פון די באַנדיטן זיינען דערהרגעט געוואָרן.

אַן אַנדערש מאָל האָט ער אונדז געמאָלדן, וועגן אַ קליינער גרופּע באַנדיטן, וואָס איז אַרויס אויף אַ לויערונג ערגעץ נעבן לוד. די אויפגאַבע וואָס זיי האָבן באַקומען איז געווען צו באַשיסן אַלע יידישע אויטאָס, וואָס פאָרן דורך אָט דעם כביש און אָנצוגרייפן די פּאַסאַזשירן. ער האָט אָנגע־וויזן גענוי אויפן אָרט, ווו די באַנדיטן וועלן זיך פאַרשטעקן. אַ דאַנק אָט דער אינפאָרמאַציע האָבן מיר געקענט דערלאַנגען די באַנדיטן אַן ערנסטן קלאַפּ. איינער פון זיי איז דערהרגעט געוואָרן, אַ צווייטער איז פאַרוואונדעט געוואָרן און די איבעריקע האָבן זיך געלאָזט לויפן איבערלאָזנדיק אויפן אָרט זייערע געטראָפענע חברים. דאָס מאָל האָט דער „דזשענטלמען״ געפאָדערט מ׳זאָל אים באַצאָלן פאַר צוויי קעפּ. ער האָט געטענהט, אַז מיר האָבן מיט אים אָפּגעמאַכט, דאָס ער וועט באַקומען באַצאָלט פאַר די געטראָפענע בכלל, און נישט נאָר פאַר די דערהרגעטע. עס האָט נישט געלוינט זיך צו דינגען מיט אים. מילא, אויב דער פאַרוואונדעטער וועט געזונט ווערן, וועט ער דאָך זיכער שוין מער נישט וואָגן צו שיסן אויף יידישע אויטאָס.

אין משך פון אייניקע חדשים האָט ער זיך אויפגעפירט מיט אונדז יושר־דיק און זיינע ידיעות זיינען געווען נוצלעכע. ער פלעגט באַקומען זיין לוין לויטן אָפּמאַך און האָט אויף אַזוי פיל געוווּנען אונדזער צוטרוי, אַז ער פלעגט באַקומען אפילו אַוואַנסן, ווייל מיר זיינען געווען זיכער, אַז ער וועט דאָס האַנטגעלט דעקן.

נאָר זיין פאַרדאָרבענער כאַראַקטער האָט אים נישט געלאָזט זיך האַלטן אַ לאַנגע צייט אנשטענדיק. ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט קענען פאַרקויפן זיינע אינפאָרמאַציעס צו צוויי קונים און וועט באַקומען אַ טאָפּלטן לוין. ער אַליין האָט אונדז דערציילט אין אַ געוויסער צייט אַרום, אַז ער שטייט אין פאַרבינדונג מיט דער פּאָליציי. איר, דער פּאָליציי, דערציילט ער בלאָפע־רייען, ווייל זי אינטערעסירט זיך בעיקר מיט פּאָליטישע ענינים. אַזאַ מין סחורה, האָט ער געזאָגט, איז לייכט צו פּראָדוצירן. עס איז גאָרנישט נויטיק,

אַז פּאָליטישע ראַפּאָרטן זאָלן האָבן רעזולטאַטן און מ׳דאַרף נישט אויך דערווייזן, אַז זיי זיינען ריכטיק. דער עיקר איז, וואָס די ענגלענדער צאָלן.

ער האָט זיך באַרימט פאַר אונדז און דערציילט, ווי אַזוי ער נאַרט אָפּ די בריטישע פּאָליציי: ער נעמט ידיעות פון צייטונגען, פאַרדרייט זיי, לייגט צו עפּעס פון זיין אייגענער פאַנטאַזיע מיט כלערליי אויסטראַכטענישן און פאַרקויפט די דאָזיקע „אינפאָרמאַציעס״ דעם געהיים־דינסט. צוגלייך האָט ער אונדז פאַרזיכערט און געשווירן, אַז די ידיעות, וואָס ער ברענגט אונדז גיט ער נישט איבער קיין אַנדערע מענטשן. ער פלעגט אונדז דערין פאַרזיכערן איטלעך מאָל, ווען ער פלעגט צו אונדז קומען. קאָנטיק ער האָט זיך פאַר אונדז זייער געשראָקן, און אַמאָל האָט ער אונדז געזאָגט אָפן, אַז ער האָט מורא, אַז מיר וועלן אים „איינאָרדענען״, אַזוי, אַז קיינער וועט אפילו זיין קבר נישט וויסן; און באמת, ער איז געווען טריי זיין צוזאָג ביז ס׳איז געשען אַ פאַל, וואָס האָט געמאַכט אַ סוף צו זיינע באַציאונגען מיט אונדז.

איין מאָל האָט ער געשילדערט פאַר אונדז מיט גרויס אויפרעגונג, וואָס פאַראַ גרויס אומגליק ס׳קען זיך אָפּשפּילן אין חולון, אין דער שכונה „אגראַבאנק״. עס ווערט אָרגאַניזירט אַן איבערפאַל פון אַ 50־60 באַוואָפנטע לייט פון יפו אויף דער דאָזיקער שכונה און אויף די אויטאָס, וועלכע וועלן אַהין אָנקומען בשעת דעם איבערפאַל. ער האָט מיט די אייגענע אויגן געזען די הכנות צום דאָזיקן אָנפאַל. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז די רעזולטאַטן וועלן זיין זייער הערבע. די באַנדע איז באַוואָפנט מיט פערזענלעכן געווער, מינעס און באָמבעס און וועט לאָזן אין גאַנג אַלע אירע כוחות.

מיר זיינען דורכגעקומען מיט אים בנוגע דעם לוין פאַר אָט דער אינפאָרמאַציע און דאַן האָט ער אונדז דערציילט, אין וועלכע ערטער די באַנדיטן וועלן זיך פאַרשטעקן און ווען דער איבערפאַל וועט זיך אָנהייבן. לויט זיין אייגענער שילדערונג וועגן די הכנות, זיינען מיר געווען זיכער, אַז ער אַליין האָט גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער פּלאַנירונג פון דאָזיקן אָנפאַל און אַז אין פיל פּרטים האָט זיין מיינונג דעצידירט.

די הגנה האָט אַוועקגעשטעלט אייניקע גוט־באַוואָפנטע קאַמפס־גרופּעס, זיי האָבן באַקומען אַ באַפעל צו שניידן אין דער באַנדע און נישט זשאַלעווען קיין קוילן. אַנדזערע חברים זיינען געווען געשפּאַנט צו דער באַגעגעניש מיט די טעראָריסטן פון יפו און זיי זיינען אַרויס אויף די באַשטימטע פּלעצער מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן נעמען נקמה פאַר יידיש בלוט, וואָס איז פאַרגאָסן געוואָרן אין אָט דער געגנט.

אָבער זייער גיך איז קלאָר געוואָרן דער ציל פון דער אינטריגע, וואָס דער „דזשענטלמען״ האָט געוועבט. אונדזערע מענטשן האָבן פּלוצים דערזען ווי די בריטישע פּאָליציי דערשיינט אויפן פּלאַץ מיט גרויסע כוחות. אונדזערע חברים זיינען געצוווּנגען געווען זיך אָפּצוטראָגן און האָבן גיך פאַרשטעקט זייער געווער. אין צווישן זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט ווו עס האָט געדאַרפט זיך אָפּשפּילן דער אויסראָטונגס־קאַמף קעגן דער אַראַבישער

באַנדע, אויך ציוויל־געקליידעטע מענטשן. דאָס זיינען געווען קענטיק מיליטערלייט, וואָס האָבן זיך בכיוון געקליידט ציוויל, אָבער זיי האָבן זיך נישט באַמיט צו פאַרמאַסקירן זייערע מיליטערישע אויטאָס.

מיר האָבן פאַרשטאַנען, וואָס פאַראַ איבערראַשונג דער „דזשענטלמען" האָט געהאַט צוגעגרייט פאַר אונדזערע מענטשן. נאָך דעם, ווי די מיליטער־לייט וואָלטן פאַרענדיקט מיט דער באַנדע, וואָלטן זיי זיך געווענדט צו אונדזערע מענטשן, אָפּגענומען פון זיי דאָס געווער און זיי אַליין אַרעסטירט.

די באַנדע איז באמת געקומען אויפן פלאַץ, ווו מ'האָט אויף זיי געהאַט געלויערט, אָבער ווען זיי האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ ווידערשטאַנד האָבן זיי אָפּגעגעבן עטלעכע שאָסן און זיינען אַנטלאָפן. יאָ, דער „דזשענטלמען" האָט גוט געפלאָכטן די פעדים פון זיין אינטריגע. ער האָט געטאָן זיין שליחות פאַר אַלע צדדים. ער האָט געמאַכט אַ יד־אחת מיט דער באַנדע און האָט איר געהאָלפן אין אירע הכנות. דערנאָך איז ער געגאַנגען און פאַרקויפט די אינפאָרמאַציע יעדן, וואָס איז געווען גרייט זי צו קויפן: אונדז, דער פּאָליציי און אויך דעם מיליטער. ער האָט קענטיק נישט געהאַלטן פאַר אַן עוולה דאָס וואָס ער טוט. ער האָט זיך באַטראַכט ווי אַ סוחר, וואָס האָט אַ געוויסע סחורה און דאַרף זי פאַרקויפן יעדן איינציקן, וואָס פאַרלאַנגט זי.

נאָר, נאָך איין מאָל האָבן מיר געזען דעם „דזשענטלמען" נאָכן דאָזיקן פאַל. ער איז געקומען צו אונדז און האָט זיך מודה געווען אין זיינע מעשים. מיר האָבן אים נישט געטאָן קיין שלעכטס טראָץ זיינע אינטריגעס, ווייל פאַקטיש האָט ער געוואָרנט וועגן דעם געפּלאַנטן אָנפאַל. נאָר פון דאַן אָן האָבן מיר איבערגעריסן די פאַרבינדונגען מיטן „דזשענטלמען". יאָ, ער איז געווען אַ פאַרדאָרבענער אינטריגאַנט, אָבער דאָך האָט ער אונדז נישט איין מאָל געבראַכט פיל נוצן.

געהיימע טעקעס אין דער פּאָליציי

די בריטישע פּאָליציי האָט געהאַט אַ ספּעציעלע אַראַבישע אָפּטיילונג, אין וועלכער זי האָט באַשעפטיקט פיל אַגענטן און באַאַמטע אויף צו זאַמלען און קאָנצענטרירן אינפאָרמאַציעס וועגן די אַראַבער. אויפן דאָזיקן געביט האָט די פּאָליציי געקענט אַרבעטן אַ סך לייכטער ווי אונדזער ש"י. זי האָט געקענט אָפּן זאַמלען אינפאָרמאַציעס. זי האָט געהאַט צו איר דיספּאָזיציע אַ גרויסן ביודזשעט אויסצוהאַלטן די מיטאַרבעטער און צו צאָלן אויך פּרעמיעס אירע אינפאָרמאַטאָרן און אַגענטן.

נאָך מער: אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָבן געדינט פיל אַראַבישע אָפיצירן און פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן אַראַבישן עולם אין אַלע טיילן לאַנד. זייער אויפגאַבע איז געווען צו דערלאַנגען ראַפּאָרטן און צו דערציילן וועגן אַלץ, וואָס ס'טוט זיך צווישן זייערע פאָלקס־ברידער. זיי האָבן אויסגעפירט זייער פונקציע און בדרך כלל האָבן זיי נישט

געלייגט קיין אַכט דערויף, וואָס זייער דאָזיקע אַרבעט באַדינט די אַראַבישע אָפּטיילונג פון געהיים־דינסט. מיר האָבן געוווּסט וועגן דער דאָזיקער אָפּ־טיילונג און מיר האָבן זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען יענע אינפאָרמאַציע, וועלכע איז דאָרט געזאַמלט געוואָרן. ש״י האָט סטימולירט די הגנה־חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין דער פּאָליציי, זיי זאָלן כאַפּן אַ קוק אין די טעק־קעס פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג און אַזוי אַרום באַקומען אינפאָרמאַציע פון גרייטן. אגב, האָבן מיר זיך אינטערעסירט אויך צו וויסן וואָס עס אינ־טערעסירט די פּאָליציי. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געקענט זיך דערקונדיקן וועגן די פּאָליטישע צוועקן פון דער בריטישער מאַכט לגבי די אַראַבער.

אין די ידיעות, וועלכע מיר האָבן אויסגעפונען אין אָט די געהיימע טעק־קעס, פלעגן מיר באַקומען פון צייט צו צייט אַ באַשטעטיקונג פון יענעם מאַ־טעריאַל, וואָס האָט דערגרייכט צו אונדז דורך אונדזערע אינפאָרמאַטאָרן. ס׳פלעגט טרעפן, אַז מיר פלעגן זיך דערוויסן, אַז אונדזער אינפאָרמאַטאָר אַרבעט אויך פאַר דער פּאָליציי און פאַרקויפט די זעלביקע „סחורה״ צו־גלייך צוויי קונדן. די דאָזיקע אַנטדעקונגען האָבן אונדז שטאַרק געהאָלפן, באַזונדערס דאַן, ווען מ׳פלעגט דאַרפן פעסטשטעלן די פאַרטרוילעכקייט פון אינפאָרמאַטאָר, וועלכער פלעגט שווערן ביי „זיינע בהמות, זיין משפחה און זיין גאָט״, אַז ער איז פאַרבונדן נאָר מיט אונדז און באַדינט נישט אַנדע־רע...

מיר האָבן זיך באַמיט, ווי ווייט מעגלעך, אויסנוצן דעם מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך דורכגעזיפּט צו אונדז פון אָט די געהיימע פּאָליצייאישע טעק־קעס. די פּאָליציאַנטן, הגנה־חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין די ביוראָען פון בריטישן געהיים־דינסט, אָדער אין שכנות מיט זיי, פלעגן אַריינקוקן אין די טעקעס און פלעגן אָפט מאָל איבערשרייבן אָדער אָפּפאָטאָגראַפירן די מאַטעריאַלן, אין וועלכע מיר זיינען געווען פאַראינטערעסירט.

דער שטאָב פון ש״י האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקע פאַרבינדונג מיט די יידישע פּאָליציאַנטן, די טרייע אָנהענגער פון דער הגנה, וועלכע האָבן גע־האַט אַ צוטריט צו אָט די טעקעס. דער שטאָב האָט געוווּסט וואָס עס גע־פינט זיך אין די טעקעס, אָדער ער האָט געגעבן אָנווייזונגען וואָס אַזוינס אין זיי צו זוכן. און אונדזערע מענטשן אין דער פּאָליציי האָבן געאַרבעט לויט אונדזערע דירעקטע אינסטרוקציעס און שטייענדיק מיט אונדז אין ענ־גע פאַרבינדונגען. געווען פאַלן, ווען מיר האָבן באַקומען ידיעות וועגן אַ וויכטיקן מאַטעריאַל, וואָס איז שוין פאַרשטעקט געוואָרן אין די טעקעס און וואָס מיר קענען נישט קאָפּירן אויפן אָרט גופא. אין אַזעלכע פאַלן האָבן מיר געהאַט נאָר איין ברירה: אַרויסנעמען די טעקע פון דער געביידע ווו דער געהיים־דינסט האָט זיך געפונען און אים ברענגען אין ביוראָ פון ש״י. אַזעלכע אַקציעס האָט מען געמוזט זייער שטרענג און פאַרזיכטיק פּלאַנירן. מ׳האָט געדאַרפט זאָרגן דערפאַר, אַז אונדזער חבר, דער פּאָליציאַנט, וואָס ברענגט אונדז די גאַנצע טעקע, אָדער אַ דאָקומענט פון איר זאָל נישט

ניכשל ווערן און זאָל נישט האָבן קיין צרות. ווען אַזאַ מין אַקציע וואָלט דורכגעפאַלן, וואָלטן מיר תיכף פאַרלוירן די מעגלעכקייט ווייטער צו שעפּן אינפאָרמאַציעס פון אָט דעם קוואַל, ער וואָלט פאַר אונדז אויף אייביק פאַרשטאָפּט געוואָרן.

נאָך דעם, ווי מיר פלעגן אָפּפאָטאָגראַפירן די דאָקומענטן פלעגן אונ־דזערע חברים זיי צוריקברענגען אויף די פריערדיקע ערטער. מיר פלעגן נישט איבערלאָזן קיין שום שפּורן, וואָס וואָלטן געקענט אַרויסרופן אַ פאַרדאַכט. עס זיינען געווען אויך פאַלן, ווען אפילו די סאַמע קאָנספּיראַטיווע דאָקו־מענטן פון דער אַראַבישער אָפּטיילונג אין געהיימ־דינסט — דאָקומענטן, וואָס ווערן געשיקט פון די דיסטריקטן אין צענטער, אין ירושלים, אָדער אין דער פאַרקערטער ריכטונג — פלעגן דורכמאַכן אַ „צווישן־סטאַציע" אין די ביוראָען פון ש"י, כדי מ'זאָל זיי קאָפּירן און פאָטאָגראַפירן.

דער הגנה־שטאַב און די יידישע נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס האָבן אָפּט מאָל דערוווסט זיך וועגן אינהאַלט פון אַ וויכטיקן דאָקומענט נאָך פריער איידער ער איז דערגאַנגען צו יענעם פאָליציי־אישן אנשטאַלט, וווהין ער איז אַדרעסירט געוואָרן.

פרעמדע

איטאַליענער צו הילף די אַראַבער

דער אַראַבישער אויפשטאַנד האָט זיך פאַרשפרייט. זיינע הויפט טרעגער זיינען געווען אַ טייל פון דער שטאָטישער אינטעליגענץ און די אָרגאַניזאַציע פון די אַראַבישע סקויטן, וועלכע זיינען געשטאַנען אונטערן פּאַטראָנאַט פון בכבודיקע ענגלענדער. הינטערן צודעק פון סקויטיזם האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אַלערליי פּאָגראָמטשיקעס און פאַרברעכער. דער סקויטישער אוניפאָרם איז געווען זייער באַקוועם צו פאַרמאַסקירן מעשים פון העצעריי און דיווערסיע.

עס זיינען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות, אַז די אראבישע באַוועגונג ווערט געשטיצט דורך אויסלענדישע פאַקטאָרן. אויך פון די פּאָליציי־קרייזן האָט מען אונדז מיטגעטיילט, אַז ס׳איז פאַראַן אַן אויטאָריטעטע אינפאָרמאַציע וועגן אינטריגעס פון איטאַליענער אויפן מיטעלן מזרח און אַז איטאַליע העלפט די אַראַבער מיט געווער.

אַ באַשטעטיקונג דערפון, אַז דער אַראַבישער אויפשטאַנד ווערט געשטיצט מיט געלט און געווער פון אויסלענדישע קוואַלן, האָבן מיר געפונען אין פּאָליצייאישע דאָקומענטן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אין אַ שפּעטערדיקער תקופה. אין איין דאָקומענט איז געזאָגט געוואָרן:

„דעם 14טן דעצעמבער 1938 איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז איטאַליענישע שיפן האָבן אין איניקע פאַלן געבראַכט געווער פאַר די אַראַבישע אויפשטענדלער און האָבן עס אויסגעלאָדן נעבן די אַראַבישע ישובים מידזשדאל און נעבי־רובין“.

17/2/SC. District C.I.D,
P.O.B.421,
Jaffa.

SECRET

14th December 1938.

B/Sgt.Davies. P.&.M.
B/D/Sgt.Rodgers.Frontier.
Rehovoth.C.I.D.

Subject:- Smuggling of Arms.

It is reported that Italian vessels have, on several occasions, brought arms for the rebels and have landed them near Majdal and Nebi Rubin.

A.S.P., C.I.D.Southern.

פון אַן אַנדערן קוואַל האָבן מיר באַקומען אַזאַ אינפאָרמאַציע:
„דעם 8טן מאַי 1939 האָט אַן אָפיציר איבערגעגעבן אַזאַ מין ראַפּאָרט: אַ גריך מיטן נאָמען ניקאָלאַס פראַנקאָס דערציילט, אַז ער וווינט בשכנות מיט אַן איטאַליענישער פישער־משפּחה אין פּאָרט־סאַיד. ער שטעלט פעסט, אַז די פרויען זיינען אויפגערעגט, הלמאי דער איטאַליענישער קאָנסול באַשעפטיקט צוויי איטאַליענישע מאָטאָר־שיפלעך פון די פישערס מיט אַרבעט לענגאויס דעם ברעג פון ארץ ישראל. זיי זיינען שוין כמעט אַ חודש מחוץ דער היים און די פרויען קלאָגן זיך, אַז דאָס איז נישט אנשטענדיק צו באַשעפטיקן זייערע מענער אויף אַזאַ געפערלעכער אַרבעט. די משפּחות ווערן געשטיצט דורכן איטאַליענישן קאָנסול.
לויט דער מיינונג פון אינפאָרמאַטאָר דינען די דאָזיקע שיפלעך אויף אַריבערצופירן געוויסע איטאַליענער קיין ארץ ישראל אָדער סיריע, נישט דורכגייענדיק דעם געוויינלעכן קאָנטראָל".

אפרים דקל

GOVERNMENT OF PALESTINE

In reply please quote
No. 58/2/3.

District Police Headquarters
C.I.D. Jaffa District,
8th May, 1939.

SECRET

F.C.O. i/c
Port and Marine
Jaffa.

Subject :- Italian activities.

The following is a copy of a letter received from C.I.D. Headquarters Jerusalem.

The following report has been received, and is passed for your comments :-
A certain NICOLAS FRANCOS, Greek, reports that he resides near a family of Italian fisherman in Port Said. He states that the wives are annoyed because the Italian Consul has employed the two Italian motor fishing boats for work along the Palestine-Syrian coast. They have been absent nearly a month now and the wives complain that it is not fair to employ their husbands on such dangerous work. The families are being supported by the Italian Consul.
The informer was of the opinion that these boats were being used to convey certain Italians into Palestine or Syria without going through the usual control".

2. For your information.

A.S.P. C.I.D.
JAFFA DISTRICT.

It is reported that Germans intend to smuggle arms and ammunition in new cars imported from Germany and also in other similar containers.

4/JP

SECRET.

District C.I.D.,
Police Headquarters,
Jaffa.

9th. April, 1939.

To:-
Port & Marine, Jaffa & Tel Aviv.
Frontier Controls, Jaffa & Tel Aviv.

Subject:- As above.

This is passed to you for your information.

J K Rudman
A.S.P. C.I.D.,
Jaffa District.

דייטשן צו הילף די אראַבער

די אַראַבישע כנופיות האָבן באַקומען הילף נישט נאָר פון איטאַליע אַליין. דער נאַציזם מיט זיין יידן־פיינטשאַפט האָט פון אָנהייב אָן געצוייבערט די אַראַבישע נאַציאָנאַלע באַוועגונג. ווען די געשעענישן האָבן זיך אַנטוויקלט האָבן אונדזערע חברים אין בריטישן געהיים־דינסט און אין אַנדערע רעגירונגס־אַנשטאַלטן אָנגעהויבן באַשטעטיקן די ידיעות, וועלכע מיר האָבן געהאַט, וועגן אַ געהיימער אַראַבישער האַנט, וואָס מישט זיך אין דעם אראבישן לאַגער.

אָט האָבן מיר באַקומען למשל אַזאַ דאָקומענט:

„עס ווערט געמאָלדן, אַז די דייטשן האָבן בדעה דורכצושמוגלען געווער און אַמוניציע אין נייע אויטאָס, וועלכע ווערן געבראַכט פון דייטשלאַנד און אויך אין אַנדערע ענלעכע כלים".

ראַיאָן פון געהיים־פּאָליציי,
פּאָליציי־שטאַב, יפו.

ג ע ה י י ם

צום פּאָרט יפו־תל־אביב. 9.4.39

דאָס ווערט איבערגעשיקט צו אייך ווי אַן אינפאָרמאַציע.

(חתימה)

ווייטער זיינען דערהאַלטן געוואָרן ידיעות וועגן אַראַבישע סקויטן און אַנדערע יוגנט־באַוועגונגען וועלכע הייבן אויף די נאַצישע פאָן. דער פאַקט, וואָס די באַנדעס האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט מער פאַרפולקומטע מינעס האָט באַוויזן, אַז זיי ווערן אינסטרואירט דורך אינסטרוקטאָרן פון דרויסן. עס זיינען דערגאַנגען אויך אויטאָריטעטע ידיעות, אַז אין די דייטשע קאָלאָניעס אין ארץ ישראל האָבן זיך באַוויזן „נייע פנימער״, אַז די דייטשן באַהאַלטן אויס אין זייערע קאָלאָניעס מיטגלידער פון די אראבישע כנופיות, אַז פיל געלט פליסט אַהער פון נאַצי־דייטשלאַנד און ווערט איבערגעגעבן די אַראַבער און אַז אויך דייטשן זיינען אָנגעקומען אין לאַנד מיטן ציל אויסצובילדן די כנופיות מיליטעריש.

דעם 19טן מערץ 1939 איז דערהאַלטן געוואָרן פון דער פאָליציייִשער פּאָרט־אָפּטיילונג אין יפו אַזאַ מעלדונג:

SECRET

To:- A.S.P. (C)
Southern District

Subject :- Smuggling of Arms & Etc.

Sir

My Informer informed me last night that the Arabs intend to land Arms and Ammunition near Rubin and Gaza , also along the Coast probably between Sukrier and Askalon in the next few days. They are also going to instrust all young Arabs in the South the use of Firearms. Instructors are GERMANS, he also states that they are well paid for the same and that the next attack will be in the South. Reasons:- Because the Military are not very strong in South the South

The Instructors live in German owned Hotels There are some staying in the Windsor Hotel Annex, Mount Carmel Road Haifa. The Informer also states that Germany gave ½ a Million Pounds for this purpose and that they will never forget Germany for this and that they willgive them the freedom of Palestine in due course.

Copy to :- Inspector I/C.
Port & Marine Section
Palestine Police
Haifa

19-3-39.

Sergt
N.C.O. I/C. PORT & MARINE SECTION
PALESTINE POLICE
JAFFA.

געהיים

צום לייטער פון דער דרום־פּאָליציי

„...די אַראַבער האָבן בדעה אויסצולאָדן אין די נאָענטסטע טעג געווער און אַמוניציע נעבן וואַרי רובין און עזה... זיי וועלן אינסטרואירן אַלע יונגע אַראַבער אין דרום, ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט געווער. די אינסטרוקטאָרן זיינען דייטשן... זיי באַקומען אַ הויכן לוין. די דייטשן וווינען אין דייטשע האָטעלן. אייניקע פון זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין האָטעל „ווינדסאָר"...

דייטשלאַנד האָט אַסיגנירט אַ האַלבן מיליאָן פונט פאַר דעם צוועק... די אַראַבער וועלן דאָס קיינמאָל נישט פאַרגעסן דייטשלאַנד און אויך די באַפרייאונג פון ארץ ישראל, ווען די שעה וועט שלאָגן...

ס'איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די קאָלאָניעס צו די דייטשע טעמפּלער — ווילהעלמא, סאַראָנא און וואַלדהיים און אויך די דייטשן, וועלכע וווינען אין די שטעט, זיינען פאַרבונדן מיט די אַראַבישע כנופיות, סיי לויט אייגענער איניציאַטיוו און סיי לויט אָנווייזונגען פון דייטשלאַנד. מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט, אַז די פאַבריק פון וואַגנערן אין יפו און אויך אַנדערע דייטשע וואַרשטאַטן פּראָדוצירן באָמבעס פאַר די באַנדעס.

אַן אַנדערע ידיעה האָט מיטגעטיילט, אַז די יידישע פאַבריק „לעגא", וואָס האָט געקויפט ברוכוואַרג פון אַ דייטשער געזעלשאַפט אין לאַנד, האָט צווישן דעם ברוכוואַרג געפונען קוילן און נייע ראַקעטעס פון דייטשער פּראָדוקציע.

עס איז אויך באַקאַנט געוואָרן פון די אינפאָרמאַציע־קוואַלן פון געהיים־דינסט און דער פּאָליציי, אַז עס איז פון דייטשלאַנד געליפערט געוואָרן געווער דירעקט צו די כנופיות.

אַ ידיעה פון דעם 3טן יוני 1939 גיט איבער:

„געהיים־דינסט פון יפו־דיסטריקט

עס איז דערהאַלטן געוואָרן אַן אינפאָרמאַציע, אַז אַ גרופּע פון 20 דייטשן גרייטן זיך היינט נאָכמיטיק אַרויסצוגיין פון יפו אין אַ שיפל צו וואַרי רובין און זיי האָבן בדעה זיך צוריקצוקערן מאָרגן קיין יפו. צי איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט פאַר אַ פּאָליציי־שיפל נאָכצופאָלגן זייערע מעשים?"...

(חתימה)

אפרים דקל

GOVERNMENT OF PALESTINE

17.9.38.

Southern.

Subject :- Arms Smuggling.

A report from Military Intelligence states that one consignment of British made rifles, bombs, revolvers, land mines and ammunition shipped from Sicily has already arrived in Palestine. Another consignment, purchased in Germany, is expected in the near future.

Sgd.R.C.Musgrave.
for A/D.I.G. C.I.D.

~~400~~ 49/5/S.

Jaffa
20th September,1938.

ALL DIVISIONS
District Mobile Reserve.

DISTRICT SUPERINTENDENT OF POLICE
Crime Branch
JAFFA DISTRICT

For information.

A.S.P. C.I.D. SOUTHERN.

SECRET

58/1/S

District C.I.D.
Jaffa.

To:-

3rd. June. 1939.

B/Sgt. Davies,
Port and Marine,
Jaffa.

Subject. German Activities.

Information has been received that a party of 20 Germans are leaving by launch for Rubin this afternoon and intend to return to Jaffa to-morrow.

Would it be possible for the launch to check up on their activities ?

[signature]
/A.S.P., C.I.D.,
JAFFA DISTRICT.

א פ ר י ם ד ק ל

אין אַ ידיעה פון 17טן יוני 1939 ווערט געזאָגט:

17th June 1939

SECRET

JAFFA.

A report from Egypt states that arms are being smuggled by Jaffa boatmen. The source of supply is said to be German, and the boatmen smuggle the firearms by ones and twos to the addressees as instructed.

2. Source is endeavouring to obtain the names of boatmen and receivers.

(Sgd.) W. C. BUTTOLPH
D.I.G., C.I.D.

Copy to :-

Port & Marine, Jaffa.

RKB/SP.

ג ע ה י י ם

„...אין אַ ראַפּאָרט פון עגיפּטן ווערט איבערגעגעבן, אַז געווער ווערט געשמוגלט דורך שיף־לייט פון יפו. ווי ס'ווערט איבערגעגעבן, איז דער קוואַל פון דער ליפערונג אַ דייטשער. די שיף־לייט שמוגלען דאָס געווער איינציק־ווייז און שטעלט צו לויט די אָנגעוויזענע אַדרעסן.

עס ווערן געמאַכט באַמיאונגען אויפצוקלערן די נעמען פון די שיף־לייט און פון די מקבלים פון געווער.

(חתימה)

דער ירושלימער מופטי כאַדזש־אמין־אל־הוסייני, וועלכער האָט ווי דער העכסטער גייסטלעכער, געהעצט די מוזולמענער צו אַ הייליקער מלחמה קעגן די ציוניסטישע „דעראָבערער" און זייערע ענגלישע בעלי־טובות, וועל־כע לייקענען אין מוחמד"ס רעליגיע — איז צו דער גלייכער צייט, ווי דער אַראַבישער פּאָליטישער מנהיג געשטאַנען אין נאָענטע פאַרבינדונגען מיט

איטאַליענער און דייטשן און האָט באַקומען הילף און שטיצע פון די דאָזיקע אפּיקורסים.

די פּראָ־נאַצישע און פּראָ־פאַשיסטישע ליניע פון די אַראַבישע מנהיגים אין ארץ־ישראל האָט געפונען איר אויסדרוק אין די געשעענישן פון די יאָרן 1936 — 1939 דורך דעם, וואָס מ'האָט באַקומען געווער און אַנדערע מאַטעריעלע שטיצע פון די איטאַליענער און דייטשן. פאַראַן אַ גרונט אָנצונעמען אַז דער עמיר שכיב ערטלאַן — דער דרוזישער מנהיג און דער אָנפירער פון דער סיריש־פּאַלעסטינישער דעלעגאַציע אין זשענעווע, האָט בשעת זיין באַגעגעניש מיט מוסאָליניען געשאַפן די נויטיקע פאַרבינדונגען מיט אים. מוסאָליני, צוזאַמען מיט זיין קאָלעגע היטלער, האָבן דאַן געגרייט די צווייטע וועלט־מלחמה און האָבן אויך פּלאַנירט צו דעראָבערן די לענדער פון מיטעלן מזרח בתוכם ארץ ישראל.

דער דאָזיקער בונד איז בעצם אַנטפּלעקט געוואָרן נאָך אין יאָר 1934, ווען אַראַבישע ציַיטונגען האָבן מיטגעטיילט וועגן אַ בריוו־אויסטויש צווישן דעם מופטי און דעם עמיר וועגן דער דערמאָנטער באַגעגעניש מיט מוסאָליניַן. די בריטישע מאַכט אין ארץ ישראל האָט לכתחילה געקוקט דורך פינגער אויף דער דאָזיקער פריינטשאַפט. זי האָט געהאַט דערביי אַ שעדלעכע מחשבה, אַז אַט דער בונד איז געווענדט נאָר קעגן די יידן אין ארץ ישראל. זיי האָבן זיך אָבער שפּעטער באַזינט און אָנערקענט זייער פאַטאַלן טעות. די ענגלענדער האָבן זיך איבערצייגט, אַז די שווערד, מיט וועלכער מען פאַכעט איבער יידישע קעפּ, איז מיט דער צייט געווענדט געוואָרן אויך קעגן זייער מאַכט, האָט זיי געקאָסט קרבנות און האָט שטאַרק געשעדיקט זייער פּרעסטיזש אין לאַנד.

נאָר דאַן אין יאָר 1939, ווען דער בריטישער לייב האָט זיך אויפגעכאַפּט פון זיין זיסן דרימל, איז געגעבן געוואָרן דער געהעריקער באַפעל. דאָס בריטישע מיליטער האָט אָנגענומען ענערגישע מיטלען קעגן די אַראַבישע כנופיות, האָט ליקווידירט די בלוטיקע געשעענישן און פאַרטריבן פון לאַנד די אָנפירער פון די באַנדעס.

און דאַן איז אויסגעבראָכן דער אַנטי־בריטישער אויפשטאַנד אין איראַק. צוזאַמען מיטן ירושלימער מופטי און אַנדערע אַראַבישע אָנפירער האָט אויך ראשיד, דער מנהיג פון די אויפשטענדלער אין איראַק, זיך אָנגעשלאָסן צו דער „דייטש־איטאַליענישער אַקס". דער דאָזיקער פאַקט האָט באַשיינפּערלעך באַוויזן די בריטישע מאַכטהאָבער, אַז אומזיסט האָבן זיי טאָלערירט די בלוטיקע געשעענישן אין משך פון דריי יאָר, און אַז דווקא יענע אַראַבישע מנהיגים, וואָס זי האָט זיך באַציגן צו זיי מיט „חסד" און האָט זיי געשטיצט, האָבן די ערשטע, בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה פאַרראַטן בריטאַניע; און זיי האָבן מיטגעאַרבעט מיט די הענקערס — היטלער און מוסאָליני, וועלכע האָבן אומברחמנותדיק באָמבאַרדירט בריטישע שטעט און זייערע פרידלעכע בירגער.

אפרים דקל

אראבער — היטלערס אנהענגער

ווען ס'איז אויסגעבראכן די צווייטע וועלט־מלחמה איז שטילער גע־וואָרן אין ארץ־ישראל — על כל פנים אַזוי האָט די זאַך געשיינט צו זיין כלפי חוץ. די אַראַבער ווי באַקאַנט, האָבן געהיטן די „נייטראַליטעט". זיי האָבן זיך נישט געאיילט צו גיין ווי וואָלונטירן אין בריטישן מיליטער און זיי האָבן זיך אויך נישט מצער געווען איבער זיינע מפלות אין די ערשטע יאָרן פון דער מלחמה. הגם לגבי דרויסן האָט די בריטישע רעגירונג געוווּסט צו דערציילן וועגן דער סימפּאַטיע פון די „פּאַלעסטינע־איינוווינער" צו די פאַרבינדעטע מדינות, איז אָבער דער אמת, אַז נישט די רעגירונג און נישט דאָס מיליטער האָבן נישט געהאַט קיין שום אילוזיעס בנוגע דער לאָיאַליטעט פון די אַראַבער.

ווען דער דייטשער גענעראַל ראָמעל האָט אונטערגענומען זיין מיליטערישן אַנגריף אין דער ריכטונג צו עגיפּטן און צו די גרענעצן פון ארץ ישראל, האָט ער געהאָפּט צו געפינען שטיצע ביי דער אַראַבישער פינפטער קאָלאָנע. ער האָט זיך געמיט צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דער דייטשער אינוואַזיע קיין ארץ ישראל. די הויפּט־אָנפירונג מיט דער דאָזיקער מלאכה איז געלעגן אין די הענט פון געוועזענעם ירושלימער מופטי.

עס איז אונדז באַקאַנט געוואָרן אַ דאָקומענט, וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער בריטישער פּאָליציי אין שכם (אָפּטיילונג פאַר פאָרשונגען פון פאַר־ברעכנס) צום צענטער פון געהיים־דינסט אין ירושלים דעם 25סטן יוני 1940:

„אַראַבישע קרייזן אין דזשענין האָבן באַקומען אַ ידיעה פון עבר הירדן, אַז אין משך פון 15 טעג קען מען דערוואַרטן אַן אויסברוך פון אומרוען גלייכצייטיק אין פּאַלעסטינע, סיריע, עבר־הירדן און איראַק. די רשימות מיט די נעמען פון די אַראַבישע נאָטאַבלען. וועלכע זיינען באַקאַנט די אונטערשטיצער פון דער בריטישער מאַכט, זיינען שוין אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין פּאַלעסטינע מיט דער אָנווייזונג זיי צו ליקווידירן (ווייטער ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון די שליחים וועלכע דאַרפן אויספירן דעם באַפעל). די אַראַבישע באַפעלקערונג האָט שוין נישט קיין צוטרוי אין כוח פון דער רעגירונג איינצוצוימען די דאָזיקע טעטיקייט. אין אָנבליק פון פאַקט, וואָס דער געוועזענער מופטי כאַדזש־אַמין שפּאַצירט זיך אַרום פראַנק און פריי אין באַגדאַד. קיין צווייפל נישט, אַז אויב ס'וועלן אויסברעכן אומרוען וועלן אַלע איינוווינער אויפשטיין ווי איין מענטש און וועלן אים פאָלגן. איין שבט האָט אים שוין צו־געזאָגט, אַז 1200 פון זיינע מענטשן וועלן גיין אין זיינע פּוס־טריט. עטלעכע רעגירונגס־באַאַמטע באַטייליקן זיך שוין אויך אין דער דאָזיקער באַוועגונג..."

לאָמיר דאָ ברענגען אויך אַ טעלעגראַם וואָס גיט צו וואָגיקייט דעם פריערדיקן דאָקומענט. די דאָזיקע טעלעגראַמע איז אָפּגעשיקט געוואָרן פון דער פּאָליציי אין באר־שבע צום שטאַב פון געהיים־דינסט אין ירושלים.

„יוסף יוניס אל־אמיר פון שבט עמארין, וואָס איז פאַרדעכ־טיקט ווי דער אָנפירער פון אַ באַוואָפנטער באַנדע, געפינט זיך איצט אין באר־שבע. ביטע אונדז איבערשיקן תיכף נאָך פרטים וועגן אים צו אונדזער וויסן".

דאָס זיינען נישט געווען די ערשטע און די איינציקע ידיעות וועגן דער טעטיקייט פון דער פינפטער קאָלאָנע פון כאדזש־אמין אין ארץ ישראל און וועגן דער אָרגאַניזאַציע פון באנדעס מיטן צוועק צו דערשיטערן די אינער־לעכע זיכערקייט אין לאַנד אויפן פאַל פון אַ נאַצישער אינוואַזיע.

אינפאָרמאַציעס וועגן אַ באַנייטער טעטיקייט פון די מופטי־לייט אין לאַנד פלעגן כסדר אָנקומען אין די פאַרשיידענע אנשטאַלטן פון בריטישן געהיים־דינסט. עס איז שוין געוואָרן אַ געוויינלעכע זאַך די אינפאָרמאַציע וועגן דעם אָדער יענעם געוועזענעם באַנדע־אָנפירער, וועלכער האָט זיך צו־ריקגעקערט אין לאַנד כדי צו באַנייען דעם טעראָר און צו פאַרשאַפן שוועריי־קייטן דער מאַכט אין רעכטן ברעג פון דער מלחמה. דער שטאַב פון מופטי אין באַגדאַד האָט אונטערגעהאַלטן ענגע פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע שטעט און דערפער אין „דרייעק". דער ציל איז געווען צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר דער הערשאַפט פונעם מופטי מיט דער הילף פון די נאַצישע חיילות. די דאָזיקע הכנות פון די מופטי־לייט האָבן צוגעשמידט כוחות פון בריטישן מיליטער און פּאָליציי, וועלכע זיינען געווען דאָס מאָל פאַראינ־טערעסירט צו דערשטיקן אין עצם וואָרצל יעדן פרווו צו צעשטערן די אָר־דענונג.

דעם 27סטן יולי 1940 האָט די פּאָליציי אין עכו צוגעשיקט דער פּאָלי־ציי אין נצרת אַזאַ טעלעגראַם:

„פון אַ זיכערן קוואַל האָט דער פּאָליציי־אינספּעקטאָר כהן באַ־קומען פאָלגנדיקע אינפאָרמאַציע, וועלכע ער האָט איבערגעגעבן דעם געהילף פון הויפּט־אינספּעקטאָר רינג: דער שייך אבו עומר און זיינע צוויי מיטהעלפער און צוזאַמען מיט זיי אַ כנופיה פון 120 באַוואָפנטע לייט דרייען זיך אַרום אין די געביטן צווישן עכו, נצרת און טבריה (ווייטער ווערן אָנגעגעבן נאָך נעמען פון באקאנטע באַנ־דיטן). די רייטער־פּאָליציי אין תרשיחא האָט באַקומען וועגן דעם אַ ידיעה און קאָנטראָלירט איר ריכטיקייט. אַן עסקאַדראָן רייטער איז היינט אַרויס אינדערפרי כדי נאָכצוזען אויף וויפל די דאָזיקע אינ־פאָרמאַציע איז ריכטיק. וועלן מיר באַקומען אַ באַשטעטיקונג, וועלן מיר ווידער זיך מיט אייך פאַרבינדן".

דעם 18טן יולי 1940 איז פון געהיים־דינסט אין חיפה אַפּגעשיקט געוואָרן צו דער פּאָליציי אין שכם פאָלגנדיקע ידיעה:

„עס ווערט באַשטעטיקט, אַז דאוד הוסייני האָט זיך צוריקגעקערט אין לאַנד כדי דורכצופירן טעראָר־אַקטן און אַ ריי אַקציעס קעגן דער רעגירונג. ס׳ווערט איבערגעגעבן, אַז ער געפינט זיך אין דיסטריקט פון שכם״.

אין דער טעלעגראַם וואָס איז געשיקט געוואָרן פון דער פּאָליציי אין נצרת צום שטאַב פון געהיים־דינסט אין ירושלים ווערט ווייטער איבערגעגעבן:

„דער שוועסטער־קינד פון מופטי איז אַריבער די גרענעץ פון עבר־הירדן־פּאַלעסטינע, דעם 22סטן אויגוסט 1940 ביינאַכט. ער האָט געהאַט מיט זיך אַ וואַליזע. ער האָט פאַרבראַכט אַ קורצע צייט אין דאָרף באסא און האָט איבערגעגעבן די מענטשן, מיט וועלכע ער האָט זיך באַגעגנט, אַז גאָר אין גיכן וועלן אין לאַנד אויסברעכן אומרוען און אַז צו דעם צוועק וועלן אָנקומען גרויסע באַוואָפנטע מיליטער־איינהייטן, וועלכע זיינען גוט אויסגעשולט געוואָרן פאַר אָט דער אויפגאַבע״.

און אַזוי אַרום האָט אונדזער ש״י באַקומען פיל ידיעות וועלכע זי האָט געשעפּט פון די דאָקומענטן און טעלעגראַמעס, וואָס דער בריטישער געהיים־דינסט האָט באַקומען דורך זיינע קאָנספּיראַטיווע קאַנאַלן. די דאָזיקע פּרטים האָבן געגעבן אַ פול בילד דערפון וואָס עס טוט זיך צווישן די אַראַבער אין אָט דער געפערלעכער תקופה, בשעת דער יידישער ישוב איז געווען אַרומגערינגלט מיט שונאים פון דרויסן און פון אינעווייניק. אומגעהויער גרויס איז געווען די פּאָליטישע חשיבות פון אָט דער אינפאָרמאַציע וואָס האָט געשטראָמט צו אונדז אַ דאַנק אונדזערע חברים, וועלכע האָבן געדינט אין דער פּאָליציי.



SECRET
URGENT

SECRET & URGENT.

C.I.D. HEADQUARTERS[?],
P.O.B. [illegible],
JERUSALEM.

31st. October, 194[illegible].

[illegible]

— Enemy Parachutists.

Information has been obtained that two men LANDED by parachute are still at large.

[illegible] of [illegible]. Gang LEADER during the 1936 [illegible] disturbances. Age 37 to 40, height 175 cms., powerful build, grey [illegible] hair and eyebrows, slightly bald, pale complexion, blue eyes. [illegible] photograph [illegible] enclosed.

2. [illegible] alias [illegible], [illegible], formerly lived in Haifa, age about 33, height 5'10", [illegible] build, brown hair, brown eyes, dark complexion, thick dark moustache, [illegible], speaks fair Arabic.

[illegible] arrested, notify this [illegible].

אפרים דקל

נעהיימע פּאַראַשוטיסטן

משוגהדיקע קלאַנגען האָבן סוף 1944 אָנגעהויבן דערגיין פון אַראַבישן לאַגער — מעשיות פון פּאַלאַכן־בעדואינער פון די אָפּגעלייגטע ראַיאָנען פון לאַנד. פּאַלאַכן האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן געפונען אין די בערג געווער. בעדואינער האָבן געפונען אין די זאַמדן גאָלדענע מטבעות. אין איין אָרט זיינען געפונען געוואָרן פאַרלאָזענע פּאַראַשוטן. אין אַ צווייטן אָרט האָבן זיך געלאָזט זען עפּעס פרעמדע „געסט״.

עס איז געווען שווער פעסטצושטעלן, אויף וויפל די דאָזיקע קלאַנגען שטימען מיט דערווירקלעכקייט און וואָס עס האָט צוגעגעבן דערצו די מזרחדיקע פאַנטאַזיע. פון די אַלע ידיעות, וועלכע זיינען דורך אונדז שטרענג קאָנטראָלירט האָבן מיר אָנגעהויבן צו דערקענען די ווירקלעכע לאַגע.

צו יענער צייט זיינען אַרעסטירט געוואָרן ד״ר מוהרי איל־חוסייני, פון דער מופטיס משפחה, מוחמר אבו־חיר — דער געהילף פון קאָמאַנדיר פון די אַראַבישע כנופיות אין דרום פון לאַנד, און חסן סלמי — אין שייכות מיט שפּיאָנאַזש לטובת דייטשלאַנד, טראָץ דעם, וואָס היטלערס מדינה איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ מיליטערישן צוזאַמענברוך.

אַראַבער, וועלכע האָבן געאַרבעט מיט די באַנדעס און זיינען פאַרטריבן געוואָרן דורך דער מאַכט אין לאַנד, האָבן מצליח געווען זיך דורכצורייסן קיין דייטשלאַנד. די דייטשן האָבן זיי אָנגענומען זייער פריינטלעך און זיי געגעבן אַ מיליטערישע אויסבילדונג. איצט האָבן די דאָזיקע אַראַבער אָנגעהויבן זיך צוריקצוקערן און אַריינדרינגען אין לאַנד. די מפּלה פון דייטשלאַנד האָט זיך שוין געזען אויפן האָריזאָנט און ס׳איז נישט געווען קלאָר צי די אַראַבער, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אויף פּאַראַשוטן אין ארץ ישראל האָבן נאָך געגלויבט אין נצחון פון די דייטשן. וואַרשיינלעך האָבן זיי אויך פאַרשטאַנען, אַז זייער ישועה וועט שוין פון דייטשלאַנד נישט קומען. זיי האָבן אָבער אויך נישט געוווּסט, אַז די בריטן וואָס האָבן זיי פון לאַנד פאַרטריבן גרייטן זיך צו פירן אַ פּאָליטיק פון „איבערבעטן זיך״ מיט די אַראַבער. און דעריבער זיינען זיי געווען פאַרזיכטיק און האָבן זיך אומלעגאַל צוריקגעקערט אויפן לופט־וועג.

זיי זיינען געקומען מיטן צוועק צו אָרגאַניזירן פונדאַסניי די באַנדעס וועלכע האָבן זיך געהאַט אויפגעלייזט, מיליטעריש אויסצובילדן די אַראַבישע יוגנט און זיי צוגרייטן צום באַפרייענדיקן קאַמף.

עס איז נאָך נישט קלאָר געווען, קעגן וועמען דער קאַמף וועט זיין געווענדט: קעגן די ענגלענדער? קעגן די יידן? און אפשר — קעגן ביידן צוזאַמען?

ש״י האָט אַרויסבאַקומען אַ קאָפּיע פון אַ דאָקומענט, וואָס איז דעם 31סטן אָקטאָבער 1944 פונאַנדערגעשיקט געוואָרן פון שטאַב פון געהיים־דינסט צו די פאָרשטייער אין די דיסטריקטן. די פאָטאָקאָפּיע פון דאָזיקן

דאָקומענט איז דאָ בייגעלייגט. דער דאָקומענט איז באַצייכנט ווי אַ „געהיי־
מער און דרינגענדיקער". אין אַט דעם צירקולאַר ווערט דערציילט, אַז לויט
דער באַקומענער אינפאָרמאַציע האָבן צוויי אומבאַקאַנטע פאַרשוינען זיך
אַראָפּגעלאָזן אויף פּאַראַשוטן און זיינען נאָך נישט געכאַפּט געוואָרן. ווייד
טער ווערט געשילדערט ווער די צוויי זיינען: איינער פון זיי אַן אַראַבער
פון רמלה האָט אָנגעפירט מיט אַ באַנדע בשעת די געשעענישן אין די יאָרן
1936 — 1939, אין עלטער פון 37—40 יאָר. דער צווייטער מיטן נאָמען
שעפער, אַ דייטש געבוירן אין וואלדהיים, האָט פריער געוווינט אין חיפה
אַן ערך אַ 30 יאָר. רעדט אַ שיינעם אַראַביש. דער דאָזיקער און אַנדערע
דאָקומענטן האָבן באַשטעטיקט די מינדלעכע ידיעות וואָס מיר האָבן גע־
האַט, אַז די דערציילונגען וועגן אַראַבישע פּאַראַשוטיסטן, וועלכע זיינען גע־
קומען אין דער שליחות פון דייטשן צו שפּיאָנירן און דורכצופירן דיווערסיע־
אַקטן אין לאַנד זיינען ריכטיקע, און אַז אין אַראַבישן לאַגער איז די טומ־
לעניש נישט איינגעשטילט געוואָרן.



SECRET
URGENT

SECRET & URGENT.

[illegible] HEADQUARTERS
P.O.BOX [illegible]
JERUSALEM.

31st. October, 194[illegible]

[illegible]

Re: Enemy Parachutists.

Information has been received that two men LANDED by parachute are still at large.

[illegible] LEADER during the [illegible] disturbances [illegible] height 178 cms., powerful build, grey white hair and moustache, slightly bald, pale complexion, blue eyes. (Six) copies of [illegible] photograph [illegible] enclosed.

2. [illegible] alias [illegible], born [illegible], about 30, height [illegible], brown hair, brown eyes [illegible] thick dark moustache [illegible] speaks fair Arabic.

If the men are arrested, notify this Headquarters [illegible]

[illegible]

נצחון-מאַרש אין לאָנדאָן

נאָך דער מלחמה האָט מען זיך געגרייט אין ענגלאַנד צו פייערן דעם יום-טוב פון נצחון. אין דער ראַם פון דער דאָזיקער פייערונג האָבן זיך גע־דאַרפט באַטייליקן איינהייטן אָדער מיליטערישע דעלעגאַציעס פון די דאָמי־ניעס, קאָלאָניעס און די בריטישע מאַנדאַט-געביטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ חלק אין דאָזיקן נצחון.

די שטעלונג פון אונדזערע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן אין דעם ענין איז געווען, אַז אונדזער נאַציאָנאַלער כבוד פאַרלאַנגט, אַז אין דעם לאָנדאָנער פּאַראַד זאָל זיך באַטייליקן אויך די יידישע בריגאַדע. האָבן דאָך יידישע איינהייטן פון ארץ ישראל זיך באַטייליקט אין מיליטערישן צוג פון דער אַכ־טער אַרמיי, פון אַל-עלמיין ביז צפון-איטאַליע, ביז וואַנעט דער נצחון איז דערגרייכט געוואָרן. ס'איז דעריבער געווען וויכטיק אויפצוקלערן, ווי אַזוי באַציט זיך די בריטישע מאַכט אין ארץ ישראל צו אָט דעם ענין — צו דער באַטייליקונג פון דער יידישער בריגאַדע און אויך פון די אַראַבער אינעם פּאַ־ראַד, און וואָס פאַרא פאַרשלאַג וועלן מאַכן דער בריטישער הויך-קאָמיסאַר און דער הויפּט-סעקרעטאַר, דעם קאָלאָניעס-מיניסטעריום אין לאָנדאָן: צי וועט מיטבאַטייליקט ווערן די יידישע בריגאַדע, וואָס האָט געקעמפט זייט ביי זייט מיט די אַרמייען פון די פאַרבינדעטע און צי וועלן אויך די אַראַ־בער אַנטיילנעמען אין דער פייערונג — יענע אַראַבער, וועלכע האָבן גע־וואַרט אויף היטלערס נצחון?

די ירושלימער אָפּטיילונג פון ש"י האָט אַרויסבאַקומען די געוואונטשענע אינפאָרמאַציע. איר איז געלונגען אויפצוקלערן די שטעלונג פון דער מאַכט. ווייזט זיך אַרויס, אַז די דאָזיקע פראַגע איז ברייט באַהאַנדלט געוואָרן אין דער פּאָליטישער אָפּטיילונג פון הויפּט-סעקרעטאַריאַט און דער הויפּט-סע־קרעטאַר שאָו האָט איבערגעגעבן דעם הויך-קאָמיסאַר פאָלגנדיקע אויספירן:

„נאָך דעם ווי כ'האָב זיך באַראַטן מיט מיינע געהילפן, זיינען מיר געקומען צו פאָלגנדיקע רעזולטאַטן:

די יידישע בריגאַדע — עס וואָלט געווען אַ פּאָס־טער קאַמף קעגן ווינטמילן צו טראַכטן עפּעס אַנדערש ווי זי זאָל באַטייליקט ווערן באַזונדערס אין דעם טאָג פון נצחון. מער דאַרף מען דערצו נישט צוגעבן.

דער ארץ-ישראלדיקער באַטאַליאָן — די באַטייליקונג פון די אַראַבער אין דער מלחמה קען נישט דער־וועקן אין קיין פאַל אַ פּאָזיטיוון איינדרוק. אַראַבישע קריגס-גע־פאַנגענע האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו די דייטשע איינהייטן, און פון־דעסטוועגן שיינט, אַז מ'דאַרף באַטייליקן די אַראַבער צוגלייך מיט די יידן.

דער עבר־הירדנדיקער גרענעץ־קאר־פוס — כ'מיין אַז מ'דאַרף אויך זיי באַטייליקן, הגם מ'דאַרף פאַרצייכענען, צו זייער אומגונסטן, אַז אין יאָר 1941 האָבן זיי זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגיין פון איראַק, כדי אָנטיילצונעמען אין דער אונטערדריקונג פונעם אויפשטאַנד פון ראשיד־אלי. אויף ווי־פיל איך ווייס, איז זייער נוצלעכקייט בשעת דער מלחמה געווען אינגאַנצן נישט וויכטיק.

דער אַראַבישער לעגיאָן — איינע פון זיינע איינהייטן דאַרף אָן צווייפל זיך באַטייליקן. זייערע דער־רייכונ־גען זיינען די בעסטע און קיין מאָל האָט מען ביי זיי נישט גע־פונען קיין פסול. אין דער פראַגע איז מיין מיינונג פונקט ווי אייע־רע".

צום דאָזיקן מעמאָראַנדום פון הויפּט־סעקרעטאַר איז צוגעקומען נאָך אַ קליינע באַמערקונג: „מ'דאַרף זיך שטאַרק אַנטקעגנשטעלן קעגן דעם אַז די יידישע בריגאַדע זאָל אויפהייבן אַ ציוניסטישע פאָן בשעת דעם פּאַראַד".

עס וועט נישט זיין אומאינטערעסאַנט צו דערמאָנען, אַז בשעת דער הויפּט־סעקרעטאַריאַט האָט רעקאָמענדירט דעם קאָלאָניעס־מיניסטעריום נישט צו דערלויבן אַרויסצוהענגען אַ ציוניסטישע פאָן אין לאָנדאָן, האָט דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר געגעבן זיין דערלויבעניש, אַז דער בריטישער באַטאַליאָן אין נצרת זאָל סאַלוטירן פאַרן עמיר־טאלאל, אויפן פּאַראַד לכבוד דעם געבורטסטאָג פון ענגלישן קיניג. אפשר איז דאָס געווען אַ שטיקל נחמה פאַר די אַראַבער, וואָס דער נצחון איבער די נאַציס האָט זיי פאַרשאַפט אַזאַ גרויסע אנטוישונג?...

די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען האָט געקענט באַווייזן, אַז מיטן פאַרענדיקן די מלחמה איז נישט געענדערט געוואָרן דער געדאַנקען־גאַנג אין די הויכע פענצטער פון דער בריטישער מאַכט אין ארץ ישראל. די ווינטן האָבן געבלאָזן אין דער פריערדיקער ריכטונג. ווי נאָר די מלחמה האָט זיך געענדיקט האָבן די מאַכט־אָרגאַנען ווידער אָנגעהויבן זוכן געווער אין יידישע ישובים. זיי האָבן קיין אַכט נישט געלייגט אויף די געשרייען פון די שארית־הפליטה־יידן וועלכע האָבן זיך געראַטעוועט פון נאַצישן גיהנום און האָבן געקלאַפּט אין די טויערן פון לאַנד. די מאַכט האָט געשיקט איר מיליטער און פּאָליציי כאַפּן די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע עולים" (מעפּילים), און פאַרטרייבן די מעפּילים־שיפן פון די ברעגעס פון לאַנד. דווקא אין אַט דער צייט איז דער עמיר טאלאל פון עבר הירדן איינגע־לאַדן געוואָרן אויפצונעמען אַ פּאַראַד פון אַ בריטישן באַטאַליאָן אין געבורטס־טאָג פון קיניג!

ס'האָט זיך דאָך איינגעפונען אַ הויכער בריטישער באַאַמטער, וואָס האָט געשפּירט, אַז דאָס איז נישט אַנשטענדיק.

דער דאָזיקער באַאַמטער מיטן נאָמען פלאַט, וואָס האָט געדינט אין הויפּט־סעקרעטאַריאַט, האָט געשריבן אַזוי צו זיין שעף שאָו:

„מיסטער איווענס (דער גובערנאַטאָר פון גליל־דיסטריקט) האָט מיר דערציילט, אַז דער רעגימענט פון די וועלשן גרייט זיך איינצואָרדענען אין געבורטסטאָג פון קיניג אַ מיליטערישן פּאַראַד אין נצרת, און האָט בדעה איינצולאַדן דעם עמיר טאלאל, און פאַר אים סאלוטירן. מיט גרויסע שוועריקייטן איז געלונגען דעם מיסטער איווענס צו איבערצייגן דעם קאָמאַנדיר פון רעגימענט, אַז אַזאַ מעשה וועט נישט זיין באַזונדערס אנשטענדיק".

דער הויפּט־סעקרעטאַר האָט איבערגעגעבן דעם ענין צו דער רעציזיע פון הויך־קאָמיסאַר, וועלכער איז געווען אויך דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון די מיליטערישע קרעפטן אין לאַנד. קענטיק, אַז אין צווישן האָט אויך דער קאָ־מאַנדיר פון רעגימענט זיך געווענדעט צום הויך־קאָמיסאַר — און יענער האָט זיך געשטעלט אויפן צד פון קאָמאַנדיר. און אָט וואָס פאַר אַ תשובה דער הויך־קאָמיסאַר האָט געגעבן:

„דער קאָמאַנדיר פון וועלשן־באַטאַליאָן האָט מיך אָנגעפרעגט צי ס'איז דערלאָזבאַר, אַז דער עמיר טאלאל זאָל אויפנעמען דעם פּאַראַד אין געבורטסטאָג פון קיניג. איך זע נישט אין קיין סיבה פאַרוואָס מיר זאָלן זיין קעגן דעם".

דאָס איז געווען אַ קליינער פאַל, אָבער די קאָנסעקווענצן, וואָס מ'האָט געקענט דערפון ציען האָבן געקענט זיין זייער וויכטיק און גורלדיק.

דער דאָזיקער „רוי־מאַטעריאַל" איז געבראַכט געוואָרן דורך ש"י פאַר די יידישע נאַציאָנאַלע אַנשטאַלטן. זיי האָבן געדאַרפט ווייטער וועבן דאָס פּאָליטישע געוועב. זייער פונקציע איז געווען אָפּצולערנען פון אָט די מע־שים און אַנטפּלעקונגען.

ידיעות זיינען צו אונדז דערגאַנגען איינע נאָך דער אַנדערער. עס זיינען קלאָר געוואָרן פאַר אונדז די סודות פון בריטישן געהיימ־דינסט און די קאָנ־ספּיראַטיווע אינטריגעס פון די אַראַבער. פאַר אונדזערע אויגן האָט זיך אויסגעמאָלט אַ קלאָר בילד:

ווען די אַראַבער האָבן דערזען, אַז די בריטישע מאַכט איז ווידער איינ־געשטעלט קעגן אונדז, האָבן זיי באַקומען מוט און העזה. זיי האָבן זיך אָנ־געהויבן צו אָרגאַניזירן פונדאַסניי, וואַרטנדיק אויף אַ גינסטיקער שעה, ווען זיי וועלן ווידער זיך קענען מיט שטורעם אַ לאָז־טאָן אויף אונדז מיט דער אַקטיווער, צי פּאַסיווער הילף פון זייערע פריינט, וועלכע זיצן אין דער שפּיץ פון דער בריטישער מאַכט אין ארץ ישראל. און אין זייער האָפענונג האָבן זיי — צו אונדזער באַדויערן — זיך נישט אַנטוישט...

אפרים דקל

בריטישע חניפה צו דער אַראַבישער ליגע

דער בריטישער הויך־קאָמיסאַר האָט זיך באַשעפטיקט אָפטמאָל אויך מיט דיפּלאָמאַטיע. ווען ער האָט געוואָלט אָננעמען אַ באַשלוס לטובת די אַראַבער — ווי אין דעם פאַל פון מיליטערישן פּאַראַד פאַרן עמיר טאַלאַל — האָט ער קענטיק נישט געקווענקלט צו דעצידירן לויט זיין אייגענער מיינונג און אפילו אין קעגנזאַץ צו דער מיינונג פון זיינע באַראַטער. ווען אָבער ער האָט געדאַרפט אָננעמען אַ באַשלוס צום שלעכטן פאַר די אַראַבער, האָט ער זייער שטאַרק זיך גערעכנט מיט דער מיינונג פון זיינע באַראַטער און פלעגט אָנרעגן דעם יורידישן באַראַטער טאָמער קען יענער אויסגעפינען אין געזעץ עפּעס אַזאַ פּונקט, וואָס זאָל אים דערמעגלעכן צו געבן אַ פּאָזיטיווע תשובה.

עס איז אַרויפגעשוומען, למשל, אַ וויכטיקע פראַגע פון אַ באַשטימטער פּאָליטישער באַדייטונג: צי האָט רעכט די רעגירונג פון ארץ ישראל צו שיקן אירע פאַרשטייער אויף אַ קאָנפערענץ פון דער אַראַבישער ליגע?

אייגנטלעך זאָגט די לאָגיק, אַז מ׳קען נישט אָננעמען אַזאַ איינלאַדונג. ארץ ישראל איז אַ בריטיש מאַנדאַט־געביט, און אויב אפילו די מאַנדאַט־מאַכט שטרעבט איבערצוגעבן מיט דער צייט דאָס לאַנד אין אַראַבישע הענט, איז דאָך נישט קלוג צו אַנטדעקן דעם דאָזיקן ציל פאַר דער צייט דורך דעם, וואָס מ׳וועט אָננעמען די איינלאַדונג פון דער אַראַבישער ליגע. דער הויך־קאָמיסאַר האָט זיך קענטיק געמאַטערט איבערן דאָזיקן פּראָבלעם. האָט ער דעריבער געפונען פאַר נויטיק צו מאָביליזירן זיינע באַראַטער. זיי זאָלן אים העלפן לייזן דאָס האַרבע פּראָבלעם.

אין די הענט פון ש״י איז אַריינגעפאַלן דאָס גאַנצע קאַפּיטל פון דעם ישוב הדעת צווישן הויך־קאָמיסאַר און זיינע ראַטגעבער אין דאָזיקן ענין. דאָס איז אַ דאָקומענט, וואָס אַנטהאַלט קורצע באַמערקונגען, אָבער הינטער זיי שטעקט די גאַנצע בריטישע פּאָליטיק אינעם לאַנד אין יענע טעג. דער דאָקומענט איז דאַטירט: דעם 22סטן מאַי 1946.

און אָט איז דער נוסח פון דער אַראַבישער איינלאַדונג:

„אונטערן פּראָטעקטאָראַט פון זיין מאַיעסטעט דעם עגיפּטישן קיניג וועט פאָרקומען אין די טעג פון 24סטן און 25סטן 1946 אַ קאָנפערענץ פון דער אַראַבישער ליגע, מיטן צוועק צו שטודירן די געביטן פון דער אַרבעטס־געמיינשאַפט צווישן די לענדער פון דער דאָזיקער ליגע. די רעגירונג פון פּאַלעסטינע ווערט איינגעלאַדן זיך צו באַטייליקן אין דער קאָנפערענץ“.

ווען די איינלאַדונג איז אָנגעקומען אין הויפּט־סעקרעטאַריאַט, האָט מען זיך געווענדט מיט אַן אָנפראַגע צום יורידישן ראַטגעבער, האָט יענער געענט־פערט:

„כ׳רעכן, אַז די דאָזיקע פראַגע איז מער אַ פּאָליטישע ווי אַ יורידישע,

אָבער לויט מיין מיינונג, קען נישט קומען אפילו אין באַטראַכט דער אָנטייל פון דער רעגירונג, צי אירע פאָרשטייער אין דער דאָזיקער קאָנפערענץ".

צום סוף האָט דער ענין זיך דערקייקלט ביזן טיש פון פּאָליטישן ראַט־געבער פון דער רעגירונג, מיסטער גאטש, און יענער האָט אַרויסגעזאָגט אַזאַ מיינונג:

— פּאַלעסטינע איז נישט קיין לאַנד פון דער אַראַבישער ליגע. לויט מיין מיינונג קען מען נישט מסכים זיין צו שיקן אַ פאָרשטייער צו דער דאָזיקער קאָנפערענץ (באַזונדערס ווען די אַראַבישע ליגע אָרגאַניזירט אַ חרם אויף אונדזערע סחורות). איך רעקאָמענדיר אָפּצוואַרפן די איינלאַדונג.

נאָך דעם ווי דער הויפּט־סעקרעטאַר האָט באַקומען די מיינונגען פון ביידע ראַטגעבער, האָט ער געשריבן צום הויך־קאָמיסאַר:

„עקסעלענץ! איך האָב באַהאַנדלט דעם ענין מיטן יורידישן ראַטגעבער. איר דאַרפט האַנדלען לויטן פאָרשלאַג פון מיסטער גאטש".

די תשובה פון הויך־קאָמיסאַר האָט אַנטהאַלטן נאָר איין וואָרט: „יאָ".

ידיעות פון אַט דעם מין, וועלכע האָבן אייגנטלעך אונדז דירעקט נישט באַרירט, האָבן אָבער אַנטפּלעקט דעם געדאַנקען־גאַנג פון דעם הויך־קאָמיסאַר. מיר האָבן דערפון אָפּגעלערנט, און זיך איבערצייגט, אַז דער הויך־קאָמיסאַר איז געווען געניגט אָנצונעמען די איינלאַדונג, און דעריבער האָט ער דערין געוואָלט איינזען נישט אַ פּאָליטישע, נאָר אַ יורידישע פראַגע. צווייטנס, ווען נישט דער אַראַבישער חרם אויף ענגלישע סחורות, וואָלט אפשר אויך דער פּאָליטישער סעקרעטאַר געפונען אַ היתר פאַר דער באַטייליקונג אין דער קאָנפערענץ פון דער אַראַבישער ליגע — און דורך דעם וואָלט געשאַפן געוואָרן אַן ערנסטער פּרעצעדענט אויף דער צוקונפט.

אַראַבער וועבן נייע אינטריגעס

דאָס יאָר פאַרן באַשלוס פון אונ"א־פּלענום וועגן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה, איז געווען אַ יאָר פון אַ „דרייפּאַכיקער" טעטיקייט: די בריטישע רעגירונג האָט געפּרוווט צו צעברעכן דעם יידישן ישוב מיט אַלע זיינע אונטער־קענטע און נישט־אנערקענטע אָרגאַניזאַציעס; דער יידישער ישוב האָט גע־גרייט זיין פּאָליטישן קאַמף אין אַלע זיינע אָפּצווייגונגען צוגלייך מיטן גע־ראַנגל פון דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג קעגן דעם רעזשים פון „ווייסן בוך"; די אַראַבער האָבן אויך נישט גערוט, און האָבן געפּלאַנעוועט כלערליי אינ־טריגעס, כדי צו ליקווידירן די יידישע נאַציאָנאַלע היים.

ש"י האָט מצליח געווען אַרויסצובאַקומען אינפאָרמאַציעס, וועלכע האָט אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעשפּיגלט דאָס אַלץ, וואָס ס'טוט זיך אין אַראַבישן לאַגער. פון אַט די דאָקומענטן און ידיעות האָט זיך אויסגעמאָלט אַ בילד פון אַ צעמישעניש, וואָס האָט געהערשט צווישן די אַראַבער און וואָס איז אפשר געווען זייער עיקרדיקע שוואַכקייט. פון אַט די אינפאָרמאַציעס האָבן

מיר זיך דערוווסט וועגן אַלע יענע כוחות און פאַקטאָרן, וועלכע האָבן גע־ווירקט אין דער אַראַבישער מחנה. מיר האָבן אַנטדעקט שפורן פון איינפלוסן מצד פרעמדע מדינות, וועלכע האָבן געוואָלט זיך דערוווערבן ביי די אַראַבער אין ארץ ישראל אַ געוויסע פּאָזיציע, אויסנוצנדיק די שטרעבונג פון די אַראַ־בער אַנצוגרייפן יידן. מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די ראַנגלענישן און אַמפּער־נישן צווישן די אַראַבישע מנהיגים און נאָטאַבלען, וואָס יעדער פון זיי האָט זיך געשאַפן אַ באַזונדערע סעקטע און זיי האָבן קאָנקורירט צווישן זיך מיט די לאָזונגען פון „עקסטרעמען נאַציאָנאַליזם“.

דעם 10טן אויגוסט 1946 האָט די ש״י־אָפּטיילונג אין צפון פון לאַנד באַקומען אַ ראַפּאָרט פון אַראַבישן קוואַל. אינעם ראַפּאָרט איז דערציילט גע־וואָרן וועגן דער באַנייטער טעטיקייט פון אַן עקסטרעמער אַראַבישער סעק־טע „קסאַמיים“ אין גליל. אין דאָזיקן באַריכט לייענען מיר:

„די אָרגאַניזאַציע פון די „קסאַמיים“ האָט פאַרן לעצטן חודש אַנטוויקלט אַ פאַרשטאַרקטע טעטיקייט. פאַקטיש איז די זאַך געווענדט קעגן די „מו־סולמענישע ברידער“, וועלכע האָבן אויך אָנגעהויבן צו פירן אַן ענערגישע אַרבעט צווישן די אַראַבער. ווי באַקאַנט, זיינען פאַראַן עלעמענטן אין דער אַראַבישער באַוועגונג, וועלכע באַשולדיקן די „מוסולמענישע ברידער“ אין דער אַרבעטס־געמיינשאַפט מיט קאָמוניסטן“.

דעם לעצטן שבת איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין חיפה אַ פאַרזאַמלונג, אין שטאַב פון נאַדזשאַדא (אַ מיליטערישע אַראַבישע אָרגאַניזאַציע). ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן אַ שטאַב אין כפר־טירה און ס׳איז אויך באַשלאָסן געוואָרן, אַז די נאַדזשאַדא וועט אָנהאַלטן באַציאונגען נאָר מיט די „מוסולמענישע ברידער“ און מיט „דער ליגע פאַר נאַציאָנאַלער באַ־פרייאונג“. הגם די לעצטע געפינט זיך אונטער אַ קאָמוניסטישן איינפלוס — אָנערקענט זי אָבער נישט די בריטישע מאַכט.“

דעם 11טן אויגוסט 1946 האָבן מיר באַקומען אַ באַריכט פון אַזאַ אינ־האַלט:

„פאַראַן אַן ערנסטער סיכסוך צווישן אייניקע אָנפירער פון דער אַראַ־בישער באַוועגונג וועגן דער פאַרטייאישער אָנגעהעריקייט פון די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס און בפרט פון דער נאַדזשאַדא און די סקויטן. דער סיכסוך איז פאַרשאַרפט געוואָרן נאָך דעם, ווי לויט דער איניציאַטיוו פון דזשעמאַל־אַל־חוסייני איז אויפגעקומען אַ נייע יוגנט־אָרגאַניזאַציע מיטן נאָמען „פאַטוואַ“.“

אַן אַראַבישער שייך, וואָס האָט אונדז געדינט ווי אַן אינפאָרמאַטאָר, האָט אונדז צוגעשטעלט אַ באַריכט וועגן די אינערלעכע ראַנגלענישן צווישן די אַראַבער. נאָכן קלאַפּ, וואָס זיי האָבן באַקומען מיט היטלערס מפלה, האָבן זיי ווידער געפּרוּווט „פאַרגאַרטלען די לענדן“ און זיך גרייטן צו אַ נייעם פאַרמעסט מיטן יידישן ישוב. אָט וואָס יענער שייך דערציילט אונדז:

„די צאָל נאַדזשאַדא־מענטשן דערגרייכט אַן ערך ביז 4 טויזנט — לויט

די רייד פון אַן אָפיציר, וואָס איז טעטיק אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע.
פיל יוגנטלעכע גייען אַריבער פון נאַדזשאַדא אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „פאַטווא", וואָס איז אָנגעשלאָסן צו דער פּאַרטיי פון די חוסייניען, (מופטי־פּאַרטיי).

די הכנות צו אַרויסטריטן קעגן יידן ווייזן נאָך נישט אַרויס פּאַרלויפיק קיין סימנים פון ערנסטער טעטיקייט. אַפילו די וועלכע באַשעפטיקן זיך מיט דער דאָזיקער מלאכה גלייבן נישט, אַז מ'וועט עס קענען דורכפירן מיט די אייגענע כוחות פון ארץ ישראלדיקע אַראַבער און זיי וואַרטן אויף הילף מצד די אַראַבישע רעגירונגען. פאַרשטייט זיך, אַז די רעוויזיעס, וואָס די ענגלענדער פירן דורך, זוכנדיק געווער ביי יידן, ווי אויך די שיקאַנעס קעגן יידן גיבן די אַראַבער פיל סאַטיספאַקציע און דינען פאַר זיי ווי אַ קוואַל פון דערמוטיקונג.

אַ באַשטעטיקונג דערצו, אַז די נאַדזשאַדא שפּאַנט זיך איין אין וואָגן פון מופטי, נאָך דעם ווי זי האָט לכתחילה געפּרוווט אויסצוהיטן איר זעלבשטענדיקייט — געפינען מיר אויך אין אַ באַריכט פון בריטישן מיליטערישן געהיים־דינסט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. אין באַריכט ווערט דערציילט, אַז די מיטגלידער פון נאַדזשאַדא טראָגן קליינע מעטאַלענע זשעטאָנען, מיטן בילד פון מופטי, און זאַמלען געלט פאַר זייער אָרגאַניזאַציע.

ש"י האָט באַקומען נאָך אַ באַריכט פון אַ צווייטן אַראַבישן קוואַל, וואָס באַשטעטיקט אונדזערע ידיעות וועגן נאַדזשאַדא, נעמלעך: די דאָזיקע אַראַבישע אָרגאַניזאַציע האָט געפּרוווט זיך צו אָרגאַניזירן לויטן מוסטער פון דער יידישער „הגנה". אין באַריכט ווערט איבערגעגעבן:

„די אַלגעמיינע צאָל פון די נאַדזשאַדא־חברים האָט שוין דערגרייכט ביז 6000, ד"ה אַז אין משך פון אַנדערטהאַלבן חדשים, זינט זייער לעצטן צוזאַמענקום אין יפו, איז איר צאָל געוואַקסן אויף איבער הונדערט פּראָצענט. זייער אָרגאַניזיר־פאָרם איז די זעלביקע, ווי ביי $אירגון צבאי לאומי" (אצ"ל) אָדער ווי ביי דער הגנה.

„דער קאָמאַנדיר אין חיפה איז מחמוד אבד־אל־האבי, וואָס איז געווען אַן אָפיציר אין דער בריטישער אַרמיי, און ווערט געהאַלטן פאַר אַ פעאיקן מענטשן, וואָס קען אָנפירן מיט אַזאַ אָרגאַניזאַציע.

„די מוסולמענישע ברידער" אין עגיפּטן פּלאַנירן איינצושטעלן פאַרבינדונגען מיט ראַטן־רוסלאַנד. אויך אין חיפה איז אָנגעבונדן געוואָרן אַן ענגער קאָנטאַקט צווישן מחמוד־אב־אל־האדי און עמיל טומא, וואָס שטייט בראש פון די קאָמוניסטן.

„פון די באַריכטן, וועלכע ווערן דערהאַלטן פון פאַרשיידענע קוואַלן, קען מען מאַכן אַן אויספיר, אַז אַלע אַראַבישע פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד גרייטן זיך צו מהומות אין אַ גאָר גרויסן מאַסשטאַב, און איבערהויפּט צו מהומות, וועלכע זיינען געווענדעט קעגן יידן. ביי די אַראַבער אין

שכם הערשט די מיינונג, אַז די לעצטע רעוויזיעס, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן, כדי צו אַנטדעקן ביי יידן געווער, האָבן געצילט צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר קריגערישע שטימונגען צווישן די אַראַבער און צו צעשטרייען די לעגענדע וועגן יידישן כוח״.

***

מיר האָבן געבראַכט נאָר אַ קליין בינטל פון יענער מאַסע מעשים און געשעענישן, אויף וועלכע אונדזער ש״י האָט זיך אָנגעשטויסן אין זיין אַר־בעט צווישן די אַראַבער. אין יענער תקופה, וואָס געהערט שוין היינט צו דער געשיכטע, האָבן מיר באַגעגנט געשטאַלטן פאָזיטיווע און נעגאַטיווע, מענ־טשן, וואָס אונדזער קאָנטאַקט מיט זיי איז געווען פאַר אונדז אַן איבערלע־בעניש און אַנדערע משונהדיקע טיפּן, וואָס האָבן אַרויסגערופן ביי אונדז געפילן פון עקל.

עס האָבן אונדז צוגעשטעלט אינפאָרמאַציעס אַראַבער, וואָס רציחות זיינען זיי נמאס געוואָרן. אַנדערע האָבן סתם געפירט מיט אונדז שמועסן און האָבן אונדז אויף אַזאַ אופן אַנטדעקט אינטריגעס וואָס זיינען געוועבט קעגן אונדז. מיר האָבן אויך געהאַט צו טאָן מיט פּראָפעסיאָנעלע אינפאָר־מאַטאָרן, וואָס האָבן פאַרקויפט זייער אינפאָרמאַציע פאַר געלט און געמסרט זייערע ברידער. מיר האָבן געקענט אויך אַן עקלהאַפטן פּראָוואָקאַטאָר. מיט אומגעצוימטע, פינצטערע ליידנשאַפטן.

נישט אָנגענעם איז געווען דער קאָנטאַקט מיט די דאָזיקע מענטשן, אָבער מיר האָבן געוווסט, אַז מיט אָט דער דאָזיקער טעטיקייט אונדזערער העלפן מיר אויסהיטן אונדזער ווערק און באַשיצן יידיש לעבן. מיר זיינען געווען נאָר איין רינגעלע אין דעם שוץ־קאַמף פון יידישן ישוב. ווען ס׳האָט אים געדראָט דאָס געפאַר פון אומקום. אָט די שליחות איז אונדז טייער גע־ווען, און מיר האָבן געטאָן דאָס בעסטע, כדי מצליח צו זיין און נישט גע־שטרויכלט צו ווערן.

ש״י אין דינסט פון „אומלעגאַלער עליה״

קאַמף פאַר עליה פון יידן

די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן עס אָנגערופן „אומלעגאַלע עליה״. מיר אָבער, די חברים פון דער הגנה און דער גאַנצער יידישער ישוב, האָבן עס אַ נאָמען געגעבן „עליה ב׳״ — דאָס הייסט די עליה פון יידן קיין ארץ ישראל, אָן דער דערלויבעניש פון דער רעגירונג. בעצם איז די דאָזיקע עליה אַזוי אַלט ווי אונדזער גאַנץ רענעסאַנס־ווערק אין ארץ ישראל. יידן זיינען געגאַנגען אין יידישן לאַנד מיט אַלערליי דרכים. מיט אַלערליי מיטלען און פאַרשיידענע איינפאַלן — אפילו אין אַזעלכע פאַלן, ווען קיין אָרגאַניזאַציע איז הינטער זיי נישט געשטאַנען. אין אָט דער ספּאָנטאַנער „העפלה״ (עליה) ווען אפילו זי איז די ערשטע צייט נישט געווען גאָר גרויס, איז געקומען צום אויסדרוק די פּערמאַנענטע דעמאָנסטראַציע קעגן די גזירות פון דער בריטישער מאַכט.

מיט דער צייט האָבן די הגנה־אָנפירער און די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס מיט דער אַקטיווער מיטהילף פון דער הסתדרות העובדים (יידישע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע), אָנגעהויבן אָרגאַניזירן און רעגולירן די אַזוי גערופענע „העפלה״. די אומלעגאַלע עליה איז געוואָרן איינער פון די ברענפּונקטן אינעם געראַנגל פון יידישן ישוב און פון דער ציוניסטישער באַוועגונג קעגן דער מאַנדאַט־מאַכט. ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע וואָס האָט געהייסן „מוסד לעליה״, אָדער פשוט: „מוסד״, וואָס האָט זיך באַשעפטיקט מיטן אָרגאַניזירן די עליה ב׳ — סיי אין לאַנד און סיי אין אויסלאַנד. צו דער דיספּאָזיציע פון מוסד לעליה איז געשטאַנען אַ פאַרצווייגטער אַפּאַראַט, וועלכער האָט געאַרבעט צוזאמען מיטן הגנה־שטאַב און אין דער פולער קאָאָרדינאַציע מיט אים — זינט אָנהייב פון די דרייסיקער יאָרן ביזן אויפקום פון דער מדינה.

ש״י איז געווען אַ דינגעלע אין דער גרויסער סיסטעם פון עליה ב׳. ער איז געווען איינע פון די ערשטע הגנה־אָפּצווייגונגען, וואָס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן צום דאָזיקן ווערק און האָט אים באַגלייט אומגעפער במשך פון פופצן יאָר. כדאי צו באַצייכענען, אַז אין די ערשטע יאָרן פון דער אַנטוויקלונג פון דער אומלעגאַלער עליה, איז ש״י געווען אין די געגעבענע באַדינ־

גונגען דער הויפּט־אָרגאַן, וואָס האָט זיך דירעקט פאַרנומען מיט די איינצלנע „מעפּילים״ (אומלעגאַלע עולים), וואָס זייער צאָל האָט דערגרייכט אין די טויזנטער. ש״י האָט געהאָלפן אין נאָמען פון דער הגנה און דעם „מוסד לעליה״ אַז די אַלע יידן אין זייער גערגאַל מיט דער סערטיפיקאַטן פלאַג.

און ווען מ׳שרייבט וועגן דער עליה ב׳, וועגן אָט דער פאַרצווייגטער און קאָמפּליצירטער ארבעט, מוז מען דערמאָנען דעם נאָמען פון אליהו גאָ־לאָמב, וואָס אַ דאַנק זיין טריישאַפט און עקשנות זיינען פיל שיפן אָנגעקו־מען צו די ברעגעס מיט טויזנטער יידישע „מעפּילים״ אויף זייער דעק.

דער בריטישער געהיים־דינסט, וואָס האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אַ לאַנגע רשימה פון „גרענעץ־גנבים״, האָט אויך געגעבן גאָלאָמבן אַזאַ אַטעס־טאַציע: „א. גאָלאָמב איז אַ באַזונדערס באַוווסטער טראַנספּאָרטירער פון אומלעגאַלע עולים. ווי אַזוי ער זעט אויס ווייסן מיר נישט״.

ש״י האָט תיכף צוגעשטעלט אליהו גאָלאָמבן אָט די אָריגינעלע רשימה. דערביי האָט דער ש״י־חבר צוגעגעבן: „דער בריטישער געהיים־דינסט האַלט, אַז דו ברענגסט אַריין אין לאַנד אומלעגאַלע עולים. זיי ווייסן אָבער נישט דיין פולן טיטל: „אַ שמוגלער פון עולים און געווער״. זייער אינפאָרמאַציע איז קענטיק נישט פולשטענדיק״.

אמת, דער אָנטייל פון ש״י אין דער אָרגאַניזאַציע פון עליה ב׳ איז גע־ווען קליין, אָבער אויך דער דאָזיקער חלק האָט געבראַכט גאַנץ קאָנטיקע נוצן. וואָס שאַרפער ס׳איז געוואָרן דער קאַמף פון דער מאַכט קעגן דער עליה, אַלץ אַקטיווער איז געוואָרן די קעגן־אַקציע פון דעם עליה־שטאַב און אין דער גלייכער מאָס האָט זיך אויסגעברייטערט די טעטיקייט פון ש״י.

אַלע זיינען פאַרדעכטיקט...

די דרייסיקער יאָרן — ביז די געשעענישן פון יאָר 1936 און דער צווייטער וועלט־מלחמה — זיינען געווען יאָרן פון ווירטשאַפטלעכער אַנטוויק־לונג פאַרן יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. פון איין זייט — דער וווקס און די פאַרשפּרייטונג פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין מזרח און צענטראַל־אייראָפּע — און פון דער צווייטער זייט — היטלערס אויפקום צו דער מאַכט אין דייטשלאַנד — האָבן געבראַכט דערצו, אַז אין יענע יאָרן איז שטאַרק געוואַקסן די עליה אין אַרץ ישראל. נאָר די בריטישע מאַנדאַט־מאַכט האָט זיך נישט אָפּגערופן אויף דער ווענדונג פון צענדליקער טויזנטער יידן, וועל־כע האָבן פאַרלאַנגט עליה־סערטיפיקאַטן. און הגם אין די דאָזיקע יאָרן האָט די „לעגאַלע״ עליה דערגרייכט אומבאַקאַנטע רעקאָרדן, האָט צו דער גלייכער צייט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען אויך די „אומלעגאַלע״ עליה. די דאָזיקע עליה האָט אָנגענומען פאַרשיידענע פאָרמען. לאָמיר דאָ פאַרצייכע־נען די „ספּאָנטאַנע״, נישט־אָרגאַניזירטע אַנטפלעקונגען פון דער דאָזיקער עליה.

איינס פון די באַקאַנטע אָנגענומענע מיטלען אַריינצוקריגן זיך אין ארץ־ישראל איז געווען די טוריסטיק. יידן פלעגן קומען אין לאַנד אַריין ווי טוריסטן און פלעגן דאָ פאַרבלייבן. די גרעסטע כוואַליע פון דער טוריסטן עליה איז געווען אין יאָר 1932, בשעת דער ערשטער מכביאדע: אַרום 2500 יידישע ספּאָרטלער און געסט זיינען געקומען צו דער דאָזיקער גראַנדיעזער ספּאָרט־פיירונג און פיל פון זיי האָבן שוין דאָס לאַנד נישט פאַרלאָזט.

און אָט איז אַן אַנדער פאָרם פון דער אומאָרגאַניזירטער עליה:

פיל יידן פלעגן זיך פאַרבינדן מיט שיף־אַגענטן, יידישע און נישט־יידישע, אין אויסלאַנד מיטן פאָרשלאַג יענע זאָלן דינגען פאַר זיי קליינע שיפלעך, כדי עולה צו זיין אויף אַן אומלעגאַלן וועג. די אַגענטן פלעגן באַקומען פאַר זייער פאַרמיטלונג גענוג הויכע לויגען און ס׳רוב פון זיי האָבן אַזעלכע פרייזן נישט פאַרדינט. פיל פון די שיפלעך זיינען געווען קלאָגעדיקע און האָבן נישט געטויגט פאַר ווייטע נסיעות. דער קאַפּיטאַן צי די מאַנשאַפט פון שיפל פלעגן זיך באַנעמען מיט די עולים, ווי זייער האַרץ האָט געגלוסט און פלעגן זיי האַלטן אונטער אַ שטענדיקן דרוק פון שאַנטאַזש. אָפטמאָל פלעגן זיי אַרויסזעצן די עולים אויפן ברעג אין אַזעלכע ערטער, אַז זיי האָבן געקענט לייכט אַריינפאַלן אין די הענט פון די אַראַבער. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט אָפּגעהאַלטן יידן זיך צו שטעלן אין סכנה און עולה צו זיין.

אין פיל פאַלן פלעגן די עולים אָנקומען אין איינעם פון די שכנותדיקע לענדער און פלעגן פון דאָרטן אַריבערגעפירט ווערן אין אַראַבישע שיפלעך. די אַראַבער האָבן נישט מקפיד געווען אַראָפּצולאָזן די עולים דווקא אין אַ געגנט וווּ ס׳איז געווען אַ יידישע באַפעלקערונג. זיי פלעגן ברענגען די שיפלעך צו די ברעגעס פון לאַנד, פלעגן אַראָפּלאָזן זייערע פּאַסאַזשירן אין יעדן באַליביקן אָרט און פלעגן זיי איבערלאָזן אויף הפקר צווישן די וויסטע זאַמדן נעבן די אַראַבישע דערפער. ש״י האָט דער ערשטער אויפגענומען די ידיעות וועגן דער אויסלאָדונג פון די אומלעגאַלע עולים און פלעגט דער ערשטער קומען צו הילף די פאַרוואָרלאָזטע מענטשן. אמת, נישט מיר האָבן אָרגאַניזירט די דאָזיקע עליה, און מיר האָבן נישט מסכים געווען אויף אַזעלכע מעטאָדן, אָבער ווען מיר פלעגן באַקומען פון אונדזערע חברים אין דער פּאָליציי אַ מעלדונג, אַז ס׳איז אַנטדעקט געוואָרן אַ גרופּע יידן, וואָס בלאָנדזשען איבער די זאַמדן אין דרום, האָבן מיר נישט געקענט זיך זאָגן, אַז דאָס אינטערעסירט אונדז נישט. מ׳האָט נישט געקענט באַשטראָפן די עולים, וועלכע האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין געשעפטן מיט שווינדלערס.

אין אַזעלכע פאַלן האָט געווירקט איין באַוווסטזיין: יידן זיינען אין געפאַר און מ׳דאַרף זיי ראַטעווען. מיר האָבן געזאָרגט דערפאַר מ׳זאָל תיכף אויסגעפינען פאַר זיי אַ שוץ־אָרט כדי זיי אויסצובאַהאַלטן פון דער פּאָליציי און זיי אויסצוהיטן פון אַראַבער וועלכע קענען זיי באַפאַלן. אונדזערע מענטשן האָבן געהאָלפן טראָגן די קינדער, צי דערוואַקסענע וועלכע פלעגן פון מידקייט אונטערוועגס געשטרויכלט ווערן. אָפטמאָל פלעגן מיר מוזן

אויף די הענט אַריבערטראָגן די עולים פון ים אויף דער יבשה. אַזעלכע מע־שים פלעגן געטאָן ווערן דורך אונדזער ש"י מיט דער הילף פון די הגנה־חברים אָדער יונגע מענטשן פון די אַרומיקע איינוווינער, וועלכע פלעגן זיך גערן אָפּרופן אויף אונדזער ווענדונג. דער הגנה־שטאַב און אויך דער מוסד לעליה פלעגן באַקומען פון ש"י גענויע באַריכטן וועגן דער עצם־אַקציע, וועגן דער פאַרעם פון דער עליה, וועגן די באַדינגונגען פון דער נסיעה, וועגן די פרייזן וואָס מ'האָט געצאָלט און אויך ווער עס זיינען געווען די אַוואַנטוריס־טישע אָרגאַניזאַטאָרן, וואָס פלעגן ציען פעטע רווחים פון דער אומבאַהאָל־פענער לאַגע פון די יידישע עולים.

די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן געקעמפט קעגן דער עליה ב' אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען. זיי פלעגן כאַפּן און אַרויסטרייבן פון לאַנד „טור־ריסטן" און אויך „אַריינדרינגלער" וועלכע פלעגן אָנקומען מיטן ים אָדער מיט דער יבשה. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז יעדער ארץ־ישראלדיקער ייד איז געווען ביי זיי פאַררעכנט פאַר אַן „אומלעגאַלן" עולה, סיידן ער האָט דערוויזן, אַז ער לעבט אין לאַנד געזעצלעך. די פּאָליציי און דער געהיים־דינסט פלעגן פאַרהאַלטן אויטאָבוסן און פּריוואַטע אויטאָס און פאַרפירן אויספאָרשונגען בנוגע עולים און „טוריסטן". דאָס זיינען געווען לאַנגע, נוד־נע אויסמאַטערנדיקע אויספאָרשונגען. רעוויזיעס פלעגן דורכגעפירט ווערן אויך אין פּריוואַטע הייזער כדי אויסצוגעפינען אומלעגאַלע עולים.

די דאָזיקע יאגד אויף די עולים האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַ פעסטער וואַנט פון ווידערשטאַנד: דער גאַנצער יידישער ישוב איז געווען פאַראייניקט אין פעסטן באַוווסטזיין, אַז מ'טאָר נישט איבערלאָזן אויף הפקר די „מעפּי־לים". דאָס דאָזיקע נאַציאָנאַלע באַוווסטזיין האָט זיך אויסגעווירקט אויך אין די אַקציעס פון ש"י.

די חברים פון ש"י, וועלכע האָבן געדינט אין דער פּאָליציי און געהיים־דינסט זיינען געווען די ערשטע, וואָס האָבן זיך אָנגעשטויסן אויפן פּראָבלעם פון די אומלעגאַלע עולים און זיי האָבן די ערשטע ווי אמתע חלוצים דער־לאַנגט די נייטיקע הילף. דער צוועק איז געווען איינפאַך: ראַטעווען יעדן יידן, וואָס איבער זיין קאָפּ האָט געשוועבט די געפאַר פון אַרעסט און גי־רוש. עס איז נישט געווען קיין פּלאַץ און קיין צייט צו קאָנטראָלירן ווי אַזוי איז יענער עולה־געווען, ווער ס'האָט אים געהאָלפן און צי דער „העלפער" האָט אים נישט אויסגענוצט אויף דעם סמך, וואָס די הגנה וועט אים במילא העלפן. ש"י האָט זיך באַנוצט מיט אַלע פאַרבינדונגען און קאַנאַלן, וועלכע זיינען געשטאַנען צו זיין דיספּאָזיציע: די פאַרבינדונגען מיט פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון פון אונדזערע מענטשן, יידישע ריכטער און באַאַמטע, קהילה־פאַרוואַלטונגען און די ביוראָען פון ראַבינאַט. אַלע האָבן געוווסט, ווער דורך אַ ווונק און ווער בפירוש, אַז אויב עס האַנדלט זיך וועגן אַן „אומלעגאַלן" יידן — דאַרף מען פאַרמאַכן אַן אויג און אויסקאָמבינירן אַ געהעריקע באַ־

שטעטיקונג, אָדער אונטערשרייבן אַ גאַראַנטיע, אָדער העלפן אויף אַ וועלכער ס'איז אַנדער פאָרם.

געוועז פאַלן ווען אַ יידישער פּאָליציאַנט פלעגט באַקומען אַ רשימה פון 20—30 מענטשן, וועלכע מ'דאַרף אַרעסטירן פאַר פאַרשיידענע פאַר־ברעכנס. דער פּאָליציאַנט פלעגט איבערגעבן אַ קאָפּיע פון דער רשימה אין אונדזער ש"י. די ש"י־חברים פלעגן קאָנטראָלירן צי צווישן די קאַנדידאַטן פון אַרעסט זיינען נישט פאַראַן קיין אומלעגאַלע עולים און זיי פלעגן וואָ־רענען די דאָזיקע מענטשן, זיי זאָלן פאַרשווינדן פון די היימען אויף אַ גע־וויסער צייט. די יעניקע, וועלכע ס'האָט נישט געדראָט די געפאַר אַרויסגע־טריבן צו ווערן פון לאַנד, פלעגן אַרעסטירט ווערן. אָבער די אַנדערע — אַזוי פלעגט מעלדן דער פּאָליציאַנט אין זיין ראַפּאָרט צו זיינע שעפן — זיינען נישט געפונען געוואָרן אין זייערע היימען...

נישט איין מאָל פלעגט טרעפן, אַז אַ פּאָליציאַנט פלעגט אַרעסטירן אַזאַ מענטשן און אונטערוועגס פלעגט ער „פאַרשלאָגן" דעם אַרעסטאַנט ער זאָל זיך אַריינכאַפּן צו אַן אַדוואָקאַט און פרעגן ביי יענעם אַן עצה צי עס איז אים כדאי אַרעסטירט צו ווערן. ס'פלעגט אויך טרעפן, אַז דער פּאָליציאַנט פלעגט כלומרשט נישט געפינען דעם אַדרעס פון דעם „אומלעגאַלן" עולה. נישטאָ אין דער היים — און פאַרטיק! אַמאָל פלעגט דער פּאָליציאַנט אַליין קומען אין הויז פון „פאַרדעכטיקטן", פלעגט מיט אים פאַרפירן אַ האַרציקן שמועס און אים פאַרשלאָגן ער זאָל אויף אַ געוויסער צייט נעלם ווערן, אָדער זיך מיישב זיין מיט אַן אַדוואָקאַט. אַרויסבאַקומען ווי ס'איז פּאַפּירן פון די טערקישע צייטן וכדומה. געווען אויך פאַלן, ווען דער ריכטער פלעגט פאַר־משפטן דעם באַשולדיקטן אויף געלט־שטראָף. און אויב דער באַשולדיקטער האָט נישט געהאַט די נייטיקע סומע געלט, פלעגט אין זאַל פון געריכט גופא דורכגעפירט ווערן אַ „קאמפיין" צווישן דעם עולם און די פּאָליציאַנטן און אפילו דער ריכטער אַליין פלעגט ביישטייערן זיין חלק צו דער נויטיקער סומע.

די יאָגעניש פון דער מאַכט נאָך די „אומלעגאַלע" האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. כמעט יעדער ייד, וואָס פלעגט זיך ווענדן אין אַ רעגירונגס־אַנשטאַלט, פלעגט דאַרפן קודם באַווייזן, אַז ער זיצט אין לאַנד געזעצלעך. הענדלער, וועלכע האָבן געבעטן אַ דערלויבעניש אויף האַנדל, האָבן גע־דאַרפט צושטעלן אַ דאָקומענט וועגן זייער כשרות. פאַרשטייט זיך, אַז אַ גרויסער טייל פון זיי האָט נישט געקענט צושטעלן אַזעלכע כשרות־דאָקו־מענטן, נאָר דער מאַגיסטראַט צוזאַמען מיט זיינע אינספּעקטאָרן און פּאָלי־ציאַנטן פלעגן זיי לאָזן האַנדלען אָן דערלויבענישן, אַבי זיי זאָלן נישט גע־בראַכט ווערן פאַרן געריכט.

ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז ס'זיינען געווען אויך אויסנאַמען פון אָט דעם כלל: געווען מענטשן, וועלכע פלעגן מפקיר זיין אומלעגאַלע עולים. צו אונדזער גליק זיינען דאָס געווען איינצלנע פאַלן. געווען מענטשן, וועלכע

האָבן געוואָלט פּטור ווערן פון אַ שכן, פלעגן זיי פּרווון געבן אַ ווונק, אַז יענער איז אַן „אומלעגאַלער”. די דאָזיקע מסירות פלעגן געמאַכט ווערן הויך אויפן קול, כדי זייטיקע מענטשן אינדרויסן זאָלן עס הערן, אָדער מ׳פלעגט דירעקט מסרן אין דער פּאָליציי. אָבער נישט שטענדיק פלעגן די מוסרים מצליח זיין, ווייל יידישע פּאָליציאַנטן זיינען נישט געווען געניגט זיך צוצוהערן צו זיי, אָבער די פּאָליציאַנטן פלעגן זאָרגן, אַז די נעמען פון די מוסרים זאָלן דערגרייכן צו ש״י, און אַז די מענטשן זאָלן ווי געהעריק באַשטראָפט ווערן. די שטראָף פלעגט זיך אויסדריקן אין אַ וואָרענונג, אָדער אין דער פּובליקירונג פון דעם מסורס נאָמען. אַמאָל פלעגט דער מסור אויך אַריינכאַפּן קלעפּ, אָדער זיין רכוש פלעגט געשעדיקט ווערן. זאָל ער, הייסט עס, זיין פאָרזיכטיקער מיט דער צונג.

געווען אַמאָל אויך קוריאָזן. פלעגט אַ גנב געכאַפּט ווערן דורך אַ פּאָליציאַנט, פלעגט ער אָנהייבן צו שרייען: איך בין אַן אומלעגאַלער עולה, מען אַרעסטירט מיך — גוואַלד! מ׳וועל מיך אַרויסטרייבן פון לאַנד”... דער עולם אויף דער גאַס, דערהערנדיק אַזעלכע געשרייען פלעגט נישט קאָנטראָלירן די מעשה, און פלעגט זיך אַ לאָז טאָן צום פּאָליציאַנט און באַפרייען דעם אַרעסטירטן. ערשט שפּעטער פלעגט קלאָר ווערן, אַז ס׳איז באַפרייט געוואָרן אַ באַוואוּסטער גנב. אַזעלכע „באַפרייאונגען” זיינען געוואָרן אַ ספּאָרט ביי די גנבים, אָדער ביי אַנדערע פאַרברעכער.

אומלעגאַלע עליה ווערט אָרגאַניזירט

ס׳ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה און די פּריוואַטע העפּלה (אומלעגאַלע עליה) ווערט כמעט אינגאַנצן אָפּגעשטעלט. יידן האָבן אָנגעהויבן צו דערקענען דעם פּרצוף־פּנים פון די אַלערליי אַגענטן, וועלכע זיינען אין פיל פאַלן געווען טונקעלע טיפּן און שווינדלערס. אָבער אין דעם מאָמענט, ווי די פּריוואַטע עליה איז אויסגעגאַנגען האָט די הגנה אָנגעהויבן אויסצוברייטערן די אָרגאַניזירטע עליה. עס איז געשאַפן געוואָרן דער מוסד לעליה, וואָס האָט געאַרבעט אונטער דעם אויפזיכט פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס און די הגנה צוזאַמען מיט ש״י האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו דער דאָזיקער ברייט־פּלאַנירטער אַקציע.

אין יאָר 1934 האָט די עליה ב׳ אָנגעהויבן אָננעמען ברייטערע מאַסשטאַבן. אין יולי דעם יאָר איז אָנגעקומען די ערשטע אומלעגאַלע שיף „וועלאָס”, וועלכע האָט געבראַכט 350 עולים. די שיף האָט קיין מזל נישט געהאַט. נאָר 50 עולים האָט מען באַוויזן אַראָפּצונעמען אויפן ברעג: די אַרבעט איז געשטערט געוואָרן דורך די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען. מחמת דער געפאַר פאַרכאַפּט צו ווערן איז די שיף געווען געצוווּנגען אָפּצושווימען ווידער אין אָפענעם ים אַרויס און האָט אַזוי געוואַנדערט איבער די ים־כוואַליעס נאָך אַ דריי חדשים.

דאָס וואָס עס איז נישט געלונגען אַראָפּצונעמען אַלע עולים אויפן ברעג דערקלערט זיך טיילווייז דערמיט, וואָס עס האָט אונדז נאָך געפעלט די ניי־טיקע דערפאַרונג און מיר האָבן אויך געגוג מיטלען נישט געהאַט צו אָרגאַ־ניזירן די עליה פון הונדערטער מענטשן מיטאַמאָל. ס׳איז למשל נישט געווען קיין ראַדיאָ־פאַרבינדונג מיט דער שיף. די איינציקע פאַרבינדונג איז אונ־טערגעהאַלטן געוואָרן דורך אַ ספּעציעלן שליח, אַ שווימער, וועלכער פלעגט אַריבערפירן ידיעות און אָנווייזונגען פון דער שיף אויפן ברעג און צוריק. נאָך אַ שטער אין דער אַרבעט האָט געשטעקט דערין, וואָס מ׳האָט געמוזט זיך האַלטן זייער פּאַרזיכטיק ביים אַראָפּנעמען די עולים, כדי נישט צו שטעלן אין געפאַר די שיף גופא און די שיפלעך אויף וועלכע מ׳האָט אַריבערגע־בראַכט די מענטשן צום ברעג. מ׳האָט געמוזט אַרבעטן זייער שנעל כדי דאָס שיפל זאָל זיך קענען גיך באַפרייען און אָפּשווימען צוריק, נישט איבערלאָזנ־דיק קיין שפּורן. נישט שטענדיק האָט מען געקענט דורכפירן די דאָזיקע אַר־בעט אָן אָפּהאַלטענישן און פאַרדרייעניש. געווען פאַלן, ווען די פאַרבינד־לער־שווימער זיינען אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי און זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגן קומען צוהילף די אַרעסטירטע פאַרשטייט זיך, ש״י און אונדזערע חברים צווישן די פּאָליציאַנטן און די רע־גירונגס־באַאַמטע.

אויך אין דער צווייטער נסיעה האָט די שיף „וועלאָס" נישט מצליח געווען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט נאָר פופציק מענטשן. אָבער די צוויי שיפן, וואָס זיינען געקומען נאָך איר האָבן געבראַכט עולים עטלעכע מאָל און זיי איז געלונגען זיך אָפּצוטראָגן בשלום. זיי זיינען דורך דער מאַכט נישט גע־כאַפּט געוואָרן.

ש״י אין תל־אביב איז געווען אַן אַקטיווער שותף אין דער אויספירונג פון אָט די אָפּעראַציעס, ווייל דער שטאַב פון עליה ב׳ איז בדרך כלל געזעסן אין תל־אביב, זייענדיק געבונדן מיט דעם הגנה־שטאַב און דער הסתדרות־העובדים, וואָס אויך זייערע צענטערן האָבן זיך געפונען אין דער דאָזיקער שטאָט.

אין די ערשטע יאָרן האָבן די פונקציעס פון ש״י זיך אויסגעשפּרייט אויך אויף אַזעלכע געביטן וועלכע זיינען געווען אייגנטלעך מחוץ זייער געוויינלעכער קאָמפּעטענץ. די ש״י־מענטשן האָבן געזאָרגט וועגן דער מאָ־ביליזאַציע פון פּריוואַטע אויטאָס, מאָטאָציקלען, צי אויטאָבוסן, כדי אַרי־בערצופירן די עולים און אויך די מענטשן, וועלכע פלעגן די עולים אַראָפּ־פירן אויפן ברעג. ש״י איז געווען אויך דער פאַרבינדלער וואָס פלעגט זיך פאַרבינדן מיט די פּאָליציי־פונקטן אין דעם ראַיאָן וווהין ס׳פלעגט דערגרייכן די שיף. אין אַזאַ פאַל פלעגן מיר געבן אַ ווונק אונדזערע חברים די פּאָלי־ציאַנטן זיי זאָלן צומאַכן אַן אויג אין יענער נאַכט ווען די עולים ווערן אַראָפּגעבראַכט אויפן ברעג. מיר האָבן זיי אויך געבעטן אונדז צו אינפאָר־

מירן צי די בריטישע שפּן זייערע האָבן אַ וועלכן ס׳איז חשד בנוגע אונ־דזערע מעשים.

מ׳דאַרף זאָגן, אַז יעדע אַקציע פון אַראָפּנעמען אויף דער יבשה די אומ־לעגאַלע עולים איז געווען אַ טיפע איבערלעבעניש פאַר אַלע הגנה־חברים, וועלכע האָבן זיך דערמיט באַשעפטיקט, און וועלכע האָבן בכלל געהאַט צו טאָן מיט דער עליה ב׳. נישט איין מאָל האָבן אַפילו די קאָמאַנדירן און די מיטגלידער פון הגנה־שטאַב און פון ש״י נישט געזשאַלעוועט קיין טירחה און זיי פלעגן אַליין גיין אין וואַסער אַריין און אַריבערטראָגן אויף די רוקנס די עולים אויפן ברעג. די דאָזיקע טרעגער־אַרבעט איז געווען פאַררעכנט ווי אַ בכבודיקע ביי די קאָמאַנדירן. זיי האָבן עס געהאַלטן ווי אַ זכות פאַר זיך און פלעגן מיט שמחה זיך לאָזן צו דער דאָזיקער מלאכה.

אין די רעקאָמענדאַציעס פון דער קעניגלעכער קאָמיסיע, וועלכע איז געשיקט געוואָרן קיין ארץ ישראל אין יאָר 1936, זיינען צוויי פונקטן געווען געווידמעט דער עליה ב׳. איין רעקאָמענדאַציע איז געווען, אַז מ׳דאַרף פאַר־גרעסערן דעם געהיימען פאָנד פון בריטישן געהיים־דינסט, כדי צו אָרגאַני־זירן אַ בעסערע און מער ענערגישע אויסזיכט איבער די גרענעצן. די קעניג־לעכע קאָמיסיע האָט אויך פאָרגעשלאָגן מ׳זאָל פאַרפליכטן יעדן יידן אין לאַנד צו טראָגן מיט זיך אַ פערזענלעכע באַשייניקונג. די צווייטע רעקאָמענ־דאַציע איז געווען, אַז יעדער ייד, וואָס וועט פאַרהאַלטן ווערן דורך אַ פּאָ־ליציאַנט זאָל זיין מחויב צו דערווייזן, אַז ער וווינט אין לאַנד געזעצלעך.

די בריטישע פּאָליציי האָט באַשלאָסן שטרענג אויסצופילן די דאָזיקע אינסטרוקציע. זי פלעגט פאַרהאַלטן אויטאָבוסן און אויטאָס אויף די וועגן, כדי צו קאָנטראָלירן די פערזענלעכע דאָקומענטן פון די פּאַסאַזשירן. די דאָ־זיקע זוכענישן האָבן נישט פיל געהאָלפן דער פּאָליציי אויסצוגעפינען „אומ־געזעצלעכע" עולים. נאָר זיי זיינען געווען גענוג כדי צו פאַרשאַפן אומאנגע־נעמלעכקייטן און באַלעסטיקונגען פאַר די פּאַסאַזשירן אונטערוועגס.

אָט דער כשרות־קאָנטראָל האָט געשטעלט אַ ניי פּראָבלעם פאַר די יע־ניקע וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער עליה ב׳. עס איז למשל אויפ־געקלערט געוואָרן, אַז ס׳איז נישט געווונטשן צו באַזעצן די עולים אין די קליינע דערפער, נישט ווייט פון ים־ברעג, וווהין מ׳האָט זיי אַריבערגע־בראַכט, ווייל יעדער צופלוס פון מענטשן אין אַ קליינעם ישוב קען דערוועקן אַ חשד. אַ גרויסע שטאָט איז אַ מער זיכערער מקום. אָבער דאָ איז אויפגע־שוומען די פראַגע, ווי אַזוי פירט מען אַריבער די עולים פון דאָרף אין שטאָט אַריין. פירן זיי אין די געוויינלעכע אויטאָבוסן איז געווען געפערלעך. האָט מען געדאַרפט זוכן אַנדערע וועגן. איין מיטל איז געווען — פאַרמאַסקירן די עולים ווי לאַנדווירטשאַפטלעכע אַרבעטער. דערצו פלעגט מען זיי ברענ־גען געהעריקע אַרבעטס־בגדים. דער ש״י האָט באַקומען פון זיינע חברים, וועלכע אַרבעטן אין רעגירונגס־ביוראָען פון די דיסטריקטן ריינע בלאַנקן פון

אידענטיפיקאַציע־דאָקומענטן. מ׳פלעגט די בלאַנקן אויספילן לויט דער באַ־דערפעניש.

געווען אַ מעשה מיט אַ חבר פון ש״י, אַ מוכתר (עלטסטער) אין איינעם פון די ישובים אין שרון, וואָס האָט איבערגעגעבן אַ באַשייניקונג, אַז ער דאַרף האָבן אַרבעטער אין זיין באַלעבאַטישקייט. אויפן סמך פון דער דאָ־זיקער באַשייניקונג האָט מען באַקומען אַן איינמאַליקע קאָלעקטיווע רייזע־דערלויבעניש (אמת, מ׳האָט זיך באַנוצט דערמיט מער ווי איין מאָל) און אַזוי אַרום איז דערמעגלעכט געוואָרן אַ גאַנץ געזעצלעכע רייזע פאַר אַ גרו־פע „אומגעזעצלעכע עולים".

דער אָפיציר שיף ז״ל, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך די מיט־גלידער פון אַ טעראָריסטן־אָרגאַניזאַציע, פלעגט באַשטעטיקן מיט אַ ברייטער האַנט די אידענטיפיקאַציע־דאָקומענטן און אַנדערע באַשייניקונגען, וועלכע מיר פלעגן אים דערלאַנגען און וועלכע זיינען ביטיק געווען אַריבער־צופירן די עולים און זיי פאַרוואַנדלען אין געזעצלעכע איינוווינער.

אינפאָרמאַציע פון בריטישן געהיים־דינסט

יעדע צוויי וואָכן פלעגט די בריטישע געהיים־דינסט פאַרעפנטלעכן אַ צירקולאַר מיט פרטים, וועלכע זיינען נוגע די אומלעגאַלע עליה. מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט איינעם פון אונדזערע אינפאָרמאַציע־קוואַלן און דורך זיין פאַרמיטלונג האָבן מיר געקענט כמעט שטענדיק זען די צירקולאַרן תיכף נאָך זייער דערשיינען. מיט דער צייט פלעגט געלינגען אונדזערע חברים אַפילו אַרויסצובאַקומען איין עקזעמפלאַר פאַר ש״י.

אין צירקולאַר גופא פלעגט זיין באַצייכנט, אַז די קאָפּיעס ווערן געשיקט צו 25 פאַרשיידענע רעגירונגס־ביוראָען. עס איז נישט געווען שווער צו געפינען אין אַזאַ גרויסער צאָל ביוראָען איינעם אָדער צוויי וווהין ש״י האָט געקענט וואַרפן אַ בליק.

די אינפאָרמאַציעס אין די דאָזיקע צירקולאַרן זיינען אין אַ גרויסער מאָס געווען באַגרינדעט. אָבער מ׳האָט זיי נישט געקענט באַטראַכטן ווי אַב־סאָלוט געטריי. די געהיים־דינסט פלעגט פאַרצייכענען נעמען פון שיפן, וואָס בנוגע זיי איז געווען אַ חשד, אַז זיי זיינען באַשטימט אויף איבערצופירן אומלעגאַלע עולים. און אמת, אין פיל פאַלן האָבן די נעמען געשטימט מיט דערווירקלעכקייט. אָבער ס׳זיינען געווען אויך פיל אַנדערע פאַלן, ווען די דאָזיקע שיפן זיינען גאָרנישט געווען פאַרבונדן מיט אונדזער ענין.

מיר גיבן דאָ אַ מוסטער פון אַזאַ צירקולאַר. דער צירקולאַר איז גע־שיקט געוואָרן פון שטאַב פון געהיים־דינסט, ירושלים, צו אַלע זיינע אָפּטיילונגען אין חיפה און אין יפו, צו די בריטישע סערזשאַנטן, וועלכע האָבן אָנגעפירט מיט די פּאָליציי־סטאַציעס אויף די ברעגעס אין גבעת־אלגא, כפר־ויתקין, סידנא־אלי און אלדזשורא. קאָפּיעס זיינען געשיקט געוואָרן אויך

א פ ר י ב ד ק ל

צו די געהילפן פון די אינספעקטאָרן פון געהיים־דינסט אין חיפה, יפו און שכם. און אויך צום גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעגירונג, הויפּט־אינס־פּעקטאָר פון דער פּאָליציי, שטאַב פון קעניגלעכן לופט־פלאָט און אַנדערע.

100/10/11/63

Criminal Investigation Department,
Headquarters, Palestine Police,
P.O.Box 850,
Jerusalem.

SECRET

SECRET.

17th October 1940.

D.S.P., Port and Marine Division, Haifa.
" " " " Jaffa

British Sergeant i/c Givat Olga Coast Guard Station.
" " i/c Kfar Vitkin " " "
" " i/c Sidna Ali " " "
" " i/c Al Jura " " "

A.S.P.. C.I.D. Haifa.
" " Jaffa.
" " Nablus.

Subject:- Illegal Immigration.

I attach a revised summary of the latest information regarding ships and organizations reported to be engaged in bringing illegal immigrants to Palestine.

2. s.s. PENCHO, s.s. PACIFIC, s.s. ATLANTIC, s.s. FELCH, s.s. MILOS and an unknown ship are already well on the way to Palestine and may arrive at any moment. The approximate total of illegal immigrants carried by these six ships is 6,000.

ASSISTANT INSPECTOR GENERAL.
C.I.D.

Copy to:-

Chief Secretary (12).
Commissioner for Migration & Statistics.
R.A.F.Headquarters.
Inspector General.
O.S.I.

ע נ י ן: א ו מ ל ע ג אַ ל ע ע ל י ה

ג ע ה יי ם

דערביי שיק איך איבער די סומירונג פון דער לעצטער אינ־

פאַרמאַציע בנוגע די שיפן און אָרגאַניזאַציעס, וועלכע, ווי מ׳גיט איבער פאַרנעמען זיך מיט אַריבערפירן אומלעגאַלע עולים קיין ארץ ישראל.

די שיפן „פענטשא", „פאַציפיק", „אַטלאַנטיק", „פעלט", „מילאָס" און אַנדערע אומלעגאַלע שיפן געפינען זיך אויפן וועג קיין ארץ ישראל און קענען אָנקומען צו יעדן מאָמענט. די אַלגעמיינע צאָל אומלעגאַלע עולים, וועלכע פאָרן אויף די זעקס שיפן, דער־גרייכט אומגעפער ביז זעקס טויזנט.

ווי ס׳איז באַצייכנט אין דאָקומענט גופא פלעגט דער גענעראַל־סעקרע־טאַר פון דער רעגירונג באַקומען צוועלף קאָפּיעס. אַזאַ צאָל קאָפּיעס פלעגט ער באַקומען פון יעדן ראַפּאָרט און מעמאָראַנדום, וועלכע זיינען געווען באַ־שטימט פאַרן אַרמיי־קאָמאַנדיר, דעם הויך־קאָמיסאַר און אַנדערע אָנפירנ־דיקע פערזענלעכקייטן אין מיליטער און אין רעגירונגס־אַפּאַראַט.

אַ מעשה מיט דער שיף „פּאַריטאַ"

אין דער נאַכט אויפן 21סטן אויגוסט 1939 האָבן פלוצלונג זיך גע־לאָזט הערן אין תל־אביב סירענעס איבער אַ האַלבע שעה און האָבן אַליאַר־מירט די איינוווינער צום ברעג־ים. דאָס זיינען געווען סירענעס פון דער שיף „פּאַריטאַ", וואָס איז אַרויף אויפן זאַמד אַנטקעגן דעם „רויטן הויז" אין תל־אביב. אויף דער שיף זיינען געווען 850 עולים. הגם די דאָזיקע נסיעה איז נישט אָרגאַניזירט געוואָרן דורך דער הגנה, האָבן די הגנה־חברים זיך גע־איילט צו דערלאַנגען הילף די מעפּילים און טאָן אַלדאָס מעגלעכע כדי צו פאַרלייכטערן זייער אויסלאָדונג.

די ש״י־אַרבעטער האָבן באַקומען אַ באַפעל אַרויסצוגיין אויפן ברעג צו זאַמלען אַלגעמיינע ידיעות צווישן עולים און נאָכשפּירן די מעשים פון דער פּאָליציי און איר באַנעמען זיך מיט אַ טייל עולים, וועלכע זיינען געכאַפּט און פאַרהאַלטן געוואָרן.

פון די אינפאָרמאַציעס, וועלכע מיר האָבן צומאָרגנס צונויפגעזאַמלט, איז קלאָר געוואָרן, אַז דער קאַפּיטאַן און אייניקע שיף־אַרבעטער זיינען אין לעצטן טאָג פון דער נסיעה אַרעסטירט געוואָרן דורך אַ גרופּע עולים, אַדער דורך די אָרגאַניזאַטאָרן מחמת זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צוצוקומען נענטער צום ברעג און מפקיר צו זיין די בריק. די דאָזיקע „אַרעסטירטע" האָבן אי־בערגעגעבן דער פּאָליציי פיל פּרטים, ווי אַזוי די נסיעה איז אָרגאַניזירט גע־וואָרן און איז דורכגעפירט געוואָרן. די דאָזיקע וויכטיקע פאַר אונדז דער־קלערונגען האָבן מיר אַרויסבאַקומען אַדאַנק אונדזערע חברים פון געהיים־דינסט.

GOVERNMENT OF PALESTINE

To - Direct Jaffa apt Direct Haifa Pf. Manus
Haifa for S N O. Tulkarm for Kfar
Vitkin Gaza for Algira.
From. Plaid. X 100/10/65: 14/7

S. S. Parita one hundred and eighty tons Panama Flag originally British ship named Balfour left Constanza: 13th inst. with 728 Jews on board. Destination believed Palestine

Deciphered
[signature]

אייניקע הונדערט עולים האָבן באַוויזן זיך אַרויסצודרייען, זיך אויסצו־מישן מיטן עולם און אַזוי אַרום זיינען זיי אַריינגעדרונגען אין תל־אביב. אויפצומאַרגנס האָט די פּאָליציי אָנגעהויבן דורכפירן מאַסן־רעוויזיעס אין די הייזער. אונדזערע חברים אין דער פּאָליציי האָבן אונדז וועגן דעם מיטגע־טיילט באַצייטנס און מיר האָבן געוואָרנט די קאַנדידאַטן אויף אַרעסט. ווען די פּאָליציי איז געקומען אַרעסטירן זיינען זיי שוין נעלם געוואָרן פון די הייזער.

די אויפגאַבע פון ש״י האָט זיך נישט פאַרענדיקט מיטן סוף פון דער אַקציע. מיר האָבן געמוזט ווייטער זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן די עולים וואָס

זיינען אַרעסטירט געוואָרן, וווהין מ׳האָט זיי אַריבערגעפירט, ווי איז זייער לאַגע, ווי אַזוי באַציִען זיך צו זיי די מאַכט־אָרגאַנען. טיילווייז האָבן מיר געמוזט זאָרגן אויך פאַר די יעניקע עולים, וועמען ס׳איז געלונגען זיך אַרויס־צו דרייען פון די הענט פון דער פאָליציי. אונדזערע חברים האָבן געהאָלפן זוכן פאַר זיי פלעצער, וווּ מ׳קען זיי איינקוואַרטירן, אָדער זיי אַריבערפירן פון איין אָרט אין אַ צווייטן. עס איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז אין יענע טעג האָט ש״י זיך פאַרנומען מיט ענינים, וואָס ביי אַ נאָרמאַלער לאַגע האָבן דערמיט זיך געדאַרפט באַשעפטיקן אינסטיטוציעס פאַר סאָציאַלער הילף אָדער יורידישער הילף. אָבער אין די באַדינגונגען פון יענע טעג איז נישט געווען קיין פּלאַץ פאַר אַמפעריען, ווער, וואָס עס דאַרף טאָן.

די איבערבלייבענישן פון דער שיף „פּאַריטאַ" געפינען זיך נאָך עד־היום אויפן ים־ברעג פון תל־אביב, ווי אַ טרייער עדות פאַר דער איבער־געבענקייט פון די תל־אביבער איינוווינער צו דעם ענין „אומלעגאַלע עליה". אין אַרכיוו פון דער הגנה זיינען פאַראַן פאָליצייאישע ראַפּאָרטן און דאָקו־מענטן, וועלכע ש״י האָט צוגעשטעלט דערמאָלט דעם שטאַב. זיי זיינען אַ קלאָרער באַווייז, ווי לעבעדיק ס׳האָט געאַרבעט אונדזער אינפאָרמאַציע־נעץ.

בריטישע פּאָליציי שיסט אין מעפּילים

די איינוווינער פון תל־אביב געדענקען גאַנץ גוט די מעשה מיט דער שיף „טייגער היל". אויף דער שיף זיינען געווען 1400 מעפּילים (אומלעגאַ־לע עולים). אין דער נאַכט אויפן דריטן סעפּטעמבער 1939 האָט די שיף זיך דערנענטערט צום האַפן, תל־אביב, און איז אַרויף אויף די זאַמדן. האָבן דאָן ממש טויזנטער מענטשן אָנגעהויבן שטראָמען צום פּלאַץ און מ׳האָט תיכף גענומען אַראָפּברענגען די עולים אויפן ברעג. ביז די פּאָליציי האָט זיך אַ ריר געטאָן און איז געקומען צו לויפן, האָט מען שוין באַוויזן אַראָפּצונעמען דריי הונדערט מאַן. די אַראָפּגענומענע זיינען תיכף פאַרשווונדן צווישן דעם עולם.

אונדזער ש״י האָט געוווּסט וועגן דער באַוועגונג פון דער שיף. די ידיעות וועגן דער שיף האָט זי געהאַט באַקומען סיי פון אינערלעכע קוואַלן און סיי פון די פּאָליציי־קרייזן. די בריטישע אַגענטן האָבן נאָכגעשפּירט די שיף נאָך אין יולי דעם יאָר. האָבן מיר באַקומען אַ קאָפּיע פון די טעלעגראַ־מעס וועלכע די אַגענטן האָבן געהאַט איבערגעשיקט קיין ארץ ישראל. אָט זיינען עטלעכע פון זיי:



„דעם 27סטן יוני טיילט מיט דער פּאָליציי־אַגענט פון אויסלאַנד, אַז די שיף „זייניקאָס", וואָס האָט געענדערט איר נאָמען אויף „טייגער היל" האָט פאַרלאָזן דעם האַפן האַרנע אויפן וועג קיין קאָנסטאַנץ אין רומעניע. כדי אַריבערצופירן איבער טויזנט אומלעגאַלע יידן קיין ארץ ישראל".

„דעם 21סטן אויגוסט טיילט מען מיט, אַז די שיף וועט פאַרבייגיין ביירוט אויפן וועג קיין ארץ ישראל".

„דעם 24סטן אויגוסט טיילט מיט דער צענטער פון געהיים־דינסט, אַז ס'איז זיי באַקאַנט אַז די שיף שלעפּט נאָך אַ שיף און פאַרמאָגט דריי מאָטאָר־שיפלעך".

די דאָזיקע און אַנדערע דאָקומענטן האָבן געזען אונדזערע חברים נאָך פריער, און אַזוי אַרום האָבן זיי געוווסט, אַז די פּאָליציי שפּירט נאָך די שיף, וועלכע פרווט דורכרייסן די בלאָקאַדע. דעריבער זיינען מיר נישט איבעראַשט געוואָרן ווען די שיף איז אַרויף אויף די זאַמדן נעבן תל־אביב. מיר האָבן אויסגעטיילט אַ גרופּע ש"י־חברים, וואָס איז געווען באַאויפטראַגט

צו אַרבעטן בשעת מ'וועט אַראָפּנעמען די עולים. דער שטאַב פון דער העפּלה (אומלעגאַלער עליה) האָט באַקומען פון אונדז באַצייטנס אינפאָרמאַציע וועגן דער טראַסע פון דער שיף און אויך די ידיעות ווי אַזוי די עולים זיינען אַראָפּגענומען געוואָרן, וועגן די אַרעסטן, וואָס די פּאָליציי האָט אויסגעפירט אויפן ברעג און אַלע אַנדערע פּרטים. אַ בריטיש שיפל „לארנע", וואָס איז געשטאַנען אונטער דער קאָמאַנדע פון בריטישן סערזשאַנט פּלין האָט גע־שאָסן אויף דער שיף און דערהרגעט צוויי עולים — ד"ר ראָבערט שניידער און צבי בינדער. אונדזערע חברים האָבן זיך פאַרנומען מיטן אַראָפּברענגען די קערפּערס פון ביידע דערהרגעטע.

נאָך דעם זעלביקן אָוונט האָט ש"י אָפּגענומען גבית־עדות ביי די מענ־טשן, וועלכע האָבן צוגעזען די אכזריותדיקע סצענע און האָט געמעלדעט דעם הגנה־שטאַב געניי און אויספירלעך וועגן דעם ווילקירלעכן אַקט מצד דער פּאָליציי. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די פּאָליציי האָט געגעבן איר וואָר־נונג אין דער דייטשער שפּראַך. די שאָסן זיינען געווענדט געוואָרן דירעקט צו די מענטשן, וועלכע האָבן זיך דאַן געפונען אויפן דעק פון דער שיף, און נישט אין שטאָלענעם קאָרפּוס פון דער שיף, ווי די פּאָליציי האָט געהאָט אינפאָרמירט.

עס איז געווען זייער וויכטיק צו וויסן, וואָס פאַר אַ ראַפּאָרט האָט אָפּ־געגעבן וועגן דער בלוטיקער געשעעניש דער בריטישער סערזשאַנט, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער רציחה פון די צוויי עולים, און ווי אַזוי ער פאַרענטפערט זיך. אונדז איז געלונגען אַרויסצובאַקומען דעם דאָזיקן ראַ־פּאָרט און מיר האָבן זיין אינהאַלט איבערגעגעבן אין אונדזער שטאַב. הגם ס'איז נישט געווען מעגלעך אויפצוטאָן פיל אין דאָזיקן פאַל, איז דאָך גע־ווען וויכטיק צו וויסן דעם אמת מיט אַלע איינצלהייטן, כדי אָפּצולייקענען דעם תירוץ פון דער פּאָליציי, וואָס האָט געטענהט, אַז איר שיסעריי איז גע־קומען כלומרשט ווי אַ תשובה אויף די שאָסן, וואָס זיינען צוערשט געגעבן געוואָרן פון דער שיף. דאָס זיינען געווען תירוצים, וואָס זייער ליגן האָט ממש געשטאָכן די אויגן. די ראַפּאָרטן פון ש"י זיינען געווען ריכטיק און פּינקטלעך, ווייל זיי זיינען געווען באַגרינדעט אויף דאָקומענטן און עדות און אַזוי האָבן אונדזערע אַנשטאַלטן געקענט ווירקן אויפן סמך פון אַ גענויער אינפאָרמאַציע און פּראָטעסטירן און עפנטלעך טאַדלען די אַרויסדרייעניש פון דער פּאָליציי; נישט געווען אין זיי קיין ברעקל געוויסן און עלעמענטאַ־רער יושר.

קאָמבינאַציעס צו דערווייטערן פּאָליציי פון ים־ברעג

כדי די בריטישע פּאָליציאַנטן זאָלן אונדז נישט שטערן אַראָפּצונעמען די עולים אויף דער יבשה האָבן מיר אָנגעווענדט אַלערליי תירוצים און קאָמ־בינאַציעס כדי זיי צו דערווייטערן פון ים־ברעג.

איין מאָל האָבן מיר אין איינער פון די קאָלאָניעס אין שרון, וואָס אויפן ברעג ים, דורכגעפירט אַ „גניבה פון פערד״. די כלומרשט געגנבעטע פערד האָבן מיר געפירט אין דער ריכטונג צו אַן אַראַבישן דאָרף, וואָס געפינט זיך ווייט פון ברעג. דער אייגנטימער פון די געגנבעטע פערד איז געווען אונדזער אַ חבר און ער האָט, פאַרשטייט זיך, געוווסט וועגן דער מעשה און האָט אויך געגעבן זיין צושטימונג צום דאָזיקן „פאַרברעכן״. לויפט ער אין דער פּאָליציי און מעלדעט אַזאַ געשיכטע. נאָך האַלבער נאַכט האָט ער זיך אויפגעכאַפּט פלוצים פון שלאָף דערהערנדיק שטאַרקע קלעפּ אין זיין שטאַל. כאַפּט ער אַרויף אויף זיך זיין אַנטועכץ און שפּרינגט אַרויס אויפן הויף און אָט אין דעם מאָמענט זעט ער ווי גנבים, וועלכע האָבן אויפגעבראָכן די טיר פון שטאַל, דערווייטערן זיך מיט זיינע פערד מיטן וועג צו אַ דאָרף אין דער מזרח־זייט, דאָס הייסט אין דער פאַרקערטער ריכטונג פון ים־ברעג. די פּאָליציי האָט די מיטטיילונג אויפגענומען גאַנץ ערנסט און איז תיכף אַרויס אַניאָגן די גנבים. זי האָט געאיילט אָנצוקומען וואָס גיכער אויפן אָרט פון פאַרברעכן איידער די שפּורן פאַרשווינדן.

נאָך אַ לאַנגער און אויסמאַטערנדיקער יאָגעניש איבער פעלדער און טאָלן האָט די פּאָליציי מצליח געווען צו געפינען די געגנבעטע פערד און האָט זיך זייער געפרייט מיט איר הצלחה. די גניבה פון בהמות איז געווען פאַררעכנט צו דער קאַטעגאָריע פון ערנסטע גניבות און יעדער פּאָליציאַנט אָדער פּאָליציי־אָפיציר, וועלכער האָט אָנטיילגענומען אין דער אַנטדעקונג פון אַזאַ גניבה, האָט געקענט דערוואַרטן אַ געלט־פּרעמיע און אַ דערמאָנונג צום גוטן אין די פּאָליציי־באַפעלן.

אינצווישן, בשעת די פּאָליציאַנטן מיט זייערע אָפיצירן האָבן זיך געלאָזט הענדום־פּענדום אויף די שפּורן פון די פערד־גנבים, האָבן אונדזערע חברים אַראָפּגעבראַכט אויפן ברעג הונדערטער עולים, האָבן זיי אַריבערגעפירט אין די הייזער פון די יידישע קאָלאָניסטן אין דער סביבה, האָבן אויסבאַהאַלטן די שיפלעך אין וועלכע מ׳האָט די עולים אַריבערגעבראַכט צום ברעג. די שיף האָט פאַר דער צייט זיך אָפּגעטראָגן פון ברעג און מ׳האָט גאַנץ גרונטיק פאַררווישט אַלע שפּורן אויפן ברעג גופא.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס דאָזיקע שטיקל אַרבעט האָט מען געקענט דורכפירן נאָר מיט דער הסכמה פון יידישן פּאָליציי־אָפיציר, אָדער יידישן סערזשאַנט, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער פּאָליציי־סטאַציע, וואָס אין איר ראַיאָן איז אויסגעפירט געוואָרן די גניבה. מיט דער דאָזיקער מלאכה האָבן זיך פאַרנומען אונדזערע ש״י־חברים צוזאַמען מיט די אַקטיוויסטן פון דער אומלעגאַלער עליה.

כדי זיך אַרויסצודרייען פון דער פּאָליצייאישער השגחה האָבן מיר נישט איין מאָל געזאָרגט דערפאַר, אַז די פּאָליציאַנטן זאָלן איינגעלאַדן ווערן אָפטמאָל אויף אַן אָוונט מיט אַ גוטן צוביס און אַ שטאַרקן לחיים... מיר האָבן זיך באַמיט איינצואָרדנען דעם אָוונט וואָס ווייטער פון ברעג. די ברײ־

טישע פּאָליציאַנטן פלעגן אויפגענומען ווערן ווי זייער בכבודיקע געסט און מ׳פלעגט זיי מכבד זיין מיט אַ גוטן טרונק בראָנפן. מ׳האָט זיי קיין כּיבוד נישט געזשאַלעוועט... צו דער גלייכער צייט פלעגט אָנקומען צום ברעג אַ עולים־שיף, וועלכע האָט באַקומען פון אונדז אַ געהעריקן סיגנאַל. און ווען די בריטישע פּאָליציאַנטן האָבן פאַרבראַכט זייער צייט ביי געדעקטע טישן צו זייער פולער צופרידנקייט, פלעגן מיר אויך גיך דורכפירן די אַקציע און אַראָפּכאַפּן די עולים אויפן ברעג.

אין אַן אַנדער פאַל האָבן מיר דערוויטערט די בריטישע פּאָליצײ פון ברעג דורך דעם, וואָס מיר האָבן זיך באַשעפטיקט עטלעכע שעה מיט י׳אַנגע אויספאָרשונגען און אויפקלערונגען... די מעשה איז געווען אַזאַ:

אַ פּאַטרול פון אַראַבישע פרייוויליקע וועכטער האָט געכאַפּט אויפן ים־ברעג נעבן כּפר־ויתקין אַ חבר, וואָס האָט שפּאַצירט מיט אַ חברטע פון אַ נאָענטן קיבוץ. די אַראַבער האָבן חושד געווען — און מיט אַ גרונט! — אַז דער דאָזיקער שפּאַצירגאַנג איז אַ סימן, אַז ערגעץ אין דער סביבה גרייט מען זיך אַראָפּצונעמען עולים. נאָך דעם האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיי האָבן געהאַט דערויף אויך אַנדערע סימנים: זיי האָבן געזען עפּעס פאַרדעכטיקע פייערלעך, האָבן באַגעגנט פאַרלעך אין דער סביבה און אַזוי ווייטער.

דער חבר, וועלכן די אַראַבער האָבן געפּאַקט איז געווען אונדזער אַ חבר פון ש״י, וואָס איז ספּעציעל געשיקט געוואָרן פון תל־אביב. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו קריגן מיט די אַראַבער, האָט זיך נישט געלאָזן נעמען און האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט זיי אין דער פּאָליצײ. די אַמפּערניש האָט געדויערט אַרום אַ האַלבע שעה. עס זיינען תיכף אָנגעקומען אויפן אָרט בריטישע רייטער־פּאָליציאַנטן. די אַראַבער האָבן דערציילט דעם בריטישן סערזשאַנט, וואָס איז געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אַראַבישן פּאַטרול, אַז יידן דרייען זיך דאָ אַרום כּדי אַראָפּצונעמען עולים און אַז זיי געפינען זיך דאָ אין דער שליחות פון אַ רייכן אַראַבער אין דער סביבה, וועלכער האַלט אַ שמירה אויפן ברעג לויט אַן אָפּמאַך מיט די פּאָליצײ־אָרגאַנען. דער ש״י־מענטש האָט זיך אַריינגעמישט אינמיטן שמועס און האָט דערציילט די בריטישע פּאָליציאַנטן אַן אַנדערע ווערסיע פון אָט דער באַגעגעניש: בשעת ער האָט זיך אַזוי שפּאַצירט מיט זיין מיידל ביים ברעג ים, זיינען אָט די אַראַבער אים באַפאַלן, האָבן געוואָלט אַוועקכאַפּן דאָס מיידל און געפּרוווט אים שלאָגן. פאַרלאַנגט ער, אַז מ׳זאָל תיכף גיין אויף דער פּאָליצײ־סטאַציע און דורכפירן אַן אויספאָרשונג וועגן אַ פּרווו פון פאַרגוואַלטיקונג, וואָס אָט די אַראַבער האָבן געפּלאַנעוועט.

די אַראַבער האָבן זיך געפּרוווט פאַרטיידיקן און האָבן געטענהט, אַז זיי זיינען היטער פון געזעץ, אָבער דער סערזשאַנט האָט קיין ברירה נישט געהאַט. ער איז געווען געצוווּנגען צוזאַמענצונעמען די גאַנצע חברה, פאַרלאָזן דעם ברעג און גיין מיט אַלעמען צו דער נאָענטסטער פּאָליצײ־סטאַציע, וואָס האָט זיך געפונען אין אַ מרחק פון צוויי קילאָמעטער. מ׳האָט געדאַרפט

פאַרשרייבן די עדות־דערקלערונגען און אויספאָרשן דאָס מיידל גופא, וועל־כע האָט געטענהט, אַז זי פילט זיך נישט גוט איבערן פּחד, וואָס זי האָט איבערגעלעבט. דאָס אַלץ האָט צוגעשמידט די פּאָליציי אין דער סטאַציע אויף עטלעכע שעה און דער ים־ברעג איז אינצווישן געבליבן אָן שום שמירה...

געוועז „נאַטירלעכע״ פאַלן ווען די בריטישע פּאָליציי איז געווען באַ־שעפטיקט מיט אַ וועלכן ס'איז ענין און האָט נישט אַרויסגעשיקט קיין פּאַ־טרולן אויפן וועג. דעמאָלט פלעגן אונדזערע חברים אויף די פּאָליציי־סטאַ־ציעס אונדז איבערגעבן וועגן דעם און לויט זייער אינפאָרמאַציע פלעגן מיר וויסן ווי זין צו באַגיין און וואָס מיר האָבן צו טאָן אויפן ברעג ים.

און אָט מיט דער הילף פון די אינפאָרמאַציעס, וועלכע מיר פלעגן באַ־קומען פון געהיים־דינסט, פון די פּאָליציי־סטאַציעס און פון די פּאָליצייאי־שע אָבסערוואַטאָרן, האָט געקענט דער שטאָב פון עליה ב' פּלאַנירן זיין טע־טיקייט און געבן אָנווייזונגען די שיפן אויפן ים ווען זיי קענען צוקומען צום ברעג און ווען זיי דאַרפן פון דאָרט וואָס גיכער זיך אָפּטראָגן.

מיר זוכן מאַטעריאַלן וועגן „אומלעגאַלער עליה״

דער אַזוי גערופענער „אַנשטאַלט פאַר עליה ב'״ האָט געאַרבעט זעלב־שטענדיק. מיט אים האָט אויך אָנגעפירט און אים אינסטרואירט די הגנה. דער אַנשטאַלט האָט געאַרבעט אינעם גייסט און לויט די פּאָליטישע דירעק־טיוון פון די נאַציאָנאַלע אינסטיטוציעס. פאַרשטייט זיך, אַז אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס האָט אַרומגענומען טויזנטער מענטשן, אָרגאַניזאַציעס און אַנשטאַלטן אין די הונדערטער און האָט געווירקט אין פאַרשיידענע לענדער אין די האַפנס און אין אָפענע ימען — אַזאַ אַפּאַראַט האָט בשום אופן נישט גע־קענט בלייבן קאָנספּיראַטיוו. פונדעסטוועגן האָט דער עליה־אַנשטאַלט מצליח געווען אויפצוהיטן ווי ווייט מעגלעך זיינע סודות אַדאַנק דער טריישאַפט פון זיינע מיטאַרבעטער.

דער עליה־אַנשטאַלט האָט געהאַט אַליין דירעקטע פאַרבינדונגען מיט פיל רעגירונגס־באַאַמטע. ער פלעגט באַקומען דאָקומענטן און אינפאָרמאַציעס דורך דער פאַרמיטלונג פון זיינע מענטשן. די שליחים פון עליה ב' פלעגן באַקומען דירעקט ידיעות און דאָקומענטן פון בריטישע אינסטיטוציעס אין אויסלאַנד. די דאָזיקע שליחים האָבן כמעט אַלע געהערט צו דער הגנה. פיל ידיעות וואָס די פּאָליטישע אָפּטיילונג פון דער יידישער אַגענץ פלעגט באַ־קומען פון פאַרשיידענע קוואַלן אין לאַנד און אין אויסלאַנד פלעגן אויך אי־בערגעגעבן ווערן אין דעם עליה־שטאָב. אָבער ידיעות וועגן אָפּעראַטיווע אַק־ציעס (למשל דאָס פאַרהאַלטן עולים, אַרעסטן, פּאָליצייאישע לויערונגען וכדומה), ווי אויך דאָקומענטן און שריפטלעכע און מינדלעכע אינפאָרמאַ־

ציעס וועגן קאָנטר־אַקציעס פון דער רעגירונג און פון בריטישן געהיים־דינסט — אָט די אַלע מאַטעריאַלן פלעגט דער עליה־שטאַב באַקומען איבער־הויפּט פון ש״י, וועלכער האָט געהאַט זיינע וועגן און מיטלען צו זאַמלען אינפאָרמאַציעס, הן ביי דער פּאָליציי און הן אין ציווילן רעגירונגס־אַפּאַראַט.

וואָס שטאַרקער עס זיינען געוואָרן די רדיפות אויף דער העפלה (אומ־לעגאַלע עליה) אַלס פאַרצווייגטער און קאָמפּליצירטער איז געוואָרן אונדזער אַרבעט. די מאַכט האָט נישט געזשאַלעוועט קיין טירחה און קיין געלט. די צאָל דעטעקטיוון, אויספאָרשער און אַנדערע פונקציאָנערן, וועלכע זיינען גע־ווען אַנגעשטעלט צו באַקעמפן די אומלעגאַלע עליה — איז פאַרדאָפּלט גע־וואָרן. אָבער דאָס האָט נישט אָפּגעשוואַכט די העגט פון אונדזערע חברים, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיטן אַריבערברענגען די אומלעגאַלע עולים. אַ פאַקט איז אַז מיר האָבן געוווסט על פי רוב וועגן די צוגרייטונגען פון דער מאַכט און אירע קאַמפּס־פּלענער. דאָס האָט פאַרשטאַרקט אונדזער כוח און האָט אָפּגעשוואַכט דעם צד שכנגד.

מ׳האָט נישט געדאַרפט, פאַרשטייט זיך, באַזונדערס אינספּירירן אונ־דזערע חברים אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן, אָדער אין דער פּאָליציי און אין געהיים־דינסט, אַז מ׳דאַרף אויסגעפינען און צושטעלן ידיעות און דאָקו־מענטן, וועלכע האָבן אַ שייכות צו דער עליה. דאָס איז געווען פאַרשטענדלעך פון זיך אַליין. אונדזערע חברים פלעגן נישטערן און זוכן אין טיש־קעסטלעך און אין טעקעס און פלעגן זיך אויפמערקזאַם צוהערן צו אַלע שמועסן וועגן די עליה־אַנגעלעגנהייטן. אין די ערטער, ווו מיר האָבן נישט געהאַט קיין אייגענע מענטשן, האָבן מיר זיך באַמיט איינצואָרדענען אונדזערע חברים. מיטן כוח פון אונדזער עקשנות איז אונדז געלונגען אויך דאָס דורכצופירן.

אונדזער אויפגאַבע איז געווען זוכן בריוו, געזעץ־פּראָיעקטן, אָדער פאַר־שיידענע גזירות, וועלכע ווערן געפּלאַנט; אויסגעפינען ראַפּאָרטן, באַריכטן און דאָקומענטן, וועלכע באַהאַנדלען די ענינים פון דער אומלעגאַלער עליה; זיך צו באַקענען מיטן אַפּאַראַט, וועלכער אַרבעט קעגן אונדז; באַקומען פּרטים וועגן געוויסע דעטעקטיוון און די נעמען מיט די אַדרעסן פון די קאָנ־ספּיראַטיווע אַגענטן, וועלכע ווירקן אין אויסלאַנד — אויף וועלכע שפּראַכן זיי ריידן, צי זיי קאָנען יידיש און אַזוי ווייטער. אָט די אַלע ידיעות פלעגן מיר צושטעלן דעם העפלה־שטאַב, וואָס פלעגט די מאַטעריאַלן קאָנצענטרירן און באַאַרבעטן און פלעגט לויט זיי אויסאַרבעטן זיינע ווייטערדיקע פּלע־נער. אויף אָט דעם געביט, מער ווי אויף אַנדערע געביטן, איז אונדזער אַר־בעט געווען זייער אינטענסיוו. מיר האָבן געפירט אַן אומאויפהערלעכן קאַמף קעגן דער עליה־פּאָליטיק פון דער בריטישער מאַכט.

אָט ברענגען מיר אַ טעלעגראַמע, וואָס איז אָפּגעשיקט געוואָרן פון אַ בריטישן אַגענט אין טערקיי צו דער מאַכט אין יפו:


THE PALESTINE POLICE FORCE.

MESSAGE FORM

TO

FROM

District C.I.D.
Jaffa.
19th November 1938.

TO:- Port & Marine Haifa & Jaffa,
Discid Haifa & Jaffa; Divpol Tulkarm.

FROM:- Placid.

" Following steamers now enroute to Palestine from Greek waters. One, S.S.DRAGA, Greek flag, carrying two thousand rifles. Two, S.S. ELLI, Greek or Panama flag, carrying five hundred and forty illegal immigrants. Three, S.S.ARTHEMISA, Greek flag arriving at same time to establish contact in order to discharge cargoes. Caesarea is most likely to be used. All vessels expected within the next forty-eight hours. Available launches to patrol and districts to arrange land patrols. "

Decoded by :-

J.K. Rudman
917

אין אָט דער טעלעגראַמע ווערט איבערגעגעבן, אַז די שיף „דאריען" פון פּאַנאַמאַ איז אָפּגעשוואומען פון איסטאַמבול דעם 8טן מערץ אויפן וועג קיין פּאַלעסטינע.

זיי „באַשיצן" דאָס לאַנד פאַר דער עליה ב'

די אָפיציעלע איבערגאַנגס־פּונקטן ביי די גרענעצן זיינען געווען: ראש־הנקרא, מטולה, ראש־פינה, גשר־בנות־יעקב, טבריה, גשר־נהלים, גשר הירד־מוק, גשר שייך־חוסיין, גשר אלענבי, תאן־יונים, באר־שבע און קאַנטאַרא. אַלע אינסטרוקציעס וועגן עליה־ענינים פלעגן געשיקט ווערן על־פּי־רוב צו אָט די פּונקטן, אָבער קיין איין פּונקט איז נישט געווען קיין ערנסטער פאַק־טאָר אין קאַמף קעגן דער עליה ב'. דערפאַר זיינען אָבער געווען זייער וויכ־טיק די אָבסערוואַציע־פּונקטן אין גבעת־אולגה, כפר־ויתקין, סידנא־אלי און אלדזשורא. נאָך וואָגיקער זיינען אין דער הינזיכט געווען די פּאָליצייאישע שיפלעך — אָט די שווימענדיקע פּאָליציי־סטאַציעס און אויך די פּאָליציי־פּאַטרולן אין די האַפנס פון חיפה און יפו.

מיר פלעגן כמעט שטענדיק אַריינבאַקומען אין אונדזערע הענט קאָפּיעס פון די געוויינלעכע אינסטרוקציעס. די דאָזיקע אינסטרוקציעס האָבן אַנט־האַלטן אויך אַלגעמיינע זאַכן, וואָס זיינען נישט נוגע עמיגראַציע־ענינים און האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס פאַרן עליה־שטאַב. מיר זיינען געווען מער פאַראינטערעסירט אַרויסצובאַקומען די באַפעלן צו די אָבסערוואַציע־פּונקטן, צו די פּאָליציי־שיפלעך און די פּאָליציי פּאַטרולן אין די האַפנס. זיי זיינען געווען וויכטיק מחמת דעם וואָס דער קאַמף פון דער מאַכט קעגן דער אומ־לעגאַלער עליה האָט זיך געפירט בעיקר אויף די ים־וועגן.

אין די אָבסערוואַציע־פּונקטן פון דער פּאָליציי האָט זיך שטענדיק געפונען אַ פּלאַן פון ים־פּאַטרולן. אַ קאָפּיע דערפון פלעגט תמיד אַריינפאַלן אין די הענט פון ש"י און פון די עליה־אַנשטאַלטן. מיר האָבן זיך שוין אַזוי איינגעאָרדנט, אַז מיר פלעגן באַקומען דעם פּלאַן רעגולער פון איינעם פון די פיר אָבסערוואַציע־פּונקטן.

מיר האָבן געהאַט צונויפגעזאַמלט גאַנץ־גענויע ידיעות וועגן די פּאָלי־ציי־שיפלעך גופא, זייער שנעלקייט, די סימנים פון זייערע ראַדיאָ־זענדערס, זייער אויסשטאַטונג און אַזוי ווייטער.

וועגן די אָנווייזונגען וואָס די שיפלעך פלעגן באַקומען פון געהיים־דינסט, אָדער איינצלהייטן וועגן די ראַדיאָ־זענדונגען, וועלכע זיי האָבן זיך געהאַט איבערגעגעבן, פלעגן מיר זיך דערוויסן פון פאַרשיידענע קוועלן: מיר פלעגן די דאָזיקע זענדונגען אונטערהערן, אָדער מיר פלעגן פון ערגעץ אַרויס־לקחנען די געהעריקע דאָקומענטן.

אָט זיינען עטלעכע מוסטערן פון די איבערגעכאַפּטע דורך אונדז דאָ־קומענטן:

צו

אַלע פּאָליציי־שיפלעך

עס איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ראַפּאָרט, אַז אַ שיף מיטן נאָמען „גענים ביי״, אונטער אַ גריכישער פאָן, געפינט זיך איצט אין סולינא. זי איז געדונגען געוואָרן אַריבערצופירן אַ טראַנספּאָרט אומלעגאַלע יידן קיין פּאַלעסטינע. די שיף איז נישט פאַררעגיסטרירט, אָבער זי האָט אַ דערלויבעניש צו פירן פּאַסאַזשירן. די פאַרב איז אַ גראָע, צוויי מאַסטן, 572 טאָן, געבויט געוואָרן אין יאָר 1878. נעמט אָן מיטלען און מעלדעט.

און אָט איז נאָך אַ דאָקומענט פון דעם מין:

SECRET

A.I.G.
C.I.D.

PORT & MARINE DIVISION
PALESTINE POLICE FORCE
HAIFA P.O.B. 666

7th January, 1941

Subject : Illegal Immigration

Reliable information has been received that a vessel named the S/S GEORGIA intends embarking eighty illegal immigrants at Mersin and landing them on the Palestinian or Egyptian coast. The vessel left Haifa on 4/1/41 for Mersin and may return towards the end of this week.

LIEUT COMMANDER R.N.V.R.
D.S.P. PORT & MARINE

Copy to : Jaffa Sub Section
: All Launches
: All Coastguard Stations } For action

Copy of silhouette of vessel attached.

צו

אַלע פּאָליציי־שיפלעך און אָבסערוואַציע־פּונקטן.

7.1.1941

ענין: אומלעגאַלע עליה.

ס׳איז דערהאַלטן געוואָרן אַ מאַסגיביקע ידיעה, אַז אַ שיף מיטן נאָמען „דזשאָרדזשיא״ וועט אויפנעמען 80 אומלעגאַלע עמיגראַנטן אין מערסין און זיי ברענגען אין אַ ארץ־ישראלדיקן אָדער עגיפּטישן האַפן. די שיף האָט פאַרלאָזן חיפה דעם 4טן יאַנואַר אויפן וועג קיין מערסין און וועט זיך אומקערן סוף וואָך.

(חתימה)

ווי ס׳איז צו מערקן פון דאָזיקן דאָקומענט, פלעגן אַזעלכע אָנווייזונגען איבערגעשיקט ווערן אין צענטער און די דיסטריקט־ביוראָען פון געהיים־דינסט צו די פּאָליציי־סטאַציעס אויף די ברעגעס און ביי די גרענעצן, צו אַלע פּאָליציי־שיפלעך און אָבסערוואַציע־פּונקטן.

אַ קאָפּיע פון אַט די אינסטרוקציעס פלעגט ש״י תמיד אַרויסבאַקומען מיט אַלערליי מיטלען באַצייטנס.

אַט די אַלע באַפעלן און אָנווייזונגען זיינען פאַר אונדז געווען אַ וועגווייזער. מיר פלעגן זיי איבערשיקן אויטאָמאַטיש צו די אָנפירער פון דער עליה ב׳ און צום אָנפירער פון דער אויסלאָדונג פון די עולים ביים ברעג. לויט דער דאָזיקער אינפאָרמאַציע פלעגן זיי געבן די געהעריקע ריכטונג די שיפן און פעסטשטעלן, אין וועלכע פּונקטן פון ברעג עס קענען אין געגעבענעם מאָמענט זי׳ עולים אַראָפּגענומען ווערן פון דער שיף. מיר האָבן אויך געוווּסט, אַז צווישן די אָבסערוואַציע־פּונקטן, די שיפלעך אויפן ים און דעם צענטער פון געהיים־דינסט, איז פאַראַן אַ שטענדיקע ראַדיאָ־פאַרבינדונג. די רייטער־פּאַטרולן פלעגן זיך פאַרשטענדיקן מיט די שיפלעך דורך ראַקעטעס און מיר האָבן געוווּסט וואָס יעדע ראַקעטע באַדייט — דאָס איז געווען אָפּהענגיק פון די פאַרבן. די פּאָליציי פלעגט זיך באַנוצן אויך מיט פייער־סיגנאַלן. געווען אַ פאַרבינדונג מיט בריטישע קריגס־אַעראָפּלאַנען. און אַט די גאַנצע סיסטעם פון פאַרבינדונגען איז געווען באַקאַנט דעם עליה־שטאַב צו דער ריכטיקער צייט און אין אַלע פּרטים.

כדי איינצושטעלן אַן אַרבעטס־געמיינשאַפט צווישן דער פּאָליציי און דעם לופט־פלאָט זיינען איינגעאָרדנט געוואָרן קורסן פאַר אַ געוויסער צאָל בריטישע פּאָליציאַנטן. די קורסן האָבן געדויערט אַ גאַנצן חודש. די אַבסאָלווענטן פון די קורסן האָבן זיך געלערנט, מיט וועלכע סימנים מ׳דאַרף זיך באַנוצן כדי מ׳זאָל קענען סיגנאַליזירן די קריגס־אַעראָפּלאַנען אין אַ געמיינזאַמער אַקציע קעגן דער אומלעגאַלער עליה. איז אין אונדזערע הענט אַריינגעפאַלן די גענויע אינסטרוקציע און מיר האָבן אַזוי אַרום זיך דערוווּסט, וואָס די אָפּגערעדטע סימנים באַדייטן.

מיר האָבן זיך אויך דערוווּסט אַז אַ בריטישע קריגס־שיף אַרבעט צוזאַמען מיט די פּאָליציי־שיפלעך און אָבסערוואַציע־פּונקטן. אַ קאָנספּיראַטיווער דאָקומענט וואָס האָט רעגולירט די צוזאַמענאַרבעט פון דער פּאָליציי מיט די קריגס־שיפן, איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט, און מיר האָבן אים תיכף איבערגעשיקט די אָנפירער פון דער אומלעגאַלער עליה.

אַט איז דער דאָזיקער דאָקומענט.

אפרים דקל

100/3/GS.

SECRET

Criminal Investigation Department,
Headquarters, Palestine Police.
P.O.Box 850,
Jerusalem.

4th May 1939.

Port & Marine.
C.I.D. Haifa.
C.I.D. Jaffa.

Subject: Co-operation with H.M. Ships.

Further to secret circular No: 100/3/G/8 dated April 3rd. 1939.

2. A destroyer flotilla composed of H.M. Ships "Hero" (flag-ship) "Havock", "Hereward" and "Hotspur" arrived at Haifa on April 29th. to assist the Palestine Government preventive service in patrolling the coast, and preventing the landing of illegal immigrants and contraband.

3. The Commander of H.M. Ships has decided that one destroyer will be on patrol continuously. The destroyer on patrol will communicate by W/T to H.M. Ships in port who will transmit reports to Duty Officer, Haifa C.I.D. (telephone No: 532 Haifa) who, in turn, will dispose of such reports as may be necessary.

4. Reference para. 1 of the instructions to Police contained in my previous circular: Port and Marine will notify H.M. Ships when aircraft are leaving on seaward patrols.

5. Aircraft on patrol will communicate by W/T direct with Haifa Civil Airport who have been directed to relay messages to H.M. Ships and Duty Officer, Haifa C.I.D.

DEPUTY INSPECTOR-GENERAL.
C.I.D.

Copy to :- R.A.F.
Nablus District.
Gaza District.
Signals.

אין אַט דעם דאָקומענט, דאַטירט דעם 4טן מאַי 1939, ווערט איבער־געגעבן, אַז אַ גאַנצע פלאָטיליע פון בריטישע שיפן איז אָנגעקומען דעם 29סטן אַפּריל קיין חיפה, כדי צו העלפן די פּאָליציי־פּאַטרולן אין זייער קאַמף קעגן דער אומלעגאַלער עליה. די שיפן זאָלן אַליין פּאַטרולירן די ברעגעס. עס ווערן ווייטער אָנגעגעבן די איינצלהייטן פון דער אַרבעטס־געמיינשאַפט צווישן דער פּאָליציי און קעניגלעכן ים־פלאָט.

עס וואָלט געווען צו לאַנג צו דערציילן גענויער וועגן דער קאָאָרדינירטער טעטיקייט אין קאַמף קעגן דער עליה ב׳ פון אַלע באַוואָפנטע כוחות פון דער בריטישער מאַכט — אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט. מיר האָבן געהאַט אַן אויספירלעכע אינפאָרמאַציע וועגן אַט דער טעטיקייט. לאָמיר דאָ ברענגען צום ביישפּיל אייניקע ידיעות וועלכע זיינען צו אונדז רעכטצייטיק דערגאַנגען און וועלכע מיר האָבן תיכף איבערגעגעבן דעם עליה־שטאַב. דעם 22סטן יאַנואַר 1940 טיילט מיט דער צענטער פון בריטישן געהיים־דינסט אין ירושלים, אַז ס׳זיינען אָנגענומען געוואָרן מיטלען פעסטצושטעלן, ווו עס געפינט זיך די אומלעגאַלע שיף „הילדא" און עס ווערט אָנגעוויזן, אַז דער לופט־פלאָט וועט יעדע 15 מינוט איבערגעבן די ידיעות וועלכע ער וועט באַקומען וועגן דער אויסלאָדונג פון עולים.

דעם 27סטן מערץ 1941 באַפעלט דער צענטער פון געהיים־דינסט, אַז מ׳זאָל הייסן דעם קאַפּיטאַן פון דער שיף „סאַנדער" ער זאָל וואָס גיכער אַרויסשווימען אין ים. די פּאָליציי־שיפלעך זאָלן באַגלייטן די שיף ביז איבער די טעריטאָריעלע וואַסערן און זאָל זען, אַז די שיף זאָל זיך נישט אומקערן.

און אַט אַזוי, פון די אַלערליי אינפאָרמאַציעס, וועלכע מיר פלעגן באַקומען שריפטלעך און מינדלעך, פון אונדזערע חברים און פריינט אין די רעגירונגס־אינסטיטוציעס און אויך פון רעגירונגס־באַאַמטע, פּאָליציאַנטן, אָפיצירן, צאָל־באַאַמטע — פון אַט דעם פילפאַרביקן מאַטעריאַל האָט דער עליה־שטאַב געקענט באַקומען אַ קלאָר בילד וועגן די געפּלאַנטע אַקציעס פון דער מאַכט און אויף דעם סמך האָט דער שטאַב געקענט פּלאַנירן זיינע קעגן־אַקציעס. די אומלעגאַלע עליה איז דאָך געגאַנגען אין גרויסע מאַסשטאַבן טראָץ דער שטרענגער בלאָקאַדע פון די ארץ־ישראלדיקע ברעגעס — אַ בלאָקאַדע וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורך די בריטישע כוחות אויף דער יבשה, אויפן ים און אין דער לופט.

אויך אַהין דערגרייכט זייער האַנט!

אויך אַהין, אין די פונקטן פון וואַנעט עס פלעגט גיין די אומלעגאַלע עליה — פון יענער זייט ים — האָט דערלאַנגט די האַנט פון דער בריטישער מאַכט אין ארץ ישראל. עס זיינען אין גלות אָפּגעשיקט געוואָרן ענגלישע דעטעקטיוון, וועלכע קענען יידיש, כדי נאָכצופאָלגן ווי אַזוי די עליה

ווערט אָרגאַניזירט אויף די ערטער. די דאָזיקע שליחים זיינען געווען בריטישע פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן מיט יאָרן צוריק, נאָך פּאָר זייער אַרייַנטריט אין פּאָליציי־דינסט, געאַרבעט אָדער געלעבט צוזאַמען מיט יידישע משפּחות, וועלכע היטן אָפּ יידישע טראַדיציע און ריידן יידיש. דאָרט האָבן זיי באַקענט די שפּראַך און אויך יידישע מנהגים. איצט האָט דער בריטישער געהיים־דינסט אויסגענוצט זייערע דאָזיקע קענטענישן אינעם קאַמף קעגן דער עליה. אין דרום־דיסטריקט האָבן מיר געקענט דריי אַזעלכע דעטעקטיוון. ווען זיי פלעגן פּלוצים נעמען „אורלוויב" און פאַרלאָזן דאָס לאַנד, האָבן מיר געוווסט, אַז זיי פאָרן קיין אויסלאַנד וועגן די ענינים פון דער אומלעגאַלער עליה. מיר האָבן געהאַט אויך אַנדערע סימנים, וועלכע האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין ברעקל צוויפל, ווהין זיי לאָזן זיך. און דאַן פלעגן מיר גלייך מעלדן וועגן דעם דעם עליה־שטאַב און געבוי אָפּשילדערן דעם אויסערלעכן אויסזען פון די ספּעציעלע שליחים.

אַזוי למשל האָבן מיר שטענדיק געוווסט וועגן די פאַרענישן פון דעם געהיים־אַגענט ראַבינסאָן. ער האָט זיך געהאַלטן פאַר אַן ענגלענדער, אָבער אין דער אמתן איז ער געווען אַן אַרמענער, אָדער אַ ייד אַ משומד פון אַ צווייפלהאַפטן אָפּשטאַם. אויב ס'איז געווען אַ ספק בנוגע זיין אָפּשטאַם, איז אָבער נישט געווען קיין ספק בנוגע זיינע קוואַליפיקאַציעס. דאָס איז געווען פון יענעם טיפּ שמוציקע דעטעקטיוון, וועלכע פּרווון אַריינדרינגען אומעטום כדי צו שרייבן „ראַפּאָרטן" לויט זייער ווילקיר, ווי ס'האָט זיך זיי געגלוסט. זיין גאַנצע אויפפירונג האָט געוויזן, אַז ער איז פּעאיק אויך צו פאַרראַטן זיינע ברויטגעבער.

געווען נאָך אַ דעטעקטיוו, וועלכער האָט גערעדט אַ פליסיקן יידיש, אַפילו מיט אַ ליטווישן אַקצענט. ער האָט דערציילט, אַז זיין אַרבעטסגעבער אין ווייטשעפּל — דעם יידישן קוואַרטאַל אין לאָנדאָן — איז געווען אַ ייד אַ ליטוואַק. הגם דער דעטעקטיוו האָט זייער גוט געקענט די שפּראַך, איז ער אָבער געווען אַ גוי־גמור אין ענינים פון דער יידישער טראַדיציע. און געווען נאָך אַ דעטעקטיוו, וואָס האָט געקענט אַפילו אויף אויסנווייניק פיל ברכות און אויך די מאָרגן־תפילה „מודה אני". ער האָט געוווסט, וואָס אַזוינס עס איז בר־מצווה, ווי אַזוי מ'לייגט תפילין און האָט געקענט אונטערשיידן צווישן קידוש און קדיש. זיין נאָמען איז געווען דיקסאָן. און ווייל ער איז געווען אַזאַ מומחה אין יידישקייט, האָבן מיר אים אָנגערופן מ ש ה דיקסאָן.

מיר האָבן נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון אָט די דעטעקטיוון, אין לאַנד און אין אויסלאַנד. על פּי רוב האָבן מיר אויך געזען זייערע ראַפּאָרטן. די דאָזיקע ראַפּאָרטן האָבן געוויזן, אַז זיי האָבן טאַקע באַזוכט אייניקע צענטערן פון דער אומלעגאַלער עליה, האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל פון יידן אין אונטערגעהערט אַלץ וואָס זיי האָבן באַדאַרפט. אָבער דאָס וואָס זיי האָבן געקענט יידיש ריידן און געוווסט אייניקע יידישע מנהגים, האָט זיי נאָך

SECRET

PM/34/S PORT & MARINE DIVISION
PALESTINE POLICE FORCE
JAFFA P.O.B. 666

SECRET

6th October, 1941.

ALL LAUNCHES.
ALL COASTGUARD STS.
JAFFA SUB-SECTION.

Subject : Illegal Immigration -
M/V "STRUMA".

Reference: My even number of
25.9.41.

Information has been received to the effect that the M/V "STRUMA" is due to sail from Constanza for Palestine on the 8th October with Jewish immigrants.

T. A. BELLFIELD

LIEUT. COMMANDER R.N.V.R.
A/D.S.P. PORT & MARINE.

נישט געגעבן דעם שכל צו אָריענטירן זיך אין אַזעלכע ענינים, וועלכע זיי־נען געווען קאָנספּיראַטיוו און באַקאַנט נאָר אַ באַשרענקטער צאָל עליה־אַק־טיוויסטן. מ'קען זאָגן, אַז אונדזערע נאָכשפּירונגען און אונדזערע אינפאָר־מאַציעס בנוגע די שליחים־דעטעקטיוון פון דער בריטישער מאַכט — אינ־פאָרמאַציעס וועלכע מיר פלעגן באַקומען פון די געניטע עליה־פאָרשטייער אין די גלות־לענדער — האָבן געקלעקט כדי איינצוצוימען די דעטעקטיוון און פאַראַליזירן זייער שעדלעכע טעטיקייט.

דאָס איז אַ דאָקומענט פון דער פּאָליצײ, וועלכער אַנטהאַלט די ידיעה וועגן אַפּשווימען פון דער באַרימטער שיף „סטרומאַ“, וועלכע איז אויף אַ טראַגישן אופן אונטערגעגאַנגען צוזאַמען מיט אירע פּאַסאַזשירן־עולים. אין דאָזיקן פּאָליצײ־ראַפּאָרט ווערט מיטגעטיילט, אַז ס'איז דערהאַלטן געוואָרן אַ ידיעה, אַז די שיף „סטרומאַ“ גרייט זיך אַפּצושווימען פון קאָנסטאַנצע קיין ארץ ישראל דעם 8טן אָקטאָבער 1941 מיט יידישע אימיגראַנטן.

ווי באַקאַנט האָבן די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען נאָכן אומגליק, וואָס איז געשען מיט דער שיף „סטרומאַ“, געלייקנט, אַז זיי זאָלן האָבן אַ שייכות צום גאַנצן ענין...

דער דירעקטאָר פון געהיים־דינסט אַליין, צוויי פון זיינע געהילפן און היוכע באַאַמטע פון דער עמיגראַציע־אָפּטיילונג, האָבן אויך געפּרוווט נאָכ־שפּירן די עליה ב' אין אויסלאַנד. אָבער אויך וועגן זייערע דאָזיקע נסיעות האָבן אונדזערע חברים געקענט אונדז דערציילן. כמעט שטענדיק פלעגט פּאַסירן, אַז עמעצער פון אונדזערע חברים, וואָס אַרבעט אין די רעגירונגס־אַנשטאַלטן האָט געקענט באַקומען אינפאָרמאַציעס וועגן די נסיעות פון דעם מין. אונדזערע חברים פון די רעגירונגס־באַאַמטע האָבן אונדז פאַרזיכערט, אַז ס'איז אוממעגלעך זיי זאָלן נישט וויסן וועגן אַ נסיעה פון עמיצן קיין אויסלאַנד פאַר אַ באַשטימטן צוועק. אַפילו דער העכסטער באַאַמטער קען נישט פאָרן אָן אַ פּאַספּאָרט און אָן אַ וויזע, אָן אויסלענדישער וואַלוטע און אָן רעקאָמענדאַציע־בריוו צו די קאָנסולן, אַמבאַסאַדאָרן אאַז״וו. איז פאַר־שטייט זיך אוממעגלעך, אַז אַ וועלכע ס'איז ידיעה וועגן אַזאַ רייזע זאָל נישט דערגיין צו די פאַרטרויִלעכע יידישע באַאַמטע און דאָס הייסט צו אונדז...

אין איין פאַל האָט איינער פון די אָפיצירן זייער קונציק פאַרמאַסקירט זיין נסיעה ביזן לעצטן מאָמענט. אַפילו אונדזערע חברים האָבן געגלייבט, אַז ער פאָרט אויף אורלויב. ער איז געפאָרן מיט ווייב און קינדער. די צו־גרייטונגען צו דער נסיעה זיינען געווען געוויינלעכע און האָבן נישט גע־קענט דערוועקן קיין שום חשד. אין אַלע דאָקומענטן און פּאַפּירן איז געווען געשריבן, אַז ער, דער אָפיציר, און זיין פאַמיליע פאָרן אויף באַזוך צו זייע־רע פאַמיליעס. נאָר איין קליינער פּרט, אַ דינער שטריך איז נישט פאַרמאַס־קירט געוואָרן ווי ס'באַדאַרף צו זיין און דאָס האָט אונדז אַנטדעקט דעם גאַנצן ענין. ס'איז געשריבן געוואָרן פאַר אים אַ בריוו דורך דער אָרטיקער

פּאָליציי צו דער פּאָליציי אין ענגלאַנד אין שייכות מיטן דאָזיקן „אורלויב". דער בריוו איז געווען אין אָרדענונג. נאָר אין אים איז געווען באַצייכנט דער נומער פון דער טעקע, וואָס האָט געהערט צו די דאָקומענטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט די ענינים פון דער אומלעגאַלער עליה. ש״י האָט געהאַט אַ פולע רשימה פון אַלע טעקעס פון בריטישן געהיימ־דינסט מיט אַלע זייערע נומערן. איז ווי נאָר מיר האָבן געפּאַקט דעם פּאַרדעכטיקן נומער אין דערמאָנטן בריוו, האָבן מיר דערמיט געכאַפּט דעם פאָדעם און אַזוי איז אונדז קלאָר געוואָרן אַז דער אָפיציר איז אַרויסגעפאָרן אויף „אַרבעט" בנוגע דער אומלעגאַלער עליה.

און וויבאַלד מיר האָבן געקענט די מערהייט דעטעקטיוון און מיר האָבן אויך געוווסט די נומערן פון די טעקעס אין דער געהיימ־פּאָליציי און אין אַנדערע רעגירונגס־אַנשטאַלטן — טעקעס וועלכע קאָנצענטרירן די מאַטעריאַלן וועגן דער אומלעגאַלער עליה, האָבן מיר שוין געפונען אַ וועג צו דערלאַנגען צו יענע פּילצאָליקע ראַפּאָרטן וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן פון די שליחים, קאָנסולן, אַמבאַסאַדאָרן און וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיט אָט דעם צרהדיקן פּראָבלעם...

די בריטישע דעטעקטיוון און אַלערליי אַגענטן האָבן זיך כסדר אַרומגעדרייט אין די האַפנס אין אייראָפּע, און האָבן נישט אויפגעהערט צו שיקן טעלעגראַמעס און באַריכטן וועגן דער קאָנצענטראַציע פון די עולים, זייער אָפּשטאַם־לאַנד, זייער צאָל, די נעמען פון די שיפן און די דאַטעס פון זייער אָפּשווימען. כדי מיר זאָלן דאָס אַלץ דערגיין האָבן מיר געדאַרפט נאָר אַנטדעקן איין שפּעלטעלע, וואָס דורך אים זאָלן צו אונדז דערלאַנגען די אינפאָרמאַציעס. מיר האָבן געשטרעבט דערצו, אַז אָט דער אינפאָרמאַציע־קוואַל זאָל זיין אַ סטאַבילער, און מיר זאָלן נישט דאַרפן איטלעך מאָל זוכן נייע קוואַלן.

ווי געזאָגט, האָבן זיך באַשעפטיקט מיט די ענינים פון דער העפלה (אומלעגאַלע עליה) צענדליקער אַנשטאַלטן פון דער ציווילער מאַכט, פון מיליטער, פּאָליציי און געהיימ־דינסט. זיי פלעגן ס׳רוב באַקומען קאָפּיעס פון יענע ידיעות, וואָס פלעגן דערהאַלטן ווערן געוויינלעך פון אויסלאַנד. אונדזער אויפגאַבע איז געווען אויסצוגעפינען אין איינעם פון אָט די אַנשטאַלטן אַ שוואַכן פּונקט און אַזוי אַרום צו באַוואָרענען פאַר זיך די פליסיקע אינפאָרמאַציע. פאַרשטייט זיך, האָבן מיר געזאָרגט אויך פאַר אַ רעזערוו־פּונקט אויפן פאַל, אויב איין טיר וואָלט פאַר אונדז פאַרשלאָסן געוואָרן. אַזוי האָבן מיר געאַרבעט אין משך פון פיל יאָרן. מיט דער צייט האָבן מיר פאַרפולקאָמט אונדזערע מעטאָדן פון אַרויסקריגן אינפאָרמאַציע. מיר זיינען דערגאַנגען דערצו אַז ידיעות וועגן דער באַוועגונג פון די עולים־שיפן, וועלכע די אַגענטן אין אויסלאַנד פלעגן טעלעגראַפירן עקספּרעס, פלעגן אָנקומען אין די ביוראָען פון ש״י און אין עליה־שטאַב כמעט אין דער זעלביקער שעה, ווי זיי פלעגן דערהאַלטן ווערן דורכן אַדרעסאַט.

[illegible] C.I.D.
Jaffa.
10th November 1938.

TO:- Port & Marine Haifa & Jaffa,
Discid Haifa & Jaffa, Divpol Tulkarm.

FROM:- Placid.

" Following steamers now enroute to Palestine from Greek waters. One, S.S.DRAGA, Greek flag, carrying two thousand rifles. Two, S.S. ELLI, Greek or Panama flag, carrying five hundred and forty illegal immigrants. Three, S.S.ARTEMISA, Greek flag arriving at same time to establish contact in order to discharge cargoes. Caesarea is most likely to be used. All vessels expected within the next forty-eight hours. Available launches to patrol and districts to arrange land patrols. "

Decoded by :-

9/7

און אַט איז אַ ידיעה, וואָס איז געשיקט געוואָרן דורך די אַגענטן פון געהיים־דינסט אין אויסלאַנד צו זייער צענטער אין לאַנד און איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון ש״י צו דער גלייבער צייט:

אין דער דאָזיקער מעלדונג ווערט איבערגעגעבן וועגן די שיפן, וועלכע דאַרפן אָפּשווימען קיין ארץ ישראל פון די גריכישע וואַסערן. דער דאָקומענט איז דאַטירט דעם 10טן נאָוועמבער 1938. איין שיף מיטן נאָמען „דראַגא״ מיט אַ גריכישער פאָן אנטהאַלט צוויי טויזנט ביקסן. די שיף „עללי״ פירט 500 עולים. די שיף „ארטעמיסא״ דאַרף אָנקומען צו דער גלייכער צייט כדי איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט אויף אויסצולאָדן דעם באַגאַזש.

אין יאָר 1939 האָבן די שליחים פון בריטישן געהיים־דינסט באַזוכט אייניקע לענדער און האָבן געפאָרשט אויפן אָרט די ענינים פון דער אומלעגאַלער עליה. נאָך די פאָרשונגען איז צוגעשטעלט געוואָרן אַ ראַפּאָרט, וואָס פאַרנעמט 36 דרוק־בויגן. אויפן ראַפּאָרט איז געווען באַצייכנט: „שטרענג געהיים״. דער ראַפּאָרט איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ירושלים דעם 17טן מאַי 1939.

אין אָנהייב פון ראַפּאָרט איז פאַראַן אַזאַ באַמערקונג:

„דער דאָזיקער ראַפּאָרט איז באַזירט אויף רעזולטאַטן פון אַ גרונטיקער פאָרשונג פון דאָקומענטן, וועלכע זיינען דערהאַלטן געוואָרן פון געלונגענע רעוויזיעס אין אויטאָס און ביי זייערע פּאַסאַזשירן, פון אויספאָרשן אומלעגאַלע עולים, פון ראַפּאָרטן פון גע־

היים־אַגענטן, קאָרעספּאָנדענץ צווישן עולים און זייערע קרובים, וואָס איז געלייענט געוואָרן דורך דער צענזור. די עליה איז אַ פּאָליטישער וואָפן און ווערט געשטיצט דורכן וועלט־יידנטום".

דער ראַפּאָרט איז זייער אויספירלעך און לאַנג און באַהאַנדלט אַלערליי ענינים: די אָרגאַניזאַציע פון דער עליה אין ארץ ישראל און אין גלות, די אונטערשטיצונג פון פאַרשיידענע פאַקטאָרן און רעגירונגען, די פינאַנציעלע קוואַלן, דאָס איינקויפן אָדער דאָס דינגען שיפן, אינסטרוקטאָרן, ראַדיאָ־פאַרבינדונג; די וועגן פון דער נסיעה אין אייראָפּע און די פאַרלייכטערונגען, וואָס רעגירונגען גיבן דער עליה, אינפאָרמאַציעס וועגן שיפן, אַלגעמיינע אויפקלערונגען אאַז"וו.

אָט איז אַ קיצור פון אַ בריוו פון דעם לייטער פון דער בריטישער קאָנסולאַרישער סעקציע אין רומעניע, וועלכער האָט באַזוכט אין אויגוסט 1946 קאָנסטאַנץ:

די ציוניסטן וועלכע זיינען עקסטרעם אַרבעטן אויס פלאַמיקן נאַציאָנאַליזם. די קאָמוניסטן, וועלכע ווירקן לויט די אָנווייזונגען פון דרויסן נוצן אויס די געלעגנהייט אַרויסצורופן ביי מענטשן אַנטי־בריטישע געפילן. די אָרגאַניזאַציע פון דער באַוועגונג געפינט זיך אין בודאַפּעשט. געלטער ווערן אַריבערגעפירט דורך דער שווייץ. די ציוניסטן האַלטן נישט אונטער קיין באַציאונגען מיט די רוסן. דאָס אינערן־מיניסטעריום, וואָס האָט נישט אַגב קיין איבעריקן צוטרוי צום אויסערן־מיניסטעריום, פאַרנעמט זיך מיטן אַרויסגעבן עליה־דערלויבענישן, וויזעס און אַזוי ווייטער. פּריאָריטעט עולה צו זיין ווערט געגעבן יונגע מענטשן. מ'גיט איבער, אַז זיי האָבן דורכגעמאַכט מיליטערישע איבונגען און אויך איבונגען אין טעראָר־אַקציע. איך גלויב נישט די קלאַנגען, אַז די רוסן שיקן מיט די אומלעגאַלע עולים געווער און אויפרייס־מאַטעריאַל קיין פּאַלעסטינע. איך גלויב, אַז אַ געוויסע צאָל רוסישע יידן ווערן איינגעשלאָסן אין יעדן טראַנספּאָרט. די שיף „אנאסטאזיא" האָט אָפּגעלייגט איר נסיעה מחמת אונדזער פּראָטעסט.

אין אַ ראַפּאָרט וואָס פאַרנעמט פינף זייטן זיינען פאַראַן צוגאָב־פּרטים און נעמען פון מענטשן, וועלכע אַרבעטן אין נאָמען פון עליה־שטאַב.

אויך קאָפּיעס פון אָפיציעלע בריוו, וואָס בריטישע אַמבאַסאַדאָרן און געזאַנדטע פלעגן שיקן צו דער רעגירונג פון ארץ ישראל און צום בריטישן אויסערן־מיניסטעריום, פלעגן אויך אָפּטמאָל געפינען זייער וועג צום עליה־שטאַב. אָט איז אַ קורצער אינהאַלט פון אַ בריוו, וואָס איז געשיקט געוואָרן דעם אַכטן אויגוסט 1946 צום דעמאָלטיקן אויסערן מיניסטער ערנעסט בעווין פון בריטישן פאַרשטייער אין בוקאַרעשט. דער בריוו איז רעכטצייטיק אַריינגעפאַלן אין עליה־שטאַב:

„איך האָב דעם כבוד אייך צו שיקן דעם ראַפּאָרט פון מיס־טער קאַנדעל וועגן זיין באַזוך מיט אַ געווּיסער צייט צוריק אין קאָנסטאַנץ, אין שייכות מיטן אָפּשווימען פון אומלעגאַלע עולים אויף דער שיף „אגיע נאסטאזיא". קאַנדעל האָט באַקומען אינ־טערעסאַנטע ידיעות און האָט אָנגענומען מיטלען צו שטערן דעם אַרויסגאַנג פון דער שיף. כ'האָב דערקלערט דעם רומענישן אויס־סערן־מיניסטער, אַז ער וועט אין פּאַריז באַקומען אַ קאַלטן קבלת־פּנים אויב עס וועט נישט געלייגט ווערן קיין אַכט אויף אונדזערע פּראָטעסטן. קאַנדעל האָט באַקומען אַ פּריוואַטע הלוואה און האָט באַצאָלט פאַר די אינפאָרמאַציעס, וועלכע ער האָט געקראָגן. דער דאָזיקער באַריכט באַווייזט, ווי ריכטיק עס איז תיכף צו עפענען אַ קאָנסולאַט אין קאָנסטאַנץ. איך שיק די קאָפּיעס פונעם באַריכט צו די געזאַנדטע פון בריטאַניע אין וואַשינגטאָן און אין מאָסקווע צום בריטישן שטאַב פאַרן מיטעלן מזרח אין קאַירא און צום הויך־קאָמיסאַר אין ארץ־ישראל".

(חתימה)

עס איז איבעריק צוצוגעבן, ווי וויכטיק די דאָזיקע אינפאָרמאַציע איז געווען פאַר אונדז. דער עליה־שטאַב האָט געוווּסט צו קאָאָרדינירן און צו־נויפצופאָרן די מינדלעכע אינפאָרמאַציעס, טעלעגראַמעס, אונטערגעכאַפּטע טעלעפאָן־געשפּרעכן, קאָפּיעס פון בריוו און באַריכטן פון באַאַמטע אין לאַנד און קאָנסולן און אַמבאַסאַדאָרן פון חוץ־לארץ, און אויך אַנדערע ראַפּאָרטן — או ער פלעגט אויפן סמך פון אָט דעם פאַרשיידנאַרטיקן מאַטעריאַל אויסאַרבעטן אַ פּלאַן וואָס איז געווען אימשטאַנד צו שלאָגן איבערן כוח פון דער בריטישער מאַכט און צו שעדיקן דעם פּרעסטיזש פון אירע פּאָלי־טישע אָנפירער.

ווי געזאָגט, האָבן בריטישע אַגענטן זיך געפונען אין די האַפן־שטעט ביים מיטללענדישן ים און ביים שוואַרצן ים. יענע פלעגן טעלעגראַפיש מיט־טיילן וועגן יעדער שיף, וועלכע האָט געפירט אומלעגאַלע עולים. מעלדונגען פלעגן געשיקט ווערן פון דער מינוט אָן ווען די פאַרדעכטיקע שיף פלעגט אַריינגיין אינעם האַפן פון וואַנען די עולים דאַרפן טראַנספּאָרטירט ווערן.

אָט די אַלע ידיעות האָבן געהאַט אַ פּראַקטישן ווערט. זיי האָבן געקענט שטעלן אין סכנה די שיף צוזאַמען מיט די עולים. די בריטישע אַגענטן האָבן געקענט וויסן פיל איינצלהייטן וועגן די שיפן און וועגן די עולים, וועלכע גרייטן זיך אָפּצופאָרן. ס'איז געווען אוממעגלעך צו האַלטן בסוד, די שיף אַליין, וואָס פלעגט זיך באַווייזן אין האַפן אָדער ערגעץ דערנעבן, און ס'איז געווען אוממעגלעך אויסצוהיטן דעם דאָזיקן סוד פון די האַפן־אַרבעטער, פון די שיף־אַגענטן, אָדער אַנדערע ים־מענטשן. פאַרשטייט זיך, עס איז אוממעגלעך געווען אויך צו פירן קאָנספּיראַטיוו אַן ענין, וואָס איז נוגע הונדערטער פּאַסאַזשירן.

אונדזער ש"י איז געווען באַאויפטראגט צו באַקומען גענויע אינפאָר־מאַציעס ווי ווייט מעגלעך וועגן דעם אַלעם, וואָס איז באַקאַנט דער מאַכט בנוגע די שיפן אין די האַפנס, פון וואַנען די עליה איז געגאַנגען און אויך אויפן ים. האָבן מיר איינגעאָרדנט אונטערהער־אַפּאַראַטן, וועלכע כאַפּן אויף טעלעפאָן־געשפּרעכן און ראַדיאָ־זענדונגען. האָבן מיר זיך באַנוצט אויך מיט דער הילף פון אונדזערע חברים, וואָס זיינען געווען נאָענט צו די ש"י־מענטשן און האָבן געדינט ווי באַאַמטע, אָפיצירן און פּאָליציאַנטן. און אַזוי אַרום האָבן מיר געוווּסט כמעט אַלץ וואָס עס האָט געוווּסט דער בריטישער געהיים־דינסט.

אָט למשל האָבן מיר איבערגעכאַפּט פיר טעלעגראַמעס, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן פון צענטער פון געהיים־דינסט אין ארץ ישראל צו זיינע דיסטריקט־אָפּטיילונגען און צו די אָבסערוואַציע־פּונקטן אויף די ברעגעס פון ים. אין די טעלעגראַמעס ווערן איבערגעגעבן ידיעות וועגן די באַוועגונגען פון אַ „פאַרדעכטיקטער" שיף.

דעם 12טן יולי 1939 ווערט מיטגעטיילט אין אַ טעלעגראַמע, אַז די שיף „קאָלאָראַדאָ" איז אָפּגעשוווּמען פון ווארנא קיין קאָנסטאַנץ, אָן פּאַסאַ־זשירן, דערביי ווערט באַשריבן דער אויסערלעכער אויסזען פון דער שיף.

דעם 15טן יולי ווערט מיטגעטיילט, אַז „קאלאראדא" האָט דעם 14טן יולי פאַרלאָזן קאָנסטאַנץ און אויף איר דעק געפינען זיך „אומלעגאַלע" עולים. דעם 19טן יולי טעלעגראַפירט מען שוין, אַז „קאלאראדא" איז דעם 17טן יולי דריי אַזייגער בייטאָג דורכגעגאַנגען דעם באָספּאָר און פירט 400 יידן. דעם 27סטן יולי ווערט מיטגעטיילט, אַז „קאלאראדא" גייט פון ביי־רוט קיין פּאָרט סאַיד.

אָט די אַלע טעלעגראַמעס דערווייזן, אַז די אַגענטן פון געהיים־פּאָליציי האָבן נישט געזשאַלעוועט קיין טירחה און האָבן געשיקט זייערע אינפאָר־מאַציעס איינע נאָך דער אַנדערער. איר קענט זיך פאָרשטעלן, ווי שווער ס'איז געווען די לאַגע פון די עליה־אַקטיוויסטן, ווען זיי האָבן געוווּסט, אַז זייערע באַוועגונגען זיינען באַקאַנט דער בריטישער פּאָליציי און מיליטער, און פונדעסטוועגן האָבן זיי געפּרווּט זיך אַרויסצודרייען פון זייערע פאַר־פאָלגער און ברענגען די עולים קיין ישראל בשלום.

יאָ, פיל אַזעלכע פּרוּוון האָבן זיך איינגעגעבן — בעיקר אַ דאַנק דער ענערגיע און אַרבעט־פעיקייט פון עליה־שטאַב פון די יידישע ים־מענטשן און פון ש"י.

נייע המצאה פון דעטעקטיוון

כדי צו פאַרשוואַרצן דאָס פּנים פון די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע" עולים, איז דער בריטישער געהיים־דינסט געפאַלן אויף אַ נייער המצאה. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַבריצירן ידיעות, אַז צווישן די עולים געפינען זיך

אַגענטן פון שונא און בכלל אומגעוווּנטשענע עלעמענטן. לויט די אינ־פאָרמאַציעס, וועלכע מיר האָבן באַקומען, האָבן מיר געהאַט גענוג גרונט פעסטצושטעלן, אַז אַט די אויסטראַכטענישן זיינען פאַבריצירט געוואָרן לויט אַן אָנווייזונג אָדער אַ ווונק מצד די מאַכטהאָבער אָדער מצד דעם געהיים־דינסט. אויך אַזאַ אופן האָבן זיי געוואָלט אויסגעפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר זייערע געוויסנלאָזע מעשים. דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, און יעדע ידיעה וועגן „אַגענטן" פון שונא האָבן געקענט ווירקן אויף דער עפנטלעכער מיינונג, וואָס האָט בכלל נישט אַפּראָבירט די רדיפות פון דער מאַכט קעגן די עולים.


THE PALESTINE POLICE FORCE.

SECRET

TO

FROM

אין אַט דער געהיימער פאַראָרדענונג, וואָס די פאָטאָקאָפּיע דערפון ברענגען מיר דאָ, טיילט מיט דער בריטישער געהיים־דינסט זיינע דיסטריקט־אָפּטיילונגען וועגן אַ גרופּע פון דריי טויזנט יידן, וועלכע ווערן אַרויסגע־שיקט אויף פיר שיפן קיין ארץ ישראל. עס ווערט געגעבן אַ באַפעל אָנצו־נעמען די געהעריקע מיטלען. די פאַראָרדענונג איז דאַטירט דעם 26סטן סעפּ־טעמבער 1940.

און אַט איז אַ צווייטע פאַראָרדענונג פון געהיים־דינסט אין ירושלים,

דאַטירט דעם 16טן אָקטאָבער 1940, וועלכע דער ש"י האָט איבערגעכאַפּט. אין דער דאָזיקער פאַראָרדענונג ווערט געזאָגט:

„די אומלעגאַלע אימיגראַנטן, וועלכע געפינען זיך אויפן ים, און וואָס מ׳קען צו יעדן מאָמענט דערוואַרטן זייער אָנקומען, דאַרפן פאַרכאַפּט ווערן תיכף, ווי זיי ווען לאַנדן אויפן ברעג פון די קליי־נע שיפלעך. דאָס איז באַזונדערס וויכטיק, ווייל צווישן די אומלע־גאַלע געפינען זיך אָגענטן פון שונא. דער קעניגלעכער לופט־פלאָט וועט יעדן טאָג דורכפירן פלי־אָפּעראַציעס און וועט מיטטיילן וועגן די אָנקומענדיקע שיפן און וועגן זייער ריכטונג. די פּאָליציי און די גרענעץ־וואָך דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז דער דאָזיקער באַפעל זאָל פולשטענדיק אויסגעפירט ווערן".

אויך אין די יאָרן 1946 און 1947 האָט די בריטישע מאַכט געהאַט אַן ענלעכע דאגה. אָבער אין צווישן האָט זיך די מלחמה פאַרענדיקט. האָט מען שוין נישט געקענט אָפּרעדן מיטן תירוץ, אַז צווישן די עולים זיינען פאַראַן אַגענטן פון שונא, האָט מען זיך באַנוצט מיט אַן אַנדערן „איבער־צייגנדיקן" מאָטיוו: „טויזנטער אומלעגאַלע עולים קומען אָן אין לאַנד פון יענע מדינות, וואָס געפינען זיך אונטער דער סאָוועטישער אָקופּאַציע און השפעה, ווי למשל רומעניע. די סאָוועטישע אָקופּאַציע־אָרגאַנען האָבן גע־האָלפן זייער עליה".

אָט אָ די פאַרפאָלגונגען פון דער עליה, באַזונדערס נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָבן נישט געקענט געפינען קיין פאַרשטענדיקונג אין דער ברייטער געזעלשאַפט, טראָץ די פּרוּוון פון דער בריטישער מאַכט צו באַ־רעכטיקן זייערע מעשים מיט דער טענה, אַז זיי זוכן געהיימע אַגענטן פון שונא, אָדער אומגעוווּנטשענע עלעמענטן, אָדער, אַז די אומלעגאַלע עליה ווערט געשטיצט דורכן ראַטנפאַרבאַנד. מיר האָבן אַרויסבאַקומען די אינפאָר־מאַציעס וועגן די כוונות פון די מאַכט־אָרגאַנען — האָבן אונדזערע אינסטי־טוציעס געקענט אָפּן שטעמפּלען זייער צביעות, וואָס איז געווען אַזוי אויך גאַנץ דורכזיכטיק.

אַראַבער העלפן פאַרפאָלגן די עליה

די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן זיך באַמיט אַריינצוציען אויך די אַראַבער אין זייער קאַמף קעגן דער אומלעגאַלער עליה. די אַראַבער, וועלכע האָבן געוווינט לענגאויס די ברעגעס פון ים זיינען איינגעשפּאַנט געוואָרן אין דעם שווערן יאָך צו פירן אַ קאַמף קעגן דער יידישער עליה. דער אויסרייד איז געווען: אַראַבישער נאַציאָנאַליזם, אָבער פאַקטיש איז דאָס געווען אַן אַקציע, וואָס האָט געגעבן גאַנץ ממשותדיקע פּריוואַטע נוצן: די מיטבאַטיי־

ליקטע אַראַבער פלעגן באַקומען פּרעמיעס. מ׳האָט דערביי געקענט אויך זיך פאַרנעמען מיט רויבעריי, גניבות, שאַנטאַזש וכדומה.

ש״י האָט זיך דערוווּסט, אַז די אַזוי־גערופענע „קאַסע פון דער אַראַבישער נאַציע" האָט אַסיגנירט אויף דעם צוועק געוויסע סומעס און אַז די אַראַבער וועלכע אָרגאַניזירן די פּאַטרולן ביים ברעג ים, באַקומען גראַטיפיקאַציעס פון אָט דעם פאָנד. פיל פון די דאָזיקע „נאַציאָנאַלע" פּאַטרולן האָבן באַקומען אויך אַ באַלוינונג פאַר די אינפאָרמאַציעס, וועלכע זיי פלעגן ברענגען אין בריטישן געהיים־דינסט.

די אינפאָרמאַטאָרן פון ש״י האָבן אָנגערופן די נעמען פון אַראַבישע נאָטאַבלען, וועלכע זיינען געווען די שטריקל־ציער הינטער דעם ענגליש־אַראַבישן הסכם צו פאַרפּאַלגן די עליה. עס זיינען דערמאָנט געוואָרן די נעמען פון יוניס אל־חוסייני פון דער מופטי־משפחה, פון דירעקטאָר פון אַראַבישן באַנק אין ירושלים און אויך אַנדערע, זייער אָנטייל אין די קאָמיטעטן, וועלכע זיינען געגרינדעט געוואָרן פאַרן קאַמף קעגן דער עליה, האָט גענדאַרפט הייבן דעם אָנזען פון זייער „נאַציאָנאַליזם". ש״י האָט אויך געוווּסט די נעמען פון יענע אַראַבער, וואָס האָבן אָרגאַניזירט די אַראַבישע פּאַטרול־איינהייטן ביי די ברעגעס.

דער צוועק פון די דאָזיקע פּאַטרולן, וועלכע האָבן געדאַרפט קאָנטראָלירן די ברעגעס און כאַפּן די עולים, איז געווען צו שטערן דער עליה, אָבער די פּאַטרול־מענטשן האָבן, ווי געזאָגט, אייגעזען דערין בעיקר אַ געלעגנהייט דורכצופירן רויבערייען און גניבות אין יענע פאַלן, ווען זיי פלעגן כאַפּן שוצלאָזע עולים.

אין אונדזער אַרבעט האָבן מיר זיך פיל מאָל אָנגעשטויסן אויף אַזעלכע פאַלן, ווען אַראַבער וואָס האָבן געכאַפּט עולים, האָבן אָוועקגערויבט פון זיי זייערע זאַכן, אָדער זיי האָבן באַקומען פון זיי אויסקויף־געלט און האָבן באַפרייט די עולים אפילו נישט מיטטיילנדיק וועגן דעם דער פּאָליציי. למען האמת, מוז מען צוגעבן אַז אָט די מעשים פון רויב און שאַנטאַזש זיינען געמאַכט געוואָרן אָן דעם וויסן פון דער בריטישער פּאָליציי, וועלכע האָט נישט סטימולירט די דאָזיקע זייטיקע רווחים...

רויבערייען פלעגן די אַראַבישע וועכטער דורכפירן איבערהויפּט דאַן, ווען די עולים פלעגן קומען צום ברעג אין פּריוואַטע שיפלעך און יידן האָבן אויף זיי נישט געוואַרט, אָדער אין אַזעלכע פאַלן, ווען די עולים פלעגן אַריינפאַלן אין אַן אַראַבישער סביבה. אַזעלכע פאַלן האָבן פּאַסירט אין דרום־זייט פון יפו, אויף די זאַמדן פון נחל־רובין, אויף די זאַמדן פון ראשון לציון און אַנדערע. אָבער כמעט אין אַלע פאַלן פלעגט ש״י באַקומען רעכטצייטיק ידיעות וועגן אָנקומען פון עולים און פלעגט תיכף אָנגעמען מיטלען, אַז אונדזערע חברים־פּאָליציאַנטן, אָדער די הגנה־חברים פון דער נאָענטסטער סביבה זאָלן תיכף אַרויסקומען אויפן אָרט און צעשטערן די רויב־אַוואַנטורעס פון די אַראַבישע פּאַטרולן.

אַט למשל, ווי ס'איז צו זען פון אונדזוערס אַ באַריכט, זיינען דעם 18טן מאַי 1940 געכאַפּט געוואָרן עטלעכע גרופּעס עולים פון דער שיף „עגיוס ניקאָלאָס", בשעת זיי האָבן געבלאָנדזשעט אין דרום־טייל פון לאַנד. געכאַפּט האָבן זיי אַראַבער, וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו באַרויבן די עולים. צופעליק איז אָנגעקומען בריטיש מיליטער און האָט פּאַריאַגט די רויבער איז דער מאַסקע פון „ברעג־וועכטער". דריי מענטשן זיינען פאַרפאַלן געוואָרן אין די זאַמדן. די הגנה־חברים האָבן זיי געזוכט ביזן פרימאָרגן און האָבן געפונען נאָר צוויי פון זיי. דער דריטער איז פאַרשוואונדן.

אין אַ דאָקומענט פון בריטישן געהיים־דינסט פון אויגוסט 1942, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט, ווערט געזאָגט:

„אַ שיף מיט צוויי הונדערט עולים האָט פאַרלאָזט די וואַסערן פון גריכנלאַנד אויפן וועג קיין ארץ ישראל. די אומלעגאַלע עולים וועט מען אַראָפּלאָזן אויפן וועג נעבן הרצליה, ווייל אין דער געגנט פון נתניה געפינען זיך פיינטלעכע אַראַבער, וועט מען דאָרט זיכער די עולים נישט אַראָפּלאָזן. מ'דאַרף אָננעמען אַלע מיטלען".

און אַט ווערט איבערגעגעבן אין אַ באַריכט פון געהיים־דינסט פון 15טן נאָוועמבער 1945:

„אויף די גרענעצן פון ארץ ישראל אין לעוואַנט, האָבן זיך אָרגאַניזירט באַוואָפנטע אַראַבישע כנופיות, וואָס זייער ציל איז צו לויערן אויף גרופּעס עולים און צו שיסן אין זיי און אין זייערע אַראַבישע וועג־ווייזער".

אַט די אַלע פאַלן האָבן אויפגעהערט נאָך דעם ווען די הגנה־מענטשן האָבן געוואָרנט אין אייניקע ערטער די שאַנטאַזשיסטן, אַז זיי וועלן פאַר זייערע מעשים שווער באַשטראָפט ווערן. אגב, האָט מען אָנגענומען קעגן זיי געוויסע מיטלען. אַ גרופּע פלמחניקעס האָבן געגעבן אַן ערנסטע וואָרענונג די אַראַבישע שאַנטאַזשיסטן ביי דער צפון־גרענעץ פון לאַנד און די דאָזיקע וואָרענונג האָט זייער ערנסט געווירקט אויף די אַראַבער.

אראבער פון די דערפער וועלכע געפינען זיך ביי דער סירישער גרענעץ, האָבן זייער שטאַרק אָנגעהויבן שטערן די עולים וואָס פלעגן אָנקומען פון דער סירישער זייט. יעדע נאַכט פלעגן באַוואָפנטע אַראַבער אַרויסגיין אי־בער דער געגנט און ווען זיי פלעגן באַגעגענען אַ גרופּע עולים פלעגן זיי פאַ־דערן פון זיי געלט און דראָען דערביי מיט געווער. די באַגלייטער האָבן גע־וואָלט אויסמיידן איבעריקע טומלענישן, פלעגט מען זיי פאַרשטאָפּן די מייַ־לער מיט קליינע געלט־סומעס. אָבער דער אַפּעטיט פון די שאַנטאַזשיסטן איז געוואַקסן און צוגלייך איז גרעסער געוואָרן אויך זייער צאָל. איז די אַרומיקע דערפער האָט זיך פאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז ס'איז פאַראַן אַ לייכ־טע פרנסה און פיל אַראַבער האָבן זיך געכאַפּט צו דער דאָזיקער גרינגער מלאכה. ווען די עולים פלעגן פּטור ווערן פון איין גרופּע שאַנטאַזשיסטן, פלעגט באַלד דערשיינען אַ צווייטע, וואָס פלעגט ווידער מאָנען געלט און דראָען מיט רציחה, רויב און מסירה. און צי איז דען געווען אַ לייכטערע

אַרבעט ווי אויסקוועטשן געלט פון שוצלאָזע זקנים, פרויען און קינדער בשעת זיי האָבן זיך געפונען ביינאַכט צווישן גרענעצן און בערג, אין אַ הפקרדיקן געביט?

פון איין זייט זיינען זיי געווען אויסגעשטעלט אויפן „חסד״ פון רויבער און שאַנטאַזשיסטן. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי מורא געהאַט אַריינצו־פאַלן אין די הענט פון אַראַבישע און בריטישע פּאָליציאַנטן און אָפּגעשיקט צו ווערן צוריק אין יענעם לאַנד פון וואַנען זיי זיינען אַנטלאָפן. די פּלמ״ח־מענטשן וועלכע האָבן באַגלייט די גרופּעס עולים האָבן געפאָדערט מ׳זאָל מאַכן אַ סוף מיט כוח צו די ווילדע מעשים פון די שאַנטאַזשיסטן. די לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך, און די אַראַבישע שאַנטאַזשיסטן האָבן אפילו געפּרווט צעשטעכן איינעם פון די פּלמח־חברים. דאַן איז געגעבן געוואָרן אַ באַפעל אָפּצוצאָלן זיי פאַר זייערע מעשים און מאַכן אַ סוף צו די רויבע־רייען. אין איין פאַל האָט אַן אַראַבער אַרויסגעכאַפּט אַ מעסער און געטראָפן אַ פּלמחניק, האָט ער געכאַפּט דעם פּסק תיכף אויפן אָרט. רות, איינע פון די מיידלעך, וועלכע זיינען געגאַנגען מיט די באַגלייטערס, האָט אַ זעץ גע־געבן מיטן הענטל פון איר רעוואָלווער דעם אַראַבער אין קאָפּ און האָט אים שווער פאַרוואונדעט. אָבער דאָס אַליין איז געווען נאָך נישט גענוג, כדי איינ־צוצוימען די רויבער און שאַנטאַזשיסטן.

אין איינער אַ נאַכט איז אַ גרופּע פּלמחניקעס פון אַ מאַן פערציק אַריינ־געדרונגען צווישן די פעלזן ביי דער גרענעץ. איין טייל חברים האָבן זיך אויסבאַהאַלטן און די אַנדערע זיינען געגאַנגען ביי די סטעזשקעס איבער וועלכע מ׳האָט געוויינלעך געפירט די עולים. פּלוצלינג זיינען זיי אַרומ־גערינגלט געוואָרן דורך צענדליקער אַראַבער, באַוואָפנטע מיט ביקסן און רע־וואָלווערן, וואָס האָבן געפאָדערט געלט. זיי האָבן זיך אויפגעפירט זייער גראָב און געפּרווט אַראָפּשלעפּן מיט געוואַלד פון די „פּליטים״ זייערע מאַנטלען און אַנדערע זאַכן, וועלכע זיי האָבן פאַרמאָגט, זייענדיק זיכער, אַז אויך דאָס מאָל האָבן זיי צו טאָן מיט שוצלאָזע עולים און אַז קיינער וועט נישט וואַגן זיך אַנטקעגנצושטעלן.

אָבער דאָס מאָל האָט דער שפּיל לאַנג נישט געדויערט. פון צווישן די פעלזן, פון דער באַהעלטעניש זיינען פּלוצלינג דערשינען די פּלמח־חברים און האָבן געמאַכט תיכף אויפן אָרט דעם חשבון מיט די רויבער און שאַנטאַ־זשיסטן. זיי האָבן איבערגעלאָזן אויפן אָרט אַ געוויסע צאָל דערהרגעטע רויבער. די אַנדערע אַראַבער האָבן זיך געלאָזט לויפן, וואַרפנדיק דאָס גע־ווער. בלוטיקע שפּורן האָבן געפירט איבער די סטעזשקעס צווישן די באַרג־פעלזן. מ׳דאַרף אָננעמען אַז אויך די צאָל פאַרוואונדעטע איז געווען נישט קליין. פּאַטשיילעס און שיך זיינען געווען צעוואָרפן איבערן גאַנצן וועג. קענטיק, אַז זיי זיינען אַנטלאָפן אין דער גרעסטער בהלה.

דער קלאַנג וועגן דער מעשה האָט זיך פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד. אונדזערע חברים, וואָס האָבן געווירקט צווישן די אַראַבער האָבן אויך גע־

זאָרגט דערפאַר, אַז די מעשה זאָל באַקאַנט ווערן וואָס ברייטער און זיי האָבן צוגעגעבן, אַז אויב אָט די ווילדע מעשׂים פון די אַראַבישע שאַנטאַזשיסטן וועלן נישט אויפהערן, וועלן נאָך פאַלן ווייטערדיקע קרבנות אומעטום.

דער דאָזיקער אַנדייט איז גוט פאַרשטאַנען געוואָרן, און די „העלדן", וועלכע האָבן פריער שטאָלץ שפּאַצירט מיט ביקסן אויף די פּלייצעס און מיט אַראַבישע מעסערס אין די גאַרטלען, זיינען געוואָרן שטילע און שעמעוודיקע... בייטאָג האָבן זיי אויפגעהערט זיך צו באַווייזן אויס בושה און ביי נאַכט — אויס שרעק.

אמת, צוליב אָט דעם דאָזיקן בלוטיקן פאַל האָט מען געמוזט צייטווייליק איבעררייסן דאָס אַריבערפירן די עולים איבער דער גרענעץ אין יענע מקומות. אָבער ס׳האָט לאַנג נישט געדויערט און ווידער איז באַנייט געוואָרן די עליה נאָך מיט מער ענערגיע און אין גרעסערע טראַנספּאָרטן. דער גאַנצער שטח איז שוין געווען ריין פון שאַנטאַזשיסטן און רויבער...

אַראַבישע פּרעסע לייגט אויך צו אַ האַנט

די אַראַבישע פּרעסע אין ארץ ישראל האָט אויך געדינט ווי אַ הילף־אינסטרומענט פאַרן בריטישן געהיימ־דינסט אין זיינע פאַרפאָלגונגען פון דער אומלעגאַלער עליה. זי פלעגט גיסן בוימאייל אויפן שייטערהויפן פון די רדיפות און אין דעם פּרט האָט געפלאַקערט אַ מין קאָנקורענץ אויף נאַציאָנאַליזם צווישן איין אַראַבישער צייטונג און דער צווייטער. די פּרעסע אין די אַראַבישע לענדער האָט נאָך איבערגעשטיגן מיט איר גרילצנדיקער שרייאיקייט די אַראַבישע פּרעסע אין ארץ ישראל. די פאַלן, ווען מ׳פלעגט כאַפּן יידישע זקנים און קינדער ביי דער צפון־גרענעץ פון לאַנד, פלעגן אין דער פּרעסע פון די שכנותדיקע לענדער געשילדערט ווערן די העלדישע מעשׂים פון דער פּאָליציי פון לבנונישן אָדער סירישן מיליטער. עס איז כמעט אַ טאָג נישט אַריבער עס זאָל אין דער דאָזיקער פּרעסע נישט פאַרעפנטלעכט ווערן אַ פאַנטאַסטישע שילדערונג, אָדער אַן אויפגעבלאָזענע מעשה וועגן כאַפּן די עולים.

דער יידישער עליה־שטאַב און אויך ז׳ער בריטישער געהיימ־דינסט פלעגן זאַמלען די הויפּט־ידיעות, וועלכע פלעגן פאַרעפנטלעכט ווערן איז אָט דער פּרעסע, ווייל צייטנווייז האָט מען געקענט דאָרט געפינען אַ וויכטיקן פּרט, וואָס האָט באַרייכערט אונדזער אינפאָרמאַציע בכלל, אָדער האָט געקענט אויפקלערן און דערגאַנצן אַ ידיעה.

די אַראַבישע פּרעסע האָט געדינט אויך ווי אַ קאַנאַל אויף אַריבערצופירן אינפאָרמאַציעס צו דער פּאָליציי — אינפאָרמאַציעס, וואָס זייער ציל איז געווען צו שעדיקן דעם גאַנצן ענין פון דער עליה. אויב אפילו די צענזור אין ארץ ישראל פלעגט פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן אַ געוויסע ידיעה

אויף די צייטונגס־שפאַלטן, פלעגט מען דאָך דעם אינהאַלט פון דער „פסור־לער" ידיעה איבערגעבן דעם געהיים־דינסט.

ווי אַ ביישפּיל גיבן מיר דאָ אַ ידיעה, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר די אראבישע צייטונגען „א־דיפע" און „פאַלעסטיין" און וואָס דער געהיים־דינסט און די צענזור האָבן געפונען פאַר נייטיק איבערצוגעבן עס אַלע גרעניץ־פונקטן אין לאַנד:

אין דער מיטטיילונג פון שטאַב פון געהיים־דינסט אין ירושלים, דאַטירט דעם 22סטן אָקטאָבער 1945, ווערט איבערגעגעבן:

„אַ ראַפּאָרט פון צפת, וואָס שטיצט זיך אויף קאָמפּעטענטע אינסטיטוציעס, גיט איבער, אַז ס'זיינען פאַראַן אָפּטיילונגען פאַר דער אומלעגאַלער יידישער עליה און פאַר דער איבערפירונג פון געווער אין אַלע לבנונישע דערפער, וועלכע געפינען זיך ביי דער צפון־גרענעץ פון פאַלעסטינע (וייטער ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון די דערפער). זיי אַרבעטן צוזאַמען מיט די הויפּט־ביוראָען אין דמשק און ביירוט, וועלכע פירן אַריבער די אומלעגאַלע עולים אין אויטאָבוסן. זיי ווערן געבראַכט ביז אַ געוויסן פונקט, וואָס הייסט עין־פיט. פון דאָרטן ווערן זיי אַריבערגעפירט אין די יידישע דערפער אין חולה־געביט — כפר־סאַלד, דן, דפנא און כפר־גלעדי".

אמת, איבער די דאָזיקע גרענעצן איז געגאַנגען אויך אַן אומלעגאַלע אַראַבישע אימיגראַציע, אָבער וועגן דעם איז פאַרשטייט זיך קיין וואָרט ניט געווען געשריבן אין דער אַראַבישער פּרעסע און אויך די פּאָליציי האָט זיך דעריין נישט אַריינגעמישט.ביידע צדדים האָבן זיך געשטיצט אויפן פּירוש, וואָס די רעגירונג האָט געגעבן דער אראבישער אימיגראַציע: „די אַראַבישע איינוואַנדערונג איז אומגעזעצלעך נאָר אין דעם זין, וואָס זי פאָלגט נישט נאָך די געוויינלעכע באַפעלן וועגן עמיגראַציע, אָבער פאַקטיש איז זי נישט אומגעזעצלעך, ווייל זי איז אַ צופעליקע און אַ סעזאָנמעסיקע און די דאָזיקע אימיגראַנטן באַזעצן זיך נישט אין לאַנד אויף שטענדיק".

די דיסקרימינאַציע פון דער יידישער עליה איז דאָ אַזוי אָפן און גראָב, אַז ס'קען לייכט באַנעמען אויף ווי ווייט די אָנפירער פון דער מאַנדאַט־מאַכט האָבן נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר דעם ענין: זיי האָבן בכוונה געפעלשט באַגריפן.

אָט די דיפּלאָמאַטישע שפּיצלעך און תירוצים פון די מאַכטהאָבער האָבן, פאַרשטייט זיך, די יידישע געזעלשאַפט נישט איבערצייגט. מ'האָט נישט געגלויבט אָט די אַרויסדרייעניש און צביעותדיקע אויסטייטשונגען. פאַרקערט: וואָס שטאַרקער עס זיינען געווען די שטערונגען און באַשרענקונגען, אַלץ מער איז געוואַקסן די ענערגיע און ס'איז פאַרשטאַרקט געוואָרן די אַרבעט פון אַריבערברענגען די געראַטעוועטע פון היטלער־גיהנום יידן קיין ארץ

ישראל. די לאָגיק און גערעכטיקייט זיינען געווען שטאַרקער פון דעם פאַר־ברעכערישן געזעץ.

זייער אַוואַנטורע איז דורכגעפאַלן

אין דער אָפּטיילונג פון געהיים־דינסט אין יפו האָט געאַרבעט דער בריטישער דעטעקטיוו, וועלכן מיר האָבן פריער דערמאָנט אַלס „משה" דיק־סאָן. לויט זיין אויסערלעכן אויסזען איז ער געווען ענלעך צו אַ ייד. ער האָט גוט געקענט יידיש און געוווּסט פיל פון יידישע מנהגים. זיינע קענטעניש האָט ער זיך דערוואָרבן אין ענגלאַנד, ווו ער איז געווען אָן אָנגעשטעלטער אין משך פון פיל יאָרן ביי אַ פרומען יידן פון ווייטשעפּל, אין דעם יידישן קוואַרטאַל אין לאָנדאָן. ער פלעגט שטאָלצירן מיט זיינע קענטענישן און האָט געמאַכט אַן אָנשטעל פון אַ יידן־פּריינט. ס'רוב פלעגט ער זיך געפינען אין אַ יידישער געזעלשאַפט און ווען מ'פלעגט פאַרפירן אַ שמועס וועגן ענג־לענדער, פלעגט ער אַליין צוגעבן מיט שפּאָט וועגן זיינע פאָלקס־ברידער: „וואָס פאַרשטייען זיי, אָט די גוים?" די ש"י־מענטשן, האָבן אים גוט גע־קענט, אָבער זיי האָבן נישט געגלויבט אין זיין פריינטשאַפט, כל זמן מ'האָט זיך נישט דער־גרונטעוועט, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז און וואָס זיינען זיינע כוונות.

איין מאָל קומט ער צו איינעם פון זיינע באַקאַנטע, אַן אַמעריקאַנער ייד, וואָס איז געווען פון די טרייע ש"י־מענטשן, האָט אים פאָרגעשלאָגן זיין הילף אין ענינים פון דער עליה ב׳. היות ווי ער, דיקסאָן, איז דער ממונה איבער די פּאַטרול־שיפלעך אין דיסטריקט־געביט, איז ער גרייט פאַר אַן אָפּצאָל פון הונדערט פונט, אָדער פון איין פונט פער־קאָפּ — צו שיקן זיי־נע שיפלעך אין משך פון צוויי־דריי נעכט אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג פון אָרט, ווו די עולים דאַרפן לאַנדן. ער האָט פאַרזיכערט, אַז אָט דער שפּיצל וועט געלינגען, ווייל נאָר ער, אַלס ראש פון דער אָפּעראַציע־אָפּטיי־לונג, האָט רעכט צו שיקן די שיפלעך וווהין ער וויל. ער האָט פאָרגעשלאָגן מיר זאָלן נעמען אַן אַלט שיפל, אריינלייגן אין אים אַ ביסל נאַרקאָטיקן און עס איבערלאָזן אויף אַ געוויסן אָרט. דאַן וועט ער, צוזאַמען מיט די ים־פּאַטרולן, פּאַקן דאָס שיפל מיט די נאַרקאָטיקן און וועט זיך דערמיט באַ־שעפטיקן ביזן פרימאָרגן. אין צווישן וועלן מיר קענען וועגדן די עולים־שיף, וועלכע וועט אָנקומען אין יענער נאַכט, אין דער קעגנגעזעצטער ריכטונג און אַראָפּלאָזן די עולים אויפן ברעג.

מיר האָבן זיך פאַרבונדן מיט דעם הגנה־קאָמאַנדיר, וואָס האָט אָנגע־פירט מיט דער לאַנדונג פון די עולים אויפן ברעג, און אים איבערגעגעבן דעם פאָרשלאָג. אויך ער, פּונקט ווי מיר, האָבן שטאַרק געצווייפלט אין דער לאָיאַליטעט פון סערזשאַנט דיקסאָן. מיר האָבן אים חושד געווען, אַז ער וויל אונדז כאַפּן אין אַ פּאַסטקע. פונדעסטוועגן האָבן מיר געהאַלטן, אַז מ'דאַרף

זיין פֿאָרשלאָג אָננעמען. ס׳איז געווען וויכטיק צו וויסן וואָס עס שטעקט הינטער דער דאָזיקער „פּריינטשאַפֿט“ און דערגיין וואָס עס שטעלט מיט זיך פֿאָר אָט דער מענטש, וואָס דרייט זיך אַרום צווישן אונדז, שמעקט און נישטערט צופֿיל.

מיר האָבן אָנגענומען פֿאַרזיכט־מיטלען. מיר האָבן איינגעלייגט די הונ־דערט פֿונט ביי אַ מענטשן, צו וועלכן מיר און אויך דיקסאָן האָבן געהאַט צוטרוי. מיר האָבן אָפּגערעדט וועגן אַלע נייטיקע פּרטים און אויך באַשטימט די נאַכט, ווען די אַקציע דאַרף דורכגעפֿירט ווערן. דיקסאָן האָט געדאַרפֿט געבן אַ באַפֿעל די פּאַטרולן צו באַוועגן זיך אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג פֿון פּלאַץ, ווו מיר וועלן די עולים אַראָפּלאָזן.

פֿאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן נישט געשטעלט אין געפֿאַר קיין שיף פֿון די עולים, און מיר האָבן נישט געגעבן קיין אָנווייזונג קיין שום שיף זי זאָל זיך דערנענטערן צום ברעג. דאָס איז געווען נאָר אַ פּרווו צו קאָנטראָ־לירן די לאָיאַליטעט פֿון אָט דעם דיקסאָן און נישט מער. אַנשטאָט אַליין אַריינצופֿאַלן אין דער פּאַסטקע, האָבן מיר געוואָלט אַריינכאַפּן אים...

די צייט אויף דורכצופֿירן די „קאָאָרדינירטע“ אַקציע איז געווען באַ־שטימט צווישן 12 אַזייגער ביינאַכט און 6 אַזייגער אינדערפֿרי. מיר האָבן נאָכגעפֿאָלגט די בריטישע פּאַטרול־שיפֿלעך, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אין יפֿו־האַפֿן און מיר האָבן זיך איבערצייגט, אַז ער האָט מקיים געווען זיין צו־זאָג. פֿון די צוויי שיפֿלעך איז איינס בכלל נישט אַרויס פֿון האַפֿן און דאָס צווייטע איז אָפּגעשוואומען אין דער אָפּגערעדטער „פֿאַרקערטער“ ריכטונג...

אונדזער חשד האָט זיך באַרעכטיקט. ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל־פּונקט ווי ער וואָלט וועלן אויספֿירן זיין הבטחה. ער האָט קענטיק פֿאַר־שטאַנען, אַז מיר שפּירן נאָך דעם גאַנג פֿון די שיפֿלעך. אין דער זעלביקער נאַכט האָבן מיר אויפֿגעכאַפּט אַ ידיעה, וואָס איז איבערגעגעבן געוואָרן אין זיין נאָמען צו די פּאַטרול־שיפֿלעך, וועלכע געפֿינען זיך אין צפֿון־לאַנד, זיי זאָלן אָפּשווימען אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג און זען צו כאַפּן אַ שיף, וואָס לאָזט אַראָפּ אויפֿן ברעג יידישע עולים. די דאָזיקע שיפֿלעך, וועלכע ער האָט אַרויסגערופֿן פֿון חיפֿה, האָבן זיך אַרומגעדרייט איבערן ים ביז די פֿרימאָרגן־שעהן אין דער געגנט פֿון חדרה, כפֿר־ויתקין, נתניה און הרצליה, און האָבן זיך צוריקגעקערט מיט גאָרנישט. די פּאַסטקע, וועלכע ס׳האָט פֿאַרשטעקט פֿאַר אונדז „משה“ דיקסאָן איז דורכגעפֿאַלן. קענטיק, אַז ער האָט אונדז געהאַלטן פֿאַר נאַאיווע מענטשן וועלכע גלייבן אַ גוי, וואָס קען מאַכן אַ יידישע ברכה נאָכן עסן און קען פּליסיק ריידן יידיש...

דעם דעפּאָזיט פֿון די הונדערט פֿונט האָבן מיר באַקומען צוריק, און דיקסאָן האָט פֿאַרשטאַנען, אַז מ׳קען נישט אויסלאַכן די קאָמאַנדירן פֿון דער הגנה און העפּלה. זינט דעם דאָזיקן פֿאַל האָט ער אויפֿגעהערט זיך צו באַווייזן צווישן יידן און אין עטלעכע חדשים אַרום איז ער געווען געצוווּנ־גען צו פֿאַרלאָזן זיין אַמט און זיך צוריקקערן קיין ענגלאַנד. פֿאַר זיין נסיעה

האָבן מיר נאָך באַוויזן אויפצוקלערן, אַז די מעשה מיט דער פּאַסטקע האָט ער פאַרטראַכט מיטן וויסן פון די אָנפירער פון געהיים־דינסט אין דרום־דיסטריקט.

ווייטער גיבן מיר אַ פאָטאָקאָפּיע פון איינער פון די טעלעגראַמעס, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אין יענער נאַכט, ווען די בריטישע דעטעקטיוון זיינען געווען זיכער, אַז מיר וועלן אַריינפאַלן אין דער נעץ, וואָס זיי האָבן אויסגעשפּרייט פאַר די העפלה־אַקטיוויסטן און פאַר דער עולים־שיף — פאַר די יידן, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער נאַצי־דייטשער שווערד.

אָבער, ווי געזאָגט, איז זייער יאַגד נישט געלונגען און די יעגער האָבן אַנטפּלעקט זייער גאַנצע נאַרישקייט.



ס'באַפאַלט זיי אַ פּחד...

ס'איז באַקאַנט, אַז די הגנה האָט געהאַט דורכגעפירט אַ ריי סאַבאָ־טאַזש־אַקטן אין די פּאָליציי־אישע שיפלעך אויף די אָבסערוואַציע־פּונקטן נעבן סידנא־עלי, גבעת־אלגא און כפר־ויתקין, אויפן ברעג פון ים און אין איינער פון די בריטישע קריגס־שיפן, וואָס פלעגט עסקאָרטירן די געכאַפּטע עולים־שיפן צום אינדזל ציפּערן. נאָך אַט די אַלע מעשים האָבן די מאַכט־אָרגאַנען זיך אָנגעהויבן שרעקן עס זאָל נישט געשען עפּעס מיט אַנדערע זייערע איינריכטונגען, שיפן און שיפלעך.

פון צייט צו צייט פלעגן די מיליטער־קאָמאַנדירן און די ציווילע מאַכט אָפּהאַלטן באַראַטונגען און מ׳האָט געטראַכט וועלכע פּאָרזיכט־מיטלען קעגן נייע סאַבאָטאַזש־אַקטן דאַרפן אָנגענומען ווערן. האָט מען נאָמינירט ספּע־ציעלע זיכערקייט־אָפיצירן. די שיפן זיינען דערווייטערט געוואָרן פון די ברעגעס און ס׳זיינען געווען אויך ידיעות, אַז די שיפלעך, וועלכע האָבן גע־אַנקערט אין האַפן גופא, זיינען געווען אַרומגערינגלט מיט אַ קייט אונ־טערוואַסער־מינעס. אמת, מיר האָבן נישט געקענט פעסטשטעלן צי זיינען דאָס געווען ממשותדיקע מינעס, אָדער נאָר אָפּשרעק־מינעס.

מ׳האָט כסדר אַרויסגעלאָזן צירקולאַרן און ספּעציעלע באַפעלן וועגן „ענינים פון פאָרזיכטיקייט״. און ווען מיר האָבן אָט די דאָקומענטן גע־לייענט, האָבן מיר זיך איבערצייגט, ווי גרויס עס איז געווען דער פּחד, וואָס איז באַפאַלן די מאַכטהאָבער. די פאָרם פון קאַמף קעגן דער מאַכט — די שעדיקונג פון איינריכטונגען, שיפן און שיפלעך — איז געווען זייער פּראַק־טיש און עפעקטיוו. אָבער פיל גרעסער איז געווען די פּסיכאָלאָגישע ווירקונג: די מנוחה פון דער מאַכט וועלכע האָט פאַרפאַלגט אונדזער עליה, איז צעשטערט געוואָרן.

אויף וויפל די מאַכט־אָרגאַנען האָבן מורא געהאַט, קענען באַווייזן פיל דאָקומענטן, וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט און געפינען זיך אין אַרכיוו פון דער הגנה. לאָמיר דערמאָנען נאָר צוויי פון די דאָזיקע טשעקאַווע דאָקומענטן.

אין אַ געהיימען צירקולאַר, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דעם 13טן מאַי, דורכן זיכערקייטס־אָפיציר אין חיפה, איז געזאָגט געוואָרן:

1. מעגלעך, אַז באַוואָפנטע יידן, פאַרשטעלטע ווי בריטישע זעלנער, און וועלכע באַנוצן זיך מיט בריטישער קאָמוניקאַציע, וועלן פּרוּוון אַריינ־דרינגען אין האַפן־געביט, ווען די גרופּע בריטישע שיפן וועט זיך באַ־שעפטיקן מיטן פאַרטרייבן די אומלעגאַלע עולים.

   אַזאַ מין שריט פלעגט מיט דערפאָלג דורכגעפירט ווערן דורך די דייטשן: יענע פלעגן בשלום דורכגיין דורך מינעס־פעלדער מחמת דעם, וואָס זיי האָבן זיך באַוועגט לויט די שפּורן פון אונדזערע טאַנקן.

2. כדי אויסצומיידן אַזאַ אַריינדרינגעניש מוז יעדע מיליטערישע איינהייט, וואָס שיקט אַרויס אַ טראַנספּאָרט אין דעם האַפן, אַוועקשטעלן אַן אָפי־ציר ביים האַפן־טויער, כדי צו אידענטיפיצירן דעם שאָפער און די מענטשן פון יעדער אויטאָ אין זיין טראַנספּאָרט״.

דעם 6טן סעפּטעמבער 1946 איז אויפן דעק פון דער בריטישער שיף „מאַוריציוס״ אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן עקסטרא־זיצונג, אין וועלכער ס׳האָבן זיך באַטייליקט די קאָמאַנדירן פון פלאָט און מיליטער און אויך די פאָר־שטייער פון דער פּאָליציי, פון דער האַפן־לייטונג און פון די אייזנבאַנען. אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט מען באַהאַנדלט יענע פאָרזיכטיקייטס־מיט־

לען, וואָס מ׳דאַרף אָננעמען כדי אויסצומיידן סאַבאָטאַזש־אַקטן אינעם האַפן אין ים־אויסגוס פון חיפה. דער אָפיציעלער פּראָטאָקאָל איז אויך אַריינגע־פאַלן אין די הענט פון ש״י. לאָמיר זיך באַקענען מיט אייניקע פראַגמענטן פון דאָזיקן הויך־אינטערעסאַנטן דאָקומענט.

די מאַכט־אָרגאַנען פון האַפן — ווערט געזאָגט אין פּראָטאָקאָל — דאַרפן וואָרענען די קאַפּיטאַנען פון די שיפן, גלייך ביי זייער אָנקומען, אַז זיי דאַרפן אַנקערן לכל הפחות צוויי מייל פון ברעג, אויף וויפל דאָס וועטער דערלויבט דאָס.

פאַר דער גאַנצער צייט, הן אין האַפן און הן אין ים־אויסגוס, דאַרף מען גוט משגיח זיין צי צו דער שיף דערנענטערן זיך נישט קליינע שיפלעך און באַזונדערס שווימער. מ׳דאַרף אָננעמען אַלע מיטלען, כדי צו פאַרטרייבן די שווימער און נישט דערלאָזן די שיפלעך זיך צו דערנענטערן צו דער שיף. כל זמן עס איז נישט פעסטגעשטעלט געוואָרן מיט וועלכע צוועקן זיי קומען. מ׳קען זיך באַנוצן מיט הייס געווער, אויב דער קאַפּיטאַן איבערצייגט זיך, אַז מ׳האָט בדעה זיין שיף אָנצוגרייפן.

אין פאַל פון אַן אָנגריפס־געפאַר דאַרף דער קאַפּיטאַן געבן אַלאַרם־סיגנאַלן, דורך ראַקעטעס וכדומה.

מ׳דאַרף אַרומצאַמען דעם ברעג מיט שטעכיקן דראָט אין דער לענג פון זעקס מייל פון דער מזרח־ און צפון־זייט האַפן. די פּאָליציי דאַרף די אַרבעט אויספירן מיט דער הילף פון געוויינלעכע ציווילע אַרבעטער און דאַרף זיך דערביי באַראָטן מיט מיליטערישע ספּעציאַליסטן.

אַרום הונדערט מאַן דאַרפן אָוועקגעשטעלט ווערן אויף שמירה אין די פונקטן ביים דראָט־אָפּצוימונג פון דער ים־זייט. עס זאָלן אָוועקגעשטעלט ווערן צוויי רעפלעקטאָרן. דער שטח אין מערב־זייט פון דעם כוואַליעס־ברעכער, וואָס שליסט איין דעם יידישן קוואַרטאַל בת־גלים, שטעלט פאָר מיט זיך אַ סכנה. ס׳איז געווונטשן, אַז דאָ זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן אַ פּאַטרול.

די נאַפט־געזעלשאַפטן דאַרף מען אָנווייזן, אַז זיי מוזן אָננעמען נאָך אַנדערע פאָרזיכטיקייטס־מיטלען, כדי צו באַשיצן די שיפן נעבן די נאַפט־רערן.

די מאַכט־אָרגאַנען אין האַפן זאָלן איינשטעלן אַ סיסטעם פון אַ שטאַרקער באַלייכטונג אין אינערלעכן האַפן, כדי ס׳זאָל לייכטער זיין זיך אויס־צוהיטן קעגן סאַבאָטאַזש־אַקטן.

די האַפן־קאָמיסיע דאַרף צוזאַמען מיט דער האַפן־פאַרוואַלטונג באַטראַכטן דעם ענין ווי אַזוי צו געבן פאָר־רעכט די קריגס־שיפן און די שיפן, וועלכע פירן אַ רעגירונגס־לאַדונג, כדי צו פאַרקירצן די צייט, וואָס די שיפן מוזן זיין אין האַפן־געביט.

היות פון דער מערב־זייט פון אינערלעכן האַפן קען לייכטער אָנגעגריפן ווערן, זאָל די פּאָליציי אויפהייבן די פראַגע וועגן שליסן דעם יידישן יאַכט־קלוב, וואָס געפינט זיך דאָרטן".

אַט אַזעלכע האַרבע מאַסמיטלען האָבן די בריטישע מיליטערישע און ציווילע מאַכט־אָרגאַנען אויסגעאַרבעט כדי זיך צו שיצן קעגן די דיווערסיע־אַקטן מצד דער הגנה. נישט קליין איז משמעות געווען דער פחד וואָס איז באַפאַלן די בריטישע מאַנדאַט־מאַכט...

מיר האָבן געוווסט, אַז נישט איין מאָל האָבן זיי אומזיסט געציטערט און אַז זייערע מיליטערישע צוגרייטונגען זיינען אַ רעזולטאַט פון אַן איבער־געטריבענער אינפאָרמאַציע, אָדער פון אַ פוסטער פאַנטאַזיע. מיר האָבן געַ־ווּוסט, אַז בכלל די נעמען אַליין פון הגנה און פלמ״ח רופן אַרויס ביי זיי געפילן פון אומרו — נישט נאָר אין חלום נאָר אויך אין דער וואָר. די אַק־ציעס פון פלמ״ח, ווי דער אויפרייס פון די שיפלעך, וועלכע האָבן זיך גע־יאָגט נאָך די עולים איבערן ים, אָדער די צעשטערונג פון די אָבסערוואַציע־פונקטן אויפן ברעג, האָבן נאָך פאַרשטאַרקט די אימה און אָוועקגערויבט דעם שלאָף ביי די געזעץ־היטער, וועלכע זיינען אין זייער נערוועזיטעט באַגאַנ־גען אומפאַרציילעכע מעשים קעגן די געכאַפטע עולים. צווישן דער פאָליציי און די מיליטער־קרייזן זיינען געווען פיל, וועלכע האָבן דערמאָנט מיט אומ־כבוד דעם נאָמען פון בעווינען, וואָס האָט מיט זיין נאַרישער פּאָליטיק גע־בראַכט אויף זיי אַזאַ צרה, פון וועלכער, ווער ווייסט צי זיי וועלן קענען זיך בכלל אַרויספּלאָנטערן...

גירוש פון „אומלעגאַלע" עולים

די מאַנדאַט־מאַכט האָט אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן אין גרויסע מאַס־שטאַבן דעם גירוש פון די „אומלעגאַלע" עולים, וועלכע האָבן סוף־כל־סוף, נאָך לאַנגע צרות און מאַטערנישן זיך דערשלאָגן צו די ברעגעס פון אויסגע־טרוימטן לאַנד. ש״י האָט אַנטוויקלט אַ ריזן־מאַטעריאַל וועגן די פּלענער וואָס זיינען אויסגעאַרבעט געוואָרן פאַרן קאַמף קעגן די אומגליקלעכע עולים. דער עליה־שטאַב האָט געהאַט אין זיין רשות כמעט אַלע ראַפּאָרטן, אינ־סטרוקציעס און באַפעלן צו דער פאָליציי, צום מיליטער און צום געהיים־דינסט.

די באַפעלן פון דער אַזוי־גערופענער „פליער־דיוויזיע" צוזאַמען מיט אַלע צוגאָבלעכע דאָקומענטן זיינען אין 24 פאַלן פון גירוש פון די פליטים קיין ציפּערן, אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער הגנה און די אָנפירער פון יידישן ישוב, וועלכע האָבן געהאַט צו טאָן מיטן אָרגאַניזירן די עליה. אַזוי למשל זיינען אַריינגעפאַלן צו אונדז צוויי מעמאָראַנדומס־באַפעלן פון דער זעקסטער פליער־דיוויזיע — איינער פון דעם 12טן מערץ 1937 און דער צווייטער פון אַ שפּעטערדיקער דאַטע. אין אַט די באַפעלן איז אַלץ גענוי רעגולירט. ס׳ווערן געגעבן אויספירלעכע אָנווייזונגען, ווי אַזוי מ׳דאַרף באַ־האַנדלען די עולים אינעם האַפן און מחוץ אים, ווי אַזוי מ׳דאַרף כאַפּן די

עולים־שיף, וועלכע פאָזיציעס דאַרף מען דערביי פאַרנעמען אויפן ים און אויף דער יבשה, מיט וועלכן קאָדעקס מ'דאַרף זיך באַנוצן וכדומה.

די זעלבער און אָפיצירן זיינען אויפגעפּאָדערט געוואָרן אָפּצוטיילן די אָרגאַניזירער און די אָנפירער פון דער עליה פון די עולים גופא און זיי צו אַרעסטירן. אויף דער דאַזיקער באַפעל, דאַטירט דעם 28סטן יולי 1947 איז געווען אין אונדזערע הענט. האָבן מיר גלייך געוואָרנט אונדזערע מענטשן, וועלכע האָבן באַגלייט די עולים צו ציפערן זיי זאָלן זיך צופיל נישט וואַרפן אין די אויגן, כדי אויסצומיידן אַרעסטן.

Appx C

SECRET

WIRELESS DIAGRAM ILLEGAL IMMIGRATION

(To be considered standard unless other Instructions are issued)



f1 CRA Comd 4230
f2 Regtl Net 2930
Time of Netting H - 120 mins

Link Signs
MAIN GROUP Spare 10 }from 6 Airborne Div current
EMPIRE SHIP Spare 9 }code sign extract.
Remainder normal code and link signs

אַט איז אַ קאָפּיע פון אַ צייכענונג, אין וועלכער עס איז אָנגעוויזן די דיסלאָקאַציע פון די מיליטערישע איינהייטן, מיט זייערע ראַדיאָ־זענדערס — בשעת דעם אַריבערפירן די עולים פון זייער שיף אויף דער ענגלישער גירוש־שיף, וועלכע פלעגט זי אָפּפירן קיין ציפּערן.

די דאָזיקע צייכענונג קען געבן אַ באַגריף ווי וויכטיק עס זיינען געווען די ידיעות וועלכע דער עליה־שטאַב האָט אין יענע טעג זיך באַמיט צו באַקומען בנוגע אַלע ענינים פון דעם אכזריותדיקן גירוש פון די עולים:

דער פּלאַן איז געווען אויסגעאַרבעט אַזוי, אַז דער האַפן און די נאָענטע צו אים גאַסן זיינען געווען באַזעצט דורכן מיליטער. אין דרייצן פּונקטן זיינען איינגעשטעלט געוואָרן ראַדיאָ־זענדערס, וועלכע האָבן אונטערגעהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דער גירוש־שיף און מיט דער קריגס־שיף, וואָס האָט געהאַט אַ השגחה איבערן גירוש.

עליה אויפן יבשה־וועג

ווען דער היסטאָריקער וועט קומען אַמאָל פאַרנאָטירן דאָס קאַפּיטל פון דער „אומלעגאַלער" עליה, וועט ער זיך קענען שטיצן אויף די הונדערטער דאָקומענטן פון דער מאַנדאַט־מאַכט און איבערהויפּט אויף די דאָקומענטן פון בריטישן געהיים־דינסט, וועלכע האָבן באַהאַנדלט דעם דאָזיקן ענין. די דאָזיקע עליה איז כמעט אינגאַנצן געגאַנגען איבער די צפון־גרענעצן פון ארץ־ישראל. כמעט אין אַלע פּאָליציי־ראַפּאָרטן ווערן די יידישע ישובים אין צפון געטאַדלט ווי „שמוגלערס". אַ בכבודיקן פּלאַץ אין אַט די ראַפּאָרטן פאַרנעמט באַזונדערס דער קיבוץ כפר־גלעדי. אַט די געהיימע דאָקומענטן, וועלכע געפינען זיך עד היום אין אַרכיוו פון „מוסד לעליה ב'" זיינען באַקומען געוואָרן דורך ש"י, אָדער מיט דער הילף פון די דירעקטע פאַרבינדונגען פון עליה־שטאַב. אַ דאַנק אַט די אינפאָרמאַציע דאָקומענטן, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין אונדזערע הענט, האָבן מיר געקענט דיריגירן מיט דער „אינפילטראַציע" פון די עולים איבער די גרענעצן פון לבנון און סיריע. די דאָזיקע עליה איז געגאַנגען אומאויפהערלעך.

אָנהייב 1945 האָבן מיר מיט פאַרגעניגן געלייענט די ראַפּאָרטן פונעם דירעקטאָר פון בריטישן געהיים־דינסט אין ארץ־ישראל און פון זייערע אַגענטן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין סיריע און לבנון, כדי אויפן אָרט אויסצופאָרשן די וועגן פון דער אומלעגאַלער עליה. זייערע מיינונגען און אינפאָרמאַציעס זיינען געווען זייער אינטערסאַנט. אַט למשל האָבן זיי געשריבן:

„דאָס לאַנד (געמיינט ארץ ישראל) ציט צו יידישע עולים. און דער גאַנצער יידישער ישוב שטיצט די דאָזיקע דערשיינונג; די אָרגאַניזאַציע פון דער אומלעגאַלער עליה האָט אירע אָפּטיילונגען אין סיריע און לבנון; אַראַ־

בער פירן אַריבער יידן קיין פּאַלעסטינע פאַר אַ געלט־באַלוינונג: אַלע יידי־שע ישובים ביי דער גרענעץ געמען אויף די אומלעגאַלע עולים און העלפן זיי אַריינדרינגען אין לאַנד. כפר־גלעדי גיט די עולים אפילו אַ באַוואָפנטן עסקאָרט". און אַט דערציילט אונדז אַן אַנדער דאָקומענט, ווי אַזוי די בריטי־שע מאַכט איז אין אָנהויב 1946 געקומען צו אַ הסכם מיט דער לבנון־רעגי־רונג וועגן פאַרשטאַרקן די שמירה ביי די גרענעצן און אויך וועגן דעם מ'זאָל יענע מיליטערישע איינהייטן, וועלכע זיינען פאַרדעכטיקט אין נאַכלעסיקייט, זאָל פאַרביטן ווערן אויף אַנדערע, מער ענערגישע.

אין אַ מיליטערישן ראַפּאָרט פון 19טן פעברואַר, 1946, ווערט געזאָגט:

„די זעלנער פון לבנונישן רייטער־עסקאַדראָן זיינען לאָיאַל און פאַר־טרעטן דעם ווילן פון דער לבנון־מאַכט מיטצואַרבעטן מיטן בריטישן מילי־טער אין זיין אָנשטרענגונג צו פאַרצוימען די יבשה־וועגן פאַר דער „אומ־לעגאַלער עליה".

און אַט ווערט געזאָגט אין אַ צווייטן מיליטערישן ראַפּאָרט פון דעם 28סטן יאַנואַר 1946:

„די טשערקעסן־איינהייטן באַשטייען פון די זין פון אַ קליינער נאַציאָ־נאַלער מינדערהייט אין סיריע, וועלכע איז נישט באַליבט ביי די אַראַבער. מ'קען משער זיין, אַז די פיינטשאַפט פון די טשערקעסן צו יידן איז נישט קיין אויפריכטיקע. דעריבער פּאַסן זיי נישט פאַר דער אויפגאַבע אָפּצוהאַלטן די אומלעגאַלע עליה".

געווען אַ פאַל, ווען כפר־גלעדי איז אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די זעל־נער פון בריטישן גרענעץ־קאָרפּוס פאַרן אָפּזאָג אַרויסצוגעבן 70 עולים, וועל־כע זיינען אַריבער די גרענעץ און האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דעם קיבוץ. די חברים פון די נאָענטע יידישע ישובים זיינען געקומען צו הילף דעם כפר־גלעדי, און די זעלנער פון גרענעץ־קאָרפּוס האָבן צו זיי געשאָסן. איז אַריינ־געפאַלן אין אונדזערע הענט דער מיליטערישער ראַפּאָרט וועגן דאָזיקן פאַל. דער ראַפּאָרט איז דאַטירט דעם 15טן אָקטאָבער 1945 און איז צוגעשיקט־שטעלט געוואָרן אין דעם גענעראַל־שטאַב פון בריטישן מיליטער אויפן מי־טעלן מזרח. אינעם ראַפּאָרט ווערט דערציילט:

„די ראַפּאָרטן פון סיריע און לבנון באַווייזן, אַז ס'עקזיסטירט נאָך אַ באַוועגונג פון אומלעגאַלע עולים. דעם 6טן אָקטאָבער 1945 האָבן די זעלנער פון עבר־ירדנען גרענעץ־קאָרפּוס אַנטדעקט זיבעציק אומלעגאַלע עולים נעבן כפר־גלעדי. מיט דער הילף פון די איינוווינער איז די עולים געלונגען צו אַנטרינען אין כפר גלעדי, וואָס איז נאָך דעם אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די זעלנער. דער מוכתר (דאָרף־עלטסטער) האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרויסצוגעבן די „אומלעגאַלע". קאָלאָניסטן באַוואָפנטע מיט שטעקנס זיינען אָנגעקומען צום נאָענטסטן דאָרף מנרה און האָבן געפּרוווט דורכברעכן די באַלאַגערונג. ווי אַ רעזולטאַט דערפון האָבן די מיליטערישע כוחות געפונען פאַר נויטיק צו עפענען אויף זיי אַ פייער. ס'ווערט איבערגעגעבן אַז אויך פון דעם דאָרף

האָט מען געענטפערט מיט אַ שיסעריי. זיבן מענטשן פון מנרה זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן, צווי פון זיי געפערלעך. כדאי צו באַצייכענען, אַז איינער פון זיי משה יאבו איז א באקאנטער אַריבערפירער פון עולים. די באַלאַגערונג איז אַראָפּגענומען געוואָרן און די אומלעגאַלע זיינען נאָך פריי. דער דאָזיקער אינצידענט האָט אַרויסגערופן אַן אויפרעגונג אין גאַנצן לאַנד. די יידישע פרעסע און די קאָנספּיראַטיווע ראַדיאָ־סטאַציע האָבן צוגעגעבן דעם דאָזיקן פאַל אַ באַזונדערע וויכטיקייט און האָבן דעמאָנסטרירט די סאָלידאַריטעט פון יידישן ישוב מיט די געזעץ־ברעכער״.

פאַרשטייט זיך, אַז פיל פון די פאַקטן, וואָס דאָס מיליטער פלעגט פאַרגאַטירן אין זייערע ראַפּאָרטן זיינען געווען נישט ריכטיק און מ׳האָט זיי געדאַרפט אָפּלייקענען. ס׳איז דעריבער געווען וויכטיק, אַז אָט דאָס גאַנצע געהיימע מאַטעריאַל זאָל אַריינפאַלן אין אונדזערע הענט און געבראַכט ווערן צום וויסן פון עליה־שטאָב, וועלכער האָט אָנגעפירט אויך מיט דער עליה אויף דער יבשה. פיל בריטישע ראַפּאָרטן און אויך די מינדלעכע אינפאָרמאַציעס האָבן געטאַדלט די יידישע ישובים אין צפון פון לאַנד הלמאי זיי שמוגלען און העלפן די אומלעגאַלע עולים, פאַרלעצנדיק דערמיט דאָס געזעץ. אין ס׳רוב ידיעות פון די בריטישע קוואַלן איז באַטאָנט געוואָרן, אַז מ׳קען נישט דערוואַרטן, אַז אָט די יידישע דערפער אָדער דער גאַנצער יידישער ישוב זאָל ענדערן די דאָזיקע ליניע. די מענטשן פון כפר גלעדי זיינען געשילדערט געוואָרן ווי „געניטע שמוגלערס״ און דער פונקט אַליין ווי אַ פעסטונג, וואָס דעקט די גאַנצע אומלעגאַלע עליה.

און אָט זיינען עטלעכע געקירצטע פראַגמענטן פון אַ ראַפּאָרט פון 20סטן סעפּטעמבער 1945, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אין געהיים־דינסט מכוח די אומלעגאַלע עליה אין צפון פון לאַנד:

— די אומלעגאַלע עליה מיטן יבשה־וועג איבער די צפון־גרענעצן, האָט זיך פאַרשטאַרקט. דער אַראַבישער לעגיאָן אַרעסטירט איראַקישע יידן, וועלכע גייען אַריבער די גרענעצן.

— דריי יונגעלייט זיינען געכאַפּט געוואָרן נעבן דן מיט בריוו וואָס זיינען געווען באַשטימט פאַר סיריע. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו געבן אַ וועלכע ס׳איז דערקלערונג. פאַר די לעצטע טעג זיינען אָנגעקומען פון סיריע 500 יוגנטלעכע. אשדות־יעקב האָט אויפגענומען 45 פון זיי.

— דער קיבוץ דן דערפילט אַ וויכטיקע פונקציע אין די ענינים פון דער אומלעגאַלער עליה.

— דעם 9טן סעפּטעמבער 1945 זיינען נישט ווייט פון מפרק אַרעסטירט געוואָרן 26 יידן פון איראַק און פון פערסיע.

— ס׳איז באַקאַנט, אַז די הגנה און דער פלמ״ח באַשעפטיקן זיך מיט אומלעגאַלער עליה. צוליב אָט דעם צוועק זיינען 250 מאַן פון זיי קאָנצענטרירט געוואָרן אין צפון פון לאַנד.

— אַ ידיעה פון דמשק זאָגט, אַז פאַר די לעצטע וואָכן זיינען אַריבער קיין פּאַלעסטינע 1500 יידן. נאָך 3000 גרייטן זיך אויך דערצו.

— ס׳ווערט מיטגעטיילט, אַז אומלעגאַלע יידן זיינען אָנגעקומען קיין חניתא. די אויטאָבוסן פון דער דאָזיקער ליניע אַרבעטן בייטאָג כדי זיי אַריבערצופירן. גרופּעס יידישע יונגעלייט געפינען זיך ביי דער גרענעץ. פון אילון און חניתא שיקט מען אַריבער צו דער אומלעגאַלער יוגנט בלויע העמדלעך, רוקזעק און אַזוי ווייטער און מען ברענגט זיי אַריין קיין פּאַלעסטינע.

— כפר גלעדי באַגלייט די אומלעגאַלע מיט באַוואָפנטע פּאַטרולן. על פּי רוב גייען זיי דורך כפר בירים.

— די יידישע אָרגאַניזאַציעס „מכבי" און „בני ציון" אין ביירוט און אין דמשק זיינען אַקטיוו אין אַריבערפירן די אומלעגאַלע קיין ארץ ישראל".

דער ראַפּאָרט וואָס פאַרנעמט גאַנצע פינף זייטן דערציילט אויך וועגן אַראָפּנעמען די עולים פון די אַראַבישע שיפלעך אין נהריה, וועגן דער אָרגאַניזירונג פון דער אומלעגאַלער עליה אין גריכנלאַנד, טערקיי און עגיפּטן, וועגן די שיפן, וואָס מ׳האָט געדונגען כדי פאַרצוזעצן די עליה. ס׳ווערן אויך אָנגעגעבן נעמען פון יידן פון ארץ ישראל, וועלכע אָרגאַניזירן די עליה אין פאַרשיידענע לענדער. דער ראַפּאָרט איז אונטערגעשריבן דורכן לייטער פון געהיים־דינסט אין ארץ ישראל.

אונדזער שילדערונג וועט נישט זיין גאַנץ, אויב מיר וועלן בקיצור נישט דערציילן וועגן כפר־גלעדי (תל־חי), וואָס די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ „נעסט פון שמוגלערס".

דער קיבוץ איז געגרינדעט געוואָרן נאָך אין די טערקישע צייטן אין יאָר 1916 דורך די „אבות" פון דער הגנה — די אָנפירער און די חברים פון „השומר", ביי דער צפון־גרענעץ פון לאַנד. ער טראָגט דעם נאָמען פון ישראל גלעדי ז״ל, איינעם פון די „השומר"־גרינדער.

געפינענדיק זיך ביי דער סירישער גרענעץ, ווייט פון אַ יידישן ישוב, האָט דער קיבוץ געמוזט אויסשטיין איבערפאַלן און רויבערייען, וואָס פלעגן פּאַסירן אין דער סביבה במשך צענדליקער יאָרן. די סביבה האָט געווימלט מיט רויבער און שמוגלערס. כפר גלעדי האָט געדאַרפט קעמפן קעגן זיי און צעשטערן זייערע פּלענער. דער דאָזיקער קאַמף איז געפירט געוואָרן מיט מוט און קראַפט און דער קיבוץ איז ווייט באַרימט געוואָרן. אין די געצעלטן פון די בעדואינער און אין די שכנותדיקע אַראַבישע דערפער זיינען געוועבט געוואָרן לעגענדעס וועגן דער גבורה פון אָט דעם יידישן דאָרף און וועגן זיינע העלדישע איינוווינער.

ביים אָנהייב פון דער בריטישער הערשאַפט אין ארץ ישראל און פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט אין סיריע — אין יאָר 1920, זיינען אין הויף פון דאָזיקן קיבוץ אַריינגעדרונגען אַ גרופּע באַוואָפנטע אַראַבער. אין דער שיסעריי זיינען געפאַלן אַכט מאַן, צווישן זיי דער קאָמאַנדיר יוסף טרומפּעל־

דאָרט. אַ ריזיקע שטיינערנע מצבה באַצירט זייער קבר און יעדן יאָר זיינען עולה טויזנטער איינוווינער און יוגנטלעכע, כדי אָפּצוגעבן כבוד די געפאַלענע העלדן, וואָס סימבאָליזירן עד־היום יידישע גבורה.

בשעת די בלוטיקע געשעענישן אין ארץ ישראל האָבן אָט די לאַנד־אַרבעטער שומרים פאַרגעזעצט זייער אַרבעט מיט דער ביקס אויפן אַקסל, זיי זיינען צוריקגעטראָטן פאַר דראָאונגען און אָנפאַלן.

אין משך פון פיל יאָרן האָבן זיי געגעבן הילף די עולים און זיי אַריבערגעפירט איבער די גרענעצן פון סיריע און לבנון קיין ארץ ישראל. זייער ציוניסטישן און מענטשלעכן חוב האָבן זיי דערפילט טראָץ דעם פאַרבאָט פון דער בריטישער מאַכט און די אַראַבישע איבערפאַלן. זיי האָבן זיך אַליין און זייער גאַנץ פאַרמעגן געשטעלט צו דער דיספּאָזיציע פון אָט דער דערהויבענער אַקציע. פאַר זיי איז דאָס וואָרט „שמוגלערס" געווען אין דעם פאַל אַן ערן־טיטל...

די ייִנגערע יידישע ישובים, ווי דן, דפנה און אַנדערע, וועלכע ווערן אויך דערמאָנט אין די ראַפּאָרטן פון דער בריטישער פּאָליציי, זיינען געגאַנגען אין די וועגן פון זייערע עלטערע חברים, און זיי האָבן אויך „אַריבערגעשמוגלט" יידן קיין ארץ ישראל וויפל נאָר זיי האָבן געקענט.

פון די ראַפּאָרטן וועלכע זיינען אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט האָט מען געקענט דרינגען, אַז טראָץ דעם, וואָס די עליה אויפן יבשה־וועג האָט בּאַריזלט מיט קליינע שטראָמעלעך, האָבן די מאַכט־אָרגאַנען דאָך איר צוגעגעבן גרויס חשיבות. און נישטאָ זיך וואָס צו וווּנדערן איבער דעם: די עליה איז כסדר אָנגעגאַנגען, כמעט יעדע נאַכט, אָן אויפהער.

אָט די געבענטשטע אַקציע דאַרף מען שטעלן אויפן חשבון פון די „שמוגלערישע" יידישע ישובים און פונעם עליה־שטאַב.

עליה דורך די רייען פון באַזונדערן פוילישן מיליטער

ש״י און דאָס פוילישע מיליטער אין ארץ ישראל

פיר דיוויזיעס פון די רעשטן פון באַזיגטן פוילישן מיליטער זײַנען אָנגעקומען קיין ארץ ישראל פון רוסלאַנד — דורך פּערסיע, קאַזאַכסטאַן און איראַק. די צאָל זעלנער, צוזאַמען מיט זייערע משפּחה־מיטגלידער און ציווילע פּוילישע בירגער האָט דערגרייכט ביז 25 טויזנט, צווישן זיי אַרום 10־8 פּראָצענט יידן. די שליחים פון דער יידישער אַגענץ האָבן זיך געטראָפן מיט די יידן נאָך דאַן, ווען זיי זײַנען געווען אין טעהעראַן און באַגדאַד און האָבן זיי פאַרבונדן מיט די אַנשטאַלטן פון יידישן ישוב אין לאַנד. די שליחים האָבן באַקומען פון זיי ידיעות וועגן דעם, וואָס עס האָט פּאַסירט מיט די יידישע ישובים אין פּוילן און אויך אין די לענדער דורך וועלכע זיי זײַנען געגאַנגען.

דער אָנקום פון פּוילישן מיליטער האָט אַרויפגעלייגט אויף ש״י נײַע פונקציעס. הגם די דירעקטע אַרבעט מיטן אַרויסנעמען יידן פון מיליטער און זיי אײַנאָרדענען אין לאַנד איז געלעגן אין די הענט פון עליה־צענטער פון דער אַרבעטער־הסתדרות. צווישן פּוילישן מיליטער האָבן זיך אַנטפּלעקט סימנים פון אַנטיסעמיטיזם. געווען צווישן זיי אויך מענטשן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט דער בריטישער פּאָליציי און געהיים־דינסט. עס האָט זיך אויפגעקלערט, אַז אין מיליטער איז געווען אויך אַ היפּשע צאָל אונטערוועלטניקעס, דעטעקטיוון און פּראָוואָקאַטאָרן פון אַלערליי מינים. און ווי נאָר אַט די דאָזיקע טיפּן זײַנען אָנגעקומען אין לאַנד, האָבן זיי זיך אײַנגעשפּאַנט, לויטן אייגענעם איינזען, אָדער אין דער שליחות פון זייערע שעפן, אין דער אַרבעט פאַרן בריטישן געהיים־דינסט, וואָס האָט דאַן געאַרבעט זייער אַקטיוו קעגן דער עליה און העפּלה.

די פונקציע פון ש״י איז געווען צו אַנטדעקן די פאַרדעכטיקטע טיפּן אין פּוילישן מיליטער און צווישן די ציווילע פּוילישע אימיגראַנטן און וואָרענען קעגן זיי די הגנה און די אַנשטאַלטן. ש״י האָט אויך געדאַרפט מיטאַרבעטן מיט דער הגנה אינעם דורכפירן שטראָף־אַקציעס קעגן מוסרים און

פראוואָקאַטאָרן, וואָס זיינען אַנטדעקט געוואָרן און וואָס זייער שולד איז דערוויזן געוואָרן. די שטראָף־אַקציעס האָבן געדאַרפט דינען ווי אַ וואָרנונג און ווי אַ לעקציע פאַר אַנדערע, און באמת, די שטראָף־אַקציעס וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן — ס'רוב לויט באַפעלן און געריכט־אורטיילן — האָבן דערגרייכט זייער ציל: די צאָל מוסרים איז געפאַלן.

די שנאה צו יידן האָט געשטאַמט בעיקר פון די העכערע אָפיצירן פון פוילישן מיליטער. הגם, זיי האָבן געליטן מפלות און האָבן זיך אַליין געפונען אין גלות, האָבן זיי זיך נישט אָפּגעוווינט פון זייער גאוותדיקער פאַרריסנקייט און פון דער אַנטיסעמיטישער פלאָג. אין אָנהייב 1941 איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אַ באַפעל פון גענעראַל אַנדערס, פון וועלכן מען האָט געקענט פאַרשטיין, וואָס מיר קענען דערוואַרטן פון אָט דעם מיליטער, וואָס זיין העכסטער קאָמאַנדיר — הגם ער איז אָפּהענגיק פון פרעמדן חסד — איז ער נאָך אָנגעשטעקט מיט די באַצילן פון אַנטיסעמיטיזם.

דער דאָזיקער דאָקומענט איז אַ פירוש פון גענעראַל אַנדערס צו אַ באַפעל פון העכערן פוילישן קאָמאַנדיר סיקאָרסקי. גענעראַל אַנדערס האָט געפונען פאַר נייטיק צו פאַרעפנטלעכן אַזאַ מין צירקולאַר, דעם 30סטן נאָוועמבער 1941:

„דער באַפעל פון גענעראַל סיקאָרסקי — ווערט געזאָגט אין דעם צירקולאַר — קלערט אויף אַבסאָלוט און אָפיציעל דעם פּאָליטישן קרעדאָ פון גענעראַל סיקאָרסקי, דעם קאָמאַנדיר פון פוילישן מיליטער, אין דער יידן־פראַגע. איך וואָלט נישט געוואָלט, אַז די קאָמאַנדירן זאָלן מיך פאַרשטיין נישט ווי געהעריק. כ'פאַרשטיי גאַנץ גוט די סיבות פון אַנטיסעמיטישע אומרוען אין די רייען פון מיליטער: זיי זיינען אַן אָפּקלאַנג פון דער נישט־אויפריכטיקער און אָפטמאָל פיינטלעכער אויפפירונג פון די יידן אויף די פוילישע קרעסן אין דער תקופה פון אונדזערע צרות אין די יאָרן 1939־1940. איך וואונדער זיך נישט דעריבער, וואָס אונדזערע זעלנער, פלאַמיקע פּאַטריאָטן הייבן נישט איין מאָל אויף אָט די פראַגע אין דער גאַנצער שאַרפקייט, ווען זיי האָבן דעם חשד אַז אונדזער רעגירונג און אונדזער מיליטער גרייטן זיך איבערצוגיין צום סדר־היום איבער די דערפאַרונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט.

„פון דאָזיקן שטאַנדפּונקט קען אונדזער באַשיצונג פון יידן זיי שיינען צו זיין משונהדיק אומפאַרשטענדלעך און אומגערעכטיק פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט.

„אָבער אונדזער איצטיקע פּאָליטיק, וואָס איז ענג פאַרבונדן מיט דער ענגלישער פּאָליטיק, איז געצוווּנגען זיך צו באַציען פּאָזיטיוו צו יידן, וואָס זייער השפעה איז גאַנץ וואָגיק און זייער קענטיק אין דער אַנגלאָ־זאַקסישער וועלט.

„אַלע זעלנער דאַרפן פאַרשטיין, אָן שום תנאי, אַז די טובה פון אונדזער פּאָליטיק פאָדערט זיך נישט צו רייצן מיט יידן, ווייל דער אַנטיסעמי־

טיזם קען איצט פאַרשאַפן זייער שלעכטע קאָנסעקווענצן דער פוילישער זאַך.

„מיין אָנווייזונג איז דעריבער אויפצוקלערן אונדזער פּאָזיציע אויף אַ געהעריקן, פּאַרזיכטיקן אופן די מיליטערישע איינהייטן, וועלכע זיינען אייך אונטערגעאָרדנט און קלאָר וואָרנען די לייטענאַנטס און היציקע עלעמענטן אַז ס׳קענען נישט דערלאָזט ווערן איצט סיכסוכים מיט יידן און אַז אַזעלכע סיכסוכים וועלן אַרויסרופן האַרבע שטראָפן פון מיין זייט, ווייל דאָס זיינען מעשים וואָס ברענגען שאָדן אונדזער זאַך. און ווען מיר וועלן ווידער זיין באַלעבאַטים אין אונדזער הויז, נאָך דעם ווי מיר וועלן זיגן אין קאַמף, וועלן מיר אויך לייזן די יידן־פּראַגע, אַזוי ווי דאָס וועט פאָדערן די אומאָפּהענגיקייט און גרויסקייט פון אונדזער פאָטערלאַנד און אויך דער פּשוטער מענטשלעכער יושר."

אויפן דאָזיקן דאָקומענט איז אונטערגעשריבן גענעראַל אַנדערס, „דער קאָמאַנדיר פון פוילישן מיליטער אין ס. ס. ס. ר."

דער אַנטיסעמיטישער אינהאַלט פון דאָזיקן דאָקומענט און אַנדערע אַנטפּלעקונגען פון פיינטשאַפט צו יידן אין פוילישן מיליטער — אַן ענין, וואָס איז מיט דער צייט קלאָר געוואָרן דעם ש״י — האָבן באַשטעטיקט די נויטווענדיקייט אָפּצוטיילן יידן פון אַט דעם פאַרפעסטעטן ציבור. עס איז געווען נויטיק נאָכצושפּירן שטענדיק און עפעקטיוו דאָס אַלץ וואָס ס׳קומט פאָר אין דער דאָזיקער מחנה כל זמן פוילישע זעלנער געפינען זיך אין ארץ ישראל אָדער אין די נאָענטע אַראַבישע לענדער.

די עליה־אָפּטיילונג פון „עד הפּועל פון דער אַרבעטער־הסתדרות האָט געבילדעט אַ באַזונדערע ביוראָ, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן אַריבערפירן יידישע זעלנער פון פוילישן מיליטער און מיטן איינאָרדענען זיי אין לאַנד. דאָס איז געמאַכט געוואָרן אויפן אומלעגאַלן אופן. די דאָזיקע אַקציע האָט געהאַט אַ צווייפאַכיקן נוצן: ערשטנס האָט מען אַרויסגענומען יידן פון געפערלעכן אַנטיסעמיטישן נעסט און צווייטנס — האָט מען אַזוי אַרום פאַרגרעסערט דעם יידישן ישוב דורך אַט דער אומלעגאַלער עליה אין די ראַמען פון פוילישן מיליטער. אויף אַזאַ וועג האָט מען אַריינגעבראַכט אין יידישן ישוב זעקס טויזנט יידן פון פוילישן מיליטער.

ביי דער דאָזיקער אַרבעט איז ש״י געווען אַ פולשטענדיקער שותף צו די אָנפירער מיט דער עליה־אָפּטיילונג. די מענטשן פון דער אָפּטיילונג האָבן אונדז געהאָלפן באַקומען אינפאָרמאַציעס און מיר האָבן זיי געהאָלפן אויסהיטן די אַנטלאָפענע פון מיליטער, כדי דער בריטישער געהיים־דינסט זאָל זיי נישט כאַפּן. ש״י האָט געהאַט פאַרשטייער אין אַלע פוילישע לאַגערן און ציווילע אַנשטאַלטן, און דורך זיי האָבן מיר געשעפּט ידיעות וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך דאָרט און אויך וועגן די אַקציעס און די מענטשן וועלכע קענען שעדיקן דעם יידישן ישוב.

פיל פון די באַפרייטע פון פוילישן מיליטער יידן האָבן זיך מאָביליזירט אין די יידישע איינהייטן, וועלכע זיינען דאַן געבילדעט געוואָרן אין די

ראַמען פון בריטישן מיליטער. אָבער וויבאַלד די ציווילע מאַכט און דער געהיים־דינסט האָבן אויף אַזאַ מין דערשיינונג געקוקט זייער קרום, האָט מען געמוזט פאַרמאַסקירן די דאָזיקע אַקציע. און צוליב דעם האָט מען געענדערט נעמען און פאַבריצירט דאָקומענטן. ש״י האָט מיטגעאַרבעט אויך אין די דאָזיקע אַקציעס און געזאָרגט דערפאַר, אַז דער בריטישער געהיים־דינסט און זיינע שליחים, די פוילישע דעטעקטיוון זאָלן זיך נישט דערוויסן וועגן אָט די מעשים.

ש״י פלעגט רעגולער באַקומען די רשימה פון „דעזערטירן״ וועלכע זיינען אַנטלאָפן פון פוילישן מיליטער און זיינען געווען אויסגעשטעלט אויף אַרעסט. די דאָזיקע רשימות פלעגן אַרויסגעהאַנגען ווערן אין די פּאָליציי־סטאַציעס און אין די ביוראָען פון געהיים־דינסט. האָבן מיר געדאַרפט קאָנטראָלירן אויף וויפל די באַפעלן וועגן אַרעסטן ווערן דורכגעפירט. און מיר פלעגן די רשימות אַריבערפירן צו די געהעריקע יידישע אינסטיטוציעס אָדער דירעקט צו די קאַנדידאַטן אויף אַרעסט. אויף אַזאַ אופן האָבן מיר געקענט אויסהיטן אונדזערע דאָזיקע „עולים״ פון דער האַנט פון דער בריטישער מאַכט.

דער פוילישער מיליטערישער געהיים־דינסט, וואָס איז געווען באַקאַנט אונטערן נאָמען „דוויקא״ איז אָנגעקומען אין ארץ ישראל צוזאַמען מיט גען. אַנדערס אַרמיי און האָט דאָ פאַרגעזעצט זיין טעטיקייט. פיל פון זיינע מיטאַרבעטער האָבן אָנגעהויבן צו דינען דעם בריטישן געהיים־דינסט אין זיינע יאָגענישן נאָך אומלעגאַלע עולים, יידישע געווער־קויפער אאַז״וו.

בשעת זייער דאָזיקער אַרבעט, וואָס איז געפירט געוואָרן בשותפות מיטן בריטישן געהיים־דינסט, האָבן מיר ס׳רוב פון זיי דערקענט און האָבן זיך דערקונדיקט וועגן זייערע מאַניפּולאַציעס. מיר האָבן אַנטדעקט עטלעכע פּראָוואָקאַטאָרן און אַ דאַנק דעם האָבן מיר אויסגעמיטן אייניקע געווער־איינקויפן, וועלכע האָבן געהאַט אַ פּראָוואָקאַטאָרישן כאַראַקטער, כדי אַריינצוכאַפּן אין אַ פּאַסטקע די הגנה־מענטשן.

באַזונדערס שווער איז געווען פאַר ש״י צו אַנטדעקן די פרייוויליקע דעטעקטיוון, אָדער אינפאָרמאַטאָרן, וועלכע האָבן זיך אויסגעפונען פריוואַט צווישן יידן. די דאָזיקע פריינטשאַפט־פאַרבינדונגען האָבן אונדז געצוווּנגען אָנצונעמען מיטלען, אַז די אינערלעכע אינפאָרמאַציע זאָל ווי ווייט מעגלעך נישט דערגרייכן אויך צו די דאָזיקע „פריינט״.

אויך אין די ביוראָען פון דער „דוויקא״ האָבן מיר געהאַט אינפאָרמאַטאָרן. מיט זייער הילף איז אונדז געלונגען צו קענען די אַלערליי אַגענטן, דעטעקטיוון און מיטאַרבעטער, זיי נאָכצופּאָלגן, זיך אויסצוהיטן פאַר זיי און וואָרענען אויך אַנדערע בנוגע זייער ראָל. בכלל זיינען דאָס געווען אונטערוועלט־טיפּן — גנבים, געדונגענע אַגענטן און אויך „פרייוויליקע״. געווען אויך צווישן זיי אַ משומד, ד״ר סטאַניסלאַוו ווייס.

דאָס פוילישע מיליטער האָט זיך געפונען אין לאַגערן נאָענט צו רחו־

בות, גדרה, קאסטינה, רפיח, עזה, נתניה. צענדליקער זיינע ביוראָען און אויך די ביוראָען פון פוילישע ציווילע אימיגראַנטן האָבן זיך געפונען אויך אין די שטעט. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט מען געמוזט אין יעדן אָרט האָבן אַ פאָרשטייער פון ש״י. און ס׳איז טאַקע געלונגען די זאַך צו רעגולירן און מ׳מוז זאָגן, אַז אויף אָט דעם געביט איז די השגחה פון ש״י געווען פולשטענדיק.

אַחוץ די אַנטיסעמיטישע אַרויסטריטן, וואָס האָבן אפילו געבראַכט צו דער רציחה פון אַ יידן אין דרום־טייל פון לאַנד, האָבן דערגרייכט צו אונדז ידיעות וועגן געוויסע פּאָלאַקן, וועלכע העלפן די אַראַבער אין זייער קאַמף קעגן יידישן ישוב.

באַגרינדעטע אינפאָרמאַציעס האָבן אונדז אַנטדעקט אַזאַ בילד: פּאָליאַקן לערנען אַראַבישע יוגנט זיך צו באַנוצן מיט געווער און דורכמאַכן מיליטערישע פעלד־איבונגען; פוילישע ספעציאַליסטן פון די אַנפירער פון „דאָם פּאָלסקי" אין ירושלים, לערנען אַראַבער ווי אַזוי זיך צו באַנוצן מיט באָמבעס; פוילישע בירגער און זייערע פרויען פירן אַריבער ידיעות פון יידישן צד צום אַראַבישן צד.

צווישן פוילישן מיליטער און די אַראַבער איז נישט געווען קיין אָפיציעלע פאַרבינדונג. די אַנטי־יידישע אַקציעס זיינען געפירט געוואָרן דורך יחידים, אָדער קליינע גרופּעס פון צווישן די פוילישע מיליטערלייט, אָדער ציווילע אימיגראַנטן.

אָט לאָמיר ברענגען ווי אַ ביישפּיל איינעם פון די הונדערטער ראַפּאָרטן פון ש״י וועגן פּאָליאַקן וואָס האָבן אויסגענוצט צום שלעכטן די לאָיאַלע באַציאונג צו זיי מצד דעם יידישן ישוב.

אינעם ראַפּאָרט פון 31סטן דעצעמבער 1947 ווערט אָנגעגעבן פּאָלגנדיקע רשימה פון פּאָליאַקן אונטערוועלט־מענטשן, וועלכע זיינען געווען פאַרדעכטיקט אין איבערגעבן אינפאָרמאַציע און הילף צו אַראַבער אין יפו:

1. מאַקי וולאַדיסלאַוו, 30 יאָר אַלט, מיט היטלער־וואָנצעס, נידעריק, עס פעלן אים ציין, געווען אַ קאָרפּאַראַל אין פוילישן מיליטער, און איצט אַ שאָפער, פאָרט קיין יפו זייער אָפט, לויט די רייד פון זיינע פוילישע באַקאַנטע איז ער איצט אַ שאָרף־שיסער אין אבו־כביר און ציט זיין חיונה פון זיין אַרבעט פאַר די אַראַבער. דעם ערשטן פון יעדן חודש קומט ער אין פוילישן באַנק אין תל־אביב, אויף דער אַלענבי גאַס 95 אָפּצונעמען די רעגירונגס־סובסידיע, וועלכע ווערט אים אויסגעצאָלט.

די אַראַבישע אָפּטיילונג פון ש״י האָט אים אידענטיפיצירט און מ׳קען אים נעמען אויף אַן אויספאָרשונג.

2. טשעסקי, אַן אונטערוועלטניק, געווען אַ זעלנער אין פוילישן מיליטער. לויט די רייד פון זיינע פוילישע באַקאַנטע דינט ער ווי אַ שאַרף־שיסער אויף אַ פּאָזיציע נעבן דעם רוסישן מאָנאַסטיר אין אבו־כביר און באַקומט געהאַלט פון די אַראַבער. אויך ער קומט דעם ערשטן פון יעדן חודש

קיין תל־אביב, אין פוילישן באַנק, אָפּצונעמען דאָס געלט. מ׳קען אים נעמען אויף אַן אויספאָרשונג.

3. קוסקי, 40 יאָר אַלט, פאַרהייראַט מיט אַן אַראַבישער פרוי, אַר־בעט מיט די אַראַבער, וווינט אין עגזשאַמי, יפו, געוועזענער קאַפּיטאַן פון דער פוילישער אַרמיי. באַזוכט צייטנווייז תל־אביב, גיט איבער ידיעות דעם אַראַבישן צד.

4. טאַדעאוש שאַטעק, 40 יאָר אַלט, הויך, מאַגער, טראָגט טונקעלע ברילן, קומט קיין יפו זייער אָפט, האָט אַן אַראַבישן באַשייניקונג, וואָס גיט אים אַ פרייען צוגאַנג צו יפו. פירט אַריבער אינפאָרמאַציעס צ׳ם אַראַבישן צד. האָט פריינט צווישן יידן, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך און הערט וועגן אַלץ וואָס ס׳טוט זיך ביי אונדז.

5. דער פוילישער קלוב אויף אַלענבי 95 אין תל־אביב, דינט ווי אַ פּלאַץ פאַר באַגעגענישן פאַר די אונטערוועלט־טיפּן. זיי געפינען זיך דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר אָבסערווירן דעם פּלאַץ כסדר.

און אָט וואָס עס איז אונדז באַקאַנט געוואָרן וועגן דעם קאָמאַנדיר פון דער פוילישער „דוויקא״:

דאָס איז געווען קאַפּיטאַן מ...ק, דער אָנפירער פון דער צווייטער פּויל־שער אָפּטיילונג אין מיטעלן מזרח. דער ראש פון די שפּיאָנען אין ארץ ישׂ־ראל דערשיינט ווי אַ זשורנאַליסט, ווי אַ פאָרשטייער פון אַ פוילישער צייַ־טונג אין אַמעריקע. דרייט זיך אַרום צווישן די העברעאישע און אויסלענדי־שע זשורנאַליסטן. שטייט אין פאַרבינדונגען מיט די אַראַבישע אָנפירער. גע־הערט צום „מוחות טרעסט״ פון די אָרגאַניזירער פון הילפס־כוחות פאַר די אַראַבישע כנופיות. גיט אַרויס צירקולאַרן צו די באַפרייטע פּאָליאַקן, זיי זאָלן זיך מאָביליזירן אין קעמפנדיקן פויליש־אַראַבישן מיליטער קעגן יידן און קעגן רוסלאַנד. ער באַקומט געלט פון דער אַראַבישער ליגע צו אָרגאַניזירן די פוילישע אימיגראַנטן אויפן מיטעלן מזרח. האָט באַזוכט דעם פּרעזידענט פון לבנון, האָט אָרגאַניזירט אַ גרופּע פוילישע אָפיצירן פון דער אַנדערס־אַרמיי און לעטישע אָפיצירן אין סקאָטלאַנד, וועלכע ער האָט באַמיט אַרי־בערצופירן קיין סיריע, כדי דאָרט אויסצובילדן אראבישע יוגנט פאַר די אַראַ־בישע לופט־כוחות. צווישן די אָפיציר־אינסטרוקטאָרן געפינט זיך אויך אַ פוילישער קאַפּיטאַן פון לופט־פלאָט, וואָס האָט דערהרגעט אַ ייד אין רחו־בות. ער איז באַפרייט געוואָרן דורכן קרייז־געריכט אין ירושלים און איז אַריבערגעפירט געוואָרן קיין סקאָטלאַנד. איצט געפינט ער זיך אין ס׳ריע.

פאַרשטייט זיך אַז די דאָזיקע אַנטפּלעקונגען האָבן אַרויסגערופן רע־וואַנש־אַקטן מצד דער הגנה. אָבער די הגנה פלעגט נישט דורכפירן קיין שום שטראָף־אַקציעס, נישט האָבנדיק פריער גענוג וואָגיקע באַווייזן און עדות־דערקלערונגען.

„קול ישראל״ און די הגנה־אויסגאַבעס, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער אָנפירונג פון הגנה־שטאַב, האָבן פאַרעפנטלעכט די מעשים פון די פראַ־

וואַקאַטאָרן און ווען מ'האָט באַדאַרפט אויף זייערע נעמען. ש"י פלעגט צו־שטעלן אינפאָרמאַציע פאַר אַט די פּובליקאַציעס. די דאָזיקע אַרבעט האָט גע־בראַכט צו דער איינשרענקונג פון די מעשים פון די דעטעקטיוון און פון די יעניקע טיפּן, וועלכע האָבן מיטגעאַרבעט מיט די אַראַבישע טעראָריסטן.

אין יאָר 1945 איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אַ געהיימער אי־בערבליק, וואָס עס האָט אַרויסגעגעבן דער גענעראַל־שטאַב פון בריטישן מיליטער אויפן מיטעלן מזרח. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע פראַגמענטן פון אַט דעם איבערבליק, וואָס זיינען נוגע אונדז. דער דאָקומענט, וואָס פאַר־נעמט 22 זייטן קלערט אויף ברייט דעם מהות פון דער פּוילישער אימי־גראַציע און פון פּוילישן מיליטער אין מיטעלן מזרח:

„דער אַנטיסעמיטיזם הערשט ווייטער אין פּוילישן מיליטער טראָץ אַלע אָפּלייקענישן. בשעת דאָס מיליטער האָט זיך אָרגאַני־זירט אין איראַן און אין איראַק האָבן פיל פּוילישע בירגער פון יידישן גלויבן, זיך אַנגעשטויסן אויפן אָפּזאָג זיי אַריינצונעמען אין מיליטער אונטערן תירוץ פון שוואַכן געזונט־צושטאַנד און אַזוי ווייטער. די יעניקע וועלכע מ'האָט סוף־כל־סוף אָנגענומען פלעגן געפירט ווערן אין באַזונדערע אויטאָס, וואָס האָבן געטראָגן דעם נאָמען „ראַסן־מאַשינען". נאָכן אָנקומען אויפן אָרט זיינען יידן ווידער אָפּגעטיילט געוואָרן פון די אַנדערע זעלנער מחמת באַזונ־דערע סיבות — ווייל זיי נויטיקן זיך אין כשרע קיכן, מחמת זייער געזונט־צושטאַנד וכדומה.

„אין ארץ־ישראל האָבן פיל יידן געלייזט דאָס פּראָבלעם דורכן דעזערטירן פון דער פּוילישער אַרמיי — אַ פּראָצעס וואָס איז געוועזן פאַרשפּרייט אויך צווישן נישט יידן. היינט צו טאָג איז דער אַנטיסעמיטיזם נישט אַזוי בולט, איבערהויפּט אַ דאַנק דעם דרוק פון דער מערב־אייראָפּעאישער עפנטלעכער מיינונג, וועלכע האָט באַקומען אַ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגן דער לאַגע. על כל פּנים עס הערן זיך נאָך נישט־אָפיציעלע אָנקלאַגעס מצד יידן. עס ווערט איבערגעגעבן, אַז אַ הויכער פּוילישער אָפיציר האָט אין יאַ־נואַר 1945 דערקלערט:

„דאָס פּויליש־יידישע פּראָבלעם עקזיסטירט נישט מער. אַ דאַנק היטלערן איז פּוילן געוואָרן יודן־ריין. דאָס איינציקע פּראָ־בלעם, וואָס איז נאָך פאַרבליבן איז, ווי אַזוי שטערט מען די פאַר־וואָגלטע יידן זיך אומצוקערן קיין פּוילן".

ערב דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט ש"י אָנגעהויבן צו באַקומען אַלץ מער ידיעות, אַז פּוילישע ספּעציאַליסטן און אינסטרוקטאָרן געפינען זיך אין די אַרמייען פון די אַראַבישע מדינות און גרייטן צו אַן אָנגריף אויף די יידן אין ארץ ישראל. די ידיעות האָבן אַנטהאַלטן די נעמען פון די אָפיצירן לויט

זייערע ראַנגען און מילטערישע ספּעציאַליטעטן און ס'האָט זיך אַרויסגע־וויזן, אַז דאָס אַלץ איז אמת, פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן נישט געקענט פאַרשטאַרקן דעם צוטרוי צו די נישט־יידן, וועלכע האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן אונדז אין יענע טעג פון גורלדיקע געשעענישן.

אונדזערע שטימונגען האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין אַ געוויסן פּוילישן דאָקומענט, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. דאָס איז געווען אַ ביולעטין, דאַטירט דעם 26סטן יאַנואַר 1948, וואָס איז געווען באַשטימט פאַר פּוילישע אָפיצירן און אַנדערע „מנהיגים", וועלכע האָבן זיך געפונען אין ארץ־ישראל.

אין דאָזיקן ביולעטין ווערט צווישן אַנדערן געזאָגט:

„דער אויסברוך פון די געשעענישן האָט געווירקט צום שלעכטן אויף דער לאַגע פון די פּאָליאַקן אין הייליקן לאַנד. די העב־רעאישע פּרעסע רעדט אָפטמאָל וועגן „אַנדערס־אָפיצירן" וועלכע בילדן מיליטעריש אויס די אַראַבישע כנופיות. בראש פון דער דאָ־זיקער אַקציע שטייט די קאָמוניסטישע און נאָענטע צו די קאָמו־ניסטן פּרעסע, וועלכע באַמיט זיך צו איבערצייגן די געזעלשאַפט, אַז די פּוילישע עמיגראַציע איז אַ פאַשיסטישע און באַדינט די ברי־טישע און אַמעריקאַנישע אינטערעסן. אָפטמאָל פּרוּווט די דאָזיקע פּרעסע צו איבערצייגן די אַראַבער, אַז די פּאָליאַקן שטיצן יידן, און די יידן — אַז די פּאָליאַקן שטיצן אַראַבער. די אַנטי־פּוילישע אַק־ציעס האָבן דערגרייכט זייער רעקאָרד, ווען יידישע פאַרברעכערישע כוחות האָבן פאַראורטיילט צום טויט צוויי פּאָליאַקן, וועלכע זיינען באַשולדיקט געוואָרן אין שפּיאָנאַזש לטובת די אַראַבער, אָדער פון דער בריטישער פּאָליציי. צווישן יידן איז פאַרשפּרייט אַ רכילות, אַז דער פּרעזידענט פון הויפּט־ראַט פון דער פּוילישער עמיגראַציע אין לאַנד א. פּונק, אַן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט, זאָל האָבן גורם געווען די רציחה פון אַ העבּרעאישן זשורנאַליסט דורך אַראַ־בער. אייניקע פּאָליאַקן זיינען געוואָרנט געוואָרן דורך יידן, אַז זייער לעבן איז אין סכנה.

„אויך די באַציאונג פון די אַראַבער צו פּאָליאַקן איז פול מיט פאַרדאַכט און פיינטשאַפט. די ברייטע שיכטן וויסן נאָר דאָס, אַז פּוילן האָט געשטימט פאַר דער חלוקה פון ארץ ישראל אין אונ"אָ. אָפטמאָל ווערט געהערט די מיינונג אַז פּאָליאַקן צוזאַמען מיט יידן און בכלל מיט אייראָפּעער באַציען זיך מיט פיינטשאַפט צו די אַראַבער. די דאָזיקע לאַגע ווערט נאָך קאָמפּליצירטער דורך דעם פאַקט, וואָס פיל יידן וואָס שטאַמען פון פּוילן, באַנוצן זיך מיט פּוילישע דאָקומענטן און גיבן זיך אַרויס ווי פּאָליאַקן, באַקו־מען געלט־שטיצע פון פּוילישע אינסטיטוציעס און פירן אַ לעבן פון יידן און פּאָליאַקן צוגלייך.

„אַראַבער־קריסטן איז באַקאַנט, אַז פיל פוילישע יידן דער־שיינען ווי קריסטן און אַז די השפעה פון יידן אויף דער פויל־שער עמיגראַציע איז זייער שטאַרק. ס'איז אויך באַקאַנט די אַראַ־בער, אַז פיל יידן זיינען געוועזן באַשעפטיקט אין פוילישע אינסטי־טוציעס אָבער קיינמאָל נישט קיין אַראַבער.

„די פאַקטאָרן, וועלכע האָבן געווירקט אויף דער פאַרערגע־רונג פון דער לאַגע פון די פּאַליאַקן, זיינען:

א) דער פאַקט, וואָס פּאָליאַקן וווינען אין יידישע און אַראַ־בישע קוואַרטאַלן און ס'איז פאַראַן אַ קאָנטאַקט צווישן די פּאָ־ליאַקן פון ביידע געביטן. די באַזוכן אין די קירכן וועלכע געפינען זיך אין דער אלטשטאָט פון יפו, אָדער אין אַנדערע אַראַבישע קוואַרטאַלן.

ב) די ציל־באַוווסטע פּאָליטיק פון יידישע פאַקטאָרן, וועל־כע שטרעבן פּטור צו ווערן פון פרעמדע איינשליסנדיק פּאָליאַקן, כדי צו שאַפן פלאַץ פאַר אַ יידישער מאַסן־עליה.

ג) די קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע (פוילישע, אַראַבישע און יידישע), וואָס שטרעבט צו ליקווידירן די פּאָליאַקן, וועלכע האָבן נישט אָנערקענט די וואַרשעווער רעגירונג.

„פאַראַן צווישן די פּאָליאַקן אייניקע אַוואַנטוריסטן, פון די וואָס זוכן לייכטע פאַרדינסטן, וועלכע אַרבעטן צוליב קרימינעלע מאָטיוון. מ'דאַרף אָננעמען אַז די קאָמפּליצירטע לאַגע פון די פּאָ־ליאַקן אין ארץ ישראל וועט נאָך האַרבער ווערן באַזונדערס אין די אַראַבישע קוואַרטאַלן. מ'קען דערוואַרטן אויף אַן אַנטיפּאָשיס־טישן טעראָר מצד די קאָמוניסטן און די נאָענטע צו זיי, בעיקר יידן, ווען די ענגלענדער וועלן אַרויס פון לאַנד".

אַזוי האָבן די אָנפירנדיקע קרייזן פון דער פוילישער עמיגראַציע גע־שילדערט זייער לאַגע אין ארץ ישראל צום סוף פון דער בריטישער הער־שאַפט אין לאַנד. ביזן לעצטן טאָג האָט די בריטישע מאַכט זיך געוועחרט קעגן דעם אַז די באַפרייטע פון פוילישן מיליטער יידן זאָל דערלויבט ווערן צו פאַרבלייבן אין לאַנד — ממש אין דער זעלביקער מאָס, ווי זי האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט דער יידישער עליה. לגבי דער באַפרייאונג פון דער קליי־נער צאָל יידן, וואָס זיינען נאָך פאַרבליבן אין פוילישן מיליטער, האָט נאָך געגאָלטן די אינסטרוקציע פון הויפּט־סעקרעטאַר פון דער רעגירונג, וואָס איז געגעבן געוואָרן דעם גענעראַל־שטאַב פון דער בריטישער אַרמיי אין ארץ ישראל און אין עבר הירדן. די דאָזיקע אינסטרוקציע איז אָריינגעפאַלן אין די הענט פון ש״י. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן „בנוגע דער באַפרייאונג פון פוילישע מיליטערלייט אין ארץ ישראל, טייל איך אייך מיט, אַז מען דאַרף זיך אָפּהאַלטן פון באַפרייען אין ארץ ישראל פוילישע זעלנער פון דער יידי־

שער ראסע, ווייל פאַר די דאָזיקע מענטשן זיינען נישט פאַראַן קיין עליה־סערטיפיקאַטן, לויט די קוואָטעס״.

א דאַנק דער פלייסיקייט פון די יידישע אינסטיטוציעס און דער הילף מצד דעם ש״י איז נישט געלונגען די בריטישע מאַכט־אָרגאַנען, טראָץ דער טעטיקייט פונעם געהיים־דינסט, אָפּצושטעלן די באַפרייאונג פון יידן אין פוילישן מיליטער.

נאך עפיזאָדן פון יענע טעג

אין וואַלד נעבן בן־שמן

צוויי גרופעס פון פּלמ״ח האָבן איין מאָל צעלייגט זייערע געצעלטן אין הערצל־וואַלד ביי בן־שמן.

דאָס איז געווען אין די צייטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען די נאַציסטישע חיילות פון גענעראַל ראָמעל זיינען געשטאַנען ביי די טויערן פון אַלעקסאַנדריע און האָבן געוואָרפן אַ געפערלעכן שאָטן אויף ארץ ישראל. די בריטישע אַרמיי, וואָס איז געווען הינטערשטעליק לגבי דער דייטשער אַרמיי, האָט געפונען אין יידישן ישוב אין ארץ ישראל אַ כוח, וואָס איז גרייט זיך מוסר נפש צו זיין אין פאַל פון אַ דייטשער אינוואַזיע. האָט די בריטישע אַרמיי באַשלאָסן זיך צו שטיצן אויפן דאָזיקן כוח, וואָס זאָל בילדן אַ פּאַרטיזאַנען־פראָנט, אויב דייטשן זאָלן אַריינדרינגען אין לאַנד. אינסטרוקטאָרן און מיליטערישע כלים זיינען געשטעלט געוואָרן צו דער דיספּאָזיציע פון פּלמ״ח, וואָס איז ספּעציעל געבילדעט געוואָרן פאַר סאַבאָטאַזש־אַקטן. חוץ דעם איז געשאַפן געוואָרן אויך די אַזוי גערופענע „דייטשע אָפּטיילונג״ פון פּלמ״ח. זי איז אויסגעבילדעט געוואָרן פאַר אַקציעס הינטער די פראָנט־ליניעס פון שונא. אָבער פון דער דאָזיקער אַרבעטס־געמיינשאַפט מיט דער בריטישער אַרמיי האָבן געגאָסן אויך אַנדערע פּלמ״ח־אָפּטיילונגען. די אַרמיי האָט געלייגט ווייניק אַכט אויף די מיליטערישע איבונגען פון אַן אַנדערן מין, וואָס זיינען געפירט געוואָרן אין די רייען פון פּלמ״ח און זיינען נישט געווען געצילט צו אַ פּאַרטיזאַנער קאַמף און דיווערסיע.

אָבער אפילו אין די דאָזיקע פיינלעכע טעג האָט די בריטישע פּאָליציי פונקט ווי אירע שעפן אין דער רעגירונג, נישט געקענט באַהערשן אירע געפילן לגבי דעם יידישן ישוב. די פריינטלעכע באַציאונגען, וואָס האָבן געהערשט צווישן דעם בריטישן מיליטער און פּלמ״ח זיינען געווען איר צו ווידער. און פון צייט צו צייט האָט זי געפּרוּווט שעדיקן דער יידישער אָפּטיילונג. אין איינעם אַ טאָג האָבן צוויי אַראַבישע און איין בריטישער פּאָליציאַנט פאַרהאַלטן אַ פּלמחניק, וואָס האָט זיך אַרומגעדרייט אין דער געגנט פון בן־שמן און האָט געצייכנט דעם פּלאַן פון דער סביבה, ווו ס׳איז

געוועז אויך אַן אייזנבאַן־ליניע. אַזאַ מאַפּע האָט מען באַדאַרפט האָבן פאַר די געוויינלעכע איבונגען, וואָס פלמ״ח האָט געפירט אין דער געגנט. דער פאַרהאַלטענער איז געבראַכט געוואָרן אין איינעם פון די געצעלטן אין פלמ״ח מחנה. דאָרטן האָבן די פאָליציאַנטן געפונען אַ מיליטערישן רוקזאַק מיט צוויי רעוואָלווערן. נאָר זיי האָבן קוים באַוויזן אַרויסצוציִען פון געצעלט מיט דער מציאה אין זייערע הענט, זיינען זיי איבערראַשט געוואָרן דורך דעם קאָמאַנדיר פון דער אָפּטיילונג און צוויי פלמחניקעס. יענע האָבן אַרויס־געכאַפּט די רעוואָלווערן פון זייערע הענט, האָבן אַרויסגעשלעפּט די פּאָ־ליציאַנטן פון געצעלט און זיי פאַרטריבן פון לאַגער. „ניין, נישט פון פלמח וועט מען אָפּנעמען געווער!" — האָבן גערעדט צווישן זיך די פלמחניקעס.

ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און פּלוצים איז אָנגעקומען אַ גאַנצע פּאָ־ליצייאישע אָפּטיילונג, וואָס איז באַשטאַנען פון בריטישע און אַראַבישע פּאָ־ליציאַנטן. זיי האָבן אָנגעהויבן צו זוכן געווער, וואָס איז טיילוויז אפילו נישט געווען אויסבאַהאַלטן. לכתחילה האָבן די פאָליציאַנטן מצליח געווען צו פאַרכאַפּן פיר חברים, וועלכע מ'האָט אַוועקגעפירט אין טורמע, אין ראַמ־לע. די פאָליציי האָט געהאַט אַ פּאַרטיקע באַשולדיקונג: מ'האָט געהאַלטן הייס געווער אַן דערלויבעניש, מ'האָט אָנגעגריפן די פאָליציי בשעת זי האָט דערפילט אירע פליכטן. דאָס זיינען געווען צוויי באַשולדיקונגען, וועל־כע וואָלטן גורם געווען אַ הארבע שטראָף, ווען דער ענין וואָלט געבראַכט געוואָרן פאַרן ריכטער, וואָס וואָלט געמשפּט לויט די פּאַראַגראַפן פון טרו־קענעם געזעץ.

די חברים פון פלמ״ח, וועלכע האָבן אין צווישן זיך צוריקגעקערט פון זייערע פעלד־איבונגען אין לאַגער, האָבן געטראַכט אַנדערש. זיי האָבן תיכף געמאָלדן אין דער פאָליציי, אַז זיי וועלן מיט כוח זיך אַנטקעגנשטעלן רע־וויזיעס און אַרעסטן, און וועלן זיך נישט אָפּשרעקן אפילו פאַר אַ גרעסערן פאָליצייאישן כוח. די פאָליציאַנטן האָבן איבערגעריסן זייערע מעשים אָבער זיי האָבן דעם לאַגער נישט פאַרלאָזט און זיינען געבליבן זיצן ביים געווער, וואָס זיי האָבן געפונען און וואָס מ'האָט זיי נישט געלאָזט אַרויספירן פון אָרט.

דער קאָמאַנדיר פון דער פלמ״ח־איינהייט האָט געשיקט זיין געהילף תיכף קיין תל־אביב זיך האַלטן אַן עצה מיט אליהו גאָלאָמב און מיטן לייַ־טער פון ש״י. גאָלאָמב איז נישט געווען אין דער היים. דער קאָמאַנדיר פון ש״י איז תיכף אַרויס אויפן פּלאַץ זיך צו באַקענען מיט דער לאַגע און אויב ס'איז מעגלעך ווי ס'איז דעם קאָנפליקט צו ליקווידירן.

ווען זיי זיינען אָנגעקומען אויפן אָרט איז שוין געווען אַרום האַלבער נאַכט. זיי האָבן געפונען די פלמחניקעס פון דער שכנותדיקער אָפּטיילונג שטורעמדיקע, גרייטע אָנצוגרייפן די פאָליציאַנטן, וועלכע האָבן זיך נאָך געפונען אין לאַגער ביי בן־שמן און האָבן געוואַרט אויף אָנווייזונגען פון זייערע שעפן אין לוד און ראמלע.

ס׳איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַן עקסטראַ־באַראַטונג מיט די קאָמאַנדירן פון די פּלמ״ח־איינהייטן און מ׳האָט באַשלאָסן, אַז מ׳דאַרף איינצוימען די צעשטורעמטע גייסטער פון די בחורים. אַן אַ בפירושער אָנווייזונג פון צענ־טער טאָר מען נישט אָנגרייפן די פּאָליציי, ווייל דאָס קען ברענגען צו אַלערליי קאָמפּליקאַציעס, אָן אַ סוף. מ׳דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז דער אָפּ־מאַך מיטן בריטישן מיליטער איז געווען געבויט איבערהויפּט אויף דער „דייטשער אָפּטיילונג" פון פּלמ״ח, וואָס האָט דורכגעמאַכט די מיליטערי־שע איבונגען אין משמר העמק. פון אָפיציעלן שטאַנדפּונקט פון מיליטער האָט יענע אָפּטיילונג גאַרנישט געהאַט צו טאָן מיט די אָפּטיילונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אין בן־שמן.

דער קאָמאַנדיר פון ש״י און דער געהילף פון קאָמאַנדיר פון דער פּלמ״ח־איינהייט האָבן זיך צוריקגעקערט קיין תל־אביב מיטן בינטל ידיעות און פאַקטן. אליהו גאָלאָמב האָט אַליין געהאַט די קאָמפּעטענץ צו דעצי־דירן אין דעם ענין, אָבער מ׳האָט אים נאָך אַלץ נישט געפונען. מ׳האָט אי־בערגעלאָזט פאַר אים אַ שריפטלעכן ראַפּאָרט וועגן דער לאַגע און די צוויי שליחים האָבן זיך צוריקגעקערט קיין בן־שמן. ווען זיי האָבן זיך דערנענ־טערט צום לאַגער האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף פּלמחניקעס, וואָס האָבן דערציילט, אַז זיי האָבן מיט כוח געשטערט דעם שעף פון דער פּאָליציי אין ראמלע און אַכט בריטישע פּאָליציאַנטן קומען צו הילף זייערע חברים, און אַז זיי, די פּלמחניקעס, האָבן פאַרוונדעט אייניקע פּאָליציאַנטן מיט שטעקנס.

עס איז געווען אַ געפיל, אַז אַ שטורעם וועט באַלד אויסברעכן. ס׳איז נישט געווען אָנצונעמען, אַז די פּאָליציי וועט אַראָפּשלינגען די באַליידיקונ־גען און די אָנגריפן, אָבער ס׳איז אויך געווען קלאָר, אַז די פּלמ״ח־מענטשן וועלן נישט אָפּגעבן זייער געווער אָן אַ קאַמף און אָן קרבנות.

פאַרטאָג האָבן די צוויי שליחים זיך ווידער צוריקגעקערט קיין תל־אביב, אונטערוועגנס זיינען זיי פאַרהאַלטן און רעווידירט געוואָרן דורך די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן שוין געהאַט אַרומגערינגלט דעם פּלאַץ. זיי זיי־נען פאַרצייכנט געוואָרן ווי „צופעליקע פאַרבייגייער". ווען זיי זיינען אָנ־געקומען אין שטאָט, האָבן זיי זיך דערוווסט, אַז דער געהילף פון שעף פון געהיים־דינסט מיטן נאָמען ווילקינס, וועלכער איז געווען באַקאַנט ווי איינער פון די געשווורענע הגנה־פיינט, קלייבט זיך אַרויסצופאָרן קיין בן־שמן. דאָס איז געווען אַ שלעכטער סימן...

אליהו גאָלאָמב האָט אויפגענומען די שליחים רואיק. אויפן סמך פון דער אינפאָרמאַציע, וואָס איז אים איבערגעגעבן געוואָרן, האָט ער אָנגענומען מיטלען. ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן מיליטערישן אָפיציר, וואָס האָט גע־האַט די השגחה איבער די איבונגען פון די פּלמח־איינהייטן, און יענער האָט צוגעזאָגט דעם ענין צו רעגולירן. גאָלאָמב האָט דערציילט, אַז דער אַרמיי־שטאָב האָט שוין געגעבן די נייטיקע פאַראָרדענונגען און אַז אָפיצירן זיינען

ארויסגעפֿאָרן קיין בן־שמן מיט דער אָנווייזונג נישט צו דערלאָזן די פּאָליציי זאָל דורכפֿירן איר פּלאַן.

אינעם הויז פֿון אליהו גאָלאָמב האָט זיך אין יענער צייט געפֿונען אַ בריטישער מאַיאָר, וואָס האָט איבערראַשט דעם קאָמאַנדיר פֿון ש״י אין דעם פּלמ״ח־מענטש מיט זיין אויסגעצייכנטער קענטעניש פֿון דער העברעאי־שער שפּראַך. ער האָט זיך פֿאַרגעשטעלט: אַברי איבען... היינט איז ער דער אַמבאַסאַדאָר פֿון מדינת ישראל אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן — אבא אבן.

און באמת, ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט אין אַ האַלבער שעה אַרום אין דער מחנה, האָבן אונדזערע חברים באַגעגנט די פּאָליציי, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט מיט ליידיקע הענט, אָן אַרעסטירטע און אָן אומלעגאַלן גע־ווער. אויך די וואָס זיינען געווען אין אַרעסט, זיינען באַפֿרייט געוואָרן אָן אַ געריכט.

הגם פּלמ״ח האָט אין דעם פֿאַל מנצח געווען, האָט דער שטאָב געהאַט אַ חשד, אַז די פּאָליציי וועט ווען זיך אָפּרעכענען פֿאַר דער באַליידיקונג און אַז זי קען נאָך געניג טאָן טראָץ דעם צייטווייליקן דורכפֿאַל...

תיכּף אויפֿן אָרט איז געגעבן געוואָרן אַ באַפֿעל ביידע פּלמ״ח־אָפּטיי־לונגען אָ־צולאָדן זייערע געצעלטן אויף אויטאָס און זיי פֿונאַנדערלייגן פֿונ־דאַסניי אין סאַסנע־וועלדל אין משמר־העמק. נאָך אין דעם זעלביקן פֿרי־מאָרגן איז דער באַפֿעל אויסגעפֿירט געוואָרן.

די פּאָליציי האָט זיך באַלד גענומען צו טרייבן רכילות און צו באַשמוצן די יעניקע, וועלכע זיינען איר געשטאַנען אין וועג. דער געהילף־קאָמאַנדיר פֿון בריטישן געהיים־דינסט האָט געגעדט וועגן „דעם פֿאַרקויפֿטן צו יידן" מי־ליטער און די מעשה מיטן יידישן בחור, וואָס איז פֿאַרהאַלטן געוואָרן בשעת ער האָט געצייכנט די מאַפּע פֿון ראַיאָן, האָט ער בייזוויליק אויסגעטייטשט אַזוי, ווי עס וואָלט געווען געפּלאַנט צו אָרגאַניזירן אַן אַטענטאַט אויפֿן ברודער פֿון בריטישן קיניג, דעם הערצאָג פֿון גלאָסטער, וועלכער האָט אין יענע טעג געמאַכט אַ נסיעה אין מיטעלן מזרח, און האָט געדאַרפֿט אָנקו־מען אין לאַנד, אין אַ צוג איבער יענער אייזנבאַן־ליניע, וואָס איז געווען באַ־צייכנט אויף דער מאַפּע.

יענער אָפֿיציר פֿון געהיים־דינסט איז דערשאָסן געוואָרן דורך אַ מענטשן פֿון דער אָרגאַניזאַציע לח״י, אין די גאַסן פֿון ירושלים, נישט ווייט פֿון דער צענטראַלער טורמע.

טאָגבוך שטעלט אין געפֿאַר די אונטערערד

אין יאָר 1942 האָט די פּאָליציי אַרעסטירט אַן אַקטיוון מיטאַרבעטער פֿון דער אַראַבישער אָפּטיילונג אין ש״י. זיין אַרעסט איז געקומען אויפֿן סמך פֿון ראַפּאָרטן, וואָס דער בריטישער געהיים־דינסט האָט דערהאַלטן און אין וועלכן ס'איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער מיטאַרבעטער קלייבט אינפֿאָרמאַציע

צווישן די אַראַבער און אינטערעסירט זיך מיט זאַכן, וועלכע זיינען דער־לויבט לויטן געזעץ נאָר פאַר די דינער פון געזעץ — דאָס הייסט דער פּאָ־ליציי. מעגלעך, אַז די ידיעות וועגן דעם ש״י־מענטש זיינען איבערגעגעבן געוואָרן דער פּאָליציי דורך די אייגענע „אינפאָרמאַטאָרן" פון אונדזער חבר.

בשעת אַ רעוויזיע, וועלכע איז ביי אים אויסגעפירט געוואָרן, האָט מען געפונען פאַרשיידענע פּאַפּירן און אַלגעמיינע ראַפּאָרטן, וועלכע האָבן גע־קענט באַשטעטיקן דעם חשד בנוגע אים, אָבער זיי האָבן נישט געקענט ברענ־גען צו נייע אַרעסטן, צו וועלכע דער געהיים־דינסט האָט געצילט אין זיינע אויספאָרשונגען.

דער ענין גופא איז נישט געווען באַזונדערס האַרב, ווייל מ׳האָט גע־קענט פאַרמאַסקירן דעם כאַראַקטער פון דער אַרבעט און מ׳האָט געקענט טענהן אין געריכט, אַז די אינפאָרמאַציע איז געזאַמלט געוואָרן פאַר יויסנ־שאַפטלעכע אָדער סטאַטיסטישע צוועקן. מ׳האָט געקענט גלויבן, אַז אונדזער חבו׳ דערוואַרט אַ שטראָף פון קורצן אַרעסט, אָדער אַ געלט־שטראָף. אָבער די אומשטענדן האָבן געבראַכט דערצו, אַז דער ענין האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און ס׳איז געווען אַ חשד, אַז פיל הגנה־קאָמאַנדירן קענען געבראַכט ווערן צו דער אויספאָרשונג און אַרעסטירט ווערן.

ווי שטענדיק אין אַזעלכע פאַלן האָט די פּאָליציי דורכגעפירט אַ רע־וויזיע אין הויז פון אַרעסטירטן, און האָט קאָנפיסקירט פאַרשיידענע דאָ־קומענטן, און צווישן זיי אַ טאָגבוך, פול מיט נאָטיצן און נעמען פון פער־זענלעכקייטן, אָנפירער פון יידישן ישוב און הגנה־קאָמאַנדירן, וואָס מיט זיי פלעגט דער פאַרדעכטיקטער זיך טרעפן אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין פונקציע. דעם טאָגבוך האָט דער חבר געפירט אָן דעם וויסן פון זיינע שעפן. פון דער כוונות אָדער דער הגנה. אין די האַרבע, אונטערערד־באַדינגונגען פון יענע טעג האָט מען זיך געמוזט אָפּהאַלטן פון שרייבן טאָגביכער און נאָטיצן, וועלכע האָבן געקענט שטעלן אין סכנה פאַרשיידענע מענטשן און ענינים.

מיר האָבן נישט געקענט זיך פאַרבינדן מיטן אַרעסטירטן, וועלכער האָט זיך נאָך געפונען אין די הענט פון געהיים־דינסט און איז געשטאַנען אונטער אַ קרייץ־פאַרהער וועגן זיינע פאַרבינדונגען. בעיקר האָבן די מענטשן פון געהיים־דינסט געוואָלט וויסן, צו וועלכן צוועק זאַמלט ער די אינפאָרמאַציעס צווישן די אַראַבער און ווער זיינען זיינע שעפן. וועגן דעם לויף פון דער אויספאָרשונג און וועגן דער פאַרגינפּטיקער אויספירונג פון אונדזער חבר און בכלל וועגן דעם גאַנצן ענין האָבן מיר באַקומען ידיעות פון די פּאָלי־ציאַנטן — ש״י־חברים, וועלכע האָבן געדינט אין די ביוראָען פון געהיים־דינסט. פון זיי האָבן מיר זיך דערוווסט צוערשט וועגן דעם טאָגבוך. זיי האָבן אים געלייענט און זיינען איבערראַשט געוואָרן.

דער טאָגבוך איז געווען בייגעלייגט צו דער טעקע פון דער אויספאָר־שונג, איז געווען באַצייכנט מיט אַ באַזונדערן סימן און אונטערגעשריבן דורכן אָפיציר, וואָס האָט דורכגעפירט די רעוויזיע. אויסבאַהאַלטן דאָס טאָג־

בוך איז געווען אוממעגלעך. מיר האָבן מורא געהאַט, אַז אויב ס׳וועט אי־בערגעזעצט ווערן אויף ענגליש דער אינהאַלט פון טאָגבוך, וועט מען תיכף אָנהייבן מאַכן רעוויזיעס אין יענע הייזער, וואָס די נעמען פון זייערע איינ־וווינער ווערן דאָרט דערמאָנט. מ׳האָט געדאַרפט עפּעס טאָן זייער שנעל און באַצייטנס פאַרמיידן אַ דורכפאַל.

צו אונדזער מזל איז דעמאָלט דער ענגלענדער, וואָס איבערזעצט פון העברעאיש אויף ענגליש געווען אויף אורלויב. דער טאָגבוך איז פאַרלויפיק געבליבן נישט איבערגעזעצט, זייענדיק בייגעלייגט צו דער טעקע פון דער באַשולדיקונג. מיר האָבן געבעטן אונדזערע חברים, זיי זאָלן אונדז „אַנט־לייען״ דעם טאָג־בוך אויף איין נאַכט און אויף מאָרגן פרי וועלן מיר אים אומקערן. אונדזערע חברים האָבן דערפילט אונדזער ביטע. פאַרנאַכט, נאָך דער טאָג־אַרבעט האָבן זיי אַרויסגענומען דעם טאָגבוך פון דער אויספאָר־שונגס־טעקע און אים איבערגעשיקט אין די ש״י־ביוראָען. דאָס טאָגבוך איז געווען זייער פּינקטלעך און שיין, — אַ זאַך, וואָס איז בכלל גוט פאַר לע־גאַלע ענינים און פאַסט באַזונדערס פאַר שילער, אָדער פאַר באַנק־אָנגע־שטעלטע, אָבער איז זייער געפערלעך פאַר אונדזערע מענטשן.

האָבן מיר געפונען אַן אַנדער נישט פאַרשריבענעם טאָגבוך, וואָס איז געווען ענלעך צום קאָנפיסקירטן טאָגבוך. מיר האָבן אויך אַנטדעקט אַ חבר, וואָס זיין האַנטשריפט איז ענלעך צו דער האַנטשריפט אין טאָגבוך און ער איז געווען געצוווּנגען צו זיצן העכער צען שעה און איבערשרייבן דעם אָרי־גינעלן טאָגבוך אין דעם נייעם העפט. דערביי האָט ער, פאַרשטייט זיך, דורכגעלאָזן די נעמען און אַדרעסן. אויפצומאָרגנס פרי האָבן מיר אומגע־קערט דאָס העפט אונדזערע חברים אין דער פּאָליציי און זיי האָבן עס ווי־דער אַריינגעלייגט אין דער טעקע — פּונקט ווי קיין זאַך וואָלט נישט גע־שען. אין דעם נייעם טאָגבוך האָט נישט געפעלט אויך די „חתימה״ פון דעם ענגלענדער אויף דער ערשטער זייט...

אַלץ איז אַדורך בשלום. מיר האָבן פאַרשפּאָרט איבעריקע אַרבעט דעם געהיים־דינסט און איבעריקע צרות פון פיל הגנה־קאָמאַנדירן. ווען אונדזער חבר איז באַפרייט געוואָרן פון דער טורמע, אין וועלכער ער האָט פאַר־בראַכט אייניקע חדשים, האָט מען אים זיין טאָגבוך נישט צוריקגעקערט. און צו דער אַרבעט פון זאַמלען אינפאָרמאַציעס האָט ער זיך מער נישט צו־ריקגעקערט.

מיאוסער דורכפאַל פון פּאָליציי

די הגנה־מענטשן פון תל־אביב פלעגן דורכמאַכן מיליטערישע איבונגען אין ספּעציעלע פלעצער. דאָס זיינען געווען זאַלן, שולן און קינדער־גאָרטנס. אין אָוונט פלעגן די דאָזיקע לאָקאַלן פאַרלירן זייער „ציווילע פאָרם״ און פלעגן פאַרוואַנדלט ווערן אין קאַזאַרמעס, אין וועלכע ס׳האָט זיך געלערנט

די מיליטער־תורה אונדזער צוקונפטיקע אַרמיי. נאָך דעם לעבעדיקן גערודער, וואָס האָט געהערשט צווישן די רואיקע וועגט ביי־טאָג, פלעגט קומען די שטרענגע שטילקייט פון אַן אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, און די ערנסט־קייט פון די „תלמידים", וועלכע פלעגן אַריינקומען נישט צוזאַמען, נאָר איינציקווייז, שטילערהייט, און אויף פאַרשיידענע אומוועגן. דערביי פלעגן זיי מוזן אָנרופן דעם פּאַראָל, לויט וועלכן מ׳פלעגט זיי דערלויבן דעם אַריינגאַנג.

אַרום די לאָקאַלן זיינען געשטאַנען פּאַטרולן, וועלכע האָבן געדאַרפט באַוואָרענען די תלמידים און אויך זייער געווער קעגן פּלוצימדיקע רעוויזיעס. זיי האָבן וועגן יעדער געפאַר געדאַרפט אָנזאָגן באַצייטנס.

די מעטאָדן פון די וואָרנונגען זיינען געווען איינפאַך: מען פלעגט אויסשרייען וועגן דער געפאַר, אָדער אויפהייבן אַ טומל, וואַרפן אַ שטיין אין פענצטער, אָנקלאַפּן אין דער טיר. נאָר עס זיינען געווען אַזעלכע לערן־פּלע־צער אין וועלכע מ׳האָט זיך געאיבט מיט טייערע מינים געווער — דערין אויך ביקסן און אויטאָמאַטן. האָט מען זיי געדאַרפט פאַרזיכערן מיט בעסע־רע סיגנאַל־מיטלען. דאָס איז געווען אַ גאַנצע נעץ פון סיגנאַל־גלאָקן — אַ נעץ, וואָס האָט זיך געצויגן אָפטמאָל אויף הונדערטער מעטער ווייט פון דעם איבונגס־פּלאַץ. די שומרים וועלכע זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג אין די לאָקאַלן האָבן געהאַט מיט זיך גלעקלעך. לויט אָפּגעשטימטע סיגנאַלן פלעגן זיי מעלדן די חברים אין די לאָקאַלן, אַז ס׳דערנענטערן זיך פרעמדע. ווען די סכנה פלעגט זיך פאַרשאַרפן, פלעגט מען תיכף אָפּרוימען אין אַ „סליק" (באַ־העלטעניש) דאָס גאַנצע געווער און אַלע אַנדערע אומלעגאַלע מאַטעריאַלן, וועלכע פלעגן געברויכט ווערן בשעת די איבונגען.

די רעוואָלווערן און אַנדערע מינים געווער, די נעמען פון די מענטשן און אויך די אומלעגאַלע ליטעראַטור פלעגן געהיט ווערן אין ספּעציעלע קאָנספּיראַטיווע ערטער אין דעם בנין גופא. נאָכן פאַרענדיקן די לעקציע, אָדער ווען ס׳פלעגט געגעבן ווערן אַ וואָרנונגס־סיגנאַל, פלעגט מען אָט די גאַנצע אַמוניציע פאַרשטעקן צוריק אין דעם „סליק". פיל שעהן פאַרן צו־טרעטן צום ערשטן לימוד מיט די „כלים", פלעגט מען ווידמען פאַרשיידענע איבונגען ווי אַזוי מ׳דאַרף זיך באַגיין מיטן „סליק". נאָר נאָך דעם ווי די אינסטרוקטאָרן פלעגן זיך איבערצייגן, אַז אָט די כללים האָבן די „שילער" זיך גוט איינגעחזרט, און זיי קענען שוין פלינק אויסבאַהאַלטן אַלע טרייפע־נע זאַכן אין דעם „סליק", פלעגט מען אָנהייבן די אייגנטלעכע געווער־אי־בונגען, וועלכע ס׳האָבן באַגערט די הגנה־חברים שוין אַ לענגערע צייט.

די מעשה, וואָס וועט דאָ דערציילט ווערן איז געשען אין אַ צייט פאַר דער באַפרייאונגס־מלחמה. דאָס איז געווען אַ תקופה, ווען די הגנה האָט קאָנצענטרירט איר גאַנצע ענערגיע אויף פאַרשטאַרקטע מיליטער־איבונגען, כדי צוצוגרייטן קאָמאַנדירן און זעלנער.

איין מאָל, אין די שפּעטע אָוונט־שעהן האָט די בריטישע פּאָליציי אַרומ־

געריגגלט איינעם פון די שול־לאָקאַלן אין תל־אביב און אײַנגעפּירט דאָרט אַ רעוויזיע. די שול איז געווען אַן איבונגס־פּלאַץ פון דער הגנה און מ׳האָט דאָרט געהאַלטן רעוואָלווערן, אויטאָמאַטן און גראַנאַטן. די פּאָליציי איז דערשינען פּלוצלונג. דער שומר, וואָס איז געשטאַנען אויף זײַער וואַך און האָט געדאַרפט סיגנאַליזירן וועגן דער געפאַר, איז אַרעסטירט געוואָרן נאָך איידער ער האָט באַוויזן צו מעלדן וועגן דער נאָענטער סכנה. טראָץ דער איבעראַשונג האָבן די הגנה־מענטשן באַוויזן אויסצובאַהאַלטן ס׳רוב רעוואָלווערן און זיי צו ראַטעווען פון די הענט פון די בריטישע פּאָליציאַנטן. אָבער צוויי „כלים“ זײַנען פֿאַרכאַפּט געוואָרן דורך דער פּאָליציי. די גאַנצע הגנה־איינהייט, וועלכע האָט געמאַכט די איבונגען, האָט מצליח געווען זיך „אַדורכצוזיפּן“ פון דער געביידע און צו פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש.

אַרעסטירט זײַנען געוואָרן נאָר צוויי: דער שומר און דער בחור, וואָס איז געבליבן דעו׳ לעצטער און האָט פאַרהאַקט דעם „סליק“.

עס איז אונדז נישט קלאָר געווען ווי אַזוי די פּאָליציי האָט דערגרייכט צום פּלאַץ: צי איז דאָס געווען אַ רעזולטאַט פון אַ מסירה, אָדער צי די בריטישע דעטעקטיוון האָבן דעם פּלאַץ אַנטדעקט נאָך אַ לאַנגער נאָכשפּירונג. ביידע זאַכן האָבן געקענט טרעפן — ווײַל דער דאָזיקער לאָקאַל איז געווען איינער פון די אינטענסיווע לימוד־פּלעצער פון דער הגנה, און די באַוועגונג איז דאָרט געווען זייער גרויס.

די אַרעסטירטע זײַנען אין דער זעלביקער נאַכט אַריבערגעפירט געוואָרן אין דער צענטראַלער טורמע אין יפו. דאָס איז געווען אַ זיכערער פּלאַץ, וווהין ס׳האָט נישט געקענט דערגרייכן די האַנט פון דער הגנה, אויב זי וואָלט וועלן באַפרייען אירע חברים מיט כוח. ש״י איז געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט אָנגעהויבן זאַמלען אינפאָרמאַציע וועגן גורל פון די אַרעסטירטע, איינצלהייטן וועגן דעם ראַפּאָרט און דעם באַשולדיקונגס־אַקט, וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט צוגעגרייט.

נאָך אין דער זעלביקער נאַכט האָבן מיר געהאַט אַלע פּרטים און אויפצומאָרגנס האָבן מיר געוווּסט אויך די פּאַראַגראַפן פון געזעץ. לויט וועלכע די אַרעסטירטע חברים וועלן געבראַכט ווערן פאַרן געריכט. האָבן מיר געמאַכט די נייטיקע צוגרייטונגען און מיר האָבן אָנגעהויבן זוכן מיטלען ווי אַזוי צו צעשטערן די פּלענער פון דער פּאָליציי. מיט דער הילף פון די פּאָליציאַנטן, וועלכע זײַנען געווען הגנה־חברים האָבן מיר אַריבערגעשיקט צו די אַרעסטירטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי זיי דאַרפן לייקענען יעדע שולד. זיי האָבן געדאַרפט זאָגן, אַז זיי האָבן קיין שום שייכות נישט צום געפונענעם געווער. זיי זײַנען געקומען אין דער שול „הערן אַ רעפעראַט“, וואָס איז באמת פאַרגעקומען דאָרט אָנהייב אָוונט. און נאָכן רעפעראַט האָבן זיי זיך אַביסל פאַרזאַמט פירנדיק אַ שמועס מיט די חברים — און אָט איז פּלוצים אָנגעקומען די פּאָליציי, האָט זיי אַרעסטירט, אָן שום שולד.

קעגן די צוויי אַרעסטירטע איז צוגעגרייט געוואָרן אַ באַשולדיקונגס־

אַקט פאַרן האַלטן הייס געווער. אין יענע אויסנאַם־צייטן האָט די דאָזיקע באַשולדיקונג געקענט מיטברענגען אַ שווערע שטראָף — פיל יאָרן תפיסה און שווערע אַרבעט. די פּאָליציי האָט געהאַט אין אירע הענט אַלע באַווייזן צו באַשולדיקן די אַרעסטירטע. עדות האָבן דערקלערט אַז איינער פון די באַשולדיקטע איז געווען אין צימער, אין וועלכן ס'האָבן זיך געפונען די רעוואָלווערן; און דער אַנדערער איז געשטאַנען אויף דער וואַך, כדי צו וואָרענען די מענטשן, וועלכע האָבן זיך געאיבט מיט געווער פאַר דעם אָנקום פון דער פּאָליציי. אין די עדות־דערקלערונגען פון די בריטישע פּאָליציאַנטן איז געזאָגט געוואָרן, אַז עס זיינען געווען אויפן פּלאַץ נאָך מענטשן, וועלכע האָבן זיך אַרויסגעדרייט פון זייערע הענט.

נאָך צוויי וואָכן אַרעסט זיינען אונדזערע חברים געבראַכט געוואָרן פאַרן געריכט. דער פּראָקוראָר איז געווען אַ בריטישער אָפיציר און זיין געהילף — אַ יידישער אָפיציר. אונדזער אַדוואָקאַט האָט געהאַט אַ קאָפּיע פון דער פּאָליציי־טעקע — אַ זאַך, וואָס האָט אים פאַרלייכטערט זיין אויפגאַבע.

דער בריטישער אָפיציר האָט געבראַכט שטאַרקע באַווייזן. ער האָט פאָרגעשטעלט פאַרן געריכט די „עקספּאָנאַטן" — די „כלים" וואָס מ'האָט פאַרכאַפּט און וועלכע האָבן, לויט זיין מיינונג, געהערט צו ביידע באַשולדיקטע. ער האָט געשילדערט די הגנה־מענטשן ווי געפערלעכע פאַרן לאַנד און פאַרן געזעלשאַפטלעכן וווילזיין — די מאַכט איז באַשטימט אָפּצוהיטן די זיכערקייט פון דער געזעלשאַפט. ער האָט צוגעגעבן, אַז דער ריכטער דאַרף זיך רעכענען מיט אָט דעם פאַקט — וואָס די פּאָליציי האָט געהאַט הצלחה. דאָס איז אפשר איין פאַל פון צווישן טויזנט. ער האָט געפאָדערט אַרויפצולייגן אויף די באַשולדיקטע די מאַקסימאַלע שטראָף — 15 יאָר תפיסה. די דאָזיקע שטראָף וועט דינען ווי אַ לעקציע פאַר די געזעץ־ברעכער.

אונדזער אַדוואָקאַט בשעת ער האָט געהאַלטן זיין שוץ־רעדע, האָט גע־בעטן קודם־כל די דערלויבעניש אָנצוטאַפּן די כלים, וועלכע זיינען געלעגן אויפן טיש פון די ריכטער. זיין בקשה איז דערפילט געוואָרן. האָט דער אַד־וואָקאַט געדרייט די רעוואָלווערן און האָט אויסגערופן מיט פאַרוואונדערונג: „דאָס זיינען דאָך פּוסטע כלים! דאָס איז דאָך גאָרנישט הייס געווער! דאָס איז נישט מער ווי שפּילצייג פאַר קינדער!" דער אָפיציר־פּראָקוראָר איז צעטומלט געוואָרן. ער האָט געוווּסט, אַז פאַרן האַלטן געווער וועלכן מ'קען נישט באַנוצן, קומט קיין שטראָף נישט.

דער ריכטער האָט באַשלאָסן תיכף צו באַפרייען די אַרעסטירטע. דער־ביי האָט ער געקוקט אויפן אָפיציר און די פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן באַוואַכט די אַרעסטירטע, מיט רחמנות־בליקן — זיי זיינען נעבעך מיאוס דורכגעפאַלן.

היינט קען מען שוין דערציילן דעם אמת: די פאַרכאַפּטע רעוואָלווערן זיינען געווען גוטע, מ'האָט זיך יאָ געקענט מיט זיי באַנוצן, אלא וואָס דען? אַ פּאָליציי־סערזשאַנט, אונדזער אַ מענטש, האָט פון זיי אַרויסגענומען די

צינגלעך און האָט זיי צוריקגעקערט בשלום אויף זייער פּלאַץ — אין טיש־קעסטל פון בריטישן אָפיציר, וואָס האָט געהיטן אָט די אַרעסטאַנטן און איז ביזן לעצטן מאָמענט געווען זיכער אין זיין הצלחה.

דריי יידן וועלכע האָבן פּאַראַמטן

מיר וועלן דאָ דערציילן וועגן דריי פאַלן פון פאַראַט, הגם זיינט דאַן זיינען שוין פאַרלאָפן יאָרן, זיינען נאָך די דאָזיקע פאַלן נישט פאַרגעסן געוואָרן. און זיכער זיינען נאָך פאַראַן דאָ און דאָרט אַ ברודער צי אַ פריינט פון דעם טראַגישן קרבן. כ׳וועל דעריבער נישט אָנרופן די נעמען פון די פאַררעטער, הגם זיי לעבן שוין נישט. צוויי זיינען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד און דער דריטער איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און דער אורטייל איז אויסגעפירט געוואָרן.

ער זוכט קאַריערע. —

אַ פּאָליציאַנט האָט איין מאָל פאַרהאַלטן צוויי הגנה־חברים, שפּעט ביינאַכט ווען זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון זייערע מיליטערישע איבונגען. דער פּאָליציאַנט האָט צוגענומען ביי זיי די רעוואָלווערן און האָט אַוועקגע־פירט די פאַרהאַלטענע צום נאָענטסטן פּאָליציי־פּונקט. די בחורים זיינען דערשטוינט געוואָרן. זיי האָבן זיך נישט געקענט פאָרשטעלן, ס׳זאָל מעגלעך זיין, אַז אַ יידישער פּאָליציאַנט זאָל אַרעסטירן הגנה־חברים און קאָנפיסקירן זייער געווער.

ווען דער פּאָליציאַנט האָט איבערגעגעבן ביידע הגנה־חברים דעם דיזשורירנדיקן פּאָליציאַנט, האָט יענער געזאָגט, אַז מ׳דאַרף דאָס געווער אומ־קערן און תיכף באַפרייען די חברים. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו פאַרנאָטירן דעם פאַל אין פּאָליצייאישן טאָגבוך, אָבער דער פּאָליציאַנט וואָס האָט פאַר־האַלטן ביידע חברים, האָט שטרענג געפאָדערט אַז דער פאַל גופא און אויך די נעמען פון די פאַרהאַלטענע מיט די נומערן פון די רעוואָלווערן זאָלן פאַר־צייכנט ווערן אין טאָגבוך. ס׳האָבן נישט געהאָלפן בקשות אין אויפקלערונ־גען. דער פּאָליציאַנט האָט נישט נאָכגעגעבן. ניין, דער פאַל מוז פאַרשריבן ווערן, דאָס געווער דאַרף מען קאָנפיסקירן און די צוויי חברים האַלטן אין אַרעסט. ער אַליין האָט זיך אַוועקגעזעצט שרייבן אַ ראַפּאָרט לויט אַלע פּרטים. בשעת מעשה האָט ער זיך נישט פאַרגעשטעלט מיט וואָס זיין „אַק־טיוויטעט" קען זיך ענדיקן. קענטיק, אַז ער האָט געהאָפט אין זינען אַ העכ־כערונג אין ראַנג, צו וועלכן ער קען זוכה זיין פאַר זיין טריישאַפט צו דער מאַנדאַטאָרן־מאַכט.

דער דיזשורירנדיקער פּאָליציאַנט איז געווען איינער פון אונדזערע חברים. ער האָט תיכף מיטגעטיילט וועגן דעם פאַל דער אָרטיקער הגנה־קאָמאַנדע. די אַרעסטירטע האָבן נישט געשפּירט, אַז הינטער די ווענט פון

דער פּאָליציי דרייען זיך שוין אַרום זייערע חברים און זוכן פּלענער, ווי אַזוי זיי צו באַפרייען.

צו יענער צייט איז אָנגעקומען אין פּאָליציי־פּונקט דער דיזשורירנדי־קער אָפיציר. אמת, ער איז נישט געווען קיין רעגיסטרירטער הגנה־חבר, אָבער ער איז געווען אַן אָנזעעוודיקער מענטש און איז געווען פּונקט אַזוי טריי, ווי אַ געשווירענער מיטגליד פון דער הגנה. ער האָט זיך לאַנג נישט געקווענקלט, איז צוגעגאַנגען צום טיש, גענומען דאָס קאָנפיסקירטע געווער, צוגערופן די צוויי אַרעסטירטע חברים, האָט זיי דערלאַנגט די רעוואָלווערן און זיי געהייסן זיך אָפּטראָגן. לכתחילה האָבן זיי נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָ איז געשען. אָבער דער אָפיציר האָט זיי ווידער געזאָגט: „גייט וואָס גי־כער פון דאַנעט, אייער קאָמאַנדיר אברהם וואַרט אויף אייך אין דרויסן". ערשט דאַן האָבן זיי באַנומען דעם ענין און געפאָלגט דער עצה פון אָפיציר.

דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט זיי אַרעסטירט האָט נישט געקענט קומען צו זיך פאַר פאַרדרוס. ער האָט דאָס מויל נישט געשפּאָלטן און זיך נישט געקלאָגט. אַ פּחד און עפּעס אַ מרה שחורה זיינען אים באַפאַלן. ער האָט שוין נישט געטרוימט מער וועגן דער העכערונג אין ראַנג. ער איז אַרומגע־גאַנגען ווי אַ שאָטן און האָט געציטערט פאַר דער רעאַגירונג פון דער הגנה אויף זיין איבערגעאײַלטן שריט. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז זיין מעשה איז געגליכן צו אַ פאַרראַט, וואָס מ'קען נישט מוחל זיין.

זיין געוויסן האָט אים געפּלאָגט. ער האָט נישט געפונען קיין וועג ווי אַזוי צו פאַרגעבן זיין זינד, הגם מיט אונדזערע בחורים איז קיין שלעכטס נישט געשען. אין זיין גרויסן יאוש איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

זיינע נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן. —

דער קאָמאַנדיר פון ש"י איז איין מאָל געקומען צו אַ קאָמאַנדיר פון אַ געוויסן פּונקט און האָט אים מיטגעטיילט, אַז אָט דער און דער חבר גיט איבער ידיעות וועגן דער הגנה צו בריטישע אָפיצירן. דער פאַרדעכטיקטער איז גלייך אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַן אויספאָרשונג און ער האָט געפילט, אַז ער איז אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע. ער האָט נישט געקענט לייקענען זיין שולד, ווייל זי איז געווען קלאָר און באַגרינדעט. דער פּאָליציאַנט, וואָס האָט אונדז איבערגעגעבן די ידיעה האָט געזען דעם דאָזיקן מענטשן ביי פאַר־שיידענע אומשטענדן מיט בריטישע פּאָליציי־אָפיצירן, און ס'האָט נישט גע־האַט קיין זין דאָס אַלץ אָפּצולייקענען.

עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן אַ געריכט פון העכערע הגנה־אָפיצירן. דער פאַרדעכטיקטער האָט זיך פאַר זיי מודה געווען וועגן זיינע מעשים. ער האָט אָפּגעגעבן אַ שריפטלעכע דערקלערונג, וואָס זיין קורצן אינהאַלט גיבן מיר דאָ איבער דורכלאָזנדיק די נעמען פון מענטשן און פּלעץ.

„איך, דער אונטערגעשריבענער, באַשטעטיק, אַז דעם 6טן יוני שבת, זעקס אַזייגער אינדערפרי, בין איך געפאָרן מיטן צוג פון תל־

אביב קיין ירושלים, כדי איבערצוגעבן דעם געהיימדינסט וועגן דער אָפּטיילונג פון דער הגנה אין דעם פונקט ב׳, צו וועלכן איך געהער. דאָרט האָב איך זיך געטראָפן מיטן בריטישן פּאָליציי־אָפיציר קוויקלי און ער האָט מיך געפרעגט, וואָס איך וויל. כ׳האָב פאַרלאַנגט פון אים אַן איבערזעצער, ווייל כ׳פאַרשטיי נישט זיין שפּראַך. דער איבערזעצער איז אַריינגעקומען. איך האָב אים איבערגעגעבן, אַז עס איז פאַראַן געווער אין געוויסע ערטער אין פונקט ב׳ און אַז מ׳פירט דאָרט דורך מיליטערישע פעלד־איבונגען, און אויך מיט קליינע כלים נעבן די הייזער. האָט מען מיך געפרעגט וויפל מענטשן לערנען זיך צוזאַמען, האָב איך געזאָגט: פופציק.

„מ׳האָט מיך געפרעגט ווער זיינען אונדזערע קאָמאַנדירן, האָב איך אָנגערופן די נעמען. מ׳האָט מיך געפרעגט ווער ס׳איז דער העכסטער אָפיציר, האָב איך אויך געזאָגט. מ׳האָט מיך געפרעגט ווער ס׳איז דער געהילף פון קאָמאַנדיר, האָב איך געזאָגט, אַז כ׳ווייס נישט. איך האָב אויך געענטפערט אויף דער פראַגע וועגן די מינים געווער. כ׳האָב געזאָגט, אַז ס׳זיינען פאַראַן רעוואָלווערן און ביקסן און איין מאַשין־געווער. וויפל חברים האָבן מיר? האָב איך געזאָגט: 100 — 150. מ׳האָט מיך געפרעגט וועגן באָמבעס, האָב איך געענטפערט, אַז וועגן דעם ווייס איך נישט. וויפל מאָל אין וואָך לערנט מען שיסן? האָב איך געענטפערט: כמעט יעדן אָוונט״.

דער פאַרדעכטיקטער גיט איבער אין זיין שריפטלעכער דערקלערונג אויך אַנדערע פרטים וועגן די שאלות און די תשובות און צום סוף דערציילט ער אַז ס׳איז געווען באַשטימט אַ צווייטע באַגעגעניש מיטן בריטישן אָפיציר דעם 8טן יוני אין אָוונט אין שרונה. ער האָט זיך מיטן אָפיציר געטראָפן און האָט אים איבערגעגעבן נאָך פרטים, האָט אים אפילו שפּעטער אַ בריוו געשריבן און פאַרלאַנגט אַ נייע באַגעגעניש. וואָסערע סיבות האָבן אים געבראַכט צום דאָזיקן פאַרברעכן? ער אַליין זאָגט, אַז דאָס איז געקומען פון „גייסטיקן און מאַטעריעלן יאוש״ און פון אַ נערוון־שוואַכקייט.

דאָס געריכט האָט געפסקנט, אַז דער פאַררעטער דאַרף פאַרשווינדן און פאַרלאָזן דאָס לאַנד. מיר האָבן קיין פּלאַץ נישט פאַר אַזעלכע טיפּן. ער האָט אָבער אויסגעקליבן אַן אַנדער וועג. ער האָט געבעטן מ׳זאָל אים געבן אַ רעוואָלווער און זיין בקשה איז דערפילט געוואָרן. ער האָט געפּרוּווט אַריינשיסן אין זיך אַ קויל, אָבער דער רעוואָלווער האָט נישט געווירקט. האָט ער געבעטן אַן אַנדערן רעוואָלווער. איז אַרויס מחוץ דער שטאָט און האָט דאָרט געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן.

געמיינער פאַררעטער. —

דער דריטער פאַל איז פאַרבונדן מיט אַ מענטשן, וואָס קען מיט רעכט פאַררעכנט ווערן ווי אַן אָפּפאַל פון מענטשלעכן מין. ער איז נישט דורכגע־פאַלן אין קיין פאַל. אָבער ער האָט געהאַט אַ האַנט אין פיל פּראָוואָקאַטאָ־רישע מעשים און ער איז געווען פון די ביליקע אינפאָרמאַטאָרן אין בריטישן געהיים־דינסט.

איין מאָל האָט אונדז אונדזער חבר ק. מיטגעטיילט פון דער פּאָליציי אין נוה־שאנן וועגן אַ פאַל, אין וועלכן ס׳איז געווען פאַרמישט אַ יונגער בחור, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן פאַר גנבה, הגם אים האָט דערוואַרט תפיסה, איז ער דאָך באַפרייט געוואָרן דורכן אָפיציר פון געהיים־דינסט אָן שום לאָגישער סיבה. דער דאָזיקער בחור האָט זיך נישט באַגנוגנט מיט דער גנבה פאַר וועלכער ער איז אַרעסטירט געוואָרן, נאָר ער האָט נאָך אויף דער פּאָליציי־סטאַציע גופא געגנבעט צוויי פּילפּעדערס און דאָך נישט געקוקט אויף דעם איז ער באַפרייט געוואָרן לויט אַ באַפעל פון אויבן... אונדזער חבר, וואָס האָט גוט געקענט די געזעצן האָט פאַרשטאַנען, אַז מ׳קען נישט באַפרייען אַ פאַרהאַלטענעם, וואָס ווערט באַשולדיקט אין גנבה, ווען ס׳זאָל נישט זיין דערצו אַ וויכטיקע סיבה, אָדער אַן אורטייל פון אַ ריכטער. „די וויכטיקע סיבה״ האָט געקענט זיין דאָס, וואָס דער גנב האָט צוגעזאָגט צו דינען אַלס אינפאָרמאַטאָר, אָדער, אַז ער האָט זיך שוין געהאַט פאַרנומען מיט דער דאָזיקער מלאכה און האָט זיך נאָר „צופעליק פאַרפּלאָנטערט״ אויך אין אַ גנבה.

ווען אונדזער חבר האָט צוריקגעקערט דעם גנב די זאַכן וואָס מ׳האָט ביים אים אָפּגענומען בשעת דעם אַרעסט, האָט ער איבערגעלאָזן פאַר זיך עטלעכע פּריוואַטע פאָטאָגראַפיעס, פאַרשיידענע דאָקומענטן און בריוו.

די בריוו און דאָקומענטן זיינען איבערגעשיקט געוואָרן אין ש״י, און דאָ איז קלאָר געוואָרן, אַז דער חשד האָט אַ גרונט: דער גנב האָט געהאַט פאַרשיידענע ענינים. אויך זיינע צייכענונגען האָבן אַרויסגערופן אַ פאַר־דאַכט.

מיט דער צייט איז אונדז באַקאַנט געוואָרן דורך אונדזערע חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אין געהיים־דינסט, אַז אַ פאַרדעכטיקער יונגערמאַן טרעפט זיך מיט בריטישע אָפיצירן פון געהיים־דינסט ביי פאַרדעכטיקע אומ־שטענדן. לויט די באַשרייבונגען איז אונדז קלאָר געוואָרן, אַז דער פאַרדעכ־טיקטער איז דער זעלביקער בחור, וואָס איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דער פּאָליציי און איז באַפרייט געוואָרן. מיר האָבן זיי געוויזן זיין פאָטאָ־גראַפיע און זיי האָבן אים תיכף דערקענט אָן שום צווייפלונג.

מיר האָבן געמאַכט פיל קאָפּיעס פון זיין פאָטאָ און זיי פונאַנדערגע־שיקט צו די הגנה־אָפּטיילונגען איבערן גאַנצן לאַנד. דערביי איז געגעבן גע־וואָרן אַן אָנווייזונג זיך צו היטן פאַר די מענטשן און ווען ער וועט זיך באַ־

ווייזן אויף אַ וועלכן ס׳איז אָרט זאָל מען וועגן דעם מיטטיילן דעם הגנה־שטאַב.

עס זיינען דערגאַנגען צו אונדז ידיעות, אַז דער בחור באַווייזט זיך פון צייט צו צייט אין גוש נהלל, אין עמק־יזרעאל און איטלעך מאָל אונטער אַ נייער מאַסקע. אַמאָל איז ער אַ זעלנער, אַמאָל אַ שומר און אַמאָל ווערט ער גאָר אַ מילך־טרעגער וכדומה. מ׳האָט אים געזען אין טורמע אויך ווי אַן אַרעסטאַנט, און ס׳איז געווען אַ פּאַרדאַכט, אַז דער געהיים־דינסט האָט אים אַהין אַריינגעזעצט כדי ער זאָל נאָכשפּירן די יידישע אַרעסטירטע. אין יענע טעג איז אַ געוויסע צאָל הגנה־חברים געווען אין די טורמעס. איז געווען אומבאַדינגט נויטיק, אַז אונדזערע חברים זאָלן האַלטן די צונג, און זאָלן אפילו צווישן זיך גופא נישט ריידן, כדי עפּעס פון זייערע שמועסן זאָל נישט דערגרייכן צו פרעמדע אויערן.

ס׳זיינען געווען אויך ידיעות, אַז דער דאָזיקער בחור איז שוין דערעסן געוואָרן אפילו דעם געהיים־דינסט אַליין, ווייל ער ליידט פון אַ שווערער געשלעכט־קראַנקהייט און איז אַ האָמאָסעקסואַליסט דערצו.

דער פאַרשוין האָט זיך ווייטער אַרומגעדרייט איבער די ישובים און פלעגט יעדעס מאָל זיך אַרויסדרייען פון אונדזערע פאַרשונגען. ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרשטיין, אַז מ׳שפּירט אים נאָך און איז געווען זייער פאַר־זיכטיק.

צום סוף איז געווען אַ פאַל ווען מ׳האָט געמסרט דער פּאָליציי וועגן אַ געהיימען געווער־מאַגאַזין אין גליל. לויט אַלע סימנים און עדות־דערקלע־רונגען, האָט די אויספאָרשונג געפירט אין דער ריכטונג צו אונדזער באַקאַנטן בחור. מיר האָבן אים געפּאַקט. ס׳האָבן זיך געפונען עדות, וועלכע האָבן אים געזען, ווי ער איז געגאַנגען מיט דער בריטישער פּאָליציי און אָנגעוויזן דעם געווער־מאַגאַזין. מ׳האָט אים דערקענט, הגם זיין געזיכט איז בשעת מעשה געווען פאַרדעקט.

עס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אַ מיליטערישער געריכט. נאָך דעם ווי ס׳זיינען געבראַכט געוואָרן אַלע באַווייזן און עדות־דערקלערונגען און דאָס געריכט האָט זיך איבערצייגט אין זיין שולד אָן דעם מינדסטן צווייפל, איז דער שולדיקער פאַראורטיילט געוואָרן צו טויט־שטראָף דורך שיסן.

פאַר דער עקזעקוציע האָט דער פאַראורטיילטער זיך מודה געווען אין זיינע מעשים און האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך אפילו געוווּנדערט, וואָס מ׳האָט אים געלאָזט לעבן אַזוי לאַנג. דאָס זיינען געווען זיינע לעצטע ווער־טער.

אונדזער יוגנט האַלט זיך מוטיק

דעם 16טן מערץ 1946 איז געכאַפּט און אַרעסטירט געוואָרן אַ קאָמאַנדיר פון גדנ"ע (לייען „גאַדנאַ"). דאָס איז אַ מיליטערישע יוגנט־פאָרמאַציע, גדנ"ע באַדייט גדודי־נוער — יוגנט־באַטאַליאָנען. אין דער טעקע פון דעם אַרעסטירטן זיינען געווען די ליסטעס פון די גדנ"ע־חברים, זייערע אַדרעסן, די פּלעצער וווּ זיי באַגעגענען זיך און די פּלעצער פון זייערע איבונגען. צו יענער צייט האָבן זיך די יוגנטלעכע פאַרנומען מיטן אויסקלעפּן אויפרופן פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

אין דער זעלביקער נאַכט איז די פּאָליציי געקומען אין איינעם פון די לערן־פּלעצער פון דער הגנה און האָט אָנגעהויבן דורכצופירן רעוויזיעס. זי האָט אָבער גאָרנישט געפונען אַ דאַנק אונדזערן אַ פּאָליציי־אָפיציר, וועלכער האָט מיטגעטיילט דעם ש"י, וועגן די באַפאָרשטייענדיקע רעוויזיעס רעכטצייטיק. מיר האָבן תיכף איבערגעגעבן די ידיעה אין דאָזיקן פּלאַץ עטלעכע מינוט פאַרן אָנקומען פון דער פּאָליציי. און דאָס געווער וואָס האָט גענוצט פאַר די איבונגען פון די הגנה־חברים איז אויסבאַהאַלטן געוואָרן כמעט צו דער זעלביקער מינוט ווי די פּאָליציאַנטן זיינען דערשינען אין טיר.

צוגלייך האָט אַן אַנדער גרופּע פּאָליציאַנטן דורכגעפירט אַ רעוויזיע אין דעם סיגנאַליזאַציע־מאַגאַזין פון גדנ"ע. דאָ זיינען געווען פאַרשיידענע סיגנאַליזאַציע־באַטעריעס, מאָרס־שליסלען, העליאָגראַפן און אַנדערע סיגנאַל־אינסטרומענטן, וואָס מ'האָט לויטן געזעץ נישט געטאָרט האַלטן — דאָס אַלץ איז קאָנפיסקירט געוואָרן. מ'האָט אויך געפונען אַ היפּשע צאָל ביקס־קוילן — אַ זאַך וואָס דאַרף זיך אייגנטלעך נישט געפינען ביי סקויטן. די אויספאָרשער פון דער פּאָליציי האָבן אומזיסט געפּרוווט צו דערגיין ביים באַלעבאָס פון מאַגאַזין איינצלהייטן וועגן אָט די מאָדנע „סקויטן", וועמען ער האָט פאַרדינגט זיין בנין. ער האָט איבערגעחזרט יענע ווערטער, וועלכע מיר האָבן אים פריער געהאַט אַריינגעלייגט אין מויל און דער אויספאָרשער האָט נישט מצליח געווען צו באַגרינדן אַ באַשולדיקונגס־אַקט קעגן אים.

דער סערזשאַנט, וואָס איז געווען באַפולמעכטיקט דורכצופירן די רעוויזיעס אין די פאַרצייכנטע אין דער רשימה פּלעצער, האָט צו זיין גרעסטער איבעררעאַשונג זיך פּלוצלינג איבערצייגט, אַז אָט די רשימה, וועלכע איז אים געווען נויטיק ווייטער אָנצופירן מיט דער אַקציע, איז פאַרשווונדן געוואָרן. די פּאָליציאַנטן האָבן אויסגעדריקט אַ חשד, אַז ער האָט מסתמא פאַרגעסן די רשימה אין קאַפע־הויז, וווּ ער האָט יענעם טאָג אַריינגעכאַפּט אַ שטאַרקן טרונק... ער האָט ווייטער געזוכט די רשימה, וואָס איז שוין געווען אין די הענט פון ש"י. אונדזער אַ חבר, אַ פּאָליציי־אָפיציר האָט אַרויסגעגנבעט די רשימה פון שופלאָד פון דעם בריטישן סערזשאַנט.

צו די גדנ"ע־יוגנטלעכע, וואָס זייערע נעמען האָבן זיך געפונען אין דער רשימה, איז גלייך געגעבן געוואָרן אַן אָנווייזונג זיי זאָלן אויסרוימען

פון זייערע היימען אַלע פאַרבאַטענע מאַטעריאַלן און זיי זאָלן זיין גרייט אויף אַן אויספאָרשונג און אפשר אויך אויף אַרעסטן. נאָר די דאָזיקע זאָרג איז געווען איבעריק: די פּאָליציי האָט נישט באַוויזן איבערצושרייבן די רשימה איידער מיר האָבן זיי באַקומען. זי האָט נישט געהאַט קיין שום זכר פון די גדנ״ע־נעמען. און גדנ״ע איז דאָך געווען דער יונגער דור פון דער הגנה.

אויך דער יוגנטלעכער, וואָס איז אַרעסטירט געוואָרן, האָט באַקומען פון אונדז די געהעריקע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי ער דאַרף זיך אויפפירן אין פאַל פון אַ געריכט. די אינסטרוקציעס זיינען אים איבערגעגעבן געוואָרן דורך אונדזערע חברים־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אים געהיטן אין זיין אַרעסט. דאָס געריכט האָט אים באַשטראָפט זייער לייכט.

אַזוי אַרום זיינען אויסגעמיטן געוואָרן קאָמפּליצירטע משפטים, וועלכע וואָלטן געבראַכט צרות צענדליקער גדנ״ע־יוגנטלעכע, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט איבונגען. מיטן איבערגעבן אינפאָרמאַציעס, מיט דער פאַרשפּרייטונג פון דער הגנה־אויסגאַבע „התומה״ און מיט אַנדערע אומגעזעצלעכע זאַכן.

די גדנ״ע־יוגנטלעכע האָבן אין יענע טעג פון שווערן געראַנגל אויסגעפילט זייער וויכטיקע פונקציעס און זיי האָבן אויך געהאָלפן דעם ש״י מיט פאַרשיידענע אַקציעס פון נאָכשפּירן, אונטערהערן וכדומה.

קאַפּיטאַן ווינגייט

עס איז שוין פיל געשריבן און דערציילט געוואָרן וועגן דעם באַרימטן בריטישן קאַפּיטאַן ווינגייט, וועלכער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם שוץ פון יידישן ישוב קעגן אַראַבישע באַנדיטן אין די טומלדיקע יאָרן 1936—1939. קאַפּיטאַן ווינגייט האָט געהאַט זיינע ספּעציפישע מעטאָדן פון קאַמף. ער האָט אָרגאַניזירט די אַזוי גערופענע „נאַכט־אָפּטיילונגען״, וואָס זיינען באַשטאַנען פון בריטישע זעלנער און הגנה־חברים. ער פלעגט צעשמעטערן די אַראַבישע באַנדעס, וועלכע האָבן אָפטמאָל איבערגעשטיגן מיט זייער צאָל דעם כוח פון זיינע איינהייטן און פלעגט זיי שלאָגן אויף זייערע באַזעס.

וועגן דעם אַלעמען האָט מען שוין געשריבן, אָבער עס איז נאָך ביז איצט נישט באַצייכנט געוואָרן, אַז אַ היפּשן טייל פון זיינע דערפאָלגן דאַרף מען צושרייבן אויפן חשבון פון ש״י. אויפן סמך פון די ש״י־אינפאָרמאַציעס האָט ער אויסגעאַרבעט זיינע פּלענער פון אַנגריף און לויערונג. ווינגייטס איבּ־פאָרמאַטאָרן זיינען געווען אַראַבער אין דער געגנט פון עמק יזרעאל און אפילו די באַנדיטן אַליין. די דאָזיקע אַקציע האָט געפירט מיט פיל פעאַי־קייטן חיים שטורמאַן ז״ל, איינער פון די „השומר״־מענטשן, אַ געניטער הגנה־קאָמאַנדיר און איינער פון די ערשטע קאָלאָניסטן אין עמק יזרעאל.

אין אָנהויב פון די אַקציעס פון קאַפּיטאַן ווינגייט אין גליל און אין

עמק איז צו אים צייטווייליק צוגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ פאַרבינדונגס־אָפי־ציר דער ש"י־קאָמאַנדיר פון חיפה, וואָס איז שפּעטער פאַרביטן געוואָרן אויפן ש"י־קאָמאַנדיר פון תל־אביב. די דאָזיקע באַשטימונגען זיינען געמאַכט געוואָרן אָפיציעל אין נאָמען פון דער יידישער אַגענץ. אָבער קאַפּיטאַן ווינגייט איז געווען קלאָר, אַז דער פאַרבינדונגס־אָפיציר איז אַ פאָרשטייער פון דער הגנה, פונקט ווי ער האָט געוווסט, אַז אין זיינע אייגהייטן זיינען פאַראַן הגנה־חברים.

ס'איז שווער היינט פעסטצושטעלן צי איז צופעליק באַשלאָסן געוואָרן צו שיקן ש"י־פאָרשטייער פאַר דער צוזאַמענאַרבעט מיט קאַפּיטאַן ווינגייט, אָדער דער הגנה־שטאַב האָט דאָס געמאַכט באַוווסטזיניק, מחמת ער האָט געוווסט, אַז ווינגייט איז אַ זייער אינטעליגענטער אָפיציר און ס'איז בעסער, אַז עס זאָל מיט אים מיטאַרבעטן אַ „קאָלעגע לויטן פאַך".

קאַפּיטאַן ווינגייט האָט געהאָרעוועט אומאויפהערלעך. ער פלעגט מיליטעריש אויסבילדן די מענטשן, אויספּאַרטיקן פלענער, איינאָרדענען באַגעגענישן און שמועסן, פלעגט שטודירן די מאַפּעס, פלעגט דורכפירן באַזוכן אין דער געגנט, און אויסגעפירט אויך אַלע אַנדערע אַרבעטן, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט זיין פונקציע. אָבער מ'האָט כמעט נישט געזען ער זאָל זיך טרעפן מיט די אינפאָרמאַטאָרן, ווייל מיט זיי פלעגט ער זיך באַגעגענען אין די פריע מאָרגן־שעהן, איידער די חברים פון קיבוץ אָדער מושב פלעגן אויפשטיין צו דער אַרבעט. די באַגעגענישן פלעגט ער איינאָרדענען אין באַהאַלטענע ערטער, כדי קיינער זאָל אים נישט זען מיטן אינפאָרמאַטאָר. זיינע באַגעגענישן מיט די אינפאָרמאַטאָרן זיינען געווען שטרענג קאָנספּיראַטיווע און ער פלעגט נישט ריידן וועגן זיי. אַמאָל פלעגט ער בעטן, אַז אויב אויפצומאָרגנס, פאַרן זון־אויפגאַנג, וועט קומען אַן אַראַבער און וועט אָנגעבן אַ באַשטימטן פּאַראָל, זאָל מען אים אַריינלאָזן אין הויף פון דער ווירטשאַפט. ער פלעגט שטענדיק פאָדערן פון אונדז מ'זאָל וועגן קיין זאַך נישט פרעגן דעם געקומענעם פונקט ווי זיי קומען איז אַ געוויינלעכע זאַך און דערוועקט נישט קיין שום פאַרדאַכט. זאָל דער אינפאָרמאַטאָר מיינען, אַז מיר האַלטן אַז ער איז געקומען צוליב געשעפטלעכע ענינים. אַחוץ חיים שטורמאַן, דעם פאַרבינדונגס־אָפיציר פון דער הגנה, און אויך אַחוץ דעם אָרטיקן הגנה־קאָמאַנדיר און דעם נאַכט־וועכטער, האָט קיינער נישט געוווסט וועגן אָט די געהיימע באַגעגענישן. אַפילו די בריטישע אָפיצירן, די הויפּט־מיטאַרבעטער פון קאַפּיטאַן ווינגייט האָבן אויך גאָרנישט געוווסט.

ווען ווינגייט פלעגט צוגרייטן אַן אַקציע קעגן איינעם פון די אַראַבישע דערפער, ווו לויט אַ מעלדונג פון זיין אינפאָרמאַטאָר באַהאַלט זיך אויס אַ באַנדע, פלעגט ער שיקן, כדי צו פאַרמאַסקירן זיין אַקציע, עטלעכע לאַסט־אויטאָס מיט זעלנער אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, כדי די אָבסערוואַטאָרן פון דער באַנדע, ווי אויך דער אינפאָרמאַטאָר אַליין זאָלן מיינען, אַז ער צילט נישט קעגן זיי. אָבער נאָך דעם ווי ער פלעגט שאַפן דעם פאַלשן איינ־

דרוק און פלעגט אַזוי אַרום פאַרפירן די באַנדעס, פלעגט ער פלוצים, אין דער טיפער נאַכט אומקערן זיינע איינהייטן אין ריכטיקן ציל, פלעגט אויס־שטעלן קאָנספּיראַטיווע פּאַטרולן און דאַן פלעגט ער פלוצלינג באַפאַלן דעם באַנדיטן־נעסט, פלעגט זיי אויסראָטן און פאַרטרייבן אין אַלע זייטן.

קאַפּיטאַן ווינגייט האָט געהאַט דעם פולסטן צוטרוי צום פאַרשטייער פון דער הגנה, אויף אַזוי פיל, אַז ער פלעגט ביי אים איבערלאָזן די טעקע מיט זיינע דאָקומענטן, בשעת ער פלעגט פאַרלאָזן זיין שטאַב אין עין־חרוד. אַמאָל פלעגט דער קאַפּיטאַן אַוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג און די טעקע, אָנגעשטאָפּט מיט צירקולאַרן, ראַפּאָרטן און פאַרשיידענע מיליטערישע ביור־לעטינען — פלעגט בלייבן ביי אונדז. אין דער טעקע איז שטענדיק געווען אַ וויכטיק מאַטעריאַל, וואָס פלעגט שטאַמען פון שטאַב פון דער דיוויזיע, צו וועלכער ס'האָט געהערט ווינגייט. אָבער הגם דער אינפאָרמאַטיווער און שטרענג קאָנספּיראַטיווער מאַטעריאַל האָט גערייצט אונדזער נייגיר, און וואָלט אייגנטלעך געדאַרפט אָפּקאָפּירט אָדער פאָטאָגראַפירט ווערן פאַר אונדזערע אַנשטאַלטן (ווי מיר פלעגן זיך נוהג זיין מיט אַזאַ מין מאַטעריאַל) — האָבן מיר אָבער אין דעם פאַל די טעקע נישט אָנגערירט. מיר האָבן גאָר־נישט קאָפּירט און נישט פאָטאָגראַפירט — מיר האָבן נישט געפעלשט אין דעם צוטרוי, וואָס אונדזער פריינט האָט אונדז געשאָנקען.

אַראַבישע אָנפירער שמועסן זיך דורך...

אין דרום־טייל פון ארץ־ישראל האָבן מיר געהאַט נאָך אַ קוואַל פאַר אינפאָרמאַציעס. מיר האָבן געהאַט אין אונדזער רשות אַזאַ כלי, וואָס פלעגט אונדז געבן אָביעקטיווע אינפאָרמאַציעס וועגן די געשעענישן אין די שכנות־דיקע לענדער, וועגן זייערע קעגנזייטיקע באַציאונגען און באַזונדערס וועגן די פאַרהעלטענישן צווישן זייערע אָנפירער. מ'האָט נישט געקענט צווייפלען אין דער לאָיאַליטעט פון אָט דעם „אינסטרומענט". אַ היפּשער טייל אינ־פאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן באַקומען מיט זיין הילף, איז געווען אַ חידוש און אפילו אַ סענסאַציע. עס פלעגן אויפגעכאַפּט ווערן אויך פּוסטע זאַכן, אָדער קריגערייען צווישן איין מנהיג מיט דעם צווייטן, אָבער אויך דאָס, הגם דאָס האָט אונדז נישט קליגער געמאַכט אין פּאָליטישן זין, האָט דאָס אָבער אונדז געוויזן, וואָס איז ווערט די „פריינטשאַפט" צווישן זיי אַליין.

ווי באַקאַנט איז דורך ארץ ישראל דורכגעגאַנגען די טעלעפאָן־ליניע צווישן די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות. דער בריטישער געהיים־דינסט פלעגט אונטערהערן די שמועסן און פאַרנאָטירן זייער אינהאַלט. די השגחה איבער די אונטערהערער־פּונקטן איז געלעגן בעיקר אין די הענט פון בריטישע אָפיצירן און פּאָליציאַנטן, וועלכע קענען שפּראַכן, אָבער ווייל עס האָבן אויס־געפעלט ביי זיי מענטשן, וואָס פאַרמאָגן די נייטיקע אייגנשאַפטן זיינען זיי געווען געצוווּנגען צו באַשטימען אויף דער מלאכה פון אונטערהערן אויך

פינף יידישע פּאָליציאַנטן און סערזשאַנטן. אַט די פינף יונגעלייט האָבן גע־הערט צו דער ש״י־אָפּטיילונג פון דער הגנה און זיי האָבן באַוווסטזיניק דער־פילט זייער פליכט פאַר דער הגנה. טאָג־טעגלעך ווען זיי פלעגן פאַרענדיקן זייער טאָגיקע אָדער נאַכטיקע אַרבעט, פלעגן זיי קומען אין איינעם פון די ש״י־ביוראָען, און פלעגן פאַרשרייבן אַ קאָפּיע פון דעם אינהאַלט, פון די צווישנלענדער געשפּרעכן, וועלכע זיי האָבן אָקאָרשט פאַרשריבן פאַר זייע־רע שעפן אין בריטישן געהיים־דינסט.

אויס פאַרזיכטיקייט פלעגן מיר גלייך דעם טעקסט איבערזעצן פון ענגליש אויף העברעאיש און פלעגן פאַרניכטן דעם אָריגינעלן נוסח געשריבן דורך זיי אייגנהענטיק. עס איז געוועזן אונדזער פליכט זיי אויסצוהיטן פון יעדער צרה. ווען נישט וואָלטן מיר פאַרשטאָפּט אַט דעם וויכטיקן אינפאָר־מאַציע־קוואַל. מיר האָבן זיי אויפגעפּאַדערט זיי זאָלן נישט מיטברענגען מיט זיך זייערע ראַפּאָרטן, נאָר זיי זאָלן אין אונדזער ביוראָ פאַרשרייבן דעם אינהאַלט לויטן זכרון.

עס זיינען געווען נאָך פיל פאַלן, ווען אונדזערע חברים פלעגן דערלאַנ־גען דעם אינהאַלט פון די טעלעפאָן־געשפּרעכן, וועלכע זיינען אויפגענומען געוואָרן דורך זייערע קאָלעגן, די בריטישע פּאָליציאַנטן, טראָץ אַלע פאַר־זיכטס־מיטלען וועלכע יענע פלעגן אָננעמען לגבי אונדזערע חברים איז זיי דאָך נישט געלונגען צו שטערן די יידן אַריינצוקוקן אין זייערע נאָטיצן.

ווען ס׳פלעגן זיך צונויפקומען אַראַבישע קאָנפערענצן, אָדער זיצונגען פון העכסטן אַראַבישן קאָמיטעט פון ירושלימער מופטי, פלעגן אונדזערע חברים פאַרשטאַרקן זייער אַקטיוויטעט. זיי פלעגן שעפן גענויע ידיעות וועגן אַלץ וואָס קומט פאָר אויף די קאָנפערענצן, וועגן די פאַרהאַנדלונגען, רע־זאָלוציעס און אַזוי ווייטער. מ׳האָט זיי נישט געדאַרפט דערצו אָנרעגן — זיי האָבן געפירט זייער אַרבעט זעלבסטשטענדיק. זיי האָבן אַליין אויס איי־גענעם ווילן זיך באַמיט אַרויסצובאַקומען וואָס מער אינפאָרמאַציעס.

ווי געזאָגט, פלעגן די אונטערהערער — די בריטן ווי די יידן — פאַר־שרייבן אַלץ וואָס זיי האָבן אויפגענומען און לויטן גענויען נוסח, ווי די ווערטער זיינען צו זיי דערגאַנגען, די דאָזיקע ראַפּאָרטן פלעגן דעם זעלביקן טאָג איבערגעשריבן ווערן אויף אַ שרייב־מאַשין. מ׳פלעגט מאַכן אַזוי פיל קאָפּיעס וויפל פּאָליציי־דיסטריקטן עס זיינען געווען אין לאַנד. די ראַפּאָרטן זיינען געשיקט געוואָרן צום דירעקטאָר פון בריטישן געהיים־דינסט, דעם גע־נעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעגירונג און צו איין קאָפּיע צו יעדן דיסטריקט־קאָמיסאַר פון געהיים־דינסט. מיר האָבן זיך שוין אויסגעלערנט צו דערקע־נען לויט דער פאָרם פון קאָנווערט און לויטן וואַקס־זיגל, אַז דאָרטן ליגן די געהיימע ראַפּאָרטן. און מיר האָבן געזאָרגט דערפאַר, אַז אויך אַזאַ פּאַקעט זאָל „באַזוכן" פריער די ש״י־ביוראָ איידער ער דערגרייכט צום אַדרעסאַט. אויף אַזאַ אופן פלעגן מיר באַקומען אַ באַשטעטיקונג פון די אינפאָרמאַציעס,

וועלכע מיר האָבן שוין פריער געהאַט און מיר האָבן געליייענט אויך יענע ראַפּאָרטן, וועלכע זיינען צו אונדז פריער נישט דערגאַנגען.

צו אונדזער באַדויערן האָט די דאָזיקע אָרדענונג אָנגעהאַלטן נאָר געציילטע יאָרן און איז בטל געוואָרן אין די לעצטע יאָרן פון אונדזער געראַנגל.

ווענט האָבן אויערן

עס איז פאַר אונדז נישט געווען קיין סוד, אַז אין שטאָב פון געהיים־דינסט און אין יעדן זיינעם דיסטריקט זיינען פאַראַן אונטערהער־אַפּאַראַטן פאַר ציווילע טעלעפאָנען. אַ גרופּע יידישע און ענגלישע פּאָליציאַנטן, וועלכע קענען עטלעכע שפּראַכן איז געווען אָנגעשטעלט פאַר דער דאָזיקער מלאכה. די אונטערהערער פלעגן פאַרנאָטירן דעם אינהאַלט פון פאַרדעכטיקטע געשפּרעכן און עס איבערגעבן אין אויספירלעכע ראַפּאָרטן דעם געהיים־דינסט.

דער אונטערהערער־אַפּאַראַט איז געווען אַ שטענדיקער, אָבער די נומערן פון די טעלעפאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אונטער דער קאָנטראָל, פלעגן זיך פון צייט צו צייט ענדערן. לויט די אָנווייזונגען פון געהיים־דינסט. מ׳האָט אונטערגעהערט הויפּטזעכלעך די טעלעפאָנען פון פּערזענלעכקייטן און אינסטיטוציעס, וואָס דער געהיים־דינסט איז געווען פאַראינטערעסירט נאָכצושפּירן זייער טעטיקייט און זייערע פונקציעס. די ראַפּאָרטן פון די אונטערהערער פלעגן אַריינגעלייגט ווערן אין די דאָקומענטן וועגן די פאַרדעכטיקטע וואָס פלעגן אָנגעזאַמלט ווערן אין געהיים־דינסט.

די אונטערהער־אָפּטיילונג פון געהיים־דינסט פלעגט באַקומען אינסטרוקציעס. לאָמיר דאָ ברענגען עטלעכע אויסצוגן פון די אינסטרוקציעס, כדי צו באַווייזן, וואָס ס׳האָט אינטערעסירט די בריטישע דעטעקטיוון. דערפון וועט מען אויך קענען אָפּלערנען ווי וויכטיק עס איז געווען די קעגנאַקציע פון ש״י, וואָס איז געפירט געוואָרן לגבי אָט דער געהיימער אָפּטיילונג.

אין דער אינסטרוקציע איז אָנגעוויזן דער ציל, וואָס ווערט פאַרפאָלגט מיטן אונטערהערן די טעלעפאָן־געשפּרעכן צווישן די אַראַבישע לענדער. דער ציל איז געווען אַרויסצובאַקומען אינפאָרמאַציעס און האַלטן דעם קאָנטראָל.

אונטערהערן האָט מען געדאַרפט אַלע געשפּרעכן, וועלכע זיינען נוגע זיכערקייטס־ענינים, פּאָליטיק, אומלעגאַלע עליה, דאָס אויסמיידן צענזור, צאָל־אַמט, עקספּאָרט־ און אימפּאָרט־דערלויבענישן, קאָנטראָל איבער וואַלוטע און אַנדערע אומלעגאַלע אַקציעס, ווי אויך ענינים, וועלכע זיינען נוגע די מלחמה־אָנשטרענגונגען (דאָס איז געווען אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה).

22/116/12/GS.

Criminal Investigation Department,
Headquarters, Palestine Police,
P.O.Box 850,
Jerusalem.

CONFIDENTIAL

10th June, 1943.

Supt., of Police, LYDDA.
Supt., of Police, HAIFA.

STANDING ORDERS - TELEPHONE MONITORS

OBJECT

1. The monitoring of telephones has as its object the interception and control of international trunk calls made between Palestine and Egypt, Syria, the Lebanon and Transjordan and certain calls made within Palestine. Monitoring centres are situated at :-

3. All international trunk calls will be intercepted and conversations on the following subjects recorded :-

(i) Security,
(ii) Politics.
(iii) Illegal Immigration.
(iv) Evasion of censorship, customs, import and export licences, currency control and other illegal acts,
(v) Matters relating to the war effort.

4. Subscribers will normally be required to converse in one of the official languages or French, but if another language is used which is understood by the monitor, the conversation may be allowed to continue. If the language used is not understood the subscribers will be warned that unless they converse in one of the official languages or French the call will be disconnected by the G.P.O.

5. Conversations in which code or cypher is used will be disconnected.

P.T.O.

INLAND CALLS

15. At the monitoring centres of Jerusalem, Tel Aviv and Haifa provision is made for the interception of certain subscribers calls. The numbers to be monitored will be selected by the Police authorities of the District concerned in cooperation with A.I.G., C.I.D. Application for the variation of the numbers to be monitored will be made to the Postmaster-General through the A.I.G., C.I.D., except in urgent cases when the A.S.P., District 'I' Branches at Jerusalem, Lydda and Haifa may apply to the G.P.O. Divisional Engineer direct, details being submitted later to the Postmaster-General through A.I.G., C.I.D., for ratification. The G.P.O. Divisional Engineers are :-

21. Above all they will bear in mind that the success of their work depends entirely on their ability to keep their knowledge to themselves and for this reason they will refrain at all times from discussing their affairs in public.

ASSISTANT INSPECTOR-GENERAL.
C.I.D.

Cc : Postmaster-General (1)
: Chief Censor (2)
Monitoring room, C.I.D.H.Q.(1) Monitoring Room, Ramle (1).

די אינסטרוקציעס וועגן אונטערהערן די טעלעפאָן־געשפּרעכן אינעם לאַנד גופא, שטעלן פעסט, אַז די פּאָליציי, צוזאַמען מיטן געהיים־דינסט זאָלן פעסטשטעלן, וועלכע טעלעפאָנען מ׳דאַרף נאָכשפּירן.

יעדער אונטערגעהערטער דורך אונדז שמועס ווערט פאַרצייכנט אי־נעם טאָגבוך פון דעם פּאָליציי־פּונקט.

וועגן יעדן טעלעפאָן־געשפּרעך אין לאַנד בנוגע די אַנגעוויזענע ענינים ווערט צוגעגרייט אַ ראַפּאָרט, און די קאָפּיעס דערפון ווערן איבערגעשיקט אין אַ קאָנווערט מיט דער באַצייכענונג „געהיים" צום שטאָב פון געהיים־דינסט און ווען נייטיק איז אויך צום דיסטריקט־קאָמאַנדיר פון דער פּאָליציי. די אונטערהערער דאַרפן געדענקען, אַז אויף זיי איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבע. באַזונדערס דאַרפן זיי געדענקען — ווערט ווייטער געזאָגט אין דער אינסטרוקציע, אַז די הצלחה פון זייער אַרבעט איז אָפּהענגיק נאָר פון זייער קענען נישט צו אַנטדעקן קיין זאַך וואָס זיי ווייסן. זיי דאַרפן זיך אויך אָפּהאַלטן צו באַהאַנדלען זייערע ענינים עפנטלעך.

וועגן דער טעטיקייט פון אָט דער אָפּטיילונג, וועגן דעם אינהאַלט פון די אויפגעכאַפּטע געשפּרעכן און וועגן די טעלעפאָנען, וואָס אונטערליגן דעם קאָנטראָל, האָט דער ש״י געוווּסט סיי פון זיינע חברים־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אונטערגעהערט די געשפּרעכן און סיי אַ דאַנק אונדזערע ספּע־ציעלע אונטערהערער, וועלכע זיינען געשטעלט געוואָרן אין פאַרשיידענע ערטער דורכן ש״י, כדי נאָכצושפּירן די אָפּיציעלע נאָכשפּירער. אויף אַזאַ אופן פלעגט מען קענען וואָרענען די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען זיי זאָלן נישט געשטרויכלט ווערן מיט זייער צונג.

דער געהיים־דינסט האָט זיך באַצויגן זייער ערנסט צו די אינפאָר־מאַציעס, וועלכע פלעגן אויפגעכאַפּט ווערן פון די אונטערגעהערטע טעלע־פאָן־שמועסן. און וויבאַלד מיר האָבן עס געוווּסט, האָבן מיר זיך אַליין באַ־נוצט מיט די קאָנטראָלירטע טעלעפאָן־אַפּאַראַטן כדי איבערצוגעבן בכיוון אַזעלכע אינפאָרמאַציעס, וועלכע האָבן געדאַרפט פאַרפירן די מאַכט, פאַר־דרייען אַדרעסן, אָדער שילדערן געשעענישן לויט דער געוווּנטשענער און פּאַ־סיקער פאַר אונדז ווערסיע.

אמת, ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען אונדזערע חברים האָבן שמועסנדיק דורכן טעלעפאָן פאַרגעסן אין ברען פון געשפּרעך אָפּצוהיטן די פאָרזיכט־קייטס־כללים. אונדזערע חברים־אונטערהערער, וואָס אַזעלכע אומפאָרזיכטי־קע שמועסן פלעגן זיי אויפרעגן, פלעגן תיכף איבערגעבן וועגן די דאָזיקע פעלערן אין אונדזער שטאָב. דערפאַר האָבן אונדזערע אונטערהערער געהאַט פיל נחת, ווען זיי פלעגן אויפכאַפּן פאַרמאַסקירטע און פאַרפירנדיקע שמועסן, וועלכע האָבן געמאַכט צו שפּאָט דעם געהיים־דינסט. אונדזערע חברים האָבן געוווּסט וועגן וואָס עס האַנדלט זיך און זיי האָבן הנאה געהאַט פון אָט דער פאַרפירעניש.

מיט דער הילף פון חברים, וועלכע האָבן געאַרבעט אויף דער פּאָסט

און אין דער טעלעפאָן־צענטראַלע, האָבן מיר געמאַכט אַזאַ אָרדענונג, אַז מיר זאָלן קענען אונטערהערן די טעלעפאָן־געשפּרעכן פון די מאַכטהאָבער און מאַכט־אָרגאַנען. צווישן זיי אויך פון געהיים־דינסט אַליין. די מענטשן פון דער מאַכט זיינען נישט געווען פּאָרזיכטיק אין זייערע טעלעפאָן־שמועסן. זיי האָבן זיך קענטיק נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז די הגנה באַפעלט זיי אַ מאָס פאַר אַ מאָס, און אפילו מיט מער עפעקט...

אַט די פילצאָליקע שמועסן פון די אָנפירער פון געהיים־דינסט, פון פּאָליציי־אָפיצירן, פון גובערנאַטאָרן און הויכע באַאַמטע — זיינען דורך אונדז אויפגעכאַפּט געוואָרן און אויסגענוצט געוואָרן פאַר דער זיכערקייט פון יידישן ישוב.

געווען צווישן זיי אויך פאַרמאַסקירטע געשפּרעכן. די יעניקע, וועלכע האָבן געפירט דעם שמועס פלעגן דערמאָנען נאָר דעם נומער און צייכן פון דער טעקע אָדער פון בריוו, וואָס האָט זיי אינטערעסירט, אָבער די דאָזיקע פאַרמאַסקירונג האָט זיי נישט געהאָלפן אויסצוהיטן דעם סוד, ווייל אין אונדזער ביורא איז שטענדיק געלעגן אַ גענויע רשימה פון די טעקעס פון דער פּאָליציי און געהיים־דינסט מיט אַלע זייערע נומערן און צייכנס. מיר האָבן אַזוי אַרום שטענדיק געקענט דעשיפרירן דאָס געהיימע געשפּרעך.

טראָץ דעם, וואָס מיר האָבן אונטערגעהערט די טעלעפאָן־געשפּרעכן אי־נעם לאַנד און צווישן די שכנותדיקע לענדער און אין דעם עסק האָבן געאַר־בעט צענדליקער חברים, איז דער ענין געווען שטרענג געהיים. פון די שמועסן, וועלכע זיינען צו אונדז דערגאַנגען, האָבן מיר געקענט פעסטשטעלן כמעט זיכער אַז די מאַכט האָט נישט געוווּסט וועגן דער אונטערהער־אַקציע פון דער הגנה.

מיר דעשיפרירן געהיימע אוידיציעס

ווי מיר האָבן שוין געשריבן, איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט אַ היפּשער טייל מעלדונגען פון דער פּאָליציי און געהיים־דינסט, און דווקא זייער שנעל — צייטנווייז ממש אין דער זעלביקער צייט, ווען זיי פלעגן דערגרייכן צום אָפיציעלן אַדרעסאַט. אין די וויטערדיקע קאַפּיטלעך וועלן מיר דערציילן וועגן איינעם פון די עפעקטיווע מיטלען, מיט וועלכן די הגנה און דער ש״י האָבן זיך באַנוצט. דאָס איז דאָס דירעקטע אונטערהערן די קאָר־אוידיציעס פון די מאַכט־אָרגאַנען.

די דאָזיקע אַרבעט האָבן מיר געפירט אין משך פון גאַנצע צוועלף יאָר און איז אָפּגעשטעלט געוואָרן דאַן, ווען די בריטן פאַרלאָזן ארץ ישראל. מיר האָבן אונטערגעהערט, אויפגענומען און דעשיפרירט ראַדיאָ־אוידיציעס פון 74 סטאַציעס פון דער פּאָליציי און געהיים־דינסט און די אינפאָרמאַציעס וועלכע מיר פלעגן אויף אַזאַ אופן באַקומען, האָבן אונדז געהאָלפן אויסמיידן פיל דורכפאַלן. די דאָזיקע אינפאָרמאַציעס האָבן אונדז געדינט אויך צייטנ־

ווייז ווי אַנווייזונגען פאַר יענע אַקציעס וועלכע מיר האָבן זיך געקליבן דורכצופירן. לויטן אינהאַלט פון דער אינפאָרמאַציע האָט מען געקענט פעסטשטעלן ווי ווייט פאָרזיכטיק מען דאַרף זיך האַלטן, אויף וואָס פאַראַ אופן מ׳זאָל פלאַנירן די אַקציע און ווען מ׳מוז אָפּלייגן אָדער אינגאַנצן אָפּ־שאַפן די געפּלאַנטע אָפּעראַציע. ס׳זיינען געווען פאַלן, ווען די ידיעות, וועל־כע מיר פלעגן באַקומען אויפן דערמאַנטן וועג האָבן באַשטעטיקט אָדער קלאָר געמאַכט אַנדערע אינפאָרמאַציעס וואָס זיינען צו אונדז דערגאַנגען פון אַן אַנדער קוואַל.

אָפטמאָל האָט מען געדאַרפט תיכף עפּעס אונטערנעמען גלייך ווי מיר פלעגן באַקומען די טעלעגראַמע און פלעגן זי דעשיפרירן: מ׳האָט געדאַרפט וואָרענען די חברים וועגן אַן אַרעסט אָדער רעוויזיע. געווען אויך פאַלן, ווען נאָר געציילטע מינוטן פאַרן געפּלאַנטן אַרעסט אָדער רעוויזיע פלעגן מיר געבן די וואָרענונג.

אַחוץ אונדזערע מענטשן פון דער גרופּע וועלכע האָט זיך באַשעפטיקט מיט אויפכאַפּן און דעשיפרירן די ראַדיאָ־טעלעגראַמעס, האָבן וועגן דער דאָ־זיקער מלאכה געוווסט נאָר אייניקע צענטראַלע מענטשן אין דעם גענעראַל־שטאַב פון דער הגנה, אין צענטער פון ש״י, דער שטאַב פון דרום־דיסטריקט פון דער הגנה, די אָנפירער פון דער אומלעגאַלער עליה און די אָנפירער פון די פּאָליטישע אינסטיטוציעס. די אַרבעט איז געפירט געוואָרן דורכן שטאַב פון ש״י אין דרום־דיסטריקט. אין די אַרבעטס־צימערן, אין וועלכע עס זיינען געשטאַנען די אויפנעם־אַפּאַראַטן זיינען געזעסן צוהערער — מענער און פרויען, ספּעציאַליסטן פון מאָרס־אַלפאַבעט. דער אַריינגאַנג אין די דאָזיקע אַרבעטס־צימערן איז געווען דערלויבט נאָר אין יענע פאַלן, ווען דאָס האָט זיך געפאָדערט אין די אינטערעסן פון דער אויפגאַבע. אויף אַזאַ אופן איז די קאָנספּיראַציע פון דער אַרבעט אויסגעהיט געוואָרן זייער שטרענג אויך לגבי אינעווייניקסטע מענטשן ביזן לעצטן טאָג.

אין יאָר 1935 האָט די פּאָליצײ אָנגעהויבן איינצואָרדענען פאַר אירע באַדערפענישן ראַדיאָ־זענדערס. לכתחילה זיינען די ראַדיאָ־פּונקטן איינגע־אָרדנט געוואָרן נאָר אין די צענטערן פון די דיסטריקטן. מיר האָבן שוין דאַן אָנגעהויבן זאַמלען אינפאָרמאַציע וועגן די אַפּאַראַטן: ווו זיי געפינען זיך, ווי אַזוי זיי אַרבעטן און אויף וועלכע וועגן. נאָר איבערהויפּט האָבן מיר זיך אינטערעסירט מיטן קאָדעקס, מיט וועלכן די ראַדיאָ־סטאַציעס פלעגן זיך באַנוצן. אין דער ערשטער צייט האָט מען דעם קאָדעקס געביטן יעדע וואָך און צולעצט אפילו יעדן טאָג.

עס איז געווען נישט לייכט איבערצוצייגן דעם הגנה־שטאַב ער זאָל אַסיגנירן די קליינע סומע וואָס איז געווען נייטיק זיך איינצושאַפן אַן אויפ־נעם־אַפּאַראַט פאַר אונדז מיר זאָלן קענען איבערכאַפּן די פּאָליציייאישע ראַ־דיאָ־מיטטיילונגען. אמת, ס׳האָט געפעלט געלט אָבער דוכט זיך אַז מ׳האָט נאָך דעמאָלט נישט גענוג אָפּגעשאַצט אַזאַ אונטערנעמונג, וועלכע איז נאָך

פאַרלויפיק געווען אַ מין עקספּערימענט, אָדער — ווי די פּעסימיסטן האָבן פאַרזיכערט — נאָר אַ פאַנטאַזיע. צום סוף איז געגעבן געוואָרן די באַשטע־טיקונג פאַר דער אויפשטעלונג פון אַן אונטערהער־סטאַציע און דער שטאַב פון ש״י אין תל־אביב האָט באַקומען אַ הלוואה אין דער סומע פון — ניין פונט! מיטן דאָזיקן געלט און מיט דער הילף פון די הגנה־חברים, ראַדיאָ־ספּעציאַליסטן, וועלכע האָבן געאַרבעט טאָג און נאַכט, איז אויפגעשטעלט געוואָרן די ערשטע ראַדיאָ־סטאַציע, אַן אויפנעם־אַפּאַראַט מיט אַ פאַרמאַס־קירטער אַנטענע.

מיר האָבן דעם אַפּאַראַט אַוועקגעשטעלט אין הויז פון אבא כהן, בן־יהודה־גאַס 111, אין תל־אביב. קיין דירה־געלט האָבן מיר נישט געצאָלט, ווייל מ׳האָט פון אונדז נישט געפאָדערט, אָבער ווען מ׳וואָלט אפילו יאָ געפאָדערט, וואָלטן מיר ממילא נישט געקענט צאָלן: מיר האָבן דערצו נישט געהאַט קיין ביודזשעט.

די הגנה האָט אונדז צוגעשטעלט צוואַנציק יינגלעך און מיידלעך פון די יוגנט־באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן ספּעציעל געלערנט די תורה פון טעלע־גראַף און ראַדיאָ. מיר האָבן אָנגעהויבן אונטערצוהערן אויף יענע וועלן, אויף וועלכע די פּאָליציי פלעגט איבערגעבן אירע מעלדונגען אין אירע פונקטן און אויך צו די ביוראָען פון געהיים־דינסט אין די דיסטריקטן. די גרופּע אונטערהערער האָט געאַרבעט לויט דער ריי אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. — אַזוי, אַז זי האָט געקענט נאָכשפּירן אומאויפהערלעך אַלע פּאָליצייאישע ראַדיאָ־טעלעגראַמעס, אין די שעהן ווען זיי פלעגן איבער־געגעבן ווערן, אָבער אין אַן אויסנאַם־צייט, צי אין יענע נעכט, ווען מען פלעגט אַראָפּנעמען פון די שיפן די אומלעגאַלע עולים איז אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע געווען טעטיק אַ גאַנצן מעת־לעת.

אַט גיבן מיר אַ פאָטאָקאָפּיע פון אַ געהיימען דאָקומענט, וועלכן מיר האָבן איבערגעכאַפּט און וועלכער האָט אויך אַ שייכות צו די אינפאָר־מאַציעס וועגן דער אומלעגאַלער עליה.

אפרים דקל

C.I.D. Headquarters,
The Palestine Police Force
Jerusalem.

3rd August, 1939.

7/GS.

SECRET

C.I.D. Gaza.
" Jaffa.
" Haifa.
" Frontier.
" Nablus.
Signals.

Subject. W/T Code messages dealing with reports on illegal immigration.

In future all messages concerning the above subject received by Districts will be automatically transmitted to the Port & Marine Section and Coastguard Stations in their Districts.

2. Similarly messages transmitted by Districts will be distributed in the same manner.

Copies to P & M. Haifa.
" Jaffa.

[signature]

D.I.G., C.I.D.

נאָך לאַנגע איבונגען און נאָכן שטודירן די מעטאָדן פון דער פּאָליציִיאישער ראַדיאָ־אַרבעט, האָבן מיר זיך אויסגעלערנט צו פאַרצייכענען טעלעגראַמעס, אָבער דאָס שווערסטע איז געווען זיי צו דעשיפרירן. כדי צו לייענען אַ טעלעגראַמע, וואָס איז געשיקט געוואָרן לויטן קאָדעקס דאַרף מען באַקומען דעם שליסל דערצו, דאָס הייסט די דערקלערונג, ווי אַזוי דער

טעקסט דאַרף געלייענט און פאַרשטאַנען ווערן. און דעם דאָזיקן שליסל האָבן מיר לאַנג נישט געקענט דערגרייכן.

אין אונדזער אונטערנעמונג האָבן זיך באַטייליקט אויך הגנה־חברים־פּאָליציאַנטן, וועלכע האָבן אין דער פּאָליציי געאַרבעט ביי ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. זיי אַליין פלעגן הערן און אויפנעמען טעלעגראַמעס, אָדער פלעגן שיקן טעלעגראַמעס אין אַנדערע פּונקטן, אָבער דעם אינהאַלט פון די אוידיציעס האָבן זיי אויך נישט געוווּסט. זיי, פּונקט ווי אַנדערע ראַדיאָ־מיט־אַרבעטער, ענגלענדער און אַראַבער, האָבן געקענט נאָר אויפנעמען, אָפּשיקן און פאַרצייכענען איינצלנע בוכשטאַבן. דער דאָזיקער טעקסט ווערט אי־בערגעגעבן דעם אָפיציר, וואָס דעשיפרירט זיי, אין יעדן צענטער וווּהין די ראַדיאָ־אוידיציעס פלעגן איבערגעגעבן ווערן איז געווען אַ ספּעציעלער קאָדעקס־אָפיציר. נאָר אים איז אָנפאַרטרויט געוואָרן מיטן דעשיפרירן די טעלעגראַמעס און מיטן איבערשיקן זיי צו די אַדרעסאַטן.

אונדזערע חברים אין דער פּאָליציי האָבן אונדז פיל געהאָלפן זיך צו אָריענטירן אין די אַלע ענינים און באַקומען אַן אַלגעמיינע פאַרשטעלונג וועגן די פּאָליצייאישע ראַדיאָ־אוידיציעס. אָבער קיינער פון זיי האָט נישט זוכה געווען צו זען דעם קאָדעקס. דער דאָזיקער סוד איז געווען באַוווּסט נאָר געציילטע הויכע אָפיצירן אין דער פּאָליציי. נישט געווען קיין איין ייִדישער, אָדער אַראַבישער פּאָליציי־אָפיציר, אפילו פון די גאָר הויכע ראַנגען, וועלכע מ׳זאָל אָנטרויען אַזוי פיל כדי איבערצוגעבן זיי דעם שליסל פון קאָדעקס. אָבער מיר האָבן זיך נישט מייאש געווען. אין צוויי חדשים נאָך דעם ווי מיר האָבן געעפנט אונדזער ראַדיאָ־סטאַציע, האָט אונדז אונדזער חבר יצחק גלאַדסטאָן ז״ל געבראַכט דאָס ערשטע וואָרט פון קאָדעקס. אַנדערע ייִדישע רעגירונגס־באַאַמטע האָבן געהאָרעוועט צוזאַמען מיט אונדז כדי צו דערגיין דעם מעטאָד פון דעשיפרירונג און נאָך פיל עקספּערימענטן האָבן מיר דעם ענין תופס געווען.



אַ מוסטער פון אַ געהיימער פּאָליציי־טעלעגראַמע

אַ גרופּע פון פינף חברים איז געווען באַאויפטראגט מיטן דעשיפ־רירן דעם קאָדעקס. אַ צווייטע גרופּע האָט זיך פאַרנומען מיטן אונטערהערן די ראַדיאָ־אוידיציעס. די פאָרזיכטיקייט האָט געפאָדערט, אַז די אונטערהע־רער זאָלן נישט וויסן דעם אינהאַלט פון די טעלעגראַמעס, וועלכע זיי פאַר־נאָטירן. די דעשיפריר־גרופּע פלעגט שוין טאָן דאָס איבעריקע. אין יענע פאַלן, ווען מיר האָבן דעם שליסל צום קאָדעקס נישט געהאַט פלעגט מען זיך מאַטערן איבער פרווון צו „ברעכן דעם קאָדעקס" דורך פאַרשיידענע מאַטעמאַטישע אויסרעכענונגען. אָפטמאָל פלעגט די דאָזיקע גרופּע אַרבעטן טעג און נעכט. מענטשן פלעגן זיצן איינגעבויגן איבער זייערע טישן שעהן־לאַנג, כדי סוף־כל־סוף צו דעשיפרירן דעם געהיימען טעקסט. נישט־שטענ־דיק איז דאָס געלונגען, נאָר די פאַלן פון אומדערפאָלג זיינען געווען גאַנץ קנאַפּע.

יצחק גלאדסטאָן האָט דערפילט זיין שליחות מיט טריישאַפט אין משך פון עטלעכע יאָרן. מיט דער צייט האָבן מיר אַנטדעקט אויך אַנדערע קוואַלן אַרויסצובאַקומען דעם קאָדעקס־שליסל און אָט אַזוי האָט מען געאַרבעט, ווי אַלע יאָרן ביזן אויפקום פון מדינת ישראל. אונדז איז געלונגען צו לייע־נען אַלע געהיימע טעלעגראַמעס און אוידיציעס, וואָס דער שטאַב פון גע־

היים־דינסט, אָדער זייַנע ביוראָען און די פּאָליצײַ־פּונקטן אין די דיסטריקטן פלעגן שיקן און באַקומען. דאָס זײַנען געווען באַפעלן וועגן אַרויסגאַנגס־פאַרבאָט, אַרעסטן, רעוויזיעס, וועגן כאַפּן געווער, פאַרהאַלטן שיפן, וועגן דער טעטיקייט פון דער באַוועגלעכער פּאָליצײַ, וועגן אַרעסטירן רויבער, וועגן גירושים פון לאַנד, שמוגלערייען און אַזוי ווייטער.

איין מאָל בײַנאַכט, זייער שפּעט, איז געקומען די בריטישע פּאָליצײַ אין הויז פון ש"י־אַנפירער. צו יענער צייט האָבן זיך געפונען אינעם הויז פיר אונטערהערער, וועלכע זײַנען געזעסן צוגעשמידט צום אַפּאַראַט און האָבן פאַרנאָטירט די אותיות, אָבער זיי האָבן באַוויזן אויסצובאַהאַלטן די צעטלעך, אָדער אפילו אייניקע פון זיי אַראָפּצושלינגען. זיי האָבן נישט דערוועקט קיין שום פאַרדאַכט, ווייל דער אַפּאַראַט גופא איז אויסערלעך געווען ענלעך צו אַ געוויינלעכן ראַדיאָ־אַפּאַראַט.

מיט דער צייט איז געוואַקסן די צאָל אונדזערע אַפּאַראַטן און אויך די אויפנעם־אַרבעט איז פאַרבעסערט געוואָרן. עס זײַנען אויך פאַרפּול־קאָמט געוואָרן די מעטאָדן פון פאַרצייכענען און דעשיפרירן די ראַדיאָ־טעלעגראַמעס. אין די טעג, ווען די פּאָליצײַ פלעגט דערקלערן אַן אַרויס־גאַנגס־פאַרבאָט, אָדער אין אַנדערע אויסנאַם־צייטן, פלעגן אונדזערע חברים זיצן בײַ די אַפּאַראַטן און פלעגן אונדז איבערגעבן נישט נאָר די געהיימע טעלעגראַמעס נאָר אויך די אונטערגעהערטע אָפענע געשפּרעכן צווישן די פּאָליצײַ־שיפלעך אָדער צווישן די אויטאָס פון דער פּאָליצײַ און מיליטער, וועלכע האָבן געהאַט ראַדיאָ־זענדערס.

<u>למשטרת הים חיפה ממרכז הבולשת.</u>
מאת ג'ילס אל ג' מס
הנדון מברק' מ.25 לח.ז
נתקבלה ידיעה שעל ספון האניה פנצו' נמצאים
סוכני האויב ואלמנטים אחרים בלתי רצויים
מפקד המשטרה היה רוצה שתפאיש את האניה
פנצו' עד כמה שאפשר רחוק מהחוף - כפי שנחוץ
לפי דעתו של הקפיטן לד.ק (?) - בכדי להבטיח שאף
אחד מהנוסעים לא יוכל להמלט כן גם לאחוז באמצ־
עים שכל הנוסעים יועברו בשלמות למחנה בעתלית
מפקח בתי־הסהר יספק שמירה וסדורים
בכדי למנוע כל מגע עם אנשים בלתי מורשים.

27 9 40

אַט גיבן מיר אַ מוסטער פון אַ דעשיפרירטער טעלעגראַמע. זי איז פאַרשריבן געוואָרן מיט געדרוקטע אותיות. דאָס איז געמאַכט געוואָרן צו־ליב פאַרזיכטיקייט. ווען אַזאַ טעלעגראַמע וואָלט אַרײַנגעפאַלן אין די

הענט פון די בריטישע דעטעקטיוון וואָלטן זיי לויט דער האַנטשריפט נישט געקענט פעסטשטעלן ווער עס האָט עס געשריבן.

מ׳האָט געדאַרפט זיין באַזונדערס פאָרזיכטיק ביים באַנוצן זיך מיט די ידיעות, וועלכע מיר פלעגן באַקומען אויף אַזאַ אופן טאָג־טעגלעך, אָן אויפהער. די דאָזיקע ידיעות פלעגן נישט פאַרעפנטלעכט ווערן אפילו אין די אינערלעכע געהיימע ביולעטינען פון דער הגנה. די מאַכט־אָרגאַנען האָבן ביזן לעצטן טאָג פון זייער זיין אין לאַנד געוווסט, אַז דאָס אויער פון דער הגנה איז אויסגעשטרעקט אויף צו זייער קאָנספּיראַטיווער ראַדיאָ־נעץ. די גאַנצע אונטערנעמונג איז געווען ביי אונדז באַצייכנט מיטן ציפער „181״, אָדער מיט די אותיות „אחא״. און ווען אינפאָרמאַציעס פלעגן איבערגעשיקט ווערן אין די אָפּטיילונגען פון דער הגנה לשם וואָרענונג, אָדער כדי צו ענדערן דעם פּלאַץ פון אַ מאַגאַזין, אָדער כדי אויסצומיידן אַן אַרעסט, צי אַזוי ווייטער — פלעגן אָט די ידיעות באַצייכנט ווערן מיט אָט דעם סימן -- אַזוי אַרום האָבן די, וואָס האָבן באַקומען די ידיעות געקענט קלערן, אַז „אחא״, אָדער 181 איז געווען אַ צונאָמען פון אַ געוויסן אינפאָרמאַטאָר, וואָס איז מיט אונדז פאַרבונדן און ליפערט אונדז אָט די געהיימע ידיעות.

SECRET

The Palestine Police

In your reply please quote
No. ____________

21st. March '39. DIVISIONAL POLICE HEADQUARTERS

Message from Mr. Giles (D.I.G.) C.I.D. at 1710 hrs.
SHIP NOW OPPOSITE NATANYIA MAKING SOUTH.

Signed ---------
Duty Officer 21st. 3rd.

אָט איז אַ פאָטאָקאָפּיע פון אַ ידיעה, וועלכע איז אַריינגעפאַלן אין אונדזערע הענט. זי שטאַמט פון שטאַב פון געהיים־דינסט און איז דאַטירט דעם 21סטן מערץ 1939. די ידיעה ווערט איבערגעגעבן אין נאָמען פון דזשיילס, דעם דירעקטאָר פון געהיים־דינסט. עס האַנדלט זיך וועגן אַ שיף, וואָס געפינט זיך אַנטקעגן נתניה און באַוועגט זיך צו דרום.

און אָט איז אַ פאָטאָקאָפּיע פון דער נעץ פון דער פאָליציייאישער ראַדיאָ־סטאַציע. דערביי זיינען באַצייכנט די לענג פון די וועלן און די געהיימע צונעמען פון די זענדערס. דער דאָזיקער פּלאַן איז געווען אין אונדזערע הענט פאַר דער גאַנצער צייט פון אונדזער טעטיקייט. פון דער לינקער זייט זיינען באַצייכנט די ראַדיאָ־סטאַציעס אין ירושלים. ווייטער, העכער גייען די דיסטריקטן: עזה, לוד, שכם, נצרת, חיפה און דער אַראַבישער לעגיאָן.

PALESTINE POLICE FORCE
SIGNALS ROUTE MAP

69



אפרים דקל

„דער הויף־פאָטאָגראַף"

ב ו ז י ק איז געווען דער נאָמען פון אונדזערס אַ חבר, אַ פאָטאָגראַף לויטן פאַך, וואָס האָט זיך דערמיט באַשעפטיקט. זיין פאַכלעכע אויסבילדונג האָט ער באַקומען ביים ערשטן פאָטאָגראַף אין תל־אביב און מיט דער צייט איז ער געוואָרן אַ געניטער פאַכמאַן. אין ש"י איז דער נאָמען „בוזיק" געוואָרן אַ צונאָמען פון איינער פון אונדזערע ערנסטע אונטערנעמונגען, פון דער פאָטאָ־אָפּטיילונג. דאָס איז געווען אַ וויכטיקער צווייג, וואָס האָט אונדז געלייזט זייער שנעל פיל פּראָבלעמען. מ'דאַרף באַטאָנען, אַז אין די באַדינגונגען פון דער אונטערערדישער טעטיקייט שפּילט דער צייט־פאַקטאָר אַ זייער גרויסע ראָל: מ'דאַרף שטענדיק געווינען די צייט און טאָן אַלץ, וואָס שנעלער. די פאָטאָ־אַרבעטן פון דער „בוזיק"־פּראָדוקציע פלעגן דורכגעפירט ווערן פּינקטלעך און אָן שום אָפּלייגענישן. דאָקומענטן און טעקעס, וועלכע מיר פלעגן „אַנטלייען" פון אַ ביוראָ־טיש צי פון אַ שאַנק אין געהיים־דינסט, פלעגן קענען בלייבן ביי אונדז גאָר אַ קורצע צייט. איז געווען זייער וויכטיק, אַז דאָס „אַנטליענע" מאַטעריאַל זאָל אומגעקערט ווערן אויפן פּלאַץ בשלמות און וואָס שנעלער — פּונקט ווי ס'וואָלט קיין פרעמדע האַנט זיך נישט צוגעריירט דערצו.

בוזיק איז געווען אַ טרייער הגנה־חבר. זיין פאָטאָ־אַטעליע האָט געדינט ווי אַ פּלאַץ פאַר באַגעגענישן צווישן די חברים. מ'פלעגט קומען אַהין זיך טיילן מיט אינפאָרמאַציעס, אָדער באַקומען אָנווייזונגען וווהין מ'דאַרף דערשייבען צו מיליטערישע איבונגען, אָדער וועלכע אַנדערע הגנה־אַקציעס וואָס מ'האָט געדאַרפט דורכפירן. אין בוזיקס פאָטאָ־אַטעליע האָט מען געקענט איבערלאָזן אַ טעקע אָדער אַ געהיימען דאָקומענט מיט דער פולער זיכערקייט, אַז יעדע אַנדערע „ציווילע" אַרבעט וועט אָפּגעלייגט ווערן און אַז דער דאָקומענט וועט תיכף פאָטאָגראַפירט ווערן און וועט צוריק אומגעקערט ווערן גאַנץ, ווי נישט באַרירט.

מיט דער צייט איז דער נאָמען „בוזיק" געוואָרן דער אָפיציעלער צונאָמען פון דער אונטערנעמונג, ווי געזאָגט. די פאָטאָ־אַרבעט פלעגט דורכגעפירט ווערן אויפן בעסטן אופן מיט אונדזערע אַפּאַראַטן. אנשטאט צו זאָגן: גיי פאָטאָגראַפירן, פלעגט מען זאָגן: „גיי בוזיקירן"...

עס זיינען געווען אייניקע רעגירונגס־באַאַמטע אָדער אָנגעשטעלטע פון געהיים־דינסט, אונדזערע מענטשן, וועלכע מיר פלעגן דערמעגלעכן גיין דירעקט צו בוזיקן, אָן לכתחילהדיקער באַגעגעניש מיט אונדז. זיי פלעגן אַליין אָפּגעבן די געהיימע דאָקומענטן און ש"י פלעגט נאָך דעם באַקומען דאָס מאַטעריאַל אָפּפאָטאָגראַפירט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין.

בוזיק איז געווען אין אַן אַנדער איינהייט פון דער הגנה און די פאָטאָ־אַרבעט, וועלכע ער פלעגט דורכפירן אויך ביינאַכט איז געווען פאַר אים אַ צוגאָב־אַרבעט. ווען עמיצער פון די ש"י־מענטשן פלעגט אים וואָרענען וועגן

דער ספעציפישער קאָנספּיראַציע פון דער אַרבעט, פלעגט בוזיק ענטפערן: „נישט נאָר קיינער וועט ביי מיר קיין זאַך נישט זען, נאָר אויך איך אַליין, וואָס פאָטאָגראַפיר און אַנטוויקל די נעגאַטיוון, זע אויך נישט און איך וויל נישט וויסן דעם אינהאַלט. וואָס עס געהערט נישט צו מיר — אינטערעסירט מיך נישט". נאָך דעם ווי ער פלעגט אַנטוויקלען די נעגאַטיוון, פלעגט ער זיי תיכף פאַרניכטן, כדי נישט איבערצולאָזן אַ זכר, וואָס קען אַמאָל ברענגען צו דער אַנטדעקונג פון סוד.

„די צוזיק־אָפּטיילונג האָט געאַרבעט אין משך פון יאָרן און זי האָט קיינמאָל נישט געהאַט קיין איין דורכפאַל".

נאָך אַנדערע קוואַלן פון געהיימע ידיעות

אינערלעכע אויסגאַבעס פון דער מאַנדאַט־מאַכט

ווי אַ זייטיקער קוואַל פאַר כלערליי אינפאָרמאַציעס האָבן אונדז גע־דינט צווישן אַנדערן די „פּאָליציי־צייטונג" און די „אינערלעכע ביולעטינען", וואָס פלעגן אַרויסגעגעבן ווערן דורך דער פּאָליציי און דורכן מיליטער. אין די אַלע אויסגאַבעס האָבן מיר געפונען פיל זאַכן, וועלכע אינטערעסירן אונדז, אָדער וועלכע קענען דערגאַנצן יענע אינפאָרמאַציעס, וועלכע פלעגן צו אונדז דערגרייכן פון אַנדערע קוואַלן.

„די פּאָליציי צייטונג" איז געווען די אויסגאַבע פון דער בריטישער מי־ליטער־פּאָליציי אין מיטעלן מזרח.

CONFIDENTIAL

POLICE GAZETTE

Published by the Special Investigation Branch, C.M.P. Middle East

Volume I — *November 1st, 1944* — *Serial* 6

NOTICE

The Gazette will be published on the 1st and 15th of every month, and items for entry will be accepted for publication up to and including the 6th and 21st of each month. Items under the following headings for entry will be submitted to the Senior Officer, S.I.B., C.M.P. of Area or Sub-Area, who will in turn submit to D.P.M., S.I.B., C.M.P., M.E.F.:—

1. Persons wanted (for crime, desertion, A.W.L., etc.) and apprehended.
2. Identifiable property lost or stolen and found.
3. Arms lost or stolen and recovered.
4. Vehicles lost or stolen and recovered.
5. Miscellaneous information.

דער דאזיקער ביולעטין איז געווען באשטימט פארן **א י נ ע ר ל ע כ ן** געברויך נאר פון מיליטער און פון דער פאליציי. אבער ש"י האט זיך איינ־געארדנט אזוי, אז ער פלעגט באקומען רעגולער די דאזיקע אויסגאבע. מיר פלעגן פון דארטן שעפן ידיעות וועגן פערזאנען, וועלכע פלעגן געזוכט ווערן דורכן מיליטער און דורך דער פאליציי; וועגן געגנבעטע, אדער געפונענע מיליטער־אויטאס; וועגן געווער, וואס איז געגנבעט געווארן, איז פארלוירן געגאנגען, אדער איז געפונען געווארן. מיר האבן אין די דאזיקע ביולעטי־נען אויך געפונען פארשיידענע אנדערע ידיעות, וועלכע זיינען געווען וויכ־טיק פאר די באדערפענישן פון דער הגנה, למשל: ידיעות וועגן געווער, וואס איז געגנבעט, אדער געפונען געווארן פלעגן פארעפנטלעכט ווערן מיט אלע סימנים און ציפערן. דאס האט געהאט אן „אדמיניסטראטיוון באדייט"; די געווער־מאגאזינען פון דער הגנה פלעגן באקומען פון אונדז די רשימות און פלעגן פארגלייכן די אנגעגעבענע ציפערן מיט זייערע ציפערן. די רשימות פלעגן צונויף קומען אויך דאן, ווען ס'האט זיך געהאנדלט וועגן א נייעם איינ־קויף פון געווער. ס'פלעגט טרעפן, אז די ציפער און די סימנים פונעם געווער, וואס איז, לויט דער אפיציעלער רשימה, פארלוירן געגאנגען, האבן פונקט געשטימט מיט די ציפערן און סימנים פון יענע כלים, וועלכע זיינען געווען אויסבאהאלטן אין די „סליקן" (באהעלטענישן) פון דער הגנה...

און אט איז א פאטאקאפיע פון א צווייטער אפיציעלער אויסגאבע פון בריטישן מיליטער, וואס איז אויך געווען קאנפידענציעל. דא איז בפירוש באטאנט, אז אט דער ביולעטין טאר נישט גענומען ווערן מחוץ פון מיליטער. פון אט דעם ביולעטין „פאלעסטיין קאמענד ארדערס" פלעגן מיר אויך שעפן וויכטיקע פאר דער הגנה ידיעות. מיט דעם מיליטערישן מאטעריאל פון אט דעם מין האבן זיך אנגעהויבן צו אינטערעסירן בעצם נאר אין די יארן 1944 — 1947, ווען דאס מיליטער האט אנגעהויבן דורכצופירן די פלענער און אינטריגעס פון דער מאנדאט־מאכט און בפרט פון בריטישן געהיים־דינסט. — פאקטיש די שעדלעכע בעווין־פאליטיק.

RESTRICTED The information given in this document is not to be communicated, either directly or indirectly, to the Press or to any person not holding an official position in His Majesty's Service.	NOT TO BE TAKEN OUT OF THE COMMAND	SERIAL No. 26. 141 to 149 5th July 1947

PALESTINE COMMAND ORDERS

By

Lieutenant-General G. H. A. MacMILLAN C.B., C.B.E., D.S.O., M.C.

General Officer Commanding

The British Troops in Palestine and Transjordan.

J. M. Kirkman.
Brigadier.
Chief of Staff.

Official Document.
Entrusted in Confidence
to Police Officers only.

Vol. XIV. Special
JERUSALEM
7th DECEMBER 1944.

THE PALESTINE POLICE AND PRISONS FORCE ORDERS

מיר האָבן געהאַט אין אונדזער רשות אויך אַן אינערלעכע אויסגאַבע פון דער ארץ־ישראל־פּאָליציי, פון וועלכער מיר האָבן געקענט אַרויסנעמען ידיעות וועגן דעם וואָס עס טוט זיך אין דער פּאָליציי אָדער אין געהיים־דינסט. ווער ס׳האָט באַקומען אַ ראַנג־העכערונג, געלט־פּרעמיעס, אויסצייכענונגען און אַזוי ווייטער. דערפון האָבן מיר געקענט ציען קאָנסעקווענצן לגבי צו פּלייסיקע פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער אַנטי־יידישער טעטיקייט. עס איז געווען פאַר אונדז וויכטיק צו וויסן, פאַרוואָס האָט דער אָדער יענער פּאָליציאַנט באַקומען אַ געלט־פּרעמיע, אָדער אַן אויסצייכענונג, אָדער ער איז געהעכערט געוואָרן אין זיין ראַנג.

טאָג־צירקולאַרן פון געהיים־דינסט

טאָג־איין טאָג־אויס פלעגט דערשיינען אַן אינערלעכער געהיימער ביולעטין פון בריטישן געהיים־דינסט, וואָס האָט אַנטהאַלטן די ערשטע פּרטים וועגן פאַרשיידענע פאַרברעכנס (בתוכם אויך ידיעות וועגן געווער־קאָנפיסקאַציעס), און אַנדערע וויכטיקע געשעענישן, וועלכע האָבן פּאַסירט אינעם לאַנד אין משך פון פאַרלאָפענעם מעת־לעת.

דער צירקולאַר פלעגט געשיקט ווערן צו אַלע פּאָליציי־סטאַציעס, נאָר צום וויסן פון פאַראַנטוואָרטלעכן אָפיציר. אָבער מיר האָבן איבערן גאַנצן לאַנד געזאָרגט דערפאַר, אַז אַ קאָפּיע דערפון זאָל דערגרייכן אין אונדזערע ביוראָען יעדן טאָג מיט דער זעלביקער שנעלקייט און פּינקטלעכקייט, ווי זיי פלעגן אָנקומען אין די פאַרשיידענע פּאָליציי־ביוראָען.

אָט גיבן מיר אַ פאָטאָקאָפּיע פון אַזאַ געהיימען ביולעטין:

SECRET

Criminal Investigation Department,
Headquarters, Palestine Police,
P.O. Box 850,
Jerusalem.

10th September, 1942.

C.I.D. BULLETIN No. 252/42.
(First Edition)

The following are first reports of incidents, details of which are subject to confirmation.

ASSISTANT INSPECTOR-GENERAL,
C.I.D.

מיר זוכן אינפאָרמאַציעס אומעטום

נאָך אַ קוואַל פון וואַנען מיר האָבן געקענט שעפן אינפאָרמאַציעס, זייַנען געווען פאַר אונדז די טאָג־ראַפּאָרטן, וואָס יעדער קאָמאַנדיר פון געהיים־דינסט אין יעדן דיסטריקט פלעגט איבערשיקן צום צענטער פון געהיים־דינסט, ירושלים. די דאָזיקע ראַפּאָרטן, פלעגן אָפּשפּיגלען אַלע געשעענישן, און מיר האָבן פון זיי געלערנט נישט ווייניק.

אויך דאָס בריטישע מיליטער פלעגט אַרויסגעבן ביולעטינען, וועלכע זייַנען געווען באַשטימט נאָר פאַר אָפיצירן. לויט אונדזערע מעגלעכקייטן האָבן מיר זיך באַמיט אַרייַנצוקוקן אויך אין די דאָזיקע צירקולאַרן. מיר האָבן שוין געפונען ווי ס׳איז דעם וועג צו באַקומען די דאָזיקע מאַטעריאַלן. געווען דאָרט פיל זאַכן וועגן וועלכע מיר האָבן געוווסט אויך פון אַנדערע קוועלן, אָבער שטענדיק האָבן מיר דאָרט געפונען אויך אַזעלכע ענינים, וואָס זייַנען געווען באַקאַנט נאָר אין מיליטער, און פאַר אונדז איז געווען וויכטיק צו וויסן אַלץ.

אָט איז למשל אַ ביולעטין, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער ערשטער פּוסגייער דיוויזיע אויף דער וואָך צווישן 21סטן און 28סטן יאַנואַר 1946. ש״י האָט אַרויסבאַקומען דעם דאָזיקן ביולעטין תיכף ווי ער איז פּונ־באַנדערגעשיקט געוואָרן. אין יענע שווערע גוראַנגל־טעג איז דער דאָזיקער ביולעטין געווען פאַר אונדז זייער וויכטיק. אין אים ווערט געגעבן אַן איבערבליק וועגן די געשעענישן פאַר אַ וואָך צייט.

„די אָנגעוויזענע תקופה — ווערט דערציילט אין ביולעטין — צייכנט זיך אויס מיט ווייניק אָרטיקע אינצידענטן. מ׳דאַרף אָננעמען, אַז די ארץ־ישראלדיקע טומלער און טעראָריסטן זייַנען צוריקגעטראָטן כדי אָנצוזאַמלען כוחות, איידער זיי וועלן באַנייען זייערע אָנגריפן אויף אַזעלכע צוועקן ווי

די פּאָליציי און די פּאָסט. די ראַדיאָ־זענדונג פון דער שטערן־גרופּע שטעלט פעסט, אַז דער אינצידענט מיט דער שיסעריי אין עריטרעא פּאַדערט נקמה, און האָט צוגעזאָגט, אַז די אַנגריפן אויף די „אונטערדריקער" וועלן באַנייט ווערן.

„אין צווישן האָבן די ציוניסטן געפונען אַ סיבה צו קלייבן נחת פון דער רוסישער פאָדערונג אין זיכערקייט־ראַט פון אומ"אַ אויסצופאָרשן די סיבות פאַרוואָס דאָס בריטישע מיליטער בלייבט אין גריכנלאַנד און אין יאַווא. די דאָזיקע פאָדערונג אינספּירירט די ציוניסטן צו זאָגן נביאות, אַז רוסלאַנד זאָל האָבן עפּעס צו זאָגן וועגן דער ארץ־ישראל־פּאָליטיק ווען עס וועלן גע־בראַכט ווערן פאַרן זיכערקייטס־ראַט ענדגילטיקע פאָרשלאָגן וועגן דער צו־קונפט פון ארץ ישראל. קיין צווייפל נישט אַז די ציוניסטן זעען דאָס, וואָס עס גלוסט זיך זיי, אָבער דערפון קען מען דרינגען וועגן דער ליניע פון דער יידישער פּאָליטיק ביים היינטיקן טאָג".

ווייטער ווערן אין דעם ביולעטין איבערגעגעבן אונטערן קעפּל „יידי־שע ענינים" פאָלגענדיקע אינפאָרמאַציעס:

„אין לאָנדאָן איז געעפנט געוואָרן די זיצונג פון די ענגליש־אַמעריקאַ־נישע קאָמיסיע פאַר ארץ־ישראל ענינים. פּראָפעסאָר בראָדעצקי, דער פירער פון די ענגלישע ציוניסטן און אַ וויכטיקער חבר פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט, האָט געעפנט זיין רעדע מיט לויב־ווערטער פאַר בריטאַניע, וואָס איז געווען אַ שוץ פאַר יידן הונדערטער יאָרן, און האָט גומאַנט צו פאַרגרע־סערן די עליה און צו גרינדן אַ יידישע מדינה אין ארץ ישראל. עס איז אַ צווייפל, צי דער לויב, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געגעבן בריטאַניע וועט מאַכן אַ שטאַרקן רושם אויף זיינע פאָלקס־ברידער אין ארץ ישראל, פּונקט ווי ער האָט באַאיינפלוסט דעם אַמעריקאַנער פּאַרזיצער פון דער קאָמיסיע, וועלכער האָט תיכף אויסגעדריקט זיין צופרידנקייט הערנדיק די קאָמפּלי־מענטן פאַר בריטאַניע פון אַ יידישן מנהיג. די אָרטיקע פּרעסע וועט זיכער ווייטער טאַדלען די בריטישע מיטגלידער פון דער קאָמיסיע. יאָ, דאָס איז אַ גוטע פּראָפּאַגאַנדע".

„די לעצטע רעוויזיעס האָבן אַרויסגערופן אַ שפע פּראָטעסטן מצד פאַר־שיידענע קרייזן פון יידישן ישוב, — ווערט ווייטער דערציילט אינעם ביולע־טין, — אין איין אָרט האָט מען זיך ביטער געקלאָגט, אַז נאָך אַ ווייַלע און ס'וועט זיך נישט געפינען קיין איין יידיש הויז, ווו עס זאָל נישט דורכגע־פירט ווערן אַ רעוויזיע. די רעוויזיעס ווערן דורכגעפירט זייער העפלעך, — זיינען יידן מודה — אָבער אויך די העפלעכע שטערונג איז דאָך אַ שטע־רונג. יאָ, דאָס דאַרף געשטעלט ווערן צום זכות פון די בריטישע זעלנער און פּאָליציאַנטן, ווייל לעצטנס איז קלאָר געוואָרן, אויף וויפל דער יידישער ישוב איז צופרידן עפּנטלעך צו טאַדלען יעדע עבירה מצד די מיליטער־כוחות".

„דער אַראַבישער חרם, — לייענען מיר ווייטער אין ביולעטין — באַ־

אומרואיקט די יידן, הגם זיי זיינען געניגט לייכט אָפּצושאַצן זייער רעזול־טאַטן. אַ ווירטשאַפטלעכער איבערבליק, וואָס איז נישט לאַנג פאַרעפנטלעכט געוואָרן דורך אַ יידישער באַנק, וואָרנט די יידישע אָנפירערשאַפט זי זאָל נישט גרינגשאַצן דעם אַראַבישן חרם".

„דעם 23סטן יאַנואַר האָט אַ זעלנער פון אונדזער דיוויזיע באַמערקט בשעת ער איז געזעסן ביי אַ דענטיסט אין טבריה, אַז אין דער נאָענטער יידי־שער שול מאַכן דורך קינדער, אין עלטער פון 12 — 15 יאָר, איבונגען מיט עפּעס אַ שיס־כלי. ער האָט נישט געקענט פעסטשטעלן גענוי וואָס דאָס איז געווען פאַר אַ כלי — געווען ענלעך צו אַ בראַונינג. אויפן דאַך פון דער שול האָבן אַנדערע קינדער צו דער גלייכער צייט זיך געלערנט סיגנאַליזירן. דער ענין איז איבערגעגעבן געוואָרן דער פּאָליציי, וואָס פירט אַן אויספאָר־שונג".

דער לעצטער טייל פון ביולעטין וועלכן מיר ציטירן דאָ איז געווידמעט דעם קאַמף קעגן דער אומלעגאַלער עליה. פון דאָזיקן טייל ווערט באַקאַנט, אַז דאָס מיליטער האָט מיטגעאַרבעט מיט די שכנותדיקע אַראַבישע מדינות.

„רייטער־אָפּטיילונגען פון לבנון — ווערט דערציילט — וועלן פּאַטרו־לירן דעם גרענעץ־אָפּשניט צווישן בינת דזשעבייל און דעם ים. דאָס באַ־ווייזט די גרייטקייט פון דער לבנון־מאַכט מיטצואַרבעטן מיט אונדז כדי אָפּצושליסן די יבשה־וועגן פון דער אומלעגאַלער עליה".

„די מיליטער־פּאַטרולן ביי דער סירישער גרענעץ האָבן זיך איצט גע־ביטן. טשערקעסישע איינהייטן זיינען געקומען אנשטאט דער סירישער זשאַנדאַרמעריע כדי צו היטן די גרענצן. די טשערקעסן זיינען אַ נאַציאָנאַלע מינדערהייט אין סיריע און די אַראַבער האָבן זיי נישט ליב. נאָך מער: מען האַלט, אַז זייער פיינטשאַפט צו יידן איז מיט אַ האַלבן האַרצן. דעריבער איז שווער אָנצונעמען, אַז די טשערקעסן זיינען אַ פּאַסיקער פּאַטרול אָפּצושטעלן די אומלעגאַלע עליה פון יידן פון סיריע קיין ארץ ישראל. יעדנפאַלס וועט די צוקונפט באַווייזן צי זיינען די טשערקעסן נוצלעך פאַר דער זאַך.

„אַ פּאַטרול פון גרענעץ־קאָרפּוס פון עבר הירדן, וואָס איז אַרויס דעם 23סטן יאַנואַר 1946 איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די נייע מיליטער־אָפּ־טיילונגען פון יענער זייט גרענעץ, האָט געמאָלדן, אַז די טשערקעסן האָבן אַ שוואַכע פאַרשטעלונג וועגן זייער אויפגאַבע. פאַרלויפיק ווייסן זיי אפילו נישט ווו עס גייט דורך די גרענעץ־ליניע".

„יאָ, דער דאָזיקער און פיל אַנדערע אָריגינעלע דאָקומענטן און אינ־פאָרמאַציעס פון ערשטן קוואַל האָבן געהאַט פאַר אונדז אַ ביז גאָר גרויסע באַדייטונג. מיר האָבן געזוכט שטענדיק אַזעלכע מאַטעריאַלן וואָס שטאַמען פון מאָסגיביקע קוואַלן. אַ באַזונדערע צוציאונגס־קראַפט האָבן געהאַט פאַר אונדז אַזעלכע טעקעס, וואָס זיינען געווען באַצייכנט מיט אַ גרויסער אי־בערשריפט: „וויכטיק! — די דאָזיקע טעקע איז אַ געהיימע און אַנטהאַלט

געהיימע דאָקומענטן. מ׳דאַרף זי האַלטן אונטערן שלאָס די גאַנצע צייט ווען זי ווערט נישט באַנוצט״.

מיר גיבן דאָ אַ פאָטאָקאָפּיע פון דער דאָזיקער אינטערעסאַנטער אויפ־שריפט.

IMPORTANT

This is a SECRET FILE containing SECRET DOCUMENTS and should be kept UNDER LOCK AND KEY at all times when not in USE.

GPP 26939—100000—14.2.47

ספּעציעלע אינפאָרמאַטאָרן

עס איז אוממעגלעך צו שילדערן די הונדערטער אינפאָרמאַטאָרן, קאָנפידענטן און פאַרבינדלער, וועלכע מיר האָבן געהאַט אין משך פון די אַלע יאָרן. דאָס זיינען געווען פאַרשיידענע מענטשן, וועלכע האָבן פאַרמאָגט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, אייגנשאַפטן און כוונות. כדי זיי אויסצונוצן פאַר אונדזערע צוועקן האָט מען געדאַרפט געפינען אַ צוטריט צו זייער אינערלעכער וועלט, זיך אָריענטירן אין דער מענטשלעכער פסיכיק און אין די קאָמפּלעקסן פון דער מענטשלעכער נשמה.

דער געוויינלעכער דעטעקטיוו זעט בכלל אין דעם אינפאָרמאַטאָר אַ מין אַגענט, אָדער צווייטראַנגיקן אונטערנעמער צו ליפערן ידיעות פאַר אַ מאָנאַטלעכן לוין, אָדער פאַר אַן אָפּצאָל „פער שטיק״, אָדער פאַר אַ וועלכער ס׳איז אַנדערער באַלוינונג. אין זיינע אויגן איז דער אינפאָרמאַטאָר אַ מין „פּריוואַט־אייגנטום״ פון דעם אָפיציר, וואָס איז מיט אים פאַרבונדן.

נישט אַזאַ איז געווען דער צוגאַנג פון ש״י צו זיינע אינפאָרמאַטאָרן. אונדזערע מיטאַרבעטער זיינען געווען אין דער גרעסטער מערהייט וואָלונטירן, הגנה־חברים, וועלכע זיינען געווען באַקאַנט מיט זייער פעאיקייט צו היטן אַ סוד. אויך יענע א יי נ צ ל נ ע מענטשן, וועלכע האָבן געדינט פאַר אַ באַשטימטן לוין, זיינען ביי אונדז באַטראַכט געוואָרן ווי וואָלונטירן,

וואָס דערפילן אַ געוויסע אויפגאַבע. אויך זיי אַליין האָבן זיך באַטראַכט ווי אַזעלכע.

דער געוויינלעכער טיפּ פון ש"י־אינפאָרמאַטאָר איז געווען דער זעל־ביקער ווי דער מענטש פון ישוב און פון דער הגנה. נאָר אין דאָזיקן קאַפּיטל וועלן מיר שילדערן די געשטאַלטן פון אייניקע אויסערגעוויינלעכע אינפאָר־מאַטאָרן, פון מענטשן, וועלכע האָבן אונדז שטאַרק געהאָלפן, הגם פון ערשטן בליק האָבן זיי נישט אויסגעוויזן ווי „טיפּישע" ש"י־מענטשן.

אַ ייד פון ברוקלין

לכתחילה איז ער געווען אַ קרעמער פון ברוכוואַרג און צום סוף — אַ סוחר, וואָס האָט געהאַנדלט מיטן בריטישן מיליטער. ער האָט געהאַט פיל באַקאַנטע ענגלענדער, פלעגט זיך געפינען אָפט אין דער געזעלשאַפט פון פּאָליציי־ און מיליטער־אָפיצירן אין די גרויסע קאַפע־הייזער. ער פלעגט טרינקען, אָדער ווי ער פלעגט זאָגן — ער פלעגט אָנטרינקען אַנדערע, כדי יענע זאָלן עפענען די מיילער און זאָלן ריידן... ער פלעגט צאָלן מיט אַ בריי־טער האַנט און האָט ליב געהאַט מ'זאָל זען זיין ברייט האַרץ. ער פלעגט ריידן פיל — מער ווי מ'באַדאַרף. שוין ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק ווי איינער, וואָס ווייסט פיל און אָריענטירט זיך גוט אין די בריטישע מנהגים. מיט דער צייט איז קלאָר געוואָרן, אַז ער חזרט זיך איבער און איז גאָרנישט מחדש. ער פלעגט פּראָקלאַמירן, אַז ער איז אַ נאַציאָנאַלער ייד און אַלע זיינע באַגעגענישן מיט די ענגלענדער זיי־נען לטובת דעם נאַציאָנאַלן ענין, ס'הייסט בעיקר כדי אַרויסצובאַקומען אינ־פאָרמאַציעס און אַביסל אויך צוליב געשעפט...

זיינע אָפטע באַגעגענישן מיט די ענגלענדער האָבן אַרויסגערופן אַ פאַר־דאַכט. מענטשן זיינען געקומען אין ש"י און דערציילט וועגן אים שלעכטס. מ'האָט דערציילט, אַז מ'האָט אים געזען, ווי ער טרינקט און פאַרברענגט אין דער געזעלשאַפט פון ענגלישע אָפיצירן פון געהיים־דינסט, באַזוכט זייערע הייזער און זיי גיבן אים אָפּ אַ וויזיט אין זיין הויז. מ'האָט פאַר־לאַנגט אַז מ'זאָל אָננעמען קעגן אים מיטלען. אַן אינטערעסאַנטער פּרט: דווקא זיינע „פריינט" האָבן אים דערמאָנט צום שלעכטן. פאַר ש"י איז גע־שטאַנען אַ ברירה: אָננעמען דעם חשד מיט אַלע טרויעריקע קאָנסעקווענצן, וואָס זיינען דערמיט פאַרבונדן, אָדער זיך ווענדן צו אים און אויסנוצן זיינע פאַרבינדונגען מיטן בריטישן באַאַמטנטום און מיטן געהיים־דינסט צום גונסטן פון ש"י. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם צווייטן וועג.

דער ייד האָט אָנערקענט זיין נאַציאָנאַלע פליכט און האָט איבערגע־געבן די ש"י־פאָרשטייער זאַכן, וואָס זיינען אים באַקאַנט געוואָרן און וואָס איז אים געלונגען אַרויסצובאַקומען לויט זיין פּערזענלעכער איניציאַטיוו. אָבער דאָס וואָס ער האָט דערציילט אונדז, אָדער גענויער געזאָגט דעם ש"י־קאָמאַנדיר, מיט וועלכן ער איז געווען דירעקט פאַרבונדן, פלעגט ער אויך

אַנטדעקן פֿאַר אַנדערע געזועלשאַפֿטלעכע טוער, הגם די אַלע זאַכן האָבן נישט געהאַט קיין שייכות צו זיי. זיין פֿלאַפּלעריי האָט אים נישט נאָכגעלאָזן. מיר האָבן פֿון אים געפֿאָדערט, ער זאָל זיך אַליין צוימען לטובת דעם ענין גופא און פֿאַר זיין פּערזענלעכן נוצן. ער פֿלעגט איבערגעבן פֿיל אינפֿאָרמאַציעס, אָבער נאָר איין מאָל אין משך פֿון פֿיל חדשים פֿלעגט ער אַנטדעקן אַ ממשות־דיקע זאַך, וואָס האָט באַרעכטיקט די מי און די צייט, וואָס מיר האָבן פֿאַר־ווענדט דערויף. זיינע אינפֿאָרמאַציעס האָבן אַנטהאַלטן וואָרענונגען וועגן אַ געפּלאַנטן אַרויסגאַנגס־פֿאַרבאָט, וועגן מיליטערישער גרייטקייט, פֿאַרשיי־דענע פּאָליציייִשע אַקציעס און אַזוי ווייטער. קענטיק, אַז דער ייִד האָט פֿאַרמאָגט אַ געפֿיל פֿאַר אויספֿאָרשונג און נאָכשפּירונג — כדי ער זאָל זיך דערנאָך קענען באַרימען, אַז ער ווייסט דאָס, וואָס אַנדערע ווייסן נישט. מיר האָבן אויסגענוצט זיין אייגנשאַפֿט און האָבן זי געווענדט אין אַ ריכטונג וואָס איז נוצלעך פֿאַר דער הגנה. „זיינע פֿריינט" האָבן זיך ווייטער געסור־דעט וועגן אים, אָבער זיי האָבן דערצו נישט געהאַט קיין שום באַווייזן.

ער האָט אין משך פֿון יאָרן דערפֿילט אַ זייער נוצלעכע פֿונקציע. און מיטן אויפֿקום פֿון דער מדינה האָט ער דערוויזן זיין טריישאַפֿט פֿאַר די ענ־ינים פֿון זיכערקייט.

הויכער ציוויל־באַאַמטער

ער איז געוועזן נאָענט צום געהיים־דינסט און האָט דאָרט געהאַט אַ השפּעה. ענגלישע און אַראַבישע אָפֿיצירן פֿון דער פּאָליציי און פֿון געהיים־דינסט זיינען געווען זיינע פּערזענלעכע פֿריינט. געוווּסט האָט ער פֿיל, אָבער דערציילן פֿלעגט ער זייער ווייניק. ער האָט כסדר געהאַט טענות און האָט נישט אויפֿגעהערט צו קריטיקירן און צו זידלען די מנהיגים פֿון ייִדישן ישוב. פֿלעגט ער ברענגען עפּעס אַ ידיעה אין ש"י, פֿלעגט ער נאָך פֿאַרשטאַרקן זיינע טענות. ער פֿלעגט זאָגן, אַז ער ברענגט די ידיעות נאָר מחמת זיין פּערזענלעכער פֿריינטשאַפֿט צום ש"י־קאָמאַנדיר. פֿלעגט ער עפּעס איבער־געבן, האָט ער געוואָלט, אַז די הגנה־אָנפֿירער זאָלן עס וויסן, אין אַזעלכע פֿאַלן פֿלעגט ער זיך נישט ווענדן דירעקט צום ש"י־קאָמאַנדיר, וועלכן ער האָט פּערזענלעך געקענט, נאָר פֿלעגט טרעפֿן מענטשן אין דער הסתדרות העובדים, אין דער ייִדישער אַגענץ, אָדער ערגעץ אַנדערש־ווו און פֿלעגט בעטן איבערגעבן דעם ש"י־קאָמאַנדיר, אַז ער זוכט אים...

די ידיעות, וועלכע ער האָט געהאַט, פֿלעגט ער זיך מיט זיי האַלטן, פּונקט ווי ער וואָלט געווען „איינער אויפֿן מאַרק"... הגם ער פֿלעגט איבער־געבן נאָר ברעקלעך און שטיקלעך פֿון ידיעות, פֿלעגן מיר אים שעצן ווי איי־נעם פֿון אונדזערע טריישטע חברים, פֿלעגט קומען צו אים דער ש"י־קאָמאַנ־דיר אָפּצונעמען די ידיעות, פֿלעגט ער מוזן קודם־כל אויסהערן אַלע זיינע פֿאַראיבלס קעגן אַנדערע און דערנאָך זיין באַרימעריי, און ערשט נאָך דעם

— פלעגט ער באַקומען די קנאַפּע אינפאָרמאַציעס, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין בוזים.

דערפאַר אָבער האָט ער אַרויסגעוויזן פיל טריישאַפט צו אונדזער זאַך איטלעכן מאָל. ווען מ'האָט געדאַרפט צו אים אָנקומען. ווען די פּאָליציי פלעגט כאַפּן אַ הגנה־חבר מיט געווער, אָדער פלעגט אים אַרעסטירן מחמת אַן אַנדער סיבה, פלעגט ער אונדז קומען צו־הילף. ער פלעגט אונדז געבן עצות ווי אַזוי צו פאַרטיידיקן דעם אַרעסטירטן, אָדער פלעגט אונדז איבער־געבן וויכטיקע איינצלהייטן און די עדות־דערקלערונגען און ראַפּאָרטן. ער פלעגט מסכים זיין זיך צו טרעפן קאָנספּיראַטיוו מיטן אַדוואָקאַט פון באַ־שולדיקטן און אָפּמאַכן לכתחילה אין דעם ענין פון פאַרטיידיקונג און באַ־שולדיקונג. דאָס אַלץ האָט ער געמאַכט גאַנץ גערן אין דער פולער קאָאָרדי־נאַציע מיטן ש"י־שטאַב.

די אָנפירער פון בריטישן געהיים־דינסט האָבן געהאַלטן, אַז מ'קען אים איבערגעבן סודות. זיי אַליין פלעגן זיך מיט אים באַראַטן וועגן פאַרשיידענע ענינים נעמענדיק אין אַכט זיינע קענטענישן און גרויסע דערפאַרונג. מיר האָבן אויך געוווסט, אַז טראָץ אַלע שוועריקייטן, טאָר מען נישט רעזיגנירן פון אַט דעם וויכטיקן אינפאָרמאַציע־קוואַל און מ'דאַרף איינהאַלטן מיט אים די פאַרבינדונגען, ווען אפילו מיר קענען פון אים אַרויסקריגן ברעקלעך ידיעות.

אַ באַאַמטער פון געהיים־דינסט

ער איז געווען זייער אָנגענומען ביי די בריטישע אָפיצירן און באַאַמ־טע. און ווייל די יידישע באַאַמטע פון געהיים־דינסט האָבן אים פיינט גע־האַט, איז נאָך שטאַרקער געוואָרן דער צוטרוי צו אים מצד די ענגלענדער. אונדזערע חברים אין געהיים־דינסט האָבן אונדז געראַטן זיך נישט צו טרעפן מיט אים. זיי האָבן געטענהט אַז ער איז אומסימפּאַטיש, חנפהט זיך צו די ענגלענדער און איז טריי צו זיי איבער יעדער מאָס. זיי אַליין האָבן זיך גע־היטן פאַר אים, זיי האָבן מורא געהאַט ער זאָל זיך נישט דערוויסן, אַז זיי זיינען חברים פון דער הגנה און ער קען זיי מסרן פאַר די ענגלענדער. זיי האָבן זיך דערווייטערט פון אים. און ווייל ער האָט געליטן אויף אַ מינדער־ווערטיקייט קאָמפּלעקס, האָט ער מורא געהאַט צו פאַרלאַנגען פון זיי זיי זאָלן בייטן זייער באַציאונג לגבי אים.

זיינע פאַרבינדונגען מיט די בריטישע דעטעקטיוון האָבן אים געבראַכט דערצו, אַז ער פלעגט נעמען „טיפּ־געלט" און פלעגט זיך טיילן דערמיט מיט זיינע בריטישע קאָלעגן. אונדזערע חברים־פּאָליציאַנטן האָבן אים שאַרף אָנגעגריפן און אייניקע פון זיי האָבן אונדז אפילו געוואָרנט, אַז פון דעם מאָמענט אָן, ווען זיי וועלן זיך דערוויסן, אַז ש"י האָט מיט אים געשעפטן, וועלן זיי איבעררייסן יעדע פאַרבינדונג מיט אונדז.

קלאָר, אַז ער איז געווען מחמת דעם אַלעם פון די מענטשן, וועלכע

האבן געגאָסן פון פולן צוטרוי מצד די בריטישע אָפיצירן אין געהיים־דינסט. געהיימע טעקעס און דאָקומענטן פלעגן דורכגיין זיינע הענט. אונדזערע חברים האָבן אונדז דערציילט, אַז אים פלעגן אָנגעטרויט ווערן ענינים, וועל־כע פלעגן קיינמאָל נישט איבערגעגעבן ווערן אַנדערע יידן.

מיר האָבן שטודירט די אייגנשאַפטן פון דעם מענטשן און געפּרוווט באַנעמען זיין כאַראַקטער און דער אויספיר איז געווען, אַז ער איז ווייט פון צו זיין אַ געהויבענער מענטש, אויך זיין אויסערלעכער אויסזען איז געווען אָפּשטויסנדיק, אָבער מיר האָבן נישט געטאָרט רעזיגנירן פון אַזאַ פעטן ביסן. האָבן מיר באַשלאָסן אים צו באַאַרבעטן און אים איבערצופירן אויף אונדזער צד. וואָלטן מיר זיך צו אים געווענדט דירעקט, וואָלט ער אונדז, אַן צווייפל אָפּגעוואָרפן. האָבן מיר צו אים דערלאַנגט מיט אַ קונץ, וואָס האָט אים געפאַנגען.

ווי אַזוי? גאָר פשוט. מיר האָבן אָנגעשריבן אַ מין איבערבליק, אין וועלכן מיר האָבן אים געשילדערט אין שוואַרצע פאַרבן: ער איז נישט ווערט קיין צוטרוי, מ׳דאַרף זיך היטן פאַר אים און אַזוי ווייטער. צו דער דאָזיקער שאַפונג האָבן מיר צוגעגעבן כלומרשט אַ בריוו פון ש״י־קאָמאַנדיר צום הגנה־שטאַב. אין בריוו ווערט געזאָגט, אַז די ידיעות וועגן דאָזיקן מענטשן זיינען זייער שלעכטע און זיי צווינגען אונדז אָנצונעמען קעגן אים מיטלען, אָבער מיר גלייבן, אַז אויב מ׳זאָל אים מקרב זיין, וועט ער דערווייזן, אַז ער איז נישט ווייניקער נאַציאָנאַל געשטימט און נישט ווייניקער טריי ווי אַנ־דערע. ער שיינט צו זיין אַ מענטש פון אַ גוטער נשמה און איז עמפּינדלעך צו יידישע ענינים. מיר האָבן צוגעגעבן, אַז מ׳באַגייט קעגן אים אַן עוולה, וואָס מ׳באַציט זיך צו אים מיט אומצוטרוי און אַזוי ווייטער.

דעם אָריגינעלן ראַפּאָרט און בריוו האָבן מיר פאַרניכטעט, ווייל זיי זיינען במילא צו קיינעם נישט געשיקט געוואָרן. מיר האָבן אָבער געזאָרגט דערפאַר, אַז די קאָפּיעס פון די דאָזיקע דאָקומענטן זאָלן אַריינפאַלן צו אים אויף אַ קאָנספּיראַטיוון וועג. מיר האָבן איינגעאָרדנט די זאַך אַזוי, אַז איי־נער פון די ש״י־מענטשן זאָל זיך ווענדן צו אים און אים ווייזן ווי אַ פריינט די קאָפּיעס מיטן באַדינג ער זאָל שווערן, אַז ער וועט קיינמאָל די זאַך נישט אַנטדעקן. דער מענטש האָט געשוווירן און ווען ער האָט געלייענט די אַלע מעשיות וועגן אים און דערנאָך דעם פּאָזיטיוון ראַפּאָרט פון ש״י איז ער זייער גערירט געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג געזוכט אַ וועג, ווי אַזוי צו דערגרייכן צום ש״י און ער איז איצט צופרידן צו האָבן אַזאַ געלעגנהייט. זינט דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן פאַר אונדז און די נוצן וואָס מיר האָבן פון אים געהאַט זיינען געווען אַ סך גרעסער ווי די, וועלכע אַנדערע אונדזערע מיטאַרבעטער האָבן אונדז געבראַכט.

נאָר איצט האָבן מ י ר זיך געדאַרפט אויסהיטן, מיר זאָלן נישט אַריינכאַפּן אַ פסק פון אונדזערע אייגענע חברים אין געהיים־דינסט און אַז יענע זאָלן זיך נישט דערוויסן אַז אָט דער באַאַמטער אַרבעט מיט אונדז...

מיר האָבן זיי גאָרנישט דערציילט. מיר האָבן ווייטער רואיק אויסגעהערט זייערע טאָדל־רייד וועגן אים. אויך ער האָט פאַרלאַנגט מ׳זאָל קיינעם נישט דערציילן וועגן זיינע פאַרבינדונגען מיט אונדז. ער איז נישט פאַראינטערע־סירט דערין, ער זוכט נישט קיין פובליסיטי און פאַרלאַנגט קיין זאַך נישט. זינט ער האָט אָנגעהויבן אונדז איבערצוגעבן ידיעות איז אַ שטיין אַראָפּגע־פאַלן פון זיין האַרצן. ער האָט אָנגעהויבן צו שפּירן, אַז אויך ער איז אַ ייד, ממש איינער פון אונדזער „חבריא". לגבי אויסן איז אין אים נישט געווען צו מערקן קיין שום ענדערונג: די זעלביקע געשטאַלט, דער זעלביקער אָנ־שטעל, די זעלביקע רעזערווירטקייט און אָפּגעשלאָסנקייט. פאַר אונדז האָט ער געטענהט, אַז ס׳איז נישט זיין שולד הלמאי ער איז ביז איצט נישט גע־ווען מיט אונדז פאַרבונדן, ווייל אָנשטאָט אים מקרב צו זיין און אים צו באַ־טייליקן אין די אַקציעס — האָט מען אים אָפּגעשטויסן.

די ענגלענדער האָבן ווייטער אים געגלייבט און פלעגן אים ווייטער אָנטרויען געהיימע טעקעס און דאָקומענטן. אין קריסטלעכע חגאות פלעגן זיי אים איבערלאָזן כמעט איינעם אַליין אין די ביוראָען פון געהיים־דינסט. זינט ער האָט אָנגעהויבן צו אַרבעטן מיט אונדז, פלעגן די טעקעס פון גע־היים־דינסט מיט זיין הילף דורכמאַכן אַ שפּאַציר פון זייערע אַלמערס אין די ביוראָען פון ש"י, פלעגן דערשיינען פאַר אונדזערע פאָטאָ־אַפּאַראַטן און פלעגן זיך בשלום אומקערן אויף זייערע פּלעצער...

אַ דעטעקטיוו, וואָס איז אויסערלעך געווען ענלעך צו אַ נישט־יידן

הגם מיר, די אָנפירער און מיטאַרבעטער פון ש"י האָבן בכלל געקענט ס׳רוב דעטעקטיוון, האָבן מיר אַ לאַנגע צייט אים געהאַלטן פאַר אַן ענגלענ־דער. ער פלעגט זיך אָפּזונדערן פון אונדז און זיינע זעלטענע באַגעגענישן פלעגט ער האָבן נאָר מיט ענגלענדער אָדער מיט ענלעכע צו זיי לויטן אויס־זען מענטשן. מיט דער צייט האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ ייד פון דייטשלאַנד, וואָס האָט אָנגעהויבן זיך צו באַקענען מיט יידישע ענינים נאָר נאָכן קומען קיין ארץ ישראל. אין געהיים־דינסט האָט ער זיך רעקאָמענדירט ווי אַ רואיקער און באַשיידענער מיטאַרבעטער. זיינע חברים האָבן געהאַלטן אַז ער איז נישט קיין גרויסער חכם. ער פלעגט זיך דערווייטערן פון אַ יידי־שער געזעלשאַפט און זיינע יידישע קאָלעגן פלעגן זיך באַגיין מיט אים פאַר־זיכטיק. זיי האָבן נישט געוווּסט, צי מעג מען גלייבן דעם „יעקע", אָדער מען דאַרף זיך פאַר אים היטן. די ענגלענדער זיינען געווען זיכער אין זיין לאָיאַליטעט און פלעגן אים איבערגעבן באַזונדערס געהיימע אויספאָרשונ־גען. זיי האָבן געגלייבט, אַז אָט דער דאָזיקער „תם" וועט נישט פאַרשלאָגן זיין דינסט דער הגנה און אַז די הגנה וועט נישט האָבן קיין קאָנטאַקט מיט אַזאַ טיפּ. ער האָט גוט געקאָנט ענגליש און זיינע ראַפּאָרטן האָבן זיך אויס־געצייכנט מיט אַ גענויער פאָרמולירונג.

די נויט האָט אונדז געצוווּנגען צו רעזיגנירן פון אַלע פאַרזיכטיקייט־

כללים און זיך צו פאַרבינדן מיט אים דירעקט. איינער פון די ש״י־אַקטי־וויסטן האָט זיך צו אים מיט אָפענע דיבורים: „כ׳בין געקומען צו דיר אין נאָמען פון דער הגנה און ש״י מיט אַ פאָרשלאַג דו זאָלסט זיך אָנשליסן צו אונדז און זאָלסט אַרבעטן מיט אונדז. אונדזער אַרבעט פאָדערט פון דעם חבר...״ מ׳האָט נישט געדאַרפט פאַרזעצן. ער איז תיכף מסכים געווען און האָט געזאָגט, אַז ער האָט שוין לאַנג עס געוואָלט מאַכן, נאָר ער האָט נישט געוווסט ווי אַזוי מ׳דערגרייכט צו אונדז. אמת, ער האָט געפילט, אַז זיינע יידישע קאָלעגן אין געהיים־דינסט האָבן עפּעס אַ בשותפותדיקן סוד, אָבער ער האָט נישט געוואָגט זיך צו ווענדן צו זיי. ער איז צופרידן, וואָס ער האָט איצט באַקומען אַזאַ געלעגנהייט.

זינט ער האָט זיך אָנגעשלאָסן צו אונדז, האָט ער אָנגעהויבן אַרבעטן אויף אַ זייער פשוטן אופן: ער פלעגט אונדז צושטעלן אַ קאָפּי פון יעדן ראַפּאָרט, וואָס ער פלעגט שרייבן צו זיינע שעפן, פונקט ווי דאָס וואָלט גע־ווען נאָך אַ נייטיקע טעקע. ער פלעגט אויך אונטערשטעלן אַן אויער ביי פאַרשיידענע שמועסן, פלעגט אַריינכאַפּן אַ בליק אין יעדן דאָקומענט און טעקע און פלעגט אונדז נאָך דעם, כמעט טאָג־טעגלעך איבערגעבן זייער אינהאַלט. ער האָט געהערט און געזען זייער פיל, ווייל פאַר אים, פאַרן „תם״, האָט מען זיך נישט געהיט. ער האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן ערלעכער דיסציפּלינירטער מענטש און האָט דערפילט זיינע אויפגאַבעס אויסגעצייכנט. מיט דער צייט איז ער געוואָרן איינער פון אונדזערע בעסטע אינפאָרמאַ־טאָרן־חברים.

אין די לעצטע חדשים פון אונדזער געראַנגל קעגן דער בריטישער מאַכט האָט מען אים אָנגעשלאָסן צו דער הגנה־אָפּטיילונג פאַר געווער. די פונק־ציע פון דער דאָזיקער אָפּטיילונג איז געווען צו דערווערבן געווער מיט אַלע מעגלעכע מיטלען. צו דעם צוועק האָט ער אויסגענוצט זיינע פאַרבינדונגען מיט די בריטישע פּאָליציי־אָפיצירן און באַאַמטע פון געהיים־דינסט, האָט געאַרבעט אין דרום־דיסטריקט און האָט צום סוף אויסגעברייטערט זיין אַק־טיוויטעט אויך אויף אַנדערע דיסטריקטן. זיין אויפגאַבע האָט ער דערפילט מיט הצלחה ביזן אויפקום פון מדינת ישראל.

מיר האָבן דאָ געשילדערט איינצלנע פאַלן פון הונדערטער, וואָס האָבן פּאַסירט אין פּראָצעס פון אונדזער אַרבעט. דער צוועק איז געווען דער זעל־ביקער, אָבער מ׳האָט געדאַרפט גוט קענען די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, כדי זיי צו אַקטיוויזירן פאַר ש״י.

אויף אַ ש״י־אָפיציר פאַלט אַ „חשד״

מיר האָבן געהאַט גוטע פאַרבינדונגען אויך מיט בריטישע אָפיצירן פון געהיים־דינסט. און נישט דווקא דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיך באַצויגן צו זיי

מיט אַ באַזונדערן צוטרוי. די באַדינגונגען האָבן אונדז נישט דערלויבט גרינג־צושעצן יעדן מעגלעכן קוואַל פון אינפאָרמאַציעס.

מיר האָבן געהאַט אַ דירעקטע פאַרבינדונג מיטן דירעקטאָר פון געהיים־דינסט אין דרום־דיסטריקט. ער אַליין האָט דורך איינעם פון זיינע באַקאַנטע געבעטן מיר זאָלן זיך פאַרבינדן מיט אים. מיר האָבן זיין ביטע דערפילט. מיר האָבן געהאַלטן, אַז מיר ריזיקירן מיט קיין זאַך נישט, אַ חוץ דעם, וואָס דערמיט גיט זיך אַליין אַרויס אונדזער פאָרשטייער, וועלכער וועט זיין באַאויפטראַגט זיך צו טרעפן מיטן בריטישן אָפיציר.

דער אָפיציר איז אונדז געווען באַקאַנט און די אינפאָרמאַציע, וואָס מיר האָבן געהאַט וועגן אים, איז נישט געווען שלעכט. אַ געוויינלעכער ענגלענדער, וואָס טענהט, אַז ער איז אונדזער פריינט. מיר האָבן זיך געהאַלטן ביים כלל: „כבדהו וחשדהו" (באַצי זיך צו אים מיט כבוד, אָבער זיי אים חושד). אונדזער חבר מ. ג. האָט באַקומען אַ באַפעל זיך צו טרעפן מיט אָט דעם אָנפירער פון געהיים־דינסט — פריער אין אַ פריוואַטן הויז, ווייט פון אַ פרעמדן אויג און אַ געוויסער צייט אַרום — אפילו אין אַ קאַפע־הויז צו מאַכן אַ שנאַפּס.

נאָך יעדער באַגעגעניש פלעגט אונדזער חבר פאַרנאָטירן דעם אינהאַלט פון זיין געשפּרעך מיטן בריטישן אָפיציר און פלעגט דעם באַריכט צושטעלן דעם ש״י־קאָמאַנדיר. ווען מיר האָבן איבערגעלייענט זיינע ראַפּאָרטן האָבן מיר נישט געפונען, אַז זיי זאָלן האָבן אַ באַזונדערן ווערט. ס׳האָט זיך געשפּירט, אַז דער בריטישער אָפיציר דערציילט פיל וועגן פאַלן, וועלכע האָבן שוין פּאַסירט, אָבער ער אַנטדעקט זייער ווייניק דערפון, וואָס עס דאַרף געשען. דערין האָבן מיר אויך געפונען אינטערעס, ווייל ער איז געווען אַם־בעסטן אינפאָרמירט וועגן אַלע ענינים און מיר האָבן אויף אַזאַ אופן געקענט קאָנטראָלירן אינפאָרמאַציעס, וועלכע מיר האָבן געהאַט באַקומען פון אַנדערע קוואַלן. ביסלעכווייז האָט אונדזער חבר זיך ברייטער פאַרנומען מיט זיינע געשפּרעכן מיטן ענגלענדער. ער האָט אים אָנגעהויבן שטעלן פראַגן, וועלכע מיר האָבן צוגעגרייט און אים מיטגעגעבן בשעת ער איז געגאַנגען אויף אַ באַגעגעניש. אמת, נישט אין אַלע פאַלן האָט אונדזער „פריינט" זיך געקענט אַרויסדרייען און געבן אַ קלאָרע תשובה, ווייל ווען מ׳כאַפּט אַריין אַ גוטן טרונק, שטויסט מען נישט אָפּ די בקשה פון דעם „טרינק־חבר", און די צונג איז נישט פאַרשלאָסן אויף אַ שלאָס. די לאַגע פון אונדזער חבר איז נישט געווען לייכט, אָבער דער קעלנער האָט געוווּסט פריער, אַז דעם פרעמדן גאַסט דאַרף מען דערלאַנגען באַזונדערס שטאַרקע משקה, און אונדזער בחור קען זיך באַגנוגענען מיט אַ שוואַכערן טרונק.

אַזוי האָט זיך געצויגן דער ראָמאַן אַ גאַנץ היפּשע צייט ביז מיר האָבן אין איינעם אַ העלן טאָג באַקומען אַן עקסטרא־מעלדונג, אַז דער הגנה־שטאַב האָט איבערגעריסן די באַציאונגען מיטן ש״י־אָפיציר מ. ג. דאָס באַדייט אַז ער איז פאַרדעכטיקט און אַז מ׳קען אים נישט טרויען. מ׳טאָר אים נישט

איבערגעבן דעם געהיימען פּאַראָל פון דער הגנה, מיט וועלכן חברים פאַר־בינדן זיך צווישן זיך אָדער קענען אַריינקומען אין אַ פּלאַץ פון די מיליטע־רישע איבונגען.

מיר האָבן זיך תיכף געמאָלדן צום הגנה־שטאַב און אָנגעפרעגט, פאַר־וואָס ווערט איבערגעריסן דער קאָנטאַקט מיט אים: וואָס איז געשען? האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אַ קעלנער אין איינעם פון די פּראַכטפולע קאַפע־הייזער, וווּ אונדזער חבר איז געזעסן אַ גאַנצע נאַכט מיטן אָפיציר פון געהיים־דינסט, איז געקומען צו זיין הגנה־קאָמאַנדיר און אים דערציילט, אַז ער האָט געזען דעם הערן מ. ג. וואָס איז אים באַקאַנט ווי אַ הגנה־אָפיציר, ווי ער טרינקט און טאַנצט אין דער געזעלשאַפט פון אַ הויכן אָפיציר פון בריטישן געהיים־דינסט, וועלכן ער קען אויך. דער דאָזיקער קעלנער איז געווען אַ חבר אין אַ הגנה־איינהייט און איז געווען ווייט פון ש״י. אַזוי אַז ער האָט נישט געוווּסט, אַז די ש״י־חברים איז דערלויבט אַ קאָנטאַקט מיטן געהיים־דינסט אַליין. דער קעלנער האָט דערפילט זיין פליכט און האָט איבערגע־געבן זיין קאָמאַנדיר נאָר דאָס, וואָס זיינע אויגן האָבן געזען.

דער הגנה־קאָמאַנדיר פון דעם דיסטריקט האָט נישט געדענקט, אַז דער הגנה־אָפיציר מ. ג. איז באַשטימט געוואָרן דורכן ש״י־קאָמאַנדיר זיך צו טרעפן סטאַביל מיטן אָנפירער פון געהיים־דינסט און דעריבער האָט ער גע־געבן דעם באַפעל וועגן איבעררייסן די פאַרבינדונגען מיט אים. פאָרזיכטי־קייט איז אין יענע צייטן פון שווערן גערעַנגל געווען באַזונדערס נייטיק און וויכטיק.

דער טעות איז גיך אויפגעקלערט געוואָרן, און איידער דער באַפעל וועגן איבעררייסן די פאַרבינדונגען האָט דערגרייכט צו אַלע הגנה־חברים און פון זיי צו די טויזנטער הגנה־חברים, איז שוין געגעבן געוואָרן די אָנ־ווייזונג אָפּצושאַפן דעם ערשטן באַפעל.

וואָס שייך דעם בריטישן אָפיציר איז קלאָר געוואָרן, אַז ער האָט זיך אויפגעפירט מיט אַ געוויסער אָנשטענדיקייט. ער האָט נישט געפּרוווט אויס־פרעסן פון אונדז ידיעות און האָט אפילו נישט געשריבן קיין ראַפּאָרטן וועגן אינהאַלט פון זיינע באַגעגענישן מיטן הויכן הגנה־קאָמאַנדיר. אָבער צוליב פאָרזיכטיקייט פלעגט ער מעלדן די דאַטע פון יעדער באַגעגעניש זיין שעף אין ירושלים. ערב דער באַפרייאונגס־מלחמה האָט דער דאָזיקער אָפיציר אונדז פיל געהאָלפן, נאָר דער דאָזיקער קאַפּיטל איז נוגע אָן אַנדער הגנה־אָפּטיילונג און ס׳איז נאָך נישט געקומען די צייט דאָס צו אַנטדעקן, ווייל דער מענטש וועלכער לעבט היינט אין ענגלאַנד אַ רואיק בירגערלעך לעבן, קען נאָך אפשר דערפון ליידן.

ש״י שפּירט נאָך בריטישן געהיים־דינסט

אין די מאַנדאַט־צייטן האָבן עקזיסטירט אין ארץ ישראל עטלעכע אינסטיטוציעס פון נאָכשפּירונג און אויספאָרשונג פון מיליטער און פון דער ציווילער מאַכט. די וויכטיקסטע צווישן אַלע אינסטיטוציעס איז געווען C.I.D. — דער געהיים־דינסט פון דער פּאָליציי. דאָס איז געווען אַ מין רודער און קאָמפּאַס, וועלכע זיינען געווען אויסבאַהאַלטן פאַר דער עפנטלעכקייט, אָבער האָבן געווירקט אויף די וועגן און מעשים פון דער מאַכט. די ראַפּאָרטן און די איבערבליקן פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע זיינען געווען קאָמפּעטענט און קאָנצענטרירט מער פון די מאַטעריאַלן פון די אַנדערע אינסטיטוציעס פון דעם מין און דעריבער האָבן זיי אויך אַ סך שטאַרקער געווירקט אויף דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג לגבי די יידן אין ארץ ישראל. דער הויך־קאָמיסאַר, דער גענעראַל־סעקרעטאַר, די פּאָליציי און אָפּטמאָל אויך דער אַרמיי־שטאַב פלעגן אינסטרואירט ווערן דורכן געהיים־דינסט ביים אויסאַרבעטן פּלענער פון אַקציעס קעגן דעם יידישן ישוב און קעגן זיינע לעבנס־ווערק אין דער הגנה, עליה, ערד־איינקויף, התישבות און אַזוי ווייטער. אויך די מיינונגען און רעקאָמענדאַציעס, וואָס די מאַכט־אָרגאַנען פונעם לאַנד פלעגן שיקן דעם קאָלאָניע־מיניסטעריום אין בריטישן קאַבינעט, אין לאָנדאָן, פלעגן געשריבן ווערן אונטערן איינדרוק פון געהיים־דינסט.

מיר האָבן געהאַט אַ גענויע טאַבעלע פון די פאַרשיידענע אָפּצווייגונגען פון געהיים־דינסט און אויך פון יענע ספּעציעלע אָפּטיילונגען, וועלכע האָבן זיך באַשעפטיקט מיט דער יידישער פראַגע. די מענטשן פון געהיים־דינסט האָבן צוגעגעבן אַ באַזונדערן ווערט דעם יידישן פּראָבלעם און האָבן זיך דערמיט זייער שטאַרק אינטערעסירט. איז במילא קלאָר, אַז די קעגן־אַקציעס פון ש״י זיינען געווען געווענדעט איבערהויפּט קעגן דער דאָזיקער אינסטיטוציע און קעגן דעם אַלעם, וואָס האָט זי אַרומגערינגלט. נישט אַריינלאָזנדיק זיך אין פּרטים וועגן „דעם קעגנשפּיאָנאַזש" פון ש״י און וועגן די מעטאָדן פון זיין אַרבעט, מעגן מיר זאָגן, אַז אַ גאָר הויכער פּראָצענט פון זייערע אינפאָרמאַציעס איז אונדז געווען באַקאַנט. די דאָזיקע ידיעות פלעגן מיר באַקומען אויף אומצאָליקע וועגן און מיט פאַרשיידענע מיטלען.

די הגנה און דער עליה־שטאַב האָט איינגעזען אין בריטישן געהיים־דינסט זייער דירעקטן פיינט, און אָט די בכבודיקע בריטישע אינסטיטוציע איז געווען געצוווּנגען צו באַטראַכטן אונדזערע ווערק און אונטערנעמונגען — די התישבות, הגנה און העפלה — אַ כוח, וועלכן מ׳קען נישט גובר זיין. זיי האָבן געציטערט פאַרן אָרגאַניזירטן כוח פון יידישן ישוב און האָבן געקעמפט קעגן אים, ווייל זיי האָבן איינגעזען אין זיין עקשנותדיקן ווּקס אַ געפאַר פאַר זייער מאַכט אין לאַנד. און זיי זיינען גערעכט געווען מיט זייער דאָזיקער ציטערניש.

דער געהיים־דינסט האָט געוווסט וועגן דער עקזיסטענץ פון ש״י. ער האָט אוודאי זיך פאַרגעשטעלט אַז ידיעות פון זיינע ביוראָען געפינען אַ וועג צו אונדז. דעריבער האָבן די ענגלענדער זיך געהיטן צו טרויען צו פיל די יידישע פּאָליציאַנטן און דעטעקטיוון. זיי האָבן זיך אָבער נישט געקענט פאַר־שטעלן, אַז ש״י היט זייערע שריט דורך זיינע אַגענטן אין די ביוראָען און מחוץ פון זיי. הערט אונטער געשפּרעכן, קוקט אַריין אין זייערע דאָקו־מענטן, באַזונדערס אין יענע, וועלכע זיינען באַצייכנט מיט דער אויפשריפט: „געהיים", אָדער „זייער געהיים". זיי זיינען געווען געצוווּנגען זיך מודה צו זיין דעריין אין לעצטן יאָר פון אונדזער געראַנגל. זיי האָבן זיך געוווּנדערט און מיט די ציין געקריצט, אָבער זיי האָבן דערקלערט, אַז „אין די הענט פון יידן געפינט זיך דער בעסטער אינטעליזשענס פון דער וועלט", און „אַלץ וואָס די מאַכט־אָרגאַנען באַשליסן ווייסן זיי אין משך פון 24 שעה". יאָ, ס'איז געווען אַ שטיק אמת אין אָט דער איבערטרייבונג.

מיר האָבן די רשימה פון זייערע טעקעס

אין פּראָצעס פון דער געוויינלעכער ש״י־אַרבעט האָבן מיר אַרויסבאַ־קומען די פולע רשימה פון אַלע טעקעס פון בריטישן געהיים־דינסט מיט אַלע זייערע ציפערן און באַצייכענונגען. די רשימה גופא איז נישט געווען קיין געהיימע. בכלל איז זי געווען אויסגעהאַנגען אויפן אַלמער פון די טע־קעס, אָדער האָט זיך געפונען אין איינער פון די טעקעס, וועלכע האָבן זיך געוואַלגערט אויפן טיש פון סעקרעטאַר אָדער מאַשיניסטקע. ס'איז דערי־בער נישט געווען באַזונדערס שווער, אַז איינער פון אונדזערע חברים זאָל די רשימה איבערשרייבן. פאַר ש״י איז די רשימה געווען אַ קוואַל פון וויסן. לויט איר, האָבן מיר געקענט פעסטשטעלן דעם מהות פון אַ דאָקומענט. וועלכן ס'איז געווען שווער צו דעשיפרירן. לויט דער באַצייכענונג, וואָס אויף דער טעקע, האָט מען געקענט האָבן אַ באַגריף וועגן דעם אינהאַלט פון דער טעקע.

ווען אַ הגנה־חבר פלעגט באַקומען אַן איינלאַדונג זיך צו מעלדן אין דער פּאָליציי און ער פלעגט קומען אין ש״י פרעגן צי זאָל ער זיך מעלדן, אָדער פאַרשווינדן, האָט געקלעקט איין קוק געבן אין דער איינלאַדונג און אויף דער באַצייכענונג פון דער טעקע, וואָס איז דאָרט געווען אָנגעוויזן, מיר זאָלן קענען פאַרשטיין וועגן וואָס דאָ האַנדלט זיך און אין איינקלאַנג דערמיט צו געבן די געהעריקע עצה. ס'פלעגט טרעפן, אַז דער חבר, וואָס פלעגט קומען צו אונדז נאָך אַן עצה, פלעגט זיך וווּנדערן און פרעגן: „ווי־אַזוי קענט איר טרעפן און מיר זאָגן גענוי צוליב וואָס מ'לאַדט מיך איין אין דער פּאָליציי, ווען איר האָט נאָך דעם ענין נישט אויפגעקלערט?" אָבער דעם דאָזיקן „פּאַכלעכן" סוד פלעגן מיר נישט אַנטדעקן.

אויך טעלעגראַמעס געשריבן לויטן קאָנספּיראַטיוון קאָדעקס, אָדער־

פאַרשטעלטע טעלעפאָן־געשפּרעכן פלעגן מיר וויסן צו דעשיפרירן לויט אַ ווונק — ווייל לויט די באַצייכענונגען אויף די טעקסטן האָבן מיר זיך אויסגעלערנט צו באַנעמען דעם אינהאַלט פון די ענינים.

אַזוי אַרום האָט אונדז אפילו אַ נישט־געהיימע רשימה געדינט ווי אַ שליסל צום דעשיפרירן און צו דערוויסן זיך וועגן געהיימע און גוט־פאַרמאַסקירטע ענינים.

אינפאָרמאַציעס פון מיסט־קאַסטן

עס איז אפשר אומגלויבלעך, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז ש״י פלעגט אַרויסבאַקומען אינפאָרמאַציעס אפילו פון דעם מיסטקאַסטן. די דאָזיקע ידיעות פלעגן מיר באַקומען אויף צוויי וועגן: דורכן נישטערן אין אַלערליי אַרויסגעוואָרפענע פּאַפּירן און קאַרטאָנען און מיט דער הילף פון די שטאָטישע מיסט־פירער.

צווישן די דאָזיקע אַרבעטער זיינען געווען חברים, וועלכע האָבן געהערט צום ש״י, אָדער צו אַנדערע הגנה־איינהייטן, אָדער עס זיינען סתם געווען גוטע יידן צו וועלכע מ׳האָט זיך געקענט ווענדן בנוגע אונטערערדישע ענינים. פיל פון די ריינקייט־אַרבעטער זיינען געווען אַזוי טריי, אַז זיי האָבן אַליין פאַרשטאַנען, אַז אויב זיי געפינען עפּעס אַ זאַך, וואָס קען דעם ש״י אינטערעסירן, דאַרף מען תיכף איבערגעבן די ידיעה וווהין עס באַדאַרף צו זיין.

די ריינקייט־אַרבעטער, וועלכע האָבן געטאָן זייער מלאכה ביינאַכט און האָבן זיך געפונען אויף אַלע גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט, פלעגן זיך אָנשטויסן אויף דערשיינונגען, וועלכע ש״י וואָלט נישט געקענט וויסן. ס׳פלעגט טרעפן ביינאַכט אַ געוויסער פאַל און ס׳האָט זיך נישט געפונען קיין איין לעבעדיקער נפש, פון וועלכן מיר וואָלטן געקענט דערגיין פּרטים. דאַן פלעגן מיר אויפקלערן ווער פון די ריינקייט־אַרבעטער האָט אין יענער נאַכט געאַרבעט נאָענט צום אָרט פון דער מעשה און טאַקע פון אים פלעגן מיר באַקומען איינצלהייטן. דער ריינקייט־אַרבעטער האָט פאַרשטאַנען אַליין, אַז אַ ש״י־מענטש וועט אים מאָרגן באַזוכן און ער אַליין פלעגט אויסגעפינען פּרטים לויט דער אייגענער איניציאַטיוו. די דאָזיקע ידיעות זיינען געווען זייער וויכטיק, ווייל אָפטמאָל איז ער, דער ריינקייט־אַרבעטער געווען עדות פון געוויסע געשעענישן. אונדזערע חברים פון צווישן דעם דאָזיקן קאָלעקטיוו פלעגן אַליין זאַמלען ידיעות פון זייערע אַרבעטס־חברים און פלעגן אונדז עס איבערגעבן אויף צומאָרגנס. אַזוי אַרום פלעגט מען קענען קאָנצענטרירן דאָס מאַטעריאַל וועגן די נאַכט־געשעענישן, וועלכע זיינען אָפטמאָל געווען זייער וויכטיק. אויך אויף דורכצופירן פאַרשיידענע אויספאָרשונגען, פלעגן אונדז העלפן די דאָזיקע חברים, ווייל זיי האָבן געקענט זיך איינגעפינען אין אָפּגעלעגענע ערטער אָדער הויפן, נישט אַרויסרופנדיק אַ

חשד און זיי האָבן אונדז געקענט צושטעלן פּרטים, וועלכע זיינען אונדז גייטיק געווען.

מיר פלעגן זאַמלען ידיעות אויך דורך דעם, וואָס מיר פלעגן נישטערן אין אָפּפאַל פון פּאַפּיר און קאַרטאָן. די רעגירונגס־ביוראָען פלעגן דעם דאָזיקן אָפּפאַל איבערגעבן אין קאַרטאָן־פאַבריק. די זעק פּאַפּיר, וואָס זיינען געווען באַשטימט צום פאַרניכטן האָט מען געשיקט אונטער אַ באַגלייטונג פון אַ בריטישן פּאָליציאַנט. זיין אויפגאַבע איז געווען צו וואַרטן נעבן דער פאַבריק ביז דאָס גאַנצע פּאַפּיר וועט איבערגעמאָלט ווערן. האָבן מיר באַשטימט ש״י־חברים, וועלכע זאָלן „העלפן״ דעם פּאָליציאַנט אויסצופירן זיין אויפגאַבע. מ׳פלעגט אים איינלאַדן צו כאַפּן אַ טרונק, פלעגט ער גאַנץ גערן אָננעמען די איינלאַדונג, וואָס איז געווען אַ סך אָנגענעמער ווי דאָס לאַנגווייליקע שטיין נעבן דער פאַבריק. אין צווישן פלעגן אונדזערע מענטשן דורכנישטערן די פּאַפּירן און אַרויסנעמען פון דאָרטן זאַכן, וועלכע האָבן אונדז געקענט אינטערעסירן און איבערהויפּט די פּאַפּירן פון די ביוראָען פון בריטישן געהיים־דינסט, אָדער פון ענלעכע ביוראָען.

די ביוראָען פון געהיים־דינסט האָבן זייער שפּאָרעוודיק גענוצט דאָס פּאַפּיר, און זיי פלעגן צעשניידן אַלטע מאַפּעס און אויסנוצן די צווייטע זייט צום שרייבן און צום דרוקן. ווען אפילו דאָס געדרוקטע מאַטעריאַל האָט אונדז נישט אינטערעסירט זיינען אָבער געווען געוווּנטשן פאַר אונדז די שטיקלעך מאַפּעס און אַמאָל פלעגן דאָס זיין מאַפּעס וואָס ס׳איז געווען זיי שווער צו דערגרייכן. פון אַט די צעשניטענע טיילן פלעגן מיר צונויפשטעלן גאַנצע מאַפּעס.

„געהיימע ידיעות״

אין די מאַנדאַט־צייטן האָט עקזיסטירט אייניקע יאָרן אין תל־אביב אַ פּריוואַטע ביוראָ פאַר אינפאָרמאַציע און אויספאָרשונגען. אָנגעפירט מיט דער ביוראָ האָט אַ ספּעציאַליסט, וועלכער האָט באַשעפטיקט עטלעכע פּריוואַטע אויספאָרשער פאַר אַ מאַגאַטלעכער פענסיע — זייער אויפגאַבע איז געווען צו פאָרשן און צו שמעקן וואָס עס טוט זיך אין דער שטאָט.

די ביוראָ האָט זיך פאַרנומען איבערהויפּט מיט האַנדלס־ענינים. עס פלעגן זיך ווענדן צו איר סוחרים, אָדער ווירטשאַפטלעכע אינסטיטוציעס, און פלעגן בעטן אויפקלערן די ווירטשאַפטלעכע לאַגע פון אַ באַשטימטן מענטשן, אָדער פון אַן אַנשטאַלט און אונטערנעמונג. זי פלעגט אויך דורכפירן אויספאָרשונגען פאַר אייניקע בענק, וועלכע האָבן זיי געצאָלט אַ מאַנאַטלעכע פענסיע און די ביוראָ פלעגט זיי צושטעלן ידיעות וועגן דער עקאָנאָמישער לאַגע און פאַרמעגן פון די באַנק־קליענטן, וועלכע דערלאַנגען ביטעס וועגן הלוואות אָדער באַנק־גאַראַנטיעס. די אַרבעט פון דער ביוראָ האָט זיך צעצווייגט און אַנטוויקלט און ווען זיי פלעגן אין לויף פון פּריוואַטע אויספאָר־

שונגען באַקומען אויך אַנדערע ידיעות, וואָס האָבן געהאַט אַן אינטערעס פאַר דער הגנה, פלעגט מען עס גערן איבערשיקן דעם ש"י.

מיר האָבן זיך באַצויגן צום דאָזיקן אַנשטאַלט מיט אַ געוויסער רעזער־ווירטקייט. נישט דערפאַר, ווייל זיין אייגנטימער איז נישט געווען ווערט אונדזער צוטרוי, נאָר ווייל מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז צווישן זיינע מיט־אַרבעטער זיינען פאַראַן דעטעקטיוון, וועלכע שפּיאָנירן פאַר געלט פּרויען, וואָס די מענער זיינען זיי חושד, אָדער זיי באַשעפטיקן זיך מיט אַנדערע אַזעלכע „שמוציקע אויספאָרשונגען".

דער בריטישער געהיים־דינסט האָט געפונען דעם וועג אויך צום דאָ־זיקן אַנשטאַלט און האָט אים איבערגעגעבן אַן אויפגאַבע: זאַמלען אינפאָר־מאַציעס וועגן געוויסע פּערזענלעכקייטן אין לאַנד. דער לוין איז געווען צוויי פונט „פּער־שטיק" — אַ היפּשע סומע אין יענע טעג. דער אייגנטימער פון אַנשטאַלט האָט אונדז אַליין דערציילט, אַז ער האָט אָנגענומען אַזאַ אָר־בעט. די קאַרטאָטעקע פון אָט די פּערזענלעכקייטן איז נויטיק דעם הויך־קאָמיסאַר און דעם גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער רעגירונג. דער באַלעבאָס פון דער פּריוואַט־ביוראָ האָט אונדז איבערגעגעבן די ראַפּאָרטן, וועלכע ער שיקט איבער, ווען אפילו מיר האָבן עס פון אים געפאָדערט. ער האָט גע־שריבן אַלגעמיינע זאַכן, וועלכע זיינען קיין סוד נישט געווען. מיר האָבן זיך נאָר געוווּנדערט, ווי אַזוי באַקומט דער מענטש די קלענסטע אייגנצלהייטן און גאַנץ געננוי מיט דער הילף פון אַ קליינעם אַפּאַראַט.

מיט דער צייט האָבן מיר אַנטדעקט דעם סוד פון דער הצלחה: דער מענטש פלעגט פּשוט שעפּן זיינע ידיעות פון אַ בוך וועגן די פּערזענלעכ־קייטן פון ישוב, וואָס איז דערשינען אין דער אויסגאַבע פון „מסדה". דער־ביי פלעגט ער עפּעס צוגעבן און באַקומען דערפאַר אַ באַלוינונג, ווי פאַר אַן אָריגינעלער אַרבעט. לכתחילה האָט ער זיך אין דעם נישט מודה געווען, אָבער דערנאָך האָט ער אונדז געבעטן דאָס נישט דערציילן פאַר אַנדערע. און אָט אַזוי פלעגט ער זעטיקן די דורשט פון די בריטישע באַאַמטע מיט ידיעות גענומענע פון אַ בוך.

זיי פאַבריצירן אינפאָרמאַציעס

מיר האָבן געהאַט אַ געלעגנהייט צו לערנען, ווי אַזוי מ'דאַרף נישט אַרבעטן און וואָס פאַראַ מין „אינפאָרמאַציע" מ'טאָר נישט אָנגעבן. אַזעלכע לעקציעס האָבן מיר באַקומען פון דעם אַרבעטס־אופן פון געוויסע מיטאַר־בעטער פון בריטישן געהיים־דינסט, וועלכע האָבן איינגעזען אין זייער פונק־ציע נאָר אַ קוואַל פון פּרנסה, אָדער אַ באַזע פאַר אַ פּערזענלעכער קאַריערע. זייער הויפּט ציל איז געווען: געפינען חן אין די אויגן פון בריטישן אָפיציר, זייער שעף, און אויף אַזאַ אופן באַקומען אַ העכערונג אינעם ראַנג און אין דער פּענסיע. אַזעלכע מיטאַרבעטער זיינען געווען אויך צווישן די ציווילע

יידישע באַמטע, אָבער זיי זיינען געווען נישט פיל און זיינען אין אַלגע־מיין געווען פאַרהאַסט דורך אַלעמען.

די מיטאַרבעטער פון געהיים־דינסט, ווען ס׳איז נישט געלונגען צו אַנטדעקן אינפאָרמאַציע פלעגן זי פאַבריצירן. און ס׳איז נישטאָ קיין לייכ־טערע זאַך, ווי די „פאַבריקאַציע״ פון ידיעות. דערצו דאַרף מען נישט האָבן קיין רווישטאָף און קיינע דעוויזן. דערצו איז נייטיק נאָר איין זאַך: מ׳זאָל פאַרלירן דאָס געוויסן.

געווען פאַלן, ווען אַ דעטעקטיוו פון אַט דעם מין פלעגט אַרויסנעמען אַ ידיעה פון אַ צייטונג, פלעגט צעדרייען איר אינהאַלט, עפּעס אויספּאַנ־טאַזירן און צולייגן, פלעגט די דאָזיקע „שאַפונג״ אַרומשלייפן און דערלאַנ־גען זיינע שעפן אַ ראַפּאָרט וועלכן ער האָט כלומרשט געהאַט באַקומען פון אַ „קאָמפּעטענטן קוואַל״... ס׳פלעגט טרעפן, אַז דער שרייבער פון דעם ראַ־פּאָרט פלעגט די גאַנצע מעשה אויסטראַכטן און פלעגט באַשרייבן אַ גע־שעעניש, וואָס איז געווען פון אָנהייב ביזן סוף אַ ריינער בלאָף. דעם ראַ־פּאָרט פלעגט ער בויען אַזוי, אַז ס׳איז געווען אוממעגלעך צו קאָנטראָלירן און פעסטצושטעלן צי די מעשה איז אמת. ס׳איז גענוג געווען, אַז ער זאָל אָנהייבן זיין ראַפּאָרט מיט די ווערטער: „עס איז מיר באַקאַנט געוואָרן פון מיין אינפאָרמאַטאָר״... ווייל ער האָט געגאַסן פון אַ געוויסער פּריווילעגיע נישט אָנצוגעבן דעם נאָמען פון זיין אינפאָרמאַטאָר. האָט אים נישט גע־דראָט קיין געפאַר ביים איבערגעבן אַזעלכע ראַפּאָרטן.

איין מאָל האָבן מיר געלייענט אַזאַ ראַפּאָרט און מ׳האָט געמוזט אויפ־קלערן צי זיין אינהאַלט איז ריכטיק. מיר האָבן נישט געהאַט קיין דירעק־טע פאַרבינדונג מיטן דעטעקטיוו־אינפאָרמאַטאָר. אָבער מיר האָבן געפונען אַ וועג צו ריידן מיטן שרייבער פון ראַפּאָרט. ווען אונדזער שליח האָט אים געפרעגט, צי עס איז ריכטיק דאָס אַלץ וואָס ער האָט געשריבן, האָט ער באַ־קומען אַן ענטפער, אַז די מעשה איז אויסגעזויגן פון פינגער, פון אָנהייב ביזן סוף. ער באַקומט געהאַלט — מוז ער ברענגען ידיעות. די בריטישע אָפי־צירן דריקן אויף אים און פאָדערן אַ גרעסערע פּראָדוקציע. איז ווען ער האָט נישט קיין ממשותדיקע ידיעות, איז ער געצוווּנגען עפּעס צו „פּראָדוצירן״, און צו דערלאַנגען זיין שעף „געבעקס פון אייגענעם אויוון״. דער עיקר איז, אַז די דערציילונג זאָל זיין גוט געבויט. דער אָפיציר וועט זיין צופרידן און ס׳איז נישטאָ קיין געפאַר, אַז ער, דער ראַפּאָרט־שרייבער זאָל געפּאַקט ווערן ביי אַ ליגן...

„אַט למשל — האָט ער צוגעגעבן — האָב איך געשריבן מיט אייניקע טעג צוריק, אַז בשעת כ׳בין געגאַנגען אין אַ געוויסן אָרט, האָב איך באַ־מערקט אויפן דאַך פון אַ הויז אַ סיגנאַליזאַציע פון ליכט־באַטעריעס און איך בין חושד, אַז דאָס איז אַ טועכץ פון אַ פיינטלעכן אַגענט. עס איז דאָך מל־חמה־צייט, און די ענגלענדער זיינען זייער עמפּינדלעך אין אַט דעם פּונקט.

צי קען עמיצער ווען עס איז דערווייזן, אַז כ'האָב נישט געזען קיין סיגנאַ־ליזאַציע אויף יענעם דאַך?"

„איך דאַרף ליפערן וואָס מער סחורה, — האָט אָפנהאַרציק דערציילט דער „אינפאָרמאַטאָר" — אויך מיינע שעפן זיינען פאַראינטערעסירט דע־ריק. ערשטנס דערווייזן זיי דערמיט, ווי פּראָדוקטיוו זיי אַרבעטן, צווייטנס באַקומען זיי געלט אויף הוצאות, כדי צו צאָלן די אינפאָרמאַטאָרן. סוף־כל־סוף מוז דאָך אַ מענטש לעבן... ס'פּאַסירט, אַז די נידעריקע מיטאַרבעטער באַקומען אַ טייל פון דער באַלוינונג. דאָס איז אָפּהענגיק פון שטיקל אַרבעט, וואָס דו האָסט צוגעשטעלט. וועסטו זיך אויפפירן פאַרזיכטיק, קענסטו אָנגיין מיטן דאָזיקן שפּיל אַ לאַנגע צייט, ווערן באַליבט ביי דיינע שעפן, באַקומען אַ העכערן ראַנג און אפילו אָנזאַמלען אַ פּאָר גראָשן"...

אמת, נאָר איינצלנע דעטעקטיוון פלעגן זיך אַזוי אויפפירן. אָבער — ווי געזאָגט — האָבן מיר נישט געהאַט קיינע פאַרבינדונגען מיט אַזעלכע טיפּן. אונדזערע חברים און די נאָענטע צו אונדז יידישע רעגירונגס־באַאַמ־טע האָבן זיך באַציגן מיט אַ געפיל פון עקל צו אַט די פאַבריקאַנטן פון די „אינפאָרמאַציעס" לשם פּאַרדינסט.

אויך פּרעסע און זשורנאַליסטן אינפאָרמירן ש"י

אייגנטלעך איז די פּרעסע נישט דער פּאַסיקער אינפאָרמאַציע־קוואַל פאַר ש"י. אין די צייטונגען ווערן פאַרעפנטלעכט ידיעות, וואָס זיינען צו־טריטלעך פאַר אַלעמען, — און דער ש"י האָט דאָך געזוכט אינפאָרמאַציע, וועלכע ס'איז פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן, אָבער פונדעסטוועגן האָט ש"י אויך אין דער פּרעסע אויסגעפונען אַ וועג ווי אַזוי צו באַקומען ידיעות, האָט אונטערגעהאַלטן באַציאונגען מיט די רעדאַקציעס פון די צייטונגען און האָט אָנגעשלאָסן זשורנאַליסטן צו זיינע מיטאַרבעטער.

פאַרשטייט זיך, ס'רוב רעפּאָרטערן זיינען געווען הגנה־חברים און אפילו מיטאַרבעטער פון ש"י. אויך יענע זשורנאַליסטן, וועלכע זיינען פאָרמעל נישט געווען צו אונדז אָנגעשלאָסן, זיינען פאַקטיש געווען מיט אונדז פאַר־בונדן, און פלעגן אונדז איבערגעבן ידיעות ווען נאָר מיר האָבן זיי געבעטן. זייערע פּרעסע לעגיטימאַציעס און איבערהויפּט די פעאיקייט אויסצושפּירן און צו באַקומען ידיעות אפילו אין אַזעלכע פלעצער, ווו דאָס איז געווען אַ שווערע מלאכה — זיינען געווען זייער נוצלעך פאַר ש"י.

זייער זשורנאַליסטישער חוב האָט זיי געצוווּנגען זיך צו דערקונדיקן וועגן אַלע געשעענישן און אַריינצוקומען אין אַזעלכע אינסטיטוציעס, וועל־כע זיינען געווען געשלאָסן פאַר געוויינלעכע בירגער. זיי האָבן געקענט שטעלן פראַגעס און בעטן איינצלהייטן „פאַר דער צייטונג", און זייער ניי־געריקייט האָט נישט דערוועקט קיין שום פאַרדאַכט. זיי האָבן געוווּסט, וועל־

כע ידיעות מ׳קען פאַרעפנטלעכן אין דער פרעסע און וועלכע מ׳דאַרף איבער־געבן נאָר אין ש״י.

אין פיל פאַלן פלעגן אונדזערע חברים־רעפּאָרטערן אונדז אָנפרעגן, וואָס מ׳מעג איבערגעבן אין דער רעדאַקציע און וואָס מ׳טאָר נישט דער־ציילן אפילו די „ציווילע״ רעדאַקטאָרן. קלאָר, אַז זיי פלעגן האַנדלען לויט די אָנווייזונגען, וואָס זיי האָבן געהאַט באַקומען פון דער „הגנה״. אַמאָל פלעגן זיי באַקומען אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו פאַרעפנטלעכן ידיעות וואָס צו פאַרטושן און וואָס צו באַטאָנען — אַלץ לויט די באַדער־פעניש און לויט די אָנווייזונגען פון אונדזערע זיכערקייטס־אָרגאַנען.

פלעגט די בריטישע מאַכט דערקלערן אַן אַרויסגאַנגס־פאַרבאָט — און דאָס פלעגט טרעפן זייער אָפט אין די יאָרן פון אונדזער געראַנגל — פלעגן די זשורנאַליסטן די ערשטע באַקומען באַשייניקונגען וועגן אַ פרייען דורכ־גאַנג, און זיי האָבן זיך געקענט באַוועגן אין אַזעלכע פלעצער וווהין גע־וויינלעכע בירגער האָבן נישט געהאַט קיין צוטריט. אין אַזעלכע ערטער פלעגן זיי זאַמלען איינצלהייטן וועגן דעם וואָס דאָרט טוט זיך און פלעגן די ידיעות איבערגעבן אונדז. מיט זייער הילף און מיטן זכות פון זייערע דורכגאַנגס־באַשייניקונגען, פלעגן אויך מיר קענען איבערגעבן ידיעות פון איין פלאַץ אויף אַ צווייטן, און אין אַ נויט־פאַל עס איבערגעבן אַן אַרעס־טירטן הגנה־חבר, אָדער אַ פּאָליציאַנט פון אונדזערע חברים, וואָס האָט זיך געפונען אין פּאָליציי־פּונקט און האָט נישט געקענט פון דאָרטן זיך אַרויס־דרייען.

אייניקע זשורנאַליסטן פלעגן פריי אַריינקומען לשם זייער זשורנאַליס־טישער אַרבעט אין די פּאָליציי־סטאַציעס. זיי האָבן זיך דאָרט דערוואָרבן חברים און פריינט, און אַ דאַנק די דאָזיקע פאַרבינדונגען האָבן מיר געקענט אַמאָל דערגיין פרטים וועגן אַן אַרעסט פון אַ חבר, וואָס מ׳האָט ביי אים גע־פונען און וואָס מ׳דאַרף אויסבאַהאַלטן און פאַרמאַסקירן, כדי צו פאַרלייכ־טערן זיין ענין, כדי אויסצומיידן נאָך אַנדערע אַרעסטן און אַזוי ווייטער. פון אָט די חברים אונדזערע האָבן מיר נישט איין מאָל געהערט וועגן צוגריי־טונגען וואָס די פּאָליציי מאַכט כדי דורכצופירן רעוויזיעס, אָדער וועגן אַנ־דערע אַקציעס, וואָס קענען ברענגען שאָדן דער הגנה אָדער אירע חברים.

דורך דער פאַרמיטלונג פון אונדזערע חברים־זשורנאַליסטן האָבן מיר געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט דער צענזור, וואָס איז געווען זייער האַרב, באַ־זונדערס אין די יאָרן פון אונדזער געראַנגל. פון דער צענזור פלעגן מיר זאַמ־לען דעם „אָפפאַל״, דאָס הייסט יענע ידיעות, וואָס די צענזור פלעגט פסלען און פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן. אמת, די דאָזיקע ידיעות זיינען נישט געווען קיין געהויבענע און אויך נישט באַזונדערס געהיימע, אָבער זיי זיינען געווען גענוג וויכטיק ווייל בדרך כלל פלעגן זיי שטאַמען פון דער פיינטלעכער אַראַבישער פרעסע. פון זיי פלעגט מען קענען אורטיילן וועגן געדאַנקען־גאַנג און שטימונגען פון דער אַראַבישער געזעלשאַפט, אָדער זיי פלעגן דערגאַנצן

אַנדערע, אָפּגעהאַקטע אינפאָרמאַציעס, וועלכע מיר האָבן באַקומען נאָך פריער. די קאָנצענטראַציע פון די ידיעות, וואָס די צענזור האָט פאַרבאָטן צו פאַרעפנטלעכן אין דער העברעאישער פרעסע, האָט אונדז אויך געקענט געבן אַ פאָרשטעלונג, וועגן די טענדענצן און די איינשטעלונגען פון דער מאַכט בנוגע געשעענע פאַקטן. דאָס איז געווען אַ מין מעסטער פון כוונות, אָדער פון די שטימונגען פון דער מאַכט.

אונדזערע חברים־זשורנאַליסטן פלעגן אונדז אויך איבערגעבן די ציר־קולאַרן, וואָס דער הויפּט־צענטער, אַנדערש געזאָגט: דער דירעקטאָר פון געהיים־דינסט, פלעגט איבערשיקן אין די דיסטריקט־ביוראָען פון דער צענזור. פון אָט די צירקולאַרן פלעגן מיר קענען אורטיילן וועגן די שטימונגען פון דער רעגירונג בנוגע דער לאַגע אין לאַנד און בנוגע די אַקציעס און רעאַגירונגען פון יידישן ישוב.

אין אַלגעמיין קען געזאָגט ווערן, אַז די זשורנאַליסטן וועלכע זיינען געווען חברים פון ש"י, אָדער זיינען געווען מיט אים פאַרבונדן האָבן געבראַכט גרויס נוצן דער הגנה און דעם ש"י, וואָס האָט געווירקט אין נאָמען פון דער הגנה. די דאָזיקע פאַרבינדונגען זיינען איינגעהאַלטן געוואָרן אין פאַרשיידענע תקופות און באַזונדערס אין די צייטן פון שווערן געראַנגל פון יידישן ישוב פאַר זיין פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט.

סוף

אינהאַלט

הקדמה — 5

ש״י — אויגן און אויערן פון „הגנה“ — 7

דער יידישער פּאָליציאַנט און באַאַמטער — 9

מהות פון אינפאָרמאַציע־דינסט — 12

מיר היטן דאָס געווער ווי אַן אויג אין קאָפּ — 17

אומבאַקאַנטער פּאָליציאַנט — 22

געפערלעך צו שיקן געווער — 23

יאַשעק אין אַ טאָפּלטער ראָל — 26

ווען פּראָוואָקאַטאָרן האָבן קיין געדולד נישט — 28

פון וואַנען באַקומען מיר געווער? — 33

בריטיש געווער ווערט נעלם — 35

ווי אַזוי דערווערבט מען געווער? — 39

זיי פּרוּוון טרעפן — 42

דער געהיימניספולער איזאַק — 44

מ׳ברענגט געווער מיט שיפן — 49

דער עולה און דער רעוואָלווער — 54

ירושלים אָן געווער — 55

פּאָליציאַנטן העלפן איבערשיקן געווער — 58

וואַנדערנדיקע פּאַטרולן — 59

געהיימע געווער־פּראָדוקציע — 61

ש״י ראַטעוועט קוילן־פאַבריק — 65

ווו נעמט מען קופּער פאַר קוילן? — 68

פּאָליציי שמעקט — 71

אומגליקלעכער אויפרייס — 72

אונטערן שוץ פון ענגלענדער אַרויסגעפירט געווער — 74

די תקופה פון יידישן אויפשטאַנד

דער ישוב נעמט אויף דעם קאַמף — 79

„קול ישראל“ — דער קול פון יידישן ווידערשטאַנד — 84

די שונאים בעטן זיך איבער — 93

פּאָליציי־שיפלעך ווערן אויפגעריסן — 97

מיר ראַטעווען וויכטיקע דאָקומענטן פון פייער — 100

די נאַכט פון שרונה — 102
קאַמף פאַר „אומלעגאַלע" עליה — 106
דזשאַן סמיט — דער אומבאַקאַנטער פרייַנט — 112
דאָס אַרויסבאַקומען די געהיימע דאָקומענטן — 117
„קול ישראל" פאַרעפנטלעכט די אינטריגע — 120
וואָס איז געווען אין די דאָקומענטן — 123
ווידער העלפט אונדז אַ בריטישער פרייַנט — 126
מאַנדאַט־מאַכט טרומייטערט וועגן דערפאָלג — 130
תל־אביב ווערט „דעראָבערט" — 133
מיליטער זוכט געווער אין די קיבוצים — 141
די ענגלענדער לויבן דעם פלמ"ח — 147
די וואַליזעס פון בן־גוריונען — 152
אַ פרייַנטלעכער שמועס — 155

ש"י ווירקט צווישן די אַראַבער

געהיימע האַנט קריגט אַרויס אינפאָרמאַציע ביי אַראַבער — 160
אַ ייד — אַ שופט ביי די אַראַבער — 162
יידישער באַאַמטער אין אַן אַראַבישער שטאָט — 163

ש"י אין די יאָרן פון די בלוטיקע געשעענישן 1936 — 1939

אין די ערשטע גרויל־חדשים — 166
ס'ווערט געשאַפן אַ האַפן אין תל־אביב — 169
ש"י גיט אַ לעקציע די פּאָגראָמשטשיקעס — 171
אַראַבישער טעראָר קעגן אַראַבער — 173
און פונדעסטוועגן האָבן מיר אינפאָרמאַטאָרן — 175
ווער זיינען זיי געווען? — 176
ראשיד האָט די פּראָבע אויסגעהאַלטן — 178
איבערפאַל אין יפו — 180
כפר יאזור — דער רויבער־צענטער — 181
מיר ברענגען צו קבורה אַ דערהרגעטן אַראַבער — 183
אינפאָרמאַטאָר פאַר צוויי שילינג — 185
פאַררעטער צוליב פאַנאַטיזם — 187
נישט אַלע אַראַבער לעכצן נאָך בלוט — 190
מינעס פאַר תל־אביב — 192
„פּאָליטיק" אינטערעסירט אונדז נישט — 194
אַראַבער מאַכן געשעפטן מיט מינעס — 196
אינפאָרמאַטאָר־פּראָוואָקאַטאָר — 198
סוחר פון אינפאָרמאַציעס — 201
געהיימע טעקעס אין דער פּאָליציי — 205
איטאַליענער און דייטשן צו הילף די אַראַבער — 208
דייטשן צו הילף די אַראַבער — 211
אַראַבער — היטלערס אָנהענגער — 218
געהיימע פּאַראַשוטיסטן — 222

נצחון־מאַרש אין לאָנדאָן — 225
בריטישע חניפה צו דער אַראַבישער ליגע — 228
אַראַבער וועבן נייע אינטריגעס — 229

ש״י אין דינסט פון „אומלעגאַלער״ עליה

קאַמף פאַר עליה פון יידן — 233
אַלע זיינען פאַרדעכטיקט — 234
אומלעגאַלע עליה ווערט אָרגאַניזירט — 238
אינפאָרמאַציע פון בריטישן געהיים־דינסט — 241
אַ מעשה מיט דער שיף „פאַריטא״ — 243
בריטישע פאָליציי שיסט אין מעפּילים — 245
קאָמבינאַציעס צו דערוווייטערן פאָליציי פון ים־ברעג — 247
מיר זוכן מאַטעריאַלן וועגן „אומלעגאַלער״ עליה — 250
זיי „באַשיצן״ דאָס לאַנד קעגן עליה ב׳ — 253
אויך אַהין דערגרייכט זייער האַנט — 257
נייע המצאה פון דעטעקטיוון — 265
אַראַבער העלפן פאַרפאַלגן עליה — 267
אַראַבישע פרעסע לייגט אויך צו אַ האַנט — 271
זייער אַוואַנטורע איז דורכגעפאַלן — 273
פ׳באַפאַלט זיי אַ פחד — 275
גירוש פון „אומלעגאַלע עולים״ — 278
עליה מיטן יבשה־וועג — 280

עליה דורך די רייען פון באַזיגטן פוילישן מיליטער

ש״י און דאָס פוילשע מיליטער אין ארץ ישראל — 285

נאָך עפּיזאָדן פון יענע טעג

אין וואַלד נעבן בן־שמן — 295
טאָג־בוך שטעלט אין געפאַר די אונטערערד — 298
מיאוסער דורכפאַל פון פאָליציי — 300
דריי יידן וועלכע האָבן פאַרראַטן — 304
אונדזער יוגנט האַלט זיך מוטיק — 309
קאַפּיטאַן וויינגיט — 310
אַראַבישע אָנפירער שמועסן זיך דורך — 312
ווענט האָבן אויערן — 314
מיר דעשיפרירן געהיימע אודיציעס — 317
דער „הויף־פאָטאָגראַף״ — 326

נאָך אַנדערע קוואַלן פון געהיימע ידיעות

אינערלעכע אויסגאַבעס פון דער מאַנדאַט־מאַכט — 328
טאָג־צירקולאַרן פון געהיימ־דינסט — 330
מיר זוכן אינפאָרמאַציעס אומעטום — 331

ספּעציעלע אינפֿאָרמאַטאָרן — — — — — — — — — — — — — — — 334
אויף אַ ש״י־אָפּיציר פֿאַלט אַ חשד — — — — — — — — — — — 340
מיר האָבן די רשימה פֿון זייערע טעקעס — — — — — — — — — — 344
אינפֿאָרמאַציעס פֿון מיסטקאַסטן אַרויס — — — — — — — — — — 345
„געהיימע ידיעות״ — — — — — — — — — — — — — — — — — 346
זיי פֿאַבריצירן אינפֿאָרמאַציעס — — — — — — — — — — — — 347
אויך פּרעסע און זשורנאַליסטן אינפֿאָרמירן ש״י — — — — — — — — 349

די איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן פון
ראובן רובינשטיין, ישראל

העברעאישע אויסגאַבע אין פאַרלאַג פון „מערכות"
— צבא ההגנה לישראל (ישראל־ארמיי)

פאַרלאַג
פועלי ציון-התאחדות

פאַרלאַג־אַדרעס:
"KIUM"
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפּערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות-פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַ בוים
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה" אין ארץ־ישראל

אין צוגרייטונג:

7. ד"ר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען
8. יצחק בן צבי — מיט דער צווייטער עליה
9. מ. גראָס־צימערמאַן — אַ וועלט מיט יידן
10. י. לעשטשינסקי — דער נאַציאָנאַלער פּנים פון גלות-יידנטום.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
E. DEKEL, Israel.

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

◆

Editado por
Poale Sion Hitajdut
Departamento
Ediciones: "**KIUM**"

Este libro se terminó de imprimir el día 20 de Abril de 1955, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN, S. R. L. - Corrientes 1976 - Bs. Aires

E. DEKEL

GUEHEIM - DINST FUN "HAGANA" IN ERETZ ISRAEL

(ACTIVIDADES DE LA "HAGANA" EN ISRAEL)

BUENOS AIRES
1955